This material was made publicly available by the

Heritage Projects Foundation

info@yiddish-culture.com

https://yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

This material is provided online strictly for personal use only. For commercial, academic or any other use, please contact us at the following email address:

info@yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

סאָוועטיש

9 1982

היימלאנד

סאָוועטיש היימלאַנד

ליטעראַריש-קינסטלערישער
כוידעש-זשורנאַל

אָרגאַן פון שרײַבער־פֿאַרבאַנד פון פּסס״ר

דערשײַנט פון 1961

פֿאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל״

מאָסקווע

סענטיאַבער

9

1982

אינהאַלט

נײַע דערציילונגען. דאָרע כײַקינע. די רײַזנדערן; עס קאָן זייער זײַן 3
מארק ראזומני. דער זעץ מיטן פויסט 21
שירע גאָרשמאַן. זעקס נאָוועלן 27
כאַים ביידער. אנטקעגן דער זון געווענדט (לידער) 33
כאַים מעלאמוד. אזוי גייט די וועלט (ראָמאַן). צייכענונגען פון נ. קאפּראַנאָווא. 37
געפונענע מאנוסקריפּטן. פּערעץ מארקיש. פון דער פּאָעמע „יערושע" 67
פון אונדזער קלאסיק. שאָלעם־אליי כעם. דער גליקלעכסטער אין קאָדני און אנדערע מאָנאָלאָגן. צייכענונגען פון ה. אינגער און פּ. פּאָלישטשוק 71
מאָטל גרוומאַן. רוסישע שנייען (לידער). . . . 86
אונדזער קאָסמאָס־ווינקל. יע. א. קארפּאָוו. דער אָנהייב 89
וועלוול ווערניק. מײַן ריינער קוואל (לידער) . . 101

ליטעראַטור־קריטיק. ביבליאָגראַפיע. פראגן פון קונסט

אלעקסאנדער גאווריליאָוו. די ענערגיע פון גוטסקײַט 103
אירמע דרוקער. פון טאָף צו א נײַעם אלעף . . 113
אונדזערע מיטיילונגען. לייב ווילסקער. באם אורקוואל פון דער „פּושקיניאנע" בא ייִדן 124
יעווגעני גיק. דער שאָך־טעאטער 136
קאָמענטארן פון רעדאקציע 140
עס ווערט פאַרגעזעצט זער שמועס, וואָס „סאָוועטיש היימלאנד" האָט אָנגעהויבן. מ. טאַראָפּאָווסקי. עס האָבן זיך פארברידערט דער פּאָליצײַ מיטן פּראָוואָקאטאָר 145
די פּאָטשט פון „סאָוועטיש היימלאנד". אין אן אײנהײַטלעכער מישפּאָכע 148
ווינקל פון געזעלשאפטלעכן פארשפּרייטער. איך טייל זיך מיט מײַן דערפארונג 155
בלעטערנדיק זשורנאלן און צײַטונגען 160
צו אונדזער קינסטלערישער בײַלאגע. גריגאָרי פריד. געדאנקען וועגן מײַן שאפונג 163
כראָניק 66, 123, 144, 147, 157, 165
מאטעריאלן פאר א לעקסיקאָן פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור 168
פאר די, וואָס לערנען ייִדיש 169
לאָמיד זינגען נײַע לידער 171
רעזומע לויט די מאטעריאלן פונעם נומער (רוסיש, ענגליש) I

הויפּט־רעדאקטאָר

א. ווערגעליס

רעדקאָלעגיע:

כ. ביידער (שטעלפארטרעטער פון הויפּט־רעדאקטאָר),
ש. גאָרדאָן, ט. גען,
נאָטע לוריע, ב. מאָגילנער,
ב. מילער, כ. מעלאמוד,
ה. פּאָליאנקער,
י. שוסטער (פאראנטוואָרטלעכער סעקרעטאר), י. שרײַבמאן

דאָרע כײַקינע

די רייזנדערן

דאָס דאָרף, ווו זי איז צוריק מיט פינף און זיבעציק יאָר געקומען אף דער וועלט, הייסט קליין־ווילייקע. דאָ איז זי געוואקסן, דערנאָך שווער באטראקעוועט אין הויף באם היגן פאָרעץ; דאָ האָט זי יונגערהייט ליב באקומען זייער שאָכנס זון יאָזעסן, כאסענע געהאט מיט אים, מיטן געטרײַען, האָרעפאשנעם יאָזעסן, וואָס איז אָפגעגאנגען מיטן זיבעטן שוויס, ארומפאַדיענדיק ארום די פריצישע פערד. דאָ, אין דאָרף, זײַנען מיט דער צײַט געבוירן געוואָרן בא זיי צוויי שיינע קינדער — א זון גושקעס, און א טאָכטער — אלדאָנע, און טאקע דאָ האָט אין א שטיקל צײַט ארום איר יאָזעסן אין א וויסטן, אין א פינצטערן טאָג באפאלן א קרענק, וואָס האָט אים אין מעשעך פון דרײַ מעסלעס פארקוילט און אוועקגענומען פון דער וועלט, א קרענק, וועלכע דער היגער פעלדשער האָט אפילע ניט געוווסט, ווי אָנצורופן. שוין אָן דעם מאן האָט זי אופגעצויגן די צוויי קינדער זייערע. אין יאָרן ארום, אָן אים, דעם זיידן, געוואָרן א באָבע און אן עלטערבאָבע פון זײַנע און אירע אייניקלעך און אורייניקלעך.

דאָס דאָזיקע דאָרף איז איצט ניט קיין וויסטער העק, ווי אין די אלטע צײַטן. עס ווײַזט זיך איר גאָר אויס צומאָל, אז דאָס דאָרף זייערס געפינט זיך, אויב ניט אין סאמע מיט פון אלע וועגן, איז פאָרט ערגעץ ניט ווײַט פון דאָרטן, ווי גלײַך עס וואָלט אומבאמערקט זיך געגעבן א רוק אָפ פון זײַן טויבן ווינקל און א שפרײַז געטאָן נעענטער צו דער גרויסער און טומלדיקער וועלט. מיט אלע זײַנע סעדער און גערטנער, מיט די געפלאסטערטע און שטויביקע געסלעך און גאסן, מיט אלע שטיבלעך און טאקע אויך מיט זייער כאטע, ווו זי לעבט אינאיינעם מיט דער טאָכטער, מיט אלדאָנען, מיטן איידעם און מיט די אייניקלעך, א גיי געטאָן נעענטער צו די ליכטיקע און שיינע שטעט פון קאנט און אפילע צו מאָסקווע, ווו אף א גרויסן זאוואָד ארבעט שוין א סאך יאָרן איר זון גושקעס.

ווער רעדט שוין פון ווילנע. אמאָל איז ווילנע פון קליין־ווילייקע געוועזן אזוי ווײַט... און איצט — מיט דער האנט צו דערלאנגען. א קנאפע שאָ, אזוי זאָגט מען, — און אן עלעקטרישער צוג ברענגט דיך קיין ווילנע. עמעס, דער צוג שטעלט זיך ניט אָפ אין קליין־ווילייקע. די סטאנציע איז אין גרויס־ווילייקע, דרײַ קילאָמעטער פונדאנען. אָבער אהין גייט פון זיי אן אווטאָבוס, א שיינער אווטאָבוס, א ציכטיקער, א געראמער, מיט ווייכע לעדערנע בענק, מיט ווײַסע אָדער געקוויטלטע פאָרהאנגלעך אף די גרויסע פענצטער, אן אווטאָבוס, ווו אין דעם שאָפערס קאבינע רעדט די ראדיאָ פון אלע שטעט: פון ווילנע, פון לענינגראד, פון מאָסקווע און שטענדיק אָדער מע זינגט דאָרט, אָדער מע דערציילט אינטערעסאנטע זאכן, עמעס, ניט אלץ, וואָס מע דערציילט, פארשטייט זי, צי עפשער דערגייען פאָשעט ניט די ווערטער צו איר אויער.

כאָטש קיין איניאָנים אין גרויס־ווילייקע האָט זי ניט, נאָר פאָרן אהין מיטן אווטאָבוס האָט זי ליב, און ווען ניט אלדאָנע, וואָלט זי ניט נאָר אלע טאָג, נאָר עטלעכע מאָל א טאָג זיך ניט געפוילט דורכמאכן די דאָזיקע רײַזע הין און צוריק. איר געפעלט שטארק, וואָס קימאט שטענדיק, ווי נאָר זי גייט צו צום אווטאָבוס און וויל ארופקלעטערן אף די טרעפלעך,

געפינט זיך עמעצער, וואָס טראָגט זי מאַמעש אַרײַן אַף די הענט אין דער מאַשין. און אַז זי קומט אַרײַן — און זי איז דאָך דאָרט ניט פון די ערשטע, ווײַל ביז דער אווטאָבוס קומט צו זיי אין דאָרף, שטעלט ער זיך אָפּ עטלעכע מאָל אין וועג און עס טרעפט, אַז קיין פרײַע ערטער זײַנען שוין ניטאָ, — שפרינגען אוף עטלעכע מענטשן מיטאַמאָל. איינער בעט:

— באָבעשי, זעצט זיך אַף מײַן אָרט.

א צווייטער דערווידערט:

— אַף דײַן אָרט טרייסלט... דײַן באַנק איז דאָך אַף א ראָד. באָבעשי, קומט אַהער, דאָ איז בעסער.

מישט זיך אַרײַן א דריטער און מאַכט א פשאָרע:

— באָבעשי, פאָלגט מיך, פאַרנעמט מײַן פּלאַץ — באַם אָפענעם פענצטער.

פון דער רײַזע גופא האָט זי גרויס פאַרגעניגן. אגמעסנפעש האָט זי נאָר, בייס זי ווארט אַפן אווטאָבוס. איבערהויפּט דערקוטשעט איר דאָס קליינוואַרג. די שנעקלעך וויסן שוין, אַז איר אַלדאַנע ווילן ניט לײַדן דער מאַמעס פאַרעכץ, און קוים דערזעען זיי, ווי זי זעצט זיך אַוועק אַף דער באַנק דאָרטן, ווו אַלע פּאַסאַזשירן וואַרטן אַף דער מאַשין, לאָזן זיי זיך לויפן אָנזאָגן איר טאָכטער די בסורע:

— מומינקע, אײַער באָבעשי וואַרט שוין אַפן אווטאָבוס.

אַלדאַנע לאָזט זיך לאַנג ניט בעטן און וואַקסט טייקעף אויס לעבן איר.

דעריבער קומט איר אויס, דער אַלטער, לעצטנס כיטרעווען. אַף דער באַנק זעצט זי זיך שוין ניט. פאַרקערט, אַף דער באַנק קוקט זי אַפילע ניט, זי שטעלט זיך צו איר גאָר מיט דער פּלייצע, און אין יענער זײַט, פונוואַנען עס דאַרף אָנקומען דער אווטאָבוס, גיט זי אויך קיין קוק ניט, זי פאַרײַסט דעם קאָפּ צום הימל און שטייט אַזוי. אָבער סײַוויסיי געלינגט איר ניט שטענדיק איבערכיטרעווען דאָס קליינוואַרג. האָט זי קיין אַנדער ברירע ניט געהאַט — געמוזט אַרײַנעמען אין קאָן די קלייט, לעבן וועלכער דער אווטאָבוס שטעלט זיך אָפּ. א קאָפּ פון א מיניסטער — אַזוי שאַצט זי אַליין אָפּ — האָט מען געדאַרפט האָבן אַף די פּלייצעס, קעדיי אויספּלאַנעווען אַזוי, ווי זי האָט עס אויסגעפּלאַנעוועט און אויסגערעכנט. אויב זי וועט שטיין אין דרויסן, האָט זי באַטראַכט, און קוקן אינעם שויפענצטער, וועט זי אויסקומען מיט דער פּלייצע צו דער גאַס און ניט שטענדיק וועט זי גלײַך דערהערן, — מיטן געהער איז שוין באַ איר ניט אַזוי פויגלדיק, — אַז דער אווטאָבוס איז געקומען, לויף דערנאָך צו אים. דאַרף מען, הייסט עס, אַרײַן איך קלייט. אָבער דאָ איז ווידער ניט אַלץ קעשורע: ווי נאָר זי קומט אַהין אַרײַן, ווערט גלײַך א טומל. אַז די פאַרקויפערנס דערזעען זי, — מעג שטיין די גרעסטע ריי, — פרעגן זיי טייקעף:

— וואָס באַדאַרפט איר, באָבעשי?

אָדער די קוינים כאַפּן זיך:

— באָבעשי, קומט אַהער, שטעלט זיך פאַר מיר... באָבעשי... באָבעשי...

די ערשטע צײַט פּלעגט זי זיך גאָר פאַרלירן, שטיין און פינטלען מיט די אויגן. דערנאָך איז זי געפאַלן אַף א סייכל:

— באַלד וועל איך זיך דערמאָנען, נאָך וואָס איך בין געקומען.

זי הערט דאָך, ווי אַלטע לײַט קלאָגן זיך אָפּט, אַז זיי פאַרגעסן, נאָך וואָס זיי גייען און נאָך וואָס זיי שטייען, און כאָטש זי האָט ניט קיין טײַנעס צו איר זיקאָרן, — אַז זי גייט, ווייסט זי, נאָך וואָס זי גייט, און אַז זי טוט עפּעס, ווייסט זי, וואָס זי האָט צו טאָן, — נאָר קיין אַנדער אויסוועג איז באַ איר ניט געווען, ווי ריידן לאַשנהאָרע אַף איר זיקאָרן און זיך אַוועקשטעלן באַם שויפענצטער, קלוימערשט אַף דערמאָנען זיך דאָס, וואָס זי האָט ניט פאַרגעסן, און דערווײַל אַרויסקוקן אין דרויסן אַפן אווטאָבוס. אַז קיינער פאַרשטעלט איר ניט די גאַס, איז גוט, דערזעט זי דעם אווטאָבוס פונדערווײַטנס — ער פאָרט צו אַהער פון א באַרגי־קער גאַס, און זי גייט באַלד אַרויס פון קלייט, ניט קוקנדיק אין זײַן זײַט. אָן אַנדערש מאָל שטעלט זיך אויס פון יענער זײַט שויפענצטער א גאַנץ רעדל, פונקט ווי די גאַס וואָלט געווען קליין, און עס נעמט גאָר קיין סאָף ניט צום ריידן, מאַכט זיך טאַקע, אַז זי פאַרזעט אַמאָל די מאַשין.

אין אווטאָבוס גייט זי שטענדיק אַרײַן, האַלטנדיק אָנגעגרייט דאָס געלט אַפן בילעט. ניט אַזוי, ווי אַנדערע פּאַסאַזשירן, וואָס הייבן אָן צו נישטערן אין די אייגענע קעשענעס ערשט דעמאָלט, ווען עס גייט צו זיי צו דער קאָנדוקטאָר, ווי גלײַך זיי האָבן זיך ניט געריכט אַף אים. אַפילע דאָס קויפן דעם בילעט פאַרשאַפט איר אויך פרייד. מיט קיין אויסגאַב האָט זי ניט ליב האָבן צו טאָן. דאָך מאַכט זיך, אַז זי האָט ניט קיין פּיטאַקל, ווי אַפּצולאָכעס — בלויז גריוועניקעס. אַלדאַנען וועט זי דאָך ניט זאָגן: „כ'דאַרף א פּיטאַקל“, יענע וועט זיך גלײַך

אַנשטויסן, צוליב וואָס זי דאַרף עס און אופהייבן א גוואַלד, דאַן זאָגט זי אין אַזעלכע פאַלן דעם קאָנדוקטאָר:
— אַפּן אויסגאַב גיט מיר א בילעט אַף צוריקוועגס.
איינמאָל האָט א נייַער קאָנדוקטאָר געפּרווט איר זאָגן, ווען זי האָט אים אויסגעשטרעקט די האַנט מיטן פאַרפּרעסטן פּיטאַקל אין קולעק:
— פאַרט, באָבעשי, אַזוי, אָן א בילעט.
זי האָט אים אויסגעמוסערט — איידל, שטיל, אָבער ער האָט פאַרשטאַנען און פאַרגע־דענקט, אַז זי בייטיקט זיך ניט אין קיין נעדאָוועס.
דעם בילעט אירן האָט זי ליב האַלטן אין האַנט, אַלע זאָלן בעפּירעש זען, אַז זי איז א פּאַסאַזשיר מיט אַלע פּאַסאַזשירן גלייַך. זי האָט באַמערקט, אַז די יוגנט, יינגלעך און מיידלעך — יינגלעך, עמעס, בישטיקע, און די מיידלעך ניט באַהאַלטענערהייט — ווי נאָר דער קאָנדוקטאָר גיט זיי אין די הענט דעם בילעט זייערן, עסן זיי זיך גלייַך אייַן אין אים מיט די אויגן. אַמאָל בלייַבן זיי צופרידן און גיבן צו וויסן: „א גליקלעכער“, אַמאָל — באַהאַלט מען דעם בילעט שווייַגנדיק, אַפילע מיט א פאַרבאָרגענעם זיפץ. אַז עס פאָרן מיידלעך, באַ־קאַנטע צווישן זיך, קוקן זיי נאָך אַרייַן איינע דער אַנדערער אין די בילעטן. בעשום־אויפן קאָן זי ניט פאַרשטיין, וואָס זעען זיי דאָרט, אין די בילעטן. פאַרוואָס גיט דער קאָנדוקטאָר פאַרן זעלבן געלט איינער א גליקלעכן בילעט, דער אַנדערער — ניט? ער טיילט זיי דאָך פון איינעם און דעם זעלבן טאַש, רייַסט זיי אָפּ פון איינער און דער זעלבער פּאַפּירענער סטענ־גע... און וויאַזוי שיידט מען אונטער א גליקלעכן בילעט פון א געוויינלעכן, — דאָס פאַרשטייט זי אויך ניט.
איינמאָל, ווען לעבן איר איז געזעסן אַף דער באַנק אינעם אַוטאָבוס א מיידעלע פון א יאָר דרייַצן, וועלכע האָט א שייַנענדיקע געמאָלדן אַלע פּאַסאַזשירן: „און בא מיר איז א גליקלעכער!“, האָט די אַלטיטשקע באַוויזן דעם גליקלעכן מיידעלע איר בילעט און געפרעגט:
— אַנו, טו א קוק, ליבינקע, מייַן בילעט איז עפשער אויך א גליקלעכער?
דאָס מיידעלע האָט גענומען דער באָבעשיס בילעט, לאַנג געקוקט אַף אים, געכעזשבנט, געכעזשבנט און טרויעריק געזאָגט:
— נייַן, באָבעשי, עלף און פערצן.
גלייַך האָט פון עפּעס א באַנק זיך אופגעהויבן א יונגערמאַן, צוגעגאַנגען און גע־זאָגט:
— באַווייַזט מיר, באָבעשי, אייַער בילעט. כ׳מיין, אייַער שכיינע האָט געהאַט א טאָעס אינעם כעזשבן.
אַפילע ניט געבנדיק רעכט קיין קוק אַף איר בילעט, האָט ער געזאָגט:
— א גליקלעכער, באָבעשי. זייַט זיכער, אייַער בילעט איז א גליקלעכער.
אַדהייַנט ווייסט זי ניט, וויאַזוי דערקענען זיי עס. פרעגן שעמט זי זיך. טאָמער וועט זי ניט גלייַך קענען אופכאַפּן די כאָכמע דערפון, אָבער ווען עס מאַכט זיך, אַז אירע א שכיינע אַף דער אויטאָבוס־באַנק באַטראַכט דעם אייגענעם בילעט, באַווייַזט זי אָפּט יענער אויך איר בילעט. אַז מע דערהערט איר פראַגע, ענטפערן איר מיטאַמאָל עטלעכע שטימען פון אַלע זייַטן אויטאָבוס, נאָך איידער איר שכיינע האָט באַוויזן אויסכעזשבענען, צי איז דער באָבעשיס בילעט א גליקלעכער:
— באָבעשי, אייַער בילעט איז א מאַזלדיקער, וואָס פאַר א פראַגע...
צי איז איר בילעט טאַקע א גליקלעכער, צי ניט, בלייַבט זי ניט ווויסנדיק, נאָר צופרידן איז זי, מאַכמעס זי זעט לויט די אויגן, אַז די אַלע, וואָס זאָגן איר אָן גליק, זייַנען צופרידן.
דער וועג קיין גרויס־ווילייקע איז זייער א שיינער און פאַרשאַפט איר האַנאָע. פאָרנדיק אַהין, סטאַרעט זי זיך ניט טראַכטן, וואָס עס דערוואַרט זי באַם אומקערן זיך אַהיים. ווען וועט עס נאָך זייַן! זי וויל ניט טראַכטן וועגן דעם, אַז אַלדאָנע וועט איר גלייַך א זאָג טאָן:
— ביסט שוין ווידער געפאָרן! א מענטש זאָל ניט קאָנען אייַנזיצן אין שטוב. געדענק, מאַמע, טאָמער וועסטו נאָכאַמאָל...
אָבער אַלדאָנע זאָגט נאָך ניט, וואָס וועט זייַן, אַז די מאַמע אירע וועט נאָכאַמאָל פאָרן, ווייַל, ערשטנס, ווייסט זי, די טאָכטער, אַז עס וועט גאָרנישט ניט זייַן, ווי ס׳איז גאָרנישט ניט גע־ווען ביז אהער, און, צווייטנס, ווייסט זי, אַלדאָנע, אַז די מאַמע אירע וועט ווידער און ווידער פאָרן, קאָלזמאַן עס וועט זיך לאָזן. דאָך פאַרשאַפט איר פאָרט אַגמעסנפעש דער טאָכטערס באָרעכהאַבע. אַלדאָנען איז אָפּט ווייניק איר מוסער־זאָגן, סטאַרעט זי זיך נאָך אַרייַנציִען אינעם שמועס דעם מאַן אירן, וולאַדאַסן:

— וואָדאָס, וואָס שווײַגסטו? סאַפּקאָלסאָף קאָנסטו עפּעס זאָגן דער רײַנדיקער שוויגער דײַנער, צי ניט?

וואָדאָס שווײַגט. ער מאַכט זיך, אַז ער הערט אַפילו ניט, וואָס דאָס ווײַב זאָגט, מער ניט, ער הייבט אָן פּלײַסיקער טאָן דאָס שטיקל אַרבעט, וואָס ער טוט. עס גלעקנגט אים טאַקע מיד פּאַקן אַ רעגע, ווען אַלדאָנע פאַרקוקט זיך, און אַ פרייליכן ווונק טאָן צו דער שוויגער, ווי איינער רעדט:

— מאַלאַדיעץ, כאַפּט אַרײַן נאָך אַ פּאָר.

ווער־ווער, נאָר ער ווייסט דעם זיסן טעם, וואָס מע פילט, אַז די רעדער דרייען זיך אונטער דיר, און עס טראָגט דיך, און עס יאָגט דיך, אַז עס שווינדלט אַזש פאַר די אויגן. ער איז ביז דער פּענסיע געווען אַ שאָפער פון אַ לאַסטמאַשין, דערנאָך אַ טראַקטאָריסט. איצט קאָן ער מער ניט אַרבעטן. די פיס ברעכן אים, ווערן געשוואָלן, אַ נאָכווייעניש פון דער מילכאַמע.

די אַלטע אַליין שווײַגט אויך. זי וועט דאָך ניט גיין דערציילן אַלדאָנען, אַז זי, די מאַמע אירע, גיט זיך גאָר־גאָר ניט שטענדיק נאָך. צום בײַשפּיל, ווען זי קומט אין גרויס־ווילייקע, און אָף דער סטאַנציע שטייט גראָד דער עלעקטרישער באַן, ווו עס איז אָף אָן עמאַלירט שילדל מיט גרויסע שוואַרצע אויסיעס אָנגעשריבן: „גרויס־ווילייקע — ווילנע“, און דער יעיצעראַרע טרעט צו איר צו מאַמעש מיט אַ מעסער צום האַלדז: „גיי אַרײַן אין וואַגאָן און פאָר צו קיין ווילנע“, ענטפערט זי אים: „גלייב מיר, איך וואָלט אַ באַלן געווען צופאָרן קיין ווילנע. כ׳געדענק אַפילו ניט, ווען בין איך דאָרט געווען. דער וועג אָבער געדויערט לאַנג. כ׳האָב זיך שוין געהאַט נאָכגעפרעגט: אַ שאָ אַהין, אַ שאָ צוריק, און דאָרטן קומט אויס וואַרטן, ביז דער צוג גייט אָפּ... צופיל צײַט“. דער יעיצערהאָרע געפינט טייקעף אַ טערעץ: „וואָס איז דיר די נאַפּקעמינע? ווייניקער מיט אַ שאָ צי מער מיט אַ שאָ... האָסט קיין צײַט ניט צי וואָס?“

אָבער דערוויַיל האָט זי נאָך דעם יעיצערהאָרע ניט נאָכגעגעבן.

זי האָט נאָך אַ סימען, אַז זייער דאָרף, קליין־ווילייקע, איז איצט אָף אַ סאַך נעענטער צו דער אַרומיקער וועלט, ווי פריִער. פון אומעטום קומען צו פאָרן צו זיי אין דאָרף מענטשן. ווער עס קומט אָף עטלעכע שאָ, ווער — אָף אַ גאַנצן טאָג, ווער — אָף עטלעכע טעג צי אַפילו אָף אַ גאַנצן זומער. ווער פלעגט אין אירע יונגע יאָרן פאָרן אַהער? סײַדן עפּעס אַ פּאַרעץ פלעגט אָף פאַרפּינעטע פערד זיך אַראָפּשטעלן קיין קליין־ווילייקע און אין די גרויסאַרטיקע צימערן פונעם פּאַלאַץ שיקערן גאַנצע טעג און שפּילן אין קאָרטן מיטן היגן פּאַרעץ.

איצט לעבן אָף דער וועלט אַנדערע מענטשן, זיי קומען קיין קליין־ווילייקע האַנאָע האָבן פון דער נאַטור. מע קומט אָף מאַשינעס, אָף מאָטאָציקלען, אָף אויטאָבוסן, ווי צווײ טראָפּן וואַסער ענלעכע אָף יענע, מיט וועלכע זי פאָרט אַמאָל, און אַפילו אָף נאָך שענערע און גרעסערע. אין אַלע צײַטן פון יאָר פאָרט מען צו זיי אין דאָרף. זומער קומט מען זיך באָדן אין דער קליינער ווילייקע — אַזוי הייסט זייער טײַך, אַזוי ווי דאָס דאָרף. ס׳איז טאַקע אַ טײַך — איינער אין דער וועלט. עמעס, קיין אַנדערע טײַכן האָט זי ניט געזען, נאָר זי הערט, ווי די געקומענע מענטשן לויבן אים. הײַנט, וואָס איז ווערט דער ווייכער ווײַסער זאַמד באַם ברעג פון טײַך און דער געדיכטער אַלטער וואַלד, וואָס גייט צו צום סאַמע ראַנד פונעם זאַמדיקן פּאַס, און די סעדער לעבן יעדער כאַטע... און די גערטנער... ווּעסנע קומט מען צו זיי קלײַבן קווייטן און טרינקען בערעזע־זאַפט. האַרבסט קומט מען זיך שפּיגלען אין די פאַרבן פון וואַלד, זוכן שוואָמען. ווינטער פאָרט מען דאָ אָף לײַזשעס צי מע כאַפּט פיש אונטערן אײַז. זי לאָזט קיינמאָל ניט דורך קיין געלעגנהײַט צו כאַפּן אַ שמועס מיט די אָנגעפאָרענע. אַמאָל גייט זי צו, ווען די שטאָטישע סמאַליען זיך אָף דער זון באַם טײַך, אַמאָל, ווען זיי קומען אַרויס פונעם וואַלד מיט קווייטן אין די הענט צי מיט קוישלעך שוואָמען, אָדער מיט סלאָיִקלעך פּאַזעמקעס. פריִער פון אַלץ פרעגט זי, פון וועלכער שטאָט די מענטשן זײַנען. און ס׳איז נאָך ניט געווען דער פאַל, מע זאָל ניט גערן זײַן איר ענטפערן. מע זאָגט איר, ווי די שטאָט צי דאָס שטעטל הייסט. אָפּט רעכנט מען דערבײַ אויס די מײַלעס פון יענע מעקוימעס, ניט פאַרגעסנדיק אַ לויב טאָן אין טאָג אַרײַן קליין־ווילייקע. עמעס, זי פאַרגעסט גלײַך סײַ די נעמען פון די שטעט און שטעטלעך, סײַ די מײַלעס זייערע, נאָר זי פאָלט באַ זיך ניט אַראָפּ, און לאָזט זיך גיין צו אַנדערע מענטשן מיט דער זעלבער פראַגע:

— פונוואַנען זײַנט איר?

אויב עס לאָזט זיך, גיט זי די שטאָטישע מענטשן אייצעס, וועלכע מינים שוואָמען און יאַגעדעס ווו זוכן, לויט וועלכע סימאָנים. אין פישפאַנג איז זי ניט זייער באָקי. דאָך האָט זי שטענדיק אַ שטיקל אייצע אויך פאַר די אָנגעפאָרענע פישער. מע הערט זי אויס אופמערקזאַם, שמייכלענדיק גוטמוטיק. מע פרעגט זי אַפילו אַמאָל עפּעס איבער. זי פאַרשטייט, אַז אָפט

מאכט מען נאָר אָן אָנשטעל, אַז עס גייען אָן אירע אייצעס, טוט זי אַ קלוגן שמייכל און בלײַבט אַלציינס צופרידן פונעם געשפרעך. יונגע פרויען, וועלכע זי כאַפּט איבער אַפן וועג פון וואַלד, לאָזן זיך ניט זעלטן צו זייערע מאַשינעס און טראָגן איר אַרויס מאַטאָנעס, געבראַכטע פון די גרויסע שטעט: פושקעלעך מיט קאָנפעטן, שקאַרמיצלעך מיט זיסוואַרג, געבעקס.

איבער אַלדאָנען קאָן זי די מאַטאָנעס ניט ברענגען אין שטוב.

איינמאָל, טאַקע דאָס ערשטע מאָל, ווען מע האָט איר געשענקט אַ שקאַרמיץ מיט קאָנפעטן, האָט זי די מאַטאָנע געבראַכט אַהיים, אויסגעשאָטן אַפן טישטעך דעם הויפן צוקערקעס אין פאַרשיידנקאָליריקע גלאַנציקע פאַפּירלעך און מיט שטאָלץ אָנגעזאָגט, פון וועלכער שטאָט זיי שטאַמען און וואָס פאַר אַ שיינע יונגע פרוי האָט זיי איר אונטערגעטראָגן. אַלדאָנע האָט גלײַך אָנגעהויבן גוואַלדעווען:

— זאָג מיר, צוליב וואָס האָסטו עס גענומען?

אַלדאָנע האָט אַ כאַפּ געטאָן פון בופעט אַ שיסעלע מיט פונקט אַזאַ סכוירע, אַ קנאַק געטאָן מיט דעם איבערן טיש און באַנײַס זיך צעשריִען:

— אָט די קאָנפעטן שטאַמען אויך פון אַ שטאָט, דו ווייסט דאָך, אַז בײַ אונדז איז ניטאָ קיין קאָנפעטן־פאַבריק.

די אַלטיטשקע האָט דערנאָך ניט איין מאָל זיך געפרוווט אָפּזאָגן פון די מאַטאָנעס. די עמעסע סיבע האָט זי דערבײַ פאַרשוויגן, זי האָט געטײַנעט: „צוליב וואָס? מע דאַרף ניט...“ — האָט זי אָבער געזען, אַז די מענטשן באַליידיקן זיך. ווייסט זי שוין, אַז אָפּזאָגן זיך פון די מאַטאָנעס דאַרף מען ניט. זי נעמט זיי, באַדאַנקט, און ווען די מאַשין מיט די מאַטאָנע־געבער פאַרשווינדט אין די קנוילן שטויב, צעטיילט זי די נאַשערײַען די כעווערעלײַט אין גאַס.

ס'איז אָבער געקומען אַ טאָג, ווען פון גרויס טומל האָט זי ביכלאַל פאַרגעסן אָן אירע אַמפערנישן מיט אַלדאָנען, זי האָט אַפילע פאַרגעסן וועגן אירע פאָרעכצן מיטן אויטאָבוס.

קיין קליין־ווילייקע זײַנען געקומען אַרטיסטן פון דער ווײַטער, גרויסער און שיינער שטאָט קיִעוו. וועגן קיִעוו האָט זי אַ סאַך געהערט. פאַר אַ קיִעווער יונגנמאַן האָט כאַסענע געהאַט איר זונס טאָכטער נאַטאַשע, דאָס אייניקל אירס, און זי וווינט איצט מיט דער פאַמיליע אין קיִעוו. נאַטאַשע איז שוין מיט מאַזל אַליין געוואָרן אַ מאַמע. און גושקעס, דער אַלטערס זון און נאַטאַשעס טאַטע, — אַ זיידע. איז זי, הייסט עס, שוין אָן עלטערבאָבע. מאַשענקע רופט מען איר אוריייניקל. האַקלאַל, די אַרטיסטן, וועלכע זײַנען אַראָפּגעקומען צו זיי אין דאָרף מאַכן אַ פילם, האָבן פאַרגעסן געמאַכט אַלע אירע פריִערדיקע פאַרגעניגנס.

געקומען צו פאָרן זײַנען די אַרטיסטן אַף אַ סאַך אויסערגעוויינלעך שיינע מאַשינעס און אויטאָבוסן. געבראַכט מיט זיך גרויסע לעמפּ, וואָס בלענדן, ווי די זון, און זשומענדיקע מאַשינדלעך, וואָס דרייען דעם פילם. די אַרטיסטן — מענער און פרויען — פוצן זיך דערבײַ אויס אין אַזעלכע שיינע קליידער און גאַרניטערס, הוטן און שוכוואַרג, וואָס האָבן דעם אַמאָליקן קליינווילייקער פאָרעץ מיט דער פּריצטע זיך אַפילע ניט געכאָלעמט.

די אַלטע איז געווען אַזוי באַגײַסטערט פון די אַרטיסטן, אַז אַלדאָנע האָט מאַמעש מיט גוואַלד געדאַרפט זי פירן אַהיים עפּעס איבערכאַפּן. זי פלעגט עפּעס אַ קײַ טאָן און ווידער אַוועק אַהין, ווו מע האָט געדרייט דעם פילם. ס'איז איר אַ שאָד געווען פאַרלירן אַ מינוט אַפילע. ווי אַ פאַרקישעפטע איז זי געשטאַנען און געקוקט פונדערווײַטנס אַפן ווונדער, כאָטש דאָס שטיין אירס האָט זי שטאַרק געקימערט. ס'איז איר ניט אָנגעשטאַנען די קאָמפאַניע, מיט וועלכער זי שטייט דאָ אַפּ גאַנצע שאָען און מיט וועלכער זי גייט נאָך די אַרטיסטן, ווען זיי קלײַבן זיך אַריבער איינעם מיט די מאַשינדלעך אַף אָן אַנדער אָרט. און דעריקער: ס'איז זומער. מענטשן האָרעווען, סײַ אין קאָלווירט, סײַ בײַ דער אייגענער באַלעבאַטישקײַט. זי וואָלט אויך געווען אַ באַלן העלפן דער טאָכטער אין שטוב, אַפן גאָרטן, אין סעדל, טײַנעט אָבער שטענדיק יענע, ווי נאָר זי דערזעט אין דער מאַמעס הענט אַ סאַפּקע, אַ האַראַבליע צי אַפילע אַ בעזעם: „איך בעט דיך, מאַמע, האָב אַף מיר ראַכמאָנעס. רו זיך אָפּ. האָסט שוין דײַנס אָפּגעהאָרעוועט“. וואָס זשע באַקומט זיך? זי, וואָס איז אַ גאַנץ לעבן געוווינט צו האָרעווען, שטייט איצט צווישן קליינוואַרג, וואָס קלײַבן ערשט קויכעס און סייכל צו האָרעווען. קאָן איר אָנשטיין זיך טאָפּטשען צווישן אַזעלכע לײַט? זוכט זי אַפּ צווישן אוילעם נאָך אַ צוויי־דרײַ אַזעלכע אַלטיטשקע, ווי זי, און זיי גייען אַפּ אַ ביסל אין אַ זײַט.

איינמאָל, ווען אַ יונגע שיינע אַרטיסטקע, אָן אָנגעטאָנענע אין אַ בלויען זײַדענעם קלייד, האָט נאָך דעם, ווי זי האָט לאַנג געמאַכט מיט די הענט, ווי זי געזעגנט זיך מיט עמעצן, זיך געהויבן אַף די שיפּץ פינגער, ווי זי וואָלט זיך אײַנגעקוקט ערגעץ אין דער ווײַט, — אַרויס

אַ צופרידענע פון אונטער די לעמפּ און געבליבן שטיין ניט ווײַט פון איר, פון דער אַלטיטש־קער, האָט זי, ווי איר שטייגער איז, גלײַך פאַרפירט מיט דער אַרטיסטקע אַ געשפּרעך:

— וויאַזוי ווערט הייסן אײַער קינאָ? ניט שטענדיק גיי איך אין קלוב, נאָר אָט די קינאָ וואָלט איך געגאַנגען אַ קוק טאָן.

— דער באַדינגלעכער נאָמען איז „ווען יאַגעדעס ווערן רײַף“.

זי האָט ניט געוווּסט, וואָס הייסט עס „דער באַדינגלעכער נאָמען“, איבערפרעגן אָבער האָט זי קיין צײַט ניט געהאַט, מאַכמעס זי האָט נאָך אַ סאַך זאַכן געדאַרפט פרעגן בײַ דער אַרטיסטקע און מוירע געהאַט, אַז יענע קאָן אַלע ווײַלע אַוועקגיין. ווײַל די אַרטיסטקע האָט איר געענטפערט שטיל, קימאַט אָפן אויער, האָט די קינפּטיקע צושוויגרן פונעם פילם אויך זיך באַמיט ריידן שטיל, זי האָט אַרומגעזוימט מיט די דאַרע דלאָניעס דאָס מויל און געפרעגט:

— און ווען איז פאַרגעקומען די געשיכטע אין דער קינאָ?

די אַרטיסטקע האָט זיך אָנגעבויגן צו איר נאָענט־נאָענט, און, ווי אײַנרוימענדיק אַ סאָד, געזאָגט:

— אוי, באָבעשי, לאַנג איז עס געווען. נאָך איידער איר זײַנט געבוירן געוואָרן. — דערנאָך, ווי זי וואָלט עפּעס אונטערגעכעזשבנט, זיך פאַריכט: און עפּשער זײַנט איר שוין געווען אויף דער וועלט... אָבער נאָך גאָר אַ פּיצל.

די אַלטע האָט שוין געוואָלט אָנהייבן דערציילן, אַז זי האָט אין קיִעוו אַן אייניקל מיט אַן אורייניקל, האָט עפּעס איינער געגעבן אַ מאַך צו דער אַרטיסטקע מיט דער האַנט, און זי איז גלײַך אַנטלאָפן אונטער די לעמפּ.

טאַקע דעם זעלבן טאָג, פאַרנאַכט, ווען מע האָט אויפן גאַנצן פּלאַץ פאַרלאָשן אַלע לעמפּ, אויסגעשלאָסן אַלע זשומענדיקע מאַשינדלעך און עס איז געוואָרן מיטאַמאָל שטיל און וואָכעדיק, און אַפילע די אַרטיסטן, וואָס זײַנען נאָך אַלץ געווען יאָמטעוודיק אָנגעטאָן, האָבן באַקומען עפּעס אַ היימישן אויסזען, איז זי צוגעגאַנגען צו איינעם אַן אַרטיסט, זייער אַ יונגן, וועלכער איז איר שוין לאַנג געפעלן געווען מיט זײַן שיינעם שטאַלט און לעבעדיקע גוטע אויגן, און געזאָגט אים:

— איך האָב אין קיִעוו אַן אייניקל, מײַן זונס טאָכטער, נאַטאַשע, און אַן אורייניקל — מאַשענקע.

ער האָט זיך, קענטיק, דערפרייט מיט דער דאָזיקער בסורע, לײַכט אַרומגענומען זי און אַרײַן מיט איר אינעם געזעמל פון די אַרטיסטן:

— כאַוויירים, די דאָזיקע באָבעשי... — ער האָט זיך אָנגעבויגן צו איר און געפרעגט: — ווי רופט מען אײַך?

— אָט אַזוי רופט מען מיך טאַקע — באָבעשי, — האָט זי געזאָגט, — און די, וועלכע ווייסן מײַן נאָמען, רופן מיך באָבעשי יאַנינע.

— כאַוויירים, — האָט ווידער געזאָגט דער אַרטיסט, — די באָבעשי יאַנינע האָט אין קיִעוו אַן אייניקל נאַטאַשע, איר זונס אַ טאָכטער, און אַן אורייניקל — נאַטאַשעס טאָכטער — מאַשענקע.

דער אַרטיסט האָט זי באַגלייט אַהיים. מיטן וועג האָט ער בײַ איר געפרעגט, צי ווייסט זי אַלטע ליטווישע פאָלקסלידער, פאָלקסמײַסעס און שפּריכווערטער, ער זאַמלט פאָלקלאָר, האָט ער געזאָגט, און איר געגעבן צו פאַרשטיין, וואָס דאָס הייסט.

— וואָס זשע, האָט זי זיך אויף אים שיר ניט באַליידיקט, — זי האָט יונגערהייט ניט געזונגען קיין לידער? נישקאָשע, אַז זי וועט וועלן, וועט זי זיך דערמאָנען ניט איין ליד, און מײַסעס פאַרשפּאָרט זי זיך דערמאָנען — זי געדענקט זיי אַזוי אויך. זאָל ער אַפילע פרעגן בײַ איר היגן אייניקל, בײַ יאַניסן, בײַ דער טאָכטערס מיזיניק, וועט ער הערן, וויפל שיינע מײַסעס זי האָט יאַניסן דערציילט און דערציילט אים נאָך איצט אויך.

דער אַרטיסט האָט געזאָגט, אַז אויב זי וועט אים דערלויבן, וועט ער קומען צו איר אַ צווייט מאָל מיט אַ העפט, אין וועלכן ער וועט פאַרשרײַבן דעם פאָלקלאָר, און אַרײַנשרײַבן אַהין אויך אירע מײַסעס און לידער.

ווען זיי זײַנען בײַדע, זי מיטן אַרטיסט, אַרײַן אין שטוב, האָט זי אין אַדלאָנעס אויגן דערזען ניט בלויז פאַרוווּנדערונג, נאָר עפּעס אַזוי ווי אַ פאַרוואָרף (אַלדאָנע איז זיך דערנאָך מוידע געווען, אַז זי האָט געמיינט, די מאַמע האָט מיט גוואַלד געבראַכט צו פירן אַהער דעם אַרטיסט).

דער אַרטיסט האָט געהאַלטן וואָרט און איז אויף מאָרגן געקומען מיט זײַן גראָבן העפט, שוין היפּש אַ פאַרשריבענעם. האָט זיך אויסגעלאָזט, אַז אַלדאָנע און וולאַדאַס ווילן, אַז ער זאָל פאַרשרײַבן אויך זייערע באַליבטע לידער. האָבן זיי אַלע אינדרײַען — זי, און די טאָכטער, און דער איידעם — געזונגען, ווי זיי האָבן געקענט, און ער איז געזעסן אַן ערנסטער,

אָן אריַינגעטראַכטער און געשריבן. און וואָס עס איז דער באָבעשי יאַנינען איבערהויפּט גע־פּעלן געוואָרן — דאָס איז דער אויפן פונעם פאַרשריַיבן. אַז ווערטער קאָן מען פאַרשריַיבן — דאָס האָט זי געוווּסט, און ער האָט פאַרשריבן סיַי די ווערטער, סיַי די ניגונים און טאַקע גליַיך, אַפן אָרט, איבערגעזונגען די לידער, נאָר א סאַך שענער, ווי זיי האָבן געזונגען. כאָטש אַלדאָגע זינגט אויך אַזוי שיין, אַז ס'א פאַרגעניגן צו הערן. און נאָך איז געווען דער באָבעשי צום הארצן, וואָס דער ארטיסט האָט מיט יעדער פאַרשריבענער ליד זיך געפרייט אַזוי, ווי ער זאָל געפינען א ברילִיאַנט.

ניט איין מאָל איז ער נאָכדעם געווען צוגאַסט. אַמאָל פלעגט ער פאַרשריַיבן א ליד, א מיַיסע, אַמאָל גלאַט אַזוי אריַינקומען. מיט איר, מיט דער באָבעשי יאַנינע, פלעגט ער זיך שטענדיק אופגעלייגט באַגריסן. באַגעגענענדיק זי אין גאַס, אָדער דערזעענדיק זי צווישן די ניַיגעריקע, פלעגט ער, ארויסגייענדיק פון אונטער די סאַרפעדיקע לעמפּ, גוטמוטיק א שמייכל טאָן צו איר, א מאַך טאָן מיט דער האַנט אָדער געבן א פריילעכן ווונק.

וויאַזוויאַרום עס איז געקומען צו רייד, אַז עס וואָלט געווען גוט, זי זאָל פאָרן מיט די ארטיסטן קיין קיִעוו, קעדיי זיך זען מיט איר איינִיקל און פאַריינוועגס זיך באַקאַנען מיטן אוריינִיקל, — ווייסן זיי בלויז אינצווייען, זי און דער ארטיסט. קיין איידעס זיַינען דערביַי ניט געווען.

דער טאָכטער מיטן איידעם האָט זי דעם שמועס איבערגעגעבן אַזוי:

— דער ארטיסט האָט בא מיר געפרעגט: „איר האָט, דאַכט זיך, שוין לאַנג ניט געזען זיך מיט נאַטאשען? אויב אַזוי, וואָלט עפּשער קעדיי געווען, איר זאָלט צופאָרן מיט אונדז קיין קיִעוו. מיר קליַיבן זיך שוין אין וועג. טוט מיר די טויווע, באָבעשי יאַנינע, און פאָרט מיט אונדז". איך האָב אים געזאָגט: אַלץ הייסט לאַנג זיך ניט געזען! נאַטאַשע איז בא אונדז געווען, ווען זי איז אריבער אַפן צווייטן צי אַפן דריטן קורס פון אינסטיטוט. דעם אינסטיטוט האָט זי פאַרענדיקט פאַרדריַיאָרן צי אַפילע פאַרפאַריאָרן. היַינט מאַכט אַליין דעם כעזשבן. און מאַשענקען האָב איך נאָך בכלל ניט געזען. כאָטש זי איז שוין אַלט א יאָר מיט צען כאַדאָשים. אָבער וועגן דעם פאָרן קיין קיִעוו, — די אַלטיטשקע האָט זיך געסטאַרעט מיט אַלע קויכעס ריידן ערנסט און קוקן בייסמיַיסע נאָר אַפן איידעם, אַקוראַט ווי די טאָכטער וואָלט גאָר אין צימער ניט געווען, — וועל איך נאָך גוט א טראַכט טאָן און זיך האַלטן אָן אייצע מיט מיַין אַלדאָגען. אָבער איך מיין, אַז איך וועל טאַקע פאָרן מיט איַיך.

אַלדאָגע האָט זיך געווענדט צום מאַן, ווי די מאַמע וואָלט גאָר ניט געווען דערביַי:

— הערסט, וואָלאָדאַס, כ'קאָן דיר שווערן, אַז ווי נאָר די ארטיסטן האָבן זיך באַוויזן, האָב איך דערפילט, אַז עפּעס א שפּיצל וועט זי מיר אָפּטאָן, מיַין מאַמע.

— וואָס עפּעס נאָר דיר? — האָט געענטפערט וואָלאָדאַס. — זי האָט אָפּגעטאָן א שפּיצל אַלע פרויען פון קליין־ווילייקע. א סימען — פון איַיך אַלעמען האָט ער אויסגעקליבן זי איינע און נעמט זי מיט קיין קיִעוו.

— האָסט בעפייער'ש געזאָגט א כאָכמע, — איז אַלדאָגע געווען ניט צופרידן, — אָבער צום געלעכטער אי'ז נאָך וויַיט.

די אַלטע האָט שוין לאַנג באַמערקט, אַז דער איידעם איז אַף איר מער ענלעך, ווי די טאָכטער. און וואָס שיַיעך אַלדאָגען, — האָט די אַלטע מאַמע געטראַכט, — קאָן מען אַפילע אין קינאָ קיין בעסערע, קיין געטריַיערע טאָכטער פון איר ניט אויסטראַכטן. איַי, זי וויל ניט, אַז די מאַמע אירע זאָל ארומפאָרן... איז זי עפּשער טאַקע גערעכט. וואָס זשע, זי אַליין, די פאָרערן, פאַרשטייט דען ניט, אַז געזינטער וואָלט פאַר איר געווען, ווען זי זיצט אין שטוב, — זי פאַרשטייט... נאָר... יעדער מענטשן — שפּאַסט זי מיט זיך אַליין, — זיַינען וויַיזט אויס, באַם געבוירן אָפּגעמאָסטן ניט נאָר די יאָרן, נאָר אויך די קילאָמעטערס, וואָס ער דאַרף דורכפאָרן... איר פעלט נאָך אָפּאָנעם צום כעזשבן... אָט ווו דער הונט ליגט באַגראָבן.

שווער איז אויך דעם ארטיסט אָנגעקומען — וואַלענטין האָט ער געהייסן — איר ריַיזע קיין קיִעוו.

ער האָט לאַנג געטשאַטעוועט די מינוט, ווען באַם דירעקטאָר פונעם פילם, באַם עלטערן, פּוכן, גאַנץ פלעגמאַטישן אָבער איינציַיטיק אויך נערוועזן דאַוויד איסיַיעוויטשן זאָל זיך אויסגעבן א גוטע שטימונג. ווען עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז די פּאַסיקע ציַיט איז געקומען, האָט ער געזאָגט דעם דירעקטאָר:

— דאַוויד איסיַיעוויטש, דערלויבט, ביטע, איינער א ווילער פרוי פון קליין־ווילייקע פאָרן מיט אונדז קיין קיִעוו, דאָס הייסט אין אונדזער אויטאָבוס...

איר פאַרשטייט, בא איר אייניקל, באַטאַשע הייסט זי און ווױנען וווינט זי אין קיִעוו, איז געבוירן געוואָרן א טאָכטער, מאַשענקע. הייסט עס, אז מאַשענקע איז איר אוריי־ניקל, און אַלט איז זי א יאָר מיט צען כאַדאָשים. אָבער פאַר אָט דער גאַנצער צײַט האָבן זיי זיך נאָך קיין איין מאָל ניט געזען, די עלטערבאָבע מיטן אוריינקל, און ווײַבאַלד זיי האָבן זיך ניט געזען, זײַנען זיי פערזענלעך ניט באַקאַנט. דערוווּסט זיך וועגן דעם, האָב איך מיט שרעק א טראַכט געטאָן וועגן זיך. כ'האָב זיך פאָרגעשטעלט, ווי בא מײַן וויטקען וועט גע־בוירן ווערן א טאָכטער, אַגעוו, איז ער נעכטן געווען א באַלסימכע, ער איז אַלט געוואָרן פינף כאַדאָשים, און עס קאָן זייער געמאָלט זײַן, אז מע וועט זײַן טאָכטער אויך א נאָמען געבן נאַטאַשע, און בא יענער נאַטאַשע, בא מײַן אייניקל, וועט געבוירן ווערן א קינד. צי וועט מען דאָס קינד אויך אָנרופן מאַשענקע, ווייס איך ניט, ווײַל ווי א זאַך מאַכט זיך קאָן נאָך געבוירן ווערן א יינגעלע, און אָט דאָס יינגעלע צי דאָס מיידעלע, מײַן אוריינקל, וועט אַלט ווערן א יאָר מיט צען כאַדאָשים, און מיר וועלן נאָך פערזענלעך ניט זײַן באַקאַנט...

דאַוויד איסײַעוויטש האָט זיך געשטאַרקט, געשטאַרקט און סאָפּקאָלסאָף אַרויס פון די קיילים:

— עפשער האָט איר אין זיבעצן יענע זקיינע, מיט וועלכער איר פירט זיך אַרום די גאַנצע צײַט?

— אויב עס וועט אײַך געלינגען, — האָט דער אַרטיסט, וואַלענטין שמייכלענדיק געזאָגט און א ווונק געטאָן צו די כעוורע אַקטיאָרן, זיי זאָלן אים אונטערהאַלטן, — געפינען א פרוי פון א יאָר צוואַנציק, וואָס האָט אין קיִעוו אן אוריינקל פון א יאָר מיט צען כאַדאָשים, וועלכע האָבן זיך נאָך אויך ניט געזען, זאָגט מיר, ביטע, וועל איך זיך ווענדן צו אײַך מיט א הישטאַדלעס פאַר איר אויך...

דאַוויד איסײַעוויטש האָט מער ניט געוואָלט הערן די פריילעכע פּלאַפּלערײַ, וועלכע האָט קענטיק פאַרוויילט די אַרטיסטן, אָבער ניט אים.

— איר שטעלט זיך פאָר, וואָס מיט אַזא מענטשן קאָן פּאַסירן אין וועג? נאָך אין אן אויטאָבוס דערצו? ס'איז ביכלאַל א נעס, וואָס זי האַלט זיך אַף די פיס. אן אַלטיטשקע, א שוואַכינקע, הויט און ביין...

דאַוויד איסײַעוויטשן האָט גאָרנישט ניט געהאָלפן.

וועגן דעם דאָזיקן געשפּרעך האָט די אָנגעבעטענע פּאַסאַזשירקע ניט געוווּסט. זי האָט געוווּסט, אז איר רײַזע מיט די אַרטיסטן קיין קיִעוו איז טויזנט מאָל טשיקאַווער פון אַלע אירע פאָרעכצן ביז אַצינד. זי וועט שוין האָבן וואָס צו דערציילן. אַלע אַרטיסטן זײַנען גע־ווען צופרידן, ווען וואַלענטין איז מיט איר אַרײַן אינעם אויטאָבוס. אַלע האָבן זיי צו איר גערעדט, געשמייכלט, געפּאָכעט מיט די הענט, ווי זיי וואָלטן זי לאַנג ניט געזען, באַזעצט זי אַף א באַזונדער באַנק. איר באַקאַנטע אַרטיסטקע, וועלכע האָט איר געהאַט דערציילט וועגן פילם, האָט אווועקגעלייגט אַף דער באַנק לעבן איר אן אויסגענייט קישעלע און געזאָגט:

— באָבעשי, דאָס קישעלע וועט איר אונטערלייגן צוקאָפּנס, אז איר וועט זיך וועלן צולייגן.

— איך וועל זיך ניט וועלן צולייגן, — האָט זי געענטפערט, — איך וועל די גאַנצע צײַט קוקן אין פענצטער.

האָט מען ווידער געלאַכט. בלויז איינער, אן עלטערער מענטש, א פולער, אן ערנסטער, א שטרענגער, ווי זי האָט באַמערקט, האָט ניט נאָר וואָס ניט געלאַכט, ער האָט אַפילע קיין קוק ניט געטאָן אין איר זײַט.

גראָד צו אים האָט דער אַרטיסט וואַלענטין זי צוגעפירט און געזאָגט:

— באָבעשי יאַנינע, באַקאַנט זיך מיט אונדזער דירעקטאָר פונעם פילם.

דער דירעקטאָר האָט איר דערלאַנגט די האַנט, עפּעס א זאָג געטאָן שטיל, טײַקעף געעפנט זײַן גרויסן פּאָרטפעל, וואָס איז געלעגן לעבן אים, און אָנגעהויבן איבערקלײַבן זײַנע פּאַפּירן.

די אַרטיסטן האָבן איר אין וועג אָפּגעגעבן קאָוועד, וואָס בעסער און שענער קאָן גאָר ניט זײַן. אַלע מאָל האָט עמעצער אַנדערש געפרעגט בא איר, ווי פילט זי זיך, און די גאַנצע צײַט איז מען זי מעכאַבעד געווען מיט נאַשערײַען. און ניט בלויז די אַרטיסטקעס, די אַר־טיסטן אויך, פאָרגעלייגט באַכאַנאַנד א באַר, א פּוטער־בולקעלע, א קאָנפעט...

עטלעכע מאָל האָט דער אויטאָבוס אין וועג זיך אָפּגעשטעלט, קעדיי די אַרטיסטן זאָלן זיך א קאַפּל דורכגיין אַף דער פרישער לופט און זיך אויסגלײַכן די ביינער. איר באַקאַנטע אַרטיסטקע פלעגט אַלע מאָל אויסוואַקסן לעבן איר און פונקט ווי זי, די באָבעשי יאַנינע, וואָלט געווען א פיצל קינד, זי געפירט שפּאַצירן.

איינמאָל, ווען דער אווטאָבוס האָט זיך אָפּגעשטעלט, האָבן די אַרטיסטן זיך געקליבן גיין אין א גאַרקיך עסן וואַרמעס, זי האָט זיך געפּרוּווט אָפּזאָגן:

— איך בין ניט הונגעריק.

די אַרטיסטן האָבן אָבער אפילו הערן וועגן דעם ניט געוואָלט, און זייער שטרענגער דירעקטאָר האָט גאָר ניט שטרענג איר געזאָגט:

— דער אַפּעטיט קומט באַם עסן...

פאַרנאַכט־צו זײַנען זיי פאַרפאָרן אין דער שטאָט האָמעל, און דאָרט געבליבן נעכטיקן. אינעם פּרעכטיקן האָטעל איז די באָבעשי יאַנינע געווען אין איין צימער מיט איר באַקאַנטער אַרטיסטקע און מיט נאָך צוויי אַרטיסטקעס, מיט וועלכע זי האָט זיך באַקאַנט שוין אין וועג.

אפילו באַנאַכט, ווען מע האָט זיך שוין געלייגט שלאָפן, האָבן זיי אַלע דרײַ געהאַלטן אין איין זאָרגן וועגן איר.

ווי נאָר זי פלעגט זיך טאָן א קער אַף דער נידעריקער, ברייטער, ווי א פעלד, בעט, פלעגט טייקעף עמעצער פון זיי פרעגן:

— באָבעשי, פאַרוואָס שלאָפט איר ניט?

— באָבעשי, עפּשער ווילט איר א טרונק?

— באָבעשי, עפּשער איז אײַך ניט באַקוועם צו ליגן?

ניט באַקוועם צו ליגן... עס שלאָפט זיך פּאַשעט ניט... קאָן דען זײַן א מער באַקוועמער געלעגער, ווי אָט די נידעריקע, הילצערנע בעט, מיט דער ווייכער, ציכטיקער איבערבעט?.. אינדערפרי האָבן זיי אַלע, זי מיט די אַרטיסטן, געגעסן פרישטיק אינעם זעלבן האָטעל, ווו זיי האָבן גענעכטיקט. געזעסן איז מען בא צוזאַמענגערוקטע, יאַמטעוודיקע טישן, פאַר איר האָט מען באַשטעלט א באַזונדער מין פרישטיק:

— ברענגט, ביטע, דער באָבעשי, פרישן קעז, א מילכיקע קאַשע און א גלאָז קאַווע. נאָכן פרישטיק האָט מען זיך ווידער געלאָזט אין וועג.

פאַרנדיק, האָט זי געטראַכט:

קאָן דען זײַן א גרעסערער פאַרגעניגן אין לעבן, ווי אָט די שײנע רײַזע אירע, ביפראַט, אַז פאָרן פאָרט זי צו איר געראָטן אייניקל, וואָס איז שוין אַליין א מאַמע, און ווו זי, די אַלטע באָבעשי, וועט זײַן אַן אָנגעלייגטער גאַסט. עס האָט זי, עמעס, געקימערט, וואָס דער דירעקטאָר פאַרפירט מיט איר ניט קיין רייד. זי האָט אין דעם אײַנגעזען, אַז ער איז ניט צופרידן מיט איר. נאָר דעם דאָזיקן ניט אָנגענעמען געדאַנק האָט זי אַליין געמאַכט צונישט, ווי א באַווײַז, אַז זי איז ניט גערעכט, האָבן איר געדינט די ווערטער וועגן דעם אַפּעטיט, וואָס קומט בייסן עסן, וועלכע ער האָט איר געזאָגט. ער רעדט ניט מיט איר, ער קוקט ניט אַף איר, ער שמייכלט ניט צו איר, און וועגן וואָס זאָל ער מיט איר ריידן? וואָס דאַרף ער קוקן אַף איר, שמייכלען? און אינגיכן האָט זיך טאַקע אַרויסגעוויזן, אַז דער דירעקטאָר איז אויך ניט קיין שלעכטער מענטש.

צופאַרנדיק נעענטער צו קיִעוו, האָבן די אַרטיסטן אָנגעהויבן אונטערזאָגן דעם שאָפער, וווהין ער זאָל זיי אָפּפירן אהיים. איינער האָט געזאָגט:

— פעדיעטשקע, לעבן דער אויסשטעלונג זאָלסטו פאַרקערעווען אַף לינקס, מיך וועט דיר זײַן באַקוועם אָפּפירן דעם ערשטן.

א צווייטע האָט געזאָגט:

— א מאָשל... ס'הייסט מיט דער לינקער האַנט דערלאַנגען דעם רעכטן אויער. פאַר בעסער פריִער...

פעדיע האָט געזאָגט:

— ס'איז מיר ניט דאָס ערשטע מאָל, און כ'ווייס, וויאַזוי אײַך אָפּפירן...

דער דירעקטאָר האָט אַפּאַנעם ניט געוואָלט זיך פאַרלאָזן אַף פעדיען און געזאָגט:

— וואַלענטין, איר ווייסט, אַף וועלכער גאַס וווינט דער באָבעשיס אייניקל?

— מיטן אורייניקל, — האָט דער אַרטיסט פרייליך צוגעגעבן. — באַלד וועל איך אָפּזוכן דעם אַדרעס. כ'האָב אים, דאַכט זיך, פאַרשריבן.

דער דירעקטאָר האָט געדולדיק געוואַרט, ביז וואַלענטין האָט ניט גײַלט דערלאַנגט פון קעשענע זײַן נאָטיץ־ביכל און אָנגעהויבן בלעטערן די זײַטלעך. וואַלענטין האָט געקוקט אַף איין זײַטל, אַף א צווייטן, ווידער געבלעטערט און אָבער געזוכט. די באָבעשי יאַנינע האָט זיך אפילו דערשראָקן — צי האָט ער ניט פאַרלוירן איר אַדרעס. אַז ער האָט אים פאַרשריבן, האָט זי אַליין געזען. וואָס וועט זי טאָן, אויב ער האָט אים ערגעץ אהינגעטאָן? אָבער לויט דעם, ווי אופגעלייגט ער האָט געזוכט, האָט זי פאַרשטאַנען, אַז אויב ער וועט נאָר וועלן, וועט

ער אים טייקעף אָפּזוכן, איר אַדרעס. די אַרטיסטן האָבן געקוקט אויף וואַלענטינען און גע־שמייכלט. סאַפּאָלסאָף האָט ער געפונען דאָס בײַטיקע צעטל:

— גאָרקי־גאַס, נומער 18, דירה — 10. נאַטאַשעס שוועגער הייסט טאַמאַרע מיכײַלאָוונע, דער שוועער — אָסיפּ גריגאָריעוויטש, נאַטאַשעס מאַן...

דער דירעקטאָר האָט געזאָגט פּעדיען:

— פֿריִער פֿון אַלץ אויף דער גאָרקי־גאַס.

דער באָבעשי יאַנינען איז עס צוערשט ניט געפֿעלן געוואָרן, עס איז בײַ איר אויסגע־קומען, אַז מע וויל פֿון איר וואָס גיכער פּאָטער ווערן. נאָר דערנאָך האָט זי אַ קלער געטאָן, אַז ער איז טאַקע גערעכט, דער דירעקטאָר. ס'איז בעסער, זי זאָל וואָס גיכער קומען צו נאַ־טאַשען, ווײַל מיד איז זי, וואָס מיד הייסט, און די ביינער ברעכן איר, און אין קאָפּ הודעט...

אין אַ קורצער צײַט אַרום האָבן די אַרטיסטן פֿריילעך אָנגעזאָגט דער באָבעשין:

— אָט איז די גאָרקי־גאַס...

ס'האָבן געשווינדלט פֿאַר די אויגן גרויסע מויערן, סקווערן, שויפֿענצטער פֿון שיינע קראָמען. די אַרטיסטן האָבן אַלע מאָל אויסגערופֿן:

— הויז נומער 102!

— נומער 80!

— נומער 60!

זי האָט ניט באַוויזן זיך אַרומקוקן, ווי דער אויטאָבוס איז שטיין געבליבן לעבן אַ שיי־נעם, פֿילגאָרנדיקן, גרויען מויער.

דער אַרטיסט וואַלענטין איז מיט איר אײַנײַנעם אַרויס פֿונעם אויטאָבוס. אַלע האָבן זיך מיט איר פֿרײַנטלעך געזעגנט און גלײַך צוגעפֿאַלן צו די פֿענצטער, מאַמעש באַקלעפּט זיי, געפֿאָכעט מיט די הענט, געוווּנטשן איר אַ גוטע באַגעגעניש מיטן אייניקל און מיטן אוריי־ניקל — האָקלאָל, באַגלייט זי פּונקט אַזוי ליב, ווי מע האָט זי באַגעגנט.

ערשט איצט, דאָס ערשטע מאָל, זינט זי האָט זיך געלאָזט אין וועג, האָט די באָבעשי־יאַנינע זיך אָנגעהויבן ערגערן. אופֿהייבנדיק זיך אויף די טרעפּ, האָט זי געזאָגט דעם אַרטיסט:

— איך ווייס... אָן אייניקל איז טאַקע אָן אייניקל, אָבער זי וווינט אינײַנעם מיט איר מאַנס עלטערן... עפּשער דאַרפֿן זיי מיך ניט האָבן פֿאַר קיין גאַסט?..

— איך בין זיכער, באָבעשי יאַנינע, אַז זיי וועלן זײַן צופֿרידן, וואָס איר זײַנט געקו־מען, — האָט ער ערנסט געענטפֿערט.

ניט אָפּט האָט זי געהערט, ער זאָל אַזוי ערנסט ריידן.

די טיר האָט געעפֿנט אַ בלאָנדע שיינע פֿרוי אין די מיטעלע יאָרן.

— איר זײַנט טאַמאַרע מיכײַלאָוונע? — האָט געפֿרעגט דער אַרטיסט, און ווען יענע האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אויף „יאָ”, האָט ער פֿאַרגעזעצט: — צו אײַך איז געקומען צוגאַסט פֿון קליין־ווילייקע די באָבעשי יאַנינע.

טאַמאַרע מיכײַלאָוונע האָט אַזוי אַ קוק געטאָן, אַז דער אַרטיסט האָט זיך גלײַך אָנגעצ־שטויסן וועגן וואָס זי טראַכט: אוי, אַ מין אַלטע זי איז... און אַ דאַרינקע... און אַן אײַנ־געהויקערטע... וויאַזוי האָט מען זי געלאָזט אין אַזאַ ווײַטן וועג?..

פֿאַר גרויס איבעראַשונג האָט טאַמאַרע מיכײַלאָוונע ניט גלײַך דערקענט דעם אַרטיסט, וועלכן זי האָט אַ סך מאָל געזען שפּילן. נאָר באַלד האָט זי אויף אים פֿאַרכידעשט אַ קוק געטאָן און געזאָגט:

— איר זײַנט דאָך דער אַרטיסט וואַלענטין... — און זי האָט אָנגערופֿן זײַן פֿאַמיליע, — איז ווי קומט צו אײַך די באָבעשי יאַנינע? — און זיך אַ כאַפּ געטאָן. — קומט, ביטע, אַרײַן אין שטוב... וואָס שטייען מיר...

— אַ דאַנק, — האָט ער געענטפֿערט, — איך אײַל זיך, צום באַדויערן, ווי קומט צו אונדז די באָבעשי יאַנינע, ווילט איר וויסן? ניט זי איז געקומען צו אונדז, נאָר מיר זײַנען געקומען צו איר. אין קליין־ווילייקע האָבן מיר געמאַכט אַ פֿילם... אָט כאַפּט אַ קוק... — דורכן אָפֿענעם פֿענצטער אינעם ברייטן קאָרידאָר האָט מען געזען דעם אויטאָבוס, ווו פֿון יעדן פֿענצטערל האָבן אַרויסגעקוקט פֿריילעכע, פֿאַריסענע אַרוף פּנעמער פֿון די אַרטיסטן. דאָס איבעריקע האָט טאַמאַרע מיכײַלאָוונע זיך געדאַרפֿט אַנשטויסן אַליין. וואַלענטין האָט זיך געזעגנט מיטביידע פֿרויען און אַראָפּגעלאָפֿן פֿון די טרעפּ. אַרײַנקומענדיק מיט דער באָבעשי יאַנינע אין שטוב, האָט טאַמאַרע מיכײַלאָוונע געזאָגט:

— עס באַדאַרף דאָך אַזוי טרעפֿן. ערשט אינדערפֿרי זײַנען נאַטאַשע מיט מאַריקן אַוועק־געפֿאָרן אויף קוראָרט. כאָטש געוואָלט נעכטן קומען...

די אַלטיטשקע האָט פֿאַרלוירן געקוקט אויף נאַטאַשעס שוועגער.

— ניט געזאָרגט, — האָט טאַמאַרע מיכײַלאָוונע באַרוּיִקט דעם גאַסט, — אויב יאָרן גייען גיך, איז טעג — פֿליִען. ס'וועלן דורכפֿליִען די פֿיר און צוואַנציק טעג...

זי האָט געהאָלפֿן דער אַלטיטשקער זיך איבערטאָן, געבראַכט איר אַ פּאָר גרינגע פּאַנ־טאָפֿל, אָנשטאָט דעם לאַנגן געפֿאַלדעוועטן קלייד געגעבן אַ מולטן כאַלאַט. דערנאָך זי אוועק־געפֿירט אינעם וואַשצימער, אופֿגעדרייט אַ קראַן, אַ צווייטן...

מיטן אופֿנאַם איז די באָבעשי יאַנינע געבליבן צופֿרידן. נאָכאַשעס שוויגער איז זי מער כאַבעד געווען מיט געשמאַקע מײַכאָלים און דערנאָך באַלייגט אָפּרוען אָף אַ גרויסאַרטיקער קאַנאַפּע.

פֿון דעם אַלעמען איז דער באָבעשי יאַנינען געוואָרן אַזוי גוט אפֿן האַרצן, אַז זי האָט אַפֿילע רעכט ניט באַנומען, אַז טאַמאַרע מיכײַלאָוונע איז זייער באַצאָרנט. זי האָט זיך ביטער געקלאָגט:

— כ'האָב זיך היינט זייער אָנגעמוטשעט מיטן קינד. גיי ווייס... אַלע טאָג גייען די קינ־דער אוועק אָף דער אַרבעט, איך בלײַב מיט מאַשענקען, און אַלץ איז גוט, שאַ־שטיל. זי הייבט אַפֿילע ניט אָן בענקען נאָך זיי, אָפּדערנאַכט, נאָך דער אַרבעט, זיצן זיי אויך ניט אין שטוב, גאָט שיקט צו אַ טעאַטער, אַ קאָנצערט, אַ געבורטסטאָג, אַ כאַסענע באַ פֿרײַנט... נאָר אין אָוונט איז מיר גאָר גרינג, ווי נאָר פֿון דער אַרבעט עס קערט זיך אום מײַן מאַן, אָסיפּ גריגאָריעוויטש, דאַרף שוין מאַשע מער קיינעם ניט האָבן. זיי האָבן זיך שטאַרק ליב, דער ציידע מיטן אייניקל. אָבער היינט, ווי נאָר די קינדער האָבן צוגעמאַכט די טיר, האָט די קליי־נע אָנגעהויבן גוואַלדעווען: „מאַמע! מאַמע!" זי האָט גאָר דאָס מויל ניט צוגעמאַכט, און אַזוי, וויינענדיק, אַנשלאָפֿן געוואָרן. איך ווייס גאָר ניט, וויאַזוי וועל איך אויסהאַלטן די אַלע פֿיר און צוואַנציק טעג, ווי גיך זיי זאָלן ניט פֿליִען...

פֿונעם צווייטן צימער האָט זיך דערהערט אַ קינדערש כליפּען.

— אוי, מאַשענקע האָט זיך שוין אופֿגעכאַפּט! — האָט טאַמאַרע מיכײַלאָוונע פֿאַרבראָכן די הענט, און לאָזנדיק זיך גיין צום וויינענדיקן קינד, אַ טראַכט געטאָן: טאָמער איז מיר וויניק, האָט מיר נאָך גאָט צוגעשיקט אַ גאַסט, וואָס קאָן מיט זײַן אויסזען איבערשרעקן ניט נאָר אַ קינד. אָף איר צערונצלט פּאָנעם זעט מען דאָך אַ נאָז און אָן אָנציינערדיק, אײַנגע־פֿאַלן מויל. מע דאַרף זיך גוט אײַנקוקן אָף צו דערזען אירע קלוגע, פֿריילעכע אויגן...

פֿונעם צווייטן צימער האָט טאַמאַרע מיכײַלאָוונע דערזען, אַז די אַלטע הייבט זיך אוף פֿונעם געלעגער, האָט זי העפֿלעך געזאָגט:

— ליגט, ליגט, באָבעשי יאַנינע... כ'וועל באַרוּיִקן דאָס קינד... זי איז באַ אונדז אַ ביסל אַ ווילדע... זעט אין שטוב וויניק באַקאַנטע מענטשן...

דער אַלטיטשקער האָבן פֿאַרדראָסן די ווערטער „אומבאַקאַנטע מענטשן". שטאַרק פֿאַר־דראָסן. נאָר וואָס קאָן זי טאָן? זי קאָן זיך בלויז טרייסטן: מיט אומבאַקאַנטע באַקאַנט מען זיך, אַז מע וויל...

אין צווייטן צימער האָט טאַמאַרע מיכײַלאָוונע, וויַזט אויס, גענומען די וויינענדיקע מאַ־שענקע אָף די הענט, ווײַל אָף אַ ווײַלע איז דאָס קינד שטיל געוואָרן, נאָר באַלד האָט עס ווידער גענומען וויינען און וואָס ווײַטער אַלץ שטאַרקער. טאַמאַרע מיכײַלאָוונע האָט מיט טרערן אינעם קאָל צוגעזאָגט דעם קינד:

— מאַשענקע, אָט הער נאָר אוף וויינען, וועט קומען די מאַמע.

נאָר דער צוזאָג האָט אויך ניט געהאָלפֿן. מאַשענקע האָט געוויינט.

און דאַן איז די באָבעשי יאַנינע אַרײַן אין צימער, ווו טאַמאַרע מיכײַלאָוונע איז אין אָנ־מאַכט געזעסן מיטן שרײַענדיקן קינד אָף די הענט אָף אַ פֿאַרבעט געלעגער. די באָבעשי איז צוגעגאַנגען צו זיי און עפּעס זייער שטיל אָנגעהויבן ריידן, איבערפֿירנדיק דעם בליק פֿון טאַמאַרע מיכײַלאָוונען אָפֿן אייניקל.

טאַמאַרע מיכײַלאָוונע האָט קיין וואָרט ניט פֿאַרשטאַנען פֿון אירע רייד, אָבער דאָס קינד האָט פּלוצעם אופֿגעהערט וויינען. געעפֿנט ברייט די גרויסע בלויע אויגן און גענומען פּינטלען מיט די וויִעס, אָף וועלכע עס האָבן נאָך געבלישטשעט טרערן. די קליינע האָט אַ צי געטאָן צו דער אַלטיטשקער ביידע הענטלעך און אַרומגעכאַפּט זי באַם האַלדז.

טאַמאַרע מיכײַלאָוונע איז אופֿגעשטאַנען און באַזעצט אָף איר אָרט די באָבעשי יאַנינע מיטן קינד. דאָס אייניקל האָט אײַנגעניורעט דאָס פּאַרווייִנטע פּענעמל אין דער באָבעשיס אויסגעדאַרטער, אײַנגעפֿאַלענער ברוסט.

דערנאָך האָט די קליינע מיט ביידע הענטלעך אָנגעהויבן גלעטן די פּאַרמעט־געלע, אויס־געטריקנטע באַקן, שפּעטער אַ ווײַלע באַהאַלטן די פֿינגערלעך אין דער אַלטערס גרויע, וויַזט

אויס, זייער וויכע האָר, און אַלע מאָל פאַרכידעשט געקוקט אין דער אַלטערס טרערנדיקע אויגן. טאַמאַרע מיכײַלאָוונע האָט געזאָגט:

— באָבעשי יאַנינע, וואָס פאַר אַ סאָד האָט איר עס איר אײַנגערוימט?

די באָבע יאַנינע האָט אַליין ניט געוווּסט, וואָס האָט זי אַזוינס געזאָגט איר אוריינִיקל.

— וואָס פאַר אַ סאָד האָב איך איר געקאָנט אײַנרוימען? מיסטאָמע האָב איך געזאָגט: וויין ניט, טײַערינקע מײַנע, גוטע קינדער וויינען ניט... איך האָב, ווײַזט אויס, גערעדט אַף ליטוויש. שטענדיק, ווען איך בין דערצאָרנט פון עפּעס, צי ווען איך פריי זיך שטאַרק, — כ'האָב אין מײַן לעבן געהאַט מערער ליידן ווי פריידן, — הייב איך אָן ריידן אַף ליטוויש.

הײַנטיקן ווינטער האָט איר אַלדאָנעס מיזיניק, יאַניס, זיך צוגעקילט און אַז די דאָקטערן איז געקומען, האָט זי, די באָבעשי יאַנינע, איר דערציילט, וויאַזוי דאָס איז געשען, אָבער אַז זי רעדט ליטוויש, איז צו איר דערגאַנגען ערשט דעמלט, ווען די דאָקטערן האָט איר געזאָגט:

— באָבעשי, איך קום צו אײַך פון אַ ווײַטער שטאָט, פון קורסק. ליטוויש האָב איך ערשט ניט לאַנג אָנגעהויבן לערנען. פון דעם, וואָס איר האָט מיר דערציילט, האָב איך פאַרשטאַנען געציילטע ווערטער.

טאַמאַרע מיכײַלאָוונע האָט געזאָגט:

— יאָ, אָבער מאַשע פאַרשטייט דאָך קיין געציילטע ווערטער אויך ניט. כ'האָב קיינמאָל ניט געהערט, אַז נאַטאַשע זאָל מיט איר ריידן ליטוויש. וואָס איז דאָ פאָרגעקומען? סײַדן אַ נעס...

די באָבעשי יאַנינע האָט געוווּסט, אַז ס'איז ניט קיין נעס. זי גלייבט ביכלאַל ניט אין קיין ניסים. זי האָט נאָר ניט געקאָנט אויסדריקן מיט ווערטער, וואָס איז דאָ פאָרגעקומען. אַפילע אַף ליטוויש וואָלט זי עס אויך ניט געקאָנט דערקלערן. עפּשער אָט אַזוי, ווי מאַשע האָט באַקומען פונעם זיידן, ס'הייסט, פון גושקעס, פון איר, פון דער באָבע יאַנינעס זון, די בלאָנדע, עטוואָס געקרײַזלטע האָר, אָט אַזוי איז איר אויך איבערגעגעבן געוואָרן די ליבע צו די ווערטער: „וויין ניט, טײַערער מײַנער, גוטע קינדער וויינען ניט“, וועלכע ער פלעגט אַזוי אָפט הערן פון איר, פון זײַן מאַמען, ווען זי איז נאָך געווען אַ יונגע, און ער — אַ פּיצל קינד. אָבער אַזוי ווי די באָבעשי יאַנינע האָט ליב צו שפּאַסן, האָט זי אָנשטאָט אָט די לאַנגע רייד, זיך אַ וויצל געטאָן:

— זי האָט אופגעהערט וויינען, ווײַל איך בין איר געפעלן געוואָרן.

וועד ווייסט, פאַרוואָס אַ קינד הייבט פּלוצעם אָן וויינען און פאַרוואָס עס הערט אויף... די וועלט־אופפאַסונג פונעם קינד איז נאָך ניט דערלערנט ביזן גרונט, און מיר, דערוואַקסענע מענטשן, פאַרשטייען צומאָל ניט, באַנעמען ניט ביז דער סאַמע טיף אָט די וווּנדערלעכע וועלט — די קינדער־וועלט. עפּשער האָט מאַשענקע דערזען די עלטערבאָבע אירע ניט אַזאַ, ווי טאַמאַרע מיכײַלאָוונע האָט זי געזען, נאָר אַ יונגע, אַ שיינע, דערזען יענע יאַנינע, וואָס איז געווען די בעסטע טענצערן און די בעסטע זינגערן אינעם דערפעלע קליין־ווילייקע... און עפּשער איז טאַקע, ווי די באָבעשי האָט געזאָגט, מאַשענקען פּאַשעט און פּראָסט געפעלן געוואָרן איר עלטערבאָבע אָט אַזאַ, ווי זי איז.

ניט אומזיסט זאָגט מען: ניט דאָס איז ליב, וואָס ס'איז שיין, נאָר דאָס איז שיין, וואָס ס'איז ליב.

עס קאָן זייער זײַן

נאָך אַ לאַנגן איבעררײַס — אַ צײַט־מעהאַלעך, וואָס לאָזט זיך מעסטן מיט פיל יאָרן, — האָבן זיי זיך באַגעגנט אין אַ שטוב בײַ אַלטע באַקאַנטע, וווּהין זי איז צופעליק, צי עפּשער ניט אינגאַנצן צופעליק, געקומען, ווי נאָר זי איז ארײַן אין צימער, האָט ער האַסטיק זיך געגעבן אַ הייב אויף פונעם טיש, בײַ וועלכן עס איז געזעסן און געמיטלעך געשמועסט אַ היפּשע מעסיבע. מיט אייניקע פון אָט די מענטשן, וועלכע האָבן זיך אויך אַרײַנגעכאַפּט אין דער

גאסטפרײַנטלעכער שטוב, איז זי געווען באַקאַנט, אַנדערע — געזען דאָס ערשטע מאָל. ער האָט ראַשיק אַ שטופּ געטאָן זײַן בענקל און זיך געלאָזט איר אַנטקעגן. די לינקע האַנט האָט ער געהאַלטן אויסגעצויגן לענגאויס דעם גוף, די רעכטע, אַ פֿאַרפֿרעסטע אין אַ פּויסט, צוגעדריקט צו זיך עטוואָס בײַדעריקער פֿון דער ברוסט. די דאָזיקע פּויסט זײַנע איז געווען ווי אָנגעצילט אויף איר רעכטער האַנט און שטומערהייט, אומגעדולדיק, אָבער האַכנאָעדיק, זיך געבעטן:

— דערלאַנג מיר דײַן האַנט... כ'וועל זיך פֿאַנאַנדערפֿרעסן... נו, גיב מיר דײַן האַנט...
ער ווייסט, אַז איר האַנט איז אַ ווייכע, אַ ווייכע און אַ צאַרטע, און ער ווייסט נאָך, אַז די האַנט אירע איז אַ פּעפּסטע. אַ האַנט, וואָס האָט ניט נאָר געהאַלטן אַ פּען, נאָר גוט געהאַ־רעוועט באַ אַ וועבשטול, באַ אַ זאַקן־מאַשין, איבערגעוואַשן, איבערגעפּרעסט אויך ניט ווייניק פּעלישקעס פֿון אירע קינדער און געגנוג זיך גערייסעקט מיט די טעפּלעך אין קיך, — האָקלאָל, געהאַט וואָס צו טאָן אין לעבן.
זי האָט אים אויסגעשטרעקט איר האַנט, און זײַנע פֿינגער, פֿאַרפֿרעסטע ביז ווײַטעק אין פּויסט, האָבן, ווי פֿויגלען, אַרויסגעלאָזטע אויף דער פֿרײַ, זיך געגעבן אַ גלײַך אויס, צוליב עפּעס זיך אַ הייב אויף געטאָן, דערנאָך געהיט אַרומגענומען איר האַנט, איר אידעלע און שטאַרקע האַנט. ער האָט עפּשער דערבײַ אַ קלער געטאָן, אַז אומזיסט האָט ער געלאָזט זײַן לינקע האַנט הענגען לענגאויס דעם גוף און אַזויאַרום צוגענומען באַ איר די פֿרייד פֿון צורירן זיך צו איר האַנט, און טאַקע גלײַך האָט די לינקע האַנט זײַנע זיך אַ ציי געטאָן צו אירער, אָנגערירט זי, און אין אַ ווײַלע אַרום האָט איר האַנט זיך באַהאַלטן אין זײַנע צוויי גרויסע הענט מיט דער אַ ביסל שערשאַווער הויט. ער האָט געקוקט אויף איר, און זי האָט פֿאַרשטאַנען, וועגן וואָס ער טראַכט. ער פֿלעגט זיך שטענדיק כידעשן אויף דער דאָזיקער אייגנשאַפֿט אירער — טרעפֿן, וועגן וואָס ער טראַכט, און ניט אַלע מאָל געווען צופֿרידן דערפֿון.
אויך איצט, קוקנדיק אויף אים מיט אירע מידע אויגן, אויפֿכאַפּנדיק זײַן בליק, וועלכער האָט אַ בלאַנדזשע געטאָן איבער אירע ניט געפֿאַרבטע, גרויע צי גיכער אַפֿילו שניי־ווײַסע האָר, צונויפֿגענומענע פֿון הינטן אין אַ גאַנץ היפּשן, ווייכן קובלעק, האָט זי געטראָפֿן:
— וואָס ווילסטו מיר זאָגן? צי עפּשער ווילסטו זאָגן זיך אַליין, אַז איך בין אַ דיסציפּלי־נירטע, כ'בין ניט אויווער אויף די געזעצן פֿון דער נאַטור?
ער האָט שטאַר געקוקט אויף איר און הייזעריק, אַפֿילו באַרויגעזולדעך, געזאָגט:
— די געזעצן לאָז צורו. נעם ניט אָפּ דאָס שטיקל ברויט באַ די יוריסטן. און זאָגן וויל איך ניט זיך, זיך האָב איך שוין לאַנג געזאָגט, דיר וויל איך זאָגן...
מיטאַמאָל האָט זיך אויף איר אַראָפּגעוואַלגערט אַ ברייטשעסדיקע שטילקײַט. די געסט, וועל־כע זײַנען געזעסן אַרום דעם קײַלעכדיקן טיש, האָבן אויפֿגעהערט רײדן, און אַלע, סײַ די, וואָס זײַנען געזעסן מיטן פּאָנעם צו זיי, סײַ יענע, וואָס זײַנען אויסגעקומען צו זיי מיט דער פּלייצע, האָבן זיך אויסגעקערעוועט אין זייער זײַט און אָנגעשפּאַרט די בליקן אין זײַנע צוויי הענט, אין וועלכע עס איז געווען באַהאַלטן איר האַנט, און בלויז דער באַלעבאָסטעס קאָל האָט אומבאַהאָלפֿן געוועקט די שטילקײַט:
— עפּשער אײַנשליסן דעם טעלעוויזאָר? האַ, עפּשער אײַנשליסן דעם טעלעוויזאָר?
— מהו, — האָט זי געזאָגט, — שליסט טאַקע אײַן דעם טעלעוויזאָר, ביפֿראַט, אַז ער איז באַ אײַך אַ פֿאַרביקער. — און אים האָט זי געזאָגט: — דו ווייסט, ביז הײַנט האָב איך ליב בונטע קאָלירן. ווען איך שעם זיך ניט, וואָלט איך אַפֿילו איצט געטראָגן העלע מאַלבושים, צעקווייטלטע קליידער.
ער ווייסט, אַז אַמאָל־אַמאָל האָבן אויף אַלע אירע קליידער געבליט, געברויטלט זיך, גע־גרינט בלימעלעך, פּאַסיקלעך, קײַלעכלעך. ער האָט דעמלט זיך ניט פֿאַרטראַכט, צי עס פּאַסטן איר די דאָזיקע מאַלבושים, צי ניט, עפּשער וואָלט שענער געווען, ווען זי טראָגט ניט די דאָזיקע ציגײַנערשע קליידער אירע. ניט געטראַכט, אַז אין עפּעס אַ שיינעם פֿאַרנאַכט קאָן ער זי דערזען אין אַנדערע, ניט אַזאַ...
די באַלעבאָסטע פֿון דער שטוב האָט זי געפֿאָלגט און אײַנגעשלאָסן דעם טעלעוויזאָר. און טייקעף האָט פֿון ווינקל באַם פֿענצטער, צווישן דעם מאָדערנעם סערוואַנט און דעם גרויסאַר־טיקן פֿאַרהאַנג אויף די שויבן, זיך דערטראָגן אַ זיסע און האַרציקע שטים:

די דלאָניעס דײַנע לאָז אַראָפּ אין טײַך...

איר דלאָניע האָט זי אַראָפּגעלאָזט אין זײַנע הענט, און איר איז אַזוי גוט געווען דערפֿון, אַז זי וואָלט זי אויף שטענדיק שוין אַזוי געלאָזט און זיך געפֿילט דערפֿון ניט בלויז זיכערער,

נאָר אפילע ייִנגער און שענער. זי האָט ניט בעדייע געהאַט זיך אָנשפּארן אָף זײַנע הענט. נייִן, נייִן. פון אַן אָנשפּאר האָט זי זיך שוין לאַנג אָפּגעוווינט, און ווידער צוגעוווינען זיך איז א גאַנצע מאָראָקע. די ליד האָט דערווײַל דערציילט:

איך בענק ניט נאָכן ווײַטן פרילינג־טאָג,
ווײַל אָנשטאָט אים — די ליבע איך פארמאָג...

זי האָט בייז א טראַכט געטאָן: „און אויב איינעם מיט יענעם שיינעם טאָג איז די ליבע אויך אוועק, וואָס זאָל מען דעמלט טאָן?“ און געענטפערט זיך אַליין אָף דער אייגענער פראַגע: „לעבן. און נאָכאַמאָל — לעבן. אָט אַזוי ווי“... דעם בײַשפּיל האָט זי פארשפּאָרט ברענגען, זי האָט געוווּסט, ווּעמען זי האָט אין זינען...

זי האָט די זינגערן ניט געזען, ער האָט איר פארשטעלט דעם גאַנצן עקראַן פונעם גרויסן טעלעוויזאָר, האָט זי עטוואָס אָנגעבויגן דעם קאָפּ אין א זײַט און דערזען דאָס כיינעווּדיקע, באַגײַסטערטע פּאָנעם פון דער זינגערן, די קרויזן שווארצע האָר אָפן קאָפּ, דערזען איר לאַנג, ווייס קלייד מיט דער רויטער, צוגעשפּיליעטער רויז אָף דער ברוסט.

ער האָט זיך אָף אַן עמעס דערשראָקן, ווען זי האָט א קוק געטאָן אָף אים, ווײַל אים האָט זיך געדאַכט, אַז זי וועט פארשטיין, וועגן וואָס ער האָט ערשט א טראַכט געטאָן, דעריבער האָט ער זיך דערפרייט, ווען די באַלעבאָסטע פון דער שטוב איז ווי אויסגעוואַקסן לעבן זיי:

— וואָס שטייט איר בא דער טיר? גייט זעצט זיך צום טיש... נו, גייט...

ער האָט זיך געזעצט אָף זײַן פריערדיק אָרט, פאַר איר האָט מען געמאַכט אַן אָרט קימאַט אַנטקעגן אים.

„געדאַרפט בעסער זיך אַנידערזעצן לעבן אים, באַנאַנד, — האָט זי געטראַכט, אײַנמאָסטענדיק זיך אָפן בענקל, וועלכן מע האָט פון אירטוועגן פרײַ געמאַכט, — געדאַרפט געווען...“ דערנאָך איז אופגעשווומען אין מויעך א ווערטל, וואָס ער האָט אַמאָל־אַמאָל ליב געהאַט: „אַלץ איז צום גוטן אין דער דאָזיקער שענסטער פון אַלע וועלטן“. גאַם־זו־לעטויווע — האָבן דויערס זיך געטרייסט. א גוט ווערטל. טאַקע בעסער, וואָס זיי זיצן ניט באַנאַנד, וואָס זי זיצט אַזוי, אַז זי קאָן קוקן אָף אים, וויפל זי וויל. דערנאָך האָט זי זיך א מוסער געמאַכט: וואָס קומט עס מיט דיר פאָר? דײַנע יונגע יאָרן האָבן זיך אומגעקערט צי וואָס?

און קוקנדיק אין די שײַנענדיקע אויגן פון דער זינגערן אָפן עקראַן, געקומען צום אויספיר: נייִן, די יונגע יאָרן האָבן זיך ניט אומגעקערט, פּאָשעט דער געפיל האָט זיך ניט געעלטערט צי געעלטערט ווייניקער, ווי דו אַליין. אָט אין וואָס עס גייט.

די באַלעבאָסטע האָט דערלאַנגט צום טיש קיבעד, מע האָט געגעסן, געטרונקען טיי, געשפּאַסט, גערעדט ערנסטע רייד, און איר איז מיטאַמאָל אײַנגעפאַלן, אַז אָפן אָוונט האָט מען סײַ זי, סײַ אים אײַנגעלאַדן מיט א געווּיסן מיין. ס׳איז איר פריקרע געוואָרן דערפון אָפן האַרצן. אָבער איינצײַטיק מיטן פאַרדראָס — אָף וועמען א פאַרדראָס? — האָט זיך א טראַכט געטאָן: „געדאַרפט געווען בעסער דעמלט, — דער „דעמלט“ ציילט אָן א קײַמעלאָן פון קימאַט פערציק יאָר, — ברענגען אונדז אונטער איין דאַך... און צוריק גערעדט, פאַרוואָס עפּעס איז עמעצער מעכויִעוו געווען עס טאָן, און זיי זײַנען וואָס, געווען ניט קיין היגע? צי זיי האָבן קיין צײַט אָדער קיין סייכל ניט געהאַט א טראַכט געבן וועגן זיך?“

זי האָט ניט געהערט, ווען מע האָט אָנגעהויבן רוקן די בענקלעך, ווען די געסט זײַנען אופגעשטאַנען פונעם טיש, ווען מע איז אַרויס אין פאָדערצימער און צוריק אַרײַן אָנגעטאָנע — ווער אין זומער־מאַנטלען, ווער אין וואָלענע קאָפּטלעך — זיך געזעגענען. זי האָט ניט באַמערקט, אַז די בענקלעך שטייען שוין אין אומאָרדענונג: אייניקע מיט די ווענטלעך צום טיש, אַנדערע — קימאַט אינמיטן צימער, ווי זיי, די בענקלעך, וואָלטן זיך אויך געקליבן אוועקגיין. זי האָט דערהערט, ווי די באַלעבאָסטע זאָגט:

— זיצט נאָך א ביסל...

געווענדט זיך צו איר, כאָטש ער האָט זיך אויך פונעם אָרט ניט אופגעהויבן, געזעסן, ווי פריִער, אַנטקעגן איר.

— א דאַנק, — האָט זי געזאָגט, — מיר וועלן אויך גיין... — מיסטאַמע האָט זי זיך פאַררויטלט, ווײַל זי האָט דערפילט, ווי דאָס בלוט האָט איר א פלייץ געטאָן צום פּאָנעם, ס׳איז איר געוואָרן הייס, זי האָט דערשראָקן זיך אַרומגעקוקט, וועלנדיק פארשטיין, צי איז דערגאַנגען צו עמעצן איר פלוצעמדיקער, נאַרישער „מיר“, און, פאַריכטנדיק דעם טאָעס, געזאָגט הויך: — נייִן, נייִן, איך וועל אויך גיין.

אין דרויסן זײַנען אַלע געסט אַרויס אײנצײַטיק. אַף דער גרויסשטאָטישער באַלעבאַטער שײנער גאַס האָט זיך געגעבן אַ גאָס אַרײַן אַ היפּשע, טומלדיקע, אופגעלײגטע קאָמפּאַניע פון גאָר ניט קײן יונגע מענטשן. אין גאַס האָט מען פאָרגעזעצט דעם ניט פאַרענדיקטן שמועס, — עס זײַנען דאָ שמועסן, וועלכע האָבן ניט קײן סאָף, — מע האָט זיך באַנײַס אַ קאָן געאַמפּערט איבער עפּעס אַ נײַעם פילם, קײן אײנהײַטלעכע מײנונג אין דער אָפּשאַצונג איז ניט געווען צו מערקן. מער ניט, אין אײן פּראַט זײַנען אַלע אײַנשטימיק געווען — דער אָוונט איז זײער אַ שײנער, אַ שטילער, אַ מעכטיקער, אַן עמעסע סאָפּזומערדיקע מאַטאָנע.

אַפן וועג איז די קאָמפּאַניע אַלע מאָל קלענער געוואָרן. ווער עס האָט זיך געלאָזט גײן צום טראַמווײַ, צום טראָליבוס, צו דער מעטראָ, ווער עס האָט נאָך געדאַרפט זיך אַרײַנכאַפּן אין אַ מאַגאַזין, און בלויז זײ בײדע האָבן ניט געאײַלט זיך אַרײַנזעצן אין טראַנספּאָרט, צי אַרײַנגײן אין אַ קראָם זיך באַוואָרענען אַף מאָרגן מיט פרישטיק.

זײ זײַנען שווײַגנדיק געגאַנגען לענגויס אַ גרינער קיִעווער גאַס, וואָס אויב גײן און גײן איבער אירע געפלאַסטערטע טראָטואַרן, קאָן מען קומען צום דניעפּער. פון מאָל צו מאָל זײַנען זײ צוגעקומען נאָענט אײנס צום אַנדערן, געגאַנגען אַזוי עטלעכע שפּאַן און ווידער געלאָזט צווישן זיך, ווי אַ בופער, אַ שטיק בלויען אָוונט... אַזויאַרום, ווען עמעצער וואָלט געוואָלט זיך דערקונדיקן, צי גײען זײ אײנינעם צי באַזונדער, וואָלט דער עמעץ אַלע מאָל געקאָנט מאַכן אַן אַנדער אויספיר.

אין אַ שטיקל צײַט אַרום, ווען זײ זײַנען געקומען נאָענט אײנס צום אַנדערן, האָט זי דערהערט, ווי ער פרעגט בא איר:

— נו?

צי האָט ער איר פאַרגעבן עפּעס אַ פראַגע, נאָר אַזוי שטיל, אַז זי האָט די ווערטער ניט געהערט, צי ער איז זיכער, אַז זי פאַרשטײט, — ווי ס'איז שוין ניט אײן מאָל ביז איצט געווען, — וואָס וויל ער, זי זאָל אים זאָגן, און מיט זײַן „נו" טרײַבט ער זי אַ ביסל אונטער, ס'איז אַ מין סימען, אַז ער וואַרט, זי זאָל אים שוין באַלד ענטפערן, אַז לענגער קאָן ער ניט אָדער וויל ניט וואַרטן...

— „נו" איז זעקס און פופציק, אַזוי דאַכט זיך? — האָט זי געזאָגט.

אין יענער ווײַט, ווען זײ זײַנען נאָך געווען יונג און פלעגן זיך אָפט באַגעגענען, איז אין זײער קרײַז, אַז ס'איז קײן כײשעק ניט געווען צו ענטפערן אַף עפּעס אַ פראַגע צי עס האָט זיך גלאַט געוואָלט אַ כאָכמע טאָן, אָנגעגאַנגען אַזאַ ענטפער אַף אַ „נו?" — זעקס און פופציק.

— ביסט גערעכט, — האָט ער געזאָגט. און ווי עס זאָל אים זײער נײטיק זײַן איר געבן צו פאַרשטײן, אַז די דאָזיקע צאָל איז ניט קײן קאָנסטאַנטע, פאַר וועלכער מע דאַרף זיך אָנכאַפּן מיט בײדע הענט, האָט ער אָנגעהויבן שטאַמלען: — אַ נאָפּקעמינע... אײן און פופציק צי זעקס און פופציק, — אַ קוק געטאָן אַף איר און אַנשוויגן געוואָרן.

ער האָט קאָנטיק פאָרט געוואַרט אַף אַן ענטפער: נאָר וואָס האָט זי אים געקאָנט ענטפערן? זי האָט אים געקאָנט זאָגן: „ווּהין רופסטו מיך? יענע סטאַנציע, וועלכע דו האָסט אין זינען, איז שוין לאַנג אַף דער וועלט ניטאָ... און אַפילע, ווען זי וואָלט ניט פאַרשווונדן, וואָס וואָלט געווען די פּולע? זיך אומקערן ווידער אַהין? זאָגט מען אָבער, אַז אומקערן זיך איז אַ שלעכטער סימען"...

געזאָגט האָט זי גאָר עפּעס אַנדערש:

— טו אַ קוק, איאָ, די לעוואָנע איז ענלעך אַף אַ גאָלדן שיפעלע...

— וואָס עפּעס אַ גאָלדנס? גיכער אַ זילבערנס...

ער איז אַנשוויגן געוואָרן, און זי האָט געזאָגט:

— מהו, — און ס'איז ווידער געוואָרן שטיל.

שפּעטער אַ ביסל האָט ער געזאָגט:

— אַגעוו, געדענק איך, ווי איך האָב זיך געכידעשט, זײַענדיק אַ קינד, ווען כ'האָב איבערגעלײענט, אַז די לעוואָנע־שײַן איז ניט אירע, נאָר אַן אָפּגעשפּיגלטע פון דער זון, און בא אונדז הײסט עס: עס שײַנט די לעוואָנע.

— מהו, — איז זי ווידער מיט אים מאַסקים געווען.

מע איז ווײַטער געגאַנגען שווײַגנדיק. ער האָט, אַפּאָנעם, נאָך אַלץ געוואַרט אַפן ענטפער: זי האָט געזען פאַר די אויגן די פאַרשווונדענע ווײַטע סטאַנציע זײערע. זײער אַ שײנע סטאַנציע, ניטאָ וואָס צו רײדן, אָבער אַזאַ ווײַטע...

דערנאָך האָט זי באַמערקט, אַז ער כאַפּט אַלע מאָל אַ קוק אַף די בונט־געפאַרבטע — אין רויט, אין גרין, אין בלוי — שמאָלע הויכע שטיבעלעך, ווו עס הענגען טעלעפאָנען־אויטאָמאַטן.

— ביסט עמעצן שולדיק אַ קלונג דורכן טעלעפאָן? — האָט זי געפרעגט בא אים.

— שולדיק, — האָט ער געענטפערט.

לעבן אַזאַ קישעף־שטיבעלע זייַנען זיי געבליבן שטיין.

זייַן האַנט האָט זיך געגעבן אַ שלייַף אַרייַן אין דער קעשענע פונעם לייַכטן זומער־מאַנטל און פון דאָרט אַרויס מיט אַ געווינס: געהאַלטן עטלעכע צווייקאָפּעקע־מאַטבייעס. ער האָט אויסגעשטרעקט איר זייַן עטוואָס פאַרבויגענע דלאָניע, וואָס איז מיטאַמאָל ענלעך געוואָרן אַף אַ שיפעלע, אַפן דעק פון וועלכן עס האָבן זיך גאָלדיק צעגלאַנצט אַנטקעגן דער שייַן פונעם לאַמטערן די צווייערס. מיט דער אַנדערער האַנט האָט ער צעעפנט דאָס טירל פונעם טעלעפאָן־אויטאָמאַט און געזאָגט:

— ביטע, עפשער דאַרפסטו אויך אַ קלונג טאָן?

— ניין, — האָט זי געזאָגט, — איך דאַרף ניט.

ער איז אַלץ געשטאַנען אַנטקעגן איר, צוהאַלטנדיק מיט איין האַנט דאָס טירל, עס זאָל זיך ניט פאַרמאַכן, און, אויסשטרעקנדיק די צווייטע, ווי פריִער, צו איר, טאָמער וועט זי איבערטראַכטן און פאָרט נעמען אַ מאַטבייע, קעדיי אַ קלונג טאָן עמעצן. דערנאָך האָט ער געזאָגט:

— פאַרשטייסט, זינט איך בין געבליבן... — ער האָט זיך פאַרהאַקט, ניט געקאָנט אַרויס־ברענגען אינדערהויך דאָס וואָרט „אַליין". פאַרוואָס?

ער האָט ניט געוואָלט, ניט געטאָרט צי פּאַסט ניט געדאַרפט אַראָפּברענגען אַהער, אינעם דאָזיקן אָוונט, זייַן פאַרשטאָרבענע פרוי. בא אים איז געווען אַ גוט ווייַב. אַ געטרייַע, אַ קלוגע, און זי איז דערין ניט שולדיק געווען — און טאַקע ער אויך, — וואָס אַ גאַנץ לעבן האָט ער ניט געקאָנט פאַרגעסן אָט די פרוי, וועלכער ער שטרעקט איצט אויס זייַן האַנט מיט די צווייקאָפּעקע־מאַטבייעס, די פרוי, וועלכע שטייט איצט אַזוי נאָענט לעבן אים און וועלכע האָט פאַר אַ גאַנצן אָוונט קיין פרייַלעכן שמייכל ניט געטאָן.

פאַרלאָזנדיק זיך אַף איר, אַז זי פאַרשטייט, בא וואָס ער האָט זיך פאַרהאַקט, האָט ער פאַרגעזעצט:

— ...רופט מיך דער זון מייַנער אַלע אָפּדערנאַכט אוף צום אָמעד: „טאַטע, אַ גוטנאָוונט דיר..." אַ וואָרט אַהער, אַ וואָרט אַהין, ביז ער דערהערט, ווי איך זאָג אים: „אַ גוטע נאַכט". די שנור מייַנע לאַכט פון אים: „דאָס קלינגען אַלע פאַרנאַכט איז בא אים, ווי אַ שלאָף־געטראַנק. אַנדערש וועט ער בעשום־אויפן ניט אַנשלאָפן ווערן. „מאַכעטייסע, — זאָג איך איר, — אַבי די דאָזיקע רעפּוע שאַט ניט צום געזונט, איז שוין גוט". זי איז אַ דאָקטער, דאַרף זי וויסן, וואָס ס'איז גוט פאַרן געזונט. ביכלאַל איז זי בא אונדז ניט פון די גרינגע פּאַסאַשירן. צוטרעפן איר איז גאַנץ שווער. האָט ליב זיך אַן אַמפּער טאָן. נאָר וואָס שייַעך דעם דאָזיקן מין שלאָף־געטראַנק, איז זי מיט מיר מאַסקים: „וואָס עמעס — איז עמעס, צום געזונט שאַט עס ניט".

זי און דער זון זייַנען גאַנצע באַלעבאַטים בא מיר אין שטוב. אפילו שליסלען פון מייַן דירע האָבן זיי מער, ווי איך. איך האָב איין שליסל. זיי — גאַנצע צוויי. אָפט ווייס איך נישט ניט בלויז, ווען זיי זייַנען געווען בא מיר, נאָר אפילו ווער פון זיי איז געווען. אין דער היים טרעפן זיי מיך זעלטן. שוין אַ היפּש ביסל יאָרן, ווי כ'בין באַשעפטיקט אינעם ראַט פון די מילכאָמע־וועטעראַנען. מיר פירן דורך שמועסן, לעקציעס, פאָרטראָגן אין שולן, אין קול־טור־הייַזער. און ניט בלויז אין שטאָט — אין די ראַיאָנען אויך. אַמאָל דאַרף מען באַזאָרגן אַ כאַווער מיט אַן אָרט אין אַ סאַנאַטאָריע צי אין אַן אָפּרו־הויז. האַקלאַל, אינדערפרי גיי איך אַרויס פון שטוב און קער זיך אום, ווי עס מאַכט זיך: אַמאָל באַטאָג, און אַמאָל פאַרנאַכט. אַרייַנגייענדיק אין שטוב, דערקען איך גלייַך, ווער פון די אייניקלעך איז געווען בא מיר. דער עלטערער, מישע, קומט צו מיר, ווי אַ שטיקל טרעגער. ער לערנט אַפן דריטן קורס פון מעדיצינישן אינסטיטוט, נאָר דאָס שטערט אים ניט מיר אַרייַנטראָגן עפּעס־וואָס פון פּראָ־דוקטן. די מיזינקע, ווען זי קומט, מאַכט זי בא מיר אָרדענונג: שטעלט איבער און לייגט איבער, וואָס עס לאָזט זיך. נאָך איר באַלעבאַטעווען קאָן איך אין בופעטל ניט געפינען נישט קיין לעפל, נישט קיין טעלער. פאַרפּלאָנטערן קאָן איך בלויז די וויזיטן פון דער שנור מיטן זון, — אַ ווייַלע האָט ער געשוויגן און דערנאָך: — נו, מע דאַרף קלינגען. אַז ס'איז גוט צום געזונט, איז דאָך ניט שייַעך... — ער האָט אַלץ ניט אָפּגעלאָזט דאָס טירל, ניט צוגענומען די

האַנט מיט די מאַטבייעס, ניט אַריבערגעשפּאַנט די שוועל פֿונעם בונט־געפּאַרבטן שטיבעלע. — קלינג עפּשער דו אָן דער טאַכטער צו די זין...

זי האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אָף „ניין".

— מײַנע יאָרשים פֿאַרלאָזן זיך אָף מײַן זעלבשטענדיקייט, — האָט זי געזאָגט, — אויב עמעצער פֿון זיי צי אַפֿילע ס'וועט טרעפֿן אַ נעס און אַלע דרײַ וועלן הײַנט מיר אָנקלינגען און זיך ניט דערוואַרטן אָף קיין ענטפֿער, וועלן זיי מאַכן אַ ריכטיקן אויספֿיר: די מאַמע איז ניטאָ אין דער היים. מײַן בכאָר, אַשטייגער, דערשרעקט זיך אַפֿילע, אַז ער קלינגט אָן, און איך גיי גלײַך צו צום טעלעפֿאָן. „וואָס זיצסטו אין שטוב, מאַמע? ווי פֿילסטו זיך?" „איך פֿיל זיך גוט, — זאָג איך אים, — ווען אַפֿילע איך פֿיל זיך ניט גאָר גוט, — און אין שטוב זיץ איך, — גיב איך אים צו פֿאַרשטיין, — מאַכמעס איך האָב אַ שטוב". „הער אויס, מאַמע, — וויל ער מיר ניט נאָכגעבן, — אָבער פֿון יענער זײַט שטוב האָסטו אַזאַ טײַערן אָוונט. פֿאָלג מיך, מאַמע, און גיי אַרויס אַ ביסל אין דרויסן..."

די טאָכטער הייבט אָן געווײַנלעך אונדזער טעלעפֿאָן־שמועס אָן ערעך אַזוי:

— אוי, — זאָגט זי מיט אַ פֿאַרכאַפּטן אָטעם, ווי זי וואָלט דורכגעלאָפֿן אַ לאַנגע דיסטאַנציע און געשלאָגן אַלע רעקאָרדן, און וואַרפֿט זיך גלײַך אַרוף מיט טײַנעס אָף מײַן טעלעפֿאָן: — וואָס איז עס באַ דיר פֿאַר אַ טעלעפֿאָן? אָדער ער איז פֿאַרנומען, אָדער דו נעמסט ניט דאָס טרײַבל... איך קלינג שוין עפּשער אַ האַלבע שאָ, ביז איך האָב זיך קוים דערקלונגען... און נעכטן האָב איך געקלונגען... אומזיסט... און אײערנעכטן...

איך נעם זיך אָן פֿאַר מײַן טעלעפֿאָן:

— כוץ דיר, דערקלינגט זיך צו מיר יעדערער, ווער עס וויל. און איך דערקלינג זיך אויך, וווהין איך וויל. הײַנט, צום בײַשפּיל, האָט מיר געקלונגען, — כ'רוף אָן דעם נאָמען פֿון מײַנער אַ כאַווערטע, — און האָט קיין שום שוועריקייטן דערבײַ ניט געהאַט... און נעכטן האָב איך עטלעכע מאָל געקלונגען: דורכגעקאָנטראָלירט, צי מײַן זייגער גייט ריכטיק, זיך דערוווסט אין דער סינאָפּטישער ביוראָ, וויפֿל מעטער פֿליט הײַנט דורך פּאַר אַ מינוט דער ווינט... כ'וואָלט, פֿאַרשטייט זיך, געוואָלט איר אויסלייגן אַ גרעסערע רעשימע, פֿון די, וואָס האָבן מיר געקלונגען, נאָר מײַן טעלעפֿאָן האָבן קיין סאַך מיטשמועסער ניט מאַטריעד געווען און עס בלײַבט מיר נאָר איבערלייגן די שולד פֿון מײַן טעלעפֿאָן אָף אירן:

— ווי דו זעסט, איז באַ מיר אַ גוטער טעלעפֿאָן, — זאָג איך, — דײַן טעלעפֿאָן טויג אָף קאַפּאָרעס.

דער אויספֿיר געפֿעלט איר, מאַכמעס איך הער, ווי פֿריילעך מײַן טעכטערל צעלאַכט זיך, און זאָגט: „מאַמע, וואָס מאַכסטו? ווי פֿילסטו זיך? דער מיזיניק מײַנער..."

זי האָט אַ טראַכט געטאָן, אַז ער קאָן נאָך מיינען, אַז זי קלאָגט זיך אָף אירע טײַערע קינדער, האָט זי געזאָגט:

— אַקלאָל, צום אָמעד רופֿן זיי מיך ניט אוף. וואָס זשע, זיי ווייסן ניט, אַז פֿרויען רופֿט מען ניט אוף?

ער איז אַרײַן אינעם שטיבעלע און געלאָזט אָפֿן די טיר. זי איז אָפּגעגאַנגען אין אַ זײַט און דערזען, ווי דאָס טירל האָט פּאַמעלעך זיך אָנגעהויבן פֿאַרמאַכן, דערנאָך האַרט זיך פֿאַרקלאַפּט. ווי אָפּגעגרייזעט אים פֿון איר. נאָר אין אַ מינוט אַרום איז ער שוין געשטאַנען אָפּן שוועל פֿונעם שטיבעלע און אַ שײַנענדיקער אָנגעזאָגט:

— מײַן זון האָט געבעטן איבערגעבן דיר אַ גרוס, — און צוקומענדיק נעענטער: — ער ווייסט וועגן דיר...

זי האָט אַ רעגע זיך געקווענקלט. דערנאָך האָט ער דערהערט:

— מײַנע קינדער ווייסן אויך וועגן דיר.

זיי האָבן לאַנג שפּאַצירט איבער די שפּעט־אָוונטיקע גאַסן. מער געשוויגן, ווי גערעדט. צוקומענדיק צום ראָג פֿון קרעשטשאַטיק און קאַלינין־פּלאַץ, דאָרט, ווו עס שטעלט זיך אָפּ „איר" טראָלייבוס, האָט זי געזאָגט:

— ס'איז שוין שפּעט, דו ביסט אויך געוויס מיד... אָן גייט פֿונקט מײַן טראָלייבוס... דו דאַרפֿסט, דאַכט זיך, פֿאָרן מיטן זעכצנטן?

— אַ שיינע מײַסע, — האָט ער געזאָגט, — וואָס בין איך געוואָרן אויס דזשענטלמען צי וואָס?

אין דער שפּעטער שאָ זײַנען אין טראָלייבוס קימאַט אַלע בענק געווען פֿרײַ. אין עקסטן ווינקל, אַרײַנגעצויגן דעם קאָפּ אין די פּלייצעס, האָט געדרעמלט אַ באַכער. אָף אײנער פֿון די מיטלסטע בענק האָט אַ יונגע פֿרוי, ניט זשאַלעווענדיק די אויגן, געלייענט אַ בוך באַ דער שײַן פֿון מאַטאָוון טראָלייבוס־לעמפּל.

זי האָט זיך אָוועקגעזעצט בא א פענצטער, ער — לעבן איר.

געזעסן איז ער ניט באַקוועם, אַפּן סאַמע ראַנד פון דער באַנק. צווישן זיי איז געבליבן פּלאַץ עפּשער פאַר נאָך א פּאַסאַזשיר. דער טראַליִיבוס איז ניט געפאָרן — ער איז געפלויגן, פּונקט ווי אַלע טראַליִיבוסן פון שטאָט וואָלטן זיך געיאָגט נאָך אים און ער האָט געמוזט זיך ראַטעווען, אַנטלויפן פון זיי. מיט יעדער מינוט האָט זיך דערנעענטערט איר שטוב, און עס האָט זיך איר מיטאמאָל אָנגעהויבן דאַכטן, אַז ניט בלויז דער טראַליִיבוס פליט צו איר שטוב, נאָר די שטוב איז אויך אַרויסגעלאָפן אַנטקעגן דער יאָגנדיקער מאַשין.

זי האָט געטראַכט:

נו, יאָגט די מאַשין... אַרייַנקומענדיק אין טראַליִיבוס, האָט זי דאָך געוווּסט, אַז אײַנגיכן וועט זי זײַן בא איר שטוב. זיי וועלן אַראָפּשטײַגן, און לעבן דער פּאַראַד־טיר וועט זי אויס־שטרעקן די האַנט:

— א גוטע נאַכט...

און שוין.

פאַרוואָס עפּעס „שוין?“ עפּשער וועט ער זאָגן:

— איצט ווייס איך שוין, אין וואָס פאַר א הויז דו וווינסט. איך וואָלט נאָך וועלן וויסן די דירע...

און עפּשער וועט ער באַם געזעגענען זיך בלויז ווינטשן איר א גוטע נאַכט...

איז עס אויך ניט מעסוקן. זיי וועלן זיך נאָך באַגעגענען. אומבאַדינגט. ווו? ווען? דאָס ווייסט זי ניט. עפּשער אין א שטוב בא זײַערע פרײַנט, אַזוי ווי הײַנט. עפּשער וועט ער איר אָנקלינגען און אײַנלאַדן אין טעאַטער, אָף א קאָנצערט, אָף א בלומען־אויסשטעלונג, צי אינעם באָטאַנישן גאָרטן, ווען עס וועט בליִען דער בעז...

און אויב ניט?

אויב ניט — איז דער הימל סײַווי ניט בא דער ערד.

זײַן טעלעפאָן־נומער ווייסט זי. ווייסט שוין לאַנג. זי האָט אים פּאַשעט ביז איצט קיינ־מאָל ניט געקלונגען. און איצט — איצט איז עפּעס אַנדערש. אין איינעם א שיינעם אָוונט —

עפּשער וועט עס זײַן א ווינטער־פאַרנאַכט, ווען זי וועט דורכן פענצטער דערזען א בלענדיק־ווײַסע וועלט, גאָלדענע שנייעלעך וועלן ווימלען אַרום די לאַמטערנס, א טאַטע צי א מאַמע וועלן פירן פאַרבײַ איר שטוב א קינד אָף א שליטעלע... אָדער א מילדער פרילינג־דיקער אָוונט, ווען די קינפּטיקע בלעטער אָף די ביימער וועלן זיך נאָך קוטען אין זײַערע קלעפּיקע קנאָספן־העמדעלעך, ווען מילי־מיליאַסן גרעזעלעך וועלן, צעשפּאַרנדיק די ערד, נאָך ניט זיכער אַרויסקריכן אָף דער ליכטיקער שײַן, צי א זומער־פאַרנאַכט, ווען אין דער־בײַיקן סעדל וועלן זיך צעבליִען די לינדנביימער און מיט זייער זיסן דופט פאַרשיקערן אַזוי, אַז עס זאָל זיך פאַרדרייען דער קאָפּ, צי גאָר אַן אומעטיקער, טיף־האַרבסטיקער אָוונט, ווען רעגנדלעך וועלן פּויקן און פּויקן אין די שויבן, מיט זײַערע קאַלטע און שווערע קײַלעכלעך אַראָפּרײַסן די לעצטע בלעטער אָף די צווײַגן און אויסשפּרייטן מיט זיי די ערד...

אין איינעם א שיינעם אָוונט וועט זי צוגיין צום טעלעפאָן און אָנקלינגען אים. ווען זי וועט הערן, ווי דער טעלעפאָן, שאַלנדיק, רופט אים, וועט זי עפּשער גאָר כאַראָ־טע קריגן, וואָס זי האָט אים אָנגעקלונגען, ס'קאָן זײַער זײַן, אַז עס וועט אַפילע דורכלויפן א געדאַנק: „אָט וועל איך אָוועקלייגן דאָס טרײַבל צוריק אין זײַן נעסט... און אויס...“

נאָר זי וועט דאָס טרײַבל ניט אָוועקלייגן, זי וועט עס האַלטן שטאַרק־שטאַרק מיט אירע ציטערנדיקע הענט, דריקן עס צום אויער און אָנגעשטרענגט וואַרטן. ווען זי וועט דערהערן זײַן שטים: — „האַלאָ“... אָדער „איך הער“... אָדער „יאָ“... — זי ווייסט דאָך ניט, וויאַזוי ער ענטפערט אָפּן רוף פון טעלעפאָן, — וועט זי, סטאַרענדיק זיך ניט אַרויסווײַזן איר אומרו, שטיל־שטיל זאָגן:

— דאָס בין איך...

— דו קלינגסט פון דער היים? — וועט ער בא איר פרעגן. זי וועט שווײַגן, ווײַל פון אופרעגונג וועט זי ניט קאָנען ריידן, — דערלויב מיר קומען, — וועט זי דערהערן און ניט גלייבן די אייגענע אויערן.

זי וועט זיך סטאַרען נעמען אין די הענט, נאָר סײַווי וועט זי ענטפערן קימאַט שעפּטשענ־דיק:

— ביטע... כ'וועל וואַרטן...

— לאַנג וואַרטן וועט דיר ניט אויסקומען... — וועט ער זאָגן, — איך לויף שוין.

פאַרוואָס קאָן אַזוינס ניט זײַן? עס קאָן זייער זײַן.

מארק ראזומני

דער זעץ מיטן פויסט

די ליטעראטן זיינען געזעסן אין קאפע און האבן בא א גלאז וויין ערנסט און אין א וויץ ארומגערעדט קאלעריי שרייבערישע איניאנים. דערביי איז געקומען צו רייד וועגן איינער א נאוועלע, וואס איז לעצטנס אפגעדרוקט געווען אין א זשורנאל.

— אין טאך גענומען, איז די נאוועלע ניט קיין שלעכטע, — האט איינער פון די מיט־שמועסער, דער נאוועליסט, געזאגט. — א שאד איז נאר, וואס אין איר איז קיין סאף ניט פאראן...

— וואס הייסט „קיין סאף ניט פאראן"? די נאוועלע איז דאך פארענדיקט! און אף וואס פאר א סאף האסטו געווארט?

— ווילסט וויסן, אף וואס פאר א סאף איך האב געווארט?! — האט דער נאוועליסט אויס־גערופן, און דערביי א זעץ געטאן מיטן פויסט איבערן מירמלנעם טישל, אז די פלעשער און די גלעזער האבן מיט א גערדיבזל זיך צעטאנצט, און די שכיינים פון די דערבייִיקע טישלעך האבן אופגעציטערט. — אט אף וואס פאר א סאף! א נאוועלע מוז פארענדיקט ווערן מיט א זעץ מיטן פויסט! דערמאנט זיך נאר די ווערטער פון דעם אלטן געטע: א נאוועלע, האט ער געזאגט, איז א באשרייבונג פון אן אויסטערלישער פאסירונג! איר הערט? אן אויס־טער־לי־שער! און וויבאלד אן אויסטערלישער — דאס זאג איך שוין — מוז איר סאף אויך זיין אויסטערליש, ער מוז איבעראשן און אופטרייסלען, אזוי ווי א זעץ מיטן פויסט!

איז אוועק א שמועס וועגן דעם, וויאזוי א נאוועלע דארף, אייגנטלעך, פארענדיקט ווערן. דער נאוועליסט האט געוואלט ניט אנדערש ווי א זעץ מיטן פויסט; דער דראמאטורג האט געהאלטן פון א סאף ווי אן אומדריי פון שליסל; דער קריטיקער, ווידער, האט געפאדערט אזא סאף, וואס זאל מיט זיין אומדערווארטקייט זיין בעקויעך אנידערוואליען אן אקס פון די פיס...

— איבער וואס אמפערן מיר זיך? — האט דער דראמאטורג איבערגעריסן דעם שטרייט, — איבער דעם, וויאזוי אנצורופן דעם סאף? אבער איך זע דאך, אז מיר האלטן זיך אלע בא דער זעלביקער מיינונג, אז א באנאלער סאף איז לאנגווייליק און אנטשפרעכט ניט דעם כאראקטער פון א נאוועלע! וואלט, לויט מיין מיינונג, גלייכער געווען, אנשטאט אט די אבסטראקטע רייד־דערייען, פארלייגן אזעלכע נאוועלן, וואס זאלן דינען ווי אן איליוסטראציע. איז לייג איך דעריבער פאר, יעדער איינער פון אונדז זאל דערציילן א נאוועלע — אלציינס, צי אן אויס־געלייענטע, צי אן אויסגעטראכטע, צי אן איבערגעלעבטע, נאר אזא נאוועלע, וואס פארענדיקט זיך מיט א זעץ מיטן פויסט, צי מיט אן אומדריי פון שליסל, אדער גאר מיט אזא סאף, וואס זאל קאנען אנידערוואליען אן אקס פון די פיס. און עפשער גאר אלע דריי זאכן צוזאמען! מאסקים? — און ער האט צוגעגעבן: — און אזוי ווי דער דאזיקער ניט גאר קרומער פאר־שלאג איז מיינער, נעם איך זיך דאס רעכט אלס ערשטער צו דערציילן א נאוועלע, וואס איך האב אמאל ערגעץ געלייענט און וואס האט זיך מיר ביז היינט פארגעדענקט. טאקע צוליב איר אומדערווארטן, איבעראשנדיקן סאף. ווילט איר הערן?

און ער האט דערציילט אן אויסטערלישע געשיכטע וועגן דעם, ווי איינמאל האט א רוימישער לעגיאנער, וואס איז געשטעלט געווארן אף דער וואך אפצוהיטן טליעס מיט פיר אופגעהאנגענע, האט, שטייענדיק אף זיין פאסטן, פלוצלינג דערהערט א געוויין, וואס האט זיך דערטראגן פון דעם דערבייִיקן צווינטער. אוועק אהין, האט ער דארט געפונען א פרוי ליגן איבער א קיווער־בערגל און יאמערלעך וויינען. דער לעגיאנער האט זי אופגעהויבן, בארויקט, און זי האט דורך טרערן דערציילט, אז דא, אונטער דעם בערגל, איז באגראבן איר מאן, וועמען זי באוויינט טאג און נאכט, ווייל זינט ער איז געשטארבן, איז שוין פאר איר אין לעבן מער קיין טרייסט ניט פאראן. אבער עס האט זיך געמאכט אזוי, אז זי האט יא געפונען א טרייסט אין די ארעמס פון דעם לעגיאנער טאקע אף דעם זעלביקן בערגל, אונ־טער וועלכן איר אזוי ביטער באוויינטער מאן איז באערדיקט געווען... נאר ווען נאכן רויש פון דער נאכט האט דער לעגיאנער סאפקאלסאף זיך דערמאנט אין זיינע פליכטן און איז אוועק א קוק טאן, ווי עס האלט מיט די טליעס, האט ער צו זיין גרויסער שרעק געפונען דארט נאר דריי געהאנגענע — דער פערטער איז פארשוווּנדן! און קעדיי די צאל פיר זאל

שטימען, האָט ער, צוזאמען מיט דער אַלמאַנע, אויסגעגראָבן פון קיווער איר אומפאַרגעסלעכן מאַן און אופגעהאנגען אים אַנשטאָט דעם פערטן פאַרשוווּנדענעם...

— אַט אזעלכע זײַנען זיי, די ווײַבער! — האָט דער קריטיקער אופגעזיפצט, — מ'קאָן גאָרניט זאָגן: דער סאָף איז גוט... און איצט, נאָך דעם ווי מיר האָבן אויסגעהערט די נאָוועלע פון אונדזער כאָווער, וועל איך אויך דערציילן א נאָוועלע, וואָס איך האָב אַמאָל געלייענט, און זי האָט זיך מיר פאַרקריצט אין זיקאָרן. מײַן נאָוועלע איז פון אַן אנדער מין. זי שפּילט זיך ניט אָפּ אין א צווינטער און אויך ניט אין די אַנטישע צײַטן. איר האַנדלונג קומט פאָר אין אַן אַריסטאָקראַטישער הײַנטצײַטיקער ווילע, און די העלדן אירע זײַנען ניט קיין ליבע־פולע לעגיאָנערן און ניט קיין וויסטע אַלמאַנעס... נו, איר וועט אַליין הערן:

— אין איינער אַן אַריסטאָקראַטישער ווילע האָט אין א שפּעטער באַנאַכטיקער שאָ מיט־אַמאָל זיך שטאַרק צעבילט ,דאָס שטוביקע הינטל — א סימען, אז אין שטוב האָט זיך אַרײַנ־געכאַפּט א גאַנעוו. די גאַנצע מישפּאָכע און דער פּערסאָנאַל באַדינער האָבן צעשראָקענע זיך אופגעכאַפּט פון שלאָף, אַלע זײַנען אַרויסגעלאָפן פון זייערע צימערן און מ'האָט גענומען זוכן און נישטערן, און ענדלעך האָט מען ערגעץ אין קיך געפונען א באַהאַלטענעם מאַנצביל — דעם קאַוואַליער פון דער קעכן. פאַרשטייט זיך, אז דער אופגערעגטער באַלעבאָס האָט טייקעף אַרויסגעטריבן דאָס זינדיקע פּאָרל, די זיטלעכקײַט איז אופגעשטעלט געוואָרן, און דער גאַנ־צער צערודערטער אוילעם איז זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען, יעדער צו זיך אין צימער, יעדער האָט זיך געלייגט אין זײַן בעט. אָבער קאָן מען דען רויק אײַנשלאָפן נאָך אזא שענדלעכער געשעעניש, וואָס האָט צעטרייסלט די יעסוידעס פון מאָראַל און אַנשטענדיקײַט, און נאָך אין אזא רעספּעקטאַבעלן הויז? און קעדיי זיך צו בארויקן, האָט יעדער איינער אַרײַנגענומען צו זיך א בײַשלאָפער: דער באַלעבאָס — די פראַנצויזישע גוווערנאַנטקע, די באַלעבאָסטע — דעם שאָפער, דער עלטערער זון — דאָס קאַמער־מיידל, די עלטערע טאָכטער — דעם הויזלערער...

נאָכן היפּשן אויסלאַכן זיך איבער דעם דאָזיקן אומדערוואַרטן סאָף, האָט דער נאָוועליסט אַרויסגעזאָגט זײַן מיינונג וועגן די ביידע געשיכטעס, דאָס הייסט וועגן דעם, ווי זיי האָבן זיך פאַרענדיקט.

— יאָ, — האָט ער געזאָגט, — ביידע דערציילטע נאָוועלן האָבן זיך טאַקע פאַרענדיקט, ווי עס פאָדערט זיך: אומגעריכט און איבעראַשנדיק. אָבער...

— וואָס „אָבער"? — האָבן די אַנדערע צוויי אומגעדולדיק געפרעגט.

— אָבער די דאָזיקע סאָפן, — האָט ער דערקלערט, — זײַנען דאָך צוגעטראַכטע! עמעס, זיי זײַנען טאַקע איבעראַשנדיק, אַט אזוי ווי עס פאָדערט זיך, אָבער מ'דאַרף ניט פאַרגעסן אז זיי זײַנען אויסגעטראַכט געוואָרן דורך שאַרפזיניקע ליטעראַטן. אָפטמאָל אָבער זעען מיר, ווי דאָס לעבן אַליין קאָן אָן דער הילף פון א וועלכן־ניט־איז אויטאָר צוטראַכטן אזא איבע־ראַשנדיקן סאָף, צו וועלכן קיין שאַרפזיניקער שרײַבער וועט זיך ניט דערטראַכטן! ווי עס האָט פּאַסירט מיט מיר. אָט וועל איך אײַך דערציילן א געשעעניש פון מײַן אייגענעם לעבן, און דעמלט וועט איר זיך איבערצײַגן אין דעם. און דערצו איז אין מײַן פאַל דאָס לעבן געגאַנגען נאָך ווײַטער און האָט צוגעטראַכט ניט בלויז אַן איבעראַשנדיקן סאָף, נאָר אויך אַן אומדער־וואַרטן מיטן און אַן אומגעריכטן אָנהייב. דאָס הייסט: גאַנצע דרײַ זעץ מיטן פויסט! און ווען איר וועט דאָס אויסהערן, וועט איר אַליין אורטיילן, ווער ס'איז א גרעסערער מײַסטער: די ליטעראַטור, צי דאָס לעבן.

און ער האָט אָנגעהויבן:

— אין מײַנע יונגע יאָרן איז מיר אויסגעקומען א געוויסע צײַט לעבן אין דײַטשלאַנד, אין האַמבורג, ווו איך האָב געאַרבעט אין א באַנק און אין די אָוונטן, אַלס פרײַער צוהערער, באַזוכט לעקציעס אין אוניווערסיטעט. אין דער דערבײַיקער שטאָט ליובעק האָט געוווינט מײַנע א מומע, מײַן פאָטערס א שוועסטער, וואָס אַדאַנק איר בין איך טאַקע געקומען קיין דײַטשלאַנד: זי האָט געהאַלטן אין איין שרײַבן צו מײַן פאָטער „שיק אַריבער דײַן יינגל צו אונדז קיין דײַטשלאַנד, דאָ וועט ער ווערן א לײַט". זי איז אזוי לאַנג צוגעשטאַנען צו מײַנע עלטערן, ביז זי האָט זיי ענדלעך אײַנגערעדט, און זיי האָבן מיט א שווער געמיט אָפּגעלאָזט דעם בעניאָכיד. וועט איר פרעגן, ווי קומט די מומע קיין דײַטשלאַנד? דאָס איז געווען אין די אַכציקער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט, ווען אין רוסלאַנד זײַנען אויסגעבראָכן די שווי־דערלעכע פּאָגראָמען, און יידן האָבן מאַסנווײַז אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע. דעמלט האָט די מומע — הענע האָט זי געהייסן — צוזאַמען מיט איר מאַן, א געוועזענעם יעשיוועבאָכער, אויך פאַרלאָזט די אַלטע היים, אָבער אָפּן וועג האָבן דײַטשישע יידן איבערגערעדט איר מאַן צו בלײַבן אין דײַטשלאַנד, און דאָס יונגע פּאָרל האָט זיך באַזעצט אין ליובעק, ווו דער געוועזענער יעשיוועבאָכער איז געוואָרן א כאַזן און א שויכעט. איצט איז די מומע שוין

זינט יאָרן געווען אַן אַלמאָנע, אויסגעהאַלטן דורך אירע זין, רײַכע קויפלײַט, און ווען בא איר פּאַטער (און מײַן זיידן), דעם זשאַגערער ראָוו, איז געשטאָרבן זײַן רעבעצן, האָט די טאָכטער אים אַריבערגענומען צו זיך קיין ליובעק. די ליובעקער געמיינדע האָט אים אָפּגעגעבן גרויס קאָוועד, און ער איז דאָ, בא דער זײַט פון דעם אָפּיציעלן ראַבינער ד״ר קאַרלעבאַך, געוואָרן דער ניט־אָפּיציעלער ראָוו און גענומען פירן אַף די וועגן פון ייִדישקייט די דײַטשמערישע ליובעקער ייִדן... נו, ווי איר זעט, בין איך אַ ביסל פאַרפאָרן קיין בויבעריק, נאָר אַזוי־ווי מײַן נאָוועלע וועט זײַן אַן אווטאָבײאָגראַפישע, איז מיר שוין אויסגעקומען אײַך צו באַקאַנען מיט אַ קאַפּיטל פאַמיליע־כראָניק.

— האַלטן מיר, הייסט עס, בא דעם זיידן, וועלכער איז אין ליובעק געוואָרן, ווי די דײַטשן רופן דאָס, „זעעלזאָרגער״, דאָס הייסט „נעשאָמע־פאַרזאָרגער״. פאַרשטייט זיך, אַז, זאָרגנדיק פאַר דער ייִדישקייט פון די ליובעקער ייִדן, האָט דער זיידע שוין אוודאי ניט דורכגעלאָזט די געלעגנהײַט צו זאָרגן אויך פאַר דער ייִדישקייט פון זײַן אייניקל, וועלכער איז צו יענער צײַט אַראָפּגעקומען קיין האַמבורג, אַרבעט דאָרטן אין אַ באַנק, אוודאי אויך אום שאַבעס (דעם זיידן האָט מען, נאַטירלעך, ניט אויסגעזאָגט דעם ביטערן עמעס, אַז איך אַרבעט טאַקע אום שאַבעס, נאָר אַזוי ווי קיין בלינדער פאַנאַטיקער איז ער ניט געווען און פאַרשטאַנען האָט ער, אַז דאָס איז די פאָדערונג פון דער צײַט, האָט ער זיך געמאַכט ניט ווייסנדיק...). און קעדיי איך זאָל ניט פאַרגעסן מײַן ייִדישקייט, האָב איך אַלע פרײַע זונטיק געמוזט פאַרברענגען באַם זיידנס זײַט אין ליובעק, און אין דעם טאָג האָט ער מיט מיר געלערנט אַ בלאַט געמאָרע, מיך אַרײַנגעפירט אין דער וועלט פון מוסער און מיך פאַרזאָרגט מיט אַזויפיל ייִדישקייט, עס זאָל מיר קלעקן אַף דער גאַנצער גאָישער וואָך אין האַמבורג... און דאָ וועל איך אײַך אויסזאָגן אַ סאָד, אַז האַגאַם איך האָב מײַן זיידן ליב געהאַט און געאַכטעט, וואָלט איך פונדעסטוועגן מיט אַ גרעסערן כיישעק פאַרבראַכט דעם פרײַען זונטיק מיט מײַנע האַמבורגער יונגע פרײַנט, און באַזונדערס מיט די פרײַנדנס... און מיינט איר, אַז בא זײַן קלוגשאַפט האָט דער זיידע ניט פאַרשטאַנען מײַנע שטימונגען? אוודאי יאָ, און איינמאָל האָט ער מיר טאַקע געזאָגט: „איך ווייס, מײַן קינד, איך ווייס, אַז דיר ווילט זיך בעסער פאַרברענגען דײַן פרײַען טאָג מיט יונגווארג... איך פאַרשטיי דיך זייער גוט, אָבער דײַן קומען צו מיר איז מיר אַ גרויסע פרייד אַף די אַלטע יאָרן, איז טו מיר דאָס, קאַלזמאַן איך לעב...״ (אין קלאַמערן גיב איך צו, אַז וועגן דעם דאַזיקן שמועס דערצייל איך, קעדיי איר זאָלט באַקומען אַ פאַרשטעלונג פון דעם, וואָס פאַר אַ מענטש מײַן זיידע איז געווען, וויפל פאַרשטענדעניש ער האָט געהאַט פאַר די געפילן פון אַ יוגנטלעכן — און דאָס אין עלטער פון איבער 90 יאָר! און ווען איר וועט דאָס אײַנזען, וועט אײַך שוין פאַרשטענדלעך זײַן דער איקער, צו וואָס איך פיר: דער זעץ מיטן פויסט, אָדער אפילע נאָך מער — דאָס אַנידערוואַרפן דעם אָקס פון די פיס).

— קלאָר, אַז, הערנדיק אַזעלכע ווערטער, האָב איך זיך שוין פאַרגענומען אַף לעהאַבע טאָג דעם ווילן פון מײַן גוטן, קלוגן זיידן, און מער ניט באַטראַכט די זונטיקדיקע גאַסטראָלן קיין ליובעק ווי אַ שווערע לאַסט... האָב איך שוין יעדן שאַבעס־אָוונט, איך און דער זעלבער צײַט, זיך געזעצט אין דעם גלײַכן שנעלצוג, וואָס האָט מיך אין אַ קנאַפּער שאָ אַרום מיך געבראַכט קיין ליובעק, כ׳בין אוועק צו דעם באַשיידענעם דירעלע אַף דער גאַס „מיר־לענבריקע״, ווו דער זיידע, די מומע און דאָס גאַנצע הויזגעזינד האָבן שוין געוואַרט אַפן אַנקום פון דעם גרויסשטאָטישן גאַסט.

אַזוי איז צוגעגאַנגען אין מעשעך פון אַ לענגערער צײַט אָן שום שטערונגען. איך בין אָנגעקומען יעדן שאַבעסנאַכט פּינקטלעך, ווי אַ זייגער, און דער זיידע און די מומע האָבן געשעפּט פון מיר נאַכעס... דאַרף זיך אָבער מאַכן איינמאָל אין אַ ווינטערדיקן שאַבעס אָפּדער־נאַכט, ווען איך בין ווי שטענדיק געגאַנגען צום וואָקזאַל, אַז צופעליק איז מיר אַנטקעגנגעקו־מען פרוילײַן אַמאַנדאַ פרענצלאַו, זייער אַ שיינע סטודענטקע, צו וועלכער איך בין געווען ניט אײַנגאַנצן גלײַכגילטיק. איך האָב זיך באַגריסט און שוין געוואָלט (כ׳בין זיך מוידע — ניט שטאַרק געוואָלט...) ווײַטער גיין. אָבער זי האָט מיך פאַרהאַלטן און מיט פרייד אויסגערופן:

— אַ גליקלעכער צופאַל האָט דיך געבראַכט אַף מײַן וועג! מוטי מיר הײַנט צו־געשיקט פון איר מעקלענבורגער דאָרף אַ מאַטאָנע, אַ פּעקעלע מיט גוטע זאַכן, און איך קאָן זיך פאַרגינען אַ הוליע טאָן. איז לאַד איך דיך אײַן צו מיר, צום אָוונט־עסן.

איך האָב באַדאַנקט און מיט אַ שווער האַרץ זיך אַנטשולדיקט, אַז ליידער קאָן איך די אײַנלאַדונג ניט אָננעמען, ווײַל איך מוז פאָרן קיין ליובעק צו מײַן „גראָספּאַטער״. אָבער אַמאַנדאַ האָט פון דעם גאָר ניט געוואָלט הערן.

— ווי? — האָט זי זיך באַליידיקט. — דו זאָגסט זיך אָפּ צו פֿאַרברענגען מיט מיר דעם אָוונט? וואָס האָט דיר אַזוי אָנגעברענט דער גראָספֿאָטער? און איז דאָס טאַקע אַן עמעסער „אַפּאַפּאַ"? איך קען דאָך דיר! — און זי האָט אַ ביינעווודיקן ווערן געטאָן מיטן פֿינגער, — זע נאָר, ווי שיין דער אָוונט איז! לאָמיר זיך אַ ביסל דורכשפּאַצירן, נאָכדעם וועלן מיר אַרײַנגיין צו מיר צום עסן, און צו דײַן אַפּאַפּאַ וועסטו פֿאָרן מיט אַ פּאָר שאָ שפּעטער!

אַוודע איז דער ניסאָיען געווען ניט קיין קליינער: פֿון איין וואָגשאָל האָט אַראָפּגעקוקט דער זיידע מיטן בלאַט געמאַרע און מיט די מוסער־ספֿאָרים, און פֿון דעם צווייטן האָט פֿאַרפֿירעריש אַראָפּגעווונקען די שיינע אַמאַנדאַ... האָב איך זיך אַ רעגעלע געקווענקלט, אָבער צום סאָף דעם ניסאָיען ניט בײַגעשטאַנען און נאָכגעגעבן דעם יעיצערהאָרע.

מיר האָבן לאַנג שפּאַצירט איבער דעם פּרעכטיקן האַרוועסטעהודעראָוועג, וואָס איז געלעגן פֿאַרכאַלעמט אין לעוואַנע־שײַן און זיס געדרעמלט אונטער דעם פּוכיקן, פֿאַר האַמבורג אַזוי זעלטענעם, שניי. מיר האָבן זיך געוואָרפֿן מיט שניי־גאָמלקעס, זיך געגליטשט און געשטיפּט, און נאָכן היפּשן אָנשפּילן און אָנפֿרירן זיך אַרײַן אין אַמאַנדאַס וואַרעמען, געמיטלעכן צימער, זיך צוגעזעצט צום שיין געדעקטן טיש — און איז דען אַ וווּנדער, אַז בײַ דעם זעטיקן מאָלצײַט, וואָס איז אין יענע אינפֿליאַציע־יאָרן אין דײַטשלאַנד געווען ניט פֿון די אַפּטע פֿאַרגעניגנס, און אונטערן רויש פֿון דעם דאַרפֿישן היימגעשטעלטן ווײַן, און דערצו נאָך אין דער געזעלשאַפֿט פֿון דער רייצנדער און ניט צו שטרענגער פֿרוילײַן האָט מײַן צוואַנציקיאָריק בלוט אופֿגעזאָדן?.. און געענדיקט האָט זיך דער דאָזיקער שיקערער אָוונט דערמיט, וואָס איך האָב פֿאַרגעסן אַלץ אין דער וועלט, זיך אָפּגעזאָגט פֿון דער נעסיע קיין ליובעק און געבליבן בײַ מײַן אַמאַנדאַ...

— געוויס איז דאָס אַ שיינע געשיכטע! — האָט דער קריטיקער זיך אָנגערופֿן נאָכדעם, ווי דער דערציילער האָט פֿאַרענדיקט און זיך אָף אַ ווײַלע פֿאַרטראַכט, ווי זיך איבערגעבנדיק זײַנע זיכרוינעס. — און זאָגן דיר דעם עמעס: ווען איך בין ייִנגער, וואָלט איך דיר טאַקע מעקאַנע געווען... אָבער אין אונדזער הײַנטיקער טעמע פּאַסט זיך דאָס ניט אינגאַנצן אַרײַן! ווײַל — איז דען אָט דער באַנאַלער סאָף יענער זעץ מיטן פֿויסט, וואָס דו אַליין האָסט געפּאָדערט? צי שוין זשע...

— שאַ־שאַ, כאַפּ ניט! — האָט דער נאָוועליסט אים איבערגעשלאָגן, — דער זעץ מיטן פֿויסט קומט נאָך, און זײַן וועט דאָס ניט בלויז איין זעץ, נאָר גאַנצע דרײַ, ווי איך האָב צוגעזאָגט. איז הער געדולדיק אויס, וואָס נאָכדעם איז געשען!

און ער האָט ווײַטער דערציילט:

— די וווּנדערלעכע נאַכט איז גיך פֿאַרפֿלויגן, און דערמאָנט זיך, ווו איך האַלט אין דער וועלט, האָב איך ערשט דעמלט, ווען דורך די שפּאַלטן פֿון דעם פֿענצטער־פֿאָרהאַנג האָט מיט אַ כמורנעם אויג שוין אַרײַנגעקוקט דער פֿאַרטאָג. דאָ האָט מיר מיטאַמאָל אַ צופּ געטאָן באַם האַרצן, און כ'בין אופֿגעשפּרונגען, געשווינד אַרײַן אין מײַנע מאַלבושים, און, אַפֿילע זיך ניט געזעגענענדיק מיט דער שלאָפֿנדיקער אַמאַנדאַ, הענדום־פּענדום אַרויסגעלאָפֿן פֿון שטוב און אין איין אָטעם זיך אַוועקגעלאָזט צום וואָקזאַל. דאָרטן איז צו מײַן גליק גראַד געשטאַנען אַ צוג, וואָס פֿירט קיין ליובעק. איך בין אַרײַן אין וואַגאָן, אויסגעזוכט אַ פּרײַ אָרט, זיך צוגעשפּאַרט צום וואַגאָן־ווענטל און טייקעף אײַנגעדרעמלט.

ווען מיך האָט אופֿגעוועקט דעם שאַפֿנערס אויסרוף „ליובעק!", איז שוין געווען גרויסער טאָג. איך בין אַרויס אָפּן באַקאַנטן וואָקזאַל, אין איין אָטעם אוועק צו דער מומעס דירע און האָב מיט אַ ציטערדיקער האַנט אָנגעקלונגען אין טיר־גלעקל. מײַן האַרץ האָט געקלאַפּט, ווי בײַ אַ גאַזלען, אין דערוואַרטונג פֿון דעם הארבן פּסק, וואָס כ'וועל דאָ באַלד אַרײַנכאַפּן... אָבער ווען די טיר האָט זיך פֿאַר מיר געעפֿנט, איז געשען עפּעס אַזוינס, וואָס האָט מיך אינגאַנצן דערפּלעפֿט: די מומע הענע, מײַן שטענדיק אַזוי שטרענגע און אויסגעהאַלטענע מומע, איז מיר אומדערוואַרט אַרופֿגעפֿאַלן אָפּן האַלדז און באַדעקט מיט קושן! און באַלד איז אויך דער זיידע אַרויסגעקומען פֿון זײַן צימער, האָט זיך אויך צעקושט מיט מיר און דורך טרערן געשעפּטשעט: „געלויבט איז האַשעם יִסבאָרעך! געלויבט איז זײַן נאָמען!"... און אָט איז זיך שוין צונויפֿגעלאָפֿן דאָס גאַנצע הויזגעזינד, און אַלע האָבן מיך מיט גרויס פֿרייד באַגריסט.

„וואָס טוט זיך דאָ?! — האָב איך אין צעטומלטקײַט געטראַכט. — וואָס איז די סימכע מיט מיר אַזוי גרויס? צי שוין זשע, — האָב איך אין זיך אַ שמייכל געטאָן, — קומט מיר אַזאַ קאַבאָלעס־פּאָנעם אין זכוס פֿון דער פֿאַרגאַנגענער נאַכט"...

א צײַט לאַנג בין איך געשטאַנען, ווי אַ ליימענער גוילעם, ניט געקאָנט קיין וואָרט אַרויסברענגען און נאָר זיך געלאָזט האַלדזן און קושן. ערשט ווען דער אַלגעמיינער אַזשיאָ־

טאָזש האָט זיך אַ ביסל אײַנגעלײגט, האָב איך באַקומען לאָשן און מיט אַ ציטערדיקער שטים געפרעגט, מיט וואָס האָב איך פאַרדינט אַזאַ באַגײַסטערטן אָפּנאַם?

האָט די מומע דורך טרערן אויסגערופן:

— דו פרעגסט נאָך? דו ביסט דאָך באַ אונדז אַ געפונענער! מיר זײַנען גליקלעך, וואָס מיר זעען דיך אַ לעבעדיקן!

מיט די ווערטער איז זי אַרײַנגעלאָפן צו זיך אין צימער, באַלד זיך צוריקגעקערט און מיר דערלאַנגט אַ צײַטונג. פאַר מײַנע אויגן האָט אַ שווינדל געטאָן אַן איבערשריפט מיט פעטע אויסיעס: „גרויסע אײַזנבאַן־קאַטאַסטראָפע אויף דער ליניע האַמבורג—ליובעק״, און דער טעקסט, וואָס איך האָב מיט אַ פאַרטײַעטן אָטעם איבערגעלײענט, האָט דערצײלט, אַז דער שנעלצוג האַמבורג—ליובעק איז נעכטן, 21 אַזייגער, אַראָפּ פון די רעלסן, זיך אַראָפּגעקײַקלט פון דעם הויכן באַן־אָנשיט, און דערבײַ זײַנען אומגעקומען צענדליקער מענטשן.

די צײַטונג איז מיר אַרויסגעפאַלן פון די הענט: מיט דעם זעלבן צוג האָב איך דאָך געזאָלט פאָרן! געזאָלט... ווען ניט אַמאַנדאַ!

— איצט פאַרשטייסטו שוין אונדזער פרייד? — האָט די מומע אין גרויס גערירטקייט געזאָגט. — מיר ווייסן דאָך, אַז דו פאָרסט שטענדיק מיט דעם צוג!

דעם גאַנצן טאָג האָט אין הויז געהערשט אַ יאָמטעוודיקע שטימונג, און אינאָוונט זײַנען אַראָפּגעקומען כאַשעווע געסט, די פּני פון דער ליובעקער געמיינדע, מ'האָט לעקאָוועד מיר אײַנגעאָרדנט אַ גאַנצן באַנקעט, אַלע האָבן מיר אָפּגעגעבן מאַזלטאָוו צו מײַן וווּנדערלעכער רעטונג, דער זיידע האָט פײַערלעך „געבענטשט מיט מיר גוימל״[1], מ'האָט געהאַלטן רעדעס און געלויבט דעם אײבערשטן, און איך האָב זיך דערבײַ געטראַכט, אַז ער האָט געהאַט אַ גוטן שוטעף, אָט דער אײבערשטער... און נאָר אײן זאַך האָט מיר געשראָקן: די מומע און דער זיידע זאָלן מיר ניט טאָן אַ פרעג, פאַרוואָס איך בין מיט אָט דעם שטענדיקן צוג מײַנעם ניט געפאָרן, און מאַכמעס וואָס פאַר אַ סיבע איך בין פאָריקע נאַכט ביכלאַל ניט געקומען קיין ליובעק — אַ זאַך, וואָס האָט ביז איצט מיט מיר קיינמאָל ניט פּאַסירט. נאָר מײַן שרעק איז געווען אַן אומזיסטע, ווײַל פון גרויס פרייד און אופגערעגטקײַט האָט מען אינגאַנצן פאַרגעסן מיר צו שטעלן אָט די נאַטירלעכע פראַגע. און איך בין אַרויס אַ טרוקענער...

דאָ איז אים דער דראַמאַטורג אַרײַנגעפאַלן אין די רייד:

— דעם עמעס געזאָגט, מײַן פרײַנט, דערמאָנט מיר די גאַנצע געשיכטע מיט דײַן וווּנ־דערלעכער רעטונג דעם באַרימטן „דוס עקס מאַכינאַ״ פון די אַנטיקע טראַגעדיעס, ווען דער גורל האָט זיך אַרײַנגעמישט און אָפּגעראַטעוועט דעם העלד פון אַן אומגליק... דאָס, וואָס עס איז מיט דיר געשען, איז טאַקע ווײַל און אינטערעסאַנט, נאָר איך זע דאָ ניט דעם געהעריקן סאָף, דעם זעץ מיטן פויסט, וועגן וועלכן מיר האָבן אָפּגעמאַכט צו ריידן. אונדזער טעמע איז דאָך — אַזאַ סאָף מיט אַזאַ זעץ, וואָס די העלדן דערלאַנגען אַליין, אָן דער הילף פון זײַטיקע קויכעס... ווײַסטו מיר אַנטשולדיקן, אָבער איך זע ניט אײן קיין שײַכעס צווישן דײַן וווּנדערלעכער רעטונג און דעם זעץ מיטן פויסט!

— האָסט אַ טאָעס! — האָט דער נאָוועליסט געזאָגט. — אַ שײַכעס איז פאַראַן, און אַ גרויסע שײַכעס! ווײַל אָן אָט דעם דעוס עקס מאַכינאַ, ווי דו רופסט עס אָן, אָן אָט דער שפּיל פונעם גורל וואָלט ניט געקומען צו יענעם איבעראַשנדיקן און אומדערוואַרטן סאָף, וועגן וועלכן איך וועל נאָך דערציילן! און דאָס וועט זײַן אַ סאָף מיט אַזאַ זעץ, וואָס קאָן בעעמעס אַנידערוואַליען אַן אָקס פון די פיס... איז הערט:

— ווען איך בין אין אַ וואָך אַרום ווידער געקומען קיין ליובעק און געמיינט, אַז אַלץ איז שוין פאַרגעסן און פאַרגעבן, און קיינער וועט זיך שוין צו דער פּאַסירונג ניט אומקערן, האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז ס'איז ניט אַזוי. און ווער, מיינט איר, האָט פונדאַסנײַ און גאָר אויף אַן אומגעריכטן אופן דאָס דערמאָנט? דאַפקע דער זיידע, וועמען ס'איז שוין גאַר באַוווּסט געווען מיט אַלע פּראַטים דער סאָד פון מײַן וווּנדערלעכער רעטונג! ווי־אַזוי איז דאָס געשען? שפּעטער האָב איך זיך דערוווּסט, אַז דער מומעס אַן אייניקל, אַ באָכער אין מײַנע יאָרן, פאַר וועמען איך האָב אין יענעם פײַערלעכן טאָג אין געהיים זיך געהאַט אויסבארימט מיט מײַן ניצאָכן, האָט — צי ווײַל ער האָט זיך געגרייסט מיט מײַן בעריעשאַפט „זעט, וואָס פאַר אַ העלדישן קאַרעוו איך האָב״, צי מיט דער בייזער קאַוואָנע מיר אונטערשטעלן אַ פיסל — אויסגעפּלאַפּלט מײַן סאָד פאַר אַלעמען, און אַזוי האָט זיך דאָס איבערדערציילט פון איינעם צום אַנדערן, ביז עס איז לעסאָף דערגאַנגען צום זיידן... און ווען איך האָב זיך געזעצט צום

---

[1] אַ בראָכע, וואָס ווערט געזאָגט נאָכן אויסמײַדן אַ סאַקאָנע.

טיש און ווי אַ פֿלײַסיקער טאַלמיד שוין געוואָלט זיך נעמען צום שיִער, האָט דער זיידע מיך אָנגעקוקט פֿון איבער די שפּאַקולן, און מיט זײַן שטילער, האַרציקער שטים געזאָגט:

— איך ווייס, מײַן קינד, איך ווייס אַלץ, וואָס מיט דיר האָט אין יענעם אָפּדערנאַכט פּאַסירט... און איך מוז דיר זאָגן, אַז איך האָב זיך פֿאַרטראַכט וועגן דעם, טאַקע גאָר שטאַרק...

דאָ איז מיר מײַן האַרץ אײַנגעפֿאַלן אין דערוואַרטונג פֿון אַ האַרבן אויסרייד, און עפּשער פֿון נאָך עפּעס ערגערס, ווי ביכלאַל אַרויסטרײַבן פֿון שטוב אַזאַ שאַלטעק, אַזאַ פּאַסקודניאַק... אָבער ס'איז געשען עפּעס גאָר אומדערוואַרטס! דער זיידע האָט מיך ערנסט און מילד אָנגעקוקט און געזאָגט:

— און ווייסט, מײַן קינד, צו וואָס פֿאַר אַ מאַסקאָנע איך בין געקומען? אַז... אַז דער נעס, וואָס איז זיך מיט דיר פֿאַרלאָפֿן, איז געווען ניט אַנדערש, ווי אַ צייכן מין האַשאָמאַיִם, און אַז... (ער האָט זיך פֿאַרהוסט און נאָכדעם שטיל און ווי זיך שעמענדיק אַרויסגעבראַכט) אַז... אַז אָט די... נעקייווע... וואָס איז געקומען אויף דײַן וועג און דיך פֿאַרהאַלטן... זאָלסט מיט יענעם צוג ניט פֿאָרן... איז געווען אַ שאַליִעך... יאָ, מײַן קינד, אַ שאַליִעך, וואָס די האַזשגאָכע פּראָטים, וועלכע באַגלייט אונדז אויף אַלע אונדזערע וועגן, האָט דיר געשיקט... געשיקט, קעדיי דיך צו ראַטעווען... דורך שטרויכלונג...

איך פֿאַרשטיי דאָך, אַז בײַ די ווערטער האָב איך לײַכטער אָפּגעאָטעמט! און נאָכדעם, ווי דער זיידע האָט אַזוי אומדערוואַרט אויף אַ געטלעכן אויפֿן געקאַשערט מײַן כעט, האָט ער זיך צוגעבויגן צו מיר, אין זײַנע אָדלער־אויגן, וועלכע האָבן אַפֿילע צו 92 יאָר ניט פֿאַרלאָרן זייער שאַרפֿן גלאַנץ, האָבן זיך צעשפּילט מאַמזערשע פֿײַערלעך, און מיט אַ שעלמישן שמייכל האָט ער אַ פֿרעג געטאָן:

— איז זאָג מיר נאָר, זון מײַנער, ביסטו צופֿרידן געווען זיך צו באַגעגענען מיט אַ שאַליִעך, וואָס האָט אָנגענומען גראָד אָט אַזאַ געשטאַלט?.. און עפּשער וואָלט דיר מער געווען צום האַרצן אַ שאַליִעך מיט באָרד און פּייעס, האַ? זאָג דעם עמעס... — און אַראָפּוויסנדיק דאָס שטיפֿערישע שמייכעלע פֿון זײַן ליבן פּאָנעם, האָט ער ערנסט צוגעגעבן: — יאָ, ביסט געשטאַנען פֿאַר אַ ניסאָיען און טאַקע אים ניט בײַגעשטאַנען באַאַווינעסיינו האָראַבים... אָבער דער ריבוינעשעלוילעם האָט דאָך אַזוי געוואָלט, און ער ווייסט דאָך שטענדיק, וואָס ער טוט. מיסטאָמע האָט געדאַרפֿט זײַן אַזוי, און ניט אַנדערש... איז בענטש איך דיך, זאָל די אייבערשטע האַזשגאָכע דיך טאָמיד היטן און באַשירעמען און, — ער האָט גוטברודעריש און, ווי מיר האָט זיך געדאַכט, מיט פֿיל פֿאַרשטענדעניש זיך צעשמייכלט, — זאָל דיר אַלע מאָל צושיקן אַזעלכע שעליכים... און אויב דו וועסט דערבײַ אַפֿילע געשטרויכלט ווערן אַ ביסל, וועט דער אייבערשטער אין זײַן גרויסן כעסעד דיר מויכל זײַן.

איך האָב נאָכגעזאָגט דעם זיידן וואָרט אין וואָרט און — זאָל מיר דאָס ניט פֿאַרעכנט ווערן פֿאַר קיין זינד — געטראַכט האָב איך דערבײַ וועגן אַמאַנדאַן און וועגן דעם, אַז אויך זי איז ניט באַשאַפֿן געוואָרן אומזיסט און אומניש...

און מיר דאַכט זיך, אַז מײַן גוטער, קלוגער און מיטן האַרצן יונגער זיידע האָט דערבײַ אויך דאָס אייגענע געטראַכט, און נאָך מער: אַז ער האָט דעם דאָזיקן פֿײַערעק טאַקע אומישנע אויסגעקליבן פֿאַר אונדזער הײַנטיקן לימעד...

— יאָ־אָ־אָ... — האָט דער דראַמאַטורג פֿילבאַדײַטנדיק אויסגעצויגן דעם „יאָ" נאָכן אויסהערן די דאָזיקע נאָוועלע מיט איר כײַנעוודיקן, אינגאַנצן אומדערוואַרטן סאָף. — שוין איין מאָל אַ פּאַסירונג! טאַקע אַן אויסטערלישע פּאַסירונג, אַ נאָוועלע אין געטעס געשמאַק! אָבער זאָג מיר נאָר דעם עמעס, — האָט ער מיט אַ שמייכל זיך געווענדט צום נאָוועליסט, — האָסט אין די שפּעטערדיקע יאָרן אָפֿט זיך באַנוצט מיט דער מערקווירדיקער אינדולגענציע, וואָס דער זיידע דײַנער האָט דיר אַזוי ברייטהאַרציק אַרויסגעגעבן?..

— וואָס זאָל איך דאָ לייקענען? — האָט דער נאָוועליסט זיך מוידע געווען, — טאַקע גאַנץ אָפֿט, צווישן אונדז גערעדט... — און מיט אַ זיפֿץ צוגעגעבן: — און שטענדיק, ווען נאָר איך בין געשטאַנען און ווען נאָר איך שטיי פֿאַר אַ ניסאָיען געשטרויכלט צו ווערן, דערמאָן איך זיך אין מײַן ליבן, אייביק יונגן זיידן און אין זײַן צוגעזאָגטער זינד־פֿאַרגעבונג, און דעמלט...

— און די דערמאָנונג האַלט דיך אָפּ פֿון זינדיקן? — איז דער דראַמאַטורג אים אַרײַנגעפֿאַלן אין די רייד.

— דו האָסט מיר ניט געלאָזט פֿאַרענדיקן! איך האָב געוואָלט זאָגן, אַז דעמלט זע איך שוין אויך, אַזוי ווי מײַן זיידע, אין דער פֿרוי אויף מײַן וועג אַ שאַליִעך פֿון הימל, און דעמלט זינדיק איך שוין מיטן העסקעם און מיטן העכשער פֿון מײַן גאָטספֿאָרכטיקן זיידן, דעם ליטווישן ראָוו, וועלכער האָט אַזוי קלוג, אַזוי פֿאַרשטענדעניש־פֿול און אַזוי ווײַטזיכטיק אויסגעטײַטשט אויף אַ הימלשן אויפֿן די ערדישע ליבע פֿון זײַן זינדיק אייניקל...

שירע גאָרשמאַן

זעקס נאָוועלן

די נאַטור פּראָוועט יאָמטעו

ווען איך האָב עס דערזען, איז מיר געקומען אפן זינען, ווי דער זיידע הייבט מיך צו די צווייַגן און זאָגט גיך, אומגעדולדיק: „זעסט, קוק, אָט פּיקן זיי זיך דורך!” געוויס, וואָדען? כ'האָב געקוקט און געזען, אַז איך בין באַהעפט געוואָרן צו דער נאַטור. איצט בין איך געפאָרן קיין דאָרעם־מאָלדאַוויע, און איך האָב דערזען, אַז דער גאַנצער שטעטל, ווי מייַנע אויגן גרייכן נאָר, איז באַדעקט מיט צאַרטן פּלאַטער. אונטערן הויכן קלאָרן זומערדיקן הימל האָב איך ניט געקאָנט זען קיין בלעטער און קיין צווייַגן, איך האָב געזען נאָר דאָס בליִונג, וואָס האָט זיך מיר אויסגעוויזן ווי מוירעדיקע טשאַטעס אומגעזעענע זומער־פייגעלעך, וועלכע האָבן ארומגערייַעט די ביימער פון אונטן ביז אויבן. דאָס איז געווען אַזאַ מין פייַערלעכקייַט, אַזאַ פּראַכט, אַז דאָס הארץ איז מיר ארויסגעשפּרונגען און זיך באַהעפט מיט דעם. איך האָב עס געזען, איך וועל עס קיינמאָל ניט פארגעסן. אָבער ס'איז געקומען א טאָג, ווען איך בין צוריקגעפאָרן קיין מאָסקווע. איך בין געפאָרן מיטן פירמע־צוג „מאָלדאָווע”, פארביי מייַן קופּע האָבן געשווינדלט „דורשטנדיקע”, און אין מייַן קופּע, וואָס איז געווען ניט ווייַט פונעם וואַגאָן־רעסטאָראַן, איז געזעסן א פּאָרל, וואָס האָט די גאַנצע צייַט געגעסן און איבערגעשאָטן דעם שפּיק, די פּאָמידאָרן, די אוגערקעס מיט קלינגענדיקע ווערטער: „פּאָנעטיק, לינגוויסטיק, ארכיטעקטאָניק”. זיי זייַנען מיר ניט געווען צום הארצן, דעריבער האָב איך זיך געהאַלטן אין קאָרידאָר, און דערפאַר האָב איך עס דערזען.

יאָ, דערפאַר וואָס איך בין געזעסן אפן בענקעלע, וואָס וואַרפט זיך אָפּ פון וואַנט, אין קאָרידאָר.

פון דער לעצטער קופּע איז ארויסגעגאַנגען א יונגע מוטער מיט א קליינטשיק מיידעלע. אפילע די, וועלכע זייַנען צוריקגעגאַנגען פון וואַגאָן־רעסטאָראַן מיט ניט קיין זיכערע טריט, האָבן אויך באַמערקט, ווי פּרעכטיק דאָס קינד איז, און געשמייכלט צו דעם. ס'איז דאָ א באַהויפּטונג, אַז אַלע מאַמעס האָבן ליב זייערע קינדער. מיסטאָמע איז דאָס אַזוי. אָבער אַזאַ נעשאָמעדיקע, נאַכעסדיקע, פרײדיקע ליבע, מיט וועלכער די מאַמע האָט געקוקט אַף דעם מיידעלע, האָב איך זעלטן געזען. דאָס מיידעלע איז געווען מילד־כיינעוודיק, פונעם העלדזעלע, פון דעם איילנבייגעלע ביז די פינגערלעך איז זי געווען איבערגעבונדן ווי מיט פעדעם און באַכיינגריבלט. די מוטער האָט עס אַלע ווייַלע א כאַפּ געטאָן אַף די הענט און אַזוי מאָדנע, מיט די ליפּן, אויסגעווישט דאָס פּענעמל, דאָס העלדזעלע און די הענטלעך. דאָס קינד האָט געלאַכט, געקייַכט. די מוטער האָט פּלוצעם א קוק געגעבן אַף מיר. איך האָב ריכטיק פארשטאַנען איר קוק. מייַנער האָט געזאָגט: „אייַער מיידעלע און איר זייַנט פּרעכטיק. אַהין, וווּ איר פאָרט און וווּ איר וועט זיך געפינען, וועט מען פארשפּאָרן אייַנשליסן די עלעקטרעשייַן”. בא די ווערטער האָבן פאַר מייַנע אויגן געפלאַטערט די בליִענדיקע ביימער, און איך האָב א טראַכט געטאָן: א נעשאָמע פון א מענטשן קאָן זייַן איינציַיטיק אין א סאַך ערטער.

אַלע ווילן שלאָפן

ווי נאָר רעמע איז געקומען מיטן טעכטערל פון שפּיטאָל, האָט זיך איבערגעקערט אַלץ מיטן קאָפּ אראָפּ. דערביי האָט רעמע געטאָן פארקערט, ווי די מאַמע האָט געייצעט, און באַמערקט:

— וואָס דערציילסטו מיר מײַסעס, וויאַזוי דו האָסט מיך געהאָדעוועט. דאָס איז געווען מיט דרײַ און צוואַנציק יאָר צוריק. און איך האָף, אַז איך האָב ניט אַזוי געשריִען, ווי מײַן טאַטער.

סאָפּיע מאַרקאָווּנע האָט גאָרנישט געקאָנט דערווידערן, דאָס אייניקל, רעמעס טעכטערל, האָט מען שוין פאַרשריבן אין זאַגס, מע רופט זי, נעמלעך, דינע. דער זיידע האָט עס גלײַך פאַרדרייט „דינע־קעלכעלע". דינעלע האָט נאָך ניט געוווּסט, אַז זי האָט אַ צונאָמען, זי האָט זיך געלערנט לעבן אין דער אַרומרינגלענדיקער אומענדלעכקייט, ווּהין זי איז געצווּנגען געוואָרן צו קומען פון אַזאַ ענג־וואַרעמער, גרייטער כּיעסדיקייט. זי האָט זיך געלערנט לעבן מיטן קעסיידערדיקן געשריי, זי פלעגט אַנשוויגן ווערן אַף דרײַ־פיר שאָ אין מעסלעס און אַף די קורצע האַפּסאַקעס בייס זי איז געלעגן בא הער ברוסט. די איבעריקע צײַט האָט זי דורכויס געשריִען. סאָפּיע מאַרקאָווּנע האָט פאַרגוואָרפן דעם מאַן:

— קוקנדיק אַף דיר, וואַרט איך אַף די אַקסיאָמע, אַז זיידעס האָבן מער ליב די אייניקלעך, ווי זייערע קינדער.

— וואָס ווילסטו פון מיר, סאָפּיע? איך בין ניט קיין זיידע, איך בין אַ בעזשענעץ.— דאָס איז געווען קימאַט ריכטיק, ווײַל ער האָט ניט געקאָנט אַרבעטן אין שטוב, און אַזוי־ווי ער איז געווען זייער אַ באַהאַווּנטער אינזשעניר, איז ער אַוועקגעפאָרן אין קלייזומער פּאַנסיאָנאַט.

סאָפּיע מאַרקאָווּנע האָט אָפּט איבערגעריסן איר שווײַגן און געזיפצעט:

— רעמע, האַלט זי ניט אַזוי לאַנג בא דער ברוסט, זי זויגט צופיל, טוט איר ווי דאָס בײַכל, דערפאַר שרײַט זי.

— איך קוק דאָך אַפן זייגער, צוועלף מינוט זויגט זי.

— וויפל מאָל האָב איך געזאָגט, אַז מע דאַרף קויפן אַ וואָג. ווען ס'איז דאָ אַ וואָג, וואָלט מען פאַרשפּאָרט צו טראַכטן: ס'איז גענוג, צי ס'איז צופיל...

די מאַנצבלשע העלפט פון דער מישפּאָכע איז אין שטוב ניט געווען. דער זיידע — אין פּאַנסיאָנאַט, דער טאַטע איז מיט נאָך סטודענטן אַוועקגעפאָרן ערגעץ אונטער וואָראָניעזש בויען כאַזער־שטאַלן. סאָפּיע מאַרקאָווּנע פלעגט אַוועקגיין אַף דער אַרבעט, זי האָט נאָך געהאַט פיר יאָר צו דעם פּענסיע־עלטער. נאָר בייס זי איז געווען אין שטוב, דעריקער אין די רו־טעג, האָט זי שוין קיין אייצעס ניט געגעבן. זי האָט געבאָדן, געגעבן קראָפּ־וואַסערל, געלייגט אַ טרוקן קאָמפּרעסל צום בײַכל, ווײַל זי איז געווען איבערצייגט, אַז די בעסטע טרופּע איז וואַרעמקייט. אָבער דינעלע האָט ניט ווייניקער געשריִען, ווי פריִער. די קינדער־דאָקטערשע האָט געטרייסט:

— עס טרעפט, אַז ביי־געבאָרענע שרײַען ביז דרײַ מאָנאַט און אפילע ביז זעקס...

— אויב דאָס וועט, כאַלילע, טרעפן מיט אונדזערער, זײַנען מיר פאַרפאַלן. מײַן מאַן דאַרף קומען פון פּאַנסיאָנאַט, ווו וועט ער פּראָיעקטירן?

— דאָ קאָן איך אײַך גאָרנישט ניט זאָגן, ווײַל אײַער אייניקל וועט נאָך לאַנג איגנאָרירן אַלץ, אַכוץ עסן, — אַזוי האָט די דאָקטערשע געטרייסט און איז אַוועק.

אַ וואָג האָט מען געקויפט, עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז פאַר פופצן מינוט נעמט די נעלע הונדערט דרײַסיק, הונדערט פופציק גראַם. און ניט קוקנדיק אַף דעם, וואָס זי שרײַט, איז איר דעם ערשטן כוידעש צוגעקומען דרײַ הונדערט גראַם. דער זיידע איז טאַקע מיט מאַזל געקומען פונעם פּאַנסיאָנאַט און זיך געוואָרטלט:

— דאָס שרײַען גייט איר אין קראַפט.

פונדעסטוועגן, האָבן זיי געגומען טראַכטן, אַז מע דאַרף פאַר די יונגע קויפן אַ קאָאָפּעראַטיווע דירע.

דינעלע האָט ווינציקער געשריגן אין דער נײַער קאָאָפּעראַטיווער דירע. איצטער האָט דער זיידע געבענקט, אפילע מערער ווי די באָבע. דינעלע איז אַלט געוואָרן צוויי מיט אַ האַלב יאָר, דער טאַטע, פּאַוולִיק, איז געווען זייער גערולדיק צו איר. כאָטש ער מיט רעמען האָבן פאַרגעסן וועגן קינאָ, וועגן טעאַטער און אַנדערע פאַרווײַלונגען, ער האָט געקאָנט גע־דולדיק וואַרטן, ביז דינעלע פלעגט קײַען און ענדלעך אַראָפּשלינגען אַ שטיקעלע פלייש־קנידל, ער האָט אפילע אויפגעווייט פאַר דינעלעס גרינער מאַלפּע אַ געל קאָפּטל, ווי פאַר דער הויף־ראַמערן. דערווײַל איז דינעלע געוואַקסן, כאָטש זי איז איצט אויך אַ קאַפּריזע, אָבער זי איז אַ באַוועגלעכע, רעדט אַלץ, ווי נאָר דער טאַטע איז געקומען אין שטוב, האָט זי אים געטראָגן די שטעקשיך אַנטקעגן, אירע טונקל־ברוינע הערלעך און גרויסע ברוינע אייגעלעך מיט די לאַנגע וויִעס זײַנען ווי אַנטקעגנגעפלויגן צו טאַטע־מאַמע און צו באָבע־זיידע. גראָד

איצטער האָט דער זיידע אויך געהאַט אַ סאַך געדולד צו דינעלען, די רו־טעג פלעגט ער קימאַט אינגאַנצן פאַרברענגען מיט איר.

אַנומלטן האָט פּאַווליק זי געהאַדעוועט מיט גרויס געדולד, און ווען זי האָט שוין קימאַט אופגעגעסן אַ היפּש שטיקעלע הינער־פלייש, האָט זי פּלוצעם אַ שלוכץ געטאָן און אַלץ אויס־געבראָכן. דאָס איז געווען ניט דאָס ערשטע מאָל, אָבער דאָס מאָל האָט זיך צו אוּנט־צו געהויבן די טעמפּעראַטור באַם קינד, באַנאַכט האָט די גיכע הילף אוועקגעפירט דינעלען אין קינדער־שפּיטאָל. רעמע און סאָפיע מאַרקאָוונע זיינען געווען אַזוי פאַרלאָרן, אַז אין שפּיטאָל איז מיט דינעלען געפאָרן פּאַווליק, און ער האָט געפּויעלט, אַז נאָך דער אַפּענדיציט־אָפּעראַ־ציע זאָל ער זיין מיטן קינד אין שפּיטאָל. אָבער פּלוצעם האָט מען פון אינסטיטוט אַרויסגע־רופן פּאַווליקן, און ער האָט געמוזט פאָרן מיט סטודענטן קליבן קאַרטאָפל. דאַן איז דער זיידע, גריגאָרי מאַרקאָוויטש, אַוועק אין שפּיטאָל און האָט איינגעטייַנעט מיטן דאָקטער, אַז ער וועט בלייבן אַף פּאַווליקס אָרט. דער דאָקטער פונעם אָפּטייל, ווו ס'איז געלעגן דינעלע, איז ניט איינגעגאַנגען אַף דעם. גריגאָרי מאַרקאָוויטש איז אָבער ניט אָפּגעטראָטן פון זיינס.

— איך וועל אַלץ אַזוי טאָן, ווי מיין אייניקל. דער אייניקל האָט דאָך מיר דערציילט, אַז אין דער גאַנצער אָפּטיילונג איז דאָ נאָר איין ניאַניע, און אויב די קליינע קינדער מאַכן אַ קלייניקייט, ליגן זיי נאַס אַ גאַנצע נאַכט. גיט מיר אַ ווייסן כאַלאַט, און איך וועל אַלץ טאָן, ווי די באַדינערנס. איך וועל אַכטונג געבן ניט נאָר אַף מיין אייניקל, איך וועל אַכטונג געבן אַף אַלע קלענערע קינדער. ענדלעך איז דער דאָקטער איינגעגאַנגען, גריגאָרי מאַרקאָוויטש איז געבליבן לעם דינעלען און ער האָט טאַקע אַלץ געטאָן ניט ערגער, ווי די איינציקע ניאַניע, וואָס האָט באַדינט פינף און צוואַנציק קינדער.

דינעלען איז שוין בעסער. באַם שפּיטאָל, אַנטקעגן פענצטער פון דעם דריטן שטאָק, שטייט סאָפיע מאַרקאָוונע און רעמע, זיי קוקן אַהין צום פענצטער, ווו גריגאָרי מאַרקאָוויטש שטייט מיט דינעלען אַף די הענט, עפּעס־וואָס רעדט ער צו זיי, נאָר זיי הערן ניט. דערנאָך גייען זיי מיט זייערע פּעקלעך עסנוואַרג אין אופנאַם־כאַל און גיבן איבער וואָס זיי האָבן געבראַכט. אַזוי טאָגטעגלעך. ווען מע האָט דינעלען אויסגעשריבן, האָט זיך אַקוראַט פּאַווליק צוריקגעקערט פון די קאַרטאָפליעס, און דעם נאָענטסטן רו־טאָג, ביים גריגאָרי מאַרקאָוויטש און סאָפיע מאַרקאָוונע זיינען געקומען צו די קינדער אַף מיטיק, האָט סאָפיע מאַרקאָוונע גע־פּרוּווט זיך ווערטלען וועגן דעם זיידן. האָט ער אַוועקגערוקט דעם לעפל אַפן טעלער און האָט מיט אַ שמייכל געזאָגט:

— ס'איז ניט אַזוי וויכטיק אופצוואַרפן דעם זיידן, אַז ער האָט ניט זייער ליב דאָס אייניקל, ווי ס'איז געוווּנטשן, מע זאָל האָבן אַ ניכטערן קאָפּ ביים עס טרעפט אַן אומגליק. כוץ דערוף, דאַרף איך דיר זאָגן, סאָפיע, אַז עטלעכע קינדער פון דינעלעס פּאַלאַטע האָבן געגעסן גוט בלויז דאַן, ווען איך האָב זיי געהאַדעוועט.

באַנעקע

ווי איך האָב ליב געהאַט באַנעקע, אַזוי האָב איך ניט געקאָנט פאַרטראָגן ערעוו באַנעקע. די גאַנצע שטוב איז געווען אין פּעדערן. ניט אַזוי די פּעדערן, ווי דער פּוך, וואָס איז גע־פלויגן איבער דער גאַנצער שטוב. ס'האָט זיך מיר געדוכט, אַז איך עס פּוך מיט ברויט. דערנאָך פלעגט די באָבע אָראָפּויקלען פון די געגדזענע פּולקעס די גראָב־גריבלדיקע שמאַלץ, די פלאָסטערס אַרויסנעמען איינס־און־צווי, דער זיידע האָט געהאַלפן שניידן די שמאַלץ אַף דער פייסעכדיקער ברעט, מע האָט עס אַריינגעלייגט אין אַ גרויסער אויסגעווייסטער קו־פּערנער פאַן און געשטעלט אַפן דרייפוס, אונטער וועלכן ס'האָט געברענט אַ פייער. די באָבע האָט געשיילט ציבעלעס אין דער גרויסער פאַרצעלייענער שיסל. איך האָב ליב געהאַט זיך צוהערן, ווי אין דער קופּערנער פאַן הייבט אָן בלעזלען און פּלאָפּלען. דערנאָך האָט מען גע־וואָרפן די ציבעלעס אין פאַן אַריין. אויגנבליקלעך איז די שטוב אָנגעפילט געוואָרן מיט אַזאַ

רייעד, אז איך געדענק עס ביז הײַנט, און איך האָב אויך ניט פאַרגעסן, ווי איך פלעג אויסשרײַען צו דער באָבען: „גיב מיר גיכער ברויט מיט שמאַלץ!“. „און מיט צונג ווילסטו ניט?“ — איצטער דוכט זיך מיר, אַז ווי נאָר די באָבע פלעגט אַרויסברענגען די ווערטער „און מיט צונג“, פלעגט זיך עפענען די טיר, און דער פעטער הענעך מיט די גלעקלעך איז שוין דאָ. ער טוט אויס דעם וועג־מאַנטל און לאָזט הערן דעם פיזמען, ווי אַלע יאָר. „איישעס כאַיל מי נימצע, ווי נעמט מען אַזאַ ווײַב, ווי מײַן שפּרינצע: פון נאָז רינט, פון די אויגן טרערט, די שטוב איז דרײַ טעג ניט אויסגעקערט. קריכט זי אָפן בוידעם נעמען די אייער, פאַרדירט זי דעם פאַרטעך מיטן שלייער“...

— הער אויף, הענעך, האָב ראַכמאָנעס. ערשטנס, רופט מען דײַן ווײַב יענטע. וועהאַשייניס, איז זי ניט אַזאַ שלימאַזל.

און ביז הענעך מיטן זיידן מיט לייב דעם פּאָרעש גיבן זיך שאָלעם־אַלייכעם, דערציילט מיר די באָבע אַ מײַסע:

— הערסט, מיסעמיידעסטע, אַז מײַן מאַמע, דײַן עלטערבאָבע מירעלע, אָלעהאַשאָלעם, האָט אַנומלטן געפּרעגלט שמאַלץ אַף פּייסעך און געטײַנעט צו איר מאַן, צו דײַן עלטערזיידן, באָרעכן, אָלעווהאַשאָלעם, כ'ווייס ניט, ווי איך וועל האיאָר אויסקומען, די שמאַלץ איז געווען דין און די פּלאָסטערס שיטער, עס וועט זײַן נאָר זיך צו באַלעקן. ווי זי זאָגט עס, לאָזט זיך אַראָפּ אַ האַנט פונעם קוימען און פון די פינגער נעמט רינען שמאַלץ. די פאַן איז שוין פול. באָרעך, שרײַ איך, גיב נאָך אַ פּייסעכדיקע קײלע! — דערלאַנגט דער זיידע אַ פּייסעכדיקן געגלייזטן טאָפּ, אין אַ פינטל מיטן אויג איז דער טאָפּ אויך פול. גיב נאָך אַ קײלע, — שרײַ איך צום זיידן. אינמיטנדערינען עפנט זיך די טיר, עס לויפט אַרײַן מערע־איטל די שטריקערקע מיט אַ געשריי. וואָסי? זי האָט אַ טאָעס געהאַט, אַרײַנגעלייגט די שמאַלץ אין דער כאָמעצדיקער פאַן און געשטעלט פּרעגלען. ווי זי איז אַרײַן מיט דער בסורע, איז די האַנט נעלעם געוואָרן, און די שמאַלץ פון דער צווייטער קײלע איז אויסגערונען ביז אַ לעק. קיין סימען האָט מען אין ערגעץ ניט געזען, ווי דאָס וואָלט אַ מאַלעך אָפּגעלעקט.

דעמלט איז מיר די מײַסע אויך געפעלן געווען. און ווי האָט עס געקאָנט ניט געפעלן זײַן: די שטוב האָט געשמעקט מיט גריבענעס, אַז מע האָט געקאָנט כאַלעשן. דער זיידע, דער פעטער הענעך און רעב לייב דער פּאָרעש זײַנען אַוועק צו מײַרעוו, און ביז זיי זײַנען צוריקגעקומען, איז שוין אין שטוב געווען יאָמטעוו. די געגנדזענע גריבענעס אין אַ גרויסער פּאָרצעלײַענער שיסל, אַף אַ האַלבקײַלעכדיקן צינענעם פּאָלומעסעק — אַ באַרג לאַטקעס. די באָבע אײַלט אונטער דעם זיידן:

— מאַרודעווע ניט, עליע. צינד דאָס ערשטע ליכטל.

דער זיידע שמעלצט אַרײַן אַ ליכטל אין כאַנעקע־לעמפּל, צינדט עס אָן און מאַכט די געוויסע בראָכע, וואָס דער ריבוינעשעלוילעם האָט אים מעזאַקע געווען אָנצוצינדן דאָס ערשטע ליכטל. און מע זעצט זיך צום טיש. די געזײַערטע קרויט מיט די אַנטאָנאָווקעס צעגייען אין אַלע גלידער. וועגן די לאַטקעס איז ניטאָ וואָס צו ריידן. זיי זײַנען אין דער מאָס צוגעברוינט, אַז מע בײַסט אָפּ אַ שטיקל לאַטקע, ווייסט מען ניט, וווּ דאָס איז אַהינגעקומען. דערנאָך דערלאַנגט די באָבע געגנדזענע פולקעס, לעבערלעך, וואָס זי האָט געפּרעגלט אינעם פאַן שמאַלץ. אַלע גלידער צעגייען פון מעסיקעס, ביז איצט איז מיר דער טאַם אונטערן גומען. דערנאָך זינגען מיר אַלע „מאָויס צור יעשואָסי“, וואָס איז דער טײַטש: טאַטע אין הימל, מײַן פעסטונג איז דײַן הילף“. אָפּגעגעסן, געשפּילט אין דריידל, געקראָגן כאַנעקע־געלט אַ גאַנצן גילדן, פינטלט צו מיר מיט די שוואַרצע אויגן דער פעטער הענעך און זאָגט מאַמעש אין מײַן אויער אַרײַן: „קאַטאַץ, קאַטאַץ!“.

געוויס וועלן מיר פאָרן קאַטאַץ, אַלע באַלעבאַטים האָבן דאָך פערד, אָבער אַזוינע סוסים, ווי בײַ ייִסראָעל דעם פּאָטשטער, האָט קיינער ניט. זײַן עלטערער זון רוווקע טרײַבט די פערד, ווי אַ רויעך. דער שליטן איז אָנגעפּאַקט מיט מיידלעך און ייִנגלעך, קוילעס און געלעכטערס טראָגן זיך ביז צום הימל. פון אונטער די פערדס טלאָען פליט שניי אַף אַלעמען: „היי, היי, לאָקשן דריי, פאַרפל־צימעס אָן אַן איי, אַלע מיידלעך וואַרפט אין שניי!“ — שרײַט רוווקע און יאָגט מיט אַלע קויכעס די פערד. אָבער די באַלעגאָלעס מיט די קאַצאָווים לאָזן זיך ניט איבעריאָגן. עס ליגן שוין ייִנגלעך און מיידלעך אין שניי, פון די קוויטשערײַען קאָן מען פאַרטויבט ווערן. די גלעקער קלינגען, געלעכטערס הילכן, די אָנטרײַבער שרײַען העכער פון אַלעמען: „שמאַ ייִסראָעל, אַראָפּ פון וועג, ווייל פלייש איז הײַנט בעזאָל“.

שפּעט אין אָוונט קום איך מיטן פעטער הענעך, די באָבע שרײַט און זידלט:

— גיב נאָר א קוק אַף זיך, טרייפענער בייז, ווי דו זעסט אויס, האָסט זיך גוט אויסגעוואַליעט מיט די זשוליקעס אין שניי. די מינוט זאָלסטו מיר ארויסגיין אין געהעפט און אָפּשאָקלען דעם מאַנטל און די וואַליקלעך!

אין א ווײַלינקע ארום האָט מיך גלײַך ווי ארומגענומען דער קישן, און איך האָב שוין ניט געזען ניט די באָבע, ניט דעם זיידן, ניט דעם פּעטער הענעך...

דער וועג איז לאַנג און פֿײַנלעך

דער וועג איז פֿײַנלעך, לאַנג, בלייך, זייער אומעטיק. כאָטש איך גיי דאָ ניט אליין. זאַלבעפערט גייען מיר דאָ. א סאַראָקע, א בלויערל, א וואָראָבייטשיק, און הינטער אונדז שפּרינגט נאָך א טיפּעש א וואָראָנע. אָט טוט זי זיך א טראָג אַף רעכטס, אָט אַף לינקס. דער וועג איז אזוי בלייך און אָרעמבלוטיק. קאָן זײַן, אז דאָס איז אזוי, ווײַל די סאָסנעס זײַנען גרין און זאַפטיק. כאָטש די נאָדלבײמער זײַנען אַלעמאָל גריק, זײַנען זיי איצט, איך פּריִען פּריִלינג, אנדערש גרין. זיי זײַנען פריש און זאַפטיק...

שטאַרק גרין זײַנען זיי און פול מיט האָפענונג. יעדער נאָדל אַף די צווײַגן איז פולער און קײַלעכדיקער געוואָרן. זיי זײַנען באַגאָסן מיט זון, מיט כּיעס...

און דער וועג איז לאַנג-לאַנג, אומעטיק-אומעטיק. און דו ווייסט אפילו ניט, אז איך קום צו דיר, געדענקסט ניט, אז מיר פלעגן דאָ גיין און דו פלעגסט צו מיר זאָגן: „קוק זיך אײַן, ווי גיריק די בינען פאַלן צו צו די קווייטן. איצטער גיב א קוק אַף מוישע ראַביינוס קיעלעך, קוק זיך גוט צו, ווי שוואַרץ געפּינטלט זײַנען זייערע רויטע קופּערטלעך"...

— יאָ, דו האָסט געזען און האָסט מיך אויך אופמערקזאַם געמאַכט. אָבער איך איל זיך ניט צו דיר. וואָס האָב איך זיך צו אײַלן, דו וועסט דאָך אפילו ניט וויסן, אז איך בין געקומען.

דער בעזעם

וואָס איז דאָס פאַר א מין אומגעדאַכטער, וויִיד-האַרטער שאַרנדיקער קלאַנג? ס'איז נאָך גאַנץ פרי, דער זונס מילדע, ליכטיקע פינגער זײַנען נאָך קורץ, זיי קאָנען ניט צעטרײַבן דעם גראָוון האַרבסט-נעפּל.

וואָס איז דאָס פאַר א קלאַנג, צו אַלדי רוכעס! עס רײַבט דעם אספאַלט, ווי מיט א ריבײַזן.

איך זע דורך דער שויב: דער הויף-אויפראַמער קערט מיטן האַרטן בעזעם די האַרבסט-בלעטער. ס'איז שוין א היפּשער באַרג, אַן אופגעבלאָזענער, א געלבער, און דער בעזעם שאַרט נאָך אַלץ צו נאָך און נאָך.

ס'איז אויסגעקומען צו הערן „גאָלדענער האַרבסט", „גאָלדענע בלעטער", אז ווי צו די ביימער, ווען זייערע בלעטער נעמען ווערן געלב, דאַן זײַנען די ביימער קראַנק אַף פלעקטיפוס, און דער ווינט שמײַסט און שמייסט, א סאַך בלעטער זײַנען שוין אָפּגעפליקט, הענגען אפן שטענגל, וואָס האָט זיי צונויפגענאָפּלט מיטן צווײַג, בייס זיי האָבן זיך פאַרקנאָספּט...

און דער בעזעם שאַרט און שאַרט, רײַבט און רײַבט, די הורבע בלעטער ווערט אַלץ גרעסער און גרעסער. וואָס איז דאָס פאַר א ניוואַזיק, אָט דער בעזעם, איצט איז ער פון איינע ריטער, האַרטע, ווי דראָט. אָבער אמאָל איז ער דאָך אויך געווען — צווײַגן. בלעטער האָבן אַף אים געגרינט, פייגל האָבן אים באַצוויטשערט, אזא פאַרזעעניש, ער קאָן זיך אפילו ניט דערמאָנען וועגן יענע גרינע מעסיקעדיקע צײַטן און ער ווייסט ניט, אז ווי נאָר דער הויף-צוראַמער וועט אונטערצינדן די בלעטער, וועט ער אים, דעם בעזעם, אראָפּשלײַדערן פונעם שטעקן און — אין פלאַם ארײַן.

פֿײַערדיקע בלעטער

אָנהייב ווינטער. אין וואַלד, אויף די ברעגן פֿונעם מאָסקווע־טײַך. דער וואַלד איז פֿאַרטראַכט, שטרענג. הייזעריקלעך שאָרכן יאָדלע־ און סאָסנע־צווײַגן, ווי זיי וואָלטן גערעדט: דער זומער איז אַוועק, דער ווינטער מיט זײַן קאַלטן אָטעם קומט, וואָרצל און קרוין מוזן איצט פֿאַרהיטן יעדן טראָפּן וואַרעמקײַט.

שאָפּעלע בעריאָזעס שמײַסן מיט די הוילע צווײַגן דעם געדיכטן שניי. טרעפֿט אַ צווײַג אין אַ צווײַג, שטויסט זיך אָפּ מיט אַ האַרטן קלאַפּ, פֿאָכעט ווײַטער. די צווײַגן איז שווער זיך צו באַוועגן, זיי זײַנען פֿאַרהילט אין שניי, ווי אין טאַכריכים. די אייבערשטע קאָנען ניט זען, אַז די אונטערשטע פֿלאַטערן וווּ־ניט־וווּ רויטע בלעטער, ווי פֿלעמלעך פֿײַער... אויף אַ דינעם אָדערל־שטענגל האַלטן זיך די פֿײַערדיקע בלעטלעך מיט אַלע קויכעס פֿאַר דער נאַקעטער צווײַג, ראַנגלען זיך מיטן ווינט, לאָזן זיך ניט אַראָפּפּליקן, ווילן ניט אַרופֿגעשפּיזט ווערן אויף די סאָסנע־נאָדלען, ווי יענע, וועלכע דער ווינט איז בײַגעקומען און איצט פֿלאַטערן זיי דורכגעלעכערטע, בלייכע, ביז די שטײַפֿע, פֿרעמדע גרינקײַט וועט זיי צעפּיצלען און צעווייען. אַזאַ אײַנגעאַקשנטער, אַזאַ שטאַרקער ווינט. ער פֿליט אָן אויף די פֿאַרבליבענע בלעטער פֿון אַלע זײַטן, אָבער די בלעטער לאָזן זיך ניט, זיי טוען זיך אַ בייג, אַ פֿלאַטער, און זיי מײַדן אויס דאָס אומפֿאַרמײַדלעכע, זיי ווילן ניט צו יענע, וועלכע דער ווינט האָט אַראָפּגעשמיסן, געיאָגט און געטריבן, ביז זיי זײַנען ליגן געבליבן. זיי ליגן צופֿוסנס פֿון די ביימער־שטאַמען, צוגעפּאַטשטע פֿון שניי...

קאַלטער ווינטער הערשט אין וואַלד, מאָסקווע־טײַך שטראָמט ברומענדיק, דרייט זיך, קערעוועט, גלײַכט זיך אויס, גיסט זיך אַרײַן, ווי אין אַ ברייטן ריזיקן כאָמוט, וואָס די ברעגעס האָבן אויסגעפֿורעמט און באַהאַלטן אין טונקעלע שאָטנס הינטער די קוסטעס... פֿון הינטער די קוסטעס אַרויס מיט אַ שוימיקן שטראָם צו דער שײַן און זיך געבייזערט, געמוסערט און געוועקט די פֿאַרגליווערטע שווערע צווײַגן, פֿליסט זיך דער טײַך ווײַטער. אייניקע רויטע בלעטער ווערן אַוועקגעטראָגן מיטן שוים, אָבער אַנדערע האַלטן זיך נאָך. זיי האַלטן זיך מיטן שטענגל־אָדערל פֿאַר די צווײַגן, קאָרטשען זיך אײַן, נעמען זיך פֿאַנאַנדער, ווי פֿלעמלעך פֿײַער. זיי האָבן דאָך אין זיך שײַן און וואַרעמקײַט פֿון דער זומער־זון, זיי וועלן אויסוואַרטן, זיי וועלן אויסשטיין, זיי זײַנען פֿול מיט אויסדויער, זיי וועלן דערלעבן צו זען קנאָספּן און עס וועט זיי צומאַזלען זיך באַגעגענען מיט גרינגע, יונגע, קרעפּטיקע ברידער, וואָס וועלן אַ פֿאָכע טאָן פֿאַרוווּנדערט, ווי זיי וואָלטן זאָגן: זעט נאָר, די אַלטע צאַפּלען נאָך!

אנטקעגן דער זון געווענדט

„דאבל יו־זיבעציק נײַן“

דער „פּאַטער“ פון דער נײַטראָן־באָמבע סאַמיועל קאָען האָט אָנ־גערופן זײַן „בעבי“ מיטן נאָמען „דאבל יו־79“

ס'רײַסט אין מײַן וועלט זיך אַרײַן,
ברומענדיק, גרילצנדיק, גרימענדיק:
„דאבל יו־זיבעציק נײַן!“,
„דאבל יו־נײַן און זיבעציק!“..

און איך האָב געמיינט, אז באַצאָלט האָב איך גוט
מיט אַלץ, וואָס געווען איז מיר טײַער:
מײַן שטאַם איז דערטרונקען געוואָרן אין בלוט,
מײַן היים מ'האָט געלאָזט מיטן פײַער.

טוט נאָר א בלינצל די שײַן —
זע איך אַן אייפל א כליפּעדיקס.
„דאבל יו־זיבעציק נײַן!“
„דאבל יו־נײַן און זיבעציק!“...

איז לאָזט זיך גאָר אויס, אז געווען עס איז קאַרג,
אז א סאַך כ'בין נאָך שולדיק געבליבן —
געוואַקסן עס איז נאָך פון כוויוועס דער באַרג,
וואָס מע האָט אָף מײַן קאָנטע פאַרשריבן.

זעט, ווי א שלאַנג בײַסט זיך אײַן,
הערט, ווי זי לאַכט צו מיר שיפּענדיק:
„דאבל יו־זיבעציק נײַן!“,
„דאבל יו־נײַן און זיבעציק!“...

מ'האָט דעם כעזשבן געפירט און מיט אייפער געשפּירט
פון די בונקערס מיט זילבערנע דאַשעקס,
ווי די קינדערלעך כ'האָב פאַר די הענטלעך געפירט,
און געשפּילט ווי זיי האָבן זיך ראַשיק.

איצטער, ווו כ'זאָל נאָר ניט זײַן,
יאָגט זיך נאָך מיר אָט דאָס שיפּענדיקס:
„דאבל יו־זיבעציק נײַן!“,
„דאבל יו־נײַן און זיבעציק!“...

ווען כ'האָב צו די אייניקלעך מײַנע גערעדט,
אז עס קאָן זיי שוין גאָרנישט ניט דראָען,
זײַן „דאבל יו־זיבעציק נײַן“ האָט געגלעט
מיט ליבשאַפט פּראָפעסאָר סעם קאָען.

— שיין ביסטו, קינד מײַנס, און פֿײַן, —
האָט ער געזונגען, זיך קוויקנדיק. —
„דאבל יו־זיבעציק נײַן!“,
„דאבל יו־נײַן און זיבעציק!“...

ווען ס'פֿלעגן צו ארבעט באגײַסטערטע גיין
די בויער, און וועבער, און זייער,
זײַן „בעבי“ אוועקגעשטעלט האָט ער אליין
אפן מאלעכהאמאָוועס־קאָנווייער.

— בעבי, מײַן טרייסט און מײַן שײַן! —
פֿליט פון טראנסמיסיעס, סקריפּענדיק, —
„דאבל יו־זיבעציק נײַן!“
„דאבל יו־נײַן און זיבעציק!“...

ווען דער אינזשעניער האָט אף וואטמאן זײַן פּלאן
פון א פּאַלעץ א נײַעם געצייכנט,
דער פּאָטער פון „דאבל יו“ האָט פון עקראן
טײַוולאָניש מיט כוצפּע געשמייכלט:

— מײַלע, דײַן פּאַלעץ וועט זײַן,
דו אָבער גויסען וועסט כריפּעדיק —
„דאבל יו־זיבעציק נײַן!“,
„דאבל יו־נײַן און זיבעציק!“...

— — — — — — — — — — — — — —
„דאבל־יו־זיבעציק נײַן!“,
„דאבל יו־נײַן און זיבעציק!“...
אוי, ניט געדאכט זאָלסטו זײַן —
אויסגיין אליין זאָלסטו כריפּעדיק!

באלאדע וועגן ברויט

— גיי, — האָט מיר די פרוי מײַנע פּאַרטרויט,
— כ'זע, — איך זאָג איר, —
גיי אין קלייט און קויף צום פרישטיק ברויט.
נאָר א ביטע כ'האָב:
וועגט צוערשט א שטיקל זון מיר אָפּ.

די פּאַרקויפֿערן געוועזן איז העפלעך־מילד,
אף איר פּאָנעם האָבן שפּרענקעלעך געשפּילט.
ווײַל איר ווייסט געוויס דאָך פונדערפון —
וואָסער ברויט באגייט זיך אָן א זון?

בעקלעך — רויזן, ליפּן — פײַער־פלאם,
און א גוטע דארף זי זײַן מיסטאם...
— יאָ, איך ווייס, — זי שאָקלט מיטן קאָפּ,
און א שטיקל זון זי וועגט מיר אָפּ.

— ביטע, — האָב איך זיך צו איר געווענדט, —
וועגט מיר אָפּ... פאַרשטייט זיך,
— אָבער, — כ'זאָג איר, —
אויב איר קענט...
ברויט דארף האָבן דופט,
ראכוועס ברייטע און א פרישע לופט.

— כ'קען, — האָט זי געענטפערט, —
יונגערמאַן,
שנײַדט מיר אָפּ פון יענער טיפער הויך
וואָס איר ווילט, עס איז בא אונדז פאַראַן.
א שטיק בלויען הימל — כ'דארף עס אויך.

ברויט און בולקעס — סאָרטן קאַלערלײַ...
— יאָ, — זי שאָקלט ווידער מיטן קאָפּ,
וואָס זשע זאָל איך אָפּקלײַבן פון זיי?
און א שטיקל הימל וועגט זי אָפּ.

— איצט א רעגן דארף איך צו דער זאַך —
ניט קיין ביסל, אָבער ניט קיין סאך.

— ביטע, — זאָגט זי, — כ'נעם אים באלד אראָפּ
און א רעגן וועגט זי גלײַך מיר אָפּ.

— אויב אזוי, — איך זאָג,
— ווען זײַן וועט הייס,
וועט מיר דעמלט ליב זײַן אויך דער שווייס.

— שווייס? אוואדע, — ענטפערט זי. — איך האָב!
און פון מי דעם שווייס זי וועגט מיר אָפּ.

— נו, און וואָס דאָס אַלץ עס האָט א ווערט, —
זאָג איך, — ווען עס איז ניטאָ קיין ערד?

— ביטע, — זאָגט זי, —
מאסקים כ'ביך מיט אײַך, —
און וועגט אָפּ א שטיקל ערד מיר גלײַך.

זאָג איך דער פארקויפערן: — א דאנק!
איצטער וועט מיר קלעקן ברויט אַף לאַנג.

— נאָר, — זי שטעלט מיך אָפּ, —
ווי איך פארשטיי,
פעלט נאָך עפּעס אײַך פארן פארזיי...

זוימען דארף מען האָבן, יונגערמאן,
ניט געבליבן איז בא מיר קיין גראַן.

ענטפער איך: — אוואדע, ניט גענוג,
אָבער טוט אין פענצטער נאָר א קוק.

שוואַלבן ווארטן שוין בא אונדזער טיר,
פון דעם שײַער זוימען ברענגען מיר!

— נו, — מײַן ווײַב מיך פרעגט, —
דו האָסט געבראכט?
שיט איך אויס פאר איר א גאנצע פראכט:

א שטיק זון, א שטיקל ערד, און לופט,
און א בלויען הימל, פול מיט דופט.

און פון מי איך וויש ניט אויס דעם שווייס
אינעם פעלד, ווען ס'גייט די ארבעט הייס.

און עס צוויטשען שוואַלבן, פול מיט פרייד:
— זייט און שנײַדט און עסט געזונטערהייט!

באלאדע וועגן מײַן מאמעס שראם

— עפּעס געפעלן מיר ניט דײַנע אויגן,
אנו, קום אהער! —
די שווערד פון דער שייד האָט ארויסגעצויגן
דער דעניקינישער אָפיצער.

דעם טאטנס געזיכט — ווי פארמעט געלער,
אָן א טראָפּן בלוט.
— וואָס זאמסטו זיך, ייִד, קום אהער,
און שנעלער,
איך קען אײַך זייער גוט!

אנגעגאָסן מיט רעציכע ווערט ער,
ס'בליצט פון דער שווערד די שארף.
און מיטאמאָל אנטקעגן דעם מערדער
טוט זיך די מאמע א ווארף...

דעם טאטן פארשטעלט און דאָס קינדערש וויגל.
אירע פארהויבענע הענט,
פונקט ווי צוויי ווײַסע צעשפּרייטע פליגל,
האָבן געטאָן א בלענד.

ס'האָט ניט דערוואַרט אָט דער פּאכדן, אפּאָנעם,
אזא מין פארצווייפלטן מוט.
און פון דער מאמעס האנט אים אין פּאָנעם
האָט א שפּריץ געטאָן בלוט...

מע האָט אָט די טרויעריק־שטאָלצע לעגענדע
דערציילט פון דאָר צו דאָר —
ביז דער מאמעס אומגליקלעכער ענדע
אין צוויי־און־פערציקסטן יאָר.

עס האָט מיט דער מאמעס געוואגטקײַט עכטער
געגרויסט זיך די גאנצע שטוב.
אזוי — מיטן שראם אף דער האנט דער
רעכטער —
איז זי געגאַן צו דער גרוב.

נאָר איידער עס האָט זי א קויל געטראָפן,
געמאכט פון איר לעבן אויס,
ווידער זי איז מיט איר אייניקען וואָפן
אנטקעגן די מערדער ארויס.

פונקט ווי געוואָלט פונעם טויט פארשטעלן
די אייניקלעך מיט די הענט,
ווי פליגל זי האָט זיי צום הימל צום העלן
אנטקעגן דער זון געווענדט.

דער שראם אף דער האנט אף דער רעכטער
האָט בלענדיק —
א פלאקער געטאָן — און אן עק...
אזא אין דער אייביקייט איז זי אף שטענדיק
ווי א לעגענדע אוועק.

באלאדע וועגן א מיידעלע און א ייִנגעלע

מיט הוילע פּיסלעך און מיט הוילע הענטלעך
געשטאַנען איז א ייִנגעלע אין סקווער,
און זײַן עס דאַרף אוואַדע קאַלט אים, קענטלעך:
א ווינט האָט בייז געבלאָזט פון פעלד אהער.

געראַנישט עס האָט אין סקווער א האַרבסט א שפּעטער,
פון רעגן־טראָפּנדלעך מערעזשעס אויסגעוועבט,
געפאַלן זײַנען געלע נאַסע בלעטער
און זיך צום לײַב דעם ייִנגעלעס געקלעפּט.

נאָר ס'איז געווען דער סקווער נאָך פול מיט קינדער,
און פרייד געשטראַלט עס האָט פון יעדן בליק —
זיי האָבן זיך געטראָגן מיט געפּילדער,
און מאַמעס האָבן אָנגעקוועלט פון גליק.

און בלויז דאָס קליינינק ייִנגעלע אליין איז
געשטאַנען נאַקעט אפן ראַנד פונעם באַסיין...
נאָר פּלוצעם האָט א מיידעלע א קליינינקס
דערזען עס און פאַרגאַפט געבליבן שטיין.

— אוי, זע נאָר! און ווי אויסהאַלטן נאָר קאָן עס —
אָן הייזעלעך אפילע, אָן א העמד! —
דאָס מיידעלע געזאָגט האָט מיט ראַכמאָנעס,
און ס'האָט זיך אזש איר הערצעלע פאַרקלעמט.

ווי קאָן מען אין א פּאַרק א הוילער קומען
אין שפּעטן האַרבסט — ס'איז דאָך מעסוקן קאַלט!
— אָט באַלד כ'וועל דיך דערוואַרעמען! — גענומען
דאָס מיידעלע האָט גלעטן עס. — אָט באַלד!..

— און ווי זשע רופט מען דיך? נו ענטפער מיר! געשיקט זיך,
א שטומער ביסט און ווייסט נאָך ניט קיין וואָרט?..
נאָר וויפל ס'האָט דאָס מיידעלע באַמיט זיך,
עס רירט זיך ניט דאָס ייִנגעלע פון אָרט.

...פאַרדריסן וואָלט געקאָנט אזוינס בעעמעס,
ווען ניט די שפּיל און קונץ פון דער נאַטור:
דאָס מיידעלע א לעבעדיקס געווען איז,
דאָס ייִנגעלע געווען איז א סקולפּטור...

די זעג און דער בוים

עס שנײַדט די זעג אין בוים זיך אײַן,
און ער פאַרציטערט ווערט און קרעכצט, —
צי ברענגט עס פרייד? צי ברענגט עס פּײַן?
צי טוט זי גוטס? צי טוט זי שלעכטס?

די גזיילע איז, פאַרשטייט זיך, גרויס,
נאָר עפּשער בעסער זײַן אים וועט:
א פּעסטער באַלקן פאַר א הויז,
צי פאַר א נײַעם בריק א ברעט.

צי עפּשער גאָר א פידל אים
באַשערט איז ווערן אומדערוואַרט,
אז הערן לאַנג מע זאָל די שטים
פון קישעף־קלאַנגען — יונג און צאַרט?

אזא מין גורל שוין באַשערט —
און ס'זיגט א סייכל אין דערין:
וואָס נאָר עס טוט זיך אף דער ערד,
באַהאַלט אין זיך א טיפן זין.

און ווי דער ווייטעק איז ניט גרויס
באַם שטאַרקן בוים, ווען ס'שנײַדט די זעג,
זי שעלטן דאַרף ער ניט, קומט אויס —
פאַרקערט, איר דאַנקבאַר זײַן ער מעג.

ווײַל ווי ניט ווי געטאָן עס האָט,
ווען ער געווען איז שוין פאַרדאַרט,
געטאָן זי האָט א גרויסן גנאָד —
א נײַעם טיקן אים געבראַכט.

כאַים מעלאַמוד

אַזוי גייט די וועלט

ראָמאַן

1

ביז דער לעצטער מינוט האָט וואַדים ניט געגלייבט, אַז דער געריכט וועט טאַקע פּאָרקומען. אַלץ איז געווען פאַר אים אַזוי גרויליק־אומדערוואַרט און אַזוי ווייטעקלעך־אומגערעכטיק, אַלץ האָט אַזוי לאַכלוטן ניט געשטימט מיט אַלע זיינע לעבנס־קלאַלים, מיט זיין איקערדיקן וועלט־באַנעם, מיט זיין איינגעוואָרצלטן קוק אויף זאַכן און מיט זיין גאַנצער פּירונג, אַז ס'איז אים פּאָשעט שווער געווען פאָרשטעלן זיך אין דער ראָל פון אַ באַשולדיקטן, אין אַזאַ, ווען מע קאָן אין אַ מינדסטער מאָס כוישעד זיין אין ברעכן מעלוכישע געזעצן. דאָס גאַנצע לעבן זיינס, אַלץ, וואָס איז פאַרבונדן מיט מענטשלעכער אָרנטלעכקייט, מעסירעסנעפעשדיקייט, מיט געוויינלעכער מענטשלעכער אָנשטענדיקייט, האָט ער געמאָסטן מיט דער סאַמע שטרענגסטער מאָס.

גאַנץ מעגלעך, אַז ער האָט אַ ביסל איבערגעשאַצט זיך אַליין. ער איז, פאַרשטייט זיך, ניט פריי פון מענטשלעכע שוואַכקייטן. נאָר קיין פּאַכדן איז ער קיינמאָל ניט געווען, קיין פריינט און כאַווײרים האָט ער קיינמאָל ניט פאַראַטן, און ער פילט ניט אין זיך קיין מינדסטע שפּורן, שטריכן, וואָס זאָלן אים מאַכן פייִק צו באַגיין אַ פאַרברעכן.

דערפאַר האָט ער אויפגענומען אַלץ ווי אַ פאַרדריסלעכע מיספאַרשטייעניש, וואָס וועט אַזוי אָדער אַנדערש אויסגעקלאָרט ווערן, און דעריבער זיך באַצויגן אומדערלאָזבאַר רויִק

און נאכלעסיק צו דער פאַרלויפיקער אויספאָרשונג. א ביסל האָט אים פארפירט דער מיליציייִשער אויספאָרשער מיט זײַנע בלויע אויגן און מילד, קימאט מיידלש פּאָנעם. מיט דער מיליציע האָט ער געהאט צו טאָן צום ערשטן מאָל אין לעבן, און ער האָט ניט געקאָנט פאָרשטעלן זיך, אז אזעלכע שטילינקע, העפלעכע יונגעלײַט מיט עכט־עלעגאנטע מאנירן זאָלן וועלן אומזיסט און אומנישט ארײַנשלעפּן א מענטשן אין א בלאָטע. און אויב זיי שטעלן אפילע אמאָל א לעפּישע קלאָץ־קאשע, איז דאָס בלויז אף אויסקלאָרן פאר זיך אליין דעם טאָך פונעם איניען. האָבן זיי זיך גאנץ פײַן דורכגעשמועסט, ער און דער מיליציע־לייטענאנט, אָפּטמאָל וועגן זאכן, וואָס האָבן צום איניען קיין שום שײַכעס ניט, און ער איז געוועזן זיכער, אז מיט דעם איז אלץ אויסגעשעפּט.

טאקע דערפאר, און אויך איבער א ריי אנדערע סיבעס, האָט ער וועגן גאָרנישט ניט דערציילט ניט דער פרוי און ניט די עלטערן. נאָכוואָס אָנטאָן זיי אומזיסטע אגמעסנפעש? זיי וואָלטן גאָר ניט געגלייבט, אז מיט אים האָט געקאָנט טרעפן עפּעס ענלעכס, פּונקט ווי אים אליין איז אויך שווער געוועזן צו גלייבן, אז ער האָט געקאָנט אָפּטאָן אזא נארישקײַט און אז דאָס זאָל אים ברענגען צו דער באשולדיקונגס־באנק.

די ערשטע מינוטן האָט ער נאָך ווי־ניט־איז באנומען זײַן צושטאנד און געפּרוווט אויסקלאָרן פאר זיך אליין זײַן שטעלונג צו אָט דער אומגעלומפּערטער סיטואציע. אים האָט א ביסל שאָקירט די וואָכעדיקײַט, וואָס האָט געהערשט אין געריכט־זאל, און דער זאל אליין: א שמאָלער און לאנגער ניט צוגערעמטער צימער מיט ניט איבעריק ווײַסע ווענט, אָנגעשטעלט מיט אלטע, אָפּגעריבענע און צעטראסקעטע בענק פון פארשיידענער פאָרם, פארשיידענער לענג און אויך, ווי ער האָט דערבײַ א טראכט געטאָן, פון פארשיידענעם עלטער, גלײַך מע האָט זיי אָקאָרשט צונויפגעטראָגן פון די שכיינעסדיקע הײַזער אף א צופעליקער און ניט קיין דויערנדיקער באגעגעניש. ביז איצט איז ער אף קיין געריכט־זיצונגען ניט געוועזן, זיי האָבן זיך אים געמאָלט פיל שטרענגער און פײַערלעכער, און די געוויינלעכע וואָכעדיקײַט האָט אים א ביסל געקימערט און א ביסל מיט עפּעס אויך ווי באליידיקט. פּונקט ווי די צוויי איניאָנים, וועלכע זײַנען באהאנדלט געוואָרן פאר זײַנעם.

דער ערשטער איניען איז געוועזן א קריג צווישן צוויי שכיינים. א פערשקע־בוים געפינט זיך אף דער מעזשע פון זייערע דאטשעס, יעדערער האלט, אז דאָס איז זײַן בוים, און קעדיי א צווייטן זאָל ניט אָנקומען מערער, רײַסט זיי יעדערער אראָפּ, ווען זיי זײַנען נאָך גרין און טערפּקע, און ביידע לײַדן דערפון העזעק. פארן געריכט זײַנען געשטאנען צוויי גאנץ סאָלידע מאנצבלען, מעגלעך, כאָשעווע לײַט אף זייער ארבעט, און וואדימען איז געוועזן ביז גאָר ביטערלעך צו זען, ווי מענטשן קאָנען אזוי נידעריק פאלן.

דערנאָך האָט פארן געריכט זיך געשטעלט א יונג פּאָרפּאָלק. זיי זײַנען געוועזן אָנגעטאָן אזוי, גלײַך זיי זײַנען געקומען אהער דעמאָנסטרירן די סאמע לעצטע און שענסטע מאָדעס. זיי האָבן ניט לאנג צוריק כאסענע געהאט, שוין באוויזן זיך געטן, נאָר זיי קאָנען ניט צעטיילן דאָס מעבל. ווילן זיי, אז דער געריכט זאָל לייזן פאר זיי דאָס, וואָס זיי אליין קאָנען ניט לייזן...

וואדים איז געוועזן פול מיט פארדראָס אף די סאָלידע מאנצבלען און אף דעם יונגן פּאָרל. אין פארגלײַך מיט זיי האָט זײַן אייגענער איניען אים שוין אויסגעזען ניט אזוי קליינלעך, און ער האָט מיט אומגעדולד געוואַרט, מע זאָל זיך שוין נעמען פאר אים און ער זאָל זיך וואָס גיכער אָפּפּארטיקן. נאָר ווען ער איז צוגעקומען צום טיש, איז מיט אים געשען אזוינס, וואָס עס איז אים דערנאָך שווער געוועזן צו דערקלערן: אלץ ארום איז מיטאמאָל צעשווומען געוואָרן, אָנגעווירן די רעליעפקײַט, די געוויינלעכע קאָנטורן, לויט וועלכע מע קאָן אונטערשיידן איין זאך פון דער אנדערער. אלץ האָט זיך אויסגעמישט אין איין נעפלדיקער גליטשיקײַט: די פּנעמער פון די מענטשן, די בענק, אף וועלכע זיי זײַנען געזעסן. בלויז דאָס פּאָנעם פונעם פּאָרזיצנדן האָט אים צוגעשמידט צו זיך און ניט געלאָזט אָפּקערעווען זיך אין א זײַט.

דאָס איז געוועזן א כיינעוודיקע יונגע פרוי מיט א לענגלעך פּאָנעם, מיט גלײַך פארקעמטע און הארט־צוגעפּרעסטע האָר, אזוי אז קיין איין קוטשערל זאָל ניט וואגן זיך א דריי טאָן. נאָר טראָץ אירע אלע באמיִונגען אויסצוזען וואָס שטרענגער, האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן איר נאָך מיידלשע אומבאשיצטקײַט. ס'איז געוועזן צו זען, אז זי פילט זיך נאָך ניט פעסט אין דער ראָל פון א ריכטער און אז זי לעבט שטארק איבער דערפון, וואָס זי דארף פּאסקענען אזעלכע הארבע שײַלעס, עמעצן מישפּעטן.

— פאמיליע־נאָמען און פּאָטערנאָמען, — האָט זי שטיל ארויסגעבראכט.

— שאביסאָוויטש וואדים באָריסאָוויטש.

— אײַער פאך, ווו ארבעט איר און ווו וווינט איר?

די רעדאַקציע און די רעדקאָלעגיע פֿון „סאָוועטיש היימלאַנד“ באַגריסן האַר־ציק דעם שרײַבער כאַיִם מעלאַמוד מיט זײַן 75־טן געבורטסטאָג און ווינטשן אים געזונט, אריכאַס־יאָמים און נײַע שעפֿערישע דערפֿאָלגן.

מיט זײַנע ענטפֿערס האָט ער ווי באַרויִקט און אונטערגעמונטערט די ריכטערן. ער האָט אַפֿילו צוגעשמייכלט, באַווײַזנדיק, אַז אַלץ איז געווען טאַקע אַזוי און ער קלײַבט זיך גאָרנישט ניט אָפּלייקענען. פּאַשעט דערפֿאַר, ווײַל ער זעט ניט אין דעם קיין שום קרימינאַל.

דערנאָך איז פֿאָרגעקומען עטוואָס אַזוינס, וואָס האָט ווידער ווי אָפּגעקעפֿירט וואַדימען פֿון דער רעאַלער ווירקלעכקײַט. וואַדימען האָט זיך אָנגעהויבן דוכטן, אַז דער ריכטער איז זייער ענלעך אויף זײַן פֿאַיִנען. ניט אויף דער איצטיקער פֿאַיִנען, נאָר אַזאַ, ווי זי האָט אויסגעזען אַ פּאָר יאָר נאָך זייער כאַסענע: דאָס זעלבע מאַטעווע פּאָנעם, די זעלבע גלאַט פֿאַר־קעמטע האָר און אַפֿילו די שטרענגקײַט אירע, אַמאָל אַ געמאַכטע, און אַמאָל אַן עמעסדיקע. האָט ער שוין אינגאַנצן פֿאַרגעסן, וווּ ער איז אין דער וועלט, דערמאָנט זיך אַלע מאָל עפּעס אַנדערש, זייער לאַנגאָניקס.

דער געריכט האָט זיך אַ ביסל פֿאַרצויגן. אַלנפֿאַלס מער, ווי אָט דער גאַנץ פּאַשעטער איניען האָט געפֿאָדערט. די סיבע איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס צווישן וואַדימען און דער ריכטערן איז זייער אָפּט פֿאָרגעקומען אַ שטומער איבערוף, אַ שטומער שמועס וועגן זאַכן, וואָס האָבן גאָרניט צו טאָן מיטן איניען, בייס וועלכן די ריכטערן האָט געהאַלטן אין איין רויטלען זיך. גאַנץ מעגלעך, אַז גראָד איבער דעם, און קעדיי מאַכן אַ סאָף צו אָט דער אומ־געלומפּערטקײַט, האָט זי זיך דערלויבט אַזוינס, וואָס זי האָט דערנאָך אַליין געהאַלטן פֿאַר ניט אינגאַנצן טאַקטיש, כאָטש פֿון ריין יורידישן שטאַנדפּונקט איז דאָס געווען גאַנץ נאָרמאַל.

— איך מוז אײַך מאַכן אַ באַמערקונג, אַז אויף אײַן פֿראַגע האָט איר געענטפֿערט ניט ריכטיק. איר האָט געזאָגט, אַז איר אַרבעט אין כימיש־טעכנאָלאָגישן אינסטיטוט, און איר אַרבעט שוין דאָרטן ניט.

— וואָס הייסט? — האָט וואַדים אויסגערופֿן אַ דערשטױנטער.

— אָט האַלט איך אין די הענט אַ קאָפּיִע פֿון דעם באַפֿעל פֿונעם דירעקטאָר פֿון אינ־סטיטוט, אַז איר זײַט באַפֿרײַט פֿון דער אַרבעט.

— וואָס פֿאַר אַ באַפֿעל? איך ווייס ניט פֿון קיין שום באַפֿעלן. פֿאַר וועלכער דאַטע? מיר האָט מען וועגן דעם ניט געמאָלדן.

— איך באַדויער זייער, — האָט געענטפֿערט די ריכטערן, — נאָר דאָס קאָן גאָרנישט ניט ענדערן.

דאָס איז געווען דער ערשטער קלאַפּ, וואָס האָט אים טיף געקעפֿט ווי אויסגעניכטערט און געצוווּנגען אַ טראַכט טאָן וועגן דעם, ווו ער געפֿינט זיך, וואָס מיט אים קומט פֿאָר און וואָס פֿאַר אַ באַדײַטונג קאָן האָבן דער באַפֿעל פֿונעם דירעקטאָר פֿאַרן אורטייל. און דערנאָך, ווען דער אורטייל איז פֿאָרגעלייענט געוואָרן, אַן אורטייל, וואָס האָט אים אינגאַנצן געפּלעט, איז אים שווער געווען אויפֿשטעלן אין זיקאָרן דעם גאַנג פֿונעם פּראָצעס: וועלכע פֿראַגן האָט מען אים פֿאַרגעבן און וואָס האָט ער אויף זיי געענטפֿערט. ער האָט אַפֿילו ניט געקאָנט אויפֿשטעלן

אין זיקאָרן, צי איז געווען אפֿן געריכט אן אײדעס, כאָטש אײן אײדעס, און וואָס האָט ער געזאָגט. נאָך אַלעמען האָט ער דאָס געהאַלטן פֿאַר קלײניקײַטן, ניט קײן וויכטיקע דעטאַלן, ווײַל דעם איקער איז שווער געווען אָפּלײקענען. נאָר אַזאַ שטרענגער אורטײל?

— פֿאַר ברעכן די פֿינאַנץ־דיסציפּלין און פֿעלשעווען די פֿינאַנץ־דאָקומענטן א האַלב יאָר צוואַנגס־אַרבעט...

— צוואַנגס־אַרבעט, צוואַנגס־אַרבעט, — האָט ער עטלעכע מאָל איבערגעכאַזערט פֿאַר זיך אַלײן, קעדײַ באַנעמען דעם טאָך פֿונעם אורטײל און די פֿאָלגן, צו וועלכע ער קאָן ברענגען: פֿאַר אים, פֿאַר זײַן פֿאַמיליע און פֿאַר אַלע זײַנע אײגענע. און מער פֿון אַלץ... יאָ, מער פֿון אַלץ האָט אים געשראָקן, ווי וועלן דאָס אַלץ אופֿנעמען טאַטע־מאַמע, וואָס וועלן זײ זאָגן און וויאַזוי וועט זיך עס אָפּרופֿן אױף זײער געזונט. באַזונדערס אױף דער מאַמען.

ער איז, אַפּאַנעם, לאַנג געשטאַנען, ווי צוגעוואַקסן צום דיל, פֿאַרטאָן אין זײַנע ניט פֿרײַלעכע געדאַנקען. געקומען צו־זיך איז ער ערשט דאַן, ווען די ריכטערין איז צוגעקומען צו אים, און איר שטים האָט אַפּסנײַ א קלונג געטאָן פֿאַר אים הײמיש און מיטפֿילנדיק:

— איר ווילט עפּעס מעלדן? צי עפּשער איז אײַך...

— נײן, — נײן, — האָט ער ניט געלאָזט איר ענדיקן די פֿראַגע. — אַנטשולדיקט.

די ריכטערין האָט גראָד געקליבן זיך אַרויסזאָגן עפּעס אױף א קאָל, נאָר, באַטראַכט זיך, איז זי, גאָרנישט ניט זאָגנדיק, אַוועק.

וואָדים האָט געפּרוּווט דערטראַכטן דאָס, וואָס זי האָט אים געוואָלט זאָגן, נאָר דאָ איז צוגעקומען די קוריערשע פֿונעם אינסטיטוט, צעעפֿנט איר פּאַפּקעלע און אים דערלאַנגט א קאָפּיע פֿונעם באַפֿעל פֿון דעם דירעקטאָר.

— ביטע, שרײַבט זיך אונטער. אָט דאָ־אָ. איך האָב אײַך געזוכט עטלעכע שאָ, אַנטשולדיקט...

וואָדים האָט געלײענט דעם באַפֿעל און געסטאַרעט זיך פֿעסטשטעלן, ווען האָט ער גע־קאָנט אָנגעשריבן ווערן, טרעפֿן דעם ריכטער איך די הענט און בײַגעלײגט ווערן צום אײנ־יען?.. נו, יאָ, געוויס נאָך נעכטן אין אָוונט, און איבערגעשיקט געוואָרן אין געריכט צו נײַן אַזײגער אײנדערפֿרי. אָפּעראַטיוו... א דאַנק, א דאַנק אײַך, וואַסילי פּעטראָוויטש, וואָס איר זאָרגט זיך אַזוי פֿאַרן קאָוועד פֿונעם אינסטיטוט און איר גיט אכטונג, אַז אױף זײַן רײן פּאָנעם זאָל קײן שטויבעלע ניט פֿאַלן. פֿײַן, זײער פֿײַן. „פֿאַר אומגעזעצלעכע טאַטן, וועלכע האָבן זיך אויסגעדריקט אין ברעכן די פֿינאַנץ־דיסציפּלין, באַפֿרײַען דעם כאַווער וואָדים באָרי־סאָוויטש שאַבּיסאָוויטש פֿון די פֿליכטן פֿון הויפּט־אינזשעניער פֿון דער פּראָיעקט־ביוראָ".

איז ער ווידער געבליבן שטײן, געפּרוּווט אויסקלאָרן, וואָס עס איז פֿאַר אים ערגער: דער אורטײל וועגן צוואַנגס־אַרבעט צי דער באַפֿעל וועגן באַפֿרײַען אים פֿון דער אַרבעט. ווי וועט ער זיך קאָנען אײַנאָרדענען אױף א צווײט אָרט מיט אַזאַ אַטעסטאַציע?

דער ווינטער איז דאָס מאָל געווען א בײזער. ער האָט ווי נעקאָמע גענומען פֿאַר די פֿאַריקע עטלעכע ווינטערס, וואַרעמע און שנײלאָזע, מיט זײערע געדיכטע, עסעריקע נעפּלען, מיט זײער אַלץ אויסווייקנדיקער פֿײַכטקײַט, מיט זײערע ווירוסנע גריפּן, וועלכע בײַטן אַלע מאָל זײער פּאַרצעף, און זײ איז זײער שווער צו דעמאַסקירן. מיטן גריפּ איז דעם ווינטער געווען צו דערלײַדן, נאָר דער שנײ האָט ניט אופֿגעהערט שיטן, און ס'איז אומעגלעך געווען אים אָפּראַמען. אָפּטמאָל איז דער גאַנצער שטאָטישער טראַנספּאָרט — די אויטאָבוסן און טראָ־לײבוסן — געשטאַנען פֿאַרזונקען העכער די רעדער און ניט געקאָנט רירן זיך פֿון אָרט. האָבן מענטשן געשפּאַנט אױף דער אַרבעט צופֿוס פֿון איין ברעג שטאָט צו דעם צווײטן, אָפּטמאָל פֿאַרשפּעטיקט אױף דער אַרבעט, און אין די באַגינענדיקע און פֿאַרנאַכטיקע שאָען האָט איבער די גאַסן געהילכט א פֿאַרטויבנדיק סקריפּען פֿון הונדערטער פֿיס. און איבער אַלע שמאָלע און דורכגעטראָטענע סטעזשקעלעך איז געהאַנגען א פּאַרע פֿון הונדערטער מײַלער, זיך צו־נויפֿגעגאָסן אין אײן דורכויסיקן, געדיכטן וואָלקן, וואָס איז געהאַנגען איבער די קעפּ און זיך באַוועגט אײנײנעם מיט די מענטשן.

אַרויסגעגאַנגען פֿונעם געריכט־זאַל און א כאַפּ געטאָן אן איבעריק ביסל פֿראָסטיקע לופֿט, האָט וואָדים זיך פֿאַרהוסט און צוגעלײגט די האַנט צום מויל. ס'האָט אים טאַקע פֿאַר־כאַפּט דער אָטעם, נאָר ניט אַזוי פֿונעם פֿראָסט, ווי פֿון דעם פּלוצעם אופֿגעקומענעם דערשי־טערנדיקן געדאַנק, אַז אַרײַנגעקומען אין געריכט־זאַל איז ער אין אײן צושטאַנד און אַרויס פֿון דאָרטן אין גאָר אַן אַנדערן. א צושטאַנד, וואָס וועט אומפֿאַרמײַדלעך ברעכן אין אים אַלץ, פֿון וואָס ס'איז באַשטאַנען זײַן טאָגטעגלעכן לעבן, און אויב טיפֿער א טראַכט טאָן — דעם זין פֿון זײַן לעבן ביכלאַל. ער האָט מיטאַמאָל זיך דערפֿילט שרעקלעך אויסגעלײדיקט און האָט פֿאַרשטאַנען, אַז אים וועט פּאַשעט ניט סטײַען קײן קויעך אַרײַנקומען איצט אין אינסטיטוט,

קעדיי באקומען די נייטיקע דאָקומענטן. און נאָך שווערער איז אים געווען פאָרשטעלן זיך, ווי וועט ער זיך איצט באַגעגענען מיט די מיטאַרבעטער פונעם אינסטיטוט, באַזונדערס מיט די מיטאַרבעטער פון דער פּראָיעקט־גרופּע, וועלכע האָבן ביז היינט אים געהאַלטן פאַר זייער דירעקטאָר אָנפירער. מער פון אַלץ האָט זיך אים ניט געוואָלט זען מיט אַנטאָן גאָווריל־אָוויטשן, מיט וועמען ער איז אַ פּאָר יאָר אָפּגעזעסן אַ טיש בײַ אַ טיש. דאָס האָט דאָך געוויס ער „סיגנאַליזירט". דאָס וואָלט שווער געווען צו דערווײַזן, נאָר וואָדים צווייפלט ניט, אַז דאָס דאַרף זײַן אַנטאָן גאָווריל־אָוויטשעס אַרבעט.

נייַן, אין אינסטיטוט וועט ער הײַנט ניט גיין. נאָר קומען גלײַך אַהיים האָט ער אויך ניט געקאָנט. פאַינע וועט אַלץ איבערלייענען אויף זײַן פּנים, און ער וועט ניט וויסן, וויאַזוי דאָס געשעענע צו דערקלערן. ער איז פּשוט ניט גרייט דערצו. ער האָט נאָך ניט באַוויזן אויסקלאָרן ביזן סאָף פאַר זיך אַליין זײַן אייגענעם צושטאַנד. אוודאי, ווען ער זאָל געווען טראַכטן וועגן אַזעלכע זאַכן בײַס דער אויספאָרשונג, וואָלט דאָס עפּשער ניט געקומען צום געריכט.

פאַרנאַכט־צו איז דער פראָסט געוואָרן נאָך בייזער. די לופט האָט באַקומען אַ בלוילעכע באַפאַרבונג, געוואָרן אומגעווײנלעך דורכזיכטיק און ס'איז געוואָרן שווער צו אָטעמען. וואָדים האָט דערפילט, ווי עס האָט אים אַ שניט געטאָן אונטערן האַרצן — אַ שניט מיט אַ ברי אינײנעם, וואָס האָט אים געצוווּנגען אָפּשטעלן זיך און אײַנהאַלטן דעם אָטעם. אַזוינס האָט מיט אים געטראָפן צום ערשטן מאָל. ער האָט זייער מוירע געהאַט פאַר אַ נײַעם שניט, וואָס זאָל אים אומוואָלגערן אינמיטן דער גאַס. אָפּגעוואַרט אַ פּאָר מינוט, פאַרזיכטיק אָן אָטעם געטאָן, זיך איבערצײַגט, אַז קיין נײַער ברי דראָעט אים ניט, האָט ער זיך געלאָזט גיין ווײַטער און שטיל געזאָגט צו זיך אַליין:

— ווי מיט אַ מעסער איבערן האַרצן.

נאָר דאָס האָט געהאַט אַ שײַכעס ניט צו דעם, וואָס עס איז מיט אים אָקאָרשט געשען, נאָר צום אינײען, וואָס האָט גוירעם געווען דערצו. אין דער ערשטער ריי צו אַנטאָן גאָווריל־אָוויטשן, וואָס איז ביז הײַנט געווען זײַן רעכטע האַנט, מיט וועמען ער האָט זיך אָפט געייצעט וועגן זייער קאָמפּליצירטע טעכנישע פראַגן. ער האָט אים געהאַלטן פאַר דעם פײַקסטן אינ־זשעניער אין דער פּראָיעקט־גרופּע. ווי זשע קאָן עס אַ מענטש האַנדלען אַזוי נידערטרעכטיק? ווי קאָן מען עס פאַראַטן אַ כאַווער, אויסטראַכטן אויף אים אַזאַ בילבל?

— עך, אַנטאָן גאָווריל־אָוויטש!

אים איז געווען אַלצייַנס, וווהין גיין און וווהין פאַרקערעווען. האָט ער זיך געלאָזט אינײ־נעם מיטן מענטשן־שטראָם, וועלכער האָט געשאַפן אַ לאַנגע ריי איבער די שמאָלע, אויסגע־טראָטענע סטעזשקעלעך, און אינײנעם מיט אַלעמען, מיט הונדערטער שיך, שטיוול און פּוישטן געהאַרעוועט איבער דעם, אַז דער הילכיקער סקריפּ זאָל ניט אָפּגעשוואַכט ווערן. ער האָט שוין דורכגעשפּאַנט איבער עטלעכע גאַסן און ליקעלעך און ערשט דערנאָך באַמערקט, אַז די ריי איז געוואָרן קירצער און שיטערער, דער סקריפּ שוואַכער, און אַז ער שפּאַנט איבער גאַסן, אויף וועלכע ער איז ניט געווען ווער ווייסט וויפל יאָרן. זיי זענען אים אויס אינגאַנצן אומ־באַקאַנט, גלײַך ער האָט געטראָפן אין אַ פרעמדן קאַנט. ער האָט געדאַרפט שטאַרק אָנשט־רענגען דעם זיקאָרן, קעדיי זיך איבערצײַגן, אַז דאָס זײַנען די גאַסן פון זײַן אייגענער שטאָט, גאַסן, וואָס זײַנען פאַרבונדן מיט זײַן ווײַטער יוגנט, מיט פיל איבערגעלעבטן, מיט גוטע און אויך ניט גוטע דערמאָנונגען.

די שטאָטישע גאַסן האָבן זיך שוין געענדיקט. איצט האָט ער געשפּאַנט איבער דער פאָרשטאָט, ווו די הײַזער זײַנען געווען נידעריקער און שיטערער און דער נעפּל פיל געדיכ־טער. טאַקע דער נעפּל, וואָס האָט אים אַלץ שטאַרקער געהאַלטן צווישן כאָלעם און וואָר, האָט אָפּסנײַ אַרויסגערופן דאָס געשטאַלט פון אַ פרוי מיט אַ מאַטעווע פּנים און גלאַט צוגע־קעמטע האָר. צוערשט איז דאָס געווען די ריכטערן, דערנאָך, ווען זי האָט אַ ביסל באַרוי־גערלעך אַ קוק געטאָן אויף אים, האָט ער דערקענט אין איר זײַן פאַינען. אין איין אויגנבליק זײַנען זיי ביידע פאַרשוווּנדן געוואָרן, און פונעם נעפּל איז אַרויסגעשווומען אַ מיידל מיט אַ בלענדיק־שײַנענדיק פּנים, מיט אויגן, וועלכע האָבן געקאָנט דורכנעמען יעדערן אפילו דאָן, ווען זיי זײַנען צוגעזשמורעט. אַ מיידל מיט ליכטיקע, לאַנגע לאָקאָנעס, וואָס זײַנען אַראָפּגעהאַנגען איבער די אַקסלען, ווי זײַדענע טרײַבעלעך. זיי האָבן געלעבט מיט זייער באַ־זונדער לעבן, אָט די לאָקאָנעס, פאַרשײַט געשלענגלט זיך, ווי זאַנגען אָפּן ווינט, אַמאָל גע־שושקעט זיך און אַמאָל זיך צעקלונגען מיט צענדליקער גלעקעלעך. טאַקע זיי, אָט די פאַר־שײַטע לאָקאָנעס, האָבן אים פאַרקישעפט, און ער האָט זיך פאַרליבט ביז מעשוגאַס סאַמע דאָן, ווען ער האָט זיך ניט געטאָרט פאַרליבן. געשען איז דאָס אין יענעם זומער, ווען ער

האָט געענדיקט די מיטלשול און איז אָנגעקומען אפֿן ערשטן קורס פֿונעם כימיש־טעכנאָלאָגישן אינסטיטוט. אין דעם ערשטן טאָג אַף דער ערשטער לעקציע.

די ערשטע צײַט איז ער איר נאָכגעגאַנגען פֿוסטריט אָדער געקוקט אַף איר פֿון דער זײַט, פֿונדערווײַטנס, אַזוי אַז ער אַליין זאָל בלײַבן אומבאַמערקט, און זי זאָל אויך גאָרנישט ניט באַמערקן. ער האָט זיך אויפֿגעפֿירט ווי אַ שילער, וואָס מוז מיט אַלע קויכעס אויסבאַהאַלטן זײַנע געפֿילן פֿון די אַרומיקע און אין דער ערשטער ריי פֿון זיך אַליין. דערנאָך איז אים געוואָרן שטאַרק ענג אינעם שילערישן העמדעלע און ס'האָט אַלץ מערער געלאָזט הערן וועגן זיך דער שוין דערוואַקסענער סטודענט. דאָס האָט אים געצוווּנגען שטיקן אין זיך די שילערישע פֿאַרשעמטקײַט און אויפֿירן זיך פֿיל דרייסטער. אָפּטמאָל האָט ער איבערגעכאַפּט די מאָס, אויפֿגעפֿירט זיך גאַנץ כוצפּעדיק, זײַענדיק זיכער, אַז סײַווי באַמערקט זי דאָס ניט, און ס'וועט זיך דערפֿון גאָרנישט ניט באַקומען. נאָר זי האָט אַלץ באַמערקט, פֿיל מער, ווי אים האָט זיך געדוכט, און ווען ער האָט ענדלעך זיך אָנגענומען מיט מוט און זי אָפּגעשטעלט, האָט זי אים דערלאַנגט די האַנט און אַפֿילע דערלויבט נעמען זי אונטערן אָרעם, גלײַך זיי זײַנען באַקאַנט ווער ווייסט וויפֿל צײַט. און אַלץ מיט אַזאַ שמייכעלע, מיט אַזאַ פֿאַרשטייענדיקער, מיטפֿילנדיקער און באַוויליקנדיקער מינע.

— איך האָב שוין פֿון לאַנג באַמערקט, ווי איר גייט מיר נאָך, — האָט זי אַרויסגעבראַכט, ווי וועגן אַ גאַנץ געוויינלעכער זאַך. — איר זײַט, אַפּאַנעם, פֿונעם שעמעוודיקן צענדליק?

— איך געהער ניט צו קיין שום צענדליק, — האָט ער אָפּגעענטפֿערט אַ ביסל באַליידיקט. ער האָט געוואָלט דערמיט זאָגן, אַז ער איז ניט פֿון די, וועלכע מע ציילט אפֿן צענדליק אָדער אפֿן טוץ.

קאַלזמאַן דער האַרבסט האָט זיך געהאַלטן בא זײַן פֿריִען אָנהייב און די טעג זײַנען געווען זוניקע און וואַרעמע, זײַנען זיי יעדן פֿאַרנאַכט געלאָפֿן צום טײַך. באָדן זיך האָט מען שויך ניט געקאָנט, נאָר זיי האָבן ניט געדאַרפֿט זיך באָדן. פֿאַר זיי איז וויכטיק געווען פֿילן, אַז זיי זײַנען איינע אַליין אַף דער גאַנצער וועלט און זיי קאָנען זיך אײַנטוקן ביז איבערן קאָפּ אין דעם קילן פֿאַרנאַכט, אין דעם לויטערן הימל, אין דער ווײַטער, פֿאַרגייענדיקער זון, אין דעם גאַנצן אַרום, וואָס איז ווי אַפּסנײַ איבערבאַשאַפֿן און פֿאַרמאָגט אין זיך אַזעלכע פּרעכטיקײַטן, וועלכע זיי האָבן פֿריִער אַפֿילע ניט כּושעד געווען. זיי האָבן אָפּגעזוכט פֿאַר זיך אַ געמיטלעך ערטעלע אונטער אַן אַלטער ווערבע, אַף וועלכער די בלעטער האָבן פֿאַרהיט זייער לעבעדיקע גרינקײַט, און יעדן פֿאַרנאַכט באַשיט זייערע קעפּ מיט גרינע בלעטער, וועלכע האָבן שטיל זיך אָפּגעריסן פֿון די צווײַגן, געפֿאַלן אויך שטיל און זיך אויסגעלייגט איינס אפֿן אַנדערן אין אַ ווייכן אויסבעט. ס'איז געווען פֿיל אומעטיקס אין דעם, ווי לעבעדיקע בלעטער פֿאַלן אַזוי שטיל און וואַרפֿן זיך האַכנאָעדיק אונטער זייער האַרבסטיקן גוירל. נאָר זיי האָט דער אומעט ניט גענומען, פֿאַר זיי איז אַלץ אַרום געווען פֿרילינגדיק־באַנײַט, און די גאַנצע וועלט האָט זיך זיי געדוכט פֿול מיט בליִונג. זיי זײַנען געזעסן צוגעטוליעט מיט די פּלייצעס צו דעם גראָבן שטאַם און זיך אײַנגעקוקט אין וואַסער, וואָס איז אויך געלעגן אַן אײַנגעשטילטע, גלײַך ס'האָט זיך אָנגעהאָרעוועט פֿאַרן לאַנגן זומער און איצט רוט עס אָפּ, שווימט אין ערגעץ ניט, דרעמלט אַן איבערגעמאַטערטע, און בלויז אַ פֿאַרבלאָנדזשעטע ווינטל צעבלאָזט עס אַמאָל אין קליינע, קינדערישע כוואַליעלעך.

אַזוי זײַנען זיי אָפּגעזעסן יעדן פֿאַרנאַכט ביזן שפּעטן אָוונט, אָפּגעזעסן שווײַגנדיק, ניט אַרויסגעבראַכט קיין וואָרט.

דערנאָך, ווען דער האַרבסט איז שוין געוואָרן אַ רעגנדיקער און אַ בלאָטיקער, און שפּעטער, ווען ס'האָבן זיך אָנגעהויבן די פֿרעסט און זאַווייען, האָבן זיי יעדן אָוונט שפּאַצירט. פּאַשעט שפּאַצירט. בלויז שפּאַצירט. זיי זײַנען אויסגעוועזן ווו די שטאָט האָט אַ ברעג, זיך פֿאַרקליבן אין אַלע פֿאַרוואָרפֿנסטע געסלעך, אין אַלע פֿינצטערע ליקעלעך, און אויב זיי פֿרעגן דערנאָך, ווו זײַנען זיי געווען און ווי הייסן יענע גאַסן און געסלעך, וואָלטן זיי ניט געקאָנט ענטפֿערן. זיי האָבן ניט געזוכט פֿאַר זיך קיינעם ניט און גאָרנישט ניט, ניט געפֿילט די רעגנס און די זאַווערוכעס, די שנייען און קעלטן, זיי האָבן ביכלאַל גאָרנישט ניט געפֿילט, כוץ דעם פֿלאַטער פֿון די אייגענע הערצער.

— וואַדים, דימאַ... פֿונוואַנעז האָסטו זיך גענומען אַף מײַן קאָפּ? — האָט זי געזאָגט שמייכלענדיק.

די ערשטע צײַט האָבן זיי זיך אַרומגעפֿירט מיט אַ קלאָרן געדאַנק, דערנאָך האָט עס זיי ווי אַרומגעפֿירט, און זיי זײַנען נאָכגעגאַנגען פֿאַרכאַלעמטע, טאַקע גאָר ווי פֿאַרקישעפֿטע. זיי האָבן ניט געקאָנט פֿאַרשטייך, וויאַזוי האָט עס זיי פֿאַרפֿירט אין אַ קליין, האַלב־צעוואָלגערט קלויסטערל, אין וועלכן ס'האָבן געבושעוועט ווילדע צוגווינטן, און ביידע האָבן זיך דער־

פילט, ווי א וויכער האָט זיי פאַרשליי־ערט און אָט־אָט וועט ער זיי א הייב טאָן און אוועקטראָגן אין אויסערייַסעניש. פאַר שרעק האָבן זיי זיך פעסט ארומגע־נומען, זיך א לאָז געטאָן אין א זייַט, קעדיי ארויסרייַסן זיך פונעם וויכער און זיך פארוקט אין א פינצטער און שטיל ווינקעלע. אזוי זייַנען זיי געבליבן זיצן פעסט צוגעטו־ליעט, ארומגענומען. זיי האָבן נאָך אלץ געפלאָטערט פון דער נאַרוואָס איבערגע־לעבטער שרעק, נאָר ביסלעכווייַז האָט דער פלאַטער ווי אָנ־געווארעמט זיך, און זיי האָבן זיך דער־פילט שוין גאָר אַנ־דערש, אזוי ווי זיי האָבן נאָך קיינמאָל זיך ניט געפילט. דערפון איז אופגע־קומען א נייַע שרעק, פון וועלכער עס האָט פארכאפּט דער אָטעם. קעדיי געפינען א באַרעכטיקונג פאַר זייער אומגעווינלעכער צוגעטוליעטקייַט, האָט בא וואָדימען זיך ארויסגעכאפּט:

— לאָמיר שווערן...

— בא וואָס? — האָט זי געפרעגט.

— בא אָט דעם קלויסטערל.

גוט, וואָס ס'איז געווען שטארק פינצטער און זיי האָבן ניט געקאָנט זען, ווי זייערע פּע־נעמער פלאַמען, ווי ביידע שלאָגן זיך מיט דער דייע: פירן ווייַטער דעם אומגעווינלעכן שמו־עס, צי איבערלאָזן אלץ אין זיך. איז טאַקע געבליבן ניט דערזאָגט, וועגן וואָס, אייגנטלעך, קלייַבן זיי זיך שווערן.

דערנאָך, ווען זיי האָבן זיך ארויסגעקליבן פונעם קלויסטערל און געקאָנט קוקן איינער דעם אנדערן אין די אויגן, האָבן זיי ביידע זיך געסטאַרעט פאַרדעקן די רעשטלעך פון זייער פאַרויטלטקייַט און פאַרשעמטקייַט מיט דעם, וואָס זיי האָבן ניט אופגעהערט שפּעטן איינער פונעם אנדערן דערפאַר, וואָס זיי האָבן אויסגעקליבן פאַר זייערע שוועס דאָס האלב־צעוואַל־גערטע קלויסטערל.

דער ערשטער קורס איז פאַר ביידן דורך, ווי איין לאַנגער כאָלעם, פול מיט ניט ערדישן ווונדער, ווי א פרעכטיקער פרילינג, וואָס האָט פאַרהיט זייַן צוויט אפצולאָכעס די האַרבס־טיקע רעגנס און ווינטערדיקע זאַווייען. ביז ס'איז אָנגעקומען די זומערדיקע סעסיע. זי איז געווען פאַר זיי ביידע אומדערוואַרט און אויסניכטערנדיק. אָט ערשט דאַן האָבן זיי זיך גע־כאַפּט, אַז פיל לעקציעס האָבן זיי דורכגעלאָזט, פיל ביכער ניט איבערגעלייענט. ערעוו דער סעסיע האָבן זיי זיך געגעבן איינער דעם אנדערן א וואָרט, וואָס עס איז פאַר זיי ביידן געווען

דער שוואַרצער נײדער: זײ װעלן זיך ניט זען, זיך ניט באַגעגענען, ביז זײ װעלן ניט אָפּ־געבן אַלע עקזאַמענס.

א כּוידעש צײַט איז װאָדים קימאַט ניט געשלאָפן. געגעסן האָט ער אויך בעכּיפאַזנדיק, און אַפּילע קײַענדיק, ניט אופגעהערט כאַזערן און איבערכאַזערן זײער א װיכטיקע זאַך, װאָס ער האָט געמוזט פאַרגעדענקען. די מאַמע האָט ניט אופגעהערט טײַנען, ער זאָל כאָטש איין נאַכט זיך גוט אויסשלאָפן, כאָטש איין מאָל װי געהעריק אָפּעסן, געשראָקן אים, אַז ער װערט מיט יעדן טאָג מאָגערער, נאָר װאָדים האָט אַנדערש ניט געקאָנט. ער האָט דאָך געגעבן דאָס װאָרט. ער האָט אַזוי געטרײַ אָפּגעהיט די שװוּע, אַז איינמאָל, װען ער האָט אָן עפן געטאָן די טיר פון דער אינסטיטוטישער ביבליאָטעק און דערזען פונדערװײַטנס זינען, איז ער גלײַך ארויסגעלאָפן אין דרויסן, ער זאָל זיך מיט איר ניט באַגעגענען.

אין א כּוידעש ארום, נאָך דעם לעצטן עקזאַמען, װען ער איז א פאַרסאָפּעטער געלאָפן אהין, װוּ זײ האָבן באַשטעלט זײער באַגעגעניש, האָט ער זי דערזען אונטערן אָרעם מיט אַן אומבאַקאַנטן יונגנמאַן, װעלכער איז געװען העכער פון איר מיט א קאָפּ. ער האָט געשפּאַנט באַנאַנד, פאַריסן דעם קאָפּ ארוף, געקוקט האַלב אָפּן הימל און האַלב אין דער װײַטער װײַט־קײַט. אַזוי האָט ער געקאָנט דורכשפּאַנען אויך פאַרבײַ אים און ניט באַמערקן. נאָר זינע האָט אים א צי געטאָן פאַרן אַרבל.

— באַקאַן זיך, װאָדים, דאָס איז מײַן מאַן. מיר האָבן נעכטן זיך פאַרשריבן.

באַמערקט, װי װאָדים הײבט אָן שלינגען די לופט, גלײַך ער װאָרגט זיך מיט עפּעס, האָט זי ארופגעלײגט איר האַנט אף זײַן אַקסל:

— נו, דימאַטשקע, דאַרפסט דאָך פאַרשטײן... װאָס פאַר א כאַסן ביסטו? מיר האָבן דאָך אַפּילע ניט גערעדט װעגן דעם.

ריכטיק, אַװאָדע ריכטיק, זײ האָבן טאַקע ניט גערעדט װעגן דעם. נאָר מע דאַרף דען רעדן װעגן אַזעלכע זאַכן? װעגן דעם טאַקע האָט ער איר געװאָלט זאָגן. ער האָט איר געװאָלט דערמאָנען װעגן דעם קלויסטערל, װעגן די װילדע צוגװינטן און װעגן דער שװוּע. נאָר װיפל ער האָט ניט געצויגן, געשלעפּט פון זיך די װערטער, האָבן זײ ניט געװאָלט ארויסרעדן זיך. האָט ער זיך א ריס געטאָן און איז אַװעקגעלאָפן. ער האָט אַלײן ניט געװוּסט, װוּהין ער לויפט, און איז געװען ביז גאָר פאַרכידעשט, װען ער האָט זיך דערזען באַם טײַך לעבן דער אַלטער װערבע.

דאָ איז איצט געװען זומערדיק־ראַשיק. פאַרשײַטע שטימען פון יינגלעך און מײדלעך האָבן געהילכט איבערן װאַסער און איבערן זאַמדיקן ברעג. זײער אַמאָליקע גרינע העסעבעט איז איצט געװען פול מיט פאַרגעלטן בלעטער־שטויב, מיט פאַפּירלעך, שקאַרמיצלעך און מיט אויסגעלײדיקטע פלעשלעך — פרישע און ניט פרישע שפּורן פון פרײלעכע און זאָרגלאָזע סודעס. אים האָט זיך געװאָלט װײנען דערפון, װאָס אָט דאָס שטילע ערטעלע, װאָס איז פאַר אים הײליק, איז אַזוי מיִעס און ברוטאַל פאַרשװעכט געװאָרן. און די װערבע האָט געשװיגן. אירע אַראָפּהענגענדיקע צװײַגן זײַנען געװען געדיכט באַװאַקסן מיט נײַע, יונגע בלעטער. זײ האָבן פּעטלעך געגלאַנצט, גלײַך זײ האָבן זיך נאַרװאַס אויסגעבאָדן, און ס'איז זײ אַפּילע אָפן געדאַנק ניט געקומען, אַז ס'איז דאָ אף דער װעלט א האַרבסט, װאָס װעט זײ אומראַכמאָנעסדיק אויספליקן. דאָס װאַסער אין טײַך איז אויך געפלאָסן ראַשיק און גיך, און װאָדים האָט מיט פאַרדראָס א טראַכט געטאָן, אַז פון יענע װאַסערן, װעלכע האָבן אין פאַריקן האַרבסט שטיל און אומבאַװעגלעך געדרעמלט, איז שוין קײן טראָפּן ניט געבליבן. און ביכלאַל... אַלץ, װאָס עס איז געװען אין פאַריקן האַרבסט, װעט שוין מער קײנמאָל ניט זײַן. און ער אַלײן אויך. יאָ, ער אַלײן אויך... דער דאָזיקער געדאַנק האָט בלויז א בליץ געטאָן און ניט גע־סטײַעט. ער האָט אַפּילע ניט באַװיזן אויסלײגן אים אין באַזונדערע װערטער. נאָר דאָס איז געװען גענוג, אַז ער זאָל אין יענעם זומערדיקן פאַרנאַכט דערפילן א גרויל, װאָס האָט דורכגענומען דאָס לײַב און געצװוּנגען אים לאָזן זיך לויפן. ער איז געלאָפן באַרג־ארוף, װי עמעצער װאָלט זיך געיאָגט נאָך אים און אַקשאָנעסדיק אויסגעשריִען:

— נײַן! נײַן! נײַן!

אַפּילע לויפנדיק האָט ער אף א װײַלע צוגעמאַכט די אויגן, ער זאָל ניט זען דאָס, װאָס עס האָט געקאָנט געשען: װיאַזוי מע טראָגט אים ארויס פונעם טײַך א דערטרונקענעם און װי טאַטע־מאַמע בײגן זיך אָן איבער אים.

ערשט דערנאָך, װען ער האָט זיך א ביסל באַרויִקט, אײנגאַנצן אָן אויסגעשעפּטער, האָט ער מיט א נײַעם װײטעק א טראַכט געטאָן װעגן דעם פּאַראַט, װאָס זינע איז באַגאַנגען בע־נעגײע אים און בענעגײע זײער טרוים.

— ווי מיט א מעסער איבערן הארצן, — האָט דאַן באַ אים זיך ארויסגעריסן. וויפל יאָרן זײַנען שוין אוועק... שוין באַלד פינף און צוואַנציק!.. און זיבע אַליין... זי האָט זיך שוין קימאַט אויסגעוועפּט פון זײַן זיקאָרן און דוכט זיך אים אָפּט, ווי א ווײַטער און ניט קלאָרער כאָלעם. ווי א וואָלקנדל וואָלט דורכגעשווומען, פאַרשטעלט אַף א ווײַלע די זון און איבערגעצויגן די ערד מיט א קילן שאָטן... עס טרעפט אַמאָל אויך אַנדערש. זי גיט אַמאָל א שווים ארויס פון די פאַרלאָרענע טיפענישן, טוט א בלענד מיט אירע שלענגלדיקע לאָקאַנעס, טוט א ברי אָפּ מיט יענע אומפאַרגעסלעכע פאַרנאַכטן אונטער דער ווערבע, און עס גיט וויטעקלעך א פּרעס אונטערן הארצן פון די צוגווינטן אינעם פאַרקאָוועטן קלויסטערל...

אַלע מאָל, ווען עס שווימט ארויס אין זיקאָרן יענץ אומבאַגרײַפלעך ווײַטע, פילט ער זיך א ביסל שולדיק פאַר זײַן פאַיִנען, גלײַך בלויז אין דעם, וואָס ער האָט דערלאָזט, עס זאָל ארויסשווימען, איז פאַראַן עפּעס ענלעכס אַף פאַראַט בענעגייע איר, און ער סטאַרעט זיך מיט אַלע קויכעס, זי זאָל דאָס ניט באַמערקן.

אַזוי איז געווען אויך דאָס מאָל. ס'איז יענע בלענדעניש, ס'איז יענער ברי, און אויך יענער פּרעסנדיקער וויטעק, נאָר קיין געפיל פון שולד פאַר פאַיִנען איז ניט געווען. מעגלעך דערפאַר, וואָס דאָס לאָנגאַניקע האָט זיך אויסגעמישט מיטן הײַנטיקן און דער פאַרדראָס איבערן באַגאַנגענעם פאַראַט האָט געהאַט א שײַכעס ניט צו יענעם פאַרנאַכט נאָך די עקזאַמענעס, נאָר צו דעם, וואָס עס האָט געבראַכט צום הײַנטיקן געריכט. און דאָך, דאָס זעלבע — ווי מיט א מעסער איבערן הארצן.

פון יענער זויבערקײַט און בלויקײַט איז שוין קיין סימען ניט געבליבן, און פאַר די אויגן איז שוין ניט יענער נעפּל, וואָס זעט זיך א ביסל פונדערווײַטנס, נאָר א טונקעלע געדיכטקײַט, וואָס האָט צונויפגעגאָסן איניינעם דעם הימל מיט דער ערד און אַרײַנגענומען אויך אים אַליין אין אָט דער דורכויסיקער נעפּלדיקײַט. ווען ער איז צוגעקומען צום טײַך, האָט מען שוין גאָר אַרום ניט געזען. בלויז די שוואַכע פײַערלעך, וואָס האָבן ארויסגעפינקלט פון דער אַלץ אײַנשלינגענדיקער פאַרשנייטקײַט, האָבן געגעבן אָנצוהערן, אַז ערגעץ איז פאַראַן א שטאָט און אַז הינטער די פּלייצעס ציִען זיך די שיטערע הײַזער פון דער פאָרשטאָט... ער איז ארופגעקומען אַפן אײַז, א פּאָר מאָל א קלאַפּ געטאָן איבער דעם מיט די פיס, ווי אויספּרווונדיק זײַן פעסטקײַט, און ס'האָט אים אַליין אויסגעזען מאָדנע, וואָס גראָד אָט דאָ, לעבן טײַך, וועלכער איז פול פאַר אים מיט אַזויפיל אומפאַרגעסלעכן, איז אופגעקומען יענע ניכטערקייט און קלאָרקייט פון געדאַנק, בייס וועלכע ער האָט באַקומען א מעגלעכקײַט אפּסנײַ באַטראַכטן אַלץ, וואָס עס איז געשען ביזן געריכט און אַפן געריכט גופע. און שוין שפּאַנענדיק צוריק, א היפּש איבערגעפרוירענער און א היפּש אויסגעהונגערטער, האָט ער געמוזט אָנערקענען, אַז ער אַליין איז אין א גרויסער מאָס שולדיק אין דעם, וואָס ס'איז דערגאַנגען צו א געריכט און וואָס ער איז פאַרמישפּעט צו צוואַנגס־אַרבעט. און ניט דערפאַר, וואָס ער איז באַגאַנגען אַן ערנסטן פאַרברעכן, נאָר דערפאַר, וואָס ער האָט ניט דערשאַצט די לאַגישע אומפאַרמײַדלעכקײַטן און גאָרנישט ניט געטאָן אַף דערווײַזן זײַן אומשולד. ערשט איצט האָט ער באַנומען די גאַנצע לעפּישקײַט פון זײַן אופירונג אַפן געריכט, ווי אויך דאָס, אַז דאָס ערגסטע שטייט אים ערשט פאָר. ער וועט ווידער זיך דאַרפן שטעלן פאַר א מישפּעט, פאַרן סאַמע שטרענגסטן, ווו ער וועט ניט קאָנען אָפּקומען מיט לעפּישע ענטפערס, נאַרישע דערקלערונגען און אומגעלומפּערטע פאַרגלײַכונגען.

אהיים איז ער געקומען שפּעט אין אָוונט. שוין לעבן דעם אייגענעם מויער האָט ער זיך א היפּשע צײַט ארומגעדרייט אהין און צוריק, אַרײַנגעקוקט אין די פענצטער פון זײַן דירע אַפן צווייטן שטאָק, געפּרווט פעסטשטעלן, וואָס דאָרטן טוט זיך: צי איז פאַיִנע אין קיך, צי זי זיצט אין צימער און קוקט אַרײַן אין א צײַטונג, צי איז דאַרינקע שוין אינדערהיים, צי נאָך אַלץ אין מעדינסטיטוט, פאַרכאַפּט מיט אירע ספּאָרטיווע איניאַנים. און דעריקער — צי איז זי געקומען אהיים אַליין, צי איניינעם מיט איר געמאַלדענעם כאָסן, מיט רעליקן. נאָר לויט דער באַוועגונג פון די שאָטנס, לויט דעם, ווי ס'האָט זיך אָנגעצונדן און זיך געלאָשן די שײַן אָט אין איין צימער, אָט אין א צווייטן, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז די וועטשערע האָט מען שוין אָפּגעגעסן אָן אים און איצט איז יעדערער פאַרנומען מיט זײַנע איניאַנים. דאַרינקע איז, זעט אויס, באַ זיך אין צימער איינע אַליין. ער האָט געדאַרפט האָבן נאָך עטלעכע מינוט אַף אַראָפּטרייסלען פון זיך די מאַסע פונעם אומגעווייַנלעך־לאַנגן און שווערן ווינטערדיקן טאָג, אַראָפּטרייסלען אויך דעם איבעריקן שניי און אַרײַנקומען אין שטוב אַרײַן א רויִק־פאַרמאַטערטער, ווי נאָך א שווערן טאָג אַרבעט און נאָך א פאַרצויגענער באַראַטונג,

פאִינע זאָל גאָרנישט ניט באַמערקן. אַלנפאַלס, אין די ערשטע מינוטן, ביז ער אַליין וועט קומען א ביסל צו־זיך, איינמאַסטען זיך און צוגעוווינען זיך צו זײַן אומגעוויינלעכן צו־שטאַנד — ניט אַהין און ניט אַהער. פון דער אַרבעט באַפרײַט, מיט צוואַנגס־אַרבעט פאַרזי־כערט אף א האַלב יאָר, און ער שטעלט זיך ניט פאָר, ווי וועט ער מיט אַזא אַטעסטאַציע זיך קאָנען אײַנאָרדענען אף אַן אַנדער אַרבעט, ווי וועט ביכלאַל אויסזען דער מאָרגנדיקער טאָג.

פון די יונגע יאָרן איז ער פאַרבליבן א דאַרלעכער, מיט אײַנגעפאַלענע באַקן. און ווי זײַן מאַמע האָט אים ניט געפּילנעוועט, האָט ער ניט געקאָנט אָנעמען א ביסל מערער וואָג און מאַכן דאָס פּאָנעם א ביסל קײַלעכדיקער. פאִינעס באַמיִונגען האָבן אויך צו גאָרנישט ניט געבראַכט. דאָס אַליין האָט אים ניט איבעריק געקימערט, נאָר דאָס אײַנגעפאַלענע פּאָנעם האָט שטאַרק רעאַגירט אף קעלט, און אים איז אָפט אויסגעקומען אָנרײַבן די באַקן, זיי זאָלן אָנווערן די קרירעדיקע בלייכקײַט. זיי האָבן אויך ניט געקאָנט לײַדן קיין איבעריקע היץ. איצט האָט ער ניט געוווּסט וואָס צו טאָן מיט זיי, ווײַל ער האָט ניט פאַרשטאַנען, פון וואָס פלאַמען זיי אַזוי. געקומען צום געדאַנק, אַז מיט די באַקן וועט ער איצט גאָרנישט ניט אויפ־טאָן, אַז דאָס וועט ביכלאַל גאָרנישט ניט ענדערן, האָט ער האַסטיק זיך אויפגעהויבן אפן צווייטן שטאָק און, פאַרגעסן, אַז דער שליסל ליגט בא אים אין קעשענע, נאָך האַסטיקער אָנגעקלונגען.

— איך גיי, איך גיי, — האָט ער דערהערט פאִינעס שטים. — וואָס האָסטו זיך אַזוי צעקלונגען, ווי עמעצער וואָלט זיך געיאָגט נאָך דיר?

געעפנט די טיר, האָט זי געפרעגט א פאַרוווּנדערטע:

— און ווו איז דײַן שליסל?

— פאַרשטייסט, איך האָב זיך שטאַרק אויסגעהונגערט.

— ווער זשע צווינגט דיך זיצן דאָרט ביז האַלבער נאַכט? — האָט זי אים אויסגעמו־סערט, ווי ניט באַמערקט די לעפּישקײַט פון זײַן ענטפער אף אירע ערשטע צוויי פראַגן.

— דו ווייסט דען ניט? — האָט ער ווי זיך פאַרענטפערט. — די באַשטעלער יאָגן אונ־טער. און מיר אַליין אויך. עס ווילט זיך ענדיקן דעם פּראָיעקט פאַרן טערמין.

אַלץ איז געגאַנגען ווי שטענדיק. ער האָט אויסגעטאָן דעם מאַנטל, אַראָפּגענומען און א טרייסל געטאָן דאָס היטל, אַראָפּגעשלעפּט די שיך און אַרײַן אין שטעקשיך, אָפּגעוואַשן די הענט און זיך צוגעזעצט צום טישל, אף וועלכן פאִינע האָט אוועקגעשטעלט מיטיק מיט דער וועטשערע אינײנעם. נאָר, אַפּנים, ניט אַלץ איז געווען אַראָפּגעריסלט און ניט אַלץ איז מעגלעך געווען צו פאַרדעקן. וואָס זשע אַזוינס האָט פאִינע דערזען אף זײַן פאַרפלאַמט פּאָנעם?

— נו, זאָג שוין, וואָס איז דאָרטן בא אײַך געשען? — האָט זי געפרעגט, צוזעצנדיק זיך לעבן אים אף א בענקל.

— עפּשער וועסטו מיר דערלויבן פריִער אָפּעסן?

— איך זע שוין, ווי דו עסט.

— ביסט, דוכט זיך, אַן עקאָנאָמיסט, ניט קיין פּסיכאָלאָג.

— דיך זע איך שטענדיק אף דורך און דורך.

— וואָס זשע האָסטו אַזוינס דערזען אף מיר?

— בא דיר איז א פּאָנעם פון א מענטשן, וועמען מע האָט פאַרמישפּעט צום טויט.

— שוין גלײַך טאַקע צום טויט? ניט מער און ניט ווייניקער?

דאָס שמייכעלע זײַנס, וואָס האָט געדאַרפט באַטל מאַכן איר כשאַד און אויך א ביסל ווייכער מאַכן דאָס, אין וואָס ער וועט מוזן זיך מודיע זײַן, האָט דאָס מאָל אים אָפּגעטאָן א שפּיצל. ס'האָט ווי אונטערגעדרינגעוועט צווישן די ציטערדיקע קינבאַקן און צוגעגעבן זײַן פּאָנעם עטוואָס ווײנענדיקס. דאָס האָט אָפּגענומען אָנגעשראָקן פאִינען:

— אָבער זאָג שוין!

— וואָס דיר קאָן זיך דוכטן... טויט־שטראָף! סאַכאַקל א האַלב יאָר.

— דו קאָנסט רעדן ווי א מענטש? וואָס פאַר א האַלב יאָר?

— נו, ווי הייסט דאָס... צוואַנגס־אַרבעט.

— דו ביסט, צי דו מאַכסט זיך...

— ערן־וואָרט!

— אָבער וואָס פאַר א שײַכעס האָט דאָס צו דיר?

— נאַרעלע, פאַרמישפּעט האָט מען טאַקע מיך.

אַרויסגערעדט די עטלעכע ווערטער, האָט וואָדים פרײַ אָפּגעעטעמט, ווי ער וואָלט דורכ־

געקומען דאָס ערגסטע און געפּערלעכסטע. פּאַינע איז בלייך געוואָרן און האָט אָנגעהויבן פּאַרהיקען זיך:

— ווער-ווער? ווער-ווער האָט פ־פאַרמישפּעט?

— וואָס הייסט ווער? דער געריכט.

— פאַר וואָס?

— פאַר וואָס, פאַר וואָס... מיסטאמע איז געווען פאַר וואָס.

פּאַינעס פּנים איז פון בלייך געוואָרן רויט:

— איך וויל וויסן פאַר וואָס!

האָט ער איבערגעכאַזערט אַלץ פּינקטלעך לויטן אורטייל:

— פאַר ברעכן די פינאַנץ־דיסציפּלין און פאַר פעלשווען די פינאַנץ־דאָקומענטן.

דאָס איז געווען צו אַכזאָריעסדיק פון זײַן זײַט, צו ווילד און אומראַכמאָנעסדיק. פּאַינע האָט זיך אַ הייב געטאָן פונעם בענקל, אַ גיי געטאָן איבערן צימער, באַקוקנדיק וואַדימען אַ ביסל פון דער זײַט, און געפּאַטשט מיט בײַדע הענט איבערן פּנים, קעדיי אָפּבלאָזן די היץ, וואָס האָט זי מיטאַמאָל באַשלאָגן. דערנאָך איז זי צוגעגאַנגען צו וואַדימען און, אַ ווונק געטאָן אַפן אָפענעם קיך־טירל, צוגעלייגט די האַנט צו זײַן מויל, ער זאָל שווײַגן. ערשט נאָך דעם איז זי צוגעלאָפן צום טירל און דאָס צוגעמאַכט.

— אָבער שטילער, — האָט זי אַרויסגעבראַכט, קוים אײַנהאַלטנדיק די ציטערניש, — דאַרינקע זאָל ניט הערן. וואָס איז געשען?

אַ מאָדנע זאַך. איצט האָט וואַדים געזען פאַר זיך ניט זײַן פּאַינען, נאָר דעם ריכטער מיט איר מאַטעווע פּנים און גלאַט צוגעקעמטע האָר, און מיט פאַרדראָס אַ טראַכט געטאָן, אַז מיטן ריכטער איז אים געווען גרינגער. איצט וועט ער ניט אָפּקומען מיט האַלבע ווערטער, ער וועט מוזן אַרויסלייגן אַלץ פונעם אָנהייב ביזן סאָף. פּאַינע וועט שוין געפינען, וויאַזוי אַרויסשלעפּן פון אים דאָס, וואָס ער וואָלט דעם ריכטער קיינמאָל ניט געזאָגט.

— פאַרשטייסט, מיר האָבן באַקומען זייער אַן ערנסטע און זייער אַן אינטערעסאַנטע באַשטעלונג. ס'איז דאָ צו וואָס צולייגן דעם קאָפּ.

— דאָס ווייס איך. און ווײַטער?

— אין דער רעשימע פון אונדזער ביוראָ איז פאַראַן אַ סאַנטעכניקער, וועלכער איז אונדז אַף דער ערשטער צײַט ניט נייטיק, נאָר מיר מוזן זייער האָבן אַן אַרכיטעקטאָר.

— וואָס זשע איז דערפון געדרונגען?

— דער שעף פון דער פּראָיעקט־ביוראָ, נו, ער, וויאַטשעסלאַוו אַלעקסייעוויטש, האָט אָפּגעזוכט זייער אַ גוטן אַרכיטעקטאָר, נאָר יענעם האָט מען פאַרוועהרט אַרבעטן אַף צוויי שטעלעס. האָט מען געדאַרפט עפּעס צוטראַכטן.

— ווער האָט עס געדאַרפט צוטראַכטן?

— דאָס האָט ער, וויאַטשעסלאַוו אַלעקסייעוויטש אַזוי געזאָגט: „טראַכט עפּעס צו, מיר מוזן אים דאָך נייטיק האָבן, דעם אַרכיטעקטאָר".

— וואָס זשע האָסטו צוגעטראַכט?

— איך האָב זיך אונטערגעשריבן אַפן צעטל פון אַרבעטסלוין פאַרן סאַנטעכניקער און דאָס געלט איבערגעגעבן דעם אַרכיטעקטאָר.

— און דאָס איז אַלץ?

— אַלץ.

— וויפל מאָל האָסטו באַקומען?

— פיר מאָל. פאַר צוויי כאָדאָשים.

— און בלויז פאַר דעם האָט מען דיך געמישפּעט?

— בלויז פאַר דעם.

— אוי, גאָט מײַנער!.. און דו אַליין? — האָט זי אים דורכגענומען מיט אַ שטרענגן, פאַרניכטנדיקן בליק, ווי מע שמײַסט אויס אַ קינד אַ לוי־יוצלעך. — דו האָסט ניט געקאָנט דערווײַזן?

— וואָס האָב איך געדאַרפט דערווײַזן?

— אַז דאָס געלט האָסטו ניט צוגענומען פאַר זיך.

— ניט פאַר דעם האָט מען מיך געמישפּעט. דאָס איז געבליבן ניט מער ווי אַ כשאַד.

— אַ כשאַד, אַ כשאַד. אַ כשאַד אַליין איז אויך גענוג, אַז דער אורטייל זאָל ווערן פיל האַרבער, איידער דער באַשולדיקטער האָט פאַרדינט. און דער אַרכיטעקטאָר אַליין? ער האָט ניט געקאָנט אײדעס זאָגן?

— אין דעם גייט עס דאָך! ער האָט געגעבן זײַן האַסקאָמע מיט א טנײַ, אז זײַן פּאַמיליע זאָל אין ערגעץ ניט פיגורירן. ווי זשע האָב איך געקאָנט אָנרופן זײַן נאָמען?

— נו, און דער שעף?

— וואָס דער שעף, וואָס דער שעף? — איז וואָדים שוין אויך בײַז געוואָרן. — אין דער מעלדונג, וואָס יענער מענוואָל האָט אָנגעשריבן, איז געווען אָנגעוויזן, אז דאָס געלט האָבן מיר צעטיילט צווישן זיך, איך מיטן שעף. נאָר אַף וויפל דער אונטערשריפט איז געווען מײַנער, בין איך דער שולדיקער.

— און דער שעף איז אָפּגעקומען מיט א קליין גרימעניש?

— מע האָט אים אויך אראָפּגענומען פון דער ארבעט.

— וואָס הייסט אויך?

— דאָס הייסט... דאָס הייסט, אז מיך אין דער ערשטער ריי. טאַקע שוין אין געריכט זאָל האָב איך באַקומען א קאָפּיע פונעם באַפעל.

יאָ, פאַינע וואָלט זיך געקאָנט אויסטויגן פאר אן עמעסן אויספאָרשער אָדער ריכטער. אָט פרעגט זי אים שוין ווידער אויס:

— און ווי זײַנען דײַנע באַציִונגען מיטן דירעקטאָר פונעם אינסטיטוט?

— מיט וואַסילי פּעטראָוויטשן? וואָס פאר א באַציִונגען קאָנען זײַן צווישן אונדז?

— דאָס דאַרפסטו מער וויסן. איך מיין... צי ביסטו ניט באַגאַנגען בענעגייע אים... איך ווייס? טאַקטלאָזיקײַט... מיט עפּעס אים אָנגערירט, צי וואָס?

— פאַרקערט. ער האָט איין מאָל מיך אַפּילע געלויבט. איך האָב אים אַרײַנגעטראָגן מײַנס אן ארטיקל, געבעטן איבערלייענען, ווייסטו, וואָס ער האָט דערנאָך געזאָגט?

— לעמאַשל?

— ער האָט געזאָגט, אז אונטער אזא טיף־וויסנשאַפטלעך ארטיקל וואָלט אפילע ער אליין זיך ניט געשעמט אונטערשרײַבן.

— און וואָס האָסטו אַף דעם געענטפערט?

— וואָס האָב איך געדאַרפט ענטפערן? איך האָב אים באַדאַנקט.

— און מער גאָרניט?

— וואָס נאָך דען?

— טיפּעש אײַנער! ס׳איז דאָך געווען געזאָגט מיט א רעמעזל!

— וואָס קאָן דאָ זײַן פאר א רעמעזל?

— זאָלסט אוועקשטעלן אונטערן ארטיקל אויך זײַן אונטערשריפט.

— ווי איז אזוינס מעגלעך? ווי האָט ער אזוינס געקאָנט מיינען?

— שוין, איצט איז מיר אַלץ קלאָר, — האָט פאַינע ווי אונטערגעפירט א סאַכאַקל איר אויספרעג. — דו, מיט דײַנע פרומע שטיק. ווען וועסטו שוין אָנהייבן פאַרשטיין, וויאַזוי מע דאַרף לעבן אַף דער וועלט?

— פאַינע! — ס׳איז געווען אן אויסגעשריי און א ביטע. — לאָמיר איצט וועגן דעם ניט רעדן. דאָס, וויאַזוי איך פאַרשטיי, וועט בלײַבן ניט געענדערט.

— האָסטו טאַקע קאָשער פאַרדינט דײַן צוואַנגס־ארבעט, — האָט זי געזאָגט בײַז, מיט אָפענער שאַדנפרייד. — מיילע, דיר קומט עס. איך האָב נאָר מוירע פאר אונדזער דאָרינקען. עס זאָל, כאַלילע, צום שידעך ניט שאַטן.

— זעסטו, גראַד דאָס וועט מיך ווייניק־וואָס קימערן.

— דיר געפעלט ניט דער כאָסן?

— מיר געפעלן ניט די מעכוטאָנים.

— וועסטו זיך ניט קושן מיט זיי. אָבער דאָרינקע... מעגסט זײַן זיכער, פּאַוועל מיכײַלאָוויטש וועט זיך ניט פּאַקן מיט אזא נאַרישקײַט.

ס׳האָט געהאַלטן בא א שאַרפער קריגערײַ, און ווער ווייסט, צו וואָס וואָלט דאָס געבראַכט. אן אנדערש מאָל וואָלט וואָדים עפּשער געפונען וואָס אָפּענטפערן, הײַנט אָבער האָט ער פּאַשעט קיין קויעך ניט געהאַט דערצו.

— איך בעט דיך, — האָט ער געזאָגט אן אויסגעשעפּטער נאָך דעם לאַנגן און שווערן טאָג. — לאָמיר בעסער שווײַגן.

פאַינע אליין האָט דערפילט, אז זי האָט איבערגעכאַפּט די מאָס און אז זי זײַנען צוגעקומען צו א גרענעץ, וועלכע מע טאָר ניט אריבערטרעטן.

— אַנטשולדיק, — האָט זי געזאָגט שוין מער געלאַסן. — איך ווייס אליין ניט... אָבער וואָס טוט מען?

די דאָזיקע פראַגע איז געבליבן הענגען אין קיך, ווי א שווארצע כמארע, פול מיט ניט קיין אויסגעדונערטן און ניט קיין אויסגעבליצטן. זיינען זיי געזעסן באם טיש, זיך געסטארעט ניט קוקן איינער אפן אנדערן און באהאנדלט אלץ יעדערער אף זיין אויפן, יעדערער אין זיך. און בײדע האָבן אלע מאָל געכאפט א קוק אף דער טיר, צי האָט דאַרינקע זיך ניט אופגעכאפט פון שלאָף, צי קלײַבט זי זיך ניט אריינקומען אין קיך. דאָס האָט געדאַרפט באַטײַטן, אז בײדע ווילן באווארענען, אז דאַרינקע זאָל פון גאָרנישט ניט וויסן. דאָס איז געווען דאָס אײנציקע, אין וואָס בײדע זיינען געקומען צו א שטומער האסקאָמע. דערנאָך זיינען זיי נאָך לאַנג געזעסן מיט צוגעמאכטע אויגן, ווי איינגעדרעמלט. און מיט די געדאנקען זיינען זיי געווען אזוי ווײַט אָפּגעשיידט איינער פונעם אנדערן, אז ס'איז שוין גלײַכער געווען, וואָס די דאָזיקע געדאנקען זיינען געבליבן ניט ארויסגעזאָגט. פּלוצעם האָט פאינע זיך דערשראָקן פאר עפּעס א קוויטש צי א גרילץ, ווער ווייסט פונוואנען ער האָט זיך גענומען, איז צוגעגאנגען צום פענצטער:

— הער נאָר, ווי דער ווינט האָט זיך צעוואָיעט!

— יאָ, — האָט וואדים באשטעטיקט, — עס הייבט זיך אָן א זאווערוכע.

2

א גאנצע נאכט האָט געווײַכערט, ערגעץ אין א שכײַנעסדיקער דירע צי אין אונטערשטן שטאָק האָט ניט אופגעהערט צו פּויקן א שלעכט צוגעמאכט פארטקעלע. וואדימען האָט אויסגעזען ביז גאָר מאָדנע, וואָס דאפקע אין אזא נאכט האָט בא אים געקאָנט אופקומען א פרײַלינגדיק בילד: ביימער, באזעצט מיט ווייסן צוויט, האָבן אײַנגעהילט אלץ ארום מיט באגײַנענדיקער פארכאלעמטקייט, און עס ווילט זיך ערגעץ גיין, לויפן...

פונוואנען זשע האָט פּלוצעם זיך גענומען דער שטורעמווינט? ער האָט אָפּגעריסן פון די ביימער די בלעטער מיטן צוויט, געמאכט פון אלץ טיל־טעל און אויסגעשפּרייט די ערד מיט יונג פארשניטענער בליונג. אַן אלטער בארנבוים האָט זיך געבויגן צו דער ערד, יאַדעשליווע געקרעכצט און אונטערגעסקריפּעט.

אפאָנעם, אז דאָס אלץ איז געווען אין אים אליין, אין וואדימען — די צעהוליעטע זאַווערוכע און די צעצוויטעטע ביימער. און בלויז דאָס שלעכט אײַנגעמאַסטעטע פענצטער־טירל, וואָס האָט ניט אופגעהערט אליארעמען, איז געווען א דרויסנדיקס. ער איז אפילע אראָפּ פונעם געלעגער, צוגעגאנגען צו איין פענצטער, צו א צווייטן. אלץ איז געווען אין אָרדענונג. נאָר סײַווי האָט זיך אים געדוכט, אז די צעבושעוועטע זאווערוכע האָט זיך ארײַנגעריסן אין שטוב און טראָגט אראָפּ פון זייערע ערטער ווי עפּעס א טישטעכל, ווי א פאָרהענגל, צעשלײַדערט איבערן דיל ווי עפּעס א פּאַפּירל און מאכט די צימערן דרויסנדיק־אומהיימלעך.

גרינער שניי און ווייסער צוויט... ווינטערדיקע קריע און פרילינגדיקע פארשיקערטקייט... א מאָדנער געמיש פון זינלאָזיקייטן און מעגושעמדיקע אומגעלומפּערטקייטן, פון זיי קומט אוף א פריקרע שנײַדעניש אין די שלייפן און צעוואקסט זיך אין א טעמפּן, פרעסנדיקן קאַפּווייטעק.

ווען שלאָף איז שוין ניט געווען וואָס צו טראכטן. האָט ער ערשט איצט, נאָך אלעמען, גענומען אויספרעגן זיך אליין נאָך מער געני און שטרענג, איידער זיין פאינע, און געקומען צום אויספיר, אז ער האָט אין אלע אופאַנים געהאנדלט אומדערלאָזבאר לײַכטזיניק. סײַ דערמיט, וואָס ער האָט געלאָזט זיך פארפירן פון זיין שעף, סײַ דערמיט, וואָס ער האָט ניט דערשאצט דאָס קרימינעלע, וואָס ליגט אין אזא טאַט. יאָ, פאינע איז טאַקע גערעכט. א זעלטענער פאַל, ווען ער מוז אנערקענען, אז אין אזעלכע איניאַנים איז זי באהאוונט מער פון אים.

דאָס פענצטער־טירעלע האָט ניט אופגעהערט צו פּויקן און ניט געלאָזט דעם שלאָף צוקומען א ביסל נעענטער. צוגעווינט אויסצומעסטן און אָפּצושאצן יעדן אייגענעם טאַט, ווי אויך יעדן דורכגעלאָפענעם געדאנק, האָט ער אויך איצט געפרווט דערקלײַבן זיך צו די אורקוואלן, צום סאמע אָנהייב פון דעם, וואָס עס איז מעשעך פון יאָרן זיך צעוואקסן און געקומען צו אזא געפערלעכער גרענעץ. דערביי האָט ער, ווי שטענדיק אין אזעלכע פאלן, גענומען די שולד אף זיך. מער ווי ער האָט דאָס אינדערעמעסן פארדינט. ער האָט אלע

יאָרן זיך געקאַטעוועט דערפאַר, וואָס זייַנע געפילן צו פאַיִנען זייַנען ניט אַזעלכע, ווי זיי וואָלטן געדאַרפט זייַן. אַלע יאָרן האָט אין אים געלעבט אַ געהיימע שולד פאַר דער פרוי און אַ שטומע טייַנע צו זיך אַליין. אָפּטמאָל האָט ער דאָס דערקלערט דערמיט, וואָס זייער ליבע איז פאַר ביידן געווען אַ ביסל אַ פאַרשפּעטיקטע, און זיי ביידן האָט אויסגעפעלט יענער הייסער פלאַם, וואָס קערט וועלטן און ברעכט מויערן. איצט איז שוין שווער צו פעסטשטעלן די מאָס און די שטאַרקייַט, די שוואַכקייַט פון זייער ליבע. און ווער ווייסט, צי איז ביכלאַל פאַראַן אין דער וועלט אַזאַ מאָס. אין איין זאַך איז ער אָבער זיכער: זי איז געווען טאַקע אַ געמיינזאַמע, נאָר קיין געמיינזאַמער טרוים איז ניט געווען. געטרוימט האָבן זיי יעדערער באַזונדער, און יעדערער פאַרשיידן.

דאָס, וואָס זי האָט זיך אַרויסגעוויזן אַ פרוי מיט אַ כאַראַקטער, האָט אים ווייניק־וואָס געקימערט. ער האָט איר שטענדיק נאָכגעגעבן, אַמאָל מיט אַ שפּאַס און אַמאָל בלויז מיט אַ שמייכל. אָפּטמאָל האָט פאַיִנע אַפילע געקאָנט דערוויַיזן, אַז זי איז פון קאָפּ ביז די פּיס אייַנגעטונקען אין רוכניִעסדיקן. ווייַל — אַ שיין קלייד, בליאַסקענדיקע שטיוועלעך און אַ בלענדנדיקער בראַסלעט מאַכן דעם מענטשן שענער און דערהויבענער. און ער, וואָדים, וואָס איז שטענדיק פאַרנומען מיט זייַנע פּראָיעקטן, האָט אינגאַנצן פאַרלוירן דעם געשמאַק צו עסטעטיק. דיסקוטירן מיט פאַיִנען איז געווען אַן אומזיסטע טירכע. זי האָט שטענדיק אַרויסגעשטעלט אַזעלכע אַרגומענטן, וועלכע האָבן אים געפעלט מיט זייער זינלאָזיקייַט.

נאָך אַלעמען האָט ער ניט אויפגעהערט הריזען זיך דערפאַר, וואָס זייַנע געפילן צו פאַיִנען זייַנען ניט אַזעלכע, ווי זיי וואָלטן געדאַרפט זייַן, און געסטאַרעט זיך אויפשטעלן אין זיקאָרן דאָס, וואָס עס איז אַמאָל יאָ געווען, דאָס, וואָס ער וועט שטענדיק דערמאָנען מיט גוטן.

נאָך דעם, ווי זינע האָט אים אַזוי פרעך פאַראַטן, איז ער געווען אויפגעטראָגן אויף אַלע מיידלעך אין דער וועלט. אָבער אין איינעם אַ לויטערן זומערדיקן פאַרנאַכט האָט ער דערהערט אַ שטים. אים האָט זיך געדוכט, אַז זי האָט אים אַ רוף געטאָן, און ער האָט זיך אויסגעקערעוועט אויף צוריק. ניין, קיינער האָט אים ניט גערופן. אים איז אַפילע שווער געווען צו באַשטימען, ווער פון אָט דער מיידלשער כאָפּטע פאַרמאָגט עס אַזאַ דין, אַזאַ קלינגעוודיק קעלעכל, און אָט דאָס קעלעכל האָט אַ הילך געטאָן פאַר אים, ווי אַ ווידערקאָל פון יענער וויַיטער צייַט, ווען ער איז יעדן פאַרנאַכט געלאָפן צום טייַך. שוין פינף יאָר האָט ער יענע שטים ניט געהערט, און אים האָט זיך געדוכט, אַז זי האָט זיך אינגאַנצן אויסגעוועפּט פון זייַן זיקאָרן. און מיטאַמאָל.... ער האָט דערפילט, ווי דאָס האַרץ האָט אָנגעהויבן אונטערטאַנצן. און ער האָט געמוזט, געמוזט אָפּזוכן יענע, וואָס טראָגט מיט זיך אַלע רעגעוודיקע קלאַנגען פון יענע ווייַטע פאַרנאַכטן.

עטלעכע טעג איז ער אַרומגעגאַנגען ווי אַ פאַרכאָלעמטער. יעדן פאַרנאַכט האָט ער שפּאַצירט איבער די סאַמע ראַשיקע גאַסן, זיך אייַנגעהערט אינעם פרייַלעכן איבערוף פון פאַרשיידענע מיידלשע שטימען, אַלץ געזוכט יענע, וואָס האָט אים אַזוי פאַרקישעפט.

אַ נאַרישע געשיכטע... ער קאָן ביז הייַנט ניט זאָגן, צי דאָס איז טאַקע געווען יענע שטים, וואָס ער האָט דערהערט צום ערשטן מאָל, צי זי איז בלויז געווען ענלעך אויף יענער. באַקאַנט האָבן זיי זיך גאַנץ צופעליק, און ווען זי האָט אָנגערופן איר נאָמען, איז ער דערציטערט געוואָרן. אַ ביסל איז זי טאַקע געווען ענלעך אויף דער, וועלכע ער האָט זיך אויסגעמאָלט פאַר די עטלעכע פאַרכאָלעמטע טעג, און אַ ביסל ניט. געווען איז זי אין איין עלטער מיט אים, עטוואָס העכער פון יענער און אַפילע עטוואָס שטאַלטנער. איר האָט געפעלט זינעס יונגע פאַרשייַטקייַט, דערפאַר האָט זי פאַרמאָגט מער וואָגיקס: ערנסטע באַדאַכטקייַט און אַמאָל אַפילע שטרענגקייַט. און ניט אַזוי אין אירע האַנדלונגען, ווי אין איר בליק, אַ בליק, וואָס רעגט, רופט און שרעקט אַ ביסל אויך. און טאַקע די שטים... די שטים, וואָס האָט אַלע מאָל אַרויסגערופן באַ אים דעם פלאַטער פון יענעם ערשטן פאַרנאַכט. איז ער פאַרליבט געוואָרן אין אַלץ: אין איר שטרענגקייַט און באַדאַכטקייַט, אין איר קייַלעכדיק פאַרברענט פּאָנעם, אין אירע פאַרטרויערטע שוואַרצע אויגן און אין אירע גלאַט־פאַרקעמטע שוואַרצע האָר, וועלכע האָבן שטענדיק געגלאַנצט, גלייַך זי איז נאָרוואָס אַרויסגעשווומען פון אונטערן וואַסער...

יאָ, עס זייַנען געווען פּרעכטיקע און אומפאַרגעסלעכע אָוונטן, אַמאָל ביז גאָר באַרייַדעוודיקע און אַמאָל ביז ווייטעק שווייַגנדיקע. עס זייַנען געווען טעג און שאָען, פול מיט דערוואַרטונג, און ס'איז געווען... ס'איז געווען... אוואַדע איז געווען אַלץ. און גליק אויך... כאָטש, ווער קאָן פּינקטלעך זאָגן, וואָס איז דאָס אַזוינס, גליק?

אָבער פאַרוואָס, פאַרוואָס האָט שפּעטער די שטים אָנגעוווירן איר קלינגעוודיקייַט? פאַר־
וואָס האָט אָנגעהויבן פאַרשווינדן ווערן די פּאַרקישעפטקייַט און ס'איז ביסלעכווייַז אופגע־
קומען א שרעקלעכער געפיל פון אַפּגעפרעמדטקייַט? גראָד איצט, ווען דאָס האָט זיך אַנט־
פּלעקט אַזוי שווידערלעך־אַנטבלויזט, איז אים זייער נייטיק געווען פעסטשטעלן, ווען האָט
זיך עס אָנגעהויבן און מיט וואָס איז עס מערסטנטייל פאַרבונדן. צי איז דאָס בלויז א רע־
זולטאַט פון דער פאַרשיידנקייַט פון זייערע טרוימען? צי איז ניט צוגעקומען נאָך עפּעס? צי
האָט ניט געווירקט אַף דעם יענע נאַכט אין צוג, ווען ס'האָט ווידער א קלונג געטאָן די שטים
פון יענע פאַרנאַכטן? ניט קיין ענלעכע און ניט קיין ווידערקאָל, נאָר טאַקע יענע שטים
אַליין?..

...דער צוג, וואָס האָט געדאַרפט אָנקומען אַזייגער צען אין אָוונט, האָט פאַרשפּעטיקט
אַף עטלעכע שעה, און ער, אַן אויסגעמאַטערטער פון א שווערער, פאַרצויגענער קאָמאַנדירונג
אין א פאַרוואָרפענעם יישעוו, אַן א לייַטישן האָטעל און אַן א וואַרעמען מיטיק, איז געבליבן
שטעקן אַף דער קלייניקער און שוואַך באַלויכטענער סטאַנציע, וואַרטנדיק אַף א נעס. צווי
שעה נאָכאַנאַנד האָט ער אייַנגעטייַנעט מיט דער קאַסירשע, וועלכע האָט געדרעמלט לעבן
האַלב־צוגעמאַכטן פענצטערל, זי זאָל אים אייַנאָרדענען א בילעט אין א קופּיינע וואַגאָן. די
קאַסירשע האָט אַלע מאָל, א דערצאָרנטע, צוגעמאַכט דאָס פענצטערל און בייסמייַסע באַשאַנ־
קען אים, דעם כוצפּעדיקן פּאַרשוין, מיט ניט קיין איידעלע ווערטער. האָט ער שוין געמוזט
אָפּזוכן דעם נאַטשאַלניק פון דער סטאַנציע און פאַרנעמען דאָס, וואָס עס איז אים שטענדיק
געווען דערווידער: ער האָט זיך פאָרגעשטעלט ווער ער איז און צוליב וואָס האָט ער פאַר־
בראַכט אין אָט דעם יישעוו אַריבער א וואָך. וועגן דעם זאַוואָד פון כימישער אינדוסטריע,
וואָס האָט זיך דאָ פּראָיעקטירט, האָבן געוווּסט קליין און גרויס, און דאָס האָט לויט זייַן
כעזשבן געדאַרפט ווירקן אויך אַף דעם נאַטשאַלניק פון דער סטאַנציע. ער האָט קיין טאָעס
ניט געהאַט. יענער האָט געהייסן דער קאַסירשע אַף זייַן אַכרייַעס פאַרקויפן א בילעט אין
קופּיינע וואַגאָן, כאָטש דער צוג שטייט דאָ אינגאַנצן דרייַ מינוט, און ערטער, אויב זיי זייַנען
פאַראַן, באַקומט מען דאָ בלויז אין די אַלגעמיינע וואַגאָנען. קוים דערוואַרט זיך אָפּן צוג,
איז וואָדים אַרייַנגעשפּרונגען אין וואַגאָן א פאַרסאָפּעטער, געוויזן דער קאָנדוקטאָרשע דעם
בילעט. זי האָט געעפנט א קופּע און אים אויסגעבעט דאָס פרייַע אָרט אַף דער אייבערשטער
פּאָלקע. ווי־ניט־איז זיך אייַנגעמאָסטעט און זיך געקליבן וואָס גיכער אַנשלאָפן ווערן, האָט
ער דערפילט, ווי מיטאַמאָל האָט אין אים עפּעס א רודעווע געטאָן. אים האָט זיך געדוכט,
אַז ער האָט דערהערט א באַקאַנטע, זייער א באַקאַנטע שטים. באַטראַכט מער ניכטער דאָס,
וואָס אים האָט זיך געדוכט, איז ער געקומען צום אויספיר, אַז דאָס איז געווען ניט מער ווי
א זיפץ. א שטילער זיפץ פון שלאָף. אָבער אויך דער זיפץ... אַזאַ באַקאַנטער און אַזאַ רעגעווע־
דיקער, ווי א ווידערקאָל, צי עפּשער גאָר אַזוינס, וואָס א פאַרבלאָנדזשעט ווינטעלע האָט
פאַרטראָגן אַהער פון זייער ווייַט... אַזוי איז ער, אַפּאָנעם, אַנשלאָפן געוואָרן, צי בלויז אייַנ־
געדרעמלט, און אַלץ, וואָס ער האָט ווייַטער געפילט, איז געווען מער ענלעך אַף א ווייַטער,
ניט קלאָרער דערמאָנונג, אָדער גאָר אַף אַזוינס, וואָס געפינט זיך צווישן כאָלעם און וואָר,
ענלעך אַף א דורכגעשווומענעם וואָלקן, וואָס נעמט אַלע מאָל אָן אַן אַנדער געשטאַלט — אָט
א ביסל בוילעטער און אָט אינגאַנצן צעשווומען. ער האָט זיך אַליין אויך דערפילט צווישן
די וואָלקנס און געשווומען איבער זיי מיט א ניט ערדישער לייַכטקייַט. מיטאַמאָל האָט אין
ווייַט וואָלקנדל זיך אויסגעפורעמט אין א מיידלשער האַנט.

ווען דורכן וואַגאָן־פענצטער האָט אָנגעהויבן אַרייַנקוקן דער באַגינען און האָט אים
אַרויסגעפירט פון זייַן פאַרכאָלעמטקייַט, האָט ער ווידער גענומען אַרומקוקן זיך מיט יענער
זיכערקייַט, אַז ערגעץ דאָ, ביז גאָר נאָענט, טאַקע באַנאַנד, שוועבט אַרום אין דער לופט
אַזוינס, וואָס וועט מוזן איינגיכן זיך אַנטפּלעקן. מיט אָט דער זיכערקייַט האָט ער זיך פאַר־
בויגן און ס'האָט זיך גלייַך אים פאַרדרייט דער קאָפּ, ס'האָט אים אָנגעהויבן זיך דוכטן, אַז
אָט באַלד וועט אַלץ זיך איבערקערן: אַף אים האָבן אָנגעשטרענגט געקוקט א פּאָר ברייט־
צעעפנטע אויגן, געקוקט, פול מיט שטוינונג, מיט פרייד, מיט שעמערירנדיקן גלאַנץ. אירע
אויגן!

זיי האָבן לאַנג געקוקט איינער אַפן אַנדערן, ווי געשלאָגן זיך מיט דער דייע, ניט גלייבנ־
דיק אין דער מעגלעכקייַט פון אַזאַ נעס... געקוקט און געשטוינט, זיך געכידעשט און גע־
וואַרט נאָך אַף א נעס: עס זאָלן כאָטש אַף א ווייַלע פאַרשווינדן די דורכגעלאָפענע יאָרן,
און עס זאָל אופקומען יענע היימישקייַט, יענע וואַרעמע אַרומגענומענקייַט, ווען זיי זייַנען
געזעסן אינעם האַלב־צעוואַלגערטן קלויסטערל... זיי האָבן צו לאַנג געקוקט איינער אַפן
אַנדערן, צו קלאָר אויסגעלייענט אַלץ, וואָס עס האָט אַרויסגעשטראַלט פון זייערע ברייט־

צעעפּנטע אויגן. און מיטאמאָל... ווי דערשראָקן זיך, אז די דאָזיקע קעגנזײַטיקע באַטראַכטונג זאָל ניט אריבער די דערלאָזטע מאָס, האָט זינע ארויסגעבראַכט א ביסל העפקערדיק און א ביסל בארויגעזלעך:

— וואָס באַקוקסטו מיך אזוי?

— לאַנג ניט געזען.

— זיך שטאַרק געענדערט?

קעדיי ענטפערן אויף דער פראַגע, האָט ער פריִער געדאַרפט א טראַכט טאָן: וויפל יאָרן האָבן זיי זיך ניט געזען און אין וואָס באַשטייט די ענדערונג. ריכטיקער, וואָס האָט אין איר זיך געענדערט און וואָס איז געבליבן ווי געווען. זי איז פארשוווּנדן געוואָרן פון זייער שטאָט טאַקע אין יענעם זומער, און ער האָט ניט געוווּסט, ווּהין זי איז אהינגעקומען און וואָס מיט איר איז געשען. צי האָט זי זיך מיט איר מאַן איבערגעפירט אין אַן אינסטיטוט פון אַן אַנדער שטאָט, צי יענער איז ביכלאַל קיין סטודענט ניט געווען, געאַרבעט ערגעץ, און זי איז גלײַך אריבערגעפאָרן צו אים. וויפל זשע יאָרן זײַנען אוועק? נו יאָ, פיר יאָר האָט ער זיך געלערנט, כאָטשע געהאַט האָט ער א יאָר נאָכן ענדיקן דעם אינסטיטוט, און דאָרינקע איז שוין א שילערן פונעם צווייטן קלאַס. איז שוין אריבער... ער האָט, אַפּאַנעם, צו לאַנג גערעכנט, און דאָס האָט געגעבן א מעגלעכקײַט זינען א שפּאַס טאָן:

— און דו ביסט אלץ אזא, ווי געווען.

— אין וועלכן זין?

— דו מוזסט אלץ אויסרעכענען ביז א מילימעטער.

— א פּראָפעסיאָנעלע געווינהײַט.

— וואָס זשע האָסטו אויסגערעכנט?

— וואָס זאָל איך דיר זאָגן? דײַנע לאַקאַנעס...

זינע האָט פארהויבן די האַנט אויף בערגעגען אין אָרדענונג די לאַקאַנעס, און ווּאדים האָט א ציטער געטאָן פונעם געדאַנק, אז דאָס האָט אין דער פינצטער אים א בלענד געטאָן א באַוועגונג פון איר האַנט, אזוי אים צעררודערט און ארויסגערופן יענעם מאָדנעם כאַלעם, ווען אויף א ווײַטן וואָלקן האָט זיך באַוויזן א האַנט... מעגלעך, זינען האָט זיך געדוכט, אז זייער שמועס נעמט אָן א געפערלעכע ריכטונג, און עפּשער פארקערט — זי האָט געוואָלט, ער זאָל זען אירע לאַקאַנעס אין פולן גלאַנץ. זי האָט זיך אופגעזעצט, א טרייסל געטאָן מיטן קאָפּ, און ווּאדימען האָט זיך געדוכט, אז די לאַקאַנעס האָבן אָנגעהויבן אונטערקלינגען מיט א שטילן און דינעם קלאַנג. דערנאָך האָט זי פּאַמעלעך צונויפגעשפּיליעט דאָס דינע כאַלאַטל און אראָפּגעלאָזט די פיס אין די שטעקשיך.

— איך וועל גיין זיך איבערטאָן, — האָט זי געזאָגט א ביסל פארשעמט און ווידער זיך א נעם געטאָן פאַר די לאַקאַנעס. — אין דרײַ שאָ ארום דאַרף איך אראָפּגיין. דו פאָרסט ווײַטער?

— יאָ, פיל ווײַטער.

— וועלכן מיר כאָטש אָפּרישטיקן אינאיינעם.

ווען זי איז אין א האַלבער שאָ ארום אַרײַן צוריק אין קופּע, האָט ער געמוזט אָפּסנײַ זי באַקוקן און ווידער שטוינען. די שמאָלע, מענערישע גוט אויסגעפּרעסטע הויזן און דאָס קורצע, א ביסל ענגלעך קאָפּטעלע האָבן זי געמאַכט העכער, איידעלער און שטאָלטנער. און די לאַקאַנעס... שוין ניט יענע ווילדע און פארשײַטע טרײַבעלעך, וואָס זײַנען ארומגעשפּרונגען איבער די פּלייצעס, ווי וועוורקלעך, נאָר עמעסדיק אויסגעמײַסטרעוועטע, אויסגעכאַליעטע, ביז גאָר סטאַטעטשנע, פול מיט אייגענער ווירדע, מיט וואָרענענדיקער שטרענגקײַט. זינע מיט איר איבעראַשנדיקער גרינגקײַט און עלעגאַנטקײַט פון א יונגער שיינהײַט, מיט אלע אויסערלעכקײַטן פון א הײַנטצײַטיקער פרוי, וואָס קאָן זיך אליין גאַנץ גוט, ווייסט, וואָס אונטערצושטרײַכן און וואָס צו פארשטעלן, האָט מיטאמאָל אים אריבערגעטראָגן אין גאָר אַנדערע צײַטן. באַזונדערס, ווען זי האָט א קוק געטאָן אויף אים מיט יענעם אמאָליקן בליק, פול מיט שטומע בליצעלעך...

נו, וואָס ווּעסטו איצט זאָגן? — די דאָזיקע פראַגע האָט זיך געלייענט אויף איר גלאַטן, שמייכלענדיקן פּאָנעם, און אין אירע שײַנענדיקע אויגן, פול מיט אומפארשטעלטער פרייד פון א פרוי, וואָס ווייסט, אז זי איז שיין.

— יאָ, — האָט ער איבעראַשט ארויסגעשעפּטשעט. — מע דאַרף זאָגן...

— וואָס דאַרף מען זאָגן? — האָט זי געזאָגט פאָדערנדיק און ארויסרופעריש.

— דו ביסט...

— נאָך שענער, ווי געווען?

— נו, יאָ...

— ענדלעך, — האָט זי ווי אָפּגעזיפּצט, ארויסגעלאָזט איר אמאָליק שטיפעריש שמייכעלע און ווי גאָר אמאָל א שוויבער געטאָן זײַנע נאָך ניט צוגעקעמטע האָר. — איך שטעל זיך פאָר, ווי דײַן פרוי דאַרף זײַן שווער מיט דיר. א גוט וואָרט דאַרף מען ארויסשלעפּן בא דיר מיט צוואַנגען.

האָט וואָדים אויך ארויסגערופן זײַן אמאָליק שמייכעלע און מיט פולער אונטערטעניקייט פּאַנאַנדערגענומען די הענט: „וואָס זאָל איך טאָן, אזא בין איך שוין!"

— נו, יאָ, — האָט זי... אָפּגעענטפערט אַף זײַן שטומער אנערקענונג. — גאַנץ מעגלעך, זאָלסט געווען זײַן א ביסל באַריידעוודיקער...

דאָס אופגעוואַכטע שמייכעלע האָט זיך געהאַלטן אין זיי די גאַנצע צײַט, בייס זיי האָבן ארויסגעלייגט אפן קליינינקן טישעלע זייערע שפּײַז־רעזערוון. ער — א שטיקל אַלטגעבאַקן ברויט און א פּאַרטריקנט שטיקל וווּרשט, זי — עטלעכע צעלאָפאַנעווע טאָרבעלעך מיט פיל פּאַרשיידס: געקאָכטע אייער, א געבראָטן הינדעלע, א צעשניטענעם האָניק־לעקעך און דיי־נינקע פּלעצעלעך. זיי האָבן געשיילט די אייער און געשמייכלט, צוגעביסן און געשמייכלט, געטרונקען טיי און נאָך מער געשמייכלט. באַזונדערס דאַן, ווען די גלעזער זײַנען אונטער־געשפּרונגען אין זייערע ציטערנדיקע הענט. זיי האָבן געקוקט איינער אפן אנדערן, עפּשער מער איינער דורכן אנדערן, און דאָס שטומע שמייכעלע איז געווען אזוי רײַך, אזוי אָנגעזעט־טיקט מיט אמאָליקן, שוין לאַנג ניט געזעענעם, אז זיי האָבן מוירע געהאַט ארויסרעדן א וואָרט, די רעגעוודיקע זעונגען זאָלן ניט פאַרשווינדן.

דער צוג האָט געיאָגט אנטקעגן דעם לויטערן, זוניקן באַגינען און אוועקגעפירט ביידן אלץ ווײַטער צו יענע פאַרנאַכטן לעבן טײַך, צו יענער ווערבע מיט איר גרינעם העסעבעט, צו יענעם קלויסטערל.

וואָס זשע האָבן זיי פּלוצעם דערפילט אזוינס, וואָס עס האָט פאַרטריבן דאָס שמייכעלע, און זיי זײַנען געוואָרן ביז גאָר פאַרומערט, פאַרטרויערט און ווי באַרויגזעלעך־אָפּגעפרעמדט? ס'האָט מיטאַמאָל ניט געסטייעט די ווערבע, דאָס קלויסטערל, און ס'איז אופגעקומען דאָס, וואָס עס האָט נישט געקאָנט ניט אופקומען. און וועגן דעם האָט מען אוודע ניט געטאָרט רעדן. נאָר סײַווי האָט זיך גערעדט וועגן דעם, גערעדט אָן ווערטער, און בא ביידן — ווי א כמאַרעלע וואָלט פאַרבויגן זייערע פריער שטראַלנדיקע פּנעמער. זיי איז מיטאַמאָל שווער געוואָרן קוקן איינער אפן אנדערן און זיי האָבן אויסגעקערעוועט די פּנעמער צום פענצטער, ווי געוואָלט פעסטשטעלן, פאַרוואָס איז פּלוצעם אלץ ארום אזוי פאַרטונקלט געוואָרן. נייַן, פון יענער זײַט פענצטער איז דער אָנקומענדיקער טאָג געוואָרן אלץ העכער, און די זון, שוין אופגעהויבן זיך ווײַט פונעם הימל־ראַנד, האָט מיטגעטאַנצט איניינעם מיטן יאָגנדיקן צוג. נאָר די רעדער האָבן ניט אופגעהערט קלאַפּן, אָפּציילנדיק די אָפּגעפאָרענע ווייאָרסטן... די אָפּגעפאָרענע ווייאָרסטן און די פאַרבלײַבענע מינוטן.

זינע האָט די ערשטע דערפילט די געפאַר פון אָט דער זיך מינענדיקער שטימונג און געפּרוווט זי לינדערן מיט א פראַגע, וואָס האָט געדאַרפט פאַר ביידן א קלינג טאָן אויסניכ־טערנדיק:

— וואָס איז בא דיר, א יינגעלע צי א מיידעלע?

— א מיידעלע, — האָט ער אָפּגעענטפערט און דערפילט, אז די פראַגע און דער ענטפער איז אויסגעוואַקסן צווישן זיי ווי א וואַנט.

— און בא דיר? — האָט ער געפרעגט מיט א געפּאַלענער שטים.

— בא מיר אויך א מיידעלע. א שאָד...

זי האָט אַף א ווײַלע צוגעמאַכט די אויגן, ווי ניט געוואָלט זען די שטוינונג, וואָס וועט זיך באַווײַזן אַף זײַן פּנעם. צוגעוואָרט, ער זאָל פרעגן, וואָס עס איז איר א שאָד און ניט דערוואַרט זיך אַף זײַן פראַגע, האָט זי אליין אַף איר געענטפערט:

— איך האָב געמיינט... עפּשער כאָטש אונדזערע קינדער...

ערשט איצט האָבן זיי באַמערקט, אז פאַר די באַנאַכטיקע שאָען זײַנען אין קופּע פאָר־געקומען וועזנטלעכע ענדערונגען. ביידע פּאַסאַזשירן זײַנען אוועק, און זיי זײַנען געבליבן אינצווייען. דערמיט האָבן זיי זיך דערפילט א ביסעלע פרײַער און פיל געבונדענער. די ווי־דער אופגעקומענע שווײַגעניש האָט פאַרמאָגט אין זיך שוין גאָר עפּעס אנדערש. און ס'איז ווידער געשען דאָס זעלבע: ביידע האָבן מוירע געהאַט עפּעס ארויסרעדן, עס זאָל מיט עפּעס א וואָרט ניט צעשטערט ווערן דער נעס, די וווּנדערבאַרע פאָר שאָ, וואָס וועלן איינגיכן מוזן זיך ענדיקן. און דאָך... דאָך האָט זי ניט געקאָנט אײַנהאַלטן זיך פון איין פראַגע:

— ביסט גליקלעך?

— פאַרשטייט זיך. און דו?

— ווי אַנדערש?

איך די פראַגן און איך די ענטפערס איז געווען פול מיט געוויטער, און זיי האָבן דאָס ביידע טייקעף דערפילט. און ביידע האָבן זיך דערשראָקן פאַר דעם ניט דערזאָגטן, פאַר דעם, וואָס עס האָט מעגלעך געקאָנט, נאָר ניט געטאָרט אַרויסגעזאָגט ווערן. זינע האָט פּלוצעם אַרופגעלייגט די הענט אפן טישל. ניט אַרופגעלייגט, נאָר אויסגעשפּרייט זיי, פאַרדעקט דאָס טישטעכל מיט אירע דינע, לענגלעכע פינגער, יעדער פינגער באַזונדער, און יעדער פינגער האָט ווי געשריגן צו אים, געבעטן זיך, געדראָעט און געוואָרנט...

צי האָט ער יאָ פאַרשטאַנען, וואָס זי מיינט דערמיט, צי עפּשער ניט... מעגלעך, אַז די פינגער האָבן געמיינט גאָר עפּעס אַנדערש. עפּשער האָט זי אַליין ניט געוווּסט, וואָס זי וויל דערמיט זאָגן, נאָר ער האָט אַנדערש ניט געקאָנט. ער האָט געמוזט זיי אַ גלעט טאָן. פּאַשעט גרינג אַ גלעט טאָן, און שוין. און זאָל איך דעם זײַן דאָס, וואָס זי אַליין וויל. זאָל דאָס זײַן ניט מער ווי אַ טרייסט צו דעם ניט אַרויסגעזאָגטן, אָדער, אויב זי וויל, — יענץ מער וויכטיקערע, מער וועזנטלעכע, פאַר ביידע ביז גאָר טײַערע און אומפאַרגעסלעכע. זינע האָט מיט גאָרנישט ניט אַרויסגעוויזן איר צושטאַנד, אפילע מיט קיין ריר ניט געענטפערט אף זײַן גלעט, בלויז צוגעזשמורעט די אויגן און שטיל, שטיל אַ זיפץ געטאָן, ווי אײַנגעזאַפּט אין זיך דעם באַריר פון זײַנע פינגער. וואָדים האָט אַלץ פאַרשטאַנען, ריכטיקער, זיך אָנגעשטויסן. אַ ווײַלע האָט ער זיך דערפילט ווי פאַרשיקערט און אָנגעשטרענגט אַלע קויכעס אף וואָס גיכער אויסניכטערן זיך. די פאַרשיקערטקײַט איז פאַרבײַ, נאָר ס'איז אופגעקומען גאָר אַ נײַס, אין וועלכן ער האָט ביז איצט אפילע ניט כוישעד געווען — אַ געפיל פון פיליאָריקער פאַרקניפּטקײַט. ער האָט געפּרוּווט אויסקלאָרן אָט דעם געפיל, וואָס איז ענלעך אף נאָענטער צי עפּשער ווײַטער קרויוועשאַפט, נאָר דאָס איז געווען צו אָרעם און אײַנזײַטיק אף אויסדריקן דאָס, וואָס ער האָט געפילט. עפּשער איז עס גאָר אַ באַגריף, וועלכער דאַרף ערשט אויסגעטײַטשט ווערן. נאָר ווי מע זאָל עס ניט אָנרופן, ווישט עס מיטאַמאָל אָפּ די פאַרפלויגענע צײַט, מאַכט ביז גאָר ווײַטעקלעך די פּלוצעם אופגעקומענע נאָענטקײַט און גיט איר צו אַ נײַעם, ניט קלאָרן געפיל פון בענקעניש און כאַראָטע... עפּשער, עפּשער האָט טאַקע אַלץ געקאָנט זײַן אַנדערש, און אין דעם, וואָס עס איז געשען, איז שולדיק ניט נאָר זי, נאָר ער אַליין אויך. דערנאָך איז אופגעקומען נאָך ערגערס: אַ געדאַנק, אַז אין אַלעמען איז שולדיק ער אַליין. און איבער אים... איבער אים האָט איר ענטפער וועגן גליק אַ קלונג געטאָן מיט אַזויפיל ניט דערזאָגטן. דאָס האָט אַוואַדע געקאָנט אַ ביסעלע טרייסטן, נאָר ער האָט ניט געזוכט קיין טרייסט.

זײַערע געדאַנקען האָבן, זעט אויס, אַרומגעשוועבט זייער נאָענט איינער לעבן אַנדערן, אָפּטמאָל אפילע זיך איבערגעקרייצט, און זינע האָט פּלוצעם אַרויסגעזיפצט:

— יאָ, דאָס לעבן טוט אַמאָל אַ דריי מיטן מענטשן...

— און עפּשער פאַרקערט? — האָט ער געפּרוּווט דערווידערן.

— וואָס איז די נאַפקעמינע? — אינעם גלאַנץ פון אירע אויגן האָבן קלאָר זיך אָנגעזען אַ פּאָר דריבנע טרערעלעך. — טוסט אַמאָל אָפּ אַ זאַך ניט באַטראַכט, און דו מוזסט דערנאָך צאָלן דערפאַר דאָס גאַנצע לעבן.

וואָדים האָט שוין כאַראָטע געהאַט פאַר זײַן „פאַרקערט“, אין וועלכן ס'איז געווען אַ רעמעז אף איר אַמאָליקער לײַכטזיניקײַט. אים איז געוואָרן אומעטיק פונעם ראַכמאָנעסגעפיל, וואָס האָט אים דורכגענומען, ווי מיט אַ פּרעסטעלע. ס'האָט זיך גאָר געוואָלט אָנהייבן זי טרייסטן, אײַנרעדן, אַז ס'איז ניט אַזוי שרעקלעך, אַז אַלץ וועט זײַן גוט, כאָטש... וואָס איז שרעקלעך, צי ניט שרעקלעך, צי וואָס וועט נאָך זײַן גוט, וואָלט אים שווער געווען דערקלערן. נאָר איר פּלוצעם אופגעקומענע צוטרויִלעכקײַט האָט נאָך מער צערודערט אין אים דעם געפיל פון לאַנגאָניקער קרויוועשאַפט, און אים האָט זיך זייער געוואָלט מיט עפּעס מיטהעלפן איר, באַשיצן זי. און ווידער דאָס זעלבע: פון וואָס און פון וועמען? און צי נײטיקט זי זיך אין זײַן הילף און אין זײַן באַשיצונג?

זייער שמועס האָט זיך פאַרקליבן אין אַ טעמפּן ווינקל, און ביידע האָבן ניט געוווּסט, וויאַזוי אַרויסקלײַבן זיך און מיט וואָס פאַרפילן די פאַרבליבענע פּאָר שאָ. וואָדים האָט שוין ניט געוווּסט, וואָס וויל ער שטאַרקער: צי דער צוג זאָל נאָך לאַנג זיי פירן אינײנעם, זיי זאָלן ווידער אָנהייבן דערמאָנען דאָס אַמאָליקע, צי עס זאָל זיך שוין גיכער באַווײַזן די סטאַנציע, אף וועלכער זי דאַרף אַראָפּגיין.

זיי האָבן ניט באַמערקט, ווי דער הימל איז פאַרכמאַרעט געוואָרן און עס האָט אָנגעהויבן מאַראַקען אַ דין, ניט קיין זומערדיק רעגנדל. ווי ס'וואָלט אָקאָרשט עמעצן אַרויסבאַגלייט, איז

דאָס אַ פּאַרסאָפּעטס נאָכגעלאָפֿן נאָכן צוג און שטיל, ווי מיט שטומע טרערן, באַוואַשן די וואַגאָן־פֿענצטער מיט שמאָלע, גלאַנציקע און פֿאַרקרימטע פּאַסיקלעך. אין קופּע איז געוואָרן ביינהאַשמאָשעסדיק טונקל, און די מעגושעמדיקע שאָטנדלעך זײַנען געבליבן הענגען מיט פֿיל ניט קיין געשטעלטע פֿראַגן און ניט קיין באַקומענע ענטפֿערס: וווהין יעדערער פֿאָרט, אַהיים צי פֿון דער היים, ווו, אייגנטלעך, אַרבעט מען און ווו וווינט מען. און דאָס, וואָס די פֿראַגן זײַנען ניט געשטעלט און ניט פֿאַרענטפֿערט געוואָרן, האָט צוגעגעבן זייער באַגעגעניש און זייער געזעגעניש פֿיל טרויעריקס און ווייטעקלעכס. פֿיל מער, ווי זיי איז געקומען. דערפֿון איז ביידן קלאָר געוואָרן, אַז די באַגעגעניש וועט ניט האָבן קיין פֿאָרזעצונג. זי וועט בלײַבן הענגען אין זייער זיקאָרן, ווי אָט די ביינהאַשמאָשעסדיקע שאָטנדלעך, און וועט בלויז פֿון מאָל צו מאָל דורכיאָגן אין זייערע געדאַנקען — אַמאָל, ווי אַ דורכגעשווומענער וואָלקן, און אַמאָל, ווי אַ גרויער באַגינען.

ווי מיד געוואָרן פֿונעם יאָגן אונטערן רעגן, האָט דער צוג אָנגעהויבן גיין וואָס אַמאָל פּאַמעלעכער. זינע האָט זיך אויפֿגעהויבן, אַ נעם געטאָן אין האַנט איר גרינג טשעמאָדאַנטשיקל, און, ניט אַרויסגעבראַכט קיין וואָרט, זיך געלאָזט צום אַרויסגאַנג. וואַדים איז אַוועק נאָך איר.

ערשט באַם סאַמע טירל פֿונעם וואַגאָן האָט זי אַרויסגעשעפּטשעט:

— אָט די באַגעגעניש... זי וועט בלײַבן אין מיר אויף שטענדיק.

— אין מיר אויך, — האָט ער אָפּגעענטפֿערט.

— און איך וואָלט זייער געוואָלט, דו זאָלסט זײַן גליקלעך.

— איך אויך... זייער...

ער האָט געוואָלט אַראָפּ אינאיינעם מיט איר פֿון די טרעפּלעך, נאָר זי האָט אים ניט געלאָזט. עס רעגנט, האָט זי געזאָגט, און ער איז אַרויס אָן דעם מאַנטל. און שוין אויף די טרעפּ... ער האָט צוערשט ניט פֿאַרשטאַנען די באַוועגונג פֿון אירע הענט, וועלכע האָבן זיך פֿאַרהויבן, ווי אויף אַרומצונעמען. ער האָט זיך אַ ריס געטאָן, פֿאַרבויגן דעם קאָפּ, גרייט אָפּענטפֿערן מיט דעם זעלבן, נאָר ער האָט אַ טאָעס געהאַט. זי האָט בלויז אַ נעם געטאָן מיט ביידע הענט זײַן אָפּגעלאָזטן און פֿאַרקרימטן שניפּס, אַ צי געטאָן אַרויף און אים אויסגעגלײַכט.

ער איז נאָך לאַנג געשטאַנען אויף די טרעפּלעך, געקוקט, ווי זי גייט אַוועק אַלץ ווײַטער און ווײַטער. עפּשער וועט זי זיך אויף אַ ווײַלע אומקוקן און אַ פּאַכע טאָן אים מיט דער האַנט? זי האָט זיך ניט אומגעקוקט, ניט קיין פּאַכע געטאָן, בלויז דאָס דינע מאַנטעלע אירס, באַטריפֿט מיט די רעגן־טראָפּנס, האָט געגלאַנצט וואָס אַמאָל שטאַרקער. זי איז שוין קימאַט איינגאַנצן פֿאַרשוווּנדן צווישן די פּאַסאַזשירן, וועלכע האָבן אין אײַלעניש געשפּאַנט איבערן פּעראָן, נאָר דאָס מאַנטעלע האָט ניט אויפֿגעהערט אַרויסגלאַנצן, ווי געפּאַכעט צו אים פֿונדערווײַטנס. דאָס איינציקע באַקאַנטע מאַנטעלע צווישן פֿיל אומבאַקאַנטע...

אַפֿילו אינדערהיים האָט ער לאַנג ניט געקאָנט קומען צו־זיך, זיך געשעמט קוקן פֿאַינען אין די אויגן, זיך געשעמט פֿאַר דער גאַנצער וועלט, גלײַך ער האָט אַראָפּגעכאַפּט בײַ איר אַ פֿיל גרעסערן כײַלעק, ווי אים איז געקומען. און געסטאַרעט זיך דעקן דאָס מיט פֿאַרשאַרפֿטער זאָרג און אויפֿמערקזאַמקייט צו פֿאַינען.

מיט דער צײַט האָט יענע באַגעגעניש אָנגעוווירן איר פֿריִערדיקע רעגעוודיקייט, ווי אויסגעוועפּט זיך. און ס׳איז שוין ניט געווען קיין נייטיקייט זי דעקן מיט עפּעס. אַלץ איז אַוועק מיטן פֿריִערדיקן גאַנג.

און גראָד הײַנטיקע נאַכט...

אין דרויסן האָט זאַווערוכעוועט, און אים האָט זיך געדוכט, אַז ער זעט ביימער, באַפּוצטע מיט יונגן צוויט. און ביידע זאַכן — דאָס צעזאַווערוכעטע און דאָס צעבליטע — האָבן אים ווי צעוויגט, ווי צעהוידעט און אויפֿגעהויבן אויף אַזאַ יאָמטעוודיקער הייך, אַז ס׳האָט זיך אים פֿאַרדרייט דער קאָפּ. ער האָט זיך דערשראָקן, אַז פֿאַינע זאָל עפּעס ניט דערהערן, ניט דערפֿילן פֿון דעם, וואָס מיט אים קומט פֿאָר, האָט ער זיך אָפּגערוקט אַ ביסל ווײַטער. די שרעק איז געוואָרן נאָך גרעסער, ווען בײַ אים איז דורכגעלאָפֿן אַ געדאַנק, אַז פֿאַינע, קאָן זײַן, שלאָפֿט אויך ניט און איז געוויס אויך פֿאַרטיפֿט אין אירע אייגענע געדאַנקען. און אירע געדאַנקען דאַרפֿן געוויס זײַן זייער ווײַט פֿון זײַנע. זי טראַכט געוויס, אַז מיט דער מאַשין, אויף וועלכער זיי האָבן עטלעכע יאָר געקליבן געלט, וועט מען מוזן צוואַרטן, און דאָס פּאַרטיידיקן די קאַנדידאַטסקע וועט אויך אָפּגעלייגט אויף אַן אומבאַשטימטער צײַט. ווי קאָן מען עס פּאַרטיידיקן אַ קאַנדידאַטסקע, ווען מע געפֿינט זיך אויף צוואַנגס־אַרבעט?

צו דער מאַשין איז ער געווען מער ווי גלײַכגילטיק. אין דער דיסערטאַציע האָט ער אַרײַנגעלייגט פֿינף יאָר לעבן, הונדערטער שלאָפֿלאָזע נעכט. נאָר ווי דאָס זאָל ניט זײַן, האָט פֿאַינע געהאַלטן ביידע זאַכן פֿאַר שוטפֿעסדיקע, און איצט האָט אַוואַדע אין איר אַלץ געקאָכט

דערפֿאַר, וואָס דאָס, וואָס זי האָט שוין קימאַט געהאַלטן אין די הענט און וואָס האָט געדאַרפֿט איר, דעריקער טאַקע איר, צוגעבן מער זעלבסטווירדע און מער כּשיוועס בײַ אַלע אירע פֿרײַנט און מיטאַרבעטער, און אַ ביסעלע קינע אויך פֿון זייער זײַט, האָט פּלוצעם זיך אָפּגעדרוקט אַף אַזאַ ווײַטן מעהאַלעך. וואָדים האָט מאַמאָשעסדיק געלייענט אירע געדאַנקען לויט דעם, ווי זי האָט אַלע מאָל זיך אַ קערעווע געטאָן און בײַז עפּעס אַ שעפּטשע געטאָן צו זיך אַליין. און עפּשער טאַקע גראָד צו אים. און געוויס וואַרפֿט זי אים ווידער אויס, אַז ער איז אָפּגעשטאַנען פֿונעם לעבן, פֿון דער צײַט, אַז ער איז צו אַלטמאָדיש מיט זײַן אָרנטלעכקײַט, מיט זײַן נאַרישער פֿרומקײַט און טוט אַלע מאָל אַפּצולאָכעס זיך אַליין.

פֿון אַלע זאַכן, וועלכע ער האָט באַטראַכט הײַנטיקע נאַכט, זאַכן, וואָס האָבן ערשט געדאַרפֿט אויסגעקלאָרט ווערן אין די נאָענטסטע טעג, איז איין זאַך אים געוואָרן קלאָר ביזן סאָף. און דערפֿון איז אים געוואָרן גרינגער אַפֿן האַרצן. צו דעם, וואָס עס קומט פֿאָר צווישן אים און זײַן פֿאַיִנען, צו דער אַלץ וואַקסנדיקער אָפּגעפֿרעמדטקײַט, האָט יענע באַגעגעניש אין צוג קיין שום שײַכעס ניט.

בײַסן פֿרישטיק, וועלכן בײדע האָבן זיך געסטאַרעט אָפּכאַפּן שווײַגנדיק, האָט פֿאַיִנע דאָך נישט געקאָנט ניט אַרויסזאָגן דאָס, וועגן וואָס זי האָט די גאַנצע נאַכט געטראַכט:

— וואָלסט געדאַרפֿט אַרײַנגיין צום טאַטן, עפּשער וועט ער מיט עפּעס העלפֿן. ער קען דאָך!..

— בעשום־אויפֿן ניט, — האָט וואָדים קימאַט אויסגעשריגן. — דער טאַטע, די מאַמע, זיי דאַרפֿן אוואַדע דערפֿון ניט וויסן!

3

ווען באָריס וולאַדימיראָוויטש האָט אַפֿן אַנדערן טאָג נאָך דעם, ווי ער איז אַוועק אַף פּענסיע, אַוועקגעשטעלט בײַ זיך אין קיך אַ שוסטער־בענקעלע, אָנגעטאָן אַ שוסטערשן פֿאַרטעך און גענומען לאַטען דאָס אַלטוואַרג, וואָס ער האָט אַרויסגעשלעפּט פֿונעם טיפֿן אַלטמאָדישן קאַסטן, האָבן די שכיינים געמיינט, אַז דאָס איז ניט מער, ווי נאַרישע שטיק פֿון אַן אַלטיטשקן אָדער אַ מין צולאָכעס־שפּיל. פֿונדעסטוועגן, ערשט נעכטן געווען אַ דירעקטאָר פֿון אַזאַ גרויסער שוך־פֿאַבריק, אַן אויסגעשטאַטער מיט די סאַמע מאָדערנסטע אויסלענדישע װערקשטעלן און אַוטאָמאַטן! אייניקע האָבן דאָס געהאַלטן פֿאַר אַ שטיקל מעשוגאַס, וואָס וועט אײַנגיכן דורכגיין, אַנדערע — פֿאַר אַ זאַך, וואָס יעדער לײַטישער פּענסיאָנער מוז האָבן.

שכיינים האָבן געשטוינט, שכיינים האָבן געשפּעט, און זײַן שנור פֿאַיִנע, אַן עקאָנאָמיסטקע אין אַ גאַנץ אָנגעזעענער אונטערנעמונג, איז געווען שטאַרק אויפֿגעבראַכט און טיף באַלײדיקט. ווו איז אַזוינס געהערט געוואָרן! איר שווער, וואָס איז געווען אײנער פֿון די כאָשעווסטע מענטשן אין שטאָט, אַ מיטגליד פֿון שטאָטקאָם פֿון פּאַרטיי, אַ דעפּוטאַט פֿון געגנטלעכן ראַט און ביכלאַל — אַ דירעקטאָר פֿון אַזאַ פֿאַבריק, וועמענס פֿאַמיליע אַליין — שאַביסאָוויטש — האָט איר געעפֿנט די טירן אין אַלע קלייטן און געגעבן איר אַ מעגלעכקײַט פֿאַרפֿירן די סאַמע נוצלעכע באַקאַנטשאַפֿטן, נעמט ער און ווערט ווידער אַ פּאָשעטער שוסטער און שעמט זיך ניט נעמען אַ רובל פֿאַר לײגן אַ לאַטקעלע. פֿאַיִנע יעפֿימאָוונע האָט געהאַלטן, אַז דער שווער האָט זי אָפּגענאַרט, באַאַוולט און באַגאַנוועט, צוגענומען בײַ איר אַ ביסל פֿון איר אײגענעם גלאַנץ, פֿון איר אײגענער כּשיוועס. בײַ איר איז אויסגעקומען, אַז דאָס האָט דער שווער אָפּגעטאָן אומיסטן, איר אַפּצולאָכעס, און ווי שטענדיק אין אַזאַ פֿאַל, האָט זי אויסגעלאָזט דאָס האַרץ אַפֿן שווער מיטן מאַן אײנײנעם.

— אוי, אָט די שאַבעסקוידעשס!

ס׳איז געווען אַרויסגעבראַכט שטיל, אין זיך, אַזוי, אַז קײנער זאָל ניט הערן. נאָר דעם שווער האָט זי געפּרוווט דערווײַזן, אַז דער דאָזיקער „האָבי“ איז ניט פֿאַר אים. עס פּאַסט אים ניט. באָריס וולאַדימיראָוויטש, מיט זײַן גוטמוטיק שמײכעלע, ווי מע רעדט אײַן אַ קלײן קינד, ווען מע מע דאַרף געבן צו פֿאַרשטײן גאַנץ פּאָשעטע זאַכן, האָט איר אָפּגעענטפֿערט:

— פֿאַניטשקע, נאַרעלע... טו בעסער זיך אַ גריבל אין דײַנע פֿינצטערע שאַפֿקעלעך און שלעפּ אַרויס פֿון דאָרטן דאָס ביסל שוכוואַרג, וואָס דו האָסט אַהין פֿאַרוואָרפֿן, דײַנע, וואָדימס און דאָרינקעס. איך וועל צולײגן צו זיי מײַנע הענט, וועלן זיי ווערן שענער, נײַער און מאָדער־

נער פון אַלץ, נאָך וועלכן מע לויפט אַרום איבער די באַזעס. און איך וועל בײַ דיר דערפאַר קיין קאָפּעקע ניט נעמען.

פּאַיִנע איז מאַמעש געווען געפּלעפּט פונעם שוועסטערס רייד. זיי האָבן אַ קלונג געטאָן פאַר איר אַזוי ווילד, אַזוי אומגעווייניקלעך פּראָסט און שוסטעריש־וואָכעדיק, אַז זי האָט דערבײַ אַ טראַכט געטאָן: דער שוועסטער איז טאַקע, ווי זאָגט מען עס...

ראָכל, די שוויגער, האָט אַף איר מאַנס אופטועון גאָרנישט ניט געזאָגט. זי איז געווען די איינציקע, וועד ס'האָט פאַרשטאַנען, וואָס אין דעם עס ליגט. ניט מער, אָפּגעאַרבעט אַריבער דרײַסיק יאָר אין אַן אַפּטייק און צוגעווינט, אַז אויך בײַ איר אין שטוב זאָל אין אַלע ווינ־קעלעך גלאַנצן און פינקלען, איז זי געווען אומצופרידן, וואָס איבער אָט דער שוסטערײַ האָט די קיך אָנגעוווירן איר אַפּטייקערישן גלאַנץ. נאָר וואָס קאָן זי עפּעס בעסערס צוטראַכטן? זי קאָן נאָר יעדן פאַרנאַכט גוט אויסקערן, אַלץ אויסווישן און אַ וואַש טאָן די קאַלירטע פליטקעלעך פונעם דיל מיט אַ פײַכט שמאַטקעלע.

באָריס וולאַדימיראָוויטש האָט אַלץ צוגעקוקט, אַלץ אויסגעהערט און געשוויגן. וויאַזוי האָט ער געזאָלט אַלעמען געבן צו פאַרשטיין, אַז דער איניען שוסטערײַ איז פאַר אים ניט קיין צולאָכעס־שפּיל, ניט קיין שפּיצל און ניט קיין פּרווו אַרויסשטעלן זײַן דעמאָקראַטישקײַט? ס'איז ביכלאַל ניט פון די זאַכן, וועלכע מע קאָן דערציילן. ווײַל אויב אָנהייבן רעדן, ווערט דאָס אַלץ צעשוווּמען, צעבראָקלט אַף פּיק־פּיצלעך און מע קאָן דאָס שוין דערנאָך ניט צונויפנעמען. גיי דערווײַז עמעצן, אַז די לעצטע יאָרן האָט ער געטרוימט וואָס גיכער פאַרלאָזן דעם דירעקטאָרישן פאָטעל און מיטן גאַנצן וועזן זיך אײַנטונקען אין יענע ווײַטע יאָרן, ווען ער איז געווען יונג, ווען דאָס גאַנצע לעבן איז געלעגן אין דער צוקונפט, פול מיט הייסן דראַנג, מיט רעגעווודיקן טרוים, מיט יענעם כוצפּעדיקן און העפקערדיקן „דאַיאָש", ווען ס'האָט זיך געדוכט, אַז צו די הימלען איז גאָר ניט אַזוי ווײַט... און יענץ ווײַטע און לאַנגאָני־קע קומט אויף פאַר די אויגן, ווי נאָר ער נעמט אין דער האַנט אַ שטיקל דראַטווע, רײַבט זי אָן מיט וואַקס און טשעפּעט צו אַפן ברעג אַ האַרטע האָר פון אַ פערדישן עק. אָדער ער נעמט אַרײַן אין מויל עטלעכע פּלעקלעך, ציט זיי פון דאָרטן אַרויס אײַנציקווײַז און קלאַפּט זיי אַרײַן מיטן גרינגן העמערל אין דער ווייכער פּאָדעשווע. און ווען די פלעקלעך אָדער טשוועקעלעך שטעלן זיך אויס אין אַ גלײַכער ריי און ער נעמט זיי אַרומרײַבן מיטן ראַשפּיל, זיי זאָלן ניט אַרויסשפּאַרן, הייבט ער אָן צו קוועלן: ווי גוט, ווי פײַן עס האָט זיך באַקומען. און עס קומט דערבײַ אויף אַ זוניק בילד: אַ טײַך, אַ פיל ברייטערער, ווי דער בוג הינטערן שטעטל... און עס הענגט איבערן טײַך אַ זון, אַ פיל גרעסערע, ווי די, וואָס אַפן הימל. און די שטראַלן, אַזעלכע בלענדנדיקע, הענגען אַראָפּ, ווי גאָלדענע פרענדזלעך, שאָקלען זיך איבערן וואַסער, טונקען זיך אַלע מאָל אונטער און שווימען ווידער אַרויס, פײַכטע, אויסגע־באָדענע און צוגעקעמטע שטראַלן, און מע פילט מאַמעש, ווי זיי אַליין קוויקן זיך מיט דער פרישער לופט. און איבער דער גאַנצער ברייט פונעם טײַך — ווײַסע שיפלעך. זיי שווימען איינס נאָכן אַנדערן אין אַ לאַנגער ריי. אַף איין שיפל צוויי מענטשן, אַף אַ צווייטן דרײַ, און אַף אַ דריטן אינגאַנצן איינער. זיי פאָכען מיט די ווערסלעס, וואָס פליוסקען זיך אין דער וואַ־סער, שנײַדן זי, ווי מיט מעסערס, און גיבן זיך אַלע מאָל אַ רײַס אויף, באַצירט מיט שטראַלן. ביסלעכווײַז ווערן די שיפלעך פאַרשווונדן אין דער ווײַט, אַהין, ווו דער הימל אייניגעם מיטן טײַך שטעלן אויף אַ וואַנט פון גרויען נעפּל...

מעגלעך, אַז דאָס איז געקומען פון שמועל דעם שוסטערס מײַסעלעך. ער איז געווען אַ ביסל אַ פרומער און אַ ביסל אַ טרוימער. איצט קאָן באָריס וולאַדימיראָוויטש בלויז וווּנדערן זיך, ווי האָט זיך בײַ יענעם געפּאָרט די פרומקײַט מיט דער טרוימערישקײַט. דאַן האָט ער דאָס אופגענומען, ווי אַ גאַנץ געוויינלעכע זאַך. נאָר די מײַסעלעך זײַנען געווען פון גאָר אַן אַנדער מין. מײַסעלעך, אין וועלכע דער מאָשל מיטן נימשל זײַנען צונויפגעגאָסן איניינעם. און עפּשער זײַנען דאָס געווען גאָר ניט קיין מײַסעלעך, נאָר טרוימען, אַרויסגערעדטע פאַר־שטעלט, מיט אַ פאַרבאָרגענעם פאַרדראָס איבער דעם, וואָס פיל מענטשלעכע טרוימען בלײַבן ניט פאַרווירקלעכט?

— מענטשן שווימען שטענדיק אַקעגן זייער טרוים... — דאָס איז, אַפּאָנעם, געווען דער נימשל צו דעם מײַסעלע וועגן די ווײַסע שיפלעך מיט די באַגילדעטע ווערסלעס, — נאָר ניט יעדערן איז באַשערט דערשווימען צו זײַן ברעג...

וועגן וועלכן ברעג האָט עס געטרוימט דער אָרעמער שוסטער? און וואָס האָט אַזוי באַפרײַנדעט דעם אַלטן שוסטער מיט זײַן, באָרעכס טאַטע, וועלוול הראַבאַרניק?

אויסערלעך זײַנען זיי געווען זייער ענלעך איינער אַפן צווייטן. שמועל שוסטער האָט פּונקט אַזוי זיך געהויקערט און אויך אַזוי אַמאָל גערעדט מיט זיך אַליין. די באָרד איז בײַ

שמועלן אויך געווען אזא, ווי באם טאטן — א רויטלעכע, זיך צעוואקסן אין דער ברייט, ווי א ווייער, און אראָפּגעהאנגען מיט ניט קיין גלײַכע, שפּיציקע בערגן. נאָר באם טאטן איז די באָרד שטענדיק געווען פול מיט רויטן זאמד, וואָס האָט איר צוגעגעבן א מין גע־פינטלטקייט, ווי ליכטיקער, ווי טונקעלער, בא שמועלן איז די רויטקייט געווען א ריינע, א גלאַנציקע. נאָר בארעך איז ווי צוגעוואַקסן געוואָרן צום אלטן שוסטער ניט איבער זײַן גלאַנציקער באָרד, נאָר דערפאר, וואָס יענער האָט אים דערציילט וועגן זײַן טאטן זאכן, וועגן וועלכע ער האָט פריִער ניט געוווּסט, און אררויסגעשטעלט אים פאר א מוסטער פון ערד־לעכקייט און אָרנטלעכקייט. און שפּעטער, ווען ער איז געוואָרן א דערוואקסענער און מיט א לײַדנשאַפטלעכער זשעדנעקײַט געפרוווּט שאפן פאר זיך דאָס געשטאַלט פונעם טאטן, האָט ער דאָס געטאָן ניט לויט די אייגענע זיכרוינעס, דעם טאטן האָט ער פארלוירן, ווען ער איז אלט געווען א יאָר נײַן, נאָר לויט די דערציילונגען פונעם אלטן שוסטער.

דעם עמעס געזאָגט, איז שמועל געווען ניט פון די געהויבענע שוסטערס, נאָר זיי זײַנען געווען נאָענטע שכיינים, א שטוב לעבן א שטוב, און אלע לאַטקעלעך און רובטשיקלעך אף זייערע שקראבעס און אף די שקראבעס פונעם גאנצן העקדעש־געסל איז געווען שמועלס ארבעט. קיין בעסערן שוסטער האָט וועלוול הראבארניק ניט געדארפט, און קיין לײַטישערער מענטש איז פאר אים אף דער וועלט ניט געווען. דעריבער האָט וועלוול ניט איין מאָל איי־בערגעכאַזערט:

— ניין, מײַן בארעכל וועט שוין קיין הראבארניק ניט זײַן. א שוסטער וועט ער בא מיר ווערן, אן עמעסער באַלמעלאָכע! איך וועל אים אוועקגעבן צו שמועלן לערנען זיך שוס־טערײַ.

ניטאָ, ניטאָ שוין יענע באָד־גאס מיט איר ניט איבעריק גרויסן יִיכעס. יענץ העקדעש־געסל, וואָס איז געווען ענג צוגעטוליעט צו איר, איז שוין בּיכלאַל קיין געסל ניט געווען. בלויז עטלעכע שיטערע הײַזקעס אפן בערגל, וואָס איז געהאנגען איבערן יאר, א בערגל, געדיכט פארוואקסן מיט קראָפּעווע און בודיקעס. צי זײַנען טאקע די אלע, וואָס האָבן דאָ געוווינט, געווען אזעלכע שרעקלעכע פארשווינען, נאָר א שעם אין שטעטל האָבן זיי געהאט ניט קיין גוטן, צונעמענישן נאָך ערגערע. און אָפּטמאָל האָט מען מיט זיי געשראָקן די קינדער אין לײַטישע הײַזער. און ס'איז טאקע געווען, פאר וועמען מוירע צו האָבן. ראכמיִעל גאזלען האָט געקאָנט אָנשרעקן אלעמען מיט זײַנע בייזע אויגן, כאָטש קיין גאזלען איז ער קיינמאָל ניט געווען, נאָר א פּאַשעטער וואסערפירער. בערעלע מעשומעד איז אליין ניט גע־ווען קיין געשמאדטער, קיינעם ניט געקליבן זיך שמאדן, און ווער ווייסט פארוואָס מע האָט אים צוגעטשעפּעט אזא צונאָמען. און ראָסיע די לאנגע? כאָטש... וואָס איז געווען מוירע צו האָבן פאר איר? זי האָט געקאָנט טרעפן אף קאָרטן, אָפּשפּרעכן פון א גוט אויג, ראטעווען פון כאלאָשעס, אָפּקאטשען פון אן איבערשרעק, היילן פון א צוקילעכץ און פאר א נויט קור־מען צוהילף א קימפּעטאָרן. נאָר קינדער, אז מע רעדט זיי אײַן... פאר וועלוול הראבארניק האָט קיינער ניט מוירע געהאט. וועלוולען האָבן אלע ליב געהאט. אים און זײַן פערד־און־וועגעלע. דאָס וועגעלע איז געווען א לאנגס און אן איבערגעטריקנטס, פארמאָגט אף די רע־דער בלויז דרײַ ברעטער, וואָס האָבן געקאָנט ליגן איינע אף דער אנדערער און מאכן אן אָרט פאר די כעוורע, אָדער צושפּארן זיך צו די ליושניעס און לאָזן אָנווארפן אין זיך אזויפיל ליים און זאמד, וויפל דאָס פערדל וועט קאָנען אוועקפירן. דאָס פערדל איז געווען שוין ניט קיין יונגס, א פוילע בריִע מיט אויסגעקראָכענע קליבעס און מיט א היכצנדיק הוס־טעלע. ס'האָט קיינעם ניט געוווּנדערט, וואָס א פערד הוסט מיט ניט קיין פערדישן הוסט, נאָר א כײַע זאָל קאָנען ציילן און מעסטן.

פון די הלינישטשעס, וואָס באם בוג, קעגן די קאזאַוטשינער בערג, האָט וועלוול געפירט ליים און זאמד פארן גאנצן שטעטל. פונעם שטעטל צו די הלינישטשעס האָט ער געפירט די כעוורע פון דער באָד־גאס. וועלוול האָט זיי געשאָלטן מיט אלע וויסטע קלאָלעס, געפּאַכעט מיט דער בײַטש, געטופּעט מיט די פיס, נאָר ס'האָט גאָרנישט ניט געהאָלפן. ער אליין האָט געוווּסט, אז די כעוורע האָבן פאר אים קיין מוירע ניט, ווײַל זיי האָבן אים אלע ליב. ווי נאָר ער האָט אררויסגעשאָטן פונעם וועגעלע דעם לעצטן עמער זאמד, האָבן זיי שוין פארבויגן די ברעטלעך פון ביידע זײַטן, זיך אויסגעזעצט איינער לעבן אנדערן, גענומען שאָקלען מיט די פיס, גוואלדעווען און פילדערן אזוי, אז וועלוול זאָל פארשטיין: פּאכען מיט דער בײַטש און שיטן מיט קלאָלעס איז אן אומזיסטע טירכע. סײַווי וועט קיינער ניט הערן.

זיי האָבן גוט געוווּסט, אז זײַן רוגזע איז א געמאכטער, אז ער קאָן ניט זײַן אן זיי, ווי זיי אָן אים. אָן זיי וואָלט אים געווען זייער שווער אָנווארפן אין וועגעלע זײַן סכוירע. און ווו וואָלט ער גענומען אזא געמבע אף שרײַען אזוי, מע זאָל הערן אין דער צענטער גאס?

— רויטע זאַמד און געלע לײם!

— געלע לײם און רויטע זאַמד!

ניט שטענדיק האָט מען ביכלאַל געדאַרפֿט שרײַען. אַרומגערינגלט דאָס אָנגעלאָדענע װעגעלע פֿון אַלע זײַטן, האָבן זײ, שפּאַנענדיק און אונטערטאַנצנדיק, װי דאָס פֿערדל אַלײן, אױסגעזונגען זײערע באַליבטע לידעלעך.

א זון מיט א רעגן,
די באָבע װעט זיך לײגן.
װאָס זשע װעט זי האָבן?
א יִינגל מיט א מײדל.
װי זשע װעט דאָס הײסן?
זיסל מיטן קרומען פּיסל!

ס'האָבן זיך גלײַך צעפּראַלט אַלע טירן און פֿענצטער, און צעפּלאָכטע װײַבער זײַנען אַרױסגעלאָפֿן אױף דער גאַס, װער מיט אַן אַלטער שיסל, װער מיט א צעטראַסקעטער מולטער און װער מיט א פֿאַרזשאַװערטן עמער. אײנגיכן איז דאָס װעגעלע געװען אױסגעלײדיקט, און מע האָט װידער געקאָנט אַרױפֿכאַפּן זיך אױף די ברעטער.

קינדערשע הערצער האָבן געפֿלאַטערט פֿאַר פֿרײד און פֿאַר שרעק. דאָס יאַדעשליװע פֿערדל האָט גוט געקענט צײלן, און טאָמער האָט עס דערזען אױפֿן װעגעלע אַן איבעריקן פֿאַרשױן, האָט עס אָנגעהױבן דרײען מיטן װײדל: עס נעמט, הײסט עס, ניט מער פֿון צען כּעװרע. פֿינף פֿון אײן זײַט און פֿינף פֿון דער צװײטער. זאָל מען דאָס שמײַסן, זאָל מען דאָס מײמעסן, קײן עלפֿטן נעמט דאָס ניט.

דאָס האָט שױן געדאַרפֿט פּאַסקענען װעלװל אַלײן: װער זאָל עס זײַן דער עלפֿטער און װעמען ער זאָל אַראָפּטרײַבן פֿונעם װעגעלע. בעטעװע א גוטהאַרציקער, איז דאָס אים אָנגעקומען זײער שװער. ער האָט זיך פֿאַרגעשטעלט, װיפֿל אַגמעסנעפֿעש פֿאַרשאַפֿט ער יענעם, װעלכן ער טרײַבט אַראָפּ פֿונעם װעגעלע. ער האָט לאַנג געקראַצט די באָרד, ראַכמאָנעסדיק געפֿינטלט מיט די אױגן און פֿאַרקרימט דאָס פּאָנעם. ער האָט װי געבעטן זיך: „כעװרע, איר װײסט דאָך גאַנץ גוט דאָס מעשוגאַס פֿון מײַן קליפּע. לעמײַ זשע צװינגט איר מיך?“

דערנאָך האָט ער אױסגעקערעװעט דאָס פּאָנעם אין א זײַט, ער זאָל אַלײן ניט זען, אױף װעמען דער ביטערער גורל איז אױסגעפֿאַלן, און א שטעק געטאָן אױף עמעצן פֿון די כעװרע מיטן בײַטשל. און װעמען ס'האָט געטראָפֿן, דער האָט געמוזט אַראָפּשפּרינגען פֿונעם װעגעלע.

זײ זײַנען דאַן אַלע געװאָרן כּניפּעניקעס, געליבט אין טאָג אַרײַן דאָס פֿערדל, דאָס װעגעלע, װעלװלס באָרד און װעלװלס בײַטש. דער לײַדנשאַפֿטלעכער דראַנג דורכפֿאָרן זיך אױפֿן װעגעלע האָט גוירעם געװען אַפֿילע צו גרעסערע אַװײרעס. װען עמעצן האָט זיך אײַנגעגעבן אַרױסגאַנװענען פֿון דער שטוב א שטיקל קױלעטש, א לעקעכל צי א ריפּטל קאָװענע, האָט ער דאָס געטאָן מיט א גרינג האַרץ, אַבי מיט עפּעס נױסע־כײן זײַן באַם האַראַבאַרניק. פֿונעם שטיקל קױלעטש צי פֿון א לעקעכל האָט װעלװל קײנמאָל זיך ניט אָפּגעזאָגט, נאָר קױפֿן אים מיט װאָס־ניט־איז איז געװען אומעגלעך.

באַ די הלינישטשעס האָבן אַלע כעװרע געאַרבעט ביזן זיבעטן שװײס. װער מיט א לאָפּעטע און װער פּאָשעט מיט די זשמעניעס, ביז דאָס פֿערדל האָט קאָסע א קוק געטאָן אױפֿן װאָגן און אָנגעהױבן דרײען מיטן װײדל: גענוג, הײסט עס, איבערגענוג. האָט װעלװל אָנגעהױבן אַראָפּװאַרפֿן צוריק אײן לאָפּעטע, א צװײטע, און אַלע מאָל געכאַפּט א קוק אױפֿן פֿערדל. איז דאָס געװאָרן נאָך בײזער, אָנגעהױבן היכצן, גלײַך עמעצער װאָלט עס געװאָרגן, און אַלע האָבן שױן פֿאַרשטאַנען, װאָס דאָס הײסט. איז װעלװל שױן אױך בײז געװאָרן, אַראָפּגעשאָטן נאָך אײן לאָפּעטע מיט זאַמד און זיך אױסגעזידלט:

— װען װעסטו שױן אײַנעמען א מיסע־מעשונע?

אין אײנעם א נאָכרעגנדיקן באַגינען איז װעלװל אװעקגעפֿאָרן צו די הלינישטשעס, אַרײַנגעקראָכן אין גרוב אַרײַן מיט דער לאָפּעטע און שױן פֿון דאָרטן ניט אַרױסגעקראָכן: דער רעגן האָט צעשװענקט די װענט, האָבן זײ זיך אָפּגעװאַלגערט, װי נאָר ער האָט זיך צוגערירט צו זײ, און אים פֿאַרשאָטן. דאָס פֿערדל איז געשטאַנען, געװאַרט, מע זאָל אָנלאָדן דאָס װעגעלע, און אַלע מאָל געכאַפּט אַן אומרויִקן קוק צו דער גרוב. דעם איז פּאָשעט געװען קאָשע, פֿאַרװאָס הערט זיך ניט, װי עס שיט זיך די זאַמד אין װעגעלע אַרײַן און פֿאַרװאָס זעט מען ניט אַזױ לאַנג דעם באַלעבאָס. דערפֿילט, אפּאָנעם, אַז ס'איז געשען אַן אומגליק, האָט עס פֿאַרקערעװעט צוריק און איז אַװעק מיטן פּוסטן װעגעלע איבער די שטעטלשע גאַסן. װי עמעצער װאָלט דאָס געשמיסן, איז עס געלאָפֿן, געשאָקלט מיטן קאָפּ, געװאָרפֿן מיט דער שיטערער, שױן היפּש אױסגעקראָכענער הריװע און געהירזשעט, געקװיטשעט מיט

ניט קיין פערדיש
קאָל און אופגעוועקט
ניט נאָר די קאַפּצאָ־
נים פון דער באָד־
גאַס, נאָר אויך די
באַלעבאַטים און באַ־
לעבאָסטעס פון די
שכייניש גאסן, איי־
בער וועלכע וועלוול
פלעג פאַנאַנדערפירן
זיין סכוירע.

א גאַנצן טאָג
האָט מען געהאַלטן
אין איין גראַבן אין
די הלינישטשעס,
ביז מע האָט זיך
דערקליבן צו וועלוו־
לען. און א לעווייע
האָט ער געהאַט, ווי
גאָר א גרויסער צאַ־
דיק; צום בעסוילעם
האָט זיך צונויפגע־
קליבן קימאַט דאָס
גאַנצע שטעטל. דאַן,
נאָך דעם, ווי מע האָט מעקאַבער געווען וועלוולען, האָט דער אַלטער זכאַריע, א דאַר, קליינ־וווקסיק מענטשעלע, מיט א באָרד ביז די קני, א ייִד, וואָס איז גאַנצע טעג אָפּגעזעסן אין בעסמעדרעש, אַריינגעקוקט אין זוהאַר און פאַרשטאַנען עפּעס אין דער קאַבאַלע, אַרויסגע־זאָגט פאַרן אוילעם א האַשאָרע, וואָס איז גלייך צעטראָגן געוואָרן איבער אַלע הייזער און איבערדערציילט געוואָרן מיט גרויס אָפּשיי און ייִראַס־האַקאָוועד צו דעם, וואָס איז אַזוי אומגעווייניקלעך ניפטער געוואָרן.

— ווי איך האָב געלייענט אין די הייליקע ספאָרים, — האָט ער געזאָגט מיט זיין זינ־גענדיק קעלעכל, — שטאַמען די שאַביסאָוויטשעס פון יענע באַרימטע שאַבעסקוידעשס, צווישן וועלכע עס זיינען געווען פיל גאָוינים, גרויסע געלערנטע און הייליקע ראַבאָנים. און ווער ווייסט... וועדליק איך בין זיך מעשאַער, איז וועלוול געווען ניט קיין פּאָשעטער הראַבאַרניק, נאָר גאַנץ מעגלעך א לאַמעדוואָווניק, פון יענע זעקס און דרייסיק פאַרבאָרגענע צאַדיקים, אַף וועלכע עס שטייט די וועלט און וועלכע לעבן אָפּ זייער לעבן ווי קוימענקערער, וואַסער־פירער און אַפילע ווי בעטלערס. מיסטאָמע האָט וועלוול געפירט א שטאַרקן וויקועך מיט גאָט, געסטאַרעט זיך פּויעלן בא אים זייער וויכטיקס פאַר די ייִדן און פאַר דער גאַנצער וועלט, מעגלעך טאַקע געפּויעלט, נאָר געמוזט באַצאָלן דערפאַר מיט זיין לעבן. איז לאָמיר האָפן, אַז אין זיין זכוס וועלן אינגיכן קומען יעשועס אַף ייִדן.

געווען איז דאָס אין סאָף זומער פון טויזנט ניין הונדערט זעכצנטן. שוין דאָס דריטע יאָר איז געגאַנגען די בלוטיקע וועלט־מילכאָמע, אין שטעטל זיינען אַלע מאָל צוגעקומען נייע אַלמאָנעס, יעסוימים, קאַליקעס, און דער דאַלעס, די נויט איז זיך מוירעדיק צעוואַקסן, באַזונדערס אין די הינטערגעסלעך. האָט יעדערן זיך געוואָלט גלייבן, אַז וועלוול הראַבאַרניק איז טאַקע פון יענע, און אַז ער וועט זיין דער מייליץ־יוישער פאַר דעם, וואָס לעבט אייביק, און וועט אויסבעטן פאַר דער וועלט א יעשוע.

און כאָטש די יעשוע איז געקומען ערשט אין א האַלב יאָר אַרום, און כאָטש זי איז געווען ניט קיין פולע, מע האָט נאָר ניט געקאָנט ווייסן, וואָס דערפון וועט אַרויסקומען, נאָר ווען אין שטעטל איז אָנגעקומען די ידיִע, אַז מע האָט אַראָפּגעוואָרפן דעם קייסער, האָט דער אַלטער זכאַריע געזאָגט:

— איר זעט, דאָס איז זיין, וועלוול הראַבאַרניקס, אַרבעט.

באַרעכל איז דעמאָלט אַלט געווען א יאָר ניין. נאָר ער איז באַגלייך מיט זיין מאַמען אָפּגעזעסן שיווע אַלע זיבן טעג. נאָך דעם, ווי זכאַריע האָט דערציילט וועגן די שאַבעסקוי־דעשעס אַזעלכע ניסים, זיינען יעדן גאַנצפרי און פאַרנאַכט זיך צונויפגעגאַנגען ניט נאָר די

ייִדן פון דער באָד־גאַס, נאָר אויך ניט וויניק פון אַלע איבעריקע גאַסן. פיל אַזעלכע, זייער וואַזשנע באַלעבאַטים, וועלכע האָבן פאַר זייער לעבן קיינמאָל ניט אַריבערגעטראָטן די שוועל פון אָט דער אַלטער כורווע. אויב זכאַריע האָט געזאָגט, ווייסט ער דאָך מיסטאַמע. איז מאַלע וואָס... זאָל דאָרטן דער הראַבאַרניק פאַר אים אויך זאָגן א גוט וואָרט. פאַר די זיבן טעג האָט זכאַריע אויסגעלערנט באָרעכן זאָגן קאַדעש און ניט איין מאָל אײַנגעטײַנעט מיטן יאָ־סעמל, אַז אים, דעם טאַטן זײַנעם, קומט עס, ער האָט דאָס פאַרדינט.

און נאָך א זאַך איז פאַרבליבן בא באָרעכן אין זיקאָרן פון יענע טרויעריקע טעג. ביז דאַן איז ער אַרומגעלאָפן איבער דער שטוב און אויך איבערן געסל אין איין לאַנג און היפש געלאַטעטע העמדל, אין וועלכן ער איז מער ענלעך געווען אַף אַן אויסגעדאַרט מיידעלע. אַפן צווייטן טאָג נאָך דער לעווײַע האָט מען איבערגענייט פאַר אים דעם טאַטנס אַלטע הויזן. זכאַריע האָט געזאָגט, אַז ס'איז ניט שיין קומען צו גאָט מיט א קאַדעש אין א מיידלש קליידעלע. פון יענעם טאָג הייבט ער עס אָן ציילן זײַנע שווערע ייִנגלשע יאָרן.

נאָך די זיבן טעג, ווען דווירע די אַלמאָנע האָט זיך אופגעהויבן פון דעם רעדנעטשקעלע, אַף וועלכן זי איז באַטאָג געזעסן און באַנאַכט געשלאָפן, האָט שמועל שוסטער, וואָס איז די אַלע טעג דאָ געווען דער באַלטפילע, זיך אָנגערופן:

— נו, דווירע, איצט פאַרקויף דאָס פערד־און־וועגעלע, לאָמיר צוטראַכטן פאַר דיר אַן אַנדער שטיקל פאַרנאָסע. און באָרעכלען נעם איך צו זיך. אַזוי האָב איך צוגעזאָגט דײַן וועלוועלען: מאַכן פון אים א גוטן שוסטער.

— וואָס רעדט איר, רעב שמועל, — האָט דווירע זיך צעוויינט, — ווי קאָן איך איבערלאָזן דאָס שטעטל אָן זאַמד און אָן ליים? מיט וואָס וועט מען שמירן און באַשיטן די דילן ערעוו שאַבעס?

אין א פאָר טעג אַרום האָט איבער די שטעטלשע גאַסן ווידער זיך באַוויזן דאָס פערד־און־וועגעלע, פול מיט ליים. בא דער זײַט, מיט די ווישקעס אין די הענט, איז געגאַנגען דווירע די אַלמאָנע. כעוורעניקעס האָבן, ווי פריִער, אַרומגערינגלט דאָס וועגעלע פון אַלע זײַטן, געהאָלפן די ווײַבער אָנעמען זייערע עמערס און שיסלען, און ווען דאָס וועגעלע איז געווען אויסגעליידיקט, האָבן זיי אין אײַלעניש פאַרנומען זייערע ערטער פון ביידע זײַטן און דאָס פערדל — ווי שטענדיק. אין איין אויגנבליק איבערגעציילט די פאַרשווינען און אָנגעהויבן פאָכען מיטן ווידל און אונטערהירזשען, ווי איינער רעדט:

— איר ווייסט דאָך, אַז מער ווי צען נעם איך ניט.

און דווירע, פונקט ווי איר וועלוול, האָט, ניט קוקנדיק אַף קיינעם, א טאָרע געטאָן עמעצן מיט דער בײַטש, און יענער האָט געמוזט אַראָפשפּרינגען.

ס'האָט זיך געקאָנט דוכטן, אַז ס'איז גאָר אַזוינס ניט געשען, און ס'האָט זיך גאָרנישט ניט געענדערט... דאָס פערד־און־וועגעלע לאָזט זיך יעדן גאַנצפרי אַוועק צו די הלינישטשעס, כעוורע פאָרן מיט און העלפן אָנלאָדן, דערנאָך גייען זיי נאָך און זינגען אויס זייער לידעלע:

א זון מיט א רעגן,
די באָבע וועט זיך לייגן,
וואָס זשע וועט זי האָבן,
א ייִנגל מיט א מיידל...

און פונקט ווי פריִער, צעעפענען זיך טירן, און פאַרפּאַליעטע ווײַבער אין קאָפּטיכלעך איבער די אויערן לויפן אַרויס מיט זייערע עמערס, שיסלען און מולטערס... זיי דוכט זיך געוויס אויך, אַז ער לעבט, וועלוול הראַבאַרניק. נאָר באַם פורל שטייט די אַלמאָנע דווירע, אין איר מאַנס שטיוול און אין זײַן ברעזענטענעם רעקל. און אַלץ אין איר איז מאַנצבלש־שטאָלץ און מאַנצבלש־שטרענג, פול מיט שפּורן פון נאָך פרישן טרויער, פול מיט יענער שטומער, ווייטעקלעכער ניט צוגעוווינטקײַט צו איר נײַעם, זייער ביטערן גורל פון א יונגער אַלמאָנע. און די, וועלכע האָבן זיך צוגעקוקט צו איר נעענטער, האָבן געקאָנט באַמערקן, אַז זי איז גאָר א שיינע, דווירע, אַז אירע אויגן זײַנען פול מיט יונגן כיין, און אַז אפילע איר אײַנגעפאַלן פּאָנעם פאַרמאָגט אין זיך צוציִענדיקס און רייצנדיקס. און אַז ביכלאַל... ווען מע באַקליידט זי א ביסל לײַטישער, וואָלט מען איר געקאָנט רעדן א גאַנץ לײַטישן שידעך.

ס'האָט זיך געדוכט, אַז אַלץ גייט ווי פריִער, נאָר דאָס פערדל... ווי נאָר מע איז צוגעפאָרן צו די הלינישטשעס, האָט עס אָנגעהויבן אַרבעטן מײַסים: ס'האָט געהאַלטן אין איין אונטערטאַנצן, שאָקלען מיטן קאָפּ אַף „ניין". ניין און ניין! און אַזוי קלאָגעדיק געהירזשעט. אַז ס'האָט געריסן באַם האַרצן.

און אין איינער א נאכט... ס'איז שוין געווען הארבסטיק, די נעכט זיינען געווען לאנגע און היפש קילבלעכע, און אין די פריִע באגינענס האָט איבער די שטעטלשע גאסן זיך געטראָגן דאָס הייזעריקלעכע און אליארעמדיקע פייפן פונעם שויפער, — אין איינער פון יענע נעכט האָט דאָס פערדל אויסגעהויכט די נעשאָמע. צי האָט דווירע דאָס אָנגעפּויעט, ווען ס'איז נאָך געווען פארשוויצט, צי ס'האָט געכאפּט עפּעס אזוינס, פון וואָס דער מאָגן איז קאליע געוואָרן, צי עפּשער פון הוילער בענקשאפט נאָכן באלעבאָס, מיט וועמען עס האָט אָפּגעהאָרעוועט אזא לאנג און שווער לעבן. אייגנטלעך, איז דאָס שוין געווען אַן אלטע קליאַטשע, אָנגעשטאָפּט מיט יאָרן, און עפּעס א מינדסטע קרענק האָט געקאָנט ברענגען צו אזא סאָף. דער אלטער זכאריע, וואָס איז שטענדיק געווען פארטיפט אינעם זויהאר, האָט ארויסגעזאָגט גאָר אַן אנדערע האשאָרע:

— מעגלעך, אַז דאָס איז געווען ניט קיין פּאָשעט פערדל. מעגלעך, אז אין דעם איז אָפּגעקומען גאָטס שטראָף א זינדיקע נעשאָמע, וואָס איז געווען צוגעשטעלט פאר א מעשאָרעס צום לאמעדוואָווניק. און נאָך די שלוישים, ווען וועלוול הראבארניק האָט זיך א יאווע געטאָן אף דער עמעסער וועלט, האָט ער געפּויעלט באם בעסדין שעל מייַלע, אז אויס, געגנוג געווען אָפּקומענישן פאר דער זינדיקער נעשאָמע, און מע מעג זי שוין ארויסבאפרייַען פונעם פערדישן גוף.

דערפאר טאקע האָט זכאריע ניט געלאָזט, מע זאָל אָפּשינדן די פעל. ער האָט באצאָלט פאר איר דווירען מיט מעזומענס און געהייסן אוועקשלעפּן די פּעגירע ווייַט פונעם שטעטל, אויסגראָבן א גרוב, באגראָבן און גוט פארשיטן דעם קייווער אזוי, אז קיין שום הונט זאָל ניט קאָנען זיך דערקלייַבן צו איר. און נאָך א לאנגע צייַט איז זכאריע געגאנגען קוקן, צי דאָס בערגעלע ערד איז אין אָרדענונג, צי ס'האָט קיינער ניט צעשטערט דעם קייווער. דערנאָך איז געקומען דער ווינטער, ווען אלץ ארום איז געווען פארשאָטן מיט שניי, דערנאָך איז געקומען יענער שטורמישער פרילינג, ווען די שניי־וואסערן האָבן פארפלייצט אלץ ארום און אליין די הייַזער ארום טייַך זיינען געשטאנען ביז די פענצטער אין וואסער, יענער פרילינג, ווען מע האָט אראָפּגעוואָרפן דעם קייסער. די כעוורעניקעס, פארשייַטע כיידער־ייִנגלעך, זייַנען מיטאמאָל געוואָרן דערוואקסענע, ארומגעלאָפן איבערן שטעטל און געשריבן אף די ווענט מיט גרויסע אויסיִעס, ווער מיט שווארצע קוילן און ווער מיט קרייַד: „פרייַהייַט, גלייַכהייַט און ברידערלעכקייַט!” און די געשיכטע וועגן דעם, וויִאזוי ס'איז אומגעקומען וועלוול הראבארניק און וואָס עס איז געשען מיט זייַן קליאטשע, האָט אָנגעהויבן פארגעסן ווערן.

4

עס קלאָפּן די פלעקלעך, עס ציִען זיך דראטוועס, און פאר באָריס וולאדימיראָוויטשן קומען אוף מענטשן, וואָס זייַנען שוין לאנג אף דער וועלט ניטאָ און נאָך וועלכע ער בענקט אזוי, אז ער איז אָפּט גרייט א יאָג זיך טאָן אהין, אין יענעם שטעטעלע, וואָס איז שוין אויך ניטאָ, צו יענעם בערגעלע, וואָס איז שויך אויך ניט צו דערקענען. און זי, די שנור פּאִינע, איז אלץ ניט צופרידן, אלץ אָנגעדראָדלט. געווען אזא געהויבענער דירעקטאָר און געוואָרן א פּאָשעטער שוסטער. ווער האָט עס אים געיאָגט אף פענסיע? ער האָט געקאָנט דירעקטערעווען נאָך פיל יאָרן!

ווען זי זאָל נאָך וויסן, וויִאזוי דאָס אלץ איז געשען! ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די רעקאָנסטרוקציע פון דער אלטער שוך־פאבריק און אלע מאָל זייַנען אָנגעקומען וואגאָנען מיט אויסשטאטונג פון פראנקרייַך און איטאליע, די נייַסטע און מאָדערנסטע אווטאָמאטן און האלב־אווטאָמאטן, האָבן אלע געהאָפּט, אז איצט וועט מען אָנהייבן ארויסלאָזן שוכווארג — אזוינס ווי אזעלעכס. די הייסע האָפענונגען האָבן אונטערגעמונטערט די דירעקציע און דעם ארבעטער־קאָלעקטיוו איבערטראָגן אלע שוועריקייַטן, וועלכע זייַנען פארבונדן מיט דער רעקאָנסטרוקציע, באזונדערס דאָס, וואָס איינעם מיטן אייַנשטעלן און באהערשן די נייַע טעכניק האָט מען געדארפט זיכערן דעם פלאן לויט דער אלטער טעכנאָלאָגיע. באָריס וולאָדימיראָוויטש, וועלכער האָט אָפּגעגעבן דער שוך־אינדוסטריע אזויפיל יאָרן, איז ארומגעגאנגען א פריטשמעליעטער פון די אלע דייַגעס, וואָס האָבן זיך ארופגעוואָרפן אף אים.

איינס האָט אים אונטערגעהאלטן — זיסע כאלוימעס. יעדע נאכט — איינער און דער זעלבער כאָלעם: די רעקאָנסטרוקציע איז פארענדיקט, די ארבעטער האָבן באהערשט די נייַע

מאשינעס, און אַלץ גייט, ווי אַ מיזמער. די פאַבריק גיט יעדן כּוידעש אַרויס טויזנטער פּאַר שוכוואַרג פון פאַרשיידענע מאָדעלן.

אָבער די זיסע כאַלוימעס זײַנען צעשוווּמען געוואָרן, ווי נאָר מע האָט אָנגעהויבן אַר־בעטן אויף די נײַע מאַשינעס. קיינער האָט ניט געקאָנט טרעפן די רעטעניש: פאַרוואָס זאָלן זעלכע פײַנע אויטאָמאַטן אַרויסגעבן אַזויפיל בראַק.

איז ער ניט געשלאָפן דורך די נעכט, אַלץ געזוכט און אויסוועג, וויאַזוי ברענגען די פאַבריק צו אַ טאַכלעס און וויאַזוי באַרויִקן דעם אייגענעם געוויסן.

מיטן שעף פונעם גלאַווק איז באַריס וולאַדימיראָוויטש געווען אַן אַלטער גוטער־ברודער. ניט איין מאָל האָבן זיי צוזאַמען געדרייט די מויכעס אויף צו לייזן פּראָגן, וועלכע לײַזן איז געווען שווער. און ניט איין מאָל האָבן זיי ביידע זיך געוווּנדערט, וואָס נאָך אַלעמען זײַנען די דאָך געלייזט געוואָרן. און כאָטש דער שעף איז געווען פיל יינגער פון אים — פון דער נײַער גענעראַציע ברייט־דענקענדיקע אינזשעניערן, האָט ער זיך באַצויגן מיט גרויס אָפּשיי צו באַריס וולאַדימיראָוויטשן: פאַר זײַן רײַכער דערפאַרונג, פאַר זײַן גענויִקייט און באַ־קאַנטשאַפט אין די פּראָבלעמען פון דער שוך־אינדוסטריע, פאַר זײַנע אָרגאַניזאַטאָרישע פעיִקייטן און ביכלאַל, פאַר זײַנע ריין מענטשלעכע מיילעס. און ניט איין מאָל האָט ער אויס־געטאָפּט באַ אים, באַם אַלטן דירעקטאָר, פאַרשיידענע אייצעס, וועלכע זײַנען אים גוט צונוץ־געקומען. דערפאַר האָבן זיי זיך געהאַלטן איינער מיטן אַנדערן גאַנץ פּראָסט, פרײַ פון אַלע אַדינגלעכקײַטן, אַנטשיידן אָפּגעוואָרפן די דיסטאַנץ, וואָס מוז אויפקומען אין אַזעלכע פאַלן, און אָפּטמאָל אַרײַנגעזאָגט איינער דעם אַנדערן אַזוינס, וואָס וואָלט בענעגייע אַ צווייטן גע־ווען אומדערלאַזבאַר.

און נישט אַ מידער פון דער שלאָפלאָזער נאַכט און פונעם ניט גרינגן וועג אין דער טראָליבוס, אַ שאָ זעקס מיטן צוג, איז באַריס וולאַדימיראָוויטש אַרײַנגעקומען אין גלאַווק צום שעף אַ צעקנייטשטער, מיט בוילעטע שפּורן פון אופגערעגטקייט און אָנגעדרעאַדלטקייט, וואָס האָט געמאַכט זײַן פּאָנעם, דעם גאַנצן אויסזען זײַנעם פיל עלטער פון זײַנע אַזוי אויך שוין ניט יונגע יאָרן, אָט־אָט באַ די זיבעציק, און דערלאַנגט דעם שעף אַ מעלדונג, אַז מע זאָל אים אָפּלאָזן פון דער אַרבעט, — האָט דער שעף פאַרשטאַנען, אַז באַריס וולאַדימיראָוויטש פּאַסט ניט.

— גוט, — האָט געזאָגט מאַקסים פּעטראָוויטש, אַרײַנלייגנדיק די מעלדונג אין טיש־קעסטל. — איך וועל הײַנט זײַן באַם מיניסטער. מע דאַרף דאָך אַ טראַכט טאָן, מיט וועמען איך פאַרבײַטן.

וואָרטן איז אויסגעקומען אַ ביסל לענגער, ווי ער האָט געמיינט. צי ס'איז טאַקע אַזוי, וועגער געווען צוקלײַבן אַ נײַעם דירעקטאָר, צי מע האָט אין מיניסטעריום געמיינט, אַז דער אַלטער האָט זיך אַ ביסל צעהיצט און וועט דערנאָך כאַראָטע האָבן. גיכער אַזוי.

אין אַ כּוידעש אַרום האָט די פאַבריק באַזוכט טאַקע דער מיניסטער אַליין. געווען אַ לאַנגער שמועס, אַלץ האָט מען אַרומגערעדט, ווי באַריס וולאַדימיראָוויטש וואָלט זיך אַפילע ניט געקליבן אַוועקגיין פון דער אַרבעט. און שוין געזעגענענדיק זיך, האָט דער מיניסטער אַ זאָג געטאָן, ווי דערעכאַגעווי:

— איז וואָס טראַכט איר וועגן אײַער מעלדונג?

— וואָס דאַרף איך טראַכטן? דאָס דאַרפט איר טראַכטן!

— וועט אײַך אויסקומען אַ ביסל צוּוואַרטן.

— וויפל, אַשטייגער?

— נאָך עטלעכע כאָדאָשים. די נײַע קאַנדידאַטור לערנט זיך אין דער אַקאַדעמיע.

— נו, מיילע... אויב נייען שיך מוז שוין אַקאַדעמיקער...

וואָרטן איז אויסגעקומען אַריבער אַ האַלב יאָר, און פאַר דער צײַט... ווי אַנדערש האָט געקאָנט זײַן, און ווי אַנדערש האָט ער אַליין געקאָנט? האָט ער פאַר דער צײַט ניט וויניק געהאָרעוועט. אויף דער פאַבריק האָט ביסלעכווײַז אַלץ זיך געענדערט צום בעסערן. אַלנ־גלס, באַריס וולאַדימיראָוויטש האָט זיך שוין ניט געשעמט דורכגיין די גאַס, און ס'האָט ם שוין אַזוי ניט געמוטשעט דער געוויסן. מע האָט אַפילע אָנגעהויבן לויבן זײַער שוכ־ואַרג. נאָר ווען מע האָט אים געפרעגט, צי האָט ער ניט איבערגעטראַכט, האָט ער געענט־פערט, אַז ניין, ס'האָט שוין ניט געפּאַסט כאַפּן צוריק. און ער איז שוין צוגעוווינט געוואָרן ם געדאַנק, אַז ס'איז שוין צײַט באַפרײַען פאַר אַ צווייטן דאָס דירעקטאָרישע בענקל. ס'איז יין ניט דאָס געזונט, ניט די נערוון און ניט די יאָרן. און די בענקעניש נאָכן אַמאָליקן יסטער־בענקעלע איז געוואָרן וואָס אַמאָל שטאַרקער. האָט ער שוין געמוזט פאַר זיך אַליין בערכאַזערן דאָס ווערטל, וואָס ער האָט געיאַרשנט פון שמועל שוסטער:

— אזוי גייט די וועלט.

אָף פּענסיע האָט מען אים אַרויסבאַגלייט מיט גרויס פּאַמפּע. דער מיניסטער האָט אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אין וועלכן עס זיינען געווען אָפּגעמערקט זיינע באַזונדערע פאַרדינסטן פאַר דער שוך־אינדוסטריע, וועלכער ער האָט אָפּגעגעבן פופציק יאָר לעבן. די פּרעמיע פונעם מיניסטעריום איז אויך געווען אַ ביז גאָר געהויבענע. נאָר ווען דער סעקרעטאַר פון פּאַרטקאָם האָט אים געפרעגט, וואָס פאַר אַ פּרעמיע וואָלט ער געוואָלט אַלס אָנדענק פון דער שוך־פאַבריק, האָט ער געענטפערט:

— אַ ווייך שוסטער־בענקעלע און אַ קאָמפּלעקט אינסטרומענטן.

מער פון אַלעמען איז געווען צופרידן זיין ראָכל. זי האָט זייער מוירע געהאַט, אַז די רעקאָנסטרוקציע, די נייע אַריסשטאַטונג און די נייע דייגעס וועלן אים ברענגען צו אַן אינפאַרקט. און זי, ראָכל, וויל, ער זאָל אַרויס אָף פּענסיע אַ געזונטער. פאַינע האָט געהאַלטן, אַז דער שווער האָט אַ ביסל זיך צוגעיילט. עמעס, ער איז פאַרבליבן אַ כאַשעווער מענטש, אַ מיטגליד פון שטאָטקאָם און דעפּוטאַט פון געגנטלעכן ראַט, נאָר דאָס איז שוין געווען פאַר איר ניט דאָס, וואָס פריער, גאָר ניט דאָס.

איצט, זיצנדיק אָפן שוסטער־בענקעלע, פלעגט ער זיך אָפט כאַפּן, אַז עס בענקט זיך אַ ביסל. עס בענקט זיך נאָך יענע שווערע, ראַשיקע און אומרויִקע טעג, ווען אַלץ אַרום האָט געקאָכט און געזאָטן, און ער אַליין איז אויך געווען פול מיט ברען און מיט קאָכעניש, מיט יענעם בריִענדיקן דראַנג, ווען דו פאַרגעסט וועגן אַלץ אין דער וועלט. ראָכל ווייסט וועגן זיינע בענקעניש נאָך דער פאַבריק און וועגן זייערע געמיינזאַמע בענקעניש נאָך יענע ווייטע ציטן, ווען ביידע זיינען געווען יונג און ווען דאָס גאַנצע לעבן האָט זיך זיי געמאָלט ווי איין גרויסער יאָמטעוו, פול מיט פרייד, מיט זון און מיט פאַרכאַפּנדיקע געזאַנגען.

עס איז טאַקע אַ מעכייע צו קוקן, ווי די פלעקלעך קלאַפּן זיך אַריין אין דער פּאָדעשווע, שטעלן זיך אויס אין אַ גלייכער ריי, ווייסינקע און גלאַנציקע, און ווי עס ציט זיך גרינג אַרויס די דראָטווע, אָן אָנגעריבענע מיט וואַקס, גליטשט זיך צווישן די פינגער, שמעקט מיט לאַנגאַניקן און רעגעוודיקן...

...ווען שמועל האָט גענומען באַרעכן פאַר אַ לערן־ייִנגל, האָט ער אייַנגערעדט זיין מאַמען, ער זאָל נעכטיקן בא אים. זי דאַרפן אָפּשטיין פריִ צום ערשטן מיניען זאָגן קאַדעש, זי דאַרפן פריִ זיך זעצן צו דער אַרבעט. און ביכלאַל וויל ער האָבן באַרעכן שטענדיק פאַר די אויגן. ער האָט דאָך צוגעזאָגט וועלוועלן מאַכן פון אים אַ מענטש. געמיינט האָט ער דערביי נאָך עפּעס. אויב ער וועט נעכטיקן בא אים, וועט ער שוין בא אים פרישטיקן אויך. און עסן וועטשערע אויך. וועט שוין זיין ביידע צוגיסן נאָך אַ ביסל וואַסער, עס זאָל זיין פאַר אים אויך אַ ביסעלע זופּ אָף מיטיק. אַזוי צוביסלעך איז באַרעך געוואָרן בא שמועלן אַ קעסטקינד. יעדן גאַנצפרי און פאַרנאַכט זיינען זיי ביידע געגאַנגען אין שוסטערישן שולעכל. שמועל האָט געדאַוונט, און באַרעך האָט בלויז געזאָגט קאַדעש. מיט זיינע קאַדעשן נאָכן טאַטן איז באַרעכל אומבאַמערקט דורכגעשפּרונגען דורך ביידע רעוואָליוציעס, געוואָרן אַ ביסל העכער און דאַרער, און די הויזן זיינען געוואָרן אָף אים שטאַרק קורץ.

— ס'מאַכט ניט אויס, — האָט אים באַרויִקט דער אַלטער שוסטער. — אַבי מע וואַקסט... וועט שוין אַלץ זיין הערכט.

ער איז געווען אַ טרוימער, שמועל, און אַ שטיקל פילאָסאָף אויך. אָפּטמאָל, ווען זיי זיינען אין אַ פריִען פאַרנאַכט געגאַנגען צו מינכע פאַרביי דעם מאַרק, ווו פאַרפּוצטע יונגעלייט האָבן אַרומגעשפּאַצירט נאָך אַ גוטן יאַרידע, האָט דער אַלטער שוסטער, ווייזנדיק אָף זיי מיט די פינגער, אייַנגעטייַנעט מיט אים:

— דו זעסט? זאָלסט זיי קיינמאָל ניט מעקאַנע זיין. נאָך אַלעמען פעלט זיי אַזוינס, וואָס זיי וועלן שוין קיינמאָל ניט קריגן. אַ ריינער געוויסן. דו ווייסט, וואָס עס הייסט געוויסן? בא זיינע ניין צי צען יאָר האָט באַרעכל וועגן אַזעלכע זאַכן נאָך ניט געוווסט.

— אָט איך, אַשטייגער... — דאָס האָט געדאַרפט פאַרטייַטשן באַרעכלען, וואָס עס הייסט געוויסן. — איך האָב ליב, אַז אָף יעדער פאַרדינטער קאָפּעקע זאָל אַרויסגלאַנצן מייַנער אַ טראָפּן שוויס.

און קעדיי באַרעכל זאָל דאָס פאַרגעדענקען אָף שטענדיק, האָט ער צוגעגעבן אַזוינס, פון וואָס באַרעך האָט אַ ציטער געטאָן:

— דאָס איז, דאַרפסטו וויסן, ניט מײַנע ווערטער. דאָס איז דײַן טאַטנס צוואָע. א געזעץ, וואָס די שאַבעסקוידעשס גיבן איבער איינער דעם אַנדערן פון דאָר צו דאָר.

דעם טאַטנס צוואָע איז אים געווען צום האַרצן. נאָר ווער זײַנען געווען די שאַבעסקוידעשס און וואָס פאַר א שײַכעס האָט עס צו אים, האָט ער דאַן אויך ניט געוווסט. אַזוי צי אַזוי, נאָר אין יענע פריִע פאַרנאַכטן, ווען זיי זײַנען געגאַנגען אין שוסטערישן שולעכל, האָט שמואל אים איבערגעגעבן דעם טאַטנס און אויך זײַנע קלאָלים, באַ וועלכע דער מענטש דאַרף זיך האַלטן, ער זאָל ביזן סאָף בלײַבן א מענטש.

— יאָג זיך ניט נאָך קיין רײַכטימער און זײַ קיינעם ניט מעקאַנע אָף זיי.

— פאַלשעווע ניט אין דער אַרבעט און כיטרעווע ניט אין לעבן.

— זאָלסט קיינמאָל ניט טאָן אַזוינס, וואָס דאַרף אויסבאַהאַלטן ווערן פון א צווייטן.

— זאָלסט קיינמאָל ניט לײַגן, קיינמאָל ניט כאַנפענען.

— היט זיך באַליידיקן א צווייטן, א באַקאַנטן צי אַן אומבאַקאַנטן.

ווען באָרעך האָט געטומען אײַנכאַזערן פאַר זיך די אייגנאַרטיקע אַסערעס האַדיברעס און איבערגערעכנט זיי אָף די פינגער, איז ער געבליבן אין פאַרלעגנהײַט.

— עס פעלט צו די צען, — האָט ער ווי פאַרקלאָגט זיך פאַרן לערער.

— ס'מאַכט ניט אויס, — האָט שמואל א שמייכל געטאָן, — מיט דער צײַט וועסטו אַליין אָפּזוכן די איבעריקע. דעריקער איז דאָס ווערטל, וואָס דײַן טאַטע פלעגט אָפּטמאָל איבער־כאַזערן: „ביע גאַנווי אי ניע פּאָסטײַ". פאַרשטייסט, וואָס דאָס הייסט? דײַן טאַטע האָט שטאַרק פײַנט געהאַט די צוואָקעס, די פאַלשע פרומאַקעס, וואָס דאַווענען אין צווײ פאָר טפילין, פראַווען אָפּט טאַנייסים, נאָר אַלע זייערע מײַסים זײַנען פון סאַמע גזילע און גנייווע.

נאָכן ערשטן יאָרצײַט האָט ער קיין קאַדעש מער ניט געדאַרפט זאָגן, נאָר יעדן פאַר־נאַכט איז ער געגאַנגען איינעם מיט שמועלן אין שוסטערישן שולעכל. ניט אַזוי צוליבן דאַווענען, ווי צוליב די שיינע מײַסעלעך, וואָס דער שוסטער פלעגט דערציילן אָפּן וועג. מײַ־סעלעך וועגן ווײַסע שיפלעך, וועגן פאַרשטעלטע לײַט, וואָס וואַנדערן אַרום איבער דער וועלט, שטעלן זיך אײַן פאַרן אָרעמען מענטשן, וואַרפן אַראָפּ קייסאָרים, פאַרטרײַבן פּריצים פון זייערע גיטער, נאָר פאַר זיך אַליין קאָנען זיי קיין גוטס ניט אופּטאָן.

א גאַנצע וואָך האָט ער געגעצטיקט באַ שמועלן און בלויז אָף שאַבעס פלעגט ער קומען צו זיך אַהיים. זײַן מאַמע, „דווירע די אַלמאָנע", האָט זיך געסטאַרעט דערלאַנגען איר פאַרנאָסעגעבער דאָס שענסטע און בעסטע. באַ איר אַליין איז מיט פאַרנאָסע געווען גאַנץ ביטער. דאָס געלט, וואָס זי האָט אָפּגעלייגט פאַר דער ניט אָפּגעשינדענער קליאַטשע און פאַר דעם איבערגעטריקנט וועגעלע, איז אינגיכן געוואָרן אויס געלט, און מע האָט פאַר דעם גאָר־נישט ניט געקאָנט קריגן. האָט זי גענומען פליקן פעדערן פון די גווירישע געגנדז, און א גאַנץ יאָר האָט אין איר שטיבל זיך געשיט א שטיל פּוכאָווע שנייעלע, וואָס איז שווער גע־ווען אַרויסבלאָזן אַפילע אָף שאַבעס.

צווײ רעוואָליוציעס האָבן אָפּגעשטורעמט אין לאַנד, דערנאָך איז געקומען דער ביר־גערקריג, ווען דאָס שטעטל איז מערסטנטייל געלעגן אין די קעלערס און אָף די בוידעמס, און נאָך יעדן פּאָגראָם זײַנען צוגעקומען נײַע אַלמאָנעס און יעסוימים.

דערנאָך איז אָנגעקומען די צײַט פון שיינע נײַעס און גוטע האָפענונגען. דאָס גאַנצע שטעטל — נאַקעט און באָרוועס, הונגעריק און אויסגעצערט, האָט איינינעם מיט די רויטאַר־מייִשע ראַטעס אָנגעהויבן זינגען נײַע לידער. דערנאָך איז צווישן דעם קלויסטער און דעם בעסמעדרעש אופגעקומען גאָר א נײַע זאַך — דער קאָמיוגישער קלוב.

אין איינעם א פראַסטיקן ווינטערדיקן פאַרנאַכט האָבן זיי זיך אופגעהויבן פון זייערע בענקלעך, אויסגעגלײַכט די פלייצעס, ער, באָרעך, גאַנץ שטיל, שמואל — מיט א הויכן קרעכץ. זיי האָבן אויסגעטאָן די פאַרשמאָלצעוועטע פאַרטעכער, אָפּגעוואַשן די הענט און אַרופגעצויגן אָף זיך זייערע ווינטערדיקע, געדיכט אָנגעלאַטעטע מאַלבושים. ביז דער מאַרק־גאַס זײַנען זיי געגאַנגען איינינעם. נאָר לעבן שלוימע קיוויטשיקס שטוב, דאָרט, ווו מע דאַרף פאַרקערעווען צום שוסטערישן שולעכל, האָט באָרעך זיך אָנגערופן:

— ווייסט איר וואָס, רעב שמועל? איך וועל גיין גלײַך אַראָפּ.

— וווהין איז דער אַראָפּ? — האָט שמועל געמאַכט זיך ניט ווייסנדיק.

— אַהין, ווהין עס גייען איצט אַלע כעווריע.

— ווער האָט דיר געזאָגט, אַז אַלע כעווריע?

— מוישעלע גרויסאַרטיק.

— אַזוי גאָר? טאַקע גאַנץ גרויסאַרטיק. וואָס זשע האָט ער דיר געזאָגט?

— ער האָט מיר דערציילט וועגן א נײַ לעבן.

— און דיך ציט שטארק צום נײַעם לעבן?

— זייער.

— נו, אויב אזוי... ווער זשע האָט רעכט דיך פאַרהאַלטן? גיי, גיי, באָרעכל, אהין, וווהין עס ציט דיך. נאָר איין זאַך... זאָלסט ניט פאַרגעסן, וואָס דײַן טאַטע האָט דיר אָנגעזאָגט.

— איך וועל ניט פאַרגעסן.

אזוי האָט אין יענעם ווינטערדיקן פאַרנאַכט באָרעך זיך אוועקגעלאָזט אין דער נײַער וועלט...

אַלץ איז געווען ווי פריִער. זיי זײַנען, ווי שטענדיק, אופגעשטאַנען א גרויסן פאַרטאָג, נאָר צו שאַכרעס איז געגאַנגען שמועל אַליין. ער, באָרעך, האָט גלײַך געזעצט זיך צו דער אַרבעט. דערנאָך האָט די שמועליכע, ווי מע האָט זי גערופן, אָן אויסגעדייוערטע ייִדענע, מיט א קוויטשיק קעלעכל, דערלאַנגט צום טיש זייער שטענדיקן פרישטיק — א שיטער געקעכץ פון הרעטשענע גרויפּן. איין זאַך — נאָך יענעם ווינטערדיקן פאַרנאַכט, ווען ער האָט אָנגעהויבן אהיימקומען ביז גאָר שפּעט, איז זײַן וועטשערע, א הירזשענע קאַשע, שוין געווען שטאַרק אויסגעקילט. נאָר דאָס האָט אים ניט געקימערט. נאָך די הייסע פאַרזאַמלונגען האָט די אויסגעקילטע קאַשע אויסגעזען פיל געשמאַקער.

דערנאָך האָט ער אינגאַנצן אופגעהערט נעכטיקן בא שמועלן. בא אים האָט ער געגעסן בלויז מיטיק — דעם ברוינעם ראָסלפלייש פון קאַרטאָפל און הוילע לונגען. דעם פריִען פרישטיק און די שפּעטע וועטשערע האָט געגרייט פאַר אים די מאַמע. ער איז שוין געווען אָן עמעסער פאַרדינער, און די מאַמע האָט זיך געקאָנט פאַרגינען צוגרייטן פאַר אים א לײַטישע וועטשערע.

(פאָרזעצונג קומט)

בראָניק

„דאָס האַרץ פון רוסלאַנד"

אונטער אזא נאָמען האָט דער פאַרלאַג „סאָוורעמעניק" („מיטצײַטלער"), אָנגעהויבן ארויסגעבן א סעריע ביכער, געווידמעט דער היסטאָרישער אנטוויקלונג פון אלטע רוסישע שטעט. די ערשטע זאַמלונג פון דער סעריע דערציילט וועגן דער נאָוואָגאָראָדער ערד, וועגן איר רומפולער פאַרגאַנגענהײַט און איר הײַנטיקן לעבן.

אין דער זאַמלונג גייען ארײַן ווערק פון דער רוסישער און סאָוועטישער קלאַסיק, שאַפונגען פון די נאָווגאָראָדער פּראָזאַיִקער און דיכטער.

צווישן אנדערע איז פּובליקירט די ליד „דער סלאָוויאַנער יאַם" פון מאָטל גרוומאַן, וועלכער לעבט אין אָט דער היסטאָרישער שטאָט.

אָן אויסשטעלונג אין דאָרפישן קולטור־הויז

„דעם 60־טן יאָרטאָג פון פסטר — א ווירדיקע באַגעגעניש" — אזוי רופט זיך אָן די פאָטאָ־איליוסטראַטיווע אויסשטעלונג, וועלכע האָט זיך געעפנט אינעם קולטור־הויז פון דעם דאָרף סאַדאָוואָיע אין דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט. דיאַגראַמעס, טאַבעלן, פאָטאָגראַפיעס דערציילן וועגן די ענדערונגען, וואָס זײַנען פאָרגעקומען אין דער עקאָנאָמיק פונעם אָרטיקן סאָווירט פאַר די יאָרן פונעם צענטן פינפיאָר, און וועגן די פּערספּעקטיוון אינעם עלפטן פינפיאָר.

מיט אינטערעס באַטראַכטן די באַזוכער דעם סטענד „זיי האָט באַלויבט דאָס היימלאַנד", פון וועלכן עס שײַנען אראָפּ די פּאָרטרעטן פון די פאָרגעשריטענע פּיציכטלער, מעכאַניזאַטאָרס, מעלקערנס, באַערטע מיט אָרדענס און מעדאַלן פון פסטר.

אין די נומערן 12 פאַרן 1980 און 9 פאַרן 1981 האָבן מיר פאַרעפנט־לעכט אומבאַוווּסטע פראַגמענטן פון פערעץ מאַרקישעס ניט פאַרענדיקטער פאָעמע „ירושע“. היינט דרוקן מיר נאָך דרייַ פראַגמענטן פון אָט דעם ווערק, וועלכע האָבן זיך פאַרהיט אינעם אַרכיוו פון „סאָוועטיש היימלאַנד“.

פערעץ מאַרקיש

פון דער פאָעמע „ירושע“

[I]

גרינע ערדישע פּאַלאַצן,
הויכע טעג און אָטעמס קורצע, —
גוט איז נעמען זיך געאַרעמט
מיט דער גאַנצער ערד אַרום!
ס'קלאַפּט דאָס האַרץ זיך ביז צום פּלאַצן,
ס'קלאַפּט דאָס האַרץ אָף דורך און דורך זיך.
ס'קלאַפּט א וויווע, ס'קלאַפּט א וואַרע,
און דאָס בלוט איין אַנגלען ברומט.

אָפּגעווייקט זיך, דורכגעוואָרעמט
מיטן טויט אַליין איינינעם
האָט זיך עזרע אין די שלאַכטן
דורך דער היץ און דורך דער קעלט:
— ביסט פאַראַן! דו לעבסט, דאַנאַרא!
הייסט עס: — ס'איז פאַראַן א היימאַט!
הייסט עס: — אַלץ איז גרינג און לייַכט דאָ!
הייסט עס: — גאָרניט איצטער פעלט!

זיס אַזוי זייַנען די שטרעקעס,
פריש אַזוי זייַנען די רוימען,
און מיט ליבשאַפט איז פאַרפויעט
יעדער בלאַט און יעדער גראָז;
ווילט זיך טאָן דאָס האַרץ א שטרעק אויס:
— ווינט! פאַרהאַלט מיך ניט! פאַרטרויז מיר,
הימל לויפט און וועגן בלויען.
— ווינט, פאַרהאַלט ניט קיינעם, — לאָז!

גייט ער, עזרע, צו דאַנאַרען,
גייט ער איצט צו זייַן באַלוינונג,
גייט און גלייבט זיך גאָר אַליין ניט,
צי די ערד איז ווירקלעך ערד;
— זיסטע טייַערסטע געפאַרן!
צי ס'וועט לוינען, צי ניט לוינען —
זאָל ווער ס'וויל זייַן גורל לייענען,
אים איז גוט איצט! ווינטן, הערט!

ס'גייט די צייַט מיט אים דערנעבן,
ס'גייט א היץ מיט אים איינינעם,
און ער פרוווט פאַר זיי די ווערטער
מיט זייַן בריענדיקן קאָל;
זיבן מאָל ז'געשמאַק דאָס לעבן
אָף אָט דער געשמאַקער ערד דאָ,
ווען מע שטעלט עס איין כאָטש איין מאָל,
אייך־און־איינציק מאָל אין קאָן!

קלאַפּט דאָס האַרץ אָף דורך און דורך זיך!
ס'איז די גאַנצע ערד געסילעקט
פאַר זייַן גליקלעכן געלעגער, —
יעדער גראָז זיך נייגט און גריסט:
— וועמען גייט איצט אָן די אורזאַך?
— צי ווייַל ער לעבט, צי ווייַל זי לעבט?
צי דערפאַר ווייַל ס'לעבט דאָס לעבן,
אַזוי איינפאַך, ווי מע איז!

ס'זײַנען בלויז די אויגן ווארעם,
און זיי גליטשן זיך פאַרבײַ דאָרט,
נאָר ער שלינגט די הוילע ווײַטן
און ער וועקט מיט טראָט די ערד;
— ביסט פאַראַן! ביסט דאָ, דאָנאַרא!
איז פאַראַן מײַן זיסטע היימאַט!
ניט גענומען האָט נאָך קיינער,
וואָס אים נעמען איז באַשערט!

טראָגט זיך עזרע ווי נ'א שטורעם,
ס'איז אים גוט איצט אין זײַן היימאַט,
ער איז קליין פאַר איר און ווייניק,
עפּעס ווילט זיך פון זיך נאָך...
נאָר דאָנאַרא דאַרף קיין טורעמס,
ס'ווייסט דאָנאַרא ניט פון טרויער —
ניט פון טרוימען וועגן בויען,
ווײַל זי ווייסט ניט פון קיין בראָך...

ס'ווייסט דאָנאַרא ניט איינגאַנצן,
נאָך ווי ס'דאַרף צו זײַן איר לעבן
זי באַקאַנט זיך ערשט מיט דעם איצט,
זי דערקענט עס ערשט אַט איצט;
— עמעץ האָט עס איר געגעבן,
און זי ווייסט ניט, ווער ז'דער עמעץ...

[II]

פיר יאָר פאַרבראַכט האָט עזרע אינעם וווּז,
פיר יאָר געשלאָגן זיך מיט געגנשטאַנדן
פלײַסיק;
ער האָט געדענקט און גוט געוווּסט,
אַז יעדער בוך ט'אים ווי א קויל אין שלאַכט
געטרײַ זײַן

און אים פאַרגרעסערן דעם גלוסט
צו אופגאַבן צו דרייסטע, —
געוועזן איז אים א לוסט
זיך אָנלאָדן מיט רײַזעס,
זיך דורכדרינגען מיט יעדן מוז
און זײַן מיט זיי ווי שטאָל און אײַזן.

עס האָט א זאַט געטאָן אין לאַנד
מיט פרייד מיט מעכטיקער פון רויערד, —
צונויפגעזאַמלט ס'האָט באַנאַנד
די האַנט פון אופשטעלונג און בויונג —
א שטיין צו שטיין, און שטאַנד צו שטאַנד,
און יעדערער איז זיך פאַרטרויען
געגאַן מיט פרייד און מיט געזאַנג.
עס האָט א זאַט געטאָן אין לאַנד
מיט רעגנבויגנדיקע שלייפן
די ארבעט פון צונויפנעמען באַנאַנד
ווו נאָר א פעלקערשאַפט, ווו נאָר א שיוועט,
אים אומקערן צו מי און שטאַנד
און צו באַגער און צו פאַרשטאַנד,
ער זאָל א טייל זײַן פונעם לאַנד!

א לאָז געגעבן אָן א שיר דאָרט
זיך האָבן מענגעס — גרוי און גרין —
און רויע שטעטלדיקע שיכטן
אָף אַרבעט גייען — ווער — וווהין;
בא יעדן איינעם אינעם בליק
זיך צינדט א טרייסט פון נײַעם לעבן.
ס'האָט יעדער איינער א צעבלי
זיך פונדאַסנײַ דאָרטן געגעבן, —
און עזרע האָט געטאָן א פאָר
אהיים — און קיינעם ניט דערקענט דאָרט;
עס האָט פאַר קנאַפּע זיבן יאָר
דאָס שטעטל זיך אזוי געענדערט...
און ערגעץ האָט דאָס לאַנד געקלערט,
און ערגעץ האָט דאָס לאַנד געהאַוועט:
— פאַר וועמען אויסטיילן א קיילעק ערד,
— און וועמען פריער נאָך — אָן אַלפאַוויט...

[III]

א טאָג פאַרגייט, א צווייטער — שפּאַנט זיך,
און צווישן זיי — די נאַכט זיך מעסט;
נאָר ס'קלעקן ניט קיין פיר און צוואַנציק
געצייילטע שאָ פאַר א מעסלעס!
ס'לויפט עזרע אום פון אָרט צו אָרט דאָרט,
ווי נאָך דער צײַט ער וואָלט געיאָגט —
יעדער שפּאַן ז'בא אים אָן אָרדער
אָף צו פאַרגרעסערן דעם טאָג.
און ס'קלעקט קיין צײַט ניט אַלץ צו זען דאָרט,
צו זען איז ווייניק דער מעסלעס —
ווי ס'האָט די שטאָט זיך דאָ געענדערט,
ווי ס'האָט געענדערט זיך אָדעס!
עס וואַרפט זיך אָף אים ראַש נ'געשריי דאָרט,
עס רײַסט זיך בלענדיקער צעשאַט,
און ס'קאָן ניט עזרע אונטערשיידן,
צי ס'רוישט דער יאַם, צי ס'רוישט די שטאָט.
די זעלבע העלקײַט פון דער ווײַט,
נאָר ס'כוואַליען הײַזער זיך — געלאַפּיק,
און יאַם מיט שטאָט זיך טוישט און בײַט,
און איינס איז רוישיקער פון צווייטן,
און איינס מיט צווייטן זיך באַהעפט —
וווהין דער קאָפּ זאָל ניט א גיי טאָן,
איז זון און גאָלד און בלאַנק זיך טרעפט.
די בונטע ברעגעדיקע בערג

זיך רונדיקן ב'אמפיטעאטער;
זיי שטייען ווי אונטער געווער,
און שטום זיי בלעטערן די ווינטן —
זיי זיינען אנגעלאָדן — פול —
זיי טראָגן וואָלקנס, ווי א וואכטע,
זיי טראָגן ערן־קאראול
און קאָנען אלץ זיך ניט דערוואַרטן,
זיי וואַרטן אלץ אף געסט פון יאמען,
זיי קוקן אויס פון דר'הויך די ווייט,
אז ניט פארגיין און ניט פארזאמען
זאָל זיך אין וועג ערגעץ די פרייהייט.
זיי האלטן ווי א טאץ די יאם־פלאך
מיט טעפּיכער פון זון און ברויז:
— עס וועלן קומען מאכנעס דאמפערס
און גייך „פּאָטיאָמקין" וועט פּאָרויס!
ס'איז יעדער הייל, ווי אן אאול,
און הויל און העל אין אלע היילן,
און אלע היילן זיך ארום,
און אלע פון דער טיף דערציילן, —
און ס'איז פאר עזרען יעדער שטיין
פון שטאָט אָדעס — אן אָס פון עפּאָס —
כאָטש טוליע צו דאָס מויל צו זיי
און מיטן אָטעם טרינק און שעפּ עס,
און זויג זיך אן דאָרט ביז צום אומפאל
און אין די שטיינער זיך פארבראָק:
אז יעדער ווינקל איז דאָ רומפול,
מיט רום זיך רויכערט יעדער ראָג, —
נאָר עזרע איז פון אומלויף — דול —
מיט זיינע פיס רעגירט א וויכער:
— אָט דאָ ז'געווען אמאָל א שול,
און דאָרט האָט זיך געשלייפט א קירכע,
און דאָ געווען זיינען צעזייט
קאפּעען, בירזשעס, נעכט געהיימע;
נאָר ס'וועגדט זיין בליק אָפּ א מוזיי,
א שילד מיט בוכשטאבן פון דר'היים נאָך...
א שילד מיט בוכשטאבן מיט שטומע,
ווי שטיינער אוראלטע דערוועקט —
זיי יאָגן נאָך זיך אומעטום אים,
אז ער זאָל אומפאלן אין וועג,
א שילד מיט בוכשטאבן מיט שטומע —
און ווי מאציוועס קוקן זיי;
איז ער צעטעכערט און צעטומלט
אריין אין יידישן מוזיי.
א נידריק הויז. א צוויי־דריי שטיגן,
און פענצטער — אף אשטילער גאס;
עס קוקט דאָס הויז גלייך ווי אין ברילן,
אז עפּשער קומען וועט א גאסט,
אז עפּשער קומען וועט א קאָרעוו,
אז עפּשער ט'זיך דערמאָנען ווער
אין שטומע אומנייטיקע יאָרן,
אין שטומע אומנייטיקע טעג...
א קורץ־געהאקטער קאָרידאָר
און צימערן — פארטייעט — פיר;
ס'קוקט עזרע דאָ, ס'קוקט עזרע דאָרט,
און עפּעס פירט אים און פאַרפירט...
און ס'האָט די היים געטאָן אן אָטעם,
און ס'האָט א קרעכץ געטאָן די היים —
געגרייט איז דאָ דער טיש פאר שאָטנס,
און פאר געשפּענסטער־גאנג — געהיים...
ס'איז שטיל. דער אומעט ליגט און ציט זיך,
ער ליגט — א מעס — געבראכט אהער —
עס פעלט א קישן נאָר אף דר'ערד,
און שיווע זאָל מען דאָ נאָך זיצן.
ס'איז אלץ. ס'איז ביזן ביין — איינגאנצן —
און זיבן מאָל ס'איז שוין פארמערט,
עס שאָקלען שאָטנס אף דער וואנט זיך
און הייבן זיך ניט אוף שוין מער:
אן אלט פאַרויכעסל פון סאמעט
מיט לייבן אויסגענייטע צוויי —
געגנייט אזא מין האָט זיין מאמע
מיט יאָרן צ'ריק בא זיך אין דר'היים.
און צוויי מענוירעס. מעש. און לייכטער.
א האָדעסל — פארגרינט פון ראָסט;
און ס'גיט מיט שול פון אלץ א שפּאר דאָרט,
און ס'גייט דורך לייב אים דורך א פראָסט —
און — ס'איז באנאכט. מע זיצט אף דר'ערד,
מע שלאָגט זיך אין די קעפּ איינעם —
און ס'דאכט זיך עזרען, אז ער הערט
א קאָל פון עמעצן באוויינען:
...און אפן בוידעם שלאָפט א דאך,
צוגעדעקט מיט שינדעלעך,
און אין שטוב וויינט א קינד
באקעט־הויל, אן ווינדעלעך...
איז ווו זשע איז זי דאָ, די ציג?
איז ווו זשע איז דאָ, די שטרוי?
און עפּעס ווארגט אים און פארציט
און — אויס מיט צאָל, און — אויס מיט רוים...
אונטער א גלאָז — מיט שיין פארליאפּעט,
צעקנייטשט און איינגעלאָפן — רונד,
זיצט מענדעלעס פארשטויבטע שליאפּע,
ווי א דערפרוירן־געלע הון...
און ס'דאכט, אז ס'שלאָפט דאָרט אונטער איר
דאָס קליינע מענטשעלע אף קליינע וועגן —
און ס'שרעקט זיך עזרע טאָן א ריר,
עס ניט דערמונטערן, דערוועקן...
ס'איז עזרע מיד. ס'איז עזרע מאט שוין,
א קאָל א וויינטס פון ערגעץ פליסט —
געגאנגען, געגאנגען איז זי, די קליאטשע,
און אויסגעצויגן דאָ די פיס,
און אָפּגעגאנגען, און אָפּגעטראָטן,
און אויסגעניישטערט ווו א נעסט,
און אָפּגעגעבן גאָט דעם אָטעם
און דאָס געביין — דער שטאָט אָדעס!
און ס'גייט פון אלץ אזא מין אומעט,
אן אָרעמקייט אזא — פארטייעט:
— צו וואָס איז ער אהער געקומען?
— צו וואָס איז ער אהער אריין?
און נאָכאמאָל באטראכט דאָרט עזרע

פון זײַן אמאָל — דעם גלאַנץ און פּראַכט:
עס גליטשט זײַן אויג זיך איבער גלעזער,
און קוקנדיק אַף זיי — ער טראַכט:
— צו וואָס האָט איר צוויי טויזנט יאָר
געשפּאַרט, געטומלט און געמערט זיך?
און אויסגעפּליקט פון זיך די האָר
און אויסגעדאַוונט זיך די הערצער,
און זיך די רוקנס אויסגעהאָרבעט,
און אויסגעבויגן זיך די הענט?
צו וואָס האָט איר געשלעפּט א טאָרבע
און זיך געגאַנווּעט בא די ווענט?
צוליב דעם אויסגענייטן לעמפּערט?
צוליב דער ליד וועגן דער ציג?
מע וואָלט דאָס אַלץ באַדאַרפט א נעם טאָן
און ערגעץ אָפּשטויסן צוריק!..

. . . .

נאָר — צימער פינף. ס'איז אזוי שטיל דאָרט.
די טיר צו אַלעמען — געוועגדט;
מיט שריפטן שטויביקע און בילדער
באַהאַנגען זײַנען הייסע ווענט
ער קוקט זיך אײַן. ער שטרענגט זיך אָן —
ווערסטאָווע סלופּעס פונדערווײַטן,
און א וואָקזאַל, און א וואַגאָן
צעבראָקט, צעמאָרדעט און צעײַטערט.
און עזרע קוקט זיך אינעם פּלאַץ אײַן,
און עזרע לייענט און דערקאָנט:
— א בלוט־פאַרשמירטע פּראָקלאַמאַציע,
און א געשאָכטענער רעוואָקאָם.
זיי קוקן שטומע, די פּאָרטרעטן,
מיט אופגעהאַקטע שטיקער לײַב —
ערגעץ אין ווײַטן ליגט דאָס שטעטל
מיט הימל צוגעדעקט ווי בלײַ.
— איז וואָס עזרעס אין מוזיי דאָ?
— מיט וועמען קער ער זיך דאָ אָן?
מיט די מענוירעס די צעזייטע?
צי דעם געשאָכטענעם רעוואָקאָם?
פונוואַנען גייט, וווּהין צעוואַקסט זיך
זײַן מענטשן־שטאָלץ, זײַן יִכעס־בריוו —
פון זיידנס בונט קעגן דער טאַקסע,
צי פון דעם בלוט־פאַרשמירטן שריפט?..
און צו די בילדער גייט ער צו,
און איבער זיי ער קוקט זיך איבער —
פון דעם וואַגאָן, פון דעם־אָ צוג
איז ער דער איינציקער געבליבן,
ווען מ'האָט געגרייט זיך צו דער מאַכט,
ווען אַף באַפעלן מ'האָט געוואַרט דאָרט, —
— אָט איז זי, אָט די ערשטע נאַכט,
— די ערשטע פון דער רויטער גוואַרדיע...
און ס'גיט א פאַל פון אים דער טאָג,
און ס'שטעלט זיך פאַר אים אָפּ דער זייגער:
— פאַרוואָס געפינען זיי זיך דאָ?
— וואָס עפּעס דאָ, אין דעם מוזיי גאָר?
און עפּעס רײַסט אין אים און פּלאַצט,
און עפּעס ציט צו דעם געביין אים:
— פאַרוואָס ניט אַפן רויטן פּלאַץ?
— פאַרוואָס ניט דאָרט — מיט אַלע ביינעם?..

. . . .

דערנאָך איז עזרען לײַכט געוועז
דער ווײַטער וועג, אין פײַן פאַרהילטער;
באַגלייט אים האָבן שטילע ווענט
מיט ערגעץ שוועבנדיקע בילדער...
ס'האָט אים באַגלייט זײַן נײַער שטאָם,
ס'האָט אים באַגלייט זײַן נײַע יוגנט,
און ערגעץ האָט גערוישט דער יאָם
און אים געטראָגן צו זײַן צוקונפט.

◇ ◇ ◇

פון אונדזער קלאַסיק

שאָלעם-אַליכעם

דער גליקלעכסטער אין קאָדני

די בעסטע צײַט פֿאָרן אין באַן איז — ווייסט איר ווען? אָסיען־צײַט, ארום נאָך סוקעס.

ס'איז ניט הייס און ניט קאַלט, און איר קוקט ניט אָן דעם פאַרוויינטן הימל מיט דער קלאָגעדיקער פאַרכווישעכטער ערד. טראָפּנס רעגן שמײַסן אין די פענצטער, קײַקלען זיך אראָפּ אפן פאַרשוויצטן גלאָז, אזוי ווי טרערן, און איר זיצט זיך, ווי א פּאָרעץ, אין וואגאָן דריטער קלאַס מיט נאָך א סאך אזעלכע מעיוכאָסים, ווי איר, און כאַפּט א קוק אין דרויסן ארויס, און איר דערזעט פונדערווײַטנס — א וועגעלע שלעפּט זיך, טיאָפּקעט אין דער בלאָטע. אפן וועגעלע זיצט, אײַנגעבויגן אינדרײַען, א גאָטס באַשעפעניש, מיט א זאק איבערגעדעקט, און לאָזט אויס זײַן ביטער הארץ צום פערדל, נעבעך, אויך א גאָטס באַשעפעניש, — און איר דאנקט גאָט, וואָס איר זײַנט אונטער א דאך, צווישן מענטשן. איך ווייס ניט, וויאַזוי איר — איך האָב ליב פֿאָרן אין באַן אָסיען־צײַט, ארום נאָך סוקעס.

דאָס ערשטע איז בא מיר — אן אָרט. האָב איך פאַרכאַפּט אן אָרט און ווער שמועסט נאָך אין דער רעכטער האַנט, לעבן פענצטער, — בין איך מיר א קייסער. ארויסגענומען דעם פּאָרטאבאַק, הייבט מען אָן צו פאַרייכערן א פּאַפּיראָס נאָך א פּאַפּיראָס און ארומקוקן זיך, ווער פֿאָרט אין וואגאָן און מיט וועמען קאָן מען ריידן א פּאָר ווערטער וועגן געשעפט? פּאַ־סאַזשירן, דאַכט זיך, ניט צו פאַרזינדיקן, אָנגעפּאַקט, ווי הערינג אין א פאַס. בערד, נעזער, היטלען, בײַכער, געשטאַלטן פון מענטשן. און מענטשן? — ניט איינער. נאָר שאַ, אָט זיצט עפּעס אין א ווינקעלע איינער אליין א מאָדנער פאַרשוין, א פאַרשוין ניט ווי אלע. בא מיר איז א שאַרף אויג. ניט קיין געוויינלעכן מענטשן וועל איך אײַך באַמערקן צווישן הונדערט.

דאָס הייסט, אפן קוק איז דאָס אפילע א גאַנץ געוויינלעך מענטשל, א ייִד פון די ייִדלעך, וואָס מע מעסט זיי אפן מעסטל, אָדער דאָס, וואָס ווערט אָנגערופן בא אונדז: „א ייִד פון א גאַנץ יאָר". נאָר אָנגעטאָן איז ער עפּעס מאָדנע: א קאַפּאָטע ניט קיין קאַפּאָטע, א כאַלאַט ניט קיין כאַלאַט. אפן קאָפּ — א היטל ניט קיין היטל, א יאַרמלקע ניט קיין יאַרמלקע. אין די הענט — א שירעם ניט קיין שירעם, א בעזעם ניט קיין בעזעם. א מאָדנע אָנטאָן.

נאָר ניט דאָס אָנטאָן איז דער איקער, ווי דאָס ייִדל אליין מיט זײַן רירעוודיקײַט, מיט זײַן ארומקוקן זיך אף אלע זײַטן און מיט זײַן ניט קאָנען אײַנזיצן אף אן אָרט, און דער־הויפּט — מיט זײַן שײַנענדיק, פריילעך, לעבעדיק פּאָנעם און גליקלעך אויסזען.

ניט אנדערש, ווי דער מענטש האָט אָדער אויסגענומען א הויפּט־טרעפער, אָדער כאַסענע געמאַכט א טאָכטער אין א מאַזלדיקער שאָ, אָדער ארײַנגעגעבן א זון אין גימנאַזיע. אלע מינוט כאַפּט ער זיך אוף, טוט א קוק אין פענצטער און א זאָג צו זיך אליין: „א סטאַנציע? נאָך ניט?" — און זעצט זיך אוועק צוריק, אלע מאָל נעענטער צו מיר, א שײַנענדיקער, א פריילע־כער, א גליקלעכער.



בעטעווע, דארפט איר וויסן, בין איך א מענטש, וואָס האָב פּײַנט, ווי אנדערע, קריכן צו יענעם אין הארצן ארײַן, אויסטאפּן, אויספרעגן, ווער און וואָס און ווען. איך גיי מיר מיט דעם גאנג, א מענטש וואָס האָט עפּעס, וועט ער עס אליין ארויסגעבן.

קאכאווע. נאָך דער צווייטער סטאנציע האָט זיך מײַן רירעוודיק יידל צוגערוקט צו מיר נאָך א ביסל נעענטער, דאָס הייסט, טאקע גאנץ נאָענט, אזוי, אז זײַן מויל איז אויסגעקומען אקוראט אקעגן מײַן נאָז.

— ווּהין פאָרט א ייד?

איך האָב אָבער פארשטאנען פון זײַן פרעגן מיך און פון זײַן ארומקוקן זיך און פון זײַן קראצן זיך אונטערן היטל, אז אים גייט ניט אָן אזוי, וווּהין איך פאָר, ווי עס ווילט זיך אים אויסדערציילן, וווּהין ער פאָרט. און איך האָב אים געטאָן צוליב, דאָס הייסט, איך האָב אים דערויף ניט געענטפערט גאָרנישט, נאָר א פרעג געטאָן: „און איר וווּהין?" — און ס'איז אוועק א גאנג.

— איך וווּהין? קיין קאָדני. געהערט אמאָל קאָדני? בין איך א דאָרטיקער בין איך. ניט ווײַט פונדאנען. די דריטע סטאנציע. דאָס הייסט, פונדאנען האָבן מיר נאָך אזוי גרויס ווי דרײַ סטאנציעס. און פון דאָרטן קיין קאָדני באדארף מען נאָך צופאָרן מיט דער אקס א שאָ אָנדערהאלבן. דאָס הייסט, סע רעדט זיך נאָר אזוי: אָנדערהאלבן. אינעמעסן איז דאָס טאקע גאנצע צוויי שאָ, אײַזערנע צוויי שאָ, נאָך מיט א סמיטשיק. אי דאָס מיט א טנײַ — אויב ס'איז א גוטער וועג און מע פאָרט מיט א פאעטאָן. איך האָב באשטעלט, דורך א דעפּעש. איך האָב געקלאפּט, הייסט דאָס, א דעפּעש, מע זאָל מיר ארויסשיקן א פאעטאָן אָף דער סטאנציע. צוליב מיר, מיינט איר? שרעקט אײַך ניט. איך קאָן באשטיין זיך איבערכאפּן זאלבעזעקסט מיט א פראָסטן באלעגאָלע, אָדער אז ניט, נעמט מען דעם שירעם אין איין האנט און דאָס פעקל אין דער אנדער האנט און מע איז אוילערעגל גלײַך אין שטאָט ארײַן גאנץ פײַן צופוס. סע טראָגט ניט, פארשטייט איר מיך, אָף קיין פאעטאָנעס. ווערדליק די גאָלדענע געשעפטן, מעג מען גאָר אינגאנצן זיצן אין דער היים. הא? וואָס זאָגט איר?

דאָ איז מײַן פארשווין מאפסיק, טוט א זיפץ און הייבט אָן ריידן שטיל, גלײַך צו מיר אין אויער ארײַן, קוקט זיך פריִער ארום אין אלע זײַטן, אויב קיינער הערט אים ניט אונטער.

— איך פאָר ניט אליין. איך פאָר מיט א פראָפעסאָר פאָר איך... ווי קום איך צו א פראָפעסאָר? איז אזוי די מײַסע: פון קאשעוואַרעווקע האָט איר געהערט? א שטעטל אזעלכעס פאראן, הייסט דאָס מיטן נאָמען קאשעוואַרעווקע. וווינט דאָרטן א ייִד א גוויר, אָן אופגעקוּפּראן, גוויר, עפשער האָט איר געהערט פון אים, באָראָדענקאָ הייסט ער, איציקל באָראָדענקאָ. געפעלט אײַך דער נאָמען? איאָ, א גויִישער נאָמען? נאָר וואָס קומט ארויס? א גויִשער נאָמען, א ייִדישער נאָמען — דערווײַל האָט ער דאָס געלט. און א סאך געלט. גאָר א סאך. ס'איז א סוואָרע, אז בא אונדז אין קאָדני שאצט מען אים קימאט אין א האלבן מיליאָן. און עפשער, אז איר וועט מיך שטארק בעטן, האָט איר בא מיר געפויעלט, אז ער זאָל פארמאָגן דעם גאנצן מיליאָן. דאָס הייסט, ווערדליק ער איז, איך בעט איבער אײַער קאָוועד, א דאָווערכער, וואָלט ער געמעגט פארמאָגן צוויי. אָט האָט איר א רײַע: כאָטש איך זע אײַך דעם ערשטן מאָל, נאָר פארשטיין פארשטיי איך, אז איר פאָרט אויס א וועלט, אוואדע מער פון מיר. זאָגט מיר דעם עמעס: איר האָט עפּעס א סאך מאָל געהערט דעם נאָמען באָראָדענקאָ, ער זאָל זיך אויסשטעלן מיט עפּעס א ייִדישער זאך, א גרויסער נעדאָווע, צי וואָס? בא אונדז אין קאָדני האָבן מיר נאָך לעסאטע דערפון עפּעס ניט געהאָרכט. נאָר אויך די אייגענע מײַסע. גאָטס סטראפּטשע בין איך ניט און אָף יענעמס קעשענע איז יעדער א וואטרען. איך רייד

ניט פון נעדאָוועס און צדאָקע; איך רייד פון מענטשלעכקייַט רייד איך. גאָט האָט דיר געהאָלפן, דו ביסט אזוי רייַך, אז דו קאָנסט זיך פארגינען אויסשרייַבן א פראָפעסאָר, — וואָס וועט דיך ארן, אז יענער וועט אויך גענעסן דורך דיר דעם זכוס? מע בעט ניט בא דיר קיין געלט, מע בעט בא דיר א גוט וואָרט — וואָס כאפט דיך אוועק דער רועך? וועט איר האָרכן א שיינס.

דארף זיך טרעפן א מייַסע, אז מע ווערט געוואָר בא אונדז אין קאָדני (בא אונדז אין קאָדני ווייסט מען אלץ), אז בא דעם קאשעוואַרעווקער גוויר, בא אָט דעם איציקל באָראָדענקאָ, וואָס איך דערציייל אייַך, ווערט קראנק, ניט דאָ געדאכט, א טאָכטער. וואָס איז איר קראנקשאפט, מיינט איר? א נעכטיקער טאָג, א פארליבעניש. זי האָט זיך פארליבט אין א גוי, האָט זיך דער גוי אָפגעזאָגט, האָט זי איינגענומען סאם (בא אונדז אין קאָדני ווייסט מען אלץ). ערשט נעכטן איז דאָס געווען, איז מען אוועקגעלאָפן און מע האָט אראָפגעבראכט א פראָפעסאָר, דעם גרעסטן פראָפעסאָר. בא אזא גוויר שפילט עפעס א ראָליע? פאלט מיר אריין א געדאנק: אזוי ווי דער פראָפעסאָר וועט דאָך דאָרט ניט בלייַבן זיצן; היינט־מאָרגן פאָרט ער דאָך צוריק; און פאָרן פאָרט ער דאָך סייַוויסיי דורך אונדזער סטאנציע, דאָס הייסט, פארביי קאָדני, — וואָלט עפשער געווען א פלאן, ער זאָל זיך צוריקוועגס אראָפכאפן מיפּאָיעזד לעפּאָיעזד — צו אונדז, צו מיר הייסט דאָס? עס ליגט בא מיר א קינד, ניט פאר אייַך געדאכט. דעהייַנע, וואָס מיינט איר איז בא אים? איך ווייס אליין ניט וואָס, עפעס איז אים אינוויייניק. דאָס הייסט, הוסטן, דאנקען גאָט, הוסט ער ניט, און ווייַטער, ער זאָל פילן עפעס א ווייטעק אין הארצן — איז אויך ניט. נאָר וואָס זשע דען? קיין טראָפן בלוט, און שוואך, שוואך, ווי א פליג. דערפון, וואָס ער עסט ניט. גאָרנישט ניט. וויאזוי, מיינט איר, גאָרנישט ניט? אָבער לאכלוטן גאָרנישט. מילך אמאָל טרינקט ער אויס א גלאָז. איז דאָס — מיט גוואלד. מע דארף אים איינבעטן דארף מען אים. אויסוויינען. און ווייַטער איז ניט קיין לעפל יויך און ניט קיין ביסן ברויט. פון פלייש שמועסט מען ניט. פלייש קאָן ער גאָר ניט זען. פארוואָרפט מיטן קאָפ. דאָס איז פון זינט ער האָט געבלוט. זומער האָט ער, ניט הייַנט געדאכט, געבלוט. איין מאָל, נאָר שטארק. איצט, דאנקען גאָט, שוין מער ניט. האלעווייַ ווייַטער. נאָר אָפּגעשוואכט איז ער — איר קאָנט אייַך גאָרניט מעשאער זייַן. קוים־קוים וואָס ער האלט זיך אף די פיס. א קלייניקייַט — א מענטש פיבערט, גליט ווי אף פאָקן גליט ער! פון נאָך שוועס. נייַן און דרייַסיק מיט א האלבן, אָדער נייַן און דרייַסיק אָן א האלבן. גאָר ניטאָ קיין שום מיטל דערצו. געווען שוין מיט אים באם דאָקטער ניט איין מאָל. נאָר וואָס ווייסן אונדזערע דאָקטוירים? א סאך עסן, זאָגן זיי, א סאך לופט. ווו זשע? אז פון עסן וויל ער גאָר ניט הערן. און לופט? פונוואנען זאָל זיך נעמען בא אונדז לופט? אין קאָדני — לופט! כא־כא! א ווויל שטעטל קאָדני. א יידיש שטעטל. פאראן בא אונדז, קיין איינהאָרע, א ביסל יידן, פאראן בא אונדז א בעסמעדרעש, פאראן א שול, פאראן א ראָוו, פאראן אלצדינג. נאָר פון צוויי זאכן האָט אונדז גאָט אויסגעהיט: פון לופט און פון פאָרנאָסע. מיילע, פארנאָסע איז אָפּגערעדט. פארנאָסע האָבן מיר, באָרעכהאשעם, איינס פון דאָס אנדערע... און לופט? אז מיר ווילן לופט, גייען מיר אין „הויף" אריין. אין „הויף", זעט איר, איז שוין דאפקע דאָ לופט. אמאָל, אז קאָדני האָט געהערט צו די פוילישע פריצים, האָט מען ניט געטאָרט אריינשמעקן אין „הויף" אריין. די פריצים האָבן ניט צוגעלאָזט. ניט אזוי די פריצים, ווי די פריצישע הינט. נאָר זינט קאָדנער „הויף" איז אריינגעפאלן אין יידישע הענט, איז געוואָרן אויס הינט, און דער „הויף" איז געוואָרן גאָר אַן אנדער „הויף". א מעכייַע אריינצוגיין אין „הויף" אריין. טאקע פריצים, פאָמעשטשיקעס, נאָר יידישע פאָמעשטשיקעס. ריידן יידיש, ווי איך מיט אייַך. און האלטן פון יידישקייַט, און האָבן ליב א יידן. אז מע שמועסט יידן, איז דאָך ניט שייַעך! דאָס הייסט, איך וועל אייַך ניט זאָגן, אז זיי זאָלן זייַן אזעלכע גרויסע צאדיקים. באָרעכהאשעם, אין שול אריין צו אונדז דאווענען כאפן זיי זיך ניט אזוי שטארק, און, לעהאוודל, צו אונדז אין באָד אריין — אוואדע ניט. און זיי זאָלן מוירע האָבן מעכאלעל־שאבעס זייַן — זעט מען עפעס אויך ניט. און פאר א הינדל, זאָגט מען, איז פוטער, שרעקן זיי זיך אויך ניט שטארק איבער. נו, און שערן דאָס בערדל, און גיין אָן א היטל, און נאָך אזעלכע זאכן — פון דעם שמועסט מען ניט. דאָס איז שוין הייַנט אומעטום א וואָכעדיקער גאנג. פאראן שוין בא אונדז, דאנקען גאָט, אין קאָדני אויך אזעלכע באָכערימלעך, וואָס ס'איז זיי שווער דאָס היטל אפן קאָפ... פראוודע, קאָדני האָט אף אונדזערע פאָמעשטשיקעס ניט וואָס צו קלאָגן זיך. אונדזערע יידישע פריצים זייַנען פארן שטעטל געגנוג יויצע. פארקערט, פייַנען זיך אויס, ווי ווייַט מעגלעך. קומט אָסיען, שיקן זיי אריין א הונדערט זעקלעך קארטאָפליעס פאר אָרעמעלייַט. ווינטער — שטרוי אף צו הייצן. ערעוו פייסעך — מאָעס־כיטים. ניט לאנג האָבן זיי געשענקט ציגל אף א שול. וואָס איז שייַעך? אלצדינג פייַן, שיין און לייַטיש, ווי עס געהער צו זייַן. נאָר אָט דאָס הינדל אין

פּוטער זאָל נאָך ניט זײַן, אוי, אָט דאָס הינדעלע!.. מיינט ניט! איך וויל זיי, כאָלילע, דערמיט ניט באריידן. וואָס האָב איך צו זיי? אדעראבע! זיי וועלן אײַך פאר מיר ניט אוועקגעבן קיין זאק באָרשטש. רעב אַלטער (מע רופט מיך אַלטער רופט מען מיך) איז בא זיי דאָס אייבערשטע פון שטויסל. אז מע דארף האָבן עפּעס אין שטאָט ארײַן מיקויעך א נייטיקער זאך, א נײַעם לועך, צום בײַשפּיל, אף ראָשעשאָנע, מאצעס אף פּייסעך, אף סוקעס הוישײַנעס, אוקעדוימע אזעלכע זאכן, וואָס זײַנען שײַעך צו ייִדישקײַט, — שיקט מען רופן רעב אַלטערן. און מײַן ווײַב אין קלייטל (מײַן ווײַב האַלט א קלייטל האַלט זי) גיבן זיי צו לייזן שיין געלט. פאר זאלץ און פאר פעפער און פאר שוועבעלעך און פאר אַלצדינג. דאָס האָט איר אײַך די פּאָמעשטשיקעס. און זייערע קינדער די סטודענטלעך — זיי זײַנען פאר מײַן זון גאָר די קאפּאָרע. קומט דער זומער און זיי פאָרן זיך צונויף פון פּייטערבארג, לערנען זיי מיט אים וואָס איר ווילט. זיצן אוועק מיט אים טעגווײַז איבער די ביכלעך. און בא מײַנעם א ביכל, דארפט איר וויסן, איז דאָס כּיעס מיט דער נעשאָמע! טײַערער פונעם טאטן מיט דער מאמען. איך האָב מוירע צו זאָגן, נאָר מיינען מיין איך, אז דאָס ביכל — דאָס איז טאקע זײַן מאַלכאמאָוועס. פון דעם ביכל האָט זיך גענומען דאָס גאנצע אומגליק... זי דרינגט מיר אפילע, אז ס'איז בא אים פונעם פּריזיוו. וואָס פּריזיוו? ווען פּריזיוו? דעם פּריזיוו האָט ער שוין לאַנג פארגעסן. נאָר מײלע, וויאַזוי די מײַסע איז שוין דאָרטן, צי ביכל, צי פּריזיוו — דערווײַל ליגט בא מיר א קינד, ניט פאר קיין ייִדן געדאכט, און צאנקט, צאנקט נעבעך, גייט אויס ווי א ליכט. איין גאָט זאָל זיך אף אים דערבארעמען...

א מינוט האָט זיך אף מײַן ייִדלס שײַנענדיק פּאָנעם אָנגערוקט ווי א כמארעלע. אָבער ניט מער, ווי איין מינוט. גיך האָט געגעבן א קוק ארויס די זון, פארטריבן די כמארע. און דאָס פּאָנעם האָט בא אים ווידער אָנגעהויבן שײַנען, די אויגן לײַכטן און דאָס מויל שמייכלען. און אָט דערציילט ער ווײַטער:

— האקלאל, ווו זשע האַלטן מיר? יאָ, האָב איך מיך מעיאשעוו געווען, איך וועל געבן א לויף קיין קאשעווארעווקע, צו איציקל באראָדענקאָ, צום גוויר הייסט דאָס. געווײנלעך, האָב איך מיך ניט געלאָזט אין וועג ארײַן גלאַט אזוי, ווי זאָגט איר, מיט ליידיקע הענט. איך האָב מיטגענומען א בריוו. האָב איך מיטגענומען. פון אונדזער ראָוו (דער קאָדנער ראָוו האָט א נאָמען). א שיינעם בריוו: „העיויס אזוי־וויי גאָט האָט אײַך געהאָלפן, איר זײַנט אימשטאַנד אראָפּברענגען צו זיך אין שטוב ארײַן א פּראָפעסאָר, אז איר דארפט, און אזוי־וויי בא אונדזער אַלטערן ליגט, ניט פאר אײַך געדאכט, א זון אפן טויטן־בעט, עפשער וועט זיך דערוועקן

אין אײַער הארץ א פונק פון ראכמאָנעס און איר וועט אראָפּנידערן פון אײַער געצעלט און ארײַנגיין אין דער „פּאָלאָזשעניע“ און וועט פֿויעלן באם פּראָפֿעסאָר, אז צוריקוועגס, ער פֿאָרט דאָך סײַוויסײַ פארבײַ קאָדני, זאָל ער זיך אראָפּכאפּן צו אונדז מיפּאָיעזד לעפּאָיעזד אף א פֿערטל שאָ נאָך, א קוק טאָן אפן קראנקן. אוביסכאר זע“... נו, און אזוי ווײַטער. א שיינע בריוו.

פּלוצעם דערהערט זיך א פֿײַף, און מיר בלײַבן שטיין. מײַן ייִדל טוט זיך א כאפּ אוף.

— אהא! א סטאנציע? אָט טו איך א שפּרונג אין פערווע קלאס נאָך אף איין מינוט. איך וועל נאָר געבן א קוק צו מײַן פּראָפֿעסאָר, קום איך באלד ארײַן, וועל איך אײַך „קינטשען“ די מײַסע.

ארײַנגעקומען איז מײַן ייִדל צוריק מיט נאָך א מער שײַנענדיק פּאָנעם ווי פֿריִער. איך זאָל וויסן, אז מע קען זיך אזוי, אויסדריקן. וואָלט איך געזאָגט: עס האָט גערוט אף איס די שכינע. אָנגעבויגן זיך צו מיר אפן אויער, מאכט ער צו מיר שטיל, ווי ער וואָלט מוירע האָבן עמעצן אופוועקן:

— ער שלאָפֿט, דער פּראָפֿעסאָר מײַנער. גאָט זאָל העלפֿן, ער זאָל זיך כאָטש גוט אויסשלאָפֿן, אזוי אז ער וועט קומען, זאָל ער קומען מיט א לויטערן קאָפּ... האקיצער, ווו זשע האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט? אין קאשעווארעווקע.

קום איך, הייסט עס, צו פֿאָרן קיין קאשעווארעווקע און לאָז מיך גלײַך אין שטוב ארײַן, קלינג אָן בא דער טיר איינס און צוויי און דרײַ, שפּרינגט ארויס א נעפּעש מיט א פּאָר פּיסקעס און מיט א געגאָלטער מאָרדע און באלעקט זיך, ווי א קאַץ. און מאכט צו מיר בערלאָשן פּאָניע: „שטאָ נאדא?“ זאָג איך צו אים דאפּקע אף ייִדיש: „מיסטאמע איז „נאדא“; ס'זאָל ניט זײַן „נאדא“, וואָלט איך מיך ניט געהעצקעט אהער אזש פון קאָדני“...

הערט ער מיך אויס, קײַט און באלעקט זיך און דרייט מיטן קאָפּ: „מע קאָן ניט איצטער צוטרעטן צו אונדזערע, ווארעם דער פּראָפֿעסאָר זיצט“. זאָג איך: „אדעראבע, ווײַל דער פּראָפֿעסאָר זיצט. איך בין, זאָג איך, טאקע צוליבן פּראָפֿעסאָר אהער געקומען“. זאָגט ער צו מיר: „וואָס פאר א געשעפֿטן האָט איר מיט א פּראָפֿעסאָר?“ זאָל איך אים גיין דערציילן מײַסעס! נעם איך און דערלאנג אים דעם ראָווס בריוו: „גוט איז דיר, זאָג איך, צו שמועסן, אז דו שטייסט פון יענער זײַט, און אף מיר, זאָג איך, גייט א רעגן. נא דיר, זאָג איך, אָט דעם דאָקומענט, און גיב דאָס איבער, זײַ מויכל, דעם באלעבאָס, זאָג איך, גלײַך אים אין די הענט ארײַן“. און אליין בלײַב איך שטיין אין דרויסן, פון יענער זײַט טיר, און ווארט ביז מע וועט מיך שיקן רופֿן. איך ווארט א האלבע שאָ. איך ווארט צוויי. דער רעגן גיסט, א מאבל, און מע רופֿט מיך עפּעס ניט. הייבט דאָס מיך שוין אָן צו פארדריסן. ניט אזוי פאר זיך, ווי פאר אונדזער ראָוו. דאָס שרײַבט דאָך ניט קיין ייִנגעלע, דאָס שרײַבט דאָך עפּעס א ראָוו! (דער קאָדנער ראָוו האָט א נאָמען). גיי איך און טו א צי דאָס גלעקל נאָכאמאָל און נאָכאמאָל. אז סע שפּרינגט ניט ארויס דער אייגענער נעפּעש מיט די רויטע פּיסקעס, מיט א גוואלד און מיט א רעציכע: „אָן אזעס, זאָגט ער, פון א ייִדן — קלינגען!“ „אָן אזעס לאָזן א ייִדן, זאָג איך, שטיין צוויי שאָ אין דרויסן אפן רעגן!“ און טו מיך א לאָז צו דער טיר און וויל ארײַן אינווייניק — ווער? וואָס? פארהאקט די טיר, און רוף מיך קנאקניסל! וואָס זשע טוט מען ווײַטער? עפּעס טאקע זייער ניט פריילעך. פֿאָרן צוריק מיט גאָרנישט איז עפּעס זייער ניט שיין. ערשטנס, א ביזאָיען פאר זיך אליין. איך בין דאָך עפּעס א שטיקל באלעבאָס בא אונדז אין קאָדני, כאָלילע, ניט קיין שלעפּער... און, אגעוו, רײַסט מיר דאָס הארץ: מײַן קינד, נעבעך...

איז דאָך אָבער פאראן, ווי זאָגט איר, א גרויסער גאָט אף דער וועלט. איך טו א קוק — עס פֿאָרט א קארעטע מיט פיר פערד, און גלײַך צו דער טיר. איך טו מיך א נעם צום קוטשער: וואָס איז פאר א קארעטע און וועמענס איז פערד? ווער איך געוואָר, אז דאָס איז טאקע דעם גווירס קארעטע מיטן גווירס פערד. פונעם פּראָפֿעסאָרס וועגן. דאָס וועט מען אים אָפּפירן צו דער באן. דאָס וועט מען אים נעמען, דעם פּראָפֿעסאָר הייסט עס, און מע וועט אים אָפּפירן צו דער באן. אויב אזוי, טראכט איך מיר, איז דאָך שוין טאקע ווידער גוט. אויסגעצייכנט גוט! און איידער איך קוק מיך ארום, עפֿנט זיך די טיר און עס באווײַזט זיך טאקע ער אליין, דער פּראָפֿעסאָר הייסט עס, א קליינינטשקער, אָן אלטיטשקער, מיט א פּאָנעם — וואָס זאָל איך אײַך זאָגן? א מאלעך, א מאלעך פונעם הימל! נאָך אים גייט נאָך דער גוויר, איציקל באָראָדענקאָ, הייסט עס, דאפּקע אָן א היטל. און גאָר הינטן גייט דער נעפּעש מיט די רויטע פּיסקעס, טראָגט נאָך דעם פּראָפֿעסאָרס טשעמאָדאנטשיקל. איר זאָלט אָנקוקן א גוויר פון עפּשער העכער א מיליאָן, גאָט זאָל מיך ניט שטראָפֿן פאר די רייד, — טראָגט ער א פּידזשאק פון געווייגלעכן געוואנט „דיִאגאָנאל“, ווי מע טראָגט בא אונדז אין קאָדני,

האַלט די הענט אין די קעשענעס, און קוקן קוקט ער אָן אַ זײַט, אַ ביסל קאָסאָקע. איך שטיי און באַטראַכט: ריבוינעשעלוילעם! אַט דאָס האָט מיליאָנען? נאָר גיי טײַנע זיך אויס מיט גאָט!.. דערזען מיך שטייק, נעמט ער מיך דורך מיט די קאָסאָקע אויגן און רופֿט זיך אָן צו מיר: „וואָס דאַרפֿט איר?“ גיי איך צו און מאַך צו אים: „אַזוי און אַזוי, זאָג איך, דאָס האָב איך אײַך געבראַכט, זאָג איך, דעם בריוו פֿון אונדזער ראָוו האָב איך אײַך געבראַכט“... מאַכט ער צו מיר: „פֿון וואָסער ראָוו?“ איר הערט? ער ווייסט שוין גאָר ניט, פֿון וואָסער ראָוו?! „פֿון קאָדנער ראָוו, זאָג איך. איך בין אַ דאָרטיקער בין איך, איך בין אומיסטנע געקומען, זאָג איך, פֿון קאָדני צום פּראָפֿעסאָר, זיי זאָלן זיך מאַטריַעך זײַן, זאָג איך, קיין קאָדני מיט פּאָיעזד לעפּאָיעזד אַף אַ פֿערטל שאָ צו מײַן קינד, זאָג איך. בא מיר איז אַ קינד, זאָג איך, ניט פֿאַר אײַך געדאַכט, טויט־קראַנק“... אָט אַזוי, מיט די ווערטער, זאָג איך צו אים. איך בין אײַך ניט מעגאַזעם אַף אַ האָר אַפּילע. וואָס האָב איך גערעכנט? איך האָב גערעכנט: אַ מענטשן האָט געטראָפֿן אַן אומגליק, ס'האָט זיך בא אים געסאַמט, ניט דאָ געדאַכט, אַ טאָכטער, עפּשער וועט זיך בא אים צעברעכן דאָס האַרץ, ער וועט ראַכמאָנעס האָבן אַף אַן אָרעמען טאַטן? צום סאָף: ווער — וואָס? ניט געענטפֿערט מיר קיין כאָצע דיבער, נאָר אַ קוק געטאָן מיט די קאָסאָקע אויגן אַף דעם נעפּעש מיט די רויטע פּיסקעס, ווי איינער רעדט: „טאָמער וואָלסטו אָפּגעראַמט פֿונעם וועג אָט דאָס ייִדל?“ און מײַן פּראָפֿעסאָר איז דערווײַל מיטן טשעמאָדאַנטשיקל אין קאַרעטע אַרײַן. נאָך איין מינוט — איז אויס פּראָפֿעסאָר! וואָס טוט מען דעמלט? דערזען, אַז די שפּיל איז פֿאַרן טײַוול, האָב איך מיך מעיאַשעוו געווען: יאַווער אָלײַ מאָ. וואָס ס'וועט זײַן וועט זײַן, מע דאַרף ראַטעווען אַ קינד! און נעם מיך אָן מיט האַרץ און — פּוץ גלײַך אונטער די פֿערד!.. מײלע, וואָס זאָל איך אײַך זאָגן, אַז ס'איז מיר געווען גוט צו ליגן אונטער די פֿערד? — ווייס איך ניט. איך געדענק ניט אַפּילע, וויפֿל צײַט איך בין געלעגן, און צי בין איך גאָר אינגאַנצן געלעגן? עס קאָן זײַן, איך בין גאָר ניט געלעגן. איך ווייס נאָר, אַז עס האָט ניט געדויערט אַפּילע אַזויפֿיל, וויפֿל איך דערצייל אײַך, איז דער אַלטיטשקער, דער פּראָפֿעסאָר הייסט עס, שוין געשטאַנען לעבן מיר: „שטאָ טאַקאָיע?“ און „גאָלובטשיק!“ — איך זאָל אים אַרויסדערציילן אַלצדינג, אַרויסזאָגן וואָס איז מײַן באַגער, איך זאָל גאָר ניט קיין מוירע האָבן. און דער גוויר שטייט בא דער זײַט און קוקט מיך אָן מיט די קאָסאָקע אויגן, און איך ריידּ! איר דאַרפֿט וויסן, אַז קיין גרויסער באַל־דאַברען אַף רוסיש בין איך ניט, נאָר דאָס מאָל האָט מיר גאָט עפּעס אַרײַנגעגעבן אַזאַ קויעך און עס האָט זיך גערעדט! איך האָב אים אויסדערציילט אַלצדינג, וואָס ס'איז בא מיר אַף דער נעשאָמע. איך האָב אים געזאָגט: אַזוי און אַזוי, הער פּראָפֿעסאָר, עפּשער איז דאָס אַ באַשערטע זאַך, אַז איר זאָלט זײַן דער שאָליַעך מיר אומקערן מײַן קינד, מײַן איין־און־איינציקן זון, וואָס איז געבליבן בא מיר פֿון זעקס, דעם צו לענגערע יאָר. און אויב, זאָג איך, עס מוז קאָסטן געלט, פֿאַרמאָג איך מײַן אייגנס אַ גאַנצן כאָפּהייער, אַ פֿינף־און־צוואַנציקער הייסט עס, כאָלילע ניט מײַנער, זאָג איך, ווי קומט צו מיר אַזויפֿיל געלט? דאָס איז מײַן ווײַבס פֿינף־און־צוואַנציקער, זאָג איך, ליגט אָנגעגרייט צו פֿאָרן אין שטאָט אַרײַן נאָך סכוירע. בין איך מאַפּקער, זאָג איך, דעם פֿינף־און־צוואַנציקער, כאַפּט דער גוטער־יאָר מײַן ווײַבס קלייטל, אַבי ראַטעווען אַ קינד!.. אַזוי זאָג איך און גיי און צעשפּיליע די קאַפּאָטע און וויל אַרויסבאַקומען מײַן פֿינף־און־צוואַנציקער. נעמט דער אַלטיטשקער, דער פּראָפֿעסאָר הייסט עס, לייגט אַרויף אַף מיר די האַנט: „ניטשעוואָ!“ און הייסט מיר קריכן אין קאַרעטע — איך זאָל אַזוי דערלעבן טרעפֿן מײַן זון אַ געזונטן, ווי איך זאָג אײַך ניט קיין ליגן! נו, פֿרעג איך אײַך, זאָל ער ניט זײַן די קאַפּאָרע, איציקל באָראָדענקאָ, מיין איך, פֿאַרן פּראָפֿעסאָרס מינדסטן נאָגל? ער האָט דאָך מיך שיר ניט געקוילעט אָן אַ מעסער, האָט ער דאָך מיך! גוט, דער אייבערשטער האָט אַזוי געפֿירט, ס'איז מיר אָפּגעראָטן, און וואָס וואָלט געווען, לעמאָשל, ווען כאָלילע פֿאַרקערט?.. האַ? וואָס זאָגט איר?..

אין וואַגאָן ווערט אַ שטיקל סומאַטאָכע, און מײַן ייִדל טוט זיך אַ וואָרף צום קאָנדוקטאָר:

— קאָדני?

— קאָדני.

— זײַט געזונט און פֿאָרט געזונט און זאָגט ניט קיינעם, מיט וועמען איך פֿאָר. איך וויל ניט, מע זאָל וויסן בא אונדז אין קאָדני, אַז איך בין געקומען מיט אַ פּראָפֿעסאָר. מע וועט זיך צונויפֿלויפֿן!..

אַזוי מאַכט צו מיר דאָס ייִדל בעסאָד־סוידעס און קוועטשט מיר די האַנט — און מער זע איך אים ניט.

ערשט אין אַ פּאָר מינוט אַרום, ווען מיר האַלטן שוין בא פֿאָרן ווײַטער, דערזע איך דורכן פֿענצטער, טרייסלט זיך אַ הינקענדיקער טאַראַנטאַס מיט אַ פּאָר אָפּגעבאַרעטע פֿאַר־

זאָרגטע גרויע פערדלעך. אין טאַראַנטאַס זיצט א קליינינטשקער, אָן אלטיטשקער, מיט ברילן, מיט יונגע רויטע בעקלעך און מיט א גראָוו בערדל. אַקעגן אים, אין פאַעטאָן, זיצט מײַן ייִדל אָן א זײַט, הענגט ווי אַף א פאָדעם, קוקט דעם אלטיטשקן גלײַך אין די אויגן ארײַן און העצקעט זיך, און דאָס פּאָנעם בא אים שײַנט, און די אויגן — אָט־אָט שפּרינגען זיי ארויס.

א שאָד, וואָס איך בין ניט קיין פאָטאָגראַף און פיר ניט מיט זיך קיין אפּאַראַט. עס וואָלט געווען א יושער אראָפּצוכאַפּן פונעם ייִדל א פּאָרטרעט. לאָז די וועלט זען, וואָס הייסט א גליקלעכער מענטש — דער גליקלעכסטער מענטש אין קאָדני.

א מענטש פון בוענאָס־אײַרעס

פאָרן אין באַן איז גאָר ניט אזוי אומעטיק, ווי אנדערע מיינען. אבי מע טרעפט נאָר אָן א גוטע קאָמפּאַניע. אמאָל מאכט זיך אײַך צו פאָרן מיט א סויכער, מיט א מענטשן, וואָס פאַר־שטייט געשעפט. דעמלט ווייסט איר גאָר ניט, ווו די צײַט קומט אהין. און אמאָל טרעפט איר אָן ניט אַף קיין סויכער, נאָר אזוי אַף א געניטן מענטשן, א קלוגן, א דורכגעטריבענעם, א „געריי־בערטע ליולקע", וואָס איז קלאָר די וועלט אַף אויסווייניק. מיט אזא מענטשן איז א פאַרגעניגן צו פאָרן. מע קאָן פון אים עפּעס נאשן. און אמאָל שיקט אײַך גאָט צו גלאַט א לעבעדיקן פּאַסאַ־זשיר. א לעבעדיקן און א פריילעכן און א באריידעוודיקן. רעדט ער און רעדט און רעדט. דאָס מויל מאכט זיך אים ניט צו ריידנדיק. און נאָר פון זיך, און נאָר פון זיך.

אָט מיט אזא נעפעש איז מיר אויסגעקומען איינמאָל פאָרן א גאַנץ היפּשע שטרעקע.

אונדזער באַקאַנטשאַפט האָט זיך אָנגעהויבן — וויִאזוי הייבט זיך אָן א באַקאַנטשאַפט אין וואַגאָן? — פון א קלייניקײַט: „ווייסט איר ניט, וויִאזוי הייסט די סטאַנציע?" אָדער: ווו האַלט דער זייגער?" אָדער: „צי האָט איר ניט בא זיך א שוועבעלע?" גיך, גאַנץ גיך זײַנען מיר געוואָרן גוטע־ברידער, גלײַך ווי מיר וואָלטן שוין געווען באַקאַנט ווער ווייסט פון ווען אָן. אַף דער ערשטער סטאַנציע, ווו מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט אַף עטלעכע מינוט, האָט ער מיך שוין געכאַפּט אונטער דער האַנט, צוגעפירט גלײַך צום בופעט, און גאָר ניט געפרעגט מיך, צי איך טרינק, צי נייך, האָט ער געהייסן אָנגיסן צוויי גלעזלעך קאָניאַק. באלד נאָך דעם האָט ער געגעבן א ווונק צו מיר, איך זאָל מיך א נעם טאָן צום גאָפּל, און אז מיר זײַנען פאַרטיק געוואָרן מיט די אלע מינים געזאַלצנס און פאַרבײַסנס, וואָס געפינען זיך אין יעדן בופעט, האָט ער געהייסן אָנגיסן צוויי קופּל ביר, פאַררייכערט — זיך א ציגאַר, מיר א ציגאַר — און אונדזער גוטפרײַנטשאַפט איז געשלאָסן געוואָרן.

— איך דאַרף אײַך זאָגן גאַנץ אָפנטלעך, אָן א קנאַפּ כניפע, — מאכט צו מיר מײַן נײַער באַקאַנטער שוין זיצנדיק אין וואַגאָן, — אז איר זײַט מיר געפעלן געוואָרן — איר וועט מיר גלייבן, צי ניט? — פון דער ערשטער מינוט, וואָס איך האָב אײַך דערזען. ווי איך האָב נאָר א קוק געטאָן אַף אײַך, אזוי האָב איך מיר געזאָגט: אָט דאָס איז א מענטש, מיט וועמען מע קאָן ריידן א וואָרט. איך האָב פײַנט, הערט איר, זיצן ווי א נאַפּודעלע און שווײַגן. איך האָב ליב ריידן מיט א לעבעדיקן מענטשן. און צוליב דעם טאַקע האָב איך גענומען א בילעט דריטע קלאַס, איך זאָל האָבן מיט וועמען צו ריידן. אזוי פאָר איך דאַפּקע צווייטע קלאַס. און ערשטע קלאַס, מיינט איר, קאָן איך ניט אויספירן? איך קאָן אויספירן ערשטע קלאַס אויך. עפּשער רעכנט איר, אז איך בארים זיך פאַר אײַך? נאט, זעט.

און מיט די ווערטער כאַפּט ארויס מײַן פאַרשוין פון דער היגטערשטער הויזן־קעשענע און עפּנט אויף א טײַסטער, אָנגעפּאַקט מיט געלט, טוט א פּאַטש מיט דער האַנט פון אויבן, ווי אַף א ווייך קישעלע, און באַהאַלט דעם טײַסטער צוריק:

— שרעקט זיך ניט, ס'איז דאָ נאָך.

איך באַטראַכט דעם נעפעש און קאָן ניט טרעפן בעשום־אויפן, וויפל ער איז אלט. ס'איז רעכט צו זאָגן — א יאָר פערציק, און ס'איז רעכט צו זאָגן — עטלעכע און צוואַנציק. דאָס פּאָנעם גלאַט און קײַלעכיק, א ביסעלע צו שטאַרק צוגעברענט. קיין סימען פון קיין באָרד און וואָנצעס. אייגעלעך קליינע, בוימלדיקע און לאַכנדיקע. און אליין איז דאָס א קליינטשיקס, א קײַלעכיקס, א רירעוודיקס, א לעבעדיקס, אָנגעטאָן פון אויבן ביז אראָפּ נעט און נאָבל, אזוי ווי איך האָב ליב: א שניי־ווײַס העמד מיט גאָלדענע קנעפּ, א רײַכער פלאַסטראָן־שניפּס מיט א שיינער נאָדל ארײַנגעשטעקט. א נײַער עלעגאַנטער בלויער אָנצוג פון עכט־ענגלישן שע־

זויאַט. אַ פּאָר לאַקירטע שיך, קלוגע שיך. אַ שווערער גאָלדענער רינג אויפֿן פֿינגער מיט אַ בריליאַנט, וואָס שפּיגלט זיך אַף דער זון אין טויזנט וואַסערן (דער רינג, אויב ער איז נאָר אַן עמעסער, דאַרף ווערט זײַן ניט ווייניקער פֿון פֿיר־פֿינף הונדערט, אויב ניט מער).

שיין אָנטאָן זיך — דאָס איז, נאָך מײַן מיינונג, די הויפּט־זאַך בײַ מענטשן. איך האָב ליב אַליין שיין אָנטאָן זיך, און האָב ליב, אַז יענער גייט שיין אָנגעטאָן. נאָכן אָנטאָן וועל איך אײַך דערקענען, וועער ס׳איז אַ פֿײַנער מענטש, און וועער ניט. פֿאַראַן אַפֿילע אַזעלכע, וועלכע האַלטן, אַז ס׳איז גאָר קיין רײַע ניט. מע קאָן, זאָגן זיי, גיין שיין אָנגעטאָן און זײַן וואָס אין דער קאָרט. וועל איך אײַך אָבער פֿרעגן, ענטפֿערט מיר דערויף: לעמײַ טוט זיך אָן שיין די גאַנצע וועלט? לעמײַ טראָגט דער אַזאַ מין אָנצוג און דער אַזאַ מין קאָסטיום? לעמײַ קויפֿט זיך איינער אַ „דיפּלאָמאַט־שניפּס“, אַן אַטלעסענעם, אַ גלאַטן, פּערל־גרין קאָליר, און דער אַנדערער זוכט אַ „רעגאַט“, דאַפֿקע אַ רויטן און דאַפֿקע מיט ווײַסע שפּרענקעלעך?

איך וואָלט אײַך געקאָנט ברענגען נאָך אַ סאַך אַזעלכע בײַשפּילן, מײַן איך אָבער, אַז ס׳איז ניט קעדײַ. אַן אָווירע די צײַט, לאָמיר בעסער אומקערן זיך צו מײַן נײַעם באַקאַנטן און האָרכן, וואָס וועט ער אונדז דערציילן.

„— אַזוי, אַזוי, ליבער פֿרײַנט. ווי איר זעט, קאָן איך שוין דאַפֿקע יאָ פֿאָרן צווייטע קלאַס. מיינט איר, איך זשאַלעווע געלט? געלט איז בלאָטע, נאָר — איר וועט מיר גלייבן, צי ניט? — איך האָב ליב דריטע קלאַס. ווײַל איך בין אַליין אַ פּראָסטער מענטש, און האָב ליב פּראָסטע מענטשן. איך בין, פֿאַרשטייט איר מיך, אַ דעמאָקראַט. איך האָב מײַן קאַריערע אָנגעהויבן קליין, זייער קליין. אָט אַזוי אָ! (מײַן נײַער באַקאַנטער טוט מיר אַ ווײַז מיט דער האַנט בײַ דער ערד, ווי קליין ער האָט אָנגעהויבן זײַן קאַריערע). און בין געוואַקסן העכער און העכער (מײַן נײַער באַקאַנטער באַווײַזט מיר מיט דער האַנט אַרויף, צו דער סטעליע, ווי ווײַט הויך ער איז געוואַקסן). ניט מיטאַמאָל. כאַפּט זיך ניט. נאָר פּאַוואָלינקע. ביסלעכווײַז. ביסלעכווײַז. פֿריִער בין איך געוועזן אַ „מענטש“ בײַ יענעם. וואָס זאָג איך אַ „מענטש“? כאַ־כאַ! ביז איך בין דערגאַנגען צו אַזאַ הויכער שטופֿע — זײַן בײַ יענעם אַ „מענטש“, — זײַנען אָפּגעלאָפֿן גענוג־גענוג וואַסערן! אַז איך טו אַמאָל אַ טראַכט, הערט איר, וואָס בין איך געווען, אַז איך בין געוועזן אַ קינד, שטעלן זיך מיר, — איר וועט מיר גלייבן, צי ניט? — די האָר קאַפּויר! איך קאָן מיך, הערט איר, גאָר ניט דערמאָנען וועגן דעם. איך קאָן מיך ניט דערמאָנען און וויל מיך ניט דערמאָנען. איר מיינט עפּעס, ווײַל ס׳ שטייט מיר ניט אָן? אַדרעבע. איך זאָג אַלעמען, וועער איך בין. אַז מע פֿרעגט מיך: פֿונוואַנען זײַט איר? שעם איך מיך ניט און זאָג, אַז איך בין פֿון אַ גרויסער מעדינע פֿון סאָשמאַקן. ווייסט איר, ווו געפֿינט זיך אָט דאָס סאָשמאַקן? אַ שטעטל פֿאַראַן אַזעלכעס אין קורלאַנד, ניט ווײַט פֿון מיטאַווע, רופֿט מען דאָס סאָשמאַקן. די גאַנצע שטאָט איז אַזוי גרויס, אַז איך וואָלט זי בײַ הײַנטיקן טאָג געוויס געקאָנט אָפּקויפֿן מיט אַלע אירע פּאַטראָכעס. עס קאָן זײַן, אַז איצט האָט זיך די שטאָט איבערגעביטן, אויסגעוואַקסן — וועל איך אײַך ניט זאָגן. נאָר אין מײַנע יאָרן האָט גאַנץ סאָשמאַקן — איר וועט מיר גלייבן, צי ניט? — פֿאַרמאָגט מער ניט ווי איין מאַראַנץ, וואָס איז געגאַנגען מעיאַד־לעיאַד, פֿון איין ווירטן צו דער אַנדערער, אַף מעכאַבעד צו זײַן די געסט שאַבעס נאָכן טיש.

„אָט אין דעם סאָשמאַקן בין איך דאָס דערצויגן געוואָרן אַף הילכיקע פּעטש, טרוקענע קלעפּ, אײַזערנע סטוסאַקעס, רויטע פֿונקען אין די אויגן, בלויע צייכנס אויפֿן לײַב און דערצו אַ הונגעריקן מאָגן. קיין זאַך, הערט איר, געדענק איך ניט אַזוי, ווי הונגער. אַ הונגעריקער בין איך אַרויס אַף גאָטס וועלט, און הונגער האָב איך געליטן פֿון זיבנט איך בין צו מײַן סייכל געקומען. הונגעריק. האַרץ־קלעמעניש און מוירעדיקע גודנאַטע... שאַט! זשיוויצע, ווייסט איר, וואָס הייסט זשיוויצע? עס וואַקסט אַף דיביימער און קלעזמער באַנוצן עס אויפֿן אָרט פֿון קאַניפֿאָלי. האָב איך געלעבט מיט דעם — איר וועט מיר גלייבן, צי ניט? — קימאַט אַ גאַנצן זומער. דאָס איז געווען דער זומער, ווען מײַן שטיפֿטאַטע, אַ קורנאָסער שנײַדער, האָט מיר אויסגעדרייט אַ האַנט און האָט מיך אַרויסגעטריבן פֿון מײַן מאַמעס שטוב, און איך בין אַנטלאָפֿן פֿון סאָשמאַקן קיין מיטאַווע. אָט די האַנט, זעט איר? — עס דאַרף נאָך זײַן אַ סימען הײַנט אויך“.

און מײַן נײַער באַקאַנטער פֿאַרקאַטשעט אַן אַרבל און ווײַזט מיר אַ ווייכע געזונטע פּוכיקע האַנט און דערציילט ווײַטער:

— אַרומגעבלאָנקעט זיך אַ הונגעריקער, אַ נאַקעטער, אַ באָרוועסער אין מיטאַווע און אויסגעוואַלגערט זיך אין אַלע מיסטן, האָב איך, דאַנקען גאָט, געקראָגן אַ שטעלע. די ערשטע שטעלע. איך בין געוואָרן אַ פֿירער בײַ אַן אַלטן כאַזן. דער כאַזן איז געווען אַמאָל ערגעץ אַ באַרימטער כאַזן, אַף דער עלטער איז ער בלינד געוואָרן אַףביידע אויגן און געמוזט גיין

איבער די הייַזער. בין איך דאָס געוואָרן זייַן פירער. די שטעלע אליין וואָלט געווען אפילע נישקאָשע פון א שטעלע, נאָר איבערטראָגן דעם כאַזנס קאַפּריזן האָט מען באַדאַרפט זייַן פון אייַזן. קיינמאָל, הערט איר, איז ער ניט געווען צופרידן. קיינמאָל. קעסיידער האָט ער נאָר געוואָרטשעט, געקנייַפּט מיך. אויסגעריסן מיר שטיקער פלייש. ער האָט געטייַנעט, אז איך פיר אים ניט אהין, וווּ מע דאַרף. וווּהין, האָט ער געוואָלט, זאָל איך אים פירן — ווייס איך אדאיאָם ניט. א מוירעדיקער קאַפּריזנער כאַזן! דערצו האָט ער מיך נאָך ארופגעפירט אַף גוטע זאַכן. ער האָט זיך פאַר אלעמען בארימט, — איר וועט מיר גלייבן, צי ניט? — אז מייַן טאַטע־מאַמע האָבן זיך געשמאַדט און מיך האָבן זיי אויך געוואָלט אָפּשמאַדן, האָט ער מיך קוים מיט צאָרעס, מיט אנגסטן ארויסגעריסן פון גוייִשע הענט. און איך האָב באַדאַרפט אויסהערן אַזעלכע שקאָרים און ניט צעזעצט ווערן פאַר געלעכטער! אדעראבע, ער האָט נאָך געפאָדערט פון מיר, אז איך זאָל בייסמייַסע מאַכן א קרום פּאָנעם.

— קורץ און גוט, איך האָב ארויסגעזעץ, אז איך וועל מיך מיט מייַן כאַזן ניט עלטערן, האָב איך געשלאָגן קאַפּאָרעס מיט מייַן „שטעלע“ און בין אוועק פון מיטאווע קיין ליבאווע. ארומגעדרייט זיך א שטיקל צייַט א הונגעריקער אין ליבאווע, האָב איך מיך דערשלאָגן צו א כאַליאַסטרע אָרעמע עמיגראַנטן. די עמיגראַנטן האָבן זיך געקליבן אָפּפאָרן מיטן שיף ערגעץ ווייַט, אַזש קיין בוענאָס־אייַרעס, האָב איך מיך אָנגעהויבן בעטן בא זיי, מע זאָל מיך אויך נעמען קיין בוענאָס־אייַרעס. ווער? וואָס? ס׳איז ניט מעגלעך. ס׳איז ניט געווענדט אָן זיי, ס׳איז געווענדט אָן קאָמיטעט. וויאַזוי דער קאָמיטעט וועט זאָגן. בין איך אוועק אין קאָמיטעט, געוויינט, געכאַלעשט, קוים אייַנגעבעטן זיך, מע זאָל מיך נעמען קיין בוענאָס־אייַרעס.

— פרעגט מיך בעכיירעם, וואָס בוענאָס־אייַרעס? ווער בוענאָס־אייַרעס? אלע פאָרן, פאָר איך אויך. ערשט, אז מיר זייַנען געקומען קיין בוענאָס־אייַרעס, ווער איך געוואָר, אז פאָרן פאָרן מיר, אייגנטלעך ווייַטער, און אז בוענאָס־אייַרעס איז ניט מער ווי א פּונקט, פונוואַנען מע וועט אונדז צעשיקן אין פאַרשיידענע ערטער. און קאַכאַווע. מיר זייַנען נאָר געקומען קיין בוענאָס־אייַרעס, אַזוי האָט מען אונדז איבערגעשריבן און צעשיקט אין אַזעלכע מעקוימעס, וווּ אָדאָם האָרישן איז ניט געווען, הערט איר, אפילע אין כאָלעם, און מע האָט אונדז אוועקגעשיקט צו דער ארבעט. ווילט איר דאָך מיסטאמע וויסן, וואָסער ארבעט? פרעגט שוין בעסער ניט. אונדזערע אָוועס־אָווויסיינו אין מיצראַיִם האָבן געוויס ניט געטאָן דאָס, וואָס מיר האָבן געטאָן. און די צאָרעס, וואָס זיי זייַנען אויסגעשטאַנען, ווי מע דערציילט זיך אָן אין דער האַגאָדע, איז אפילע ניט קיין צענטכיילעק, הערט איר, פון דעם, וואָס מיר זייַנען אויסגעשטאַנען. אונדזערע זיידעס האָבן, זאָגט מען, געקנאָטן ליים, געמאַכט ציגל און געבויט פּיסעס מיט ראַמסעס. א טייַערע מעציִע! וואָלטן זיי זיך פּרוּוון, אַזוי ווי מיר, באַארבעטן מיט די הוילע הענט ברייטע וויסטע סטעפּעס, מיט שטעכלקעס באַוואַקסן, האָבן צו טאָן מיט מוירעדיקע גרויסע אָקסן, וואָס מיט איין ריר קאָנען זיי דוירעס זייַן א מענטשן, מיט ווילדע פערד, וואָס מע דאַרף זיך נאָך זיי יאָגן מיט אָן ארקאַן הונדערט מייַל, ביז מע כאַפּט זיי, פאַרזוכן כאָטש איין מאָל מאָסקיטעס באַנאַכט, וואָס רייַסן אויס שטיקער פלייש, אלטע סוכאַרעס, וואָס האָבן א טאַם פון שטיינער, לעבעדיקע ווערעם און פאַרשימלטן וואַסער... איך האָב איינמאָל — איר וועט מיר גלייבן, צי ניט? — א קוק געטאָן אין טייַך אריַין און דערזען מייַן פּאָנעם, האָב איך מיך דערשראָקן פאַר זיך אליין. די גאַנצע הויט אָפּגעשיילט. די אויגן געשוואָלן. די הענט ווי פּאַמפּעשקעס. די פיס צעבלוטיקט. פון אויבן ביז אראָפּ באַוואַקסן.

— דאָס ביסטו? מאָטעק פון סאָשמאַקן?! — אָט אַזוי האָב איך א זאָג געטאָן צו זיך אליין און האָב מיך צעלאַכט. און טאַקע דעם זעלבן טאָג האָב איך א שפּייַ געטאָן אַף די גרויסע אָקסן מיט די ווילדע פערד, מיט די וויסטע סטעפּעס, מיט דעם ווערעמדיקן וואַסער, און מייַנער איז אוועק צופוס צוריק קיין בוענאָס־אייַרעס.

— נאָר מיר שייַנט, אז אַף דער סטאַנציע, וואָס מיר שטייען איצט, דאַרף זייַן א גרויסער בופעט. טוט נאָר א קוק אין ביכל. געפינט איר ניט, אז ס׳איז שוין טאַקע צייַט עפּעס נעמען אין מויל אריַין? אגעוו, וועלן מיר האָבן קויעך צו דערציילן ווייַטער.

— איבערגעביסן, ווי עס געהער צו זייַן, און פאַרטרונקען מיט ביר, האָבן מיר ווידעראַמאָל פאַררייכערט צו ציגאַרן — גוטע, שמעקנדיקע, עמעסע האַוואַנער ציגאַרן פון בוענאָס־אייַרעס — און האָבן זיך אוועקגעזעצט צוריק אין וואַגאָן אַף אונדזערע ערטער, און מייַן נייַער באַקאַנטער פון בוענאָס־אייַרעס האָט גענומען דערציילן זייַן געשיכטע ווייַטער:

— בוענאָס־אייַרעס איז אָן ערטל, הערט איר, וואָס זינט גאָט האָט באַשאַפן די וועלט... שאַט! אין אַמעריקע זייַנט איר ווען געווען? אין דער שטאָט ניו־יאָרק? קיינמאָל ניט? און אין לאָנדאָן? ניין? אין מאַדריד? קאָנסטאַנטינאָפּאָל? פּאַריז? אויך ניט? נו, קאָן איך אייַך ניט אויסמאָלן, וואָס איז אַזעלכעס בוענאָס־אייַרעס. איך קאָן אייַך נאָר זאָגן, אז ס׳איז א טהאָם.

א גענעם. א גענעם מיט א גאנײדן. דאָס הייסט, פאר וועמען ס'איז א גענעם, פאר וועמען א גאנײדן. מע דארף נאָר ניט זײַן קיין פעפער און כאפן דעם רעכטן מאָמענט, קאָן מען מאכן א פארמעגן. דאָרטן וואלגערט זיך — איר וועט מיר גלייבן, צי ניט? — גאָלד אין די גאסן. איר גייט, איר טרעט איבער גאָלד. בייגט אײַך אָן, ציט אויס די האנט און נעמט וויפל איר ווילט. נאָר היטן זאָלט איר אײַך, מע זאָל אײַך ניט צעטרעטן מיט די פיס. דעריקער — ניט אָפּשטעלן זיך. ניט פארטראכטן זיך. ניט קלערן: וועלכעס פאסט פאר מיר און וועלכעס ניט? אלצדינג דארף פאסן. זײַן א מעשאָרעס אין א רעסטאָראן — איז גוט. א יונג אין א קלייט — איז גוט. וואשן פלעשלעך אין שענקל — איז גוט. העלפן אונטערשטופן א וועגעלע — איז גוט. ארומלויפן איבער דער גאס און אויסשרײַען די נײַעס פון די צײַטונגען — איז גוט. וואשן הינט — איז גוט. האָדעווען קעץ — איז גוט. כאפן מײַז — איז גוט, און שינדן פון זיי די פעלעכלעך — איז אויך גוט. מיט איינעם וואָרט — אלצדינג איז גוט, און אלצדינג האָב איך אויסגעפרווט, און אומעטום האָב איך ארויסגעזען, הערט איר, איין זאך: אז ארבעטן אף יענעם טויג אף קאפאָרעס. טויזנט מאָל גלײַכער, אז יענער זאָל ארבעטן אף מיר. וואָס זאָל מען טאָן, אז גאָט האָט איך מאָל אזוי באשאפן די וועלט, אז דער דארף שוויצן און קאָכן דאָס ביר, און איך דארף עס טרינקען. יענער דארף שוויצן און דרייען ציגארן, און איך דארף זיי רייכערן. דער מאשיניסט פון דער באן לאָז פירן דעם לאָקאָמאָטיוו, דער קאָטשעגאר לאָז טראָגן קוילן, דער ארבעטער לאָז שמירן די רעדער, און איך מיט אײַך וועלן זיך, הערט איר, זיצן אָט דאָ אין וואגאָן און דערציילן געשיכטן. געפעלט זיי ניט? לאָזן זיי גיין איבערמאכן די וועלט.

איך קוק אף מײַן פארשוין און טראכט מיר: וואָס קאָן ער זײַן, אָט דער נעפעש? אן אופגעקומענער גוויר? א געוועזענער שנײַדער אין אמעריקע און איצט האָט ער א מאגאזין פון פארטיקע קליידער? צי עפשער טאקע א פאבריקאנט? אָדער א באלעבאָס פון הײַזער? אָדער אזוי א מענטש א קאפיטאליסט, וואָס לעבט פון פראָצענט? נאָר לאָמיר אים לאָזן ווײַטער. ער אליין דערציילט דאָס בעסער:

— ס'איז, הערט איר, א קלוגע וועלט און א זיסע וועלט און א גוטע וועלט, און ס'איז א כיעס, וואָס מע לעבט אף דער וועלט! מע דארף נאָר זען, מע זאָל זיך ניט לאָזן שפײַען אין דער קאשע. איך האָב מיך געוואָרפן, הערט איר, אף אלע זײַטן. איבערגעדינט, ווי עס רעדט זיך, אלע אווידעזאָרעס. קיין ארבעט איז ניט געווען צו שווער פאר מיר. קיין פארנאָסע איז מיר ניט געווען מיעס. און אויב איר ווילט וויסן, איז קיין מיעסע פארנאָסע גאָר אף דער וועלט ניטאָ. אלע פארנאָסעס זײַנען שיין. אבי איר האנדלט אָרנטלעך און אבי דאָס וואָרט איז א וואָרט. איך וויס עס פון זיך אליין. איך וועל מיך, הערט איר, ניט גיין בארימען פאר אײַך, אז איך בין דער לעמבערגער ראָוו. נאָר איר מעגט מיר גלייבן אף נעמאָנעס, אז קיין גאנעוו בין איך ניט. קיין גאזלען בין איך אוודע ניט. און קיין שווינדלער אויך ניט. לאָמיך האָבן אזא יאָר, הערט איר, וואָס פאר אן אָרנטלעכער סויכער איך בין. איך האנדל אָנשטענדיק. איך נאר קיינעם ניט אָפּ. איך פארקויף דאָס, וואָס איך האָב. קיין קאץ אין זאק איז בא מיר ניטאָ. קורץ, איר ווילט וויסן, וואָס איך בין? איך בין ניט מער ווי א ליפעראנט, אָדער, ווי בא אײַך ווערט עס אָנגערופן, א „פּאָדראטשיק“. איך שטעל צו דער וועלט סכוירע. די סכוירע, וואָס אלע וויסן, נאָר קיינער רעדט ניט פון דעם... פארוואָס? ווײַל די וועלט איז שוין צו א קלוגע וועלט, און מענטשן זײַנען שוין צו גײַציק. זיי האָבן פײַנט, אז מע זאָגט זיי אף שווארץ, אז ס'איז שווארץ, און אף ווײַס, אז ס'איז ווײַס. זיי האָבן בעסער ליב, פארקערט, אז מע זאָגט זיי אף שווארץ, אז ס'איז ווײַס, און אף ווײַס, אז ס'איז שווארץ... נו, וואָס וועט איר טאָן מיט זיי?..

— איך קוק אף מײַן פארשוין פון בוענאָס־אײַרעס און טראכט מיר: „ריבוינעשעלוילעם! וואָס איז אזעלכעס אָט דער נעפעש? וואָס פאר א מין ארטיקל שטעלט ער צו, אָט דער „פּאָדראטשיק“? און וואָס רעדט ער דאָס עפעס אזעלכע מאָדנע דיבורים: „שווארץ — ווײַס, ווײַס — שווארץ?“... איבערשלאָגן אים אינמיטן און א פרעג טאָן אים: „פעטער, מיט וואָס האנדלט איר?“ — ווילט זיך מיר ניט. איך לאָז אים בעסער ריידן ווײַטער.

— קורץ, ווו זשע האלטן מיר? בא מײַן איצטיקן געשעפט אין בוענאָס־אײַרעס. מײַן געשעפט אליין איז, אייגנטלעך, ניט אין בוענאָס־אײַרעס. מײַן געשעפט איז, אויב איר ווילט וויסן, אומעטום, אף דער גאנצער וועלט: אין פאריז, אין לאָנדאָן, אין בודאפעשט, אין באָסטאָן, און די הויפּט־קאָנטאָר, דאָס ביוראָ, איז אין בוענאָס־אײַרעס. אן אוויירע, וואָס מיר זײַנען איצט ניט אין בוענאָס־אײַרעס. איך וואָלט אײַך ארײַנפירן צו מיר אין ביוראָ, אײַך ווײַזן א קאָנטאָר, מיט „מענטשן“, בא מיר „מענטשן“ לעבן זיך אָפּ — איר וועט מיר גלייבן, צי ניט? — ווי די ראָטשילדס. אכט שאָ אין טאָג — מער ארבעט מען ניט בא מיר א מינוט אפילע.

בא מיר איז אַ „מענטש“ פאַרעכנט פאַר אַ מענטשן. ווייסט איר, פאַרוואָס? ווײַל איך בין אַליין אַמאָל געווען אַ „מענטש“. טאַקע בא מײַנע איצטיקע שוטפים. מיר זײַנען איצט דרײַ שוטפים. פריִער זײַנען זיי געווען נאָר צוויי שוטפים, און איך בין געווען בא זיי אַ „מענטש“. די רעכטע האַנט בין איך בא זיי געווען. דאָס גאַנצע געשעפט, קאָן מען זאָגן, איז געווען אַף מיר. באַם קויפן סכוירע, באַם פאַרקויפן סכוירע, באַם אָפשאַצן סכוירע, באַם סאָרטירן די סכוירע, — אומעטום איך... בא מיר איז אַן אויג — איר וועט מיר גלייבן, צי ניט? — אַז איך טו נאָר אַ קוק אַף אַ שטיקל סכוירע, וועל איך אײַך באַלד זאָגן, וויפל ס'האָט די ווערט און וווהין עס קאָן גיין... נאָר דאָס אַליין איז נאָך ניט אינגאַנצן. בא אונדזער געשעפט איז אַן אויג אַליין ווינציק. מע דאַרף נאָך האָבן, הערט איר, אַ נאָז אויך, אַ כוש־האָרייעך... פאַר אַ מײַל דאַרף מען קאָנען אָנשמעקן, ווו עפעס ליגט. מע דאַרף פילן, ווו מע קאָן מאַכן אַ גוט געשעפט און ווו מע קאָן ברעכן רוק־און־לענד, און נאָך אַרײַנקריכן אין אַ בלאָטע, הערט איר, ביז אַריבער די אויערן, מע זאָל נאָכדעם האָבן צו זינגען און צו זאָגן... צופיל „שטיגו־טערס“ הערט איר, פאַראַן אַף דער וועלט. צופיל אויגן קוקן אַף אונדזער געשעפט — און אונדזער געשעפט האָט דאַפקע מוירע פאַר אַ גוט־אויג, כאַ־כאַ... איין טריט, אַז איר מאַכט אַ פאַלשן, וועט איר אײַך ניט אָפוואַשן מיט קיין צען וואַסערן... באַלד עפעס, ווערט אַ גוואַלד, אַ געפילדער, אַ שמירערײַ אין די גאַזעטן. און די גאַזעטן דאַרפן דאָך מער ניט. די גאַזעטן זײַנען זיך מעכײַע, אַבי זיי האָבן פון וואָס צו קלינגען. צעלייגן זיי די זאַך אַף זיבן און זיבעציק טעלערלעך, בלאָזן אויף אַ פײַער מיט סאַקאָנעס־נעפאָשעס און הייבן אויף די גאַנצע פאָליציי... כאָטש אַפילע — איך דאַרף אײַך זאָגן בעסאָד — די פאָליציי פון דער גאַנצער וועלט איז, כאַ־כאַ, בא אונדז אין קעשענע... איך זאָל אײַך אָנרופן נאָר די סומע, וואָס אונדז קאָסט אָפ אַ יאָר פאָליציי אַליין, וועט איר זיך דערשרעקן... בא אונדז — איר וועט מיר גלייבן, צי ניט? — איז אַ בעסינע פון צען טויזנט, פופצן טויזנט, צוואַנציק טויזנט — פו!

מיט די ווערטער טוט מײַן פאַרשוין אַ מאַך מיט דער האַנט, ווי אַ מענטש, וואָס וואַרפט זיך מיט טויזנטער. בייסמײַסע טוט אַ בלישטש דער בריליאַנטענער רינג אַף דער שײַן, און דער מענטש פון בוענאָס־אײַרעס, וואָס וואַרפט מיט טויזנטער, שטעלט זיך אָפ אַ ווײַלע, קוקט, וואָס פאַר אַ רושעם עס האָבן געמאַכט אַף מיר די טויזנטער, און פאָרט ווײַטער:

— און אַז מע דאַרף אַמאָל געבן מער, מיינט איר, איז עפעס אַ טערעך? דערויף זײַנען מיר שוין דאַפקע באַגלייבט. איך מיין, טאַקע מיר, אַלע דרײַ שוטפים. וויפל טויזנטער מיר זאָלן ניט אָנווײַזן אַף פאָליציי, גלייבט מען זיך אַף נעמאָנעס... אַלע הויצאָעס פירן זיך בא אונדז אַף נעמאָנעס. מיר גלייבן זיך איינס דאָס אַנדערע אַפן וואָרט. איינער פונעם אַנדערן וועט ניט פאַרלייקענען, הערט איר, אַף אַט אַזויפיל... און, אַדעראַבע, לאָז איינער פרוּוון יאָ פאַרלייקענען, — וועט ער האָבן אַ ווייסטן סאָף... מיר קענען זיך, הערט איר, גוט איינס דאָס אַנדערע, און מיר ווייסן דעם פלאַץ, און מיר זײַנען קלאָר די גאַנצע וועלט. יעדער פון אונדז האָט זיך זײַנע אַגענטן מיט זײַנע שפיִאָנען... וואָס דען מיינט איר? געשעפט, וואָס פירט זיך אַף בעמאָנעס; קאָן אַנדערש ניט גיין... געפינט איר ניט, אַז ס'וואָלט זײַן בעסער ווי רעכט, מיר זאָלן דאָ אַף דער סטאַנציע געבן אַ שפרונג־אַראָפ און טאָן אַ שווענק־דורך דעם האַלדז?

אַזוי מאַכט צו מיר מײַן פאַרשוין און נעמט מיך פאַר אַ האַנט און פאַרקוקט מיר אין די אויגן אַרײַן.

— זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז איך האָב גאָרנישט דאַקעגן, און מיר גיבן אַ שפרונג־אַראָפ אַף דער סטאַנציע און טוען אַ שווענק־דורך דעם האַלדז. איינס נאָכס אַנדערן קנאַקן די פלעשלעך לימאָנאַד און מײַן כעווערעמאַן טרינקט מיט אַזאַ מין אַפעטיט, אַז מע מעג אים מעקאַנע זײַן. מיר אָבער גריבלט די גאַנצע צײַט אין מויעך איין געדאַנק: מיט וואָס פאַר אַ מין אַרטיקל האַנדלט ער, אָט דער מענטש פון בוענאָס־אײַרעס? וואָס וואַרפט ער זיך אַזוי מיט טויזנטער? און וויִאַזוי איז דאָס די פאָליציי פון דער גאַנצער וועלט בא אים אין קעשענע? און צו וואָס דאַרפן זיי אַגענטן און שפיִאָנען?.. האַנדלט ער ניט מיט קאָנטראַבאַנד?.. מיט פאַלשע בריליאַנטן?.. מיט גנייווישע סכוירעס?.. אָדער ער איז גלאַט אַזוי אַ פראַלער, אַ קנאַקער, אַ באַרימער, פון די פײַנע בעריִעס, וואָס אַלצדינג וואַקסט בא זיי אונטער דער צונג מעשונע אומגעלומפערט, אין דער לענג און אין דער ברייט?.. צו אונדז, קאָמיוואָיאַזשאָרן, אַז עס כאַפט זיך אַרײַן אַזאַ מין קונצנמאַכער, אַ באַלמעגאַזעם, האָבן מיר פאַר אים אונדזער אייגענעם נאָמען... „אַנגראָסיסט“. דאָס הייסט, אַ מענטש, וואָס אַלצדינג איז בא אים „אַנגראָ“... בעלאָשן אַשקענאַז הייסט דאָס פאָשעט: אַ ייִד אַ שאַקרען, וואָס האַקט אַ טשײַניק... מיר פאַררייכערן ווידער צו ציגאַרן, פאַרנעמען אונדזערע ערטער, און דער מענטש פון בוענאָס־אײַרעס האַקט ווײַטער:

— ווו זשע האַלטן מיר, אַפּאָנעם, בא מײַנע שותּפים. דאָס הייסט, בא מײַנע איצטיקע שותּפים. פריִער זײַנען זיי געווען מײַנע באַלעבאַטים, און איך בין געווען, ווי איך האָב אײַך שוין געזאָגט, זייער מענטש. איך וועל אײַך ניט אויסטראַכטן קיין בילבול, אַז זיי זײַנען געווען שלעכטע באַלעבאַטים. ווי האָבן זיי געקאָנט זײַן צו מיר שלעכט, אַז איך בין זיי געווען געטרײַ, ווי אַ הונט? זייערער אַ סענט איז בא מיר געווען, הערט איר, טײַער, אַזוי ווי מײַן אייגענער. און סאָנים האָב איך מיר געקויפט צוליב זיי, בלוטיקע סאָנים! ס'איז געווען צײַטן — איר וועט מיר גלייבן, צי ניט? — וואָס מע האָט מיך איבער מײַן געטרײַשאַפט געוואָלט סאָמען. טאַקע פּאָשעט סאַמען. איך מעג מיך באַרימען, הערט איר, אַז איך האָב זיי געדינט ערלעך, וואָס ערלעכער קאָן שוין גאָר ניט זײַן. עמעס, איך האָב אָן זיך אויך ניט פאַרגעסן... אַ מענטש טאָר קיינמאָל ניט פאַרגעסן אָן זיך. אַ מענטש דאַרף געדענקען, אַז ער איז ניט מער ווי אַ מענטש. הײַנט לעבט ער, און מאָרגן?.. כאַ־כאַ! אייביק זײַן בא יענעם איז ניט קיין פּלאַן. וואָס בין איך — אָן הענט? אָן פיס? צי אָן אַ צונג? אוביפראַט, איך האָב געוווּסט, אַז אָן מיר קאָנען זיי זיך ניט באַגיין אַ טאָג אַפילע. זיי קאָנען ניט און טאָרן ניט... ווײַל ס'איז דאָ סוידעס, הערט איר, סוידעס מיט סוידעס... ווי דער שטייגער איז אין אַ געשעפט... ביז איך מיך מעיִאשעווע איינמאָל, הערט איר, אין אַ שיינעם טאָג, און קום אַרײַן צו מײַנע באַלעבאַטים און רוף מיך אָן צו זיי: „אַדיע, מײַנע הערן!“ קוקן זיי מיך אָן: „וואָס הייסט אַדיע?“ „אַדיע, זאָג איך, הייסט: זײַט געזונט“. זאָגן זיי: „וואָס איז די מײַסע?“ זאָג איך: „ביזוואַנעט איז דער שיר?“... וואַרפן זיי זיך איבער איינס מיט דאָס אַנדערע מיט די אויגן און טוען מיך אַ פרעג: „וויפל פאַרמאָג איך קאַפּיטאַל?“ זאָג איך צו זיי: „וויפל איך זאָל ניט פאַרמאָגן, זאָג איך, וועט מיר זײַן אַף דער ערשטער צײַט גענוג, זאָג איך, און טאָמער, זאָג איך, וועט זײַן קאַרג, איז גאָט, זאָג איך, אַ פאָטער און בוענאָס־אײַרעס אַ שטאָט“... אַוודע האָבן זיי מיך פאַרשטאַנען. פאַרוואָס זאָלן זיי מיך ניט פאַרשטיין — דער מויִעך איז זיי אויסגעדאַרט געוואָרן? און אָט אַזוי־אָ זײַנען מיר פון דעמאָלט אָן געוואָרן שותּפים. דרײַ שותּפים, דרײַ באַלעבאַטים, גלײַך אַף גלײַך. בא אונדז איז ניטאָ — דעם מער, יענעם ווינציקער. וואָס גאָט גיט... קריגן קריגט מען זיך אויך ניט. צו וואָס זאָל מען זיך קריגן, אַז פאַרדינען פאַרדינט מען, דאַנקען גאָט, גאַנץ שיין און דאָס געשעפט וואַקסט... די וועלט ווערט גרעסער, און די סכוירע ווערט אַלע מאָל טײַערער... איטלעכער פון אונדז נעמט זיך אַרויס פון שותּפעס וויפל ער דאַרף אַף דער הויצאָע. מיר זײַנען אַלע גרויסע באַלהויצאָעס. בא מיר אַליין, אָן אַ ווײַב און אָן קינדער, גייט אַוועק — איר וועט מיר גלייבן, צי ניט? — דרײַ מאָל אַזויפיל, ווי בא אַן אַנדערן מיט אַ ווײַב און מיט קינדער. וואָס מיך קאָסט אָפּ אַ יאָר צדאָקע אַליין, וואָלט זיך דאָס אַן אַנדערער געוווּנטשן פאַרדינען. ס'איז ניטאָ, הערט איר, איין זאַך, וואָס זאָל מיך ניט קאָסטן קיין געלט. אַ שול, אַ שפּיטאָל, אַן עמיגראַנטן־קאַסע, אַ קאָנצערט — בוענאָס־אײַרעס איז, קיין אײַנהאָרע, אַ שטאָט! און ווו זײַנען עפּעס אַנדערע שטעט? ערעץ־ייִסראָעל — איר וועט מיר גלייבן, צי ניט? — קאָסט מיך שוין אויך געלט. ערשט ניט לאַנג קומט מיר אָן אַ בריוו פון אַ יעשיווע פון יערושאָלאַיִם. אַ שיינער בריוו, מיט אַ מאָגנדאָוויד, מיט אַ שטעמפּל און מיט כסימעס פון ראַבאָנים. דער בריוו איז געשריבן גלײַך צו מיר, מיט אַ שיינעם טיטל: „האַראַבאָני, האַגוויר האַמעפורסעם רעב מאָרדכע“... ע־ע־ע־ע! — טראַכט איך מיר. — וויבאַלד זיי זײַנען אַזעלכע פײַנע מענטשן און רופן מיך אָן באַם נאָמען, קאָן מען קיין כאַזער ניט זײַן און מע דאַרף זיי שיקן אַ הונדערטער... דאָס האָט איר אײַך זײַטיקע נעדאָוועס. הײַנט ווו איז ערגעץ מײַן געבורט־שטאָט? סאָשמאַקן? סאָשמאַקן נעמט צו בא מיר — איר וועט מיר גלייבן, צי ניט? — אַלע יאָר אָט אַזאַ היטל מיט געלט! אַלע מאָל, אַלע מאָל קומט מיר אָן פון סאָשמאַקן אַן אַנדער בריוול. דאָס איז אַזאַ צאָרע, דאָס איז אַזאַ שלאַק... פון מאָעס־כיטים שמועסט מען ניט, אַלע פּייסעך אַ הונדערטער. דאָס איז שוין אַ „זאַקאָן“... אָט פּאָר איך איצט קיין סאָשמאַקן, ווייס איך פריִער, אַז איך וועל ניט אָפּקומען מיט קיין טויזנטער. וואָס זאָג איך, אַ טויזנטער? האַלעווײַ איך זאָל פּאַטערן מיט צוויי. אַניט, וועלן זײַן אַלע דרײַ. אַ קלײניקײַט, אַ מענטש איז ניט געווען אַזאַ צײַט אין דער היים — פון קינדווײַז אָן, כאַ־כאַ! סאָשמאַקן איז דאָך מײַן היים! איך ווייס פריִער, אַז די גאַנצע שטאָט וועט קאָכן. מע וועט זיך צונויפלויפן. אַ גדולע: „מאָטעק איז געקומען, אונדזער מאָטעק פון בוענאָס־אײַרעס!“... אַ יאָמטעוו! גלייבט מיר, מע קוקט שוין דאָרט אַרויס אַף מיר, ווי אַף מאָשיִעכן. נעבעך גרויסע אָרעמעלײַט. פון יעדער סטאַנציע גיב איך זיי צו וויסן, אַז איך פאָר. איך קלאַפּ זיי אַלע טאָג אַ דעפּעש: „פּרייִעזשאַיו, מאָטעק“. איך אַליין — איר וועט מיר גלייבן, צי ניט? — וואָלט שוין אויך וועלן וואָס גיכער קומען צו פאָרן קיין סאָשמאַקן. אַ קוק טאָן אַף סאָשמאַקן, אַ קוש טאָן די ערד פון סאָשמאַקן, דעם שטויב פון סאָשמאַקן. אַ קאַפּאָרע, הערט איר, בוענאָס־אײַרעס!

א קאַפּאָרע ניו־יאָרק! א קאַפּאָרע לאָנדאָן! א קאַפּאָרע פּאַריז! כּא־כּא! סאַשמאַקן איז דאָך מײַן הײם!..

דאָס פּאָנעם פון מײַן פאַרשױן האָט זיך בא די װערטער װי איבערגעביטן. גאָר אַן אַנדער פּאָנעם. עפּעס איז דאָס װי ייִנגער געװאָרן. ייִנגער און שענער. און די קלײנע בױמלדיקע אײגעלעך האָבן באַקומען גאָר אַן אַנדער פײַערל מיט א נײַעם גלאַנץ פון פרײד און פון גאַד־לעס און פון ליבשאַפט. פון עמעסע, ניט געמאַכטע ליבשאַפט... אַן אױרירע אײך זאָך: װאָס איך װײס נאָך אַלץ ניט אַקוראַט, מיט װאָס ער האַנדלט... ער לאָזט מיך אָבער לאַנג ניט טראַכטן און שנײַדט װײַטער:

— איר מײנט, װאָס, אײגנטלעך, פאַר איך קײן סאַשמאַקן? א ביסל בענק איך טאַקע נאָך דער שטאָט, און א ביסל אַף קײװער־אָװעס. איך האָב דאָך עפּעס אַפן הײליקן אָרט א פאָטער און א מוטער, און ברידער און שװעסטער — א גאַנצע מישפּאָכע. און אַגעװ װילט זיך מיר טאַקע כאַסענע האָבן אױך. ביזװאַנעט איז דער שיר צו זיצן א באָכער? און כאַסענע האָבן װיל איך דאַפקע פון סאַשמאַקן. פון מײַן שטאָט. פון מײַן גראַד. פון מײַן מישפּאָכע. איך האָב מיך שױן װעגן דעם איבערגעשריבן מיט מײנע פרײַנט פון סאַשמאַקן, זײ זאָלן מיר נאָכזוכן עפּעס רעכטס... שרײַבן זײ, איך זאָל נאָר קומען צו פאָרן בעשאָלעם, װעט שױן בעמײַלע זײַן רעכט... אָט אזא מעשוגענער בין איך... מע האָט מיר שױן פאַרגעלײגט אין בוענאָס־אײַרעס — איר װעט מיר גלײבן, צי ניט? — די גרעסטע שײנהײטן פון דער װעלט. איך װאָלט געקאָנט, הערט איר, אױסקלײַבן אזעלכעס, װאָס דער טערקישער סולטאַן אפילע פאַרמאָגט דאָס ניט... נאָר איך האָב מיר געזאָגט אײנמאָל פאַר אַלעמאָל: נײן! כאַסענע האָבן פאָר איך קײן סאַשמאַקן. איך װיל אַן אָנשטענדיק קינד. א ייִדישע טאָכטער. זי מעג זײַן װי אָרעם, װעל איך דערוף ניט קוקן. איך װיל זי אָפּגילטן. די עלטערן אירע אָפּשיטן מיט גאָלד. די גאַנצע מישפּאָכע גליק־לעך מאַכן. און זי אַלײן װעל איך ברענגען צו מיר קײן בוענאָס־אײַרעס. איך װעל איר אױס־פּוצן, הערט איר, א פּאַלאַץ, װי פאַר א פּרינצעסן. קײן שפּרענקעלע װעל איך אַף איר ניט לאָזן פאַלן. גליקלעך װעט זי זיך אָפּלעבן בא מיר — איר װעט מיר גלײבן, צי ניט? — װי קײן פרױ אין דער גאַנצער װעלט! זי װעט ניט װיסן בא מיר פון קײן זאָך, אױסער איר װירט־שאַפט, מיט איר מאַן און מיט אירע קינדער. די קינדער װעל איך לאָזן שטודירן. דעם אַף דאָקטער, דעם אַף אינזשעניער, דעם אַף יוריסט. די טעכטער װעל איך אָפּשיקן אין א ייִדישן געשלאָסענעם פּאַנסיאָן. װײסט איר, װוהין? — קײן פראַנקפורט...״

בא די װערטער קומט אָן דער קאָנדוקטאָר אָפּנעמען די בילעטן. טאָמיד (איך האָב שױן באַמערקט װיפל מאָל) טראָגט אָן דער רױך דעם קאָנדוקטאָר פּונקט דעמלט, װען מע דאַרף אים ניט; אין װאָגאָן װערט א טומל, א מעהומע. אַלע כאַפּן די פּעקלעך, און איך אױך בעַ־סױכעם. איך מוז אױסשטײַגן פון װאָגאָן, זיך איבערזעצן אַף אַן אַנדער װעג. דער מענטש פון בוענאָס־אײַרעס העלפט מיר צונױפבינדן מײַן באַגאַזש, און מיר פירן דערװײַל צװישן זיך א געשפּרעך, װעלכעס איך גיב דאָ איבער פּינקטלעך, װאָרט אין װאָרט:

דער מענטש פון בוענאָס־אײַרעס: אױ־װאַ, א שאַד, װאָס איר פאָרט ניט װײַטער. ניט זײַן זיך מיט װעמען צו רײדן.

איך: װאָס זאָל מען טאָן? פּאַרנאָסע איז פּאַרנאָסע.

דער מענטש פון בוענאָס־אײַרעס: גוט געזאָגט. פּאַרנאָסע איז פּאַרנאָסע. איך האָב מױרע, איך װעל מוזן צוצאָלן און אַריבערפּעקלען זיך אין צװײטע קלאַס. איך קאָן, דאַנקען גאָט, אױספירן ערשטע קלאַס אױך. בא מיר, אַז איך פאָר אין באַן...

איך: האָט קײן פאַריבל ניט, װאָס איך שלאָג אײַך איבער. מיר האָבן אײנגאַנצן נאָך א האַלבע מינוט צײַט. איך האָב אײַך געװאָלט עפּעס פרעגן.

דער מענטש פון בוענאָס־אײַרעס: צום בײַשפּיל?

איך: צום בײַשפּיל, איך האָב געװאָלט פרעגן... אָ, מע פײַפט שױן!.. װאָס איז, אײגנט־לעך, אײַער געשעפט? מיט װאָס האַנדלט איר?

דער מענטש פון בוענאָס־אײַרעס: מיט װאָס איך האַנדל? כּא־כּא! ניט מיט עסרױגים, מײַן פרײַנט, האַנדל איך, ניט מיט עסרױגים!..

איך בין שױן מיט מײַן באַגאַזש אײנגאַנצן אַף יענער זײַט װאָגאָן, און נאָך שטײט מיר פאַר די אױגן דער מענטש פון בוענאָס־אײַרעס מיט זײַן גלאַטן צופרידענעם פּאַרצעף, מיט דער שמעקנדיקער ציגאַר אין די צײן, און נאָך קלינגט מיר אין די אױערן זײַן „כּא־כּא“:

— ניט מיט עסרױגים, מײַן פרײַנט, האַנדל איך, ניט מיט עסרױגים!..

דער לײדיקגײער

װײסט איר, װוּ דאָס בעסטע פֿאַרעכץ איז? דאָס בעסטע, דאָס שטילסטע און דאָס רוּיִקסטע? מיטן „לײדיקגײער".

אַזױ האָבן די באָהאָפּאָליער ייִדן אַ נאָמען געגעבן די שמאָלע אײַזנבאַן, װאָס שנײַדט דורך אַ גאַנצע רײ שטעטלעך: באָהאָפּאָלי, הײַסין, טעפּליק, נעמיראָװ, כאַשטשעװאַטע און נאָך אַזעלכע געבענטשטע מעקוימעס, װוּ אָדאָם־האָרישנס פֿוּס האָט קײנמאָל ניט געטראָטן.

די באָהאָפּאָליער ייִדן, װאָס האָבן אַ שעם אױף דער װעלט פֿאַר װערטלזאָגערס, דערצײלן זיך אָן פּוּנעם „לײדיקגײער" מײַלעס מיט מײַלעס.

ערשטנס, האָט איר קײן מוירע ניט, זאָגן זײ, פֿאַר פֿאַרשפּעטיקן. װען איר זאָלט ניט קומען, כאַפּט איר אים. הײַנט װאָס איז װערט, זאָגן זײ, דאָס, װאָס איר דאַרפֿט אײַך ניט שלאָגן פֿאַר אָן אָרט? איר קאָנט אָפּפֿאָרן, זאָגן זײ, אַ גאַנצע שטרעקע אײן מענטש אַלײן, ליגן אױסגעצױגן װי אַ סראָרע און אױסשלאָפֿן זיך אױף אַלע זײַטן.

דאָס איז לױטער עמעס. שױן אַ װאָך דרײַ, אַז איך רײַז אַרום מיטן דאָזיקן „לײדיקגײער" איך יענעם װינקל און שטײ אױף אײן אָרט. עפּעס טאַקע נאָר װי אַ מין קישעף! נאָר מײנט ניט, אַז איך באַקלאָג מיך. אַדעראַבבע. איך בין זײער צופֿרידן. װאָרעם איך זע מיך דאָרט אָן אַזעלכע שײנע זאַכן און איך הער מיך אָן אַזױפֿיל מײַסעס מיט געשיכטן, אַז איך װײס ניט, װען איך װעל זײ אַלע קאָנען אַרײַנשרײַבן צו מיר אין סײפֿער־האַזיכרױנעס?

ערשטנס — די געשיכטע, װיאַזױ מע האָט געבױט די דאָזיקע אײַזנבאַן. דאָס איז קעדײַ, מע זאָל דאָס באַשרײַבן.

אַז ס'איז אָנגעקומען פֿון פּעטערבורג, אַז מע פֿירט דורך אין יענער געגנט אַ באַן (װיטע איז דעמלט געװען מיניסטער), האָבן ייִדן געזאָגט: ס'אַ ליגן. װאָס דאַרף טעפּליק, אָדער גאָלטע, אָדער הײַסין, אַ באַן? זײ זײַנען טאַקע אַנדערש ניט אױפֿגעצױגן געװאָרן נאָר אױף אײַזנבאַנען?.. אַזױ האָבן געטײַנעט די דאָרטיקע ייִדן. און װער שמועסט די באָהאָפּאָליער — די האָבן געשאָטן מיט גלײַכװערטלעך, װי זײער שטײגער איז, געמאַכט כױזעק, געװיזן אױף דער האַנט: „װען אָט דאָ װעט װאַקסן האָר".

שפּעטער, אַז ס'איז אַראָפּגעפֿאָרן אַן אינזשעניער און גענומען פּלאַנעװען און מעסטן פֿעלד, זײַנען ייִדן אַנשװיגן געװאָרן, און די באָהאָפּאָליער װערטלזאָגערס האָבן באַהאַלטן די הענט (זײ האָבן אַ מײַלע, אַז טאָמער טרעפֿן זײ ניט, נעמען זײ זיך ניט צום האַרצן: „דער לױעך, זאָגן זײ, מאַכט זיך אױך אַמאָל, אַז ער טרעפֿט ניט"...), און דער אױלעם פֿון דער גאַנצער סװיװע אַרום האָט זיך אַ לאָז געטאָן צום אינזשעניער מיט רעקאָמענדאַציעס און פּראָטעקציעס, מיט ברױוו און מיט באַקאָשעס — ער זאָל זײ געבן אַרבעט. ייִדן, נעבעך, זוכן פּאַרנאָסע. טעפּליקער, בערשאַדער, הײַסינער און באָהאָפּאָליער באַלעבאַטים האָבן געהערט דערצײלן, אַז באַם בױען אַ באַן װערט מען רײַך. אַ סימען — פּאָליאַקאָװ...

ייִדן סאָכרים — ניט נאָר די, װאָס האַנדלען מיט געהילץ אָדער מיט שטײנער, נאָר אַפֿילע אַזעלכע, װאָס װײסן נאָר װײץ און קאָרן — האָבן זיך אױך אַ װאָרף געטאָן צו דער באַן. אַלע ייִדן זײַנען געװאָרן קאָנצעסיִאָנערן, פּאָדראַטשיקעס, „סטראָיִטעלעס פֿון אײַזנבאַנען"... „אונדזערע פּאָליאַקאָװס" — אַזױ האָט מען זײ אַ נאָמען געגעבן אין באָהאָפּאָליע, און מע האָט שױן גענומען אױסרעכענען באַצײַטנס, װיפֿל קאָנען זײ דערבײַ כאַפּן!..

בעקיצער, ס'איז געװאָרן אין יענער געגנט, מע קאָן זאָגן, אַ בעהאָלע, אַ מין באַן־פֿיבער, װאָס האָט ניט דורכגעלאָזט קײנעם. דער יעיִצערהאָרע פֿון געלט איז גענוג גרױס, און װער װיל עס ניט װערן אַ פּאָליאַקאָװ אין אײן שמאַ־ייִסראָעל?

דער געדרענג מיט דער קאָנקורענץ פֿון די קאָנצעסיִאָנערן, פּאָדראַטשיקעס און „באַן־סטראָיִטעלעס" איז געװאָרן אַזױ שטאַרק, אַז מע האָט די אַרבעט, זאָגט מען, געמוזט אױסטײלן אַלפּי־גױרל. װער עס האָט געהאַט גליק באַ גאָט און נױסע־כײן געװען אין די אױגן פּוּנעם אינזשעניער, דער האָט געקראָגן אַרבעט. און װער עס האָט ניט געקראָגן קײן אַרבעט, האָט זיך באַנוגנט כאָטש מיט אַ שטיקל כײלעק באַ יענעם. און אַ שטיקל כײלעק האָט מען אים געמוזט אָפּטרעטן, װאָרעם אַז ניט, האָט ער געגעבן אָנצוהערעניש, אַז ער װײסט אױך, װוּ „פּײטערבאַרג" ליגט און װוּ די „פּראַװלעניִע" געפֿינט זיך... און מע האָט פֿאַרזעצט דעם װײַבס פּערל מיט די שאַבעסדיקע קאַפּאָטעס און מע האָט זיך גענומען דורכפֿירן אַ באַן, און מע האָט געפּאַטערט װוּ װער עס האָט געהאַט ערגעץ אַ גראָשן, און מע האָט פֿאַרזאָגט קינדס־קינדער, אַז צו אַ באַן טאָר מען זיך ניט צורירן.

פונדעסטוועגן, איינס צום אַנדערן געהערט זיך ניט אָן. ייִדן, נעבעך, זײַנען טאַקע געוואָרן בעדיל־האַדאַל — נאָר זיי האָבן אויסגעפּירט, זאָגן זיי, זייערס: אַ באַן האָבן זיי טאַקע פּאַרט דורכגעפירט. און כאָטש אַפילע מע האָט זי אין באַהאָפּאַליע געקרוינט, ווי מיר ווייסן שוין, מיטן נאָמען „דער לײַדיקגייער“, פונדעסטוועגן קאָנען זיי זיך פון אים ניט אָפּלויבן, און זיי דערציילן זיך אָן אויף אים כּידושים, ניסים ווענִיפלאָעס.

לעמאָשל, זיי באַרימען זיך, אַז זינט דער „לײַדיקגייער“ איז אַ לײַדיקגייער, האָט זיך נאָך ניט געטראָפן מיט אים קיין אומגליק, ווי עס טרעפט זיך, אַשטייגער, מיט אַנדערע באַנען. וואָס איז דער סייכל? דער סייכל זאָגן זיי, איז אַ פּראָסטער סייכל: ווער עס גייט פּאַוואָליע, דער פאַלט ניט... און דער „לײַדיקגייער“ גייט טאַקע פּאַוואָליע. שוין אַ ביסל צו פּאַוואָליע. די באַהאָפּאַליער כאַכאָמים, וואָס האָבן ליב יעדע זאַך מעגאַזעם זײַן, דערציילן אַ מײַסע, וואָס האָט זיך געטראָפן מיט זייערן טאַקע אַ באַהאָפּאַליער באַלעבאָס. אַ באַהאָפּאַליער באַלעבאָס, זאָגן זיי, איז אַרויסגעפאָרן מיטן „לײַדיקגייער“ פון באַהאָפּאַליע צו זײַנעם אַ מעכוטן קיין כאַשטשעוואַטע אויף אַ בריס, איז ער אָנגעקומען צו דער באַרמיצווע.

און נאָך אַ מײַסע דערציילן זיי פון אַ בערשאַדער מיידל מיט אַ נעמיראָווער באָכער, וואָס האָבן זיך געלאָזט צונויפפאָרן אויף אַ מיטלפּונקט אָנקוקן זיך. איז ביז מע איז זיך צונויפגעפאָרן, איז דער באָכער געוואָרן גראָו ווי אַ טויב און דאָס מיידל האָט שוין ניט געהאַט איין צאָן אין מויל. און איבער דעם איז זיך צעגאַנגען דער שידעך.

ווייסט איר אָבער, וואָס איך וועל אײַך זאָגן? איך האָב ניט ליב די באַהאָפּאַליער ווערטלזאָגערס און האָב פײַנט זייערע גוזמעס. בײַ מיר, אַז איך באַשרײַב אַ זאַך, איז נאָר דאָס, וואָס איך זע מיט מײַנע אויגן, אָדער, ווײַניקסטנס, וואָס איך הער פון סאָלידע מענטשן, פון סאָכרים.

צום בײַשפּיל, איך האָב אַליין געהערט פון אַ הײַסינער סויכער, אַז ערשט פאַר עטלעכע יאָרן, אום הוישײַנעראַבע, האָט זיך געטראָפן בײַ זיי מיטן „לײַדיקגייער“ אַן אומגליק, מע קאָן זאָגן, אַ קאַטאַסטראָפע, וואָס האָט אַרויסגערופן אַ פּאַניקע אויף דער גאַנצער ליניע און אויפגערודערט דאָרטן דאָס גאַנצע ווינקל. די קאַטאַסטראָפע איז געקומען דורך אַ ייִדן מיט, לעהאַוודל, אַ גאַלעך. איך גיב זי אײַך איבער דאָ באַלד אין אַ באַזונדער געשיכטע מיטן זעלבן לאָשן, ווי איך האָב זי געהערט פונעם הײַסינער סויכער. איך האָב ליב איבערגעבן דאָס, וואָס איך הער פון יענעם. אַז איר וועט דאָס לייענען, וועט איר אַליין זען, אַז די געשיכטע איז אַן עמעסע געשיכטע.

אַ הײַסינער סויכער וועט ניט אויסטראַכטן.



מאָטל גרוומאַן *

רוסישע שנייען

אָ, רוסישע שנייען,
אָ, שנייען פון רוסלאַנד,
איר זײַנט נאָך פון קינדהײַט
באַקאַנט און באַוווּסט מיר.
ווען שנייען די בערג און די פלאַכן פאַרשיטן,
איך פלעג זיך פאַרקלײַבן אַהין מיט מײַן שליטל,
אַהין, אַפּן באַרג,
פון דער הייך אָט דער גרעסטער,
שויך דעמלט מײַן וועג און מײַן מוט פלעג איך מעסטן.

אָט דאָרט, בײַ דעם טײַך,
בײַ די ברעגן בײַ סאַמע,
עס זײַנען די ייִדישע שטיבלעך געשטאַנען,
אין שניי, ווי אין וואַטע, פאַרהילט און באַהאַלטן,
געוואַרעמט זיי האָבן
די שנייען די קאַלטע.

אָ, רוסישע שנייען,
אָ, שנייען פון רוסלאַנד,
איר האָט מיר באַוויזן פון וווּנדער דעם מוסטער.
ווען שטאָט איז אין שניי — אויך באַנאַכט עס איז ליכטיק.
ווען פעלד איז אין שניי — איז אַלץ ריין דאָך און ציכטיק.
ווען זילבערנע שנייען באַדעקן די דעכער,
די הײַזער דאַן זײַנען אי שענער, אי העכער.
אין שנייען דער סאָד — איז ווי פרילינג אין צוויטן,
און שנייעלעך טאַקע ווי צוויט זיך צעשיטן.

אָ, רוסישע שנייען
אױף רוסישע שטרעקעס,
איר האָט מיך געלערנט פאַר קעלט זיך ניט שרעקן,
באַגעגענען שטאָלץ,
אָן מעהומע, אָן ציטער
די גרעסטע זאַווייען,
דעם גרעסטן געוויטער.
און דעמלט, ווען פּלוצלינג פון פרעמדע מעקוימעס
געקומען אַהער איז דער בלוטיקער סוינע,
געבראַכט צו אונדז סרייפעס און כורבן און ווייען —
אים האָבן געשראָקן די רוסישע שנייען.
די שנייען —
זיי קאָנען די וועגן פאַרמעקן,
די שנייען —
זיי קאָנען די אויגן פאַרקלעפּן,
די שליאַכן פאַרשטעלן מיט טונק'לע זאַווייען.

אָ, גרויס איז דער קויעך פון רוסישע שנייען!
און מיר — מיט דער רוסישער פריינטשאַפט באַלוינטע,
מיר זייַנען פון לאַנג צו די שנייען געוווינט שוין.
און שווער עס איז גלייבן
און שווער צו פאַרשטיין,
אַז ערגעץ פאַראַן איז אַ ווינטער אָן שנייען...
אָ, רוסישע שנייען,
אָ, שנייען פון רוסלאַנד,
איר זייַנט אין דער וועלט אין דער גאַנצער באַוווּסט שוין.
כ'האָב ליב אייַער שפּיל, אייַער ברויז און געווימל,
איך גלייב, אַז דער שניי איז אַ נעס פונעם הימל...
אָט דאָ, אויף דער רוסישער ערד, כ'בין געבוירן,
מיט איר איז פאַרבונדן מייַן לעבן מייַן גורל,
מיט ליבע און גלויבן,
אין בעסטן געמיט,
איך זינג וועגן רוסישע שנייען מייַן ליד.

ברויט

דאָרט, ניט ווייַט,
האָט נאָך די שלאַכט געפלאַקערט,
נאָר אָט דאָ, אין פרילינגדיקן פעלד,
ווי בורלאַקעס,
אייַנגעשפּאַנט אין אַקער,
האָבן פרויען שווער די טריט געשטעלט.
פאַרנט האָט געשפּאַנט אַ פרוי אַ שלאַנקע
(אוי, ווי שוידערלעך דער רימען רייַבט),
און נאָך איר
נאָך פינף זייַנען געגאַנגען,
און די שטריק, ווי לעבעדיקע שלאַנגען,
האָבן אייַנגעשניטן זיך אין לייַב...
ס'האָט די זון געברענט, ווי טויזנט שייַטערס
וואָלט צעצונדן עמעץ אינעם פעלד,
נאָר געשפּאַנט האָבן די פרויען ווייַטער,
גרייט צעאַקערן די גאַנצע וועלט.
אָפּגערוט אַ ווייַלע שטיל און שווערלעך,
מיט אַ הילזע פון סנאַריאַד דאָרט האָבן זיי
אויף כאַלאַקים שטרענג צעטיילט די קערנער
און באַלד צוגעטראָטן צום פאַרזיי.

ווען איך עס —
איך נעם צונויף די ברעקלעך.
זיס איז ברויט!
נאָר אַלע מאָל מיר דאַכט:
אָט די ברעקלעך —
צו דעם ברויט געהערן,
וואָס אין טעג אין אומרויִקע, שווערע,
האָבן פרויען, שלינגענדיק די טרערן,
אינעם פעלד פאַרזייט, ניט ווייַט פון שלאַכט...

* * *

מייַן פרייַנט,
דו האָסט געזען אַמאָל,
ווי אין מאַרטעניען קאָכט מען שטאָל?
כאָטש אין מאַרטען עס פלאַמט און זידט,
וואָס טוט זיך דאָרטן, זעט מען ניט,
דאָן בלויז דער מייַסטער,
בלויז זייַן קאָל
זאָגט אָן, אַז עס איז גרייט דאָס שטאָל.
כ'וויל אויכעט האָבן אָט דאָס גליק,
ס'זאָל לויטער זייַן דער סייכל און דער בליק.
און ווען אין האַרצן קאָכט און זידט
כ'זאָל קאָנען זאָגן:
פאַרטיק איז די ליד!

געשלעגן

פון קינדהײַט צוגעווינט כ׳בין צו געשלעגן...
ווען פון דער גאס כ׳האָב זיך אהיים געלאָזט,
ביט איין מאָל איז צעפליקט געווען מײַן רעקל,
ביט איין מאָל איז אין בלוט געווען די נאָז.
די מאמע, א דערשראָקענע, געטײַנעט
צום טאטן האָט מיט ווייטעק:
יאָסל, זע —
דו טו א קוק אפן מיזיניק דײַנעם,
ס׳איז ניט קיין ייִנגעלע — א גאזלען גאָר, א שעד!
דער טאטע האָט זיך אומגעקוקט ארומעט,
א גלעט געטאָן דעם רימען, ווי א פרײַנט,
און האָט געזאָגט מיר:
קום אהער, מעשומעד,
מיט וואָס וועסטו פארענטפערן זיך הײַנט?
— נו, הײַנט... האָב איך געשלאָגן זיך מיט הילקען, —
האָב איך אָן שרעק א זאָג געטאָן געשווינד, —
זאָל ער ניט וואגן אָפּנעמען די פילקע
בא בערעלען — דעם קליינעם, שוואכן קינד!
— קומט אויס, אז טאקע ריין איז דײַן געוויסן,
און דאָך...
די הייזעלעך, מעכילע, טו א שלעפּ,
ווײַל סײַוויסײַ דײַן מאלבעש איז צעריסן,
דערפאר באקומען וועסטו שיינע קלעפּ.
און דאָך...
ווײַל פאר א שוואכן האָסט געשטעלט זיך,
און זאָלסט פארויס מיט יושער זײַן געבענטשט,
כוץ קלעפּ...
באקומען וועסט א קאראמעלקע,
נאַ, עס און זײַ א רעכטער מענטש!

עס האָבן יאָרן ווײַטער זיך געטראָגן,
און אויך געשלעגן האָבן זיך געמערט,
און זייער אָפט געווען איז שווער צו זאָגן —
ווער איז גערעכט און ווער איז ניט גערעכט.
ניט קינדערלעך, נאָר מאנצבלען שטרײַטן טאקע,
און ס׳טרעפט אזוי, אז אלץ איז פונקט פארקערט:
פאר דרייסטקײַט עס באקומט א מענטש טומאקעס,
און פאר פאכדאָנעס גיט מען צו אים רעכט...

ניין, ניט פארגעסן כ׳וועל דעם טאטנס לערע,
כאָטש אָפט איז טאקע ביטער מיר ביז גאָר,
נאָר סײַוויסײַ קיין פאכדן כ׳וועל ניט ווערן,
און מײַן געוויסן — ער איז ריין און קלאָר.
און צו דעם גורל שרײַ איך:
ניט פארפעל מיך,
דו מעגסט מיר שענקען קלעפּ, אויב איך בין ווערט,
נאָר ניט פארגעסן זאָלסט
די קאראמעלקע
מיר געבן יעדעס מאָל, ווען כ׳בין גערעכט.

אונדזער קאָסמאָס-ווינקל

י. א. קאַרפּאָוו,
גענעראַל־מאַיאָר פון מעדיצינישער דינסט,
קאַנדידאַט פון מעדיצינישע וויסנשאַפטן

דער אָנהייב

איך האָב א געפיל, אז די כאַשעווע לייענער פון „סאָוועטיש היימלאַנד" וועלן מיך באַלד א פרעג טאָן, צי ס'איז נאָך ניט צײַט פאַרענדיקן מיט דער אַלגעמיינער כאַראַקטעריסטיק פון דער לאַגע אינעם צענטער פון צוגרייטן קאָסמאָנאַווטן אין 1960 און דערציילן וועגן די מענטשן, וואָס זײַנען דאָרט געווען טעטיק.

איך וועל זיך באַמיִען עס צו טאָן איצט, קאָנצענטרירנדיק זיך אויף דער אויסשליסלעכער מאַזל־בראָכעדיקער ראָליע, וואָס דער הויפּט־קאָנסטרוקטאָר, דער אַקאַדעמיקער סערגיי פּאַוולאָוויטש קאָראָליאָוו, האָט געשפּילט אין דער אויספורעמונג פון דער פּערזענלעכקײַט פון יעדן קאָסמאָנאַווט.

די יונגע, געזונטע, פֿײַקע און וויסנדורשטיקע יאַטן, די קינפטיקע קאָסמאָנאַווטן, האָבן, קומענדיק אין קאָנטאַקט מיט פאַרשיידענע מענטשן, וועלכע האָבן אונדז געהאָלפן זיי צוגרייטן צום פלוג, גרינג און גיך זיך אָריענטירט אין דער נײַער לאַגע און אָפּגעשאַצט „ווער איז ווער". די לערער זייערע האָבן זיי קוואַליפיצירט אין קאַטעגאָריעס פון „קענענדיקע", „מיטלמעסיקע", „שאַרפע קעפּ" און „שטאַמלער". די דאָזיקע דיפערענציאַציע האָבן די צוהערער דורכגעפירט אומאָפּהענגיק פון דעם גראַד באַוווּסטקײַט און פון דער שטעלע, וואָס יעדער נײַגעקומענער פּעדאַגאָג האָט פאַרנומען. די אָפּשאַצונגען האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער טרעפלעכקײַט און אָריגינעלקײַט. איין זאַך קאָן מען זאָגן אויף זיכער — ערודירטע און טאַלאַנטירטע מענטשן זײַנען אויף זיכער געפעלן געוואָרן די קאָסמאָנאַווטן.

באַלד נאָך דעם, ווי סערגיי פּאַוולאָוויטש האָט זיך באַקאַנט מיט די צוהערער פון דעם ערשטן אָטריאַד אינעם צענטער פאַר צוגרייטן קאָסמאָנאַווטן, האָט ער אויף א באַזונדער אויפן זיך אָנגעהויבן באַציִען צו זיי און צו אַלץ, וואָס האָט געהאַט א שײַכעס צו זיי. די באַציִונג איז שטענדיק געווען א געהויבענע, אָן אונטערגעשטראָכן זאָרגעוודיקע, טיילמאָל אפילו א פֿײַערלעכע, א ריטועלע.

קאָראָליאָוו איז געווען ניט נאָר אַן ערשטראַנגיקער אינזשעניר־קאָנסטרוקטאָר און גלענצנדער אָרגאַניזאַטאָר פון ערשטיקער וויסנשאַפטלעכער פאָרשונג, פון קאָמפּלעקסאַרטיקער פּראַקטישער רעאַליזאַציע פון אוניקאַלע פאַרטראַכטן, נאָר אויך א דרייסטער אויספרווולער פון אָריגינעלער טעכניק. צו דעם אַלעמען דאַרף מען נאָך צוגעבן, אז ער איז געווען אַן אויפמערקזאַמער, סובטילער פּסיכאָלאָג, אַן אָנפירער מיט א זעלטענער ווירקונגס־קראַפט. די מענטשן, וועלכע האָבן מיט אים געאַרבעט, זײַנען געווען גרייט צו גיין פאַר אים „אין פֿײַער און אין וואַסער".

איך האָב זיך באַגעגנט מיטן הויפּט־קאָנסטרוקטאָר און אים פאָרגעשטעלט מײַנע טאַלמידים אין דער צײַט, ווען ער, דער לעגענדאַרער סערגיי פּאַוולאָוויטש, האָט זיך געפונען אין זעניט פון זײַן רום. מעגלעך, אז דער דאָזיקער

סאָף. אָנהייב זע „סאָוועטיש היימלאַנד", נום. 8, 1982.

מאצעוו האָט געלייגט זייַן כויסעם אף אלץ, וואָס איז געווען פארבונדן מיט אונדזער געמיינזאמער טעטיקייַט, ווי אויך אף די פאָלגנדיקע דערינגערונגען וועגן דעם גרונטלייגער פון די קאָסמישע פלוגן.

כאָטש דער הויפט־קאָנסטרוקטאָר איז געווען געבענטשט מיט טאלאנטן און פייִקייַטן מיט דער ברייטער האנט, האָט ער טאָמיד זיך געהאלטן שטרענג־קאָנצענטרירט בייסן לייזן פארשיידענע פראָבלעמען, שטענדיק גרייט געווען צו רעאגירן אפן אָרט. אף וויפל ער איז געווען א מענטש מיט א קאָמפליצירטן כאראקטער, האָט מען פון אים געקאָנט דערווארטן אומגעריכטע גענג און אומפאָרויסגעזעענע מייַסים. אָט די דאָזיקע אומגעריכטקייַט אין פארבינדונג מיט דער כאראקטעריסטישער שטרענגער באציִונג צו דער ארומרינגלונג האָט געמאכט א באזונדערן אייַנדרוק. טיילמאָל האָט ער אין עטלעכע מינוט, און אפילע אין געציילטע סעקונדעס, געקאָנט אנטוויקלען א טעטיקייַט, וועלכע איז געווען פונקט דער הייפעך פון דעם פריִער אָנגענומענעם באשלוס אָדער ארויסגעזאָגטער מיינונג. און, פונקט פארקערט, א לעכאטכילע אָפגעוואָרפענע מיינונג האָט ער שפעטער געקאָנט אזוי פארטיידיקן און שטיצן, דערווייַזנדיק אירע אומצווייפלהאפטע מייַלעס, אז מע האָט זיך נאָר געקאָנט ווּנדערן...

ער האָט אלעמען פארווּנדערט מיט זייַן דורכדרינגלעכקייַט, אייַזערנער לאָגיק און אומאָפּוועגנדבארער איבערצייַגונגס־קראפט. דערבייַ דארף מען געדענקען, אז עס האָט זיך יעדעס מאָל געהאנדלט ניט וועגן קלייניקייַטן, אָדער קאפריזן פון אן אָנפירער, בעשום־אויפן ניט. קאָראָליאָוו און זייַנע מעקוראָווים האָבן געזוכט די פאסיקסטע לייזונג אף צו פארווירקלעכן קאָמפליצירטע קאָנסטרוקטאָרישע טעכנאָלאָגישע און אָרגאניזאציאָנעלע באשלוסן, וואָס ניט וויניק טאלאנטירטע, הויך־קוואליפיצירטע ספעציאליסטן האָבן שוין געהאט זיך געבראָכן דעם קאָפ איבער זיי.

אין שייַן פונעם אויבנגעזאָגטן וועט דעם לייענער, מיין איך, לייַכט זייַן צו פארשטיין, מיט וואָס פאר אן אומרויִקער דערווארטונג סערגיי פאוולאָוויטש געהילפן פלעגן אריבערטרעטן די שוועל פון זייַן קאבינעט, קעדיי אָנצונעמען א באשלוס אָדער א נייַע ווענדונג אין געוויסע איניאָנים. דער הויפט־קאָנסטרוקטאָר האָט אליין זיך גוט פאנאנדערגעקליבן אין אלע פראגן, און ווען עמעצער פון זייַנע מיטהעלפער האָט זיך ניט גענוג געוויסנהאפט באצויגן צו די פליכטן, האָט ער עס אופגענומען ווי א נעגאטיווע, טיילמאָל אפילע פייַנטלעכע באציִונג צו אים זעלבסט. דעריבער האָבן טאקע די מענטשן, וועלכע זייַנען געווען אונטער זייַן אָנפירונג, מוירע געהאט, זיי זאָלן מיצאד אים ניט פארעכנט ווערן אלס אזעלכע, מיט וועמען ס'איז „ניטאָ וואָס צו גיין צום טיש“.

נאָר ווען אין זייַן סוויווע האָבן זיך באוויזן די יונגעלייַט, אָנגעטאָנענע אין מונדירן פון דער קריגס־אוויִאציע, האָבן די מיטארבעטער באלד באמערקט, אז מיט קאָראָליאָוון איז פאָרגעקומען עפעס אומדערווארטס: דער הויפט־קאָנסטרוקטאָר האָט זיך צו די צוהערער באצויגן מיט א באזונדערער אופמערקזאמקייַט און אפילע גענומען אף זיך די ראָל פון אן אפעטראָפעס לעגאבע זיי. ער האָט זיך באצויגן צו די יונגע פליִער מיט געדולד, מיט פעדאגאָגישן טאקט, וואָס פריִער האָט מען דאָס בא אים ניט שטענדיק באמערקט. באזונדערס האָט ער זיך אינטערעסירט מיטן פערזענלעכן ווילשטאנד פון יעדן איינעם, ניט געזשאלעוועט קיין צייַט פאר זיי, כאָטש זייַן ארבעטס־טאָג איז געווען פארפולט מיט אויסערסט וויכטיקע און דרינגענדיקע איניאָנים פון 8 אינדערפרי ביז 8, און טיילמאָל ביז 10 אפדערנאכט.

וויִאזוי זשע קאָן מען דערקלערן די סימפאטיע, מיט וועלכער ס. פ. קאָראָליאָוו האָט אָפן און מיט דער ברייטער האנט באשענקט די קומענדיקע קאָסמאָנאווטן?

ס'איז טאקע קעדייַ נאָכאמאָל דאָ דערמאָנען, אז דאָס סאמע וויכטיקסטע און דער איקער אינעם לעבן פון דעם דאָזיקן פראָמינענטן געלערנטן, וועלכער האָט טאָמיד געוווּסט, וואָס ער וויל און צו וואָס ער שטרעבט, איז געווען זייַן ארבעט. קאָראָליאָווס וויסנשאפטלעכע טעטיקייַט איז געווען פארבונדן מיט אומופהערלעכע פערמאנענטע זאָרגן: מיט אָנשטרענגונגען און שוועריקייַטן און אויך מיט זעלטענע, נאָר גרויסע שעפערישע פריידן. אין מעשעך פון זייַן גאנץ ניט לייַכט לעבן איז ער געווען ארייַנגעטאָן אין ארבעט ביז איבערן קאָפ. לאָמיר אויך געדענקען, אז זייַט־בא־זייַט מיט אים האָבן מיט היסלייַוועס געזוכט, געשאפן און פונקט ווי ער זעלבסט געליטן און געווען גליקלעך מיט שעפערישע דערפאָלגן א סאך טאלאנטירטע מיטקעמפער, דערפארענע און דערפינדערישע מיטארבעטער. עס זייַנען צווישן זיי געווען אויך אזעלכע, וועלכע האָבן צוזאמען מיט קאָראָליאָוון דורכגעמאכט דעם גאנצן וועג, וואָס ק. ע. ציִאָלקאָווסקי איז געשטאנען בא זייַן אָנהייב. אוואדע האָט קאָראָליאָוו פאר אזעלכע מיטקעמפער שטענדיק געפונען א בעקאָוועדיק אָרט און שטענדיק זיך געקימערט וועגן זייער אווטאָריטעט. פונדעסטוועגן איז אפילע אזעלכע וועטעראנען טיילמאָל אויסגעקומען איבערצולעבן שווערע מינוטן באם אויספילן די שטרענגע פאָדערונגען פונעם אָנפירער, וועלכער האָט קיינעם און זיך אליין ניט געשאנעוועט.

די ערשטע צײַט האָב איך ניט געקאָנט געפינען קיין דערקלערונג פאַר דער אויסנעמלעכער הארציקער באַציִונג מיצאַד קאָראָליאָוון צו אונדזערע יונגע פליִער. נאָר טראַכטנדיק וועגן דעם אין מעשעך פון אַ לאַנגער צײַט, בין איך געקומען צום פאָלגנדיקן אויספיר: נאָך אין די קינדער־ און יוגנט־יאָרן (אין ניעזשין און שפּעטער אין אָדעס) האָט קאָראָליאָוון געצויגן צו די הימלען. די פרייד פון פליִען און דער פאָרגעפיל פון דער גרויסער צוקונפט פון דער אַוויִאַציע האָבן אים גאַנצלעך און ענדגילטיק פאַרכאַפּט, אַזוי ווי עס געשעט מיט אַלע שטאַרקע נאַטורן. ער שטרעבט דאַן מאַסיג צו זײַן און אָנייגענען זיך אַלץ, וואָס האָט אַ דירעקטע שײַכעס צום קאָנסטרויִרן פליִ־אַפּאַראַטן, און ער גרייט זיך פערזענלעך אָנטיילצונעמען אין דעם אויספּרוּוון זיי אין פלוג. אַדאַנק זײַן אומגעוויינלעכער אַקשאָנעס, צילגעווענדטקײַט האָט זיך אים אײַנגעגעבן צו באַהערשן די טעכניש־אינזשעניערישע קענטענישן און איינצײַטיק זיך פאַרנעמען מיט בויען אָריגינעלע פּלאַניערן און עראָפּלאַנען. ער האָט אַפילע באַוויזן אין דער זעלבער צײַט צו פאַרענדיקן אַן אַוויִאַציע־שול, ווערנדיק, אַזוי־אַרום, אַ דיפּלאָמירטער פליִער.

ניט איין מאָל איז מיר אויסגעקומען צו הערן, מיט וואָס פאַר אַ שטאָלץ סערגיי פּאַוולאָוויטש פלעגט דערציילן וועגן זײַן אָנגעהעריקײַט צו דער אַוויִאַציע ביכלאַל און צו דער באַליבטער פּראָפעסיע פון אַן אַוויִאַטאָר ביפראַט.

צוליב פאַרשיידענע סיבעס האָט קאָראָליאָוו געמוזט זיך אָפּזאָגן פון זײַן פליִער־טעטיקײַט און זיך באַשעפטיקן נאָר מיט שאַפן די נײַע אַוויִאַציע־טעכניק.

ערגעץ טיף אין דער נעשאָמע האָט זיך געוויס פאַרטײַעט אַ בענקשאַפט נאָך דעם טרוים פון ווערן אַ פליִער־אויספּרוּווער, וועלכער איז ניט מעקויעם געוואָרן. אים איז ניט באַשערט געווען אַליין אויסצופּרוּוון און אָפּשאַצן ווי געהעריק אין פלוג די טעכניק, וועלכע ער האָט געשאַפן אַף דער ערד. ער האָט זיך געמוזט באַנוגענען מיט די אָפּשאַצונגען, וועלכע עס האָבן געגעבן די פליִער־אויספּרוּווער וועגן די מײַלעס און כעסרוינעס פון די פון אים קאָנסטרויִרטע אַפּאַראַטן.

אַדאַנק די באַמיִונגען פון די סאָוועטישע געלערנטע אין שפּיץ מיט קאָראָליאָוון, וועלכע האָבן זיך געשטיצט אַף די ברייטסטע מעגלעכקײַטן, וואָס די סאָציִאַליסטישע מעלוכע האָט זיי געגעבן, האָט געקאָנט צו שטאַנד קומען אַזאַ גרויסער וווּנדער אין אַזאַ קורצער צײַט: דאָס שאַפן אין סאָוועטנפאַרבאַנד די אינטערקאָנטינענטאַלע באַליסטישע ראַקעטע, דאָס אַרויסלאָזן דעם קינסטלעכן סאַטעליט פון דער ערד, און, ענדלעך, דאָס צוגרייטן דעם מענטשן צום ערשטן פלוג אַף דער אָרביטע אַרום דער ערד.

קאָראָליאָוו מיט זײַן ווײַטן קוק און גרויסער דערפאַרונג האָט ניט גלאַט אַזוי זיך מעקאַרעוו געווען די לעבנסלוסטיקע יונגעלײַט, וועלכע האָבן אַרויסגעוויזן אַ לעבהאַפטן אינטערעס צום נײַעם איניען. אַוואַדע האָט ער געוווּסט, אַז זייער דערפאַרונג איז גאָר אַ באַשיידענע. ער האָט אָבער אויך געוווּסט, אַז זיי זײַנען גרייט פולקום זיך אָפּצוגעבן דער קאָסמאָנאַוטיק. זיי זײַנען דאָך געווען די, וועמען ער האָט געדאַרפט איינגיכן פאַרטרויען דאָס אויספּרוּוון אין פלוג די אוניקאַלע ראַקעטן — די קאָסמישע טעכניק, וועלכע איז געשאַפן געוואָרן מיט אַזויפיל האָרעוואַניע.

קאָראָליאָוו איז באַשטאַנען אַף דעם, אַז די פעסטע הענט פון די קאָסמאָנאַווטן, זייערע הייסע הערצער און אָפענע קעפּ זאָלן מאַקסימאַל אויסגענוצט ווערן. כוץ דעם, האָט ער נאָך געוואָלט זיך אײַנשאַפן אַזעלכע יונגע פרײַנט און מיטהעלפער, וועלכע זײַנען שטענדיק גרייט פּרינציפּיִעל און שרעקלאָז אַרויסזאָגן זייער באַגרינדעטע מיינונג יעטווידן אָנפירער, ווי גרויס זײַן אויטאָריטעט זאָל ניט זײַן.

מיר דאַכט, אַז קאָראָליאָוו האָט טיף אין האַרצן זיך אַליין פאָרגעשטעלט אַלס אַ פליִער־אויספּרוּווער, און דאָס האָט אים געהאָלפן זיך שאַפן אַ קלאָר און גענוי בילד פונעם קאָסמישן פלוג.

ער האָט געהאַט די באַדערפעניש זיך צו טיילן מיט די קאָסמאָנאַווטן מיט די רעזולטאַטן פון זײַן מעכטיקער שעפערישער פאַנטאַזיע. אונטער זײַן האַזשגאָכע האָבן זיי אָנגעהויבן גרייטן די רעאַלע, ניט איליוזאָרישע פלוגן אין קאָסמאָס. קאָראָליאָוו פלעגט זיי בײַ יעדער גינסטיקער געלעגנהײַט פאַרבעטן צו פאַנטאַזירן אינאיינעם מיט אים. און כאָטש עס איז געווען אַזאַ באַדײַטנדיקער אונטערשייד צווישן זיי מיט אים, סײַ אין עלטער, סײַ אין לעבנס־דערפאַרונג, סײַ אין פּראָפעסיִאָנעלער געשולטקײַט, סײַ אין דער גרייס פון פּערזענלעכן בײַטראָג צו דער זאַך, וואָס האָט זיי איצט פאַראייניקט, האָט קאָראָליאָוו זיי אָנגעבאָטן זײַן פרײַנטשאַפט. נאָך דעם, ווי ער האָט אָנגעהויבן מיט זיי זיך סיסטעמאַטיש צו באַגעגענען, האָט ער ניט געקאָנט האַלטן פאַרבאָרגן פון זיי זײַנע טײַערסטע טרוימען.

אַרויסזאָגנדיק מײַן מיינונג, בין איך זיכער, אַז ס'וועט מיר ניט אויסקומען צו הערן פאָרווורפן פון מענטשן, וועלכע האָבן פּונקט אַזוי גוט, ווי איך, און מעג זײַן אַפילע בעסער, געקענט סערגיי פּאַוולאָוויטשן, ווײַל איך האָב גאָרניט צוגעטראַכט און גאָרניט אויסגעטראַכט,

דערציילנדיק וועגן דער דאָזיקער פּערזענלעכקייט.

מיר איז שוין פריִער אויסגעקומען צו אָנווײַזן אַף סערגיי פּאַוולאָוויטשעס באַזונדערער סימפּאַטיע צו אוטאָריטעטע פליִער. איך דאַרף צוגעבן, אַז עס האָט זיך גערעדט וועגן אוטאָריטעטע פליִער פון קאָראָליאָווס אייגענעם שטאַנדפּונקט. אַזוי, צום בײַשפּיל, האָט קאָראָליאָוו פּאַרבעטן מאַרק לאַזאַרעוויטש גאַלײַען בײַצוזײַן בײַסן לאָזן אין גאַנג די טעכנאָלאָגישע שיפן מיט אַן אויטאָמאַטישן אַרבעט־רעזשים, וואָס עס איז דורכגעפירט געוואָרן ערעוו דעם פליִען פונעם מענטשן אין קאָסמאָס.

מ. ל. גאַלײַ, וועגן וועלכן איך האָב שוין דערמאָנט, איז געווען דער ערשטער אינסטרוקטאָר אַף אויסצולערנען די קינפטיקע קאָסמאָנאַווטן די פּראַקטישע געוווינהייטן פון באַנוצן זיך אַפן טרענאַזשאָר מיט די סיסטעמען פון דער שיף. מע דאַרף באַמערקן, אַז דער הויפּט־קאָנסטרוקטאָר האָט קאַטעגאָריש פּאַרבאָטן צו דערלאָזן די אַנוועזנהייט פון איבעריקע מענטשן בײַסן סטאַרט. גאַלײַ איז בײַגעווען, ווען גאַגאַרין איז אַרויסגעפלויגן אַף דער „וואָסטאָק"־שיף און דערנאָך אויך בײַסן אַרויספלי פון אַלע פּאָלגנדיקע „וואָסטאָק"־שיפן. אין דער רעשימע פון די סטאַרטן האָט ער פיגורירט אַלס — „קאָנסטרוקטאָר־מעטאָדיסט אַף פּילאָטירן קאָסמישע שיפן"... פּאַקטיש איז מאַרק לאַזאַרעוויטש געווען דעם הויפּט־קאָנסטרוקטאָרס פּערזענלעכער קאָנסולטאַנט.

אין א קורצער צײַט אַרום האָט זיך צווישן קאָראָליאָווס געהילפן באַוויזן נאָך איינער פון די רומפולסטע פליִער־אויספּרוווער — דער העלד פון סאָוועטנפאַרבאַנד סערגיי ניקאָלײַעוויטש אַנאָכין, וועמען דער הויפּט־קאָנסטרוקטאָר האָט באַאויפטראָגט צו וואַרבירן די קינפטיקע קאָסמאָנאַווטן־אויספּאָרשער און באַרט־אינזשענירן פון צווישן די יונגע, קרעפטיקע, געזונטע און דרייסטע מיטאַרבעטער פון דער אונטערנעמונג אונטער זײַן, אַנאָכינס, אָנפירערשאַפט. „אין דער נאָענטער צוקונפט, — האָט סערגיי פּאַוולאָוויטש געזאָגט, — וועלן מיר וואַרבירן קאָסמאָנאַווטן ניט נאָר צווישן פליִער". און ער האָט מיט פאַרגעניגן גערעדט וועגן דעם, אַז אָן ספּעציאַליסטן פון ברייטסטן פּראָפיל וועלן די קינפטיקע פּראָגראַמען פון באַהערשן דעם קאָסמאָס זיך ניט קאָנען באַגיין.

גאַלײַען און אַנאָכינען האָט קאָראָליאָוו אויפגענומען און אויסגעהערט אין א באַליביקער צײַט. אַנדערע מיטאַרבעטער, אַפילו פּאַרדינסטפולע און אָנגעזעענע, האָבן אַזעלכע פּריווילעגיעס ניט געהאַט, כאָטש זיי האָבן אויך געהאַט א שײַכעס צו דער פליִערישער פּראָפעסיע.

עס האָט זיך זאָרגעוודיק פּאַרהיט אין זײַן קאַרן א גאַנצע פּאָרטרעטן־גאַלעריי פון עכטע העלדן פונעם אָנהייב־פּעריאָד פון דער פּאַטערלענדישער קאָסמאָנאַווטיק, וועלכע האָבן דערוויזן דער גאַנצער וועלט, אַז דער מענטש איז מעסוגל אַרויסצוגיין און טעטיק זײַן אין קאָסמאָס. דאָס ערשטע אָרט אין דער דאָזיקער גאַלעריי פּאַרנעמט און וועט שטענדיק פּאַרנעמען דאָס ליכטיקע געשטאַלט פונעם אַקאַדעמיקער ס. פּ. קאָראָליאָוו. זײַן אויסזען האָט זיך טיף אײַנגעקריצט אין מײַן זיקאָרן: די מענלעכע געזיכט־שטריכן, א דורכדרינגלעך־קאָנצענטרירטער בליק פון די קלוגע אויגן מיט כיטרע פײַערלעך, זײַן מאַניר קלאָר און דײַטלעך־קורץ אַרויסזאָגן געדאַנקען, אופמערקזאַם אויסהערן דעם מיטשמועסער, צושאָקלענדיק דערבײַ מיטן קאָפּ, זײַן געוווינהייט פּאַשעט און שטרענג זיך צו קליידן. אָבער נאָך מער פון דעם האָט זיך פּאַרגעדענקט די אויסשליסלעך ווערטפולע, פילזײַטיקע טעטיקייט פון דעם גרונטלייגער פון דער פּראַקטישער קאָסמאָנאַווטיק. פּאַרשטייט זיך, אַז באַזונדער בוילעט האָט זיך פּאַרגעדענקט די פּרוכטבאַרע ווירקונג פונעם הויפּט־קאָנסטרוקטאָר אַף מײַן טעטיקייט באַם אָפּקלײַבן און צוגרייטן די ערשטע פּילאָטן־קאָסמאָנאַווטן.

ס'איז א באַוווּסטע זאַך, אַז פּאַר ס. פּ. קאָראָליאָוון האָט ניט עקזיסטירט די אײַנטיילונג פון „מײַנע" אייסאָקים און „ניט מײַנע" אייסאָקים. ער האָט געהאַלטן, אַז אַלץ, וואָס איז געווען קאָנצענטרירט אַף צוגרייטן דעם פּלוג פונעם מענטשן אין קאָסמאָס, האָט צו אים א דירעקטע שײַכעס און דאַרף זײַן אונטער זײַן אומיטלבאַרער אויפזיכט. איך האָב אָבער געהאַט דעם אײַנדרוק, אַז צום אָפּקלײַב פון די קאַנדידאַטן פּאַר קאָסמאָנאַווטן און צו זייער צוגרייטונג האָט ער אַרויסגעוויזן א באַזונדערן אינטערעס און זיך באַצויגן מיט אויסערגעוויינלעכער אופמערקזאַמקייט.

איך האָב שוין עפּעס־וואָס פריִער דערציילט פון די פּרינציפּיעלע האַנאָכעס, וועלכע זײַנען געלייגט געוואָרן אין יעסאָד פונעם אָפּקלײַב פון דער צוגרייטונג פון די ערשטע קאָסמאָנאַווטן. קיינער פון אונדז האָט ניט געהאַט אַזא קלאָרע פּאַרשטעלונג וועגן דעם ענדציל, ווי סערגיי פּאַוולאָוויטש. ער האָט אונטערגעזאָגט, וויאַזוי מע דאַרף אונדזערע באַמיִונגען קאָמבינירן מיט דער טעטיקייט פון אַנדערע אויספילער פון דער אַלגעמיינער פּראָגראַם. און עס איז קיינמאָל ניט געשען, אַז סערגיי פּאַוולאָוויטש זאָל ניט קומען צוהילף אין א שווערער מינוט. עס איז מאַמעש געווען צום באַוווּנדערן

זײַן שטענדיקע אינפאָרמירטקייט וועגן דעם גאַנג פון אַ גוואַלדיקער צאָל פאַרשידנאַרטיקע אַרבעטן, זײַן טיפע באַהאַוונטקייט אין די אויפגאַבעס און צילן פון יעדן אָפּטייל. קאָראָליאָוו האָט גיך און פאַרנונפטיק באַזײַטיקט אַלץ, וואָס האָט געשטערט אָדער טאָרמאַזירט די באַוועגונג פאָרויס. איך קאָן זיך ניט דערמאָנען קיין איין פאַל, ווען דער הויפּט־קאָנסטרוקטאָר זאָל געווען פאַרגעסן צו וואָרענען עמעצן וועגן אַ וויכטיקן איניען, ער זאָל ניט געווען באַצײַטנס פאַרפינקטלעכן און קאָרעקטירן די פאַרגעבונגען.

דאָ איז דאָס אָרט צו באַמערקן, אַז סערגיי פּאַוולאָוויטש, וועלכער האָט איטלעכן אָנגעשטעקט מיט זײַן אויסערגעוויינלעכער אַרבעטזאַמקייט, האָט אויך געקאָנט שטרענג פאָדערן און מאָנען אַן ענטפער צו דער צײַט פאַר אַן אָנפּאַרטרויטער אַרבעט. ער האָט זיך דערבײַ ניט גערעכנט דערמיט, צי דער מיטאַרבעטער איז געווען אים אונטערגעאָרדנט אין דינסט, אָדער ער האָט געהערט צו אַן אַנדער קאָלעקטיוו מיטפאַרשער.

קאָראָליאָוו פלעגט זעלטן־ווען און קנאַפּ וואָס פאַרשרײַבן, ער פלעגט אָבער קיינמאָל גאָרניט פאַרגעסן. מיט אַ זעלטענעם כוש האָט ער געקאָנט אָפּזוכן און צוציִען צו דער אַרבעט קאָמפּעטענטע אויספירער. ער האָט יעדן מיטאַרבעטער איבערצײַגט, אַז די אָנפּאַרטרויטע אויפגאַבע איז פאַר אים ווי אָנגעמאָסטן און אַז די גראַנדיעזע אַרבעט, וואָס ער נעמט אָנטייל אין איר, וועט געבן גלענצנדע רעזולטאַטן.

אַלץ, וואָס קאָראָליאָוו האָט אונטערגענומען און דורכגעפירט אין די 50־ער יאָרן האָט זיך פאַרענדיקט אַזוי דערפאָלגרײַך, אַז צום אָנהייב פון די 60־ער יאָרן איז שוין זײַן אויטאָריטעט געווען גענוג טײַלווײַז צו גאַראַנטירן דעם דערפאָלגרײַכן אויסגאַנג פון אַן אָרדנטלעכער אונטערנעמונג.

בעלי גוזמע קאָן מען זאָגן, אַז דער פּסיכאָלאָגישער קלימאַט אין די קאָלעקטיוון, וועלכע זײַנען געווען פאַרבונדן מיט דער קאָסמאָנאַווטיק, האָט געטראָגן אין זיך די שײַן פון קאָראָליאָווס פּערזענלעכקייט. ניט נאָר זײַנע באַפעלן און פאָדערונגען, אַפילו זײַנע פּאַשעטע אייצעס און פאָרלאָגן זײַנען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין געזעצן און אין אַ טעטיקייט־פּראָגראַם. איך מיין, אַז ס'איז קעדײַ געווען וועגן דעם דאָ צו דערמאָנען, ווײַל אַף אָט דעם פאָן טאַקע קאָן מען בעסער באַטראַכטן די פּראַקטישע טעטיקייט פון די קורסאַנטן פונעם ערשטן אָטריאַד פון דעם צענטער פאַר צוגרייטן קאָסמאָנאַווטן, די פּיאָנערן פון דער קאָסמישער רוי־ערד.

אַ וויכטיקער אָרגאַניזאַטאָרישער, מאָראַלישער און סטימולירנדיקער פאַקטאָר זײַנען געווען די ספּעציעלע זיצונגען פון דער טעכנישער אָנפירערשאַפט (דער הויפּט־קאָנסטרוקטאָר איז אײַנצײַטיק געווען אויך דער טעכנישער אָנפירער פונעם פּראָיעקט) און די זיצונגען פון דער מעלוכישער קאָמיסיע, אַף וועלכע עס פלעגן אַרויסטרעטן מיט באַריכטן די פאַראַנטוואָרטלעכע פאַרשטייער פון די קאָלעקטיוון, וואָס האָבן אָנטיילגענומען אין פאַנאַנדעראַרבעטן די וויכטיקסטע סיסטעמען פונעם קאָסמישן ראַקעט־קאָמפּלעקס.

די פײַערלעך־יאָמטעוודיקע אַטמאָספער פון אַזעלכע זיצונגען, די „הייליקע אַווידע" פון די פאָטאָ־ און קינאָ־דאָקומענטאַליסטן האָבן אונטערגעשטראָכן די גראַנדיעזקייט פון דעם, וואָס עס ווערט געגרייט, און די גוואַלדיק־גרויסע פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון יעדן איינעם, ווער עס האָט געהאַט אַ שײַכעס צום שטורעם פונעם קאָסמאָס. עס האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן דער קעגנזײַטיקער צוטרוי, וועלכער איז אַנטשטאַנען אין פּראָצעס פון דער געמיינזאַמער טעטיקייט.

די באַגעגעניש פונעם קאָמאַנדיר פון דער שיף און פון זײַן דובליאָר מיט דער סטאַרטעווע קאָמאַנדע פון ראַקעטשיקעס־אויספּרוווּלער באַ דער ראַקעטע, וועלכע איז שוין געשטאַנען אַ גרייטע צום סטאַרט, זײַנען אײַנגיכן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ טראַדיציע. די דאָזיקע באַגעגעניש, — האָט קאָראָליאָוו געזאָגט, — גיט די מעגלעכקייט די אויספּרוווּלער אַף דער ערד און אין קאָסמאָס זיך אָנצוקוקן פּאָנעם־על־פּאָנעם און אַף אַזאַ אופן זיך קעגנזײַטיק איבערצײַגן, אַז אַלץ, וואָס עס שטייט פאַר אָפּגעטאָן צו ווערן אין פלוג, איז אויסגעפילט און וועט אויסגעפילט ווערן געוויסנהאַפט.

אַ גוטע טראַדיציע פאַר דער ערשטער סעריע פלוגן אַף די „וואָסטאָק"־שיפן, אַ טראַדיציע, וועלכע קאָראָליאָוו האָט אונטערגעהאַלטן, איז געווען דאָס איבערפירן דעם קאָמאַנדיר פון דער שיף און זײַן דובליאָר, אַף דער נאַכט ערעוו דעם סטאַרט, פונעם האָטעל אין אַ באַזונדער שטיבל בישכייניש מיט דער סטאַרטעווער פּלאַטפאָרמע. אַדאַנק דעם האָט דער הויפּט־קאָנסטרוקטאָר, וועלכער האָט געוווינט אויך אין אַזאַ שטיבל, געהאַט די באַקוועמע מעגלעכקייט אָפּטער זיך אַרײַנצוכאַפּן צו די קאָסמאָנאַווטן. אַ צווייטע טראַדיציע זײַנען געוואָרן די אָפּדערנאַכטיקע שפּאַצירן און שמועסן ערעוו די פלוגן. סערגיי פּאַוולאָוויטש האָט אויסגענוצט די געלעגנהייט צו געבן בײַ די שפּאַצירן די לעצטע אָנווײַזונגען און דורכמאַכן די אָרדנטלעכע „פּסיכאָלאָגישע אָנלאָדונג" פונעם קאָסמאָנאַווט.

סערגיי פּאוולאָוויטש האָט אכטונג געגעבן, אז די ספּעציאַליסטן, וועלכע האָבן באזאָרגט די אויסשטאטונג פארן קאָמאנדיר פון דער שיף און פאר זײַן דובליאָר, זאָלן טאָן זייער זאך בישליימעס. שטרענג און ערנסט און איינציַיטיק אויך פײַערלעך איז צוגעגאנגען דאָס איבערפירן די קאָסמאָנאווטן צום סטארט אין א ספּעציעלן אווטאָבוס. פײַערלעך האָט געקלונגען דער ראפּאָרט פונעם קאָמאנדיר פון דער מעלוכישער קאָמיסיע צופוסנס דער ראקעטע.

סערגיי פּאוולאָוויטש האָט אָפּט באטאָנט, אז די דערציִונג שטייט נאָך העכער פונעם לערנען, ווען מיר האָבן צו טאָן ניט מיט שטומער טעכניק, נאָר מיט א לעבעדיקן מענטשן, וואָרעם דער מענטש וועט אלץ טאָן פּינקטלעכער, וואָס גרעסער עס איז זײַן ענטוזיאזם און וואָס שטארקער ער איז פארינטערעסירט אין דעם מאָרגנדיקן טאָג. קאָראָליאָוו זעלבסט האָט זיך שטרענג געהאלטן בא דעם דאָזיקן פּרינציפּ, כאָטש, צוריקגעשמועסט, האָט ער קיינמאָל ניט פארמינערט די ראָליע פון וויסן און קענטעניש און ניט דערלויבט, ניט זיך און ניט אַן אנדערן, צוצוטרעטן צו דער לייזונג פון ערנסטע פּראָבלעמען אָן דער געהעריקער געשולטקײַט, די פּאָזיטיווע רעזולטאטן פון זײַן האשפּאָע האָבן זיך זייער געלאָזט פילן אין דער אידעאָלאָגישער טעטיקײַט באם צוגרייטן די קאָסמאָנאווטן.

דאָ האָט מען ברייט אָנגעווענדט דעם קלאל, וועלכער איז אזוי גוט באוווּסט געווען אונדזערע קורסאנטן פון דער צײַט, ווען זיי זײַנען געווען טעטיק אלס אוויִאטאָרן: „לעבן זאָלסטו מיט דער האָפענונג, אז אלץ וועט זײַן אין דער בעסטער אָרדענונג, נאָר זײַ שטענדיק גרייט צום ערגסטן”. יעדער ספּעציאַליסט־אָנטיילנעמער אין צוגרייטן די קאָסמאָנאווטן איז געווען מעכוּוו צו פארזאָרגן די מאָראלישע און פּסיכאָלאָגישע „געפארלאָזיקײַט” און אויך קאָנסאָלידירן די עמאָציאָנעלע „אָנגעלאָדנקײַט צום פליִען” פון יעדן צוהערער באזונדער.

אין אָנהייב מארט 1961 (פּונקט 12 כאדאָשים נאָך דעם, ווי עס האָט זיך אָנגעהויבן דער רעגולערער לערן־ און טרענירונג־פּראָצעס פונעם צענטער) איז צו אונדז אין זוויאָזדנע געקומען צו פאָרן א גרויסע, הויך־אווטאָריטעטע קאָמיסיע. די קאָמיסיע האָט באקומען דעם אופטראָג אָפּצושאצן אלץ, וואָס איז רעאליזירט געוואָרן אין מעשעך פונעם יאָר אין פראט פון צוגרייטן אונדזערע זעקס קאָסמאָס־פּיאָנערן צום פלוג: גאגארינען, טיטאָוון, ניקאָלײַעוון, פּאָפּאָוויטשן, ביקאָווסקין און נעליובאָוון. זי האָט אויך געדארפט אופנעמען בא זיי דעם מינדלעכן עקזאמען אָפּ צו באקומען דעם טיטל קאָסמאָנאווט.

אינדערעמעסן, האָבן דאָן אָפּגעגעבן אן עקזאמען ניט אזוי דאָס ערשטע „זעקסטלינג”, ווי דער גאנצער יונגער קאָלעקטיוו ספּעציאַליסטן און אָנפירער פונעם צענטער פאר צוגרייטן קאָסמאָנאווטן. אָף יעדן פון די עקזאמענירטע איז דער קאָמיסיע צוגעשטעלט געוואָרן א סאָלידע „דאָסיע”. די דאָקומענטן האָבן געגעבן אן אויסשעפּנדיקע, אלזײַטיקע כאראקטעריסטיק וועגן יעדן אָבסאָלווענט: זײַן געזונט־צושטאנד, פּסיכישער סטאטוס, פּראָפעסיאָנעלע קענטענישן און געוווינהײַטן, וועלכע האָבן זיך ארויסגעוויזן אין מעשעך פונעם לערניאָר אין דעם צענטער. קאָנקרעטע יעדיִעס — אָפּשאצונגען, קאָלערלײַ „ספּראווקעס” — האָבן זיך קאָמפּלעקטירט מיט כאראקטעריסטיקעס, אויספירן, באשלוסן, אין וועלכע די ספּעציאַליסטן האָבן באגרינדעט זייערע פּראָגנאָזן וועגן די פּערספּעקטיוון פון יעדער פּערזאָן פארן פליִען אין קאָסמאָס.

אלע זעקס אָבסאָלווענטן האָבן באקומען פונעם צענטער סערטיפיקאטן פון העכסטער קוואליפיקאציע. זיי זײַנען אלע רעקאָמענדירט געוואָרן אלס קאנדידאטן צום פארווירקלעכן דעם ערשטן פלוג אין קאָסמאָס.

די הויכגעשטעלטע קאָמיסיע איז געקומען צו אזא אויספיר אפן סמאך פון ריזיקער פאראנטוואָרטלעכער ארבעט, וואָס איז אָפּגעטאָן געוואָרן לעטויוועס דעם פאָטערלאנד און, עס וועט ניט זײַן קיין בארימערײַ צו זאָגן, לעטויוועס דער מענטשהײַט.

די פּעדאנטע קאָמיסיע האָט דורכגעשטודירט אלע צוגעשטעלטע מאטעריאלן, דורכגעפירט א מינדלעכן קאָמפּלעקס־עקזאמען מיט אונדזערע ערשטע אָבסאָלווענטן. די רעזולטאטן האָבן פולקום באשטעטיקט די אויספירן און באשלוסן פון די ספּעציאַליסטן און אָנפירער פונעם צענטער פאר צוגרייטן קאָסמאָנאווטן. אלץ איז פארפיקסירט געוואָרן אין א פּראָטאָקאָל, וועלכער איז שוין הײַנט־צו־טאָג א היסטאָרישער דאָקומענט.

די קאָמאנדשאפט פון דער מיליטערישער אוויִאציע, די טעכנישע אָנפירערשאפט פונעם פּראָיעקט „וואָסטאָק” און, לעסאָף, די מעלוכישע קאָמיסיע האָבן אָבער נאָך געוואָלט באקומען פונעם צוגרייטונגס־צענטער א באגרינדעטע רעקאָמענדאציע וועגן דער קאנדידאטור פונעם פליִער־קאָסמאָנאווט נומער 1 און פון דער קאנדידאטור פון זײַן דובליאָר.

וויאזוי צו ענטפערן אף אזא פראגע האָבן מיר, די אָנפירער און ספּעציאַליסטן פונעם צענטער, זיך אָנגעהויבן פארטראכטן נאָך אין הארבסט 1960, ווען עס איז אויסגעטיילט גע־

וואָרן „דאָס אוואַנגאַרדנע זעקסטלינג“. אזוי־ארום, האָבן מיר געהאַט העכער זיבן כאַדאָשים צײַט צו באַזיניקן די קאַנדידאַטור פונעם פּאַסיקסטן מענטשן ניט נאָר אַף אויסצופילן דער־פאָלגרײַך די ביז גאָר פאַראַנטוואָרטלעכע אויפגאַבע, נאָר אויך אַף דינען אַלס בײַשפּיל מיט זײַן ווירדיקער אויפירונג אין פּעריאָד נאָכן פאַרווירקלעכן דעם פלוג (דער קאָפּ זאָל זיך אים ניט פאַרדרייען פון דער פאַרשטייענדיקער באַרימטקײַט און רום, וועלכע וועלן אויספאַלן אַף זײַן גורל).

קעגנשטעלנדיק און פאַרגלײַכנדיק איינעם מיטן אַנדערן די זעקס פּערזאָן פון דער אוואַנגאַרד־גרופּע, האָבן מיר אַלץ אָפטער זיך אָפּגעשטעלט אַף גאַגאַרינען און אַלץ מער אײַנגעשטימט, אַז דאָס איז די פּאַסיקסטע קאַנדידאַטור פאַרן ערשטן פלוג. מיר האָבן אין דעם פאַל אַף גאָרניט געדאַרפט פאַרמאַכן די אויגן, אַלץ איז צוגעגאַנגען ערלעך און אָביעקטיוו.

מער ווי אַלע אַנדערע האָט יורי פאַרמאָגט אַ גוזמע פּאָזיטיווע שטריכן און מײַלעס, אײַנשליסנדיק באַצויבערונג, גוטסקײַט און די פּייִקײַט אויפצוהיטן אָט די ווונדערבאַרע אייגנשאַפטן, נויסע־כיין זײַן ניט נאָר אין אָפּטימאַלע באַדינגונגען, נאָר אויך בייס שווערע ניסיוינעס, וועלכע דאָס לעבן האָט מיט זיך מיטגעבראַכט.

ספּעציאַליסטן פונעם צענטער האָבן פאָרגעלייגט גאַגאַרינען פאַר דעם ערשטן קאַנדידאַט צום פלוג אין קאָסמאָס און טיטאָוון פאַר זײַן דובליאָר. אַף אונדזער פאָרשלאָג האָבן געגעבן די האַסקאָמע אַלע העכערע אינסטאַנציעס, און ער איז, אין לעצטן סאַכאַקל, רעאַליזירט געוואָרן.

ווי באַוווסט, האָט גאַגאַרין באַרעכטיקט זײַן אויסוואַל. ער האָט ניט נאָר אויסגעצייכנט פאַרווירקלעכט זײַן אויפגאַבע אין פלוג, נאָר אויך אָפּן גלענצנדיקסטן אויפן זיך אויפגעפירט אין מעשעך פונעם גאַנצן פּעריאָד נאָכן פלוג, און דעם פאַרדינטן רום האָט ער געווידמעט אונדזער סאָציאַליסטישן היימלאַנד.

גאַגאַרין איז געווען דער ערשטער אײַנוווינער פון אונדזער פּלאַנעטע, וועלכער האָט זיך אויפגעהויבן אין קאָסמאָס! ווער עס האָט נאָר געהאַט אַ שײַכעס צו דער עפּאָכעמאַכנדיקער געשעעניש, איז באַרעכטיקט צו שטאָלצירן מיט זײַן בײַטראָג, מעג ער זײַן גרויס אָדער קליין! אַלעמענס מי האָט געפונען אַ קאָנצענטרירטן אויסדרוק אינעם אויפטו פון דעם געוויסנהאַפטן, לעבנסלוסטיקן באַצויבערנדיקן רוסישן יאַט, וואָס זײַן נאָמען איז גאַגאַרין.

סערגיי פּאַוולאָוויטש האָט ליב באַקומען גאַגאַרינען ווי אַן אייגענעם זון. ער פלעגט זאָגן, אַז יורי איז די פאַרקערפּערונג פון דער אייביקער יונגשאַפט פון אונדזער פאָלק. „אין זײַן פּערזאָן באַהעפטן זיך מאַזלדיק נאַטירלעכע גוורע מיט אַן אַנאַליטישן סייכל און אויסשליסלעכער אַרבעטזאַמקײַט“.

זייער גיך נאָכן פלוג אין קאָסמאָס, וועלכער האָט אויפגערודערט די גאַנצע וועלט, האָבן אָנגעהויבן זיך אַרויסווײַזן גאַגאַרינס פּייִקײַטן און טאַלאַנטן, וועלכע זײַנען ביז דאַן ניט געווען באַוווסט ניט אונדז, ניט אים אַליין. זייער נאַטירלעך האָט ער גענומען אַף זיך די מיסיע פון אַן אָנגעזעענעם געזעלשאַפטלעכן טוער פון דעם ערשטן לאַנד פון די סאָוועטן, פון אַן אַקטיוון אינטערנאַציאָנאַלן קעמפער פאַר שאָלעם. ער איז אויך געוואָרן אַ דערציִער פון זײַנע נאָכפאָלגער־קאָסמאָנאַווטן. דער קאָסמאָנאַווט נומער 1 איז באַשטימט געוואָרן פאַרן פאַרטרעטער פונעם שעף פון דעם צענטער, וועלכן עס איז נאָך זײַן פריצײַטיקן טויט צוגעייגנט געוואָרן זײַן נאָמען.

גאַגאַרינס אַ וואַרעמע טרעפלעכע כאַראַקטעריסטיק ברענגט אין זײַנע מעמוואַרן דער העלד פון סאָוועטנפאַרבאַנד, דער פליִער־אויספאָרשער נומער 8, פּראָפעסאָר קאָנסטאַנטין פעטראָוויטש פעאָקטיסטאָוו: „גאַגאַרין האָט קיינמאָל זיך ניט געשטעלט אין דער פּאָזע פון אַ מענטש — אַן אוניקום. ער האָט זיך שטענדיק גערעכנט פאַר אַ געוויינלעכן באָסערוועדאָם, וועלכן עס איז אויסגעקומען צו ווירקן אין אויסערגעוויינלעכע באַדינגונגען. ער האָט רויִק און באַדאַכט זיך באַצויגן צו זײַן קאָפּשווינדלדיקן רום און טרײַ געבליבן זײַן רעפּוטאַציע פון אַ פּאָשעטן רוסישן מענטשן, וועמען עס איז באַשערט געווען צו זײַן אַן ערשטער אין דער אַלוועלט...“

מיט אַ געוויסער צײַט שפּעטער, שוין נאָכן גרויסן טריִומף, מיט וועלכן עס האָבן זיך פאַרענדיקט גאַגאַרינס און טיטאָווס פלוגן, איז אָפט אויסגעקומען צו הערן פון די וויסנדורשטיקע קאָרעספּאָנדענטן אַזאַ מין פראַגע: „צי האָט דער פאַקט, וואָס אין פּשאַ האָט מען אָנגעהויבן מיט אַ יאָר פריִער צוגרייטן אַסטראָנאַווטן, געהאַט אַ ווירקונג אַפן צוגרייטן די סאָוועטישע קאָסמאָנאַווטן?“

איך האָב זיך דערמאָנט וועגן דעם ניט צופעליק: עס האָבן זיך געפונען אין אויסלאַנד קאָמענטאַטאָרן, וועמען ס'האָט זיך געוואָלט אַ קאָפּעטשקע אָפּשוואַכן דעם רעזאָנאַנס אין דער גאָרער וועלט פון די סאָוועטישע דערפאָלגן אין באַהערשן דעם קאָסמאָס. און אַזויווי אַ טייל פון מײַנע כאָשעווע לייענער איז געוויס ניט שטאַרק אינפאָרמירט, מיט וואָס עס שיידן זיך אונטער די אַרבעטן, וועלכע זײַנען אין יענער צײַט דורכגעפירט געוואָרן אין סאָוועטנפאַר־

אפן שאבעסניק, 1964

יו. א. גאגארין און ג. ס. שאָנין אפן שאבעסניק אין „זוויאָזדנע“, 1965

י. א. גאגארין נאָכן אומקערן זיך אפן אעראָדראָם, 1967

י. א. גאגארין אף דער צענטריפוגע, 1965—1964

ב. וואָלינאָוו, י. גאגארין און דער קינאָ־אַפּעראַטאָר וו. באטורין, 1960

באַנד און אין פּשאַ, מיין איך, אַז עס וועט ניט זײַן איבעריק געניער צו באַלײַכטן אייניקע אַספּעקטן פון דעם איניען.

ערשטנס, איז דער גאַנג פון דער צוגרייטונג פונעם מענטשן צום קאָסמישן פלוג געווען אָפּהענגיק אין דער ערשטער ריי פון די טעכנישע מיטלען, וואָס מיט זייער הילף האָט מען געקאָנט פאַרווירקלעכן דעם געוואַגטן און דרייסטן פאַרטראַכט. צווייטנס, האָט מען אין אַ באַליביקן פאַל געדאַרפט בייס דער צוגרייטונג אויסאַרבעטן די נייטיקע פּראָפעסיאָנעלע געוווינהײַטן און באַזאָרגן די געהעריקע קענטעניש, וועלכע עס מוז באַזיצן דער קאָסמישער אָפּעראַטאָר, דורכאַרבעטן אַלצדינג, וואָס ער האָט געדאַרפט „נעמען אַף זיך".

איך האָב שוין אין אָנהייב פון מײַנע זיכרוינעס באַרירט דעם צווייטן טייל פון דער פראַגע. די אַסטראָנאַווטן אין פּשאַ זײַנען געווען מעכויעוו צו שפּילן אַן אַקטיווע ראָליע אַף אַלע סטאַדיעס פונעם פלוג אינעם לאָזן אין גאַנג די סיסטעמען פון דער שיף „מערקורי". טאַקע צוליב דעם צוועק האָט מען פון די אַסטראָנאַווטן געפאָדערט, זיי זאָלן דורכמאַכן פּרעלימינאַרע סובאָרביטאַלע פלוגן אַף די ראַקעטעס. די אַסטראָנאַווטן האָבן געדאַרפט פון זייער אייגענער דערפאַרונג זיך איבערצײַגן אין דער עפעקטיווקײַט פון דער סיסטעם פונעם האַנטפּילאָטאַזש, וועלכע איז געווען אינסטאַלירט אַף דער אַמעריקאַנער קאָסמישער שיף. ס'איז קלאָר, אַז אַף אָט דעם געביט האָבן די אַמעריקאַנער ספּעציאַליסטן און די אַסטראָנאַווטן געהאַט צו לייזן קאָמפּליצירטע פּראָבלעמען. מיר אין סאָוועטנפאַרבאַנד, האָבנדיק אין אונדזער רעשוס די אויסגעפּרוּווטע אויסרעגולירטע אויטאָמאַטישע סיסטעם פון דער שיף „וואָסטאָק", האָבן ניט געהאַט די נויטווענדיקײַט די גאַנצע צײַט אײַנצושליסן דעם קאָסמישן אָפּעראַטאָר אינעם פּראָצעס פונעם אייגנהאַנטיקן מאַניפּולירן בייסן פלוג. אונדזערע קאָסמאָנאַווטן האָבן ניט געמוזט דורכמאַכן קיין פּרעלימינאַרע סובאָרביטאַלע פלוגן אַף די ראַקעטעס. דאָס אַלץ האָט שוין אין אַ באַדײַטנדיקער מאָס פאַרגיכערט די צוגרייטונג פון אונדזערע פּיאָנערן אין קאָסמאָס.

אַ וועזנטלעכער פּרינציפּיעלער אונטערשייד צווישן די סאָוועטישע און אַמעריקאַנישע שיפן איז געווען אין דער סיסטעם פון פאַרזאָרגן דאָס אָטעמען פון די פּילאָטן בייסן פלוג. אַף דער „מערקורי"־שיף האָט דער אַסטראָנאַווט אַרײַנגעאָטעמט ריינעם זויערשטאָף, און דער דרוק אין דער קאַבינע איז געווען אַ נידעריקער. די סיסטעם אַפן „וואָסטאָק" האָט געגעבן אַ מעגלעכקײַט דעם קאָסמאָנאַווט פּאַקטיש צו אָטעמען נאָרמאַל, און דער דרוק אין דער קאַבינע איז געווען פון איין אַטמאָספער.

אַזוי אַרום, איז קלאָר, אַז די פּראָפעסיאָנעלע פליכטן פונעם קאָסמאָנאַווט בײַ אונדז זײַנען געווען פּאַשעטערע און לײַכטערע אין פאַרגלײַך מיט די אַמעריקאַנישע. אונדזערע קאָסמאָנאַווטן האָבן אָבער געדאַרפט זײַן די ערשטע אין קאָסמאָס. זיי איז פאַרגעשטאַנען פלײַסיק זיך גרייטן צו דעם אַלעמען, וואָס ביז גאַגאַרינען, טיטאָוון, ניקאָלײַעוון, פּאָפּאָוויטשן, ביקאָווסקין און טערעשקאָוען האָט נאָך קיינער ענדגילטיק ניט געקאָנט וויסן און פּראָגנאָזירן. דאָס האָט געהייסן, אַז גרייטן האָט מען זיך געדאַרפט אַזוי, אַז אין יעדן פלוג פון דער ערשטער סעריע, ווו עס האָט זיך געדאַרפט באַשליסן די פראַגע, צי עס איז שוין געקומען די צײַט פאַרן מענטשן צו פליִען אַרום דער ערד, — זאָל מען זײַן ווי ווײַט מעגלעך ווייניקער אײַנגעשטעלט מיטן לעבן. אַפילע אויב די פאָרשער האָבן אין זייער רעשוס מאַקסימאַלע אינפאָרמאַציע, זײַנען זיי אויך ניט בעקויעך פאָרצוזעצן און באַצײַטנס באַזײַטיקן אַלע מעגלעכע צופעליקײַטן. אין אונדזער פאַל האָבן זיי שטאַרק געדאַרפט פילן דעם מאַנגל אין פולער און אַלזײַטיקער אינפאָרמאַציע. אָבער דאָס לעבן האָט אַרויסגערוקט אין פאָדערגרונט אַ דרינגענדיקע אויפגאַבע, און מע האָט זיך געמוזט באַשליסן אַף אַ דירעקטן עקספּערימענט.

דערפאַר האָט זיך באַקומען אַזוי, אַז די סאָוועטישע און אַמעריקאַנישע פּראָגראַמען פון אָפּקלײַבן און צוגרייטן די ערשטע פליִער צו די שטערן זײַנען געווען פּרינציפּיעל פאַרשיידענע: פאַרן „מערקורי" האָט מען געגרייט אַן אָפּעראַטאָר, וועלכער האָט פעסט באַהערשט די געוווינהײַטן פון אַקטיוון זעלבשטענדיקן פּילאָטירן די שיף, פאַרן „וואָסטאָק" — אַ שרעקלאָזן אויספאָרשער, וועלכער האָט דער ערשטער געדאַרפט אָפּשאַצן די מעגלעכקײַטן פונעם מענטשלעכן אָרגאַניזם, זײַן פּסיכישע שטאַנדהאַפטיקײַט אין די באַדינגונגען, בייס וועלכע ער איז אויסגעשטעלט אַף דער ווירקונג פון פיל אומבאַוווּסטע פאַקטאָרן אין קאָסמישן רוים.

ווען דער ערשטער קאָסמישער פלוג זאָל געווען זיך פאַרענדיקן מיט אַ טראַגישן דורכפאַל, וואָלט די פּילאָטירטע קאָסמאָנאַווטיק אָפּגעוואָרפן געוואָרן אַף צוריק ווער ווייסט אַף וויפל צײַט. ס'וואָלט זיך געשאַפן אַ כאַראַקטעריסטישע אין אַזאַ פאַל היפּער־פאָרזיכטיקײַט, און מע וואָלט זיך גענומען זוכן נײַע, מער עפעקטיווע און זיכערע מיטלען אַף צו פאַרטיידיקן דעם עקיפּאַזש בייסן פלוג.

ס'איז קעדײַ דאָ אונטערצושטרײַכן, וואָס אייגנטלעך די פּילאָטירטע קאָסמאָנאַווטיק (אַפן ערשטן עטאַפּ פון איר אַנטוויקלונג) האָט גע־

יאָרשנט פון די פריערדיקע ניט־פּילאָטירטע קינסטלעכע ספּוטניקעס פון דער ערד. ערעוו די זעכציקער יאָרן האָט זיך שוין געהאַט געשאַפן א באַשטימטער, סטערעאָטיפּישער צוגאַנג צו די ראַקעטן־קאָסמישע מיטלען. עס איז באַוווּסט, אַז די פלוגן פון די קינסטלעכע ספּוטניקעס פון דער ערד (אָן און מיט פאַרשיידענע באַלעבּײַים אויפן באָרט) זײַנען פאָרגעקומען אין די באַדינגונגען פון אויטאָמאַטישן פונקציאָנירן פון אַלע באָרט־סיסטעמען.

וואָס איז שײַך דער ראַציאָנעלער אײַנטיילונג פון די פונקציעס צווישן דעם קאָסמאָנאַווט, וועלכער האָט זיך צום ערשטן מאָל באַוויזן אויפן באָרט, און די שוין דאָרט פונלאַנג אײַנגעפונדעוועטע אויטאָמאַטן, האָט זי ניט געקאָנט פאָרקומען טייקעף, דאָס הייסט — באַגלײַך מיט די ערשטע פלוגן פונעם מענטשן אין קאָסמאָס. עס איז נייטיק געווען א פאַרנונפטיקע פאָרזיכטיקייט, א סאַך פאָרשערישע טעטיקייט און א באַשטימטע מעטאָדישע קאָנסעקווענטקייט, קעדיי צו פאַרווירקלעכן דעם געהעריקן טעכנישן „שפּרונג" אין אָט דעם געביט.

די אויפגאַבן, וועלכע זײַנען געשטעלט געוואָרן פאַר די ערשטע סאָוועטישע לאָצמאַנען אין זייער פלוג אינעם אַרום־ערדישן רוים, זײַנען ניט געווען קיין קאָמפּליצירטע. אָבער מע דאַרף געדענקען, אַז די דאָזיקע פליִער זײַנען געווען די ערשטע אין דער וועלט־געשיכטע, ווען עס איז פאָרגעשטאַנען צו פאַרווירקלעכן די אָרביטאַלע קאָסמישע פלוגן. צוערשט איין קרײַז אַרום דער פּלאַנעטע, דערנאָך א מעסלעס, דרײַ, פיר און פינף מעסלעס אויף די שיף־ספּוטניקעס פון דער סעריע „וואָסטאָק" ((1־6). די סאָוועטישע קאָסמאָנאַווטן פון דער ערשטער גרופּע זײַנען געווען אויך די ערשטע, וואָס האָבן פאַרווירקלעכט דאָס אַרויסגיין פונעם מענטשן אין אָפענעם קאָסמאָס („וואָסכאָד־2").

נאָכן רעאַליזירן די פּראָגראַם פון דער ערשטער סעריע פלוגן, האָבן די סאָוועטישע פאָרשער באַקומען די מעגלעכקייט דורכצופירן די נייטיקע אונטערזוכונגען און פּערפעקציאָנירונגען. זיי האָבן אָנגעזאַמלט א היפּשע דערפאַרונג און באַשטימט די ווײַטערדיקע אַקטיווע ראָליע פונעם קאָסמישן אַפּעראַטאָר בייסן פלוג, שטופנווײַז אַרײַנציִענדיק אים אין פּראָצעס פון שטרענג־פּראָגראַמירטער פּילאָטירונג פון דער שיף אין פאַל, ווען די אויטאָמאַטיק וועט אויפהערן פונקציאָנירן.

די ערשטע קאָסמישע רײַזנדער אויף די שיפן „וואָסטאָק" האָבן געגעבן די פאָרשער און קאָנסטרוקטאָרן די מעגלעכקייט צו ענטפערן פּאָזיטיוו אויף דער פראַגע, צי דער מענטש קאָן עקזיסטירן און אַרבעטן אין דעם בײַ־ערדישן רוים. עס איז פעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז די פּסיכאָפיזיאָלאָגישע רעזערוון פונעם אָרגאַניזם דערלויבן דעם קאָסמאָנאַווט אויסצופילן א קאָמפּליצירטע און לאַנגדויערנדיקע אַרבעט אינעם באַגרענעצטן שעטעך פון דער שיפּס־קאַבינע, ווו עס זײַנען געשאַפן געוואָרן די נייטיקע באַדינגונגען אויף צו באַזאָרגן די לעבנסטעטיקייט פונעם מענטשן, און עס בלײַבט אומבאַזײַטיקט נאָר די וואָגלאָזיקייט. שפּעטער זײַנען, ווי באַוווּסט, די לעכאַטכילעדיקע פאָדערונגען צום געזונט־צושטאַנד פונעם קאָסמאָנאַווט אין א געוויסער מאָס מילדער געוואָרן. דעליקאַטע קאָרעספּאָנדענטן פרעגן געווײנלעך: „עפּשער איז טאַקע די ערשטע צײַט בייסן אָפּקלײַבן און צוגרייטן די קאָסמאָנאַווטן ניט צוגעגאַנגען אָן אַן איבערסטראַכירונג?" אינגאַנצן אָפּלייקענען קאָן מען עס ניט. עס זײַנען אויף דעם געווען גאָר וואָגיקע סיבעס.

ערשטנס, האָט מען נאָך אין יענער צײַט גאָר ווייניק געוווּסט וועגן דער ווירקונג פון די באַדינגונגען אין קאָסמאָס אויפן לעבעדיקן אָרגאַניזם בייסן פלוג (די סוידעספּולע וואָגלאָזיקייט, די ראַדיאַציע, די מעטעאָרישע געפאַר, די פאַרגיכערונג און טאָרמאָזירונג). מע האָט אויך ניט געקאָנט אויסשליסן די מעגלעכקייט, אַז דער אַפּאַראַט זאָל זיך נעמען דרייען אַרום אַלע דרײַ אַקסן באַם אומקערן זיך אויף דער מוטער־ערד. צווייטנס, זײַנען די מעדיקער געווען אין אַן ערגערער לאַגע אין פאַרגלײַך מיט די אינזשעניערן, וועלכע האָבן געקאָנט, ווען עס איז נייטיק געווען, דובלירן די אָנגעווענדטע טעכנישע מיטלען. די מעדיקער האָבן אַזאַ מעגלעכקייט ניט געהאַט — דער מענטש איז שטאַרק נאָר מיט דעם, וואָס ער פאַרמאָגט, שאַפן רעזערוון פון זיכערקייט פאַר די הויפּט־סיסטעמען פונעם קאָסמאָנאַווטס אָרגאַניזם האָט מען ניט געקאָנט.

נעמענדיק דאָס אין אַכט, האָבן מיר געשטרעבט פאַרצולייגן פאַרן פלוג אין קאָסמאָס מענטשן מיט פיל העכערע פּסיכאָפיזיאָלאָגישע אייגנשאַפטן און מעגלעכקייטן. אין אַזאַ לאַגע האָבן די אויספירער פון דעם אָפּקלײַב און פון דער צוגרייטונג באַקומען א געוויסע רעכט אויף א מעסיקער איבערסטראַכירונג. איך בין איבערצײַגט, אַז אָן אַזאַ מין „סטראַכאָווקע" איז ניט מעגלעך געווען דערפאָלגרײַך צו לייזן די געשטעלטע אויפגאַבע, און מיר וואָלטן אויך געהאַט ווייניקער שאַנסן צו געווינען אין פרידלעכן פאַרמעסט מיט די אַמעריקאַנער.

אינקורצן וואָלט מען געקאָנט אויף אַזאַ מין פראַגע ענטפערן מיט צוויי גוט באַקאַנטע פאָלקסווערטלעך: „די שרעק האָט גרויסע

אויגן" און „דער טײַוול איז גאָרניט אַזוי שרעקלעך, ווי מע מאָלט אים..."

איך וועל זיך דערלויבן אָפּצושטעלן נאָר אַף איין פֿראַגע, וואָרעם אַף איר איז טייל־מאָל אויסגעקומען צו ענטפֿערן, זײַענדיק אין אויסלאַנד. די דאָזיקע פֿראַגע האָט זיך געלאָזט הערן באַלד נאָך דער מיטיילונג וועגן דעם ערשטן פֿלוג פֿון אַ סאָוועטישן מענטשן אין קאָסמאָס. עס האָבן זיך געפֿונען סקעפּטיקער, וועלכע האָבן כּוישעד געווען, אַז גאַגאַרין איז גאָרניט געווען דער ערשטער, מע האָט פּאַשעט פֿאַרשוויגן די אַלע, וועלכע זײַנען אומגעקומען פֿאַר אים, ווען זיי האָבן געפּרוּווט טאָן די זעלבע זאַך...

דער גרעסטער טייל פֿון די, וועלכע האָבן געשטעלט אַזאַ שײַלע, האָבן זיך געפֿילט ניט באַקוועם, פֿאַרשטייענדיק, אַז עס איז ניט קאָרעקט פֿון זייער זײַט. זיי האָבן געוואָלט זיך איבערצײַגן אין דער וואָרהאַפּטיקייט פֿונעם ענטפֿער, אַרײַנקוקנדיק אונדז גלײַך אין די אויגן און צוהערנדיק זיך צו דער אינטאָנאַציע אין דער שטים. איך בין זיך מעשײַער, אַז די דאָזיקע זשורנאַליסטן האָבן זיך ניט גענוג ערנסט פֿאַרטראַכט וועגן דעם, מיט וואָס פֿאַר אַ ציל געוויסע קרײַזן האָבן אונטערגעוואָרפֿן אָט די דעזינפֿאָרמאַציע.

עס געדענקט זיך, ווי צאָרנדיק קאָראָליאָוו האָט רעאַגירט אַף אַזעלכע רייד. ער האָט דערקלערט, אַז מע דאַרף זיך ניט צוהערן צו אַזאַ מין רעכילעס. גאַגאַרין, וועלכער איז בײַגעווען דערבײַ, האָט באַלד צוגעגעבן, אַז כאָטש ער איז פּערזענלעך נאָך ניט באַקאַנט מיט די אַמעריקאַנער אַסטראָנאַווטן, איז ער דאָך אָרעוו, אַז זײַנע קאָלעגן פֿון יענער זײַט אָקעאַן וועלן זיך ניט באַטייליקן אין אַזעלכע אומדאַנקבאַרע פֿאַרדאַכטן.

אַף אַרויסצולאָזן די „קאַטשקעס" האָט מען אויסגענוצט מענטשן, וועלכע האָבן שוין לאַנג פֿאַרגעסן, וואָס עס הייסט ערלעכקײַט און געוויסן, און זיי זײַנען שטענדיק גרייט פֿאַר יעדער פּרײַז צו באַשמוצן און פֿאַרשוועכן דעם באַטײַט פֿון יעדן גרויסן אופֿטו, אויב ער שטאַמט פֿון דער סאָוועטישער זײַט. ווי מיר זעען, האָט עס אויך ניט אויסגעמיטן אונדזער פּריאָריטעט אינעם געבורט פֿון קאָסמאָנאַוויטיק אַף דער פּלאַנעטע ערד.

אייניקע פֿון די באַזונדערס „נײַגעריקע" האָבן זיך געסטאַרעט באַקומען בא מיר „אינפֿאָרמאַציע" מיט אַלע פּישטשעווקעס „פֿונעם ערשטן קוואַל", ווייסנדיק, אַז איך בין געווען אין באַשטאַנד פֿון דער אָנפֿירערשאַפֿט מיטן צענטער פֿאַר צוגרייטן קאָסמאָנאַווטן אין מעשעך פֿון די ערשטע יאָרן פֿון זײַן עקזיסטענץ. זיי האָבן ניט אופֿגעהערט צו גריבלען זיך און געהאַלטן אין איין נאָכפֿרעגן זיך וועגן עפּעס אַ מיסטעריִעז און אומצוטריטלעכן „טרויער־צימער פֿון די סאָוועטישע קאָסמאָנאַווטן. זיי, די דאָזיקע נײַגעריקע אַלדאָס־וויסער, האָבן אַפֿילע געוווּסט צו דערציילן, אַז אין דעם דאָזיקן „מוזיי" זײַנען צונויפֿגעזאַמלט דאָקומענטן, פֿאָטאָגראַפֿיעס, מַאלבושים און פּערזענלעכע זאַכן פֿון דרײַ, צי גאָר אַפֿילע פֿון פֿינף קאָסמאָנאַווטן, וועלכע האָבן זיך אָן דערפֿאָלג געלאָזט פֿליִען אין קאָסמאָס פֿאַר גאַגאַרינען...

די אַלע דיבורים זײַנען ניט מער ווי רעכילעס אַף די האַרעפּאַשניקעס אין אָט דעם געביט, וועלכע האָבן ערלעך און גוטווייליק געטאָן זייער שווערע אַרבעט און פֿיל בײַגעטראָגן צום באַהערשן דעם קאָסמאָס, נעמענדיק אַף זיך היפּשע שוועריקײַטן און גרויסע סאַקאָנעס. אַזוינע רייד דריקן אויס ניט מער ווי אומדאַנקבאַרקײַט לעגאַבע סאָוועטישע מענטשן, וועלכע האָבן אָפֿנהאַרציק דערציילט וועגן די רעזולטאַטן פֿון זייער אַרבעט און ברייטהאַרציק זיך געטיילט מיט זייער ערשטער דערפֿאַרונג.

פֿאַרענדיקנדיק מײַנע זיכרוינעס אין שײַכעס מיט דער געשיכטע פֿון צוגרייטן די ערשטע קאָסמאָנאַווטן, געפֿין איך פֿאַר נייטיק נאָכאַמאָל אונטערצושטרײַכן, אַז קאָראָליאָווס און גאַגאַרינס נעמען זײַנען ניט נאָר געוואָרן די סימבאָלן פֿון דער קאָסמישער עפּאָכע, וועלכע האָט זיך אָנגעהויבן אין 1957 מיטן אַרויסלאָזן די אינטערקאָנטינענטאַלע באַליסטישע ראַקעטע און דעם ערשטן קינסטלעכן ספּוטניק פֿון דער ערד, זיי זײַנען איינצײַטיק געוואָרן סימבאָלן פֿון גווורע, העלדישקײַט און געטרײַשאַפֿט דעם היימלאַנד. וואָס מערער צײַט עס טיילט אונדז אָפּ פֿון די געשעענישן, וועלכע האָבן זיך אָנגעהויבן דעם 12 אַפּרעל 1961 אַפֿן קאָסמאָדראָם אין בײַקאָנור און זיך פֿאַרענדיקט מיט דער לאַנדונג פֿון דער קאָסמישער שיף „וואָסטאָק" אַפֿן ברעג פֿון דער וואָלגע אין 108 מינוט אַרום, אַלץ טײַערער און באַדײַטנדיקער, אַלץ העלער שײַנען די דערפֿאָלגן פֿון דער פֿאָטערלענדישער וויסנשאַפֿט און אינדוסטריע, אַלץ בוילעטער ווערט דער בײַשפּיל פֿונעם העלדנמוט, וועלכן ס'האָבן אַרויסגעוויזן די זין פֿון אונדזער גרויסן היימלאַנד.

יידיש — בערל רויזין

■ ■ ■

מײַן רײנער קוואל

בריוו

די אַלטע בייגעלעך פּאַפּיר —
זיי זײַנען געל פֿון צײַט געוואָרן —
ניין, ניט דעם הארבסט דערמאָנען מיר,
נאָר מײַנע העלע פֿרילינג־יאָרן.

איך גריבל זיך אַצינד אין זיי,
עס ווילט זיך עפּעס נײַס אַנטפּלעקן.
מיר דוכט זיך: איצט אין שלאַכט איך גיי —
דער שאָלעם זאָל אַף יעדן קלעקן.

די בריוו געשריבן האָט מײַן פּען,
גאַנץ מעגלעך, מיטן בלוט פֿון האַרצן.
דו ביסט מײַן רעטונג דאַן געווען,
אין יענע טעג, אין רויכיק־שוואַרצע.

דו ביסט געווען פֿון זון אַ שטראַל,
פֿון ליכטיקער מוזיק די קלאַנגען,
מײַן ציכטיקער, מײַן ריינער קוואַל,
וואָס שווער צו אים איז צו דערלאַנגען.

די אַלטע בייגעלעך פּאַפּיר —
פֿון פּראָגנט דרײַעקיקע קאָנווערטן.
ווי האָט זיך אײַנגעגעבן דיר
צום הײַנט דערלאַנגען פֿונעם נעכטן?

איך לייען מאַיאַקאָווסקין

איך לייען מאַיאַקאָווסקין, און ס'דונערט דער הימל,
די פּען זײַנע רייניקט דעם שטויב און דעם שימל
און רײַסט אַלדאָס ווילדע מיט אײַזערנע צוואַנגען,
איך הער פֿון די צוואַנגען די הילכיקע קלאַנגען.

איך לייען מאַיאַקאָווסקין, און ס'רוישן די יאַמען
און שורעס דעם דיכטערס, זיי לויכטן, זיי פֿלאַמען
מיט ווערטער, וואָס גליִען און בריִען און ברענען
און איינס פֿונעם צווייטן איז קליגער און שענער.

איך לייען מאַיאַקאָווסקין, און טויזנטער פֿאַרבן
באַהעלן די זון, ס'זאָל דאָס לעבן ניט שטאַרבן,
די ערד זאָל אונדז צוויטען מיט גאָלדענע ווייצן,
דאָס מענטשלעכע גליק זאָל מיט פֿרייד שטענדיק רייצן.

איך לייען מאַיאַקאָווסקין און הער די געזאַנגען,
וואָס לויטערן מויכעס מיט פֿרישע געדאַנקען,
אַנטרינען זאָל ווערן אַף אייביק, אַף טאָמיד
די נישטיקײַט, פֿאַלשקײַט, דער טרויער און אומעט.

איך לייען מאַיאַקאָווסקין, זײַן קאָל הער איך טאַקע —
עס שטורעמט דער אַרבעטער־קלאַס אין אַטאַקע,
דער עמעס נעמט זיגן, דער שאָלעם נעמט זיגן,
די מענטשהײַט וועט לעבן אין גרויס פֿאַרגעניגן!

א קינדער־ליד

ווי־פל טעג געפּאַטערט, ווי־פל,
האָט מײַן טאַטעניו ביז איצט,
ביז ער האָט פון האָלץ א שיפל
ווי א מײַסטער אויסגעשניצט —
מיט קאַיוטעס, מיט א קוימען,
און מיט פענצטערלעך מיט פיל.
— ווּעסטו דאָרטן, קינד מײַנס, וווינען, —
זאָגט מײַן טאַטע (אויב איך וויל...).

און ניט ווײַט פון אונדזער כאַטע,
און גאָר נאָענט לעבן וואַלד
ליגט אן אָזערע א גלאַטע,
ס'איז די זון אין איר צעשטראַלט.
באַ דעם ברעג די ווערבעס גריגען,
צאַפּליעס שפּאַנען פראַנק־און־פרײַ,
כ'האָב געלאָזט מײַן שיפל שווימען
און געבאָדן זיך דערבײַ.
זיך געפּלויסקט אינעם וואַסער
לעבן פעלד און לעבן וואַלד,
און דערנאָך אוועק א נאַסער
און געלייגט זיך שלאָפן באַלד.

...און מיר כאָלעמט זיך א כאָלעם,
אַז איך שווים אין וואָלגע־טײַך,
אינעם יאַם איך קום בעשאָלעם
מיט מײַן שיפעלע באַגלײַך.
און די גרויסע כוואַליעס רוישן,
ווי אין גרויסן אָקעאַן,
און מײַן טאַטע זאָגט מיר: „מוישע,
דו ביסט איצט דער קאַפּיטאַן!“
און פאַר קינדער פון דער וועלט
פיל מאַטאָנעס כ'פיר אָן געלט.

אַך, ווי כ'וויל, עס זאָל מײַן מאַמע
מיך ניט אופוועקן אַצינד,
ס'זאָל דאָס שיפל איבער יאַמען
שווימען ווײַטער, און געשווינד.

באַם באַר אַ־יו־דאַג

מיט מיליאָנען יאָר צוריק, און עפּשער גאָר נאָך מער,
באַם שוואַרצן יאַם באַזעצט האָט זיך א באַרג, א יונגער בער.
אַ־יו־דאַג — מעדוועד־גאָרא — אַזוי מע רופט דעם באַרג,
ער טרינקט דאָס וואַסער פונעם יאַם, און וואַסער איז אים קאַרג.

דאָס מויל פון בער אין שוואַרצן יאַם דאָרט אייביק זינקט,
ער טרינקט, דער בער, פון יאַם דאָס וואַסער טרינקט.
אַ־יו־דאַג האָט ליב דעם יאַם, זײַן וואַסער האָט ער ליב:
— מער וואַסער גיב, — גיב, — ער בעט באַם יאַם, — דו וואַסער מערער גיב...

ניט שטילן קאָן דער בער דעם דאָרשט — קאָן זײַן עס איז זײַן נויט,
ווײַל וואַסער דאַרפן ביימער, גראָזן אַף זײַן גראָבער הויט,
און מעגלעך, ווען אַזא מין דאָרשט ניט פילן וואָלט דער בער —
פון שוואַרצן יאַם די וואַסערן פאַרפלייצט וואָלטן די בערג.

אַ־יו־דאַג, דער גרינער באַרג, דער שײַנער בער, דער ריז —
די בייזע כוואַליעס און די ווינטן שמעטערט מיט די פיס,
עס זאָלן וואַקסן ווײַנטרויבן און בליִען זאָל די ערד,
און אַ־יו־דאַג זאָל רויִק לעבן צווישן קרימער בערג.

ליטעראַטור־קריטיק ‖ ביבליאָגראַפֿיע ‖ פֿראַגן פֿון קונסט

אַלעקסאַנדער גאַווריליוק

די ענערגיע פֿון גוטסקײַט

טאָג־אײַן, טאָג־אויס קומט יעדן איינעם אויס אויסצוהאַלטן דעם עקזאַמען אָף מענטשלעכקײַט. און, אומאָפּהענגיק פֿון די אומשטענדן, אין וועלכע ער געפֿינט זיך, איז נאָר דעם מענטשן אַליין געגעבן געוואָרן דער אויסוואַל, וויאַזוי צו האַנדלען.

ווען די יאַטן פֿונעם כוטאָר „סיני היײַ" אין דעם נײַעם ראָמאַן פֿונעם אוקראַיִנישן שרײַבער אָלעס גאָנטשאַר „דײַן באַגינען" האָבן אין איינעם אַ כמאַרנעם פֿאַרנאַכט געפֿונען אין סטעפּ, אַ קוים לעבעדיקן, דעם אַראָפּגעקלאַפּטן פֿליִער קיריל זאַבאַלאָטני און אים אָף אַ ראָגאָזשע געשלעפּט אַהיים צו זייערע מאַמעס, האָבן זיי גוט געוווּסט, אָף וואָס פֿאַר אַ סאַקאָנע עס זײַנען אויסגעשטעלט געוועז זיי אַליין צוזאַמען מיט זייערע עלטערן. דאָס האָבן אויך געוווּסט די מאַמעס, ווען זיי האָבן מיט גרויס מעסירעסנעפֿעש אויסבאַהאַלטן זייער „אָדלער" און אים געהיילט אין די גרויזאַמע באַדינגונגען פֿון דער פֿאַשיסטישער אָקופּאַציע. צי האָבן זיי געקאָנט אַנדערש טאָן? אָפּראַטעווענדיק פֿון טויט און שטעלנדיק צוריק אָף די פֿיס קיריל זאַבאַלאָטנין און אײַנשטעלנדיק דערבײַ דאָס לעבן פֿון זייערע קינדער, האָבן די סיניהײַער פֿרויען אַנטפּלעקט זייער נאַטירלעכע באַשיידענע קאָרבאָנעס־גרייטקײַט, זייער מענטשלעכן מעהוס. דאָ האָט זיך אין די שווערע באַדינגונגען פֿון דער מילכאָמע־צײַט אַנטדעקט די פֿאָלקס־נעשאָמע מיט איר גאַנצער דערהויבנקײַט. און די סיניהײַער אײַנוווינער זײַנען געווען אַ טייל פֿון דער דאָזיקער נעשאָמע.

איז טאַקע קיין וווּנדער ניט, וואָס קיריל זאַבאַלאָטני, דער געוועזענער געוואַגטער מיליטערישער פֿליִער, וועלכער איז נאָכן קריג געוואָרן אַ סאָוועטישער דיפּלאָמאַט און ער פֿאַרטיידיקט די אינטערעסן פֿון זײַן פֿאָטערלאַנד אין אויסלאַנד, ליגט פֿאָר, ניט פֿאַרטראַכטנדיק זיך אָף קיין איין מינוט, סאָפֿיִען, דעם מיידל מיט די שטראַלנדיקע אויגן, זי זאָל מיט אים כאַסענע האָבן. ער האָט פֿאַרגעדענקט אָפֿן גאַנצן לעבן דאָס סיניהײַער מיידל, וואָס האָט אים אין יענע גרויזאַמע טעג געהיילט און געפֿלעגט, זיך אַזוי צאַרט געטוליעט צו זײַן האַרצן, וואָס איז פֿאַרהאַרטעוועט און פֿאַרגרעבט געוואָרן אין די קאַמפֿן אָף די פֿראָנטן.

סאָפֿיִע איז שטאַרק פֿאַרליבט אין איר „אָדלער", פֿונדעסטוועגן סטאַרעט זי זיך אופֿריכטיק אים איבערצײַגן, אַז זי, אַ פּאָשעט מיידל פֿון אַ פֿאַרוואָרפֿענעם כוטאָר אין סטעפּ, איז ניט קיין פּאַסיקער זיווג פֿאַר אים, אַז ער האָט אַרום זיך אין זײַן סוויווע פֿיל מער ווירדיקע פֿאָרשטייערנס פֿונעם שיינעם מין, וועלכע זײַנען ווערט זײַן אופֿמערקזאַמקײַט. איז עס אָבער מעגלעך, אַז ער, קיריל זאַבאַלאָטני, זאָל ניט בלײַבן טרײַ דער ליבע פֿון יענעם שווערן פּעריִאָד אין זײַן לעבן? דער אַווטאָר פֿונעם ראָמאַן „דײַן באַגינען" שטרײַכט אונטער, אַז דאָס, וואָס די דאָרפֿסלײַט פֿון סיני היײַ האָבן פֿאַר זאַבאַלאָטנין געטאָן, אײַנשטעלנדיק זיך דאָס לעבן, איז פֿאַר אים געווען ניט נאָר אַ טיפֿע מאָראַלישע דערשיטערונג, נאָר אויך אַ וויכטיקער קער אין זײַן ביִאָגראַפֿיע און האָט אין אַ באַדײַטנדיקער מאָס באַווירקט און באַרײַכערט זײַן גײַסטיקן אָנבליק, זײַן ווײַטערדיקן וועג אין לעבן.

דער איקער־שטריך פֿון קיריל זאַבאַלאָטניס כאַראַקטער איז די שטרעבונג צו יעדער צײַט באַהילפֿיק זײַן מענטשן אין אַ נויט.

לאָמיר זיך דערמאָנען דעם עפּיזאָד מיטן קאָמבייַנער, וועלכן עמעצער האָט איבערגעפאָרן מיט זייַן מאַשין. זאַבאָלאָטני און דודארעוויטש האָבן זיך געפונען אפן וועג אין אָפּרו־הויז און אים געפונען ליגן א צענעריקטן אין קאַנאווע באם וועג. יעדער פון זיי בײדע האָט אף זייַן אויפן רעאגירט אפן געשעענעם. דודארעוויטש, א מענטש מיט א קאַלטער לעבער, א ראַציאָנאַליסט, אַפּעלירט צום „געזונטן פארשטאַנד". ער האַלט, אז דאָס ריכטיקסטע וועט זייַן „זיך ניט אַרייַנמישן": עס קאָן נאָך פאַלן אף זיי דער כשאַר, אז זיי זייַנען עס טאַקע די שולדיקע פונעם אומגליקלעכן פאַל. נאָר זאַבאָלאָטני איז ניט דער מענטש, וועלכער קען אייַנגיין אף אזא פאָרשלאָג. פאַר אים איז וויכטיק נאָר איינס: א מענטש איז אַרייַנגעפאַלן אין א צאָרע און מע דאַרף אים העלפן אַרויסרייַסן זיך פון די נעגל פונעם טויט. ער וויל אפילע ניט טראַכטן דערפון, אז עס קאָן שאַטן זייַן רעפּוטאַציע: מע דאַרף אָפּראַטעווען דעם מענטשן, און יעדער פאַרדאַכט וועט בעמיילע פאַרשווונדן ווערן. די סאַקאָנעס, אף וועלכע עס זייַנען אַמאָל געווען אויסגעשטעלט די סיניהייַער יינגעלעך און זייערע מאַמעס, קעדיי אים צו ראַטעווען, זייַנען פאַרבליבן פאַר אים ווי א דערמאָנונג און א סטימול צו גוטע און גערעכטע מייַסים.

זייַן גאַנץ לעבן האָט ער ליב געהאַט קינדער, זיי געווען דאַנקבאַר, מאַמעש זיי פאַרגעטערט פאַר זייער קאָרבאָנעסגרייטקייַט. דאָס דריקט אויס דער שרייַבער אין דער ערשטער פּראָזע פון זייַן ראָמאַן און שטעלט אוועק די טעמע „קינדער" אין סאַמע אויבנאָן פונעם קינסטלערישן ווערק. אין מעשעך פון אַלע שפּעטערדיקע יאָרן וועט זאַבאָלאָטני ניט אופהערן באַשטעטיקן — אָן קיין שום איראָניע — אז קינדער זייַנען די געטרייַסטע מענטשן אין דער וועלט. אין די קינדער־יאָרן, לויט זאַבאָלאָטניס מיינונג, זייַנען פאַרקאָדירט די „גענען פון געוויסן" און „דאָס געפיל פון גערעכטיקייַט".

אַלע זייַנע באַקאַנטע האָבן אף אים געזאָגט, אז פון אים שטראַלט אַרויס די „ענערגיע פון גוטסקייַט". ווען ער איז געוואָרן א דיפּלאָמאַט, האָט ער זייַן טעטיקייַט געווידמעט צו העלפן קינדער אין די ראַמען פון דער אָרגאַניזאַציע פון די פאַרייניקטע נאַציִעס, זיך געזאָרגט וועגן אַלע אומגליקלעכע און נויטבאַדערפטיקע אין דער גאַנצער וועלט. ער האָט ניט אופגעהערט צו טראַכטן פון זיי, זיך באַמרויִקן, שטרעבן צו פאַרטיידיקן די אונטערדריקטע און עקספּלואַטירטע באַם קאַפּיטאַליזם. ווען עס איז באַוווסט געוואָרן, אז די באַלעבאַטים פון די קאָמפּאַניעס און קאָנצערנס אין אַפריקע נוצן אויס אין די גרובנס פון אַלמאַזן און אין די אוראַנאָווע שאַכטעס די ביליקסטע אַרבעטס־קראַפט — קינדער, איז קיריל זאַבאָלאָטני, וועלכער האָט טאָמיד געהאַלטן פאַר זייַן כויוו זיך אָנצונעמען די קריוודע פון באַאוולטע „געפלויגן", קעדיי פאַרטיידיקן די אינטערעסן פון די „קליינע שוואַרצע קנעכט". פאַר אים שטעלט זיך ניט די פראַגע, פליִען קיין אַפריקע, צי ניט פליִען, כאָטש ער האָט שוין זייַן טערמין אָפּגעדינט אין די פאַרייניקטע נאַציִעס און קאָן זיך שוין אומקערן אַהיים. א טייל דיפּלאָמאַטן האָט געהאַלטן, אז עס איז בעסער אויסצומייַדן די דאָזיקע רייַזע, אָבער זאַבאָלאָטני פליט אוועק, קעדיי טאָן אַלץ, וואָס ער קאָן, און פּרוּוון ראַטעווען די פאַרורטיילטע אף א לאַנגזאַמען אומקום. ער פליט איצט פונקט אזוי, ווי ער איז אַמאָל געפלויגן אין שלאַכט.

אַלעס גאָנטשאַר מיט זייַן ראָמאַנטישן וועלט־באַנעם, מיט זייַן טיפן גלויבן אין די גוטע אייגנשאַפטן פון דער מענטשלעכער נעשאָמע האָט דעם קאָמוניסט קיריל זאַבאָלאָטניק געשילדערט מיט העלע ראָמאַנטישע פאַרבן, אַלס א טרעגער פון גוטסקייַט און גייַסטיקער שיינקייַט, א פאַרקערפּערונג פון דעם קלאָרן סייכל און מאָראַלישער שטאַנדהאַפטיקייַט. דער מעכאַבער האָט זיך געשטעלט די אופגאַבע צו דערגרונטעווען זיך צו דעם שורעש פון זאַבאָלאָטניס כאַראַקטער, און אים איז געלונגען קינסטלעריש צו באַווייַזן, אז די דאָזיקע האַרמאָנישע פּערזענלעכקייַט האָט זיך אויסגעפורעמט אין א דורעסדיקער גייַסטיק־מאָראַלישער און עסטעטישער סוויווע. גאָנטשאַר בלייַבט געטרייַ זייַן ראָמאַנטישן וועלט־באַנעם אויך אין דעם סימבאָלישן פּאָעטיש־לעגענדאַרן פינאַל פונעם ראָמאַן: דער העלד שטאַרבט ניט, ער ווערט פאַרשווונדן אין כאָלעל איינעם מיטן אַעראָפּלאַן, אף וועלכן ער איז געפלויגן, און סאָפּיִע וואַרט אַלץ און קאָן זיך ניט דערוואַרטן אף איר „אייביקן וואַנדערער", קוקט זיך אויס די אויגן, זוכנדיק אים אין די ראַכוועסן פונעם הימל.

דער ראָמאַן פונעם לענינגראַדער שרייַבער דאַניִיל גראַנין „דאָס בילד" איז אָנגעזעטיקט מיט ערנסטע מאַכשאָוועס וועגן דעם מענטשן, זייַן אָרט און זייַן ראָליע אין דער הייַנטיקער וועלט. אין דעם ראָמאַן האָט דער אַוטאָר פאַרקערפּערט די טעאָרעטישע האַנאָכעס, וועלכע ער האָט פּראָקלאַמירט אין 1975 אין זייַן אַרטיקל „דער ראָמאַן און זייַן העלד": „מיר זייַנען געוווינט געוואָרן זיך צו באַציִען מיט דערעכערעץ אין דער ערשטער ריי צו די מענטשן, וועלכע אַרבעטן גוט און געוויסנהאַפט. הייַנט־צו־טאָג איז שוין אזא צוגאַנג ניט גענוג. אין אונדזערע דערציילונגען און עסייען ברענגען מיר אַרויס אין פאָדערגרונט די מייַסים פון מענטשן, וואָס גיבן גוטע רעזולטאַטן אין זייער טעטיקייַט. ניט די סיבע, נאָר די רעזולטאַטן... דער ווייַטערדיקער גאַנג פון דער וויסנשאַפטלעך־טעכנישער רעוואָליוציע האָט אָבער געצווונגען בייַטן דעם צוגאַנג צו דעם מענטשן בייסן אָפּשאַצן זייַן ווערט אַלס פּערזענלעכקייַט און אַלס געזעלשאַפטלעכער טוער. עס באַקומען אַלץ מער כשיוועס אויך אַנדערע מענטשלעכע קוואַליטעטן, כאַראַקטער־ווערטן און נעשאָמע־שיינקייַטן".

גראַניק האָט אין צענטער פונעם ראָמאַן אוועקגעשטעלט דאָס געשטאַלט פון סערגיי סטעפאַנאָוויטש לאָסיעוון, דעם פאָרזיצער פונעם שטאָט־סאָוועט אין ליקאָוו, א שטאָט אין צענטראַל־רוסלאַנד. לאָסיעוו איז ווײַט פונעם טיפ פון אַן אידעאַלן, שליימעסדיקן העלד, אָבער ער איז, אָן סאָפעק, א פאָזיטיווער מענטש, וועלכער באַוועגט זיך דיאַלעקטיש, געפינט זיך אין פראָצעס פון באַשטענדיקער אַנטוויקלונג און פאַרענדערונג. די סיפער־האַמײַסע אינעם ראָמאַן הייבט זיך אָן דערפון, וואָס, געפינענדיק זיך אין א קאָמאַנדירונג אין מאָסקווע, גייט לאָסיעוו באַזוכן א בילדער־אויסשטעלונג. ער שטעלט זיך צופעליק אָפ פאַרן בילד פונעם מאָלער אַסטאַכאָוו, גייט ווײַטער און קערט זיך צוריק אום צום בילד, איין מאָל און נאָך א מאָל. עס שטייט אים פאַר די אויגן א באַקאַנטער פייזאַזש, נאָר ווי עפעס אין א קישעפדיקער איבערשטאַלטונג. ער איז פאַרכאַפט פון דער שיינקײַט פונעם בילד, נאָר עס לאָזט אים דערבײַ ניט אָפ דאָס געפיל פון אומבאַגרײַפלעכס, גלײַך ווי עפעס וואָלט אַזוי שיין געזאָגט געוואָרן, נאָר מע האָט עס ניט דערזאָגט ביזן סאָף. און מיטאַמאָל שווימען אוף אין זיקאָרן פון דער ווײַטער קינדהײַט דאָס הויז, ווו די מישפאָכע קיסליך האָט געוווינט, און „זשמורקינס טײַך", ווו לאָסיעוו האָט זיך געבאָדן אין די קינדער־יאָרן, וווינענדיק בישכיינעס: „עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער הערט, ווי זײַן מוטער רופט אים פון הינטער די הויכע ביימער: „סערגיי!" — און ער לויפט אַפן רוף אין דער טיפעניש פון דער ווײַסער ראָס, אין דער טיפעניש פון דעם דאָזיקן, ווי דורך עפעס א קישעף אופגעהיטן, טאָג פון דער קינדהײַט. מע האָט געקאָנט מיינען, אַז יענער ווײַטער טאָג איז אף אייביק פאַרפאַלן און פאַרגעסן געוואָרן. ווײַזט זיך אַרויס — ניין: אָט שטייט ער א לעבעדיקער פאַר לאָסיעווס אויגן מיט אַלע קאָלירן, מיטן פליעסק פונעם וואַסער, און ער הערט די צאַרטע קלאַנגען, וועלכע ער האָט דעמלט אופגעכאַפט מיטן קינדערישן אויער: דאָס גרילצן פון די היישעריקן, דאָס קוואַקען פון די זשאַבעס, אויסגעמישט מיטן גערויש פון דער ווײַטער זעג־מיל".

דאָס אופגעוואַכטע געפיל אין דער נעשאָמע אונטער דער ווירקונג פון קונסט איז אַזוי שטאַרק, אַז דער פאָרזיצער פונעם ליקאָווער שטאָט־סאָוועט לאָזט זיך גיין אופזוכן דעם מאָלערס אַלמאָנע מיטן פעסטן באַשלוס צו קויפן אַסטאַכאָווס בילד. ער דינגט זיך פאַר דער פרײַז, ווי עס פאַסט פאַר א פראַקטישן מענטשן, זוכט אײַנצושפאָרן און, צו זײַן גרויסער פאַרוווּנדערונג און פרייד, באַקומט ער דאָס בילד אַלס „א מאַטאָנע דער שטאָט ליקאָוו". דאָס איז ניט נאָר דער אָנהייב פון דער געשיכטע, נאָר, מעגלעך, פון סערגיי סטעפאַנאָוויטש לאָסיעווס ווײַטערדיקן גוירל. נאָך דעם, ווי ער קערט זיך אום אין זײַן געבוירן־שטאָט, ווערט ער, קימאַט ווי קעגן זײַן ווילן, אַרײַנגעצויגן אינעם קאַמף, וועלכן ס'פירט די שטאָט פאַר אופהיטן אומבאַרירט די געגנט, ווו די קיסליך־מישפאָכע האָט געלעבט באַם ברעג פון „זשמורקינס טײַך" און ווו עס איז פאַרפלאַנירט געוואָרן צו בויען א פיליאַל פון דער פאַבריק פון עלעקטראָנישע רעכן־מאַשינעס (קאָמפיוטערס). איצט, נאָך דעם, ווי ער האָט באַקומען דאָס בילד, און אונטער דער ווירקונג פון דער לערערן פון מאָלערײַ טאַניע טוטשקאָווא, באַגרײַפט ער, ווי אויך פיל פון זײַנע מיטבירגער, די גאַנצע פראַכט ניט נאָר פונעם בילד, נאָר פונעם אוניקאַלן פייזאַזש אַרום „זשמורקינס טײַך". און ער שליסט זיך אײַן אין די רייען פון די פאַרטיידיקער פון דער דאָזיקער אייגנאַרטיקער נעשאָמע פון דער שטאָט.

עס איז גרינג צו זאָגן: ער שליסט זיך אײַן... אײַנגייענדיק אף אַזא שריט, טרעט ער דאָך אַרויס קעגן די אָנגענומענע און פון די העכערע אינסטאַנציעס באַשטעטיקטע פלענער, וועלכע ער האָט אַליין צוגעגרייט. ענדערן זיי איז גאָרניט אַזוי פאָשעט. דאָס האָט אויך באַטײַט אַרויסטרעטן קעגן זיך אַליין, קעגן דער עפנטלעכער מיינונג, וועלכע האָט זיך וועגן אים געשאַפן, קעגן די גינסטיקע פערספעקטיוון פאַר זײַן ווײַטערדיקער קאַריערע.

ניין, אַוואַדע איז ער ווײַט פון דעם שליימעסדיקן אידעאַלן געשטאַלט, דער פאָרזיצער פון ליקאָווער שטאָט־אויספירקאָם. אים פעלט עסטעטישע בילדונג, ער איז אָפט צו גראָדליניק (לעמאָשל, אינעם געשפרעך מיט דעם מאָלער אַסטאַכאָווס אַלמאָנע, אָלגע סעראַפימאָוונע), צו קאַטעגאָריש און צו העפטיק. און דאָס האָט דערפירט דערצו, אַז ער האָט זיך צעקריגט מיט ווײַב־און־קינדער און האָט אויך פאַרטויבט דאָס גוטע געפיל צו אים בײַ טאַניע טוטשקאָווא, דער פרוי, וועלכע ער האָט ליב באַקומען.

ווײַט ניט קיין איינדײַטיק געשטאַלט איז סערגיי סטעפאַנאָוויטש לאָסיעוו. מע קאָן ניט אָפלייקענען, אַז ער איז קלוג, ערלעך, פול מיט זאָרג פאַר די נייטן פון זײַן היימשטאָט, הערט ניט אוף צו טראַכטן, וויאַזוי בעסער לייזן די דרינגענדע פראָבלעמען לעטוווּעס די שטאָטישע אײַנוווינער. דאָס האָט ער טאַקע זיך דערשלאָגן, מע זאָל בויען אין ליקאָוו א פיליאַל פון דעם זאַוואָד פון עלעקטראָנישע רעכן־מאַשינעס. און עס איז אַוואַדע ניט זײַן שולד, וואָס צוליב דער בויונג וועט אויסקומען פאַרניכטן דאָס וווּנדערלעכע נאַטור־ווינקל, דעם „זשמורקין־טײַך" מיט דעם אַלטערטימלעכן הויז פון דער קיסליך־מישפאָכע באַם ברעג. ער האָט, ניט האָבנדיק קיין אַנונג אין זאַכן, וועלכע האָבן א שײַכעס צו קונסט, געטראַכט נאָר וועגן דעם טעכנישן פראָגרעס און וועגן דער „פערספעקטיוו פון דער שטאָט־בויונג".

ער לערנט זיך די גאַנצע צײַט בײַ אַנדערע מענטשן, קליגערע און מער דערפאַרענערע אין זייער טעטיקײַט. ער אַליין איז איינער פון זיי, א באַפעלערישער און פאַרנונפטיקער, א פאָרזיכטיקער און שרעקלאָזער, א קאָמפראָמיסלאָזער לעגאַבע זשוליקעס, נאָר אַן אופמערקזאַ־

מער צו די אַרגומענטן פון ערנסטע קעגנער. אַזוי, לעמאָשל, האָט ער פאַרגעדענקט אַפן גאַנצן לעבן די פראַזע פונעם טוער פון בוינגס־מיניסטעריום פיגוראָווסקין: „באמת אייך לעכאַטכילע מיטפּילן דעם יעניקן, קעגן וועלכן איר טרעט אַרויס“. ער האָט זיך בא פיגוראָווסקין געלערנט די קונסט, וויאַזוי זיך צו באַגיין מיט מענטשן: „פיגוראָווסקי האָט אַלעמען איבערצייַגט, אַז גוטסקייַט און ערלעכקייַט דאַרף מען אויך אָנווענדן מיט סייכל. מע דאַרף קאָנען קעמפן. אויב ניט, וועט יעדער זשוליק האָבן די מעגלעכקייַט אַ טעל מאַכן פון די בעסטע אופטועז. אין רעאַלן לעבן קאָן מען ניט אָפּהיטן די קלאָלים פון סטעריליזאַציע. ווילסטו טאָן עפּעס רעכטס, עפּעס נוצלעכס, דאַרפסטו קאָנען זייַן אי עלאַסטיש, אי אומבייגזאַם.

פאַר זיך זעלבסט דאַרף ער גאָרניט, לאָסיעוו — אַלץ פאַר דער שטאָט. וועגן וואָס טרוימט ער? ווי גוט וואָלט געווען צו האָבן צווישן די אויסגעבויטע הייַזער „אָן איבעריקע שטוב“, וווּהין מע וואָלט געקאָנט אייַנקוואַרטירן לויטן אייגענעם אייַנזען אַזעלכע, וועמענס ריי עס איז נאָך ניט געקומען אָפּ צו געבן זיי וווינ־פּלאַץ. ניט קוקנדיק אָפּ דעם, וואָס אים קומט אויס צו זייַן האַרטנעקיק און אַמאָל אויך אומדערבאַרעמדיק, איז ער דאָך אַ גוטער, געוויסנהאַפטער מענטש. ניט זייַענדיק אימשטאַנד צו לייזן די קאָמפּליצירטע וווינונגס־פּראָבלעם — אַ ירושה פון די מילכאָמע־יאָרן, צו פאַרקירצן די רייען פון די, וואָס נייטיקן זיך אין וווינונגען, לעבט ער עס שווער איבער. עס כאָלעמען זיך אים כאַלוימעס־קאָשמאַרן: „הילצערנע הייַזער אָנגעשטאָפּטע מיט מענטשן, צעקלאַפּטע דעכער, וואָס הייבן זיך אונטער און באַוועגן זיך, פון די פענצטער פליִען אַרויס קינדער, ווי פייגל, און מענטשן הענגען אָפּ די טירן, ווי אין איבערגעפולטע טראַמווייַען“. אַ גלייַכגילטיקן מענטשן, וועמען עס טוט ניט וויי דעם אַנדערנס גוירל, וועלן זיך אַזוינע כאַלוימעס ניט כאָלעמען.

לאָסיעוו איז זייער אַקוראַט און זאָרגזאַם. ער באַקומט מעבל און אויסשטאַטונג פאַרן געבורט־הויז, רעמאָנטירט די קאַנאַליזאַציע, שפּאָרט אָפּ געלט אָפּ צו בויען אַ סטאַדיאָן פאַר די פּיאָנערן — אַלץ איז וויכטיק אין דער טעטיקייַט פונעם פאָרזיצער פון שטאָט־סאָוועט. אין שטאָט קען מען אים אַלס אַן ענערגישן, אייַנשטעלערישן, דורכדרינגלעכן, געוואַגטן אָנפירער פון אַ גרויסן מאַסשטאַב. אַלע אין שטאָט האַלטן פאַר ריכטיק דעם פאָרשלאָג, ער זאָל פאַרנעמען דאָס אָרט פונעם ערשטן פאַרטרעטער פון דעם פאָרזיצער פון געגנט־אויספּירקאָם.

ער וואָלט מיט רעכט פאַרנומען די שטעלע, וועלכע מע האָט אים פאָרגעלייגט, און וואָלט ווירקלעך מערער אויפגעטאָן, ווען... ווען ער זאָל דערביי ניט געווען באַדאַרפן אויסקלייַבן צווישן דער זעלבסטנוץ — דער פאַרדינטער העכערונג אין דער דינסט און... דעם מאָראַלישן כּיוון צו פאַרטיידיקן די שיינקייַט, באַפרידיקן דעם גערעכטן פאַרלאַנג פון די שטאָט־אייַנוווינער, בלייַבן טרייַ דעם געגעבענעם וואָרט, אופּצוהיטן אומבאַרירט דעם טייַך מיט דעם הויז באַם ברעג, דעם פּאָעטישן צענטער פון דער שטאָט, און שאַפן דאָרט אַ מוזיי.

און אָט — דער קולמינאַציע־פּונקט: אַן אַרטיקל אין דער צייַטונג „פּראַוודאַ“, וווּ עס רעדט זיך וועגן דעם אייַליקן באַשלוס צו צעשטערן דעם היסטאָריש־ווערטפולן אַנסאַמבל אין דער שטאָט ליקאָוו.

דירעקט פאַר דעם איז געווען דער שטרייַט מיט אָוווראָוון, דעם קלוגן, נאָר איבער דער מאָס ניכטערן, אוטיליטאַר־פּראַגמאַטישן אָנפירער פון דער געגנט, וועלכער האָט געהאַט בעדייע צו באַשטימען לאָסיעוון אַלס זייַן ערשטן שטעלפאַרטרעטער. אין דער פראַגע מיט זשמורקינס טייַך איז אָוווראָוו אייַנגעשפּאַרט: „מיט דער הייַנטצייַטיקער טעכניק קאָן מען, אויב מע האָט די נייטיקע מיטלען, אויסבויען וועלכן דו ווילסט פּייזאַזש מיט וועלדלעך, מיט וואַסערפאַלן פון די בערג...“ ווען מע האָט לאָסיעוון פאַרבעטן צו אָוווראָוון אין שטוב, צוזאַמען מיט אַנדערע אָנגעזעענע געסט, האָט דער ליקאָווער פאָרזיצער פון שטאָט־אויספּירקאָם ניט אויסגענוצט די געלעגנהייַט צו פאַרפעסטיקן זייַנע פּאָזיציעס אַלס ערשטער פאַרטרעטער אָוווראָווס און ווידעראַמאָל פאַרפירט אַ שמועס וועגן דעם, אַז מע דאַרף דאָס קיסליך־הויז פאַרוואַנדלען אין אַ מוזיי. לאָסיעוו וויל ניט אייַנגיין אויף אַ קאָמפּראָמיס אין דעם איניען, און ער דעמיסיאָנירט: פאַרלאָזט דעם פּאָסטן פונעם פאָרזיצער פון אויספּירקאָם און פאָרט שפּעטער אַוועק פון דער שטאָט אויף שטענדיק.

וואָס האָט עס געקאָנט הייסן — אַ דורכפאַל? בעשום־אויפן ניט. אַוועקגייענדיק, האָט לאָסיעוו אָפּגעראַטעוועט דעם אייגענעם געוויסן, זייַן ערן־וואָרט; מיט זייַן פּראָטעסט־אָפּגאַנג האָט ער ניט דערלאָזט, אַז אָוווראָווס אַמביציִעזע פּלענער זאָלן אָנגענומען ווערן. און אָט איז דער פינאַל — דער זשמורקין־טייַך איז אָפּגעראַטעוועט געוואָרן, דאָס הויז פון דער קיסליך־מישפּאָכע איז געבליבן שטייַן, און אין דעם הויז האָט מען געשאַפן אַן אינטערעסאַנטן היסטאָרישן מוזיי. און כאָטש דער זיג האָט אַ ביסל אַ ביטערן ביי־געשמאַק — אויף לאָסיעווס שטול אינעם קאַבינעט פון דעם פאָרזיצער האָט זיך אַוועקגעזעצט מאַרשטשיכין, וועלכער האָט צוגעייגנט לאָסיעווס פאַרדינסטן פאַרן אופּהיטן דאָס הויז און שאַפן דעם מוזיי, איז דער פינאַל פונעם ראָמאַן אַן אָפּטימיסטישער: איינער פון די פּערסאָנאַזשן זאָגט פאָרויס, אַז לאָסיעוו וועט זיך נאָך אומקערן, וואָרעם „בא די געשאַפענע אומשטענדן וועט מען זיך נייטיקן נאָר אין אַזאַ מענטשן...“

די צייַט, אין וועלכער מיר לעבן, אונדזער ווירקלעכקייַט נייטיקן זיך אין אַזעלכע אָנפירער ווי לאָסיעוו — ערלעכע, גרייטע מאַקריוו צו זייַן די אייגענע אינטערעסן, ווען דאָס פאָלק

און דאָס היימלאַנד פאָדערן עס — קאָמפּראָמיס־
לאָזע, באַוווּסטזיניקע און געוויסנהאַפטע בייסן
אויספילן זייערע אַמטלעכע און הומאַנע פאַר־
פליכטונגען.

דאַניִיל גראַנין האָט געשאַפן א ווערק וועגן
אונדזער צײַט, א טיף־פסיכאָלאָגיש ווערק, און
פון דער טיפעניש פון זײַן געמיט מיט שפּאָ־
רער קינסטלערישער ליבשאַפט איז געמאָלט
דער הויפּט־העלד פונעם ראָמאַן סערגיי סטע־
פאַנאָוויטש לאָסיעוו, א געשטאַלט, וואָס פאַר־
געדענקט זיך און רעגט אויף, אַן עכט רעאַליס־
טיש געשטאַלט, וואָס דער לייענער וועט ליב
באַקומען אַדאַנק זײַן דערציִערישער אויסוויר־
קונג.

„דעם מענטשנס מײַסים, — האָט מיט רעכט
געשריבן די „פּראַוודאַ" אין איינעם א לייטאַר־
טיקל, — זײַנען דער שפּיגל פון זײַן אויפירונג.
אין זײַנע מײַסים זײַנען קאָנדענסירט זײַנע
געדאַנקען, געפילן, טרוימען. יעדער טאָג
ברענגט מיט זיך אָן א שיר קאָנקרעטע בײַ־
שפּילן, וויאַזוי די געזעלשאַפט פונעם אַנט־
וויקלטן סאָציִאַליזם שטעלט אין רעשוס פון
דעם סאָוועטישן מענטשן ברייטע מעגלעכקײַטן
צום פאַרווירקלעכן דעם שעפערישן פּאָטענ־
ציִאַל, אַנטפּלעקן זײַנע פערזענלעכע מײַלעס.
אין אונדזער לאַנד גילט דער געזעץ: „לויט
דײַנע מײַסים וועט מען דיך שעצן". דאָס פאָ־
טערלאַנד באַלוינט מיט העכסטע באַלוינונגען
מוט און דרייסטקײַט. צו נאָבעלע טאַטן באַציט
זיך אונדזער געזעלשאַפט מיט גרויס אַנערקע־
נונג..."

דער ראָמאַן פונעם אוקראַיִנישן שרײַבער
יורי מושקעטיק „פּאָזיציע", וועלכער שפּיגלט
אָפּ אונדזער שנעלשטראָמיקע הײַנטצײַטיקײַט,
קאָן דינען אַלס באַשטעטיקונג פון דעם אויבנ־
דערמאָנטן. שוין דער נאָמען פונעם ראָמאַן
אַליין איז סימבאָליש, אַרויספאָדערנדיק און
שטרענג. גלײַך ווי דער שרײַבער וואָלט גע־
וואָלט, אַז ווי נאָר דער לייענער וועט זיך פאַר־
טיפן אין לייענען, זאָל ער באַלד זיך אַליין א
פרעג טאָן: „צי פאַרמאָג איך זעלבסט אַן איי־
גענע פּאָזיציע אין לעבן, א האַרמאָנישע באַ־
ציִונג צו דער אַרומיקער וועלט און צי בין איך
פייִק די דאָזיקע פּאָזיציע פאַרטיידיקן יעדן
טאָג, יעדע מינוט, און וואָס פאַר א לאַגע איך
זאָל זיך ניט געפינען?" אויף אַן אייגנאַרטיקן
אופן, פול מיט טיפן ליריזם, דורכגעדרונגען
מיט אוקראַיִנישן הומאָר, מיט טרעפלעכע אײַנ־
געוועבטע אין טעקסט פאָלקסווערטלעך דער־
ציילט אונדז דער אווטאָר די געשיכטע פון וואַ־
סילי פּיאָדאָראָוויטש גרעקן, וועלכער איז באַ־
וווּסט אין גאַנצן ראַיאָן אַלס א פּראָגרעסיוועער
ווירטשאַפטלער, א קאָמוניסט, וועלכער איז גע־
בענטשט מיטן גאָב פון מענטשלעכן מאַגנע־
טיזם.

גרעק איז א טיכטיקער און א צילגעווענד־
טער מענטש. זײַן הויפּט־דײַגע איז — ווי ווײַט
מעגלעך פאַרבעסערן און פאַרשענערן דאָס
לעבן פון די טוישווים פון זײַן דאָרף. דעם דאָ־
זיקן ציל איז אונטערגעוואָרפן זײַן גאַנצע טע־
טיקײַט: ער האָט אויסגעבויט א בעקערײַ אין
דאָרף („די מענטשהײַט שפּײַזט זיך פון קאַד־
מוינים מיט ליבע און מיט ברויט"), ער האָט
דורכגעפירט גאַז. דערבײַ איז ער טיף איבער־
צײַגט און פעסט אין געדאַנק: מיט דעם, וואָס
ס'איז אָפּגעטאָן געוואָרן, האָט ער פאַרגרינגערט
און פאַרשענערט מענטשן דאָס לעבן. דער אידיי
פונעם סעקרעטאַר פון דעם ראַיאָנעם פּאַרטיי־
קאָמיטעט וועגן שאַפן א קאָמפּלעקס אויף דער
באַזע פון צוויי קאָלווירטן האָט גרעק לעכאַט־
כילע זיך קעגנגעשטעלט, אָבער נאָך א יישעוו־
האַדאַס האָט ער זיך באַרויִקט, לאַנג געניש־
טערט אין די ביכער פון זײַן ביבליאָטעק און
געקומען צום אויספיר: „...קיין וועג אויף צוריק
איז ניט פאַראַן... דער איינציק מעגלעכער וועג
איז דאָס אינדוסטריִעלע דאָרף". נאָכן אָנעמען
דעם דאָזיקן באַשלוס האָט ער זיך אַקטיוו באַ־
טייליקט אין דער בויונג פונעם קאָמפּלעקס.

פונקט אַזוי ווי לאָסיעוו אין גראַנינס
„בילד", קומט אויך אויס גרעקן אין י. מוש־
קעטיקס ראָמאַן דורכמאַכן דעם שווערסטן ני־
סאָיען, און ער ספּראַוועט זיך מיט אים. דערנאָך
קומט אים אויס בײַצושטיין נאָך איין ניסאָיען —
די טײַווע צו זאַכן. און אויך דעם עקזאַמען
האַלט ער אויס און קומט אַרויס גײַסטיק א
פאַרפעסטיקטער. אין זײַן טעטיקײַט באַגייט ער
טיילמאָל פעלערן און לעבט דערנאָך זיי שווער
איבער, שלאָפט ניט דורך די נעכט, קלערנדיק
וועגן דעם. ער פירט אַן אַקשאָנעסדיקן קאַמף
מיט זיך זעלבסט און בלײַבט קאָנסעקווענט אויף
זײַן פּאָזיציע, וועלכע באַשטייט בא אים פון א
געניִיער סיסטעם פון קאָמוניסטישע אָנשויִונגען
און פּרינציפּן, וועלכע ער בלײַבט געטרײַ אין
באַליביקע, מעג זײַן סאַמע שווערסטע באַדינ־
גונגען. פאַר אים איז כאַראַקטעריסטיש א
שטרעבונג צו גײַסטיקײַט, צו גיוווער זײַן אַלע
ניסיוינעס פון העוועל־קאָוואָלעמדיקן אוילעמ־
האַזע. אויספאָרשנדיק די באַציִונגען צווישן
מענטשן אין דאָרף, ווײַזט מושקעטיק אָן אויף
די יעסוידעסדיקע שינויִם אין געדאַנקענגאַנג,
אין דער פסיכאָלאָגיע פון דעם הײַנטצײַטיקן
פויער. כאָטש דער אווטאָר פאַרגעסט אויך ניט
צו מאָלן דאָס שטייגערישע אין זײַן ווערק, יורי
מושקעטיק האַלט אין איין אונטערשטרײַכן, אַז
דאָס געוועב פון קאָלערליי קעגנזײַטיקע באַ־
ציִונגען צווישן מענטשן אין דעם דאָרף סולאַ־
קי, אין טשערניגאָווער געגנט, גלײַך ווי אומע־
טום אין אונדזער לאַנד, די הערשנדיקע גײַס־
טיקע אַטמאָספער איז דורכגעדרונגען מיט דער
טראַדיציע פון גוטסקײַט, עכטקײַט, יוישער —
די מאָראַלישע אַשירעס פונעם פאָלק, וואָס זי
ווערט איבערגעגעבן פון דאָר צו דאָר.

אונטערפירנדיק דעם אַנאַליטישן סאַכאַקל
פון דער לעבנסטעטיקײַט פונעם הויפּט־העלד
פון זײַן ווערק, פאַרענדיקט מושקעטיק דעם
ראָמאַן „פּאָזיציע" מיט גרעקס לײַדנשאַפטלע־
כער ווידע, וועלכע שפּיגלט אָפּ זײַן טיפן הו־
מאַניסטישן קרעדאָ: „דו טאָרסט ניט אָנעמען
קיין באַשלוס וועגן אַנדערע, איידער דו האָסט

באשלאָסן, אז אלץ איז אין פולער אָרדענונג אין שייכעס מיט דיין אייגענער פערזאָן: צי גלייבסטו זיך אליין — אין דיין זויבערקייט, אין דיינע אייגענע קויכעס? צי ביסטו איבערצייגט, אז דו וועסט ניט קריכן פאראקערן א פרעמד פעלד צוליב קליינלעכער אייגנוץ, און אז דו וועסט ניט זוכן זיך אופצוהייבן אפן כעזשבן פון אנדערנס דערנידערונג? און אין לעצטן סאַכאַקל דארף מען מענטשן גלייבן, דעמלט וועלן זיי דיר אויך גלייבן".

לייענענדיק מושקעטיקס בוך, האָט מען דאָס געפיל, אז זיין הויפט־העלד שטרעבט מיט אלע געדאנקען און זוכענישן צו פארווירקלעכן דאָס געטלעכע געבאָט אין דער פיעסע פונעם באשקירער פאָעט מוסטיי קארים „פראָמעטיי":

לערנט אייך, אז אלע אייערע מייסים
זאָלן זיין מיט מענטשלעכקייט באהעלט,
נאָר מיט דעם וועט איר בארעכטיקן
אייער לעבן אף דער וועלט.

אָט די טענדענץ פון דער הייַנטצייַטיקער סאָוועטישער פראָזע האָט טרעפלעך כאראקטעריזירט דער אוקראַיִנישער פאָעט אי. דראטש אין 1979 אין זיין דיִאלאָג מיטן קריטיקער יו. פאָקאלטשוק: „אונדז פעלט א קאָמפּראָמיסלאָזער אנאליז פון אונדזער לעבן און א טיפער זעלבסט־אנאליז... מיר זיינען מעכוייעוו זיך צו באציִען שטרענג צו זיך אליין, ווי צו שעפער פון ליטערארישע ווערטן. מיר דארפן זיין גרייט ניט נאָר פריידיקן, נאָר אליין זיך מיסוואדע זיין".

באציִען זיך צום מענטשן מיט ייִראס־האַקאָוועד און שטרעבן מיט לייב־און־לעבן צו ברענגען מענטשן גליק און פרייד — אזא מין רוף קלינגט אלץ העכער און שטארקער אף די זייטלעך פון אונדזער פילנאציאָנאלער ליטעראטור.

די שטרעבונג צו מאָראלישער זעלבסטאָפּשאצונג, צו שטרענגן זעלבסט־אנאליז זיינען כאראקטעריסטישע שטריכן פונעם העלד פון פאוועל זאגרעבעלניס ראָמאן „אימפעט" פּיאָטער אנדרייעוויטש קארנאל. קאָנצענטרירנדיק די אופמערקזאמקייט פונעם לייענער אף דער פּראָבלעם „וויסנשאפט און מאָראל", צווינגט אים דער אוקראַיִנישער ראָמאניסט צו פארטראכטן זיך וועגן מענטשלעכע גורלעס אין דער עפּאָכע פון וויסנשאפטלעך־טעכנישער רעוואָליוציע. פּיאָטער קארנאל, א געלערנטער־קיבערנעטיקער, איז דער דירעקטאָר פון א וויסנשאפטלעך־אינדוסטריעלן קאָמבינאט, וועלכער פארנעמט זיך מיט קאָנסטרויִרן עלעקטראָנישע אפּאראטור. דער קאָמבינאט ארבעט ניט נאָר פאר די איצטיקע באדערפענישן פון דער געזעלשאפט, נאָר פאר דער צוקונפט אויך: קארנאלס גרויסער פארלאנג איז — דאָס לעבן זאָל ווערן הארמאָנישער. ער וויל מיט דער הילף פון קלוגע מאשינעס באפרייען די שעפערישע קויכעס פונעם מענטשן און לאָזן זיי פריי זיך אנטוויקלען. כאָטש ער איז זייער פארליבט אין דער וויסנשאפט, איז קארנאל לאכלוטן ניט גענייגט צו אבסאָליוטיזירן אירע מעגלעכקייטן: די מאטעמאטישע פאָרמול קאָן דאָך ניט העלפן שאפן א קינסטלערישן שעדעוור, די טעאָריע פון ווארשיינלעכקייט קאָן ניט אויסרעכענען דעם מענטשנס שאנסן זיך צו באגעגענען מיט זיין איינציק־מעגלעכער ליבע. קארנאל רעדט מיט שטאָלץ וועגן די אומדערהערטע דערגרייכונגען פון מענטשלעכן געני און רופט ניט לאָזן זיך דערדריקן פונעם פאַטאליסטישן געפיל אין אָנזיכט פון די שטורמישע פראָצעסן פון דעם וויסנשאפטלעך־טעכנישן פראָגרעס, וועלכער געפינט זיין אויסדרוק אין דער טענדענץ צו באציִען זיך צום מענטשן ווי צו א מאשין, און פרווון בא אים צונעמען דאָס עמאָציאָנעלע לעבן און דאָס רעכט אף גייסטיקע זוכענישן. קארנאל וואָרנט קעגן דער געפאר פון פארוואנדלען דעם מענטשן אין א קנעכט פון די זאכן, וועלכע ער אליין האָט באשאפן: „די מענטשלעכע טעטיקייט פארליִרט אין אזעלכע באדינגונגען איר גראנדיִעזקייט, כשיוועס און זין".

קארנאל געפינט זיך באשטענדיק אין א מאַצעוו פון קאָנפליקט מיט זיך אליין. זיין אינערלעכע דראמע באשטייט אין דעם, וואָס ער איז איבער די אויערן פארטאָן אין דער וויסנשאפט און אין דורשט נאָך א נאטירלעך לעבן. אן אויסגאנג פון דעם דאָזיקן ווידערשפרוך זוכט קארנאל צו געפינען אין שעפערישער ארבעט, דער אומגעצוימטער פארלאנג צו דערגראָבן זיך צום טאָך פונעם עמעס פאָרט זיך בא אים מיט דעם באשטענדיקן שטרעבן גויווער צו זיין די איינזייטיקייט אין זיין טעטיקייט.

פאוועל זאגרעבעלניס ראָמאן טראָגט אף זיך דעם כויסעם פון טיפער זאָרג וועגן מענטשן, וועגן פאָלק. דער אווטאָר באווייזט מייסטערהאפט די פערזענלעכקייט פונעם מאָדערנעם סאָוועטישן געלערנטן, דעם טרעגער פון גוטסקייט אף דער ערד.

אין דער רוסישער ליטעראטור ווערט אלץ בוילעטער באוויזן דאָס געשטאלט פון א קאָמוניסט. אנדריי קלימאָוו, דער אגראָנאָם פונעם קאָלווירט אין אלעקסאנדער גאלקינס גרעסערער דערציילונג „אין קרייז פון אלטעגלעכקייט" באציט זיך מיט טיפער פארשטענדעניש און גרויסער אכרייעס צו דער טעטיקייט פונעם קאָלעקטיוו כאווירים און מיטדענקער און צו זיין אייגענעם אָנטייל אין דער דאָזיקער קאָלעקטיווער ארבעט.

דעם קאָמוניסט קלימאָוו ליגט מען פאָר ווערן אן אָנפירער פון א סאָווירט. ער איז אָבער אזא מענטש, וועלכער האָט ליב צו לייזן פראָבלעמען אין מעלוכישן מאסשטאב, פונעם שטאנדפונקט פון די אינטערעסן פון דעם פאָלק. ער זעט גאנץ גוט, מיט וואָס פאר אן אכטונג עס באציִען זיך צו אים זיינע מיטבירגער, די איינוווינער פון זיין אייגן דאָרף, און ער ווייסט, אז ער איז זיי נייטיק, ווייל מיט זיין טעטיקייט

איז ער בעקויעך זיי העלפן פארבעסערן און פארשענערן זייער לעבן. און ער בלײַבט אין זײַן היימיש דאָרף ארבעטן אלס אגראָנאָם. אנדריי קלימאָוו שטעלט דאָס געזעלשאפטלעכע העכער פונעם פּערזענלעכן. דאָס איז די געזעצלעכע נאָרמע פאר דער אופירונג פון אזא מענטשן.

ער פארגעסט אויך קיינמאָל ניט, אז די אָנגעהעריקײַט צו דער פּארטיי פארפליכטעט דעם מענטשן צו צוגאָבלעכע היסכײַוועסן אין דער ספער פון ארבעט און אויך אין דער ספער פון גײַסטיקע נאָרמעס און פון זיטלעכער אופירונג. נעמענדיק אין אכט, אז דער קאָמוניסט דינט אלס בײַשפּיל פון מאָראלישער אופירונג פאר אלע ארבעטס-מענטשן, ווערט קלאָר, אז יעדער סיכסעך אין זײַן פּערזענלעכן לעבן קאָן שאָדן ברענגען זײַן געזעלשאפטלעכער טעטיקײַט.

די באציִונגען צווישן אָנפירער און די אונטערגעאָרדנטע איז א קאָמפּליצירטער פּראָצעס. ער איז קאָמפּליצירט ניט נאָר דערפאר, וואָס יעדן אָנפירער קומט אויס זיך צוזאמענשטויסן מיט פיל אומבאוווּסטע, אומדערוואַרטע, פון פריִער ניט פאָרויסגעזעענע באדינגונגען און סיטואציעס. דער דאָזיקער פּראָצעס איז קאָמפּליצירט אויך דערפאר, ווײַל דער אָנפירער, באזונדערס ווען ער איז א קאָמוניסט, באדאַרף זײַן פײִיק צו אופנעמען די איבערלעבענישן פון אנדערע מענטשן, ווי זײַנע אייגענע, און, אזוי-ארום, האָבן די מעגלעכקײַט ארײַנצודרינגען אין דער מענטשלעכער נעשאָמע. אָנעמענדיק פרעמדע צאָרעס און לײַדן, ווי זײַנע אייגענע, זוכנדיק און אויסגעפינענדיק דאָס בעסטע און ווערטפולסטע אין די מענטשן אונטער זײַן אָנפירונג און דערציִענדיק זיי אלס פולווערטיקע מיטגלידער פון דער צוקונפטיקער געזעלשאפט, פארפולקומט ער אייגנצײַטיק זיך אליין; קומענדיק אין קאָנטאקט מיט זײַנע מיטארבעטער, אויסהערנדיק זייערע געדאנקען און מיינונגען, באקומט ער אן אָנלאָדונג פון גײַסטיקער ענערגיע, פון עכטער פאָלקס-כאָכמע, און דאָס העלפט אים גויווער זײַן די אייגענע שוועריקײַטן, פאריכטן די פעלערן און פארברייטערן די האָריזאָנטן פונעם אייגענעם לעבן.

ניקאָלײַ שונדיק האָט געווידמעט זײַן ראָמאן „אין לאנד פון אויגנבליי" דער פּראָבלעם, וויִאזוי עס דאַרף זיך נויהעג זײַן א קאָמוניסט אלס אָנפירער פון די מאסן.

אַלעס גאָנטשאר האָט אמאָל ריכטיק באמערקט: „איך בין טיף איבערצײַגט, אז עס עקזיסטירט ניט קיין הײַנטצײַטיקע טעמע אין א קרישטאָל-ריינער פאָרם. ווען דער שרײַבער בלײַבט געטרײַ דעם לעבנס-עמעס, נעמט אָט די טעמע ארײַן אין זיך קאָלירלײַ מענטשלעכע איבערלעבענישן, פרייד און לייד, ליבע און פארלוסטן, געשעענישן פון דער געשיכטע פונעם פאָלק און ראַיוינעס וועגן דער צוקונפט פון די פעלקער, וועלכע באוווינען אונדזער פּלאנעטע... די מאָראלישע דערפארונג, וואָס איז אײַנגעשלאָסן אין דעם איבערגעלעבטן, דערשײַנט אין א נײַער, טיילמאָל אומדערוואַרטער באלויכטונג, און זי וועט נאָך זייער לאנג וועקן און אָנרעגן דעם שרײַבערס געדאנק".

קאָמפּליצירט איז דער גורל פון די העלדן אין נ. שונדיקס ווערק. שארף זײַנען די קאָליזיעס פון זייערע כאראקטערן און פון זייערע שטרעבונגען. דער ערשטער סעקרעטאר פון אזאנסקער געגנטקאָם פון דער פּארטיי אילאַריאָן סטעפּאנאָוויטש בויאנאָוו פארמאָגט הינטער זײַנע פּלייצעס א קאָלאָסאלע לעבנס-דערפארונג. א טאלאנטפולער מענטש, קאָן ער דענקען מאסשטאבארטיק, ווי עס פּאסט פאר א מעלוכע-מאן, און דאָס שטערט אים ניט צו טאָן זײַנע טאָגטעגלעכע ארבעטן און נעמען אן אָנטייל אין די געוויינלעכע נויטן פון א פּאָשעטן קאָלווירטניק.

בויאנאָוו איז א זון פון זײַן צײַט. בײַס די קאלטע און הונגעריקע יאָרן פון דער פּאָטערלענדישער מילכאָמע און אין נאָכמילכאָמעדיקן פּעריִאָד פון ווידערבוי, ווען פיל הערצער זײַנען נאָך געווען איבערפולט מיט שמערץ פון אווידעס און מיט ביטערן יִיעש, האָט בויאנאָוו געקאָנט מיט זײַן קרעפטיק, צוגעגלעך וואָרט דערוואַרעמען די פארפרוירענע געמיטער, צוריקברענגען דעם גלויבן אין די פארצווייפלטע הערצער, וואָס האָבן פארלוירן די האָפענונג, מאָביליזירן צום טאַט די שוואכע און אָפּגעשטאנענע. פעלאגייע קאָמארקאָווא, די מעלקערן, וועלכע איז בארימט געוואָרן אין גאנצן לאנד, דערמאָנט בויאנאָוון מיט א גוט וואָרט: „מיר האָבן אָף טאָמיד פארגעדענקט דעם דאָזיקן מענטשן, וועלכער האָט אונדז אופגעזוכט אין די קאלטע שטאלן, ווו מיר זײַנען געזעסן ווי פריטשמעליעטע, הערדריקטע אין אונדזער נויט, און מיט זײַן קרעפטיק וואָרט אונדז אופגעמונטערט, די רוקנס אויסגעגלײַכט". נאָר יענע יאָרן זײַנען אוועק, און אָפן אָרט פון שטורמישע, העפטיקע מײַסים איז געקומען די צײַט פון פּלאנמעסיקער טעטיקײַט מיט א פּראקטישן צוגאנג און מיט נײַע איבערצײַגונס-מעטאָדן.

נו, און בויאנאָוו? ער איז געבליב שטעקן אין די פארגאנגענע צײַטן. זײַן דילעטאנטישער צוגאנג צו דער עקאָנאָמיק, זײַן ערעגײַציקײַט און גאדלעס, פון וועלכע ער האָט זיך ניט געקאָנט באפרײַען, האָבן געבראכט צו טרויעריקע רעזולטאטן. ווען ער האָט גענומען אָף זיך היסכײַוועסן איבער די קויכעס, אזעלכע, וואָס האָבן זיך ניט באזירט אָף קיין אָביעקטיווע האנאָכעס און גוט-באגרינדעטע כעזשבוינעס — אויספילן דרײַ פּלענער פון דער אנטוויקלונג פון דער פאָלקסווירטשאפט אין איין יאָר, האָט די געגנט אונטער זײַן אָנפירונג אָנגעהויבן „אויספילן" די גענומענע אָף זיך היסכײַוועסן מיט פיקטיווע „סוואָדקעס", מיט צוקויפן פּי אין די שכיינעסדיקע געגנטן אאוו. ווען די דאָזיקע אוואנטוריסטישע האנדלונג בויאנאָווס איז אופגעדעקט געוואָרן, האָט זיך אָף א טראגישן אויפן פארענדיקט זײַן וועג אין לעבן.

גאָר אן אנדער מין מענטש איז בויאנאָווס

נאָכפאָלגער אַנאַטאָלי פּעטראָוויטש סאָקאָלאָוו, אַ פּאַרטייִשער אָנפירער פון נייַעם טאָלק. מיט וואָס איז ער שטאַרק? וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר זייַן אַרבעטס־סטיל? אין אים לאָזן זיך דערקענען די וויכטיקסטע הויפּט־שטריכן פון אונדזער צייַט — אַקטיווע ווירקזאַמקייַט, אינטעלעקטואַליזם, הומאַניזם, די הויכע קולטור פון אַ פּאַרטיי־מאַן. סאָקאָלאָוו באַמיט זיך צו פאַרייניקן פּראַקטישע טעטיקייַט מיט עמאָציאָנעלקייַט. אים באַשעפטיקט די פּראָבלעם, וויאַזוי אַרייַנצוברענגען ראָמאַנטישע אינספּיראַציע אין געשעפטמעסיקן ראַציאָנאַליזם, האַלטנדיק, אַז דאָס איז ביז גאָר וויכטיק פאַר דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט.

אַף די בייַשפּילן פון די באַהאַנדלטע ווערק קאָנען מיר זיך איבערצייַגן, אַף וויפל עס איז אויסגעוואַקסן, זיך באַרייַכערט און פאַרקאָמפּליצירט דאָס געשטאַלט פונעם קאָמוניסט, דעם העלד פון אונדזער צייַט. איינצייַטיק האָט זיך אויך געביטן דער באַגריף פונעם העראָיִשן אין דער הייַנטצייַטיקער ליטעראַטור. די פּערסאָנאַזשן פון דער קינסטלערישער פּראָזע, למשל, אין וולאַדיסלאַוו טיטאָווס „דעם טויט אָפּצולאָכעס" און אין וולאַדימיר אַמלינסקיס „ערנסט שאַטאַלאָווס לעבנס־געשיכטע" צייכענען זיך אויס מיט זייער העלדישקייַט ניט נאָר אין אויסשליסלעכע, עקסטרעמאַלע באַדינגונגען, נאָר אויך אין טאָגטעגלעכער בויערישער טעטיקייַט לעטוויוועס דעם פאָלק אין קאַמף פאַרן אופבוי פון דער קאָמוניסטישער געזעלשאַפט.

אין דעם הינזיכט איז אינטערעסאַנט דאָס געשטאַלט פון באָריס רודייַעוון — דעם הויפּט־העלד פון וויקטאָר פּאַפּאָווס טרילאָגיע „דער צעריסענער קרייַז", „דו וועסט דעראָבערן אין קאַמף", „און דאָס הייסט וואָכעדיקייַט...".

בלייַבנדיק טרייַ די טראַדיציעס פון דער סאָוועטישער ליטעראַטור, וועלכע מאַקסים גאָרקי האָט פאָרמולירט מיט די ווערטער: „די אַרבעט, די פּראַצע באַדאַרפן מיר אַוועקשטעלן אַלס דעם הויפּט־העלד פון אונדזערע ביכער", האָט וו. פּאַפּאָוו פּאָעטיזירט די מי פון די אַרבעטער־מעטאַלורגן, געשילדערט, וויאַזוי עס אַנטפּלעקן זיך אין זייער אַרבעט די בעסטע שטריכן פון זייער כאַראַקטער.

די טעמע פון איניציאַטיוו און פאַראַנטוואָרטלעכקייַט איז איינע פון די צענטראַלע אין דער טרילאָגיע. מיט גרויסער איבערצייַגונגסקראַפט ווייַזט וו. פּאַפּאָוו, אַז די איניציאַטיוו איז די מאָס אַף צו מעסטן די בירגערלעכע רייַפקייַט פונעם מענטשן, די אינערלעכע נויטווענדיקייַט צו נעמען אַף זיך די פאַראַנטוואָרטלעכקייַט פאַר דער געזעלשאַפט.

דער אינהאַלט פון באָריס רודייַעווס לעבן איז — קאַמף. ער קעמפט דערפאַר, אַז בא די מענטשן פון זייַן זאַוואָד זאָל זיך אויסרייַסן און זיגן אַ באַוווסטזיניקע, זאָרגעוודיקע קאָמוניסטישע באַציִונג צו דער אַרבעט, וועלכע זיי טוען, צום לעבן בכלל. מיט דעם דאָזיקן קאַמף, וואָס עס פירט באָריס רודייַעוו פאַר דער פאַרפולקומונג פון דער פּראָדוקציע און אין וועלכן עס ווערן אַקטיוו אַרייַנגעצויגן זייַנע כאַווײרים־מיטדענקער, פאַרדינען זיי דאָס רעכט זיך אָנצורופן עכטע באַלעבאַטים פון זייער לאַנד.

אַ גרויסע קינסטלערישע דערגרייכונג פון דער טרילאָגיע באַשטייט אין דעם, וואָס באָריס רודייַעוו ווערט אין איר ניט פאָרגעשטעלט ווי אַ קעמפער — אַ יאָכיד. אינעם ווערק געפינען מיר אַ גאַנצע גאַלעריע פון האָרעפּאַשניקעס פונעם זאַוואָד — מענטשן, וועלכע זייַנען באַהערשט פון די נייַע אידייען און פּלענער, פאַר וועלכע זיי זייַנען גרייט מאַקריוו זייַן זייער אייגענעם וווילשטאַנד, די פּערזענלעכע אינטערעסן.

די העלדן פונעם ראָמאַן זייַנען אַרבעטסמענטשן. זיי באַהערשן פולקום די טעכניק, די קונסט פון אַרבעט, נעמען אַן אַקטיוון אָנטייל אין די וויסנשאַפטלעכע פאָרשונגען, טרעטן אַרויס אין דער ראָל פון פּיאָנערן אַפן געביט פון פאַרפולקומען די פּראָדוקציע. אַף אַזאַ אופן אַנטדעקט דער שרייַבער די פירנדיקע ראָל פונעם אַרבעטער־קלאַס אין קאַמף פאַרן וויסנשאַפטלעך־טעכנישן פּראָגרעס, שילדערט, וויאַזוי עס וואַקסט און פאַרברייטערט זיך די שעפערישע איניציאַטיוו, וועלכע ווערט געבוירן אינעם קאָמפּליצירטן פּראָצעס פון דער וויסנשאַפטלעך־טעכנישער רעוואָליוציע.

„דאָס ווערטפולסטע בא אַ פּאַרטיי־טוער, — האָט מ. אי. קאַלינין געשריבן, — איז: ער זאָל קאָנען פייַערלעך אַרבעטן אין אַ געוויינלעכער וואָכעדיקער סיטואַציע, ער זאָל קאָנען טאָג־אייַן, טאָג־אויס גויווער זייַן אַלע שטערונגען, איינע נאָך דער אַנדערער, אַז די שטרויכלונגען, וועלכע דאָס פּראַקטישע לעבן שטעלט אַרויס יעדן טאָג, יעדע שאָ, זאָלן אַנטוויקלען און פאַרפעסטיקן זייַן אָנשטרענגונג, ניט פאַרגעסן בייס אָט דער טאָגטעגלעכער אַרבעט די ענד־צילן, קיינמאָל ניט אַרויסלאָזן פון אויג די דאָזיקע ענד־צילן, פאַר וועלכע עס קעמפט דער קאָמוניזם".

אַזעלכע אייגנשאַפטן זייַנען אייגנטימלעך אַנטאָן וואַסיליעוויטש סאָבאָליעוון, דעם ערשטן סעקרעטאַר פון סינעגאָרער געגנטקאָם, דעם העלד פון געאָרגי מאַרקאָווס נייַעם ראָמאַן „אַף דער שוועל פונעם יאָרהונדערט". אין געאָרגי מאַרקאָווס שאַפן איז דער קאָמוניסט, דער פּאַרטיי־טוער טאָמיד געווען אַ פירנדיקע פּערזענלעכקייַט, און אין דעם נייַעם ווערק זייַנעם שטעלט ער פאַר זיך אַ ביז גאָר פאַראַנטוואָרטלעכע און גאָרניט קיין לייַכטע אופגאַבע — שילדערן דעם נייַעם טיפּ פון אַ הייַנטצייַטיקן פּאַרטיי־טוער. די געשעענישן אינעם ראָמאַן וויקלען זיך פאַנאַנדער אַף די סיבירער ראַזוועסן. דער ראָמאַן צייכנט זיך אויס מיט שאַרפע פּראָבלעמען, און מע פילט אין אים דעם הייסן אָטעם פון דער צייַט, אין וועלכער מיר לעבן.

דער פריִערדיקער סעקרעטאַר פון געגנטקאָם פון דער פּאַרטיי פּאַוועל איוואַנאָוויטש פּאָ־

לאָסוכין האָט אין מעשעך פון אַ לענגערער צייַט פאַרנומען דעם דאָזיקן פאַראַנטוואָרטלעכן פּאָסטן, און נאָך זייַן פּלוצעמדיקן טויט איז סאָבאָליעוו ניט געווען דער איינציקער קאַנדידאַט אַף צו פאַרנעמען זייַן אָרט.

פאַראַן נאָך אַנדערע קאַנדידאַטן — דער צווייטער סעקרעטאַר פונעם געגנטקאָם טאָמילין, אַ מענטש מיט אַ שטאַרקן ווילן און טיפן וויסן, דער פּאָרזיצער פונעם געגנטלעכן אויספירקאָם קאַרפּאָוו, וועלכער פאַרמאָגט בילדונג און דערפאַרונג, דער ערשטער סעקרעטאַר פון סינעגאָרער שטאָטקאָם פון דער פּאַרטיי פּעטוכאָוו, אַ פאַרליבטער אין זייַן שטאָט און שטאַרק אָן איבערגעגעבענער דער אַרבעט. נאָר יעדערער פון זיי האָט זייַן שוואַכקייַט: טאָמילין איז צופיל געוווינט געוואָרן צו זייַן אַן אויספילער פון פרעמדע באַפעלן, און, אַזויאַרום, וועט ער ניט קאָנען אין בייטיקן מאָמענט זעלבשטענדיק אָננעמען דרייסטע באַשלוסן. באַ קאַרפּאָוו איז די טעאָרעטישע צוגרייטונג, זייַן אָנגעלייענטקייַט און זייַן אָנגעלערנטקייַט „שטאַרקער פונעם געזונטן פאַרשטאַנד“.

דער אויטאָר האָט אַ דיאַלעקטישן צוגאַנג באַם אַנאַליזירן דעם כאַראַקטער פון זייַנע העלדן, און צוזאַמען מיט די סינעגאָרער קלייַבט ער אויס סאָבאָליעוון אַלס ערשטן סעקרעטאַר פון געגנטקאָם פון דער פּאַרטיי. סאָבאָליעוו, אַ פויערים־זון פונעם דאָרף ראָמאַשקינאָ, איז גוט באַקאַנט מיטן לעבן פון די פּאָשעטע דאָרפסלייַט, ער איז פאַרליבט אין זייַן געגנט און גרויסט זיך מיט איר, נאָר פיל זאַכן, וואָס קומען דאָרט פאָר, געפעלן אים לאַכלוטן ניט. לויט זייַן ספּעציאַליטעט איז ער אַן ענערגעטיקער, און ער פאַרשטייט, אַז ווען ער גייט אַריבער אַף פּאַרטיי־אַרבעט, ווערט פאַר אים ניט גענוג די בילדונג, וואָס ער האָט באַקומען אין פּאָליטעכנישן אינסטיטוט. ער טרעט אַרייַן אין דער אַקאַדעמיע פון געזעלשאַפטלעכע וויסנשאַפטן, פאַרטיידיקט זייַן דיסערטאַציע פון אַ קאַנדידאַט אַף אַן אַקטועלער טעמע — „עפעקטיווע מעטאָדן פון עקאָנאָמישן אויסנוצן די נאַטירלעכע רעסורסן פונעם סינעגאָרער ראַיאָן“.

זייַן טעטיקייַט אַלס ערשטער סעקרעטאַר פון געגנטקאָם הייבט סאָבאָליעוו אָן פונעם גענויעם באַקאַנען זיך מיט די מענטשן אַף זייערע אַרבעטס־פּלעצער. אַף אַזאַ אופן האָט דער שרייַבער די מעגלעכקייַט אַרייַנצופירן זייַן העלד אין דער סאַמע געדיכטעניש פון די געשעענישן, צונויפשטויסן אים מיט פאַרשיידענע מענטשן, שילדערן קאָלערליי טיפּן מיטאַרבעטער, מיט וועלכע סאָבאָליעוון וועט אויסקומען צו קומען אין קאָנטאַקט אין זייַן פּראַקטישער טעטיקייַט און מיט וועלכע ער וועט דאַרפן לייזן פאַרשיידענע ווירטשאַפטלעכע, סאָציאַלע און קולטורעלע פראַגן אין דער געגנט.

אײַנגיכן ווייַזט זיך אַרויס, אַז סאָבאָליעווס מעטאָדן, זייַן אַרט דענקען, זייַן אַרבעטס־סטיל שיידן זיך לעגאַמרע אונטער פון די, וואָס זייַנען געווען אייגנטימלעך זייַן פאָרגייער. דער געוועזענער סעקרעטאַר פון געגנטקאָם פון דער פּאַרטיי פּאָלאָסוכין, איז, אָן ספק, אַ סאָלידער טוער, אָבער אַ מענטש מיט אַ שווערן כאַראַקטער, וועלכן ער האָט ניט געקאָנט און אויך ניט געוואָלט צוימען. ער האָט, אין גרונט, זיך פאַרלאָזט נאָר אַף זיך אַליין, ניט גערעכנט זיך מיט קיינעמס מיינונג, זיך ניט באַמיט צו שאַפן באַדינגונגען פאַר אָרטיקער איניציאַטיוו, דערשטיקט פיל גוטע האַסכאָלעס מיט זייַן אויטאָריטעט, וועלכן ער האָט געהאַלטן פאַר פעלערלאָז און, אַזויאַרום, אָנגעטאָן שאָדן אין געוויסע איניאָנים.

סאָבאָליעוו דענקט אַנדערש און טוט אַנדערש. אים איז קלאָר, אַז מע דאַרף אונטערהאַלטן דעם טאַלאַנטירטן אַגראָנאָם זאַבאַבולינען, וועלכן פּאָלאָסוכין האָט אָן סיבעס אַראָפּגענומען פונעם פּאָסטן פון סעקרעטאַר פון אויספירקאָם נאָר דערפאַר, ווייַל ער האָט אַרויסגעוויזן אַנאַליטישע פייִקייַטן און דרייסטקייַט אין שטעלן וויכטיקע פּראָבלעמען. סאָבאָליעוו אינטערעסירט זיך מיט די פּראָיעקטן פון ראַציאָנעלער עקספּלואַטאַציע פון די רייַכטימער פון סינעגאָריע, וועלכע עס לייגט פאָר דער כיטרער, נאָר פּראַקטישער און ווייַטזיכטיקער פּאָרזיצער פון דער געגנטלעכער געברויך־קאָאָפּעראַציע טערעבילין. ער הערט זיך אויפמערקזאַם צו צו די אַרויסזאָגונגען און שטרעבונגען פונעם פאָלקס־טאַלאַנט, דעם בעקער סעראַפים פּטאַשקין. סאָבאָליעוו רעגט זיך שטאַרק אויף, ווען ער זעט, וואָס עס טוט זיך אַף דער כאַזיירים־פערמע. געדאַנקלעך פאַרגלייַכט ער זי מיט די זויבערע, ראַכוועסדיקע, מיט טעכנישער אויסשטאַטונג באַזאָרגטע פערמעס, וועלכע ער האָט געזען אין דענעמאַרק, און טראַכט מיט ווייטעק אין האַרצן: „איז דען דער דענישער פערמער רייַכער פונעם קאָלווירט „דער וואַלד־טאָל“, וועלכער פאַרמאָגט אַ קאַפּיטאַל פון דרייַ מיליאָן רובל? פאַרשטייט זיך, אַז מע מוז צעברעכן, מיט אַלע קויכעס צעשטערן אַזאַ גלייַכגילטיקע באַציִונג צום נייַעם...“

סאָבאָליעוו פאַרשטייט גאַנץ גוט, אַז מיט אַדמיניסטראַטיווע מיטלען, וועלכע פּאָלאָסוכין האָט אַזוי גערן אָנגעווענדט, וועט ער ווייַט ניט אַוועקגיין, און ער סטאַרעט זיך סטימולירן די אַקטיווקייַט, הייבן די פאַראַנטוואָרטלעכקייַט פון די מענטשן פאַר זייערע טוונגען. מיט יאָרן צוריק האָט ער געאַרבעט אַלס סעקרעטאַר פונעם ראַיקאָם פון דער פּאַרטיי אין בעלאָיאַרסק, און ער האָט דאָרט ניט ווייניק אויפגעטאָן, אַז דער ראַיאָנער צענטער זאָל פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ שטאָט. אין בעלאָיאַרסק האָט מען דאַן געהאַט געפונען קוואַלן פון נאַפט און גאַז, און אַהין האָט מען, ווי אַף אַ נייַ־בוי, צוגעשטעלט אַלע נייטיקע מאַטעריאַלן אין דער ערשטער ריי און אין אַ גענוגנדיקער מאָס. און דאָס שכייניעסדיקע סיבירער דאָרף ליסטוויאַנקע איז געגאַנגען באַרג־אַראָפּ, אייַנגעשרומפּן געוואָרן, די מענטשן האָבן עס פאַרלאָזט. עס הערן זיך שטימען, אַז מע טאָר ניט דערלאָזן, ס'זאָל אין

טייל פונעם ראיאָן זיך אנטוויקלען און צעבליִען אפן כעזשבן פונעם צווייטן. אין ליסטוויאנקע האָט מען געקאָנט און געדאַרפט שאפן א וואלד־ווירטשאפט, אוועקשטעלן א זעג־מיל, און דאן וואלטן די טעריטאָריִעלע באשטאנדטיילן פון סינעגאָריע געקאָנט גלייכמעסיק זיך אנטוויקלען, קאָמפּלעקסאַרטיק. סאַבאַליעוו נעמט אָן די קריטיק, וואָס איז געווענדט צו אים, ער איז גרייט פאַריכטן די דערלאָזטע פעלערן.

מיט זיין עמאָציאָנעלער און דראמאטישער ציילונגס־מאַניר ברענגט דער אוטאָר דעם לייענער צו דער איבערצייגונג, אז דאָס, וואָס מע האָט אויסגעקליבן סאַבאַליעוון פון צווישן פיל אנדערע סאָלידע קאַנדידאַטורן, איז ניט געווען קיין צופעליקייט, ווייל זיין ארבעט־סטיל איז צוגעפּאַסט צו די נייע אופגאבן פון דער עקאָנאָמישער, סאָציאַלער און קולטורעלער בויונג, וועלכע שטייען אפן טאָג־סדר אין לאַנד אינעם פעריאָד פון דעם רייפן סאָציאַליזם. לויט דער גערעכטער באהויפּטונג פונעם ליטעראַטור־פאָרשער וו. נאָוויקאָוו, איז דער ראָמאַן „אף דער שוועל פון יאָרהונדערט" אין איינקלאַנג מיט די באַשלוסן פונעם 26־טן פאַרטיי־צוזאַמענפאָר און איז דורכגעדרונגען מיט דער זיכערער איבערצייגונג, אז דער נייער סטיל פון דער פאַרטיי־טעטיקייט, וועלכער לאָזט זיך בולעט מערקן אין סאַבאַליעווס טוונגען, געדאַנקען און פּלענער, וועט ברענגען גינסטיקע רעזולטאַטן. קאָלאָסאַלע רעזערוון, וועלכע זיינען ביז איצט ניט אויסגענוצט געוואָרן, וועלן איינגעלידערט ווערן אין דער דינאַמישער אנטוויקלונג פון סינעגאָריע, פונעם סיבירער קאַנט, פון דעם גאַנצן לאַנד.

עס וואַקסט אלץ מער דער אינטערעס פון דער פּילשפּראַכיקער סאָוועטישער ליטעראַטור צו די געשטאַלטן פון די מענטשן, וועלכע פאַרקערפּערן דעם פאַרנונפט, די ערע און דעם געוויסן פונעם פאָלק — די אָרגאַניזאַטאָרן פונעם קאַמף און פון דער פּראָדוקטיווער מי פון די פאָלקסמאַסן. אזעלכע זיינען די געשטאַלטן פון אנדריי שטשערבינינען אין אַנאַטאָלי זשוקאָווס ראָמאַן „א שטוב פאַרן אייניקל", אזעלכער איז אויך דער יונגער לערער מאַסוד, וועלכער קעמפט פאַר דער רעוואָלוציאָנערער באַנייונג פונעם אוזבעקישן דאָרף אינעם ראָמאַן פונעם אוזבעקישן שרייבער כאַמיד גוליאַם „אומשטערבלעכקייט". פון דעם זעלבן מין איז דאָס געשטאַלט פון באַטשאַן ראַמישווילי, וועלכער איז אויסגעהאַלטן־פּרינציפּיעל אפילו אין אַלטעגלעכע טריוויאַלע סיטואַציעס, אינעם ראָמאַן פונעם גרוזינישן פּראָזאיקער נאָדאַר דומבאַדזע „דער געזעץ פון דער אייביקייט".

וו. אי. לעניק האָט גערופן די שרייבער, זיי זאָלן שילדערן אין זייערע ווערק די געשטאַלטן פון מענטשן, וועלכע רעפּרעזענטירן אונדזער דעמאָקראַטישן און סאָציאַליסטישן אידעאַל. אזעלכע געשטאַלטן פאַרנעמען אלץ א מער כאַשעווו אָרט אין אונדזער קינסטלערישער פּראָזע. וועגן אָט די העלדן קאָן מען זיך אויסדריקן מיט קאָנסטאַנטין פעדינס ווערטער:

„...דאָרט, וווּ ער איז געווען, האָט זיך געפונען די היינטצייטיקייט אליין — ער איז געווען איר באַשעפער, גלייך ווי זי, די היינטצייטיקייט, וואָלט אים געבוירן".

דער אָנגעזעענער אוקראַיִנישער דיכטער אנדריי מאַלישקאָ מאָלט אין זיינער א ליד דאָס געשטאַלט פונעם קאָמוניסט, וועלכער, שפּאַנענדיק פאָרויס אף דעם אומענדלעך־שווערן וועג און גויווער זייענדיק אלע שטרויכלונגען, „נעמט די צוקונפט אין די אייגענע הענט":

אף קיין באַלוינונג
קוקט ער ניט ארויס,
קיין אוצרעס גאָלד־און־זילבער
פעלן אים ניט אויס.
אף זיינע שטאַרקע פּלייצעס
טראָגן איז ער גרייט
די וועלט מיט אירע דייגעס,
ווי זי שטייט און גייט.

דער קאָמוניסט באַטשאַנא ראַמישווילי אין נ. דומבאַדזעס ווערק פילט באַוווסטזיניק די אומגעהייערע אכרייעס, וועלכע ליגט אף זיינע פּלייצעס און אף די פּלייצעס פון זיינע מיטדענקער — אופצוהיטן די אומגעהייער־פּרעכטיקע וועלט, וואָס רינגלט אונדז ארום. ער פאָרמולירט „דאָס געזעץ פון אייביקייט", וועלכן ער האָט אליין אנטדעקט: „דעם מענטשנס נעשאָמע איז הונדערטפאַך שווערער פון זיין גוף... זי איז אזוי שווער, אז איין מענטש איז ניט בעקויעד זי צו טראָגן... און דערפאַר זיינען מיר, מענטשן, מעכוייעוו, ווייל מיר לעבן אף דער וועלט, העלפן איינער דעם אנדערן צו פאַרזאָרגן די אומשטערבלעכקייט פון אונדזערע נעשאָמעס; איר זאָלט זאָרגן פאַר מיינער, איך — פאַר א צווייטנס, דער צווייטער — פאַר א דריטנס און אזוי ווייטער אָן א סאָף... ניט דערלאָזן, אז דעם מענטשנס טויט, זאָל אונדז, די לעבעדיקע, פאַרמישפּעטן אף איינזאַמקייט..."

אין דעם דאָזיקן „געזעץ פון דער אייביקייט" — דעם געזעץ פון מענטשלעכער פריינטשאַפט, גוטסקייט, קאָרבאָנאָס־גרייטקייט איז קאָנצענטרירט דאָס, וואָס איז שייעך דער קאָמוניסטישער זיטלעכקייט. אין די ווערק פון די סאָוועטישע שרייבער פון אונדזער דאָר, ווי פאַרשיידנאַרטיק עס זאָלן ניט זיין זייער טעמאַטיק, דער כאַראַקטער פון די העלדן, די קאָליזיעס און קאָנפליקטן, טראָגן זיי אלע, בעדערעך קלאַל דעם כויסעם פון בוילעטער שעפערישער אינדיווידואַליטעט און קאָנען דינען אלס איבערצייגווודיקע באַשטעטיקונג פון כאַווער ל. אי. ברעזשנעווס ווערטער אפן XXVI פאַרטיי־צוזאַמענפאָר וועגן דעם, אז „אין דער סאָוועטישער קונסט הייבט זיך אוף א נייע כוואַליע פון שעפערישן אופשוווּנג".

די האַרמאָניע פון הומאַניסטישע געפילן, וואָס אזעלכע ווערק רופן ארויס בא די לייענער, וועלן, אָן ספק, מיטווירקן דער קאָנסאָלידאַציע פון זייערע עטישע יעסוידעס פון גוטסקייט און גערעכטיקייט.

אירמע דרוקער

פון טאָף צו א נײַעם אלעף

„פון אלעף ביז טאָף"—אזוי הייסט אײנע פון ארן ווערגעליסעס לידער־זאמלונגען. אזא איז געווען דער דיכטערישער סאכאקל אין 1970 יאָר.

סאכאקל און סיִעם באטײַטן: פון טאָף זיך ווידער אומקערן צום אלעף. אזעלכע סאכאקלען און אָנהייבן האָט א. ווערגעליס היפּש דורכגעמאכט פאר די צוועלף יאָר אין די נײַע פאר אים זשאנרען, פארעפנטלעכנדיק דעם ראָמאן „די צײַט", די דראמאטישע נאָוועלן, דעם גרויסן ציקל „נאָטיצן אָן א סידער" (וואָס די מערהײַט פון זיי וואקסן ווײַט אריבער די נאָטיצארטיקײַט), אויך די רײַזעס „אין פופצן יאָר ארום", וועלכע טראָגן ארײַן א סאך נײַס — פאר די פופצן יאָר האָט אמעריקע געמאכט א היפּשן האשיווײַנו נאזאד, און קלאָר, אז די רײַזעס זײַנען געוואָרן סאטיריש שארפער און מער אָנגרײַפערישער.

דער רײַזע־זשאנער פון ניט שטיין אף אײן אָרט, פון זיך טראָגן אינדערלופטן און באטרעטן פון מאָל צו מאָל אלץ מער נײַע ערדן, אלץ מער נײַע הימלען, אלץ מער נײַע וועלטן, אנטשפּרעכט דורכויס ווערגעליסעס אומרויִקן געמיט פון קײנמאָל ניט קאָנען שטילן דעם דורשט, דעם פארלאנג צו וויסן און דערציילן וועגן דעם הײַנטיקן טאָג, נאָכגיין נאָך די טריט, וואָס האָבן אָפּגעשטעמפּלט די געשיכטע פונעם יִדישן פאָלק אף פארשיידענע ערדן.

די נײַגעריקײַט, דאָס אקשאָנעס פון בא־הערשן א נײַעם זשאנער, די קעמפערישקײַט, דאָס ווארפן זיך גערן אין שלאכט — זײַנען ניט בלויז אײגנטימלעך פאר די רײַזעס, נאָר פאר אלץ, וואָס עס שרײַבט ווערגעליס.

די צײַט — דאָס איז דער טאָך פון זײַן שאפן. אזוי, אז פאר אים איז אבסאָליוט ניט גילטיק דער „וויל צו די, וואָס קומען צו דער צײַט, וויל צו די, וואָס האָבן ניט פארשפּעטיקט". ער האָט פון ערגעץ ניט באדארפט קומען, זײַן ערשטער געבורט־אויסגעשריי האָט זיך צונויפגעגאָסן מיטן באַרעכהאבאָ־אויסגעשריי פון דער נײַער, נאָרוואָס געבוירענער סאָציִאליסטישער וועלט. און אוואדע און אוואדע האָט ער ניט געקאָנט פארשפּעטיקן — די אָקטיאבער־רעוואָליוציע האָט אים פארוויגט מיט אירע פײַערדיקע ניגונים און אים אויפגעוועקט פונעם וויגל מיט אויפגעפּלאצטע באָמבעס, באשיצט אים אין איר שויס און גלײַך בא זײַנע ערשטע טריט אים אויסגעשטרעקט איר פירנדיקע און אָנווײַזנדיקע האנט, וואָס האָט אים געריכטעט אין שטענדיקן, אומופהערלעכן פּאָרויסגאנג.

אָן ארײַנגעוואקסענער אין דער צײַט און אָן ארויסגעוואקסענער פון איר, האָט ווערגעליס ניט אויפגעהערט צו צײַטיקן מיט דער צײַט.

די צײַט האָט קײן צײַט ניט, זי איבעראשט אלע ווײַלע מיט נײַע מאסיי ברײשיס־ענדערונגען, מיטן רעאליזירן און פארווירקלעכן די שענסטע דאָר־דוירעסדיקע מענטשלעכע טרוימען, מיט אירע פארשיידענע סאָציִאלע אופּברויזן, מיט סאָציִאלער אויפגעוואכטקײַט פון די פעלקער.

ארן ווערגעליס ווייסט ניט פון קײן רו, אים איז פרעמד דער שליסנדיקער פּונקט, דער נאָך־אלעמען־סאָף. ער איז שטענדיק אין קאָך פון די געשעענישן און ענדערונגען, ער וואַרט קײנמאָל ניט אפן כעסעד פון דער צײַט, זי זאָל אים אונטערוואַרפן א טעמע, אונטערזאָגן אַן אינהאלט. מיט א באזונדער פארשארפטן געהער געפינט ער אויס דעם באָדן, פון וועלכן די שלאָגנדיקע קוואלן רײַסן זיך מיט א באזונדער קראפט פון טיף אינווייניק אין דרויסן ארויס.

אינלאנד און אויסלאנד, דער נעכטן, דער הײַנט און דער מאָרגן, דאָס נאציִאָנאלע און אינטערנאציִאָנאלע, דאָס פאָלק און די פעלקער, — דאָס איז דער אומענדלעכער טעריטאָריע־שעטעך פון זײַן שאפן; צײַטן און וועלטן אין זייער קעגנשטעלונג, — דאָס איז דער שארפשטיין, אף וועלכן עס ווערן געשארפט זײַנע סאטירישע פײַלן, וואָס צילן און טרעפן, רייניקן אָפּ דעם וועג, טרײַבן פאנאנדער די וואָלקנס פארן זון־אויפגאנג, פאר דער הימלוויטערקײַט, פאר דער הארציקער ווארעמער לירישקײַט, פאר דעם שירמיזמויר לעקאָוועד דעם נײַעם סאָוועטישן מענטשן, וואָס ווײַזט וווּנדער באם בויען די נײַע וועלט.

דאָס פילפלאניקע, אָן וואָס עס איז אומעגלעך אין אונדזער צײַט צו בויען א קינסטלעריש ווערק, ברענגט צו דער אויפווירקונג פון אײן זשאנער אפן צווייטן — די ליריק איז ניט פרײַ פון פובליציסטיק, און דאָס פובליציסטישע טראָגט אין זיך די דיכטערישע באהויכונג, זי פארמאָגט א היפּשן אָנלאָד פון פּראָזע־שילדערונגען, פון פּאָרטרעט און געמעל, פון מאָנאָלאָג און דיִאלאָג, פון פּייזאזש, פון קינסטלערישער דעטאל, און דאָס אלץ עפנט דעם וועג

פאר דער קינסטלערישער פּראָזע, פאר דעם ראָמאן און דראמאטישע נאָוועלן.

און דאָך איז דער איבערגאנג פון דיכטונג צו פּראָזע א ביז גאָר שווערער. ניט איין שרייַבער איז געשטרויכלט געוואָרן אף דעם וועג.

ארן ווערגעליס איז איבערגעגאנגען די גרענעץ בעשאָלעם. אין ניט קיין גרויסן ראָמאן, אָן העמשייכים, אָן א צווייטן טייל, אָן א טרילאָגיע־פארצויגנקייַט האָט זיך אים אייַנגעגעבן ארומכאפּן דעם פּעריאָד פון א האלבן יאָרהונדערט, די פארשיידענע צייַטן און פארשיידענע ערטער. דערבייַ ניט אָפּכאפּנדיק, ווי פרומע ייִדן פלעגן אמאָל בא דער מעגילע אין איין אָטעם אָפּכאפּן די נעמען פון האָמאָנס צען באָנים ווי איין נאָמען.

„די צייַט" איז א ראָמאן פון איבערופן און דיסטאנץ־דערנענטערונגען, א ראָמאן פון דורכגעמאכטע מעהאלעכן און לעבנס־אנטוויקלונגען, פון אינדיווידואליזירונג און פּסיכאָלאָגישער פארטיפערונג, וואָס לאָזן ניט פארלוירן גייך קיין איין ארויסגעפירט געשטאלט.

„די צייַט" געהער צו די ראָמאנען, וועגן וועלכע מ'זאָגט: דאָס ווערק, דוכט זיך, איז ניט גרויס, די שילדערונגען זייַנען אָבער ניט קליין. און בעעמעס, דאָס זייַנען דראמאטיש־אָנגעלאָדענע, אין א גרויסן מאסשטאב געשילדערטע געשעענישן, וועלכע ווערן איבערגעגעבן דורך ניט קיין סאך שורעס.

ארן ווערגעליס איז אין זייַנע שעפערישע מיסיִעס איינער פון די שעליכים פונעם פאָלק, פון דער פּארטיי, דער „רויטער מעשולעך", ווי עס רופן אים אין ארויסלאנד סייַ זייַנע אָנהענגער און סייַ זייַנע קעגנער. בא די פרייַנט איז דער טיטל רויטער מעשולעך־לישוואָך און בא די סאָנים — ליגנייַ.

ארן ווערגעליס שטאָלצירט מיט זייַנע שליכעסן, מיט זייַן פּאָליטישער מיסיִע, מיט זייַנע העפטיקע געראנגלען און לייַדנשאפטלעכער פּאָלעמיק. אזא גוירל איז זעלטן באשערט אן עמעס־זוכער און עמעס־זאָגער. דער גוירל פון א קעמפער איז לאכלוטן פרעמד יענע שרייַבער, וואָס שטייען מיכוץ לעמאכנע פונעם פּאָליטישן לעבן. דערפאר אָבער איז א גליק צו זייַן א טרעגער פון קאמפס־לייַדנשאפטן. אין דער געשיכטע פון דער ליטעראטור איז פארצייכנט, אז נאָך א שארפער רעדע אין פּארלאמענט קעגן דער אופירונג פון די לאָרדן, קעגן דער מאכט פון די מאכטהאָבער, איז בייַראָן געצוווּנגען געווען פארלאָזן דעם פּארלאמענט און אריבערטראָגן דעם פארביטערטן קאמף אין דער שאפונגס־ספער. דאָס האָט ניט געשטערט, נאָר פארקערט, באריַיכערט און צוגעגעבן א באזונדערע קראפט זייַנע נייַע ווערק.

ענטפערנדיק די פייַנשמעקער, וואָס האָבן געהאלטן אין איין טייַנען, אז דאָס פּובליציסטישע אטראָפירט דעם פּאָעט, רייַסט אויס מיטן וואָרצל די דיכטונג, האָט בייַראָן דערוויזן, אז זייַן רעדע אין פּארלאמענט, אין וועלכער ער האָט פארטיידיקט די וועבער־ארבעטער פון ענגלאנד, האָט פאר אים געדינט אלס שטויס צו אָנשרייַבן די פּאָעמע „טשייַלד האראָלד".

די שאפונג פון ארן ווערגעליס, וועלכע געפינט זיך שטענדיק אף די פאָדערשטע פּאָזיציעס, איז נאָך איין באווייַז, אז די מוזעס שווייַגן ניט, ווען די הארמאטן שיסן, ווען די קריגן דויערן.

אמאָליקע צייַטן פלעגט מען בא ייִדן זאָגן: „וואָס קומט ארויס פון מייַן פּויליש רעדן, אז מ'לאָזט מיך אין הויף ניט אריַין". אין טכום האמוישעוו זייַנען אלע וועגן, אלע אריַינגאנגען און ארויסגאנגען געווען אָפּגעשניטן. דער אייַנציקער באריר מיטן ברייטן „אָפּיציעלן" קלאל איז באשטאנען אין די פארשיידענע ביטערע גזיירעס, אין דעם אויסברוך פון פּאָגראָמען, אין לערנען מיט די ייִדישע פאָלקסמאסן די סעדרע באָלאָק און די סעדרע לעך־לעכאָ — פון דאנען ארויס און אהין ניט געקומען. דער טראגישער גוירל האָט געבראכט צו דעם, אז פּאָליטיק אין שטעטל איז אריבערגעטראָגן געוואָרן אין בעסמעדרעש, אונטערן אויוון, ווו די כאכמיי האליעזשאנקע האָבן מיט זייער כאָכמע געקערט וועלטן, אראָפּגעוואָרפן קייסאָרים און געקרוינט קייסאָרים. די דלאָניעס האָבן געדינט אלס לאנד־קארטעס, און די ליניעס אף זיי האָבן געפירט אין ניט־געשטויגן און ניט־געפלויגן, די שפּרינגענדיקע, טאנצנדיקע און זיך פארטשעפּענדיקע פינגער האָבן געוויזן אף מאפּאָלעס און געפייַערט ניצכוינעס. די כאכמיי האליעזשאנקע, די שטעטלדיקע „דיפּלאָמאטן" און „פּאָליטיקער" האָבן באריַיכערט די ייִדישע קלאסישע ליטעראטור מיט א שעפע פון אָפּשפּאָט און כויזעק.

„אין איינעם פון די טעטעריוועקער קרייַזלעך, — שרייַבט מענדעלע אין זייַן „מאָסאָעס בינ־יאָמין האשלישי", — האָט שטארק געקאָכט פון דער דענסטמאָליקער קרימער מילכאָמע. דער אונטער־אויוון איז זיך צעפאלן אף פארשיידענע קיטעס. איטלעכע קיטע מיט איר פּרעזידענט און מיט איר גאנג אין דער פּאָליטיקע. כייַקל באלמויעד און זייַן קאָמפּאניע איז זייער באשעפטיקט געווען מיט דער מומע וויטען, פלעגט זי צעלייגן אף טעלערלעך און באוויַיזן די האסבאָרעס און די שפּיצלעך, וואָס אין איר שטעקט.

...און ווייַל כייַקל באלמויעד איז געווען פארקאָכט אין וויטען, דעריבער האָט איציק פאשטן, כייַקלס באשטענדיקער מיסנאגיד אין אלע זאכן, זיך אָנגעטשעפּעט אין דער מומע ראָסיע.

...איז כייַקל געשטאנען אף א שטיקל שטייגער מיט שאָלעם באָקסער, דעם פּרעזידענט פון פּעטער ייִשמאָעלס קנופּיע, און האָט שוין קימאט ווי האלב זיך אויסגעגלייַכט מיט בערל פראנצויז, נאפּאָלעאָנס א הייסער כאָסיד, האָט איציק אָנגעמאכט א הארמידער און צוגעצויגן צו זיך טעוויע מאָק, קירעס מענטש".

שאָלעם־אליי כעמס קאסרילעווקער מעלאמעד פארנעמט זיך מיט פּאָליטיק אין זייַן פאנטאסטישן געדאכט — אין איינעם א דאָנערשטיק,

ווען עס האָט גראַדע אויסגעפּעלט דאָס דרײַערל אַף שאַבּעס, כאַפּט ער זיך אַרויף אַף די פליגלען פון זײַן פאַנטאַזיע און אַנטלויפט פונעם דאָנערשטיק און פון דעם דרײַערל. דער וועג פון זײַן וווּהין קומט צו דעם „ווען" (ווען איך וואָלט געווען)... „ווען איך בין ראָטשילד".

פריִער פון אַלץ וואָלט ער זיך אַליין באַוואָרנט, דערנאָך דעם פּראַט — יעדן קאַסרילעווקער באַזונדער, און דערנאָך וואָלט ער זיך אַ נעם געטאָן צום קלאַל.

דער פליִענדיקער האַלענדער מענאַכעם-מענדל שפּאַרט אָן קיין אַמעריקע, ווערט פון אַ צײַטונגס-פאַרקויפער — אַ צײַטונגס-מענטש, אַ זשורנאַליסט. עס געדויערט ניט לאַנג, און דער אַנטוישטער מענאַכעם-מענדל אַנטלויפט פון אַמעריקע קיין וואַרשע, וווּ עס בליט זיך פאַנאַנדער זײַן זשורנאַליסטישע קאַריערע. מענאַכעם-מענדל ווערט אַ פּאָליטישער איבערזיכטלער. אַ מעדינע איז בײַ אים קײַ און שפּײַ. עס טראָגט אים אינדערלופטן, קאָמבינאַציעס נאָך קאָמבינאַציעס, פּראָיעקטן נאָך פּראָיעקטן, אַ פּראָיעקט אַרויף און אַ פּראָיעקט אַראָפּ, דיפּלאָמאַטישע אײַנפאַלן און סטראַטעגישע געהנג.

מענאַכעם-מענדלס בריוו צו שיינע-שיינדלען וועגן די באַלקאַנישע אומרוען, וועגן דער באַלקאַנער מילכאָמע ערעוו דער ערשטער וועלט-מילכאָמע שווינדלען און גריבלען מיט פּאָליטיק, מיט כאָכמעס האַסטראַטעגיע. זיי זײַנען געשריבן אין דעם זעלבן נוסעך ווי זײַנע בריוו פון דער אָדעסער און יעהופּעצער בירזשע — אָט ווערט ער ניסאַשער, אָט וועט דער בלויער פויגל אַליין אַרײַנפליִען צו אים אין די הענט אַרײַן, און גלײַך לאָזט זיך אויס אַ בוידעם, עס הערט אויף צו פידלען. זיבן מאָל פאַלט מענאַכעם-מענדל, און ער שטייט אויף אַף צו פאַלן אָן אַכט און אַ נײַנט מאָל. אַלע אָנערקענען, אַז ער איז אַ געבוירענער פּאָליטיקער. אָן איבעראַשטער פון זיך און מיט זיך אַליין, פּרוּווט ער אויך איבעראַשן זײַן פלוינעסטע שיינע-שיינדל. „עס באָמבלען זיך מיר אין קאָפּ אַלערליי פּלאַנען און פּראָיעקטן, איין פּראָיעקט האָב איך גאָר אַ גרויסן, אַ גוואַלדיקן פּראָיעקט, וואָס בײַ אַ שטיקעלע האַצלאָכע, ווען דער אייבערשטער העלפט נאָר, קאָן איך אַזוי ניסגאַדל ווערן, אַז ס'זאָל טאַקע קלינגען מיט מיר די וועלט".

די ניכטערע און אָנגעלערנטע שיינע-שיינדל זעצט אַראָפּ אַף דער ערד איר אינדערלופטן זיך טראָגנדיקן מאַן: „האַלעוואַי עס זאָל אויסגעהאַלטן ווערן און פון דײַן שרײַבטיש זאָל זיך ניט אויסלאָזן, כאָלילע, דאָס, וואָס פון דײַנע יעהופּעצער וועלדער, אימעניעס און זאַוואָדלעך, וואָס פריִער קישעט עס און קישעט, דערנאָך קומט די קאַץ און לעקט אויס די סמעטענע. (...) זינט דו האָסט אָנגעהויבן פירן געשעפטן מיט טערקן, הויכע פענצטער, מעלאָכים און מעלוכעס, הייב איך אָן מוירע צו האָבן, ס'זאָל דיך ניט דערפירן, כאָלילע, גאָט ווייסט וווּהין".

די ניט פאַרווירקלעכטע קאָמבינאַציעס און ניט מעקוייעם געוואָרענע אײַנרעדענישן ברענגען צו דעם, אַז מענאַכעם-מענדל איז געצוווּנגען אָפּגעבן דאָס גערעכט שיינע-שיינדלען: „נישטאָ דער נאַר, וואָס זאָל זאָגן נעוויִעס פון הײַנט אַף מאָרגן, וואָס מאָרגן וועט זײַן. (...) פּאָליטיקע איז אַ בירזשע, און מילכאָמעס זײַנען שפּעגולאַציע, און מעלוכעס זײַנען שפּעגולאַנטן און דיפּלאָמאַטן זײַנען מעקלערס".

דער אומרויִקער י.-ל. פּערעץ האָט זיך געקלאָגט אַף דער באַלעבאַטישער רו, וואָס עס פילט זיך אין אַ ריי ווערק פון דער יִדישער ליטעראַטור. ניטאָ קיין שאָלעם ניט נאָר אין די צײַטן פון מילכאָמע, נאָר אויך פאַר זיי און נאָך זיי — „שאָלעם איז בלויז אַפּן בייסהאַקוואָרעס".

דער הײַנט קאָן ניט זײַן אָפּגעריסן פונעם נעכטן און פונעם מאָרגן. בלויז אין אָט דער דרײַ-איינִיקייט פון צײַטן קאָן אַמבוילעטסטן אַנטפּלעקט ווערן יעדע צײַט באַזונדער.

„מיר זײַנען אַ וואַנדער-פאָלק, — האָט פּערעץ ניט איין מאָל איבערגעכאַזערט, — און אונדזער ליטעראַטור איז ווי אַ שטייענדיק וואַסער".

דאָס שטייענדיקע וואַסער האָט היפּש צעקאָלאָטעט און צעבויטעט שאָלעם-אַליכעם. קאַסרילעווקע האָט זיך גענומען רירן פון אָרט, עס האָט זיך אָנגעהויבן די סעדרע לעך-לעכאָ, דער קריִעס יאַמסוף, דאָס אָנשפּאַרן אַזש קיין ניו-יאָרק, וווּ דער שלים-שלימאַזל האָט געהאַלטן אין איין מופּן פון שלעכטס צו ערגערס. מ'האָט זיך געיאָגט נאָכן „אָלרײַט" ווי נאָכן בלויען פויגל, וואָס איז אין ניו-יאָרק, נאָך מער ווי אין קאַסרילעווקע, געפלויגן, אַוועקגעפלויגן און זיך ניט געלאָזט כאַפּן.

דער פלינקער און דרייסטער רײַטער אָשער שוואַרצמאַן האָט זיך וויכערדיק דורכגעטראָגן אין אויסשפּיר, און מיט זײַן אויסלייז-וואָרט אָנגעזאָגט און מיט זײַן האַנט דער אָנגעשטאָלטער אָנגעוויזן אַף די פאַרפּלייצנדיקע, לויפנדיקע און זיך ניט אָפּשטעלנדיקע שטראָמען פון דער אָקטיאַבער-רעוואָליוציע, וועלכע האָבן אויפגעריסן אַלע פאַרצאַמונגען, אַלע הרעבליעס אינעם לעבן, און פונעם לעבן גענומען אַרײַנשטראָמען אין דער ליטעראַטור.

די יִדישע סאָוועטישע שרײַבער האָבן זיך בײַם סאַמע בעריישעס אײַנגעשלאָסן אין דער פּראָצעסיע, אין די „פּאָרנטיקע רייען פון דער שפּאַנענדיקער מענטשהײַט".

דער שטעך פון אָרט און צײַט אין אָרן ווערגעליסעס ראָמאַן „די צײַט" איז אומגעהייער גרויס. ביראָבידזשאַן ווערט אַ קנופּסטאַנציע, וועמענס רעלסן עס גייען זיך פאַנאַנדער אין פאַרשיידענע ריכטונגען, אין פאַרשיידענע ווײַטן, וואָס פירן אַהין, וווּ עס קומט פאָר דער בלוטיקער געראַנגל מיטן צעווילדעוועטן פאַשיזם, וווּ עס ווערט דורכגעמאַכט דער אידעאָלאָגישער האַשיוווינו נאַזאַד, דער פאָלג מיך אַ גאַנג פון דער בירא ביז צום יאַרדן.

די צײַט — אַ האַלבער יאָרהונדערט. דער ערעוו פון דער מילכאָמע, די מילכאָמע און דער

נאָכמילכאָמע־פּעריִאָד. שרעקלעכע, אומרויִקע יאָרן, וואָס זײַנען פול מיט אומגעריכטקײַטן, מיט צופעליקײַטן, מיט אומדערוואַרטקײַטן, מיט צוזאַמענטרעפן פון ווי פון יענער־וועלט געקומענע. אַף יעדן טריט און שריט שטײַגט די וואַרע וואָר אַריבער יעדן דעטעקטיוו. ניט אומזיסט הייסט די צווייטע נאָוועלע פונעם ראָמאַן „אַ מילכאָמע־דעטעקטיוו“.

אין זײַן פאַרסאַכאַקלענדיקן עפּילאָג שרײַבט אַרן ווערגעליס: „אינעם ראָמאַן איז באַשריבן די ניט געקינצלטע געשיכטע פון אַ ייִדישער מישפּאָכע אין אַ צײַט־אָפּשניט, וואָס שפּרייט זיך אויס פון די בודיאָנישע יאָרן ביז איצטער. אַ ווערטעלע צו זאָגן! און ווײַל איר, די טשאָרניצערס, און אײַערע פרײַנט האָבן נישט אויסגעמיטן ניט דאָס שטעטעלע, ניט ביראָבידזשאַן, ניט דניעפּראָהעס מיט קאָמסאָמאָלסק, ניט דעם קריג קעגן היטלערן — די אָקאָפּעס און די אָשווענטשימס, ניט אויסגעמיטן ייִסראָעל — איז, טײַערער מײַנער, פאַלעק, זאָג: וואָס איז עס? צי ניט דאָס לעבן פון אונדזער פאָלק אין דעם האַלבן יאָרהונדערט איז דאָס?“

באַ אַרן ווערגעליסעס פאָרגייער איז ביראָבידזשאַן געשילדערט געוואָרן ראָמאַנטיש אַלס אַ נײַ בלעטל אין דער געשיכטע פון דער ייִדישער ליטעראַטור. עס זײַנען געשילדערט און באַזונגען געוואָרן די נעכעמיעס, וואָס האָבן אָקאָרשט געביטן זייער פאַך, די שטעטלשע לופט־מענטשן, וואָס האָבן דורכגעמאַכט די „ווייכע פאָסאַדקע“ נאָכן לאַנגדויערנדיקן שוועבן אינדערלופטן. ס'האָט איבעראַשט דער נײַער פּייזאַזש פון אומענדלעכע ראַכוועסן, פון שטראָמיק לויפנדיקע טײַכן, פון וועלדער און סאָפּקעס, פון באַטראָטענע און נאָך ניט באַטראָטענע ערדן. די האַקנדיקע העק, די זעגנדיקע זעגן, דער קראַך פון פאַלנדיקע ביימער האָבן אופגערודערט ווי אַ נאָך ניט געהערט געזאַנג, ווי אַ שפּיל אַף נאָך ניט געזעענע און נאָך ניט געהערטע אינסטרומענטן.

אַפילע דאָס געוויינלעכע אין לעבן האָט דאָ אויסגעזען אומגעוויינלעך — גאָר אַן אַנדער פריילעכס, גאָר אַן אַנדער מאַזלטאָוו, גאָר אַן אַנדער באָרעכהאַבאָ פאַר די נאָרוואָס געבוירענע.

ביראָבידזשאַן האָט געהאַלטן אין געבוירן ווערן און האָט זיך געניטיקט אין וואָס מער ביראָבידזשאַנצעס. און אַ געבאָרענער איז דאָך שטענדיק מער ווי אַ געוואָרענער...

די אַמאָליקע ניט באַרירטע טײַגע אין ביראָבידזשאַן האָט שוין ניט איין גערעטעניש פון איבערגעבורטן און איבערפלאַנצונגען געגעבן, זי איז באַרײַכערט געוואָרן מיט אַ סאַך נײַע געשיכטעס, פאָרגעשיכטעס און נאָכגעשיכטעס. דער דויר הוילעך האָט גענומען אָפּטרעטן זײַן אָרט פאַרן דויר באָ. נעכעמיע, דער געוועזענער ביראָבידזשאַנער הויפּט־העלד, איז אַרויס פון קאָן און גענומען אַלץ מער און מער אַרײַן אין דער געשיכטע — געוועזן אַ שטעטלדיקער ייִד נעכעמיע, אַ ייִד אַ פערד־הענדלער, אַ פערד־רײַטער, וואָס האָט געריטן אַף זײַנע פערד ווי אַף שאָטנס און דערנאָך געשלאָגן טיפע וואָרצלען אינעם ביראָבידזשאַנער באָדן. די עלטער, די שוידערלעכע מילכאָמע־איבערלעבונגען, די אומגעהייערע טראַגישע פאַרלוסטן ברעכן אים אײַן, און ער לאָזט זיך מיטן שטראָם, ניט וויסנדיק, וווהין עס טראָגט אים.

דער העמשעך פון דער ביראָבידזשאַנער טעמע איז פול און פול געווען מיט נײַע בערייִשיסן, מיט נײַע אָנהייבן, עס האָט זיך געשאַפן פאַר דער ליטעראַטור אַ נײַער מין רויערד.

אַרן ווערגעליס טײַלט אָפּ די קערנער פון דעם שטרוי, די ווילדגראָזן פון די זאַפטיקע גראָזן, דאָס געזונט־רײַפנדיקע פונעם פויל־אָפּפאַלנדיקן.

אין 1948 האָט ווערגעליס צווישן זײַנע שענסטע געזאַנגען אויסגעזונגען דאָס געזאַנג וועגן יויסעף בומאַגין, וועלכער איז ווי אַ ברודער ענלעך געווען צו מאַטראָסאָוון (וועמענס בײַשפּיל ער האָט נאָכגעטאָן) און ווי אַ זון פונעם אייגענעם פאָלק — צו באַר־קאָכבען.

צווישן אַלע געגנטן און קאַנטן האָט יויסעף בומאַגין געזען פאַר זיך דעם קאַנט באַ דעם אַמור, דאָס לאַנד ביראָבידזשאַן, און דאָס האָט נאָך היימישער געמאַכט זײַן ראַכוועסדיק אומענדלעך לאַנד, זײַן היימלאַנד, און דאָס האָט געגעבן אַ מעגלעכקײַט באַ די שלאַכטן פאַר ברעסלאַו איבערכאַזערן מאַטראָסאָווס אומשטערבלעך־העלדישן טאַט.

קוק, געגנט ייִדישע, און זײַ אַן איידעס,
ווי שיין עס איז אין דער מינוט דײַן בכאָר,
ניין, ניט פאַרפלעקט דעם רום פון זײַנע זיידעס
און אָפּגעהיט דעם קאָוועד פון זײַן דאָר.

...נעם, געגנט ייִדישע, בומאַגינס רום און פיר אים
אַרײַן מיט קאָוועד אין לעגענדעס פון דײַן שטאַם,
ס'זאָל יויסעף זײַן דער יונגער שיר־האַשירים
פונעם אַלטן פאָלק זײַנעם אין לאַנד ביראָבידזשאַן.

סאַראַ ברייטן פאַרנעם, סאַראַ וווּנדערלעכע ראַכוועסן עס באַקומט דאָ דאָס נאַציאָנאַלע אין אינטערנאַציאָנאַלן צוזאַמענגוס!

אין אַ צײַט אַרום, באַם באַזיניקן דעם ביראָבידזשאַנער אָנהייב אין דער שײַן פון פאַרשיידענע אומשטענדן און ניסיוינעס, ווען ווערגעליס האָט געשאַפן זײַן ראָמאַן „די צײַט“, איז אים פּונקט ווי צוניץ געקומען די גוויִעס־איידעס פון איינעם פון די פּערסאָנאַזשן פון דער שילדערונג — ווערגעליסעס באַליבטן העלד יויסעף בומאַגין — וועגן די נאַציאָנאַליסטישע ווילדגראָזן, וועלכע זײַנען אויסגעריסן געוואָרן פון דעם ווײַטן מיזרעך און זיך אין אַ ציִעניסטישן גילגל איבערגעקײַקלט אַפן נאָענטן מיזרעך, קיין ייִסראָעל, אין לאַנד פון די אָוועס. אינעם ראָמאַן ווערט באַוויזן יויסעף בומאַגינס וועג פון ביראָבידזשאַן ביז ברעסלאַו, דער וועג פון דעם קנאָכיק ביינערדיקן גוואַר מיט די אָדערדיק־מאָזאָליעסדיקע הענט, וועלכע האָבן פעסט געהאַלטן דאָס געווער באַם פאַרטיידיקן דאָס פאָטערלאַנד, און ווען עס האָבן אויסגעפעלט גראַנאַטעס, האָט דער דאָזיקער גוואַר די

ברוסט די ברייטע און הארטע צוזאמען מיטן האַרץ דעם יונגן מיט דער גרעסטער אָפּפער־וויליקייט מאקריוו געווען.

יויסעף בומאגין, דער דעפּאָ־ארבעטער, דער וועטעראַן פונעם ביראָבידזשאנער וואגענער־זאוואָד, דער שטענדיק לאַכנדיקער כעוורעמאַן מיטן אטלעטישן גוף און מיט דער פעסטער נעשאָמע, ווערט ארויסגעשטעלט אף די פאָדערשטע פּאָזיציעס אין צוזאמענשטויס מיט אַלץ, וואָס איז פיינטלעך, פויל און נישטיק.

יויסעף בומאגין איז דער ערשטער, וואָס דערפילט גלייך אין דעם נישטיקן קליינבירגער שאנאָווסקין א פרעמדן געוויקס, א ווילד־גראָז, אף וועלכן „ער האָט געקוקט פיינטלעך".

באם באגעגענען דעם עשעלאָן פון די קאָמסאָמאָלצעס, וואָס פאָרן בויען א נייע שטאָט אפן וויטן מיזרעך, וועלכע וועט דערנאָך אף שטענדיק און אף אייביק טראָגן דעם מונטערן, יונגן נאָמען קאָמסאָמאָלסק, איז יויסעף בומאגין פון איבערגעלאָדענער באגייסטערונג ניט בעיכוילעס צו האלטן א רעדע. אין אזעלכע רירנדיקע מאָמענטן איז שווער צו ריידן, שווער ארויסצוברענגען פון אָנהייב ביזן סאָף דאָס ליבע, געווינלעכע וואָרט „רעביאטא":

„רעביא! הא, רעביא!"...

„דאָס אליין, וואָס דער אטלעטיש געבויטער יונגערמאַן מיטן קורצן אָדערדיקן האלדז און מיט די לעבעדיקע גרוילעכע אויגן האָט אזוי היימיש אָפּגעקירצט דאָס וואָרט „רעביאטא", — שוין דאָס אליין האָט אים געמאכט אין די אויגן פון די אָנגעפּאַרענע פאר אָן אייגענעם, פאר א „סוואָיאק"..."

דער אייגענער און „סוואָיאק" בומאגין וואָרפט זיך דער ערשטער אין געשלעג מיט די, וואָס פרוּוון פארשוועכן די באגייסטערונג אין פארשטערן דעם יאָמטעוו מיט זייערע פינצטערע, אונטערהעצנדיקע פּלאָפּלערייען.

בומאגינס רומפולער טויט, שפּעטער — אף דער מילכאָמע, פארבינדט און פארקניפּט אים אין דעם אייביקן בונד פון לעבן, אין די אומשטערבלעכע בלעטלעך פון דער ייִדישער געשיכטע, וועלכע גיסט זיך צונויף און ווערט איינס מיט דער העראָישער געשיכטע פונעם סאָוועטנפארבאנד.

זיקאָרן איז ניט קיין שאָטן, וואָס פארשווינדט. זיקאָרן — דאָס איז די פעסטונג, וועלכע לאָזט ניט פארפאלן גיין קיין איין עפּיזאָד. זיקאָרן — דאָס איז דער רינג, וואָס פארלענגערט די גאָלדענע קייט. יויסעף בומאגין לאָזט נאָך זיך ווירדיקע ייִזקער־זאָגער, ווירדיקע יאָרשים, וואָס טראָגן אין זייער פּאָטענץ זיין פּאטריאָטיש־מעסירעסנעפעשדיקע העלדישקייט.

ווען אין דער צייט פון דער מילכאָמע וואָלט נייטיק געווען און די געשאַפענע סיטואַציע וואָלט געפּאָדערט, דאן וואָלט לאָסיעוו, דאן וואָלטן נעכעמיעס זין יודאלעף, פּאלעק און דער מיזיניק אנדרייקע אָן קיינע שום וואַקלונגען איבערגעכאַזערט בומאגינס אומשטערבלעכן טאָט.

די געוואגטקייט און דרייסטקייט וועקן זיך אוף אין אנדרייקען אין דער סאמע פרי פון זיינע ייִנגלשע יאָרן.

דער בלינד־געוואָרענער פּאלעק זעט מיט א באזונדער ליכטיקייט, מיט דער ליכטיקייט פון זיין האַרץ די העראָיש דורכגעגאנגענע וועגן פונעם סאָוועטישן מענטשן, דעם עקלדיקן „וואָרין" פון די זומפּיק־קריכנדיקע און אין אָפּגרונט פאלנדיקע.

די פּאסירונג אפן ביראָבידזשאנער (טיכאָנקער) פּאָלוסטאנעק, ווו עס האָט זיך אָפּגעשטעלט דער עשעלאָן מיט אכט און צוואנציק צונויפגעשטעלטע טעפּלושקעס, פולע מיט קאָמסאָמאָלצעס, וואָס זיינען געפאָרן ווייטער בויען פארן היימלאנד א נייע שטאָט אפן אמור, איז געווען דער ערשטער שלאכט־אויספּרוּוו ניט בלויז פאר יויסעף בומאגינען, נאָר אויך פאר זיינע מיטצייטלער, וואָס האָבן געבויט די ייִדישע געגנט.

אפן ביראָבידזשאנער פּאָלוסטאנעק שטעלט אַרן ווערגעלעס ריכטיק פאנאנדער די פארשיידנאַרטיקע, צוזאמענגעשטויסענע קויכעס. דער עפּיזאָד ווערט פארוואנדלט אין יענער פּרעלודיע, וועלכע זאָגט פאָרויס דעם ווייטערדיקן גאנג און איז אקומולירט מיט דער ענערגיע־שיין, וואָס ווי וויית די געשעענישן זאָלן זיך פאנאנדעררוויקלען און די צייטן זאָלן זיך בייטן און ענדערן, געשטאַלטן זאָלן צעזייט און צעשפּרייט ווערן, וועט זיי אָט די שיין נאָכיאָגן, איבעריאָגן, באלייכטן און איינשליסן זייערע ווייטערדיקע טריט אין די ערשטע געשטעלטע מעראגלישע טריט.

יעדן מין פירט ווערגעלעס צונויף מיט זיין קאָרעוו. ניט אומזיסט ווערט אין אלטן ייִדישן פאָלקלאָר געזאָגט, אז דער זארזיר, דער שפּאקפויגל, וואָס איז פארעכנט אלס וויית ניט געהויבענער זינגער, האָט זיך צונויפגעקאָמפּאנייעט מיטן ראָב. נישטיקייט גייט צו נישטיקייט, ווי דערהויבנס צום דערהויבענעם.

בא דער קעגנשטעלונג פון שיין און שאָטן ווערט ליכטיקער דאָס ליכטיקע, און דאָס שאָטנדיקע נאָך מער שאָטנדיק.

דער אויסגעדראָצלטער קולטורניק פונעם ביראָבידזשאנער מוזיי כילוש מאזאָר האלט, אז די ייִדישע יוגנט דארף ניט האָבן צו טאָן מיטן קאָמסאָמאָלישן קאָמסאָמאָלסק, זי דארף בלויז בויען דעם ייִדישן ביראָבידזשאַן.

— „יעווריי! רוסקיי! זאטשעם סמעשיוואט?".

דער מעסער־יונג קאָסטיע פּערפּילאָוו, וועמענס אנקעטע־אָנגאבעס פאלן זיך צונויף מיט כילוש מאזארס — ביידן בינדט צונויף איינע און די זעלבע סינע צום לאנד, סיי פאר די ארעסטירטע טאטעס און סיי פאר די אייגענע אונטערגעבראָכענע פליגל, — קאָסטיע פּערפּילאָוו האלט אונטער מאזאָרן:

— „דער ייִדישער כאווער איז גערעכט. צוליב וואָס דארף א ייִד פאָרן ווייטער פון ביראָבידזשאַן? געקומען אין א ייִדישן ראיאָן, איז באסטא, גענוג! קריך ארויס פון טעפּלושקע"...

„— ...מע האָט געגעבן די ייִדן א ראַיאָן. וואָס נאָך דאַרפֿן זיי?"

וואַניע לאָסיעוו, יודאַלעפס סאַמע נאָענטער כאַווער, טרעט שאַרף ארויס קעגן דער „טעאָ־ריע" פון די צוויי „ייִדן־פריינט":

„— ...די ייִדן האָבן שוין געהאַט א געטאָ, ווילסטו, זיי זאָלן איבערכאַזערן?"

א באַגייסטערטער פונעם מיטדענקען און מיטשטימען פון זיין רוסישן כאַווער קאָסטיע פּערפילאָוו, ווערט כילוש מאַזאָר בא זיך פעס־טער און זיכערער, ביזן באַפוילן: „ייִדן פאָרן ניט ווייטער. זיי בלייבן נאָר אין ביראָביד־זשאַן".

פון דער פּלאַטפאָרמע האָט עמעצער א פרעג געטאָן:

„— און אוקראַינער בלייבן, הייסט עס, אין קיִעוו? און ווייסרוסן — נאָר אין מינסק?"

עס ברעכט אויס א געשלעג. יאַנקעוו שאַ־נאָווסקי, דער געוועזענער טעריטאָריאַליסט מיטן פּאַרטיי־בילעט פון א קאָמוניסט אין קע־שענע, וואָס פאַר אים איז ער לאַכלוטן פרעמד און ניט צום האַרצן, איז שטאַרק דערשלאָגן פון דעם געשלעג. ער איז אָנגעדראָצלט אַף יוסעף בומאַגינען, וועלכער האָט ניט געלאָזט קומען צום וואָרט די צוויי „ייִדן־פריינט", כי־לוש מאַזאָרן און קאָסטיע פּערפילאָוון, ס'איז אים דערווידער די אַנטשלאָסנקייט פון יוסעפן און יודאַלעפן — זיי אַנטוואָפענען פּערפילאָווס מעסער־בכוירע און שווינען ניט דעם ייִדן כי־לוש מאַזאָרן. סאַראַ אוולע!

אָט די געשעעניש ווערט אויסגעטייטשט פון שאַנאָווסקין מאַמעש ווי א פּאָגראָם:

„— דאָס, וואָס עס האָט אָפּגעטאָן דער דאָ־זיקער ייִדישער יונגאַטש בייסן אָפּשטעל פונעם רוסישן עשעלאָן, — האָט א מאָך געטאָן שאַ־נאָווסקי, — דאָס, וואָס ער האָט אַזוי קונציק געשלאָגן, וואָלט איך אָנגערופן — א ייִדישער פּאָגראָם אַף דער אַנדערער זייט"...

פאַר דעם דאָזיקן זאָג האָט דער אינסטרוק־טאָר פון ראַיויספּירקאָם שאַנאָווסקי באַקומען א פּסאַק פונעם פאַראַנטוואָרטלעכן טוער פון ראַיויספּירקאָם וועגנראָווער.

און אַזוי מין צו מין און מין קעגן מין. יעדער איינער מיט זיין מיטגייער און אוועק־גייער, ווען עס שיידן זיך פאַנאַנדער די וועגן. מאַרק גריגאָריעוויטש וועגנראָווער און נעכע־מיע טשאָרניצער, נעכעמיע טשאָרניצער מיט יעדן איינעם פון זיינע זין, מאַרק גריגאָריע־וויטש וועגנראָווער און יאַקאָוו גאַוורילאָוויטש שאַנאָווסקי, שאַנאָווסקי און זיין טאָכטער עס־טער, וואַניע לאָסיעוו און יודאַלעף, כילוש מאַ־זאָר און קאָסטיע פּערפילאָוו...

מאַרק גריגאָריעוויטש וועגנראָווער קומט אין באַריר מיט אַלע געשטאַלטן — פאַר די פריינט איז ער דער סאַמע נאָענטסטער, דער קלוגסטער באַליויעץ און וועגווייזער, און פאַר די פיינט איז ער דער ערגסטער און געפער־לעכסטער סוינע, נאָך וועלכן מע לאָקערט אַף טריט און שריט, קעדיי אים אָפּצוראַמען פון וועג.

מאַרק גריגאָריעוויטש וועגנראָווער ציט זיין ייִכעסדיקע ביאָגראַפיע פון דער העלדישער דרייסטקייט און מעסירעסנעפעשדיקן קאַמף נאָך אין די בירגערקריג־יאָרן. אין די שווערע שלאַכטן האָט אים דורכגעשאָסן א מאַכנאָווישע קויל, „דערפאַר כריפּעט ער באַם ריידן". דער שוואַכער און צעבראָכענער גוף פאַרמאָגט א ביז גאָר פעסטן און מוטיקן גייסט, וואָס לאָזט אים אַף א האָר ניט אָפּ פון די סאַמע שווער־סטע גרענעצלען און צוזאַמענשטויסן, מיט וועלכע דאָס לעבן פירט אים צונויף. וועגנראָ־ווער איז שטענדיק מעיושעוודיק, האָט פיינט מעליצע, אויסערלעכן עפעקט, געפינט שטענ־דיק אַף די האַרבסטע פראַגן דעם ריכטיקן היסטאָריש־איבערצייגעוודיקן ענטפער. זיין פרענטש, דער מאַלבעש פונעם בירגערקריג, איז באַצירט מיט אַן אָרדן פון דער רויטער שלאַכט־פאָן אָפּן לאַץ. „קיינמאָל האָט ער ניט אָפּגעשפּיליעט דעם אָרדן פונעם פרענטש און קיין איין מאָל דעם פרענטש ניט אָנגע־טאָן".

אָט די אויסגעפונענע קינסטלערישע דעטאַל געהער צו יענע, וואָס קאָנען מיט געציילטע ווערטער א סאַך מער זאָגן וועגן דעם כאַראַק־טער פונעם געשילדערטן געשטאַלט, איידער אַנדערע פול אָנגעפּילטע און באַריידעוודיקע זייטלעך. באַשיידנקייט — דאָס איז דער טאָך פון מאַרק גריגאָריעוויטשעס כאַראַקטער. ווען ער ווערט געשיקט אין די יאָרן פון דער גרוי־סער פאָטערלענדישער מילכאָמע צום גענעראַל וואַסיליעוו, צו זיין געוועזענעם דערציִיִלינג פון דעם וואַפניאַרקער קינדערהיים, אַלס קאָמי־סאַר פון א פּאָלק, שטעלט ער ארויס א קאַטעגאָרישן טנאַי: „קיין שום פּערזענלעכע באַציונ־גען, קיין מינדסטע פאַרלייכטערונג אין דער דינסט און אינעם שטייגער".

באַשיידנקייט פירט צו דערהויבונג. וועגנ־ראָווער איז געווען פאַרליבט אין עסטער־ראָ־כעלען, נעכעמיע טשאָרניצערס איצטיקער פרוי. יודאַלעף, נעכעמיעס זון, לאָזט זיך אויס, איז גאָר זיין זון. דאָס גלידערט אים איין אַף אַזוי־פיל אין דער מישפּאָכע, אַז אַלץ, וואָס איז נאָענט פאַר איר, ווערט נאָענט אויך פאַר אים. ניט אומזיסט זאָגט עסטער־ראָכעלע, אַז זי האָט אַף זיך „צוויי באַלעבאַטים".

דאָס אינטערנאַציאָנאַלע דערווייטערט ניט מאַרק גריגאָריעוויטש וועגנראָווערן פון דאָס נאַציאָנאַלע. אַלס היסטאָריקער לויטן פאַך, אינ־טערעסירט אים די ייִדישע געשיכטע און איר טויזנטיאָריקער גאַנג און אַנטוויקלונג. דער גוירל פונעם פאָלק איז שטענדיק אויך זיין גוירל. קיין ביראָבידזשאַן קומט ער אַף איבער־צולעבן, דורכמאַכן און דערפילן די אַלע ענ־דערונגען, וואָס די צייט האָט געבראַכט מיט זיך פאַר זיין פאָלק אין סאָוועטנפאַרבאַנד. אַף אַזאַ אופן ווערט מאַרק גריגאָריעוויטש וועגנ־ראָווער ניט בלויז דער געשיכטע־שרייבער, נאָר אויך דער איידעס פון די געשיכטלעכע גע־שעענישן. אַן איידעס פון דער געשיכטע איז שטענדיק דער סאַמע באַגלייבטער ריכטער, אין

וועמענס אורטייל עס הערט קיינמאָל ניט אויף צו צאַפּלען די צײַט, אַזאַ, ווי זי איז געווען.

אין אַ שמועס וועגן געשיכטע און ליטעראַטור האָט מענדעלע מויכער־ספאָרים אונטערגעשטראָכן פאַרן היסטאָריקער שימען דובנאָוו: „איך בין אויך אַ היסטאָריקער. ווען איר וועט קומען צו דער געשיכטע פון די ייִדן אין דעם נײַנצנטן יאָרהונדערט, וועט איר מוזן אָנקומען צו מײַנע ווערק, קעדיי שילדערן דעם לעבנסשטייגער פון די דעמאָלטיקע ייִדן"...

עס ווילט זיך מיר איבערפראַזירן מענדעלעס אַרויסזאָגונג אַף אַזאַ אופן: ווען מאַרק גריגאָריעוויטש ווענגראָווער וואָלט דערלעבט די צײַט, ווען ס'איז דערשינען ארן ווערגעליסעס „די צײַט", וואָלט ער זיך אין זײַנע היסטאָרישע פאָרשונגען ניט געקאָנט באַגיין אָן דעם ראָמאַן.

דער היסטאָריקער ווענגראָווער און דער שרײַבער ווערגעליס זײַנען אינעם ראָמאַן ענג צונויפגעבונדן מיט דער נעכעמיע־מישפּאָכע, מיט די ביראָבידזשאַנצעס. זיי ביידע האָבן אײַנגעזאַפּט אין זיך די זעלבע זאַפטן, זיך גענערט פון דער זעלבער אייגענער ערד. ביידע האָבן זיי אָנטיילגענומען אין דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע, און ביידע זײַנען אַף די פאָדערשטע פּאָזיציעס אין קאַמף קעגן נאַציִאָנאַליזם, קעגן אַטאָבעכאַרטאָניזם.

די מעטאָדן פון שילדערן די זעלבע צײַט באַם שרײַבער און באַם היסטאָריקער זײַנען פאַרשיידענע, און דעריבער קומט פאָר די קעגנזײַטיקע באַרײַכערונג.

דער שרײַבער קומט צום אַלעם ערשטן אַף דעם אופגעאַקערטן באָדן פון דעם היסטאָריקער, און דער היסטאָריקער שעפּט פון דעם שרײַבערס שאַפונגען שוווּנג אַף טיפער פאַראַלגעמיינערן די אופגעהויבענע פלאַסטן פונעם פאַקט, פון דעם, וואָס איז געווען און געשען.

די באַאָבאַכטונגען פון דער צײַט גיבן די מעגלעכקײַט ארן ווערגעליסן אויסצוטיילן מאַרק גריגאָריעוויטש ווענגראָווערן פון אַלע געשטאַלטן און אים באַהויכן מיט דער טיפסטער ליבע און וואַרעמקײַט.

די, וואָס גיבן ווייניק, האָבן ליב שטענדיק מאָנען אַ סאַך, און די, וואָס גיבן אוועק אַלץ, פאָדערן ניט קיין סכאַר. זייער העכסטע באַלוינונג איז דאָס, וואָס זיי האָבן פאַר אַלץ געצאָלט מיט זייער בלוט, מיט זייער לײַב און לעבן, מיט זייער יוגנט, מיט זייערע סאַמע שענסטע און דערהויבנסטע געפילן. אָט דאָס איז דער שליסל, מיט וועלכן ארן ווערגעליס עפנט פאַר אונדז פאַנאַנדער די ווענגראָווער־געשטאַלט, וואָס זי שטעלט מיט זיך פאָר בעלי־שום סאָפעק איינע פון די סאַמע אינטערעסאַנטסטע, פּאָזיטיוו־אינטעלעקטועלע געשטאַלטן אין דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור.

יאַקאָוו גאוורילאָוויטש שאַנאָווסקי איז אַ מענטש פון דריבנע טריט און פון דריבנע מײַסים, איינצײַטיק — פון אומגעלומפּערטע גרויסע האַסאָגעס, וואָס שאָקלען אים פאַנאַנדער ווי די ליאַלקע־מאַטריאָשקע. זײַן נישטיקײַט און אינערלעכע צעפוילטקײַט פרוווט ער פאַרבליצן און פאַנאַנדערעגנבויגענען מיט פאַרשיידענע אַפאָריזמען־קאָלירן, פאַרדונערן מיט דונערדיקע פראַזן.

אין דעם „צווישן אונדז" האָט ער זיך געפונען „צווישן זיי" — צווישן די ציִעניסטן. אַ גאַנץ לעבן האָט דער טעריטאָריִאַליסט יאַקאָוו גאוורילאָוויטש שאַנאָווסקי געטרוימט וועגן אַ טעריטאָריע פאַר ייִדן, און ווען דער טרוים איז פאַרווירקלעכט געוואָרן, האָט ער זיך אויסגעדרייט מיט דער פּלייצע צו אים. די ביראָבידזשאַנער אומענדלעכע ראַכוועסן האָבן פאַר אים אויסגעזען ווי אַ סדאָם־בעטל, וואָס האָט אַפילע ניט אירע דאַלעדאַמעס, זיי האָבן אים געשטיקט ווי אַן ענגער קאָלנער, וואָס לאָזט ניט עטעמען, און ער האָט זיך געווײַלט וואָס גיכער אים פאַנאַנדערשלײַפן, וואָס גיכער זיך פאַנאַנדערקנעפּלען.

יאַקאָוו שאַנאָווסקי טײַנעט אײַן מיט ווענגראָווערן, אַז „ביראָבידזשאַן איז ניט פאַר ייִדן: מיר, ייִדן, אַלס פאָלק, צוליב אונדזער נאַציִאָנאַלן מאַצעוו, דאַרפן זיך געפינען אַ מאָקעממענוכע אין טומלדיקן ראַיאָן פון דער וועלט, ניט אין דער טײַגע". ווענגראָווער לאַכט טרעפלעך אויס שאַנאָווסקין, דעם אינסטרוקטאָר פונעם ביראָבידזשאַנער ערד־אָפּטייל, וואָס האָט געוואָלט אַ ביראָבידזשאַן „נישט דאָ אין דער טײַגע, נאָר, לעמאָשל, צופוסנס באַ די באַרימטע טרעפּ אין דער ליבער שטאָט אָדעס, אָדער אַף דער טעריטאָריע פון דער אומאַנער סאָפּיִעווקע, אָדער אין בערדיטשעוו אַף די פּיסקעס"...

יעדער צוזאַמענשטויס מיט ווענגראָווערן, אָדער מיט דער באַגײַסטערטער בויערישער יוגנט פאַרשטאַרקט יאַקאָוו שאַנאָווסקיס סינע צו ביראָבידזשאַן, צום ראַטנפאַרבאַנד, און ער הייבט אָן פון מאָל צו מאָל אַלץ מער אַרויסקריכן פון זײַן נעשאָמעדיקער אונטערערד מיט אָפענע ציִעניסטישע דיבורים.

איינער פון די גאַליציִאַנער פּלייטים, וועלכע האָבן זיך געראַטעוועט פון די היטלערישע קאַלך־אויוונס, איז באַ דער מיינונג, אַז ביראָבידזשאַן איז אויך אַ פּאַסיקע טעריטאָריע, אויך ביראָבידזשאַן קאָן ווערן די היים פון די היימלאָזע. שאַנאָווסקי האָט דערווידערט, אַרויסזאָגנדיק, ווי זײַן טעווע איז געווען, צוערשט דאָס סאַמע איבעראַשנדיקע און דערנאָך פאַרזעצנדיק מיט אַ טרעפלעכן אַפאָריזם, וואָס עס האָט באַטײַט, אַז ער, שאַנאָווסקי, האָט אַלץ פאָרויסגעזען און ער איז אַ מייווען אַף דעם, וואָס קומט פאָר:

— ביראָבידזשאַן איז טויט. איך האָב עס אַליין געזען. און געדענקט מײַנע ווערטער: אויב זיך יאָגן נאָך קיבוש האָאָרעץ, דאַרף מען זײַן אַ טעריטאָריִאַליסט אין אַן אַנדער לאַנד, ניט אין רוסלאַנד, און אויב מיר ווילן עפּעס אופטאָן אין רוסלאַנד, דאַרף מען זוכן קיבוש האַאַווירע. און געדענקט מײַן וויץ: „ביראָבידזשאַן איז אַ פּאָדעשווע אָן דעם שוך"...

יאַקאָוו שאַנאָווסקיס נאַציאָנאַליסטישע קאָנסעקווענצן גייען איבער אין אַפּצולאַכעסן, און דאָ איז שוין איך טראָט צו דער סאַמע העכסטער געפאַלנקייט, צו די נידערטרעכטיקסטע אַכזאָריעסן. זײַן בייזע ליגנערישע צונג איז די אַנטבלויזטע שווערד, וואָס איז זיך נויקעם אין ווענגראָווערן. לויט זײַן מעסירע ווערט ווענגראָווער רעפּרעסירט פאַר ניט באַגאַנגענע זינד.

מעסירע ווערט ביכלאַל דער טאָך פון יאַנקעוו שאַנאָווסקיס לעבן. ער פּרוווט אויך אונטערשטעלן א פוס דעם קרישטאָל־ריינעם פאַלעקן, דעם מאַן פון זײַן טאָכטער. דאָס מאָל האָט זיך אים ניט אײַנגעגעבן דערגרייכן זײַן ציל, ער ווערט פון אַלע זײַטן דעמאַסקירט.

דער אויסוווּרף כילוש מאַזאָר איז שאַנאָווסקין מער צום האַרצן, איידער פאַלעק, פּונקט ווי עס געשעט בא שאַנאָווסקיס באַסיעכידע עסטער, וועלכע וואַרפט אוועק פאַלעקן און האָט כאַסענע פאַר כילוש מאַזאָרן, ווען ער איז שוין דאָס אייבערשטע פון שטויסל צווישן די ציִעניסטישע דינער. כילוש מאַזאָר ברענגט אַראָפּ זײַן שווער קיין ייִסראָעל. אָט דאָ איז זײַן אָרט, אָט דאָ איז זײַן אויסגעבענקטע טעריטאָריע, אָט דאָ באַדאַרף ער זײַן. כילוש מאַזאָר אָרדנט אײַן זײַן שווער פאַר אַן אָנגעשטעלטן אין סאָכנוט. די סאָכנוט־פאַרוואַלטונג באַגייט זיך מיט שאַנאָווסקין ווײַט ניט לײַטיש, מע וואַרפט אים אַרויס אַף דער גאַס. מיט עמעצנס הילף איז ער מעגולגל געוואָרן אין ניו־יאָרק. נאָכן אויסגיפּטיקן זײַן גיפט אַפן ראַטנפאַרבאַנד, אַף ביראָבידזשאַן, אַף די סאָוועטישע מענטשן, ווערט שאַנאָווסקי אויסגעשפּיגן אַף דער גאַס און זעט אויס ווי א לעבעדיקערהייט צעפרעסענער, ווי ווערעם זאָלן אים טאָטשען.

אַזויאַרום, האָט זיך אויך דאָס אָפּפאַל־געשטאַלט יאַנקעוו שאַנאָווסקי באַקומען אָריגינעל, נײַ, אָן די מינדסטע טראַפאַרעט־אייגנשאַפטן.

ס'איז געווען א צײַט אין דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור, ווען א ריי נעגאַטיווע געשטאַלטן פלעגן זיך באַקומען פולבלוטיקער פון די פּאָזיטיווע: אַרן ווערגעליס האָט אין זײַן ראָמאַן „די צײַט“ ניט נאָר אויסגעפונען דעם גלײַכגעוויכט, נאָר דערגרייכט די איבערוועגנדיקע מאָס פאַרן פּאָזיטיוון געשטאַלט.

עסטער, שאַנאָווסקיס טעכטערל, איז דאָס עפּעלע, וואָס קאַטשעט זיך ווײַט ניט אָפּ פונעם בוים. זי האָט זיך ניט אָנגענומען צום טשאָרניצער־שטאַם, פאַלעק, דער ערנסט־דענקענדיקער זשורנאַליסט, דער מעסירעסנעפּעשדיקער פּאַטריאָט פון זײַן לאַנד, איז איר לאַכלוטן פרעמד, זי פאַלט אַראָפּ ווי אַן איבערגעבראָכן צווײַגל און באַהעפט זיך צום פוילן סאַמהאַמאָוועסדיקן וואָרצל — צו כילוש מאַזאָרן, וועלכן זי נעמט אָן אַזוי, ווי ער שטייט און גייט. זי באַגײַסטערט זיך אַפילע מיט דעם, וואָס ער, דער נאַצי, איר מאַן כילוש מאַזאָר, האָט געדינט אין געסטאַפּאָ און וואָס ער איז איצט א קאָלוועלאָכניק און א קנאַקער אין די היסטאַדרוט־פּערעדניעס.

די היסטערישע עסטער, וואָס פאַרמאָגט ניט קיין מענטשישן און נאַציאָנאַלן שטאָלץ, קיין פרויִשע ווירדע און מוטער־ליבע, דערקלערט אַנדרייען: „אין קאַמף טויג אַלץ. אין לעבן איז נישט אַזוי פּאָשעט. מאַזאָר איז טאַקע א קעגנער פון די סאָוועטן, און ער האָט, עמעס, געהאַט צו טאָן מיט דער געסטאַפּאָ, אָבער צילן זײַנען בא אים געווען אייגענע, איר פאַרשטייט? ס'איז געווען א קאַמף מיט א סאַך קאָלירן. מאַזאָרס קאָליר איז געווען בלוי־ווײַס, ער האָט געראַטעוועט ייִדן... דורך דער געסטאַפּאָ געראַטעוועט... יאָ, יאָ!“

קאָסטיע פּערפּילאָוו און כילוש מאַזאָר זײַנען א פּאָר פון גאָט: „זאָג דעם עמעס, מײַן ייִדישער כאַווער, צי פאַרשטייסטו אַזוי ווי איך, אַז מיר ביידע, אונדזער ביידנס גוירל זײַנען ווי צוויי שטיוול א פּאָר“... דער גוירל האָט זיי צונויפגעפירט ערעוו דער מילכאָמע און פאַרפעסטיקט זייער פרײַנטשאַפט אין דער צײַט פון דער מילכאָמע.

דער ברייט־אַרומגעכאַפּטער שעטעך פון צײַט און אָרט, ביז „אַלע קנופּן האָבן זיך צעקניפּט“, — פאַרברייטערט די האַנדלונגען, דעם אָנוווּקס פון געשעענישן, די סוזשעטישע פאַנאַנדערוויקלונג. דער מעסער־יונג, דער באַנדיט און וולאַסאָווער קאָסטיע פּערפּילאָוו, ווערט די רעכטע האַנט, דער געטרײַסטער אָנטיילנעמער און אויספירער פון דעם נאַצי כילוש מאַזאָר. דאָס זײַנען זיי די צושטעלער פון די פּראָוואָקאַטאָרישע רעכילעס־טרײַבנדיקע פאָטאָגראַפישע מאַטעריאַלן וועגן ביראָבידזשאַן, געמאַכט לויטן מעטאָד פון כאַזער־פּיסל־קאָשער — „צען באַראַקן. באַם אַרײַנגאַנג אין איינעם פון די באַראַקן זײַנען צוגעקלאַפּט טראַנספּאַראַנטן. דער טעקסט אַף רוסיש: „סאָוועטישע ייִדן! דאָ אין ביראָבידזשאַן וועט איר בויען דעם סאָציאַליזם אין דער אַטמאָספער פון „פעלקערפרײַנטשאַפט“. און מיט קליינע אויסיִעס: „פאַר שטערן די אײַנגעשטעלטע אָרדענונג וועט מען דערשיסן אַפן אָרט“.

די לאָזונגען וועגן סאָציאַליזם און פעלקערפרײַנטשאַפט ווערן ווי די זיבן פּעטע קי אין פּאַרעס כאָלעם אײַנגעשלונגען אין די דאַרע דריבנע אויסיִעס וועגן „שיסן אַפן אָרט“, וואָס דײַטן אָן אַף דעם, אַז ביראָבידזשאַן, וווּהין ייִדן ווערן פאַרשיקט, איז אַלציינס ווי א פאַשיסטישער לאַגער. און ווײַטער דערוויסן מיר זיך, אַז „סאַלקע טשאָרניצער, וועלכע האָט זיך פאַרקויפט צו די רוסישע קאָמוניסטן און איז געוואָרן א דעפּוטאַט אין זייער סאָוועט, נעמט איבער בא די ענקאַוועדע־לײַט א קאָנצענטראַציע־לאַגער פאַר די סאָוועטישע ייִדן אין דער ביראָבידזשאַנער טײַגע“. און לאָזן לאָזט זיך אויס, אַז די באַראַקן מיט דער גאַנצער לאַנדשאַפט — דאָס איז א פּלאַץ פונעם זאַקסענהאַוזער טויט־לאַגער...

כילוש מאַזאָר איז אין דער מילכאָמע־צײַט געווען א הויכער טשין אין דער ציִעניסטישער אויסשפּיר־דינסט „שערוט־איזראַעל“. נאָך דער מילכאָמע איז ער איינער פון די רעדלפירער

איך סאַכּנות. ער מיִעסט זיך ניט צו פאַנגען נעשאָמעס אַף איבערצוקערן זיי אַף דער רעכטער זײַט, אָפּראַמען די, וואָס שטעלן זיך אים קעגן. אָט דער שפּעליאַווער דראַנג, „וואָס האָט זיך אַמאָל געוואָזגעט אינעם בירֵאָבידזשאַנער מוזיי... געדרייט אַ קאָפּ סאַלקען", שיקט אָפּ מיט אַ לײַכטן געמיט סאַלקען אין טויט־לאַגער בירקענאו. קאָסטיע פּערפּילאָוו ווערט פאַרטרויט אָפּפירן סאַלקען אין טויט־לאַגער. אויסנוצנדיק דעם מאָמענט, ווען ער איז אָפּגעזעסן אַ נאַכט הינטערן שלאָס אין אַ ווינקל פון אַ פּאַקהאַוז צוזאַמען מיט דער אינגאַנצן שוין אויסגעשעפּטער סאַלקען, פאַרגוואַלדיקט ער זי. סאַלקע רירט זיך פון זינען און פאַרענדיקט סאָפּקאָלסאָף מיט זעלבסטמאָרד. סאַלקעס קייווער איז אַ צוגאָב צו די ליובאַרער גריבער, ער שליסט זיך אײַן אין די צוויי טויזנט שטעטלשע קוואָרים, פּונקט ווי די צוויי טויזנט קוואָרים פונעם וואָלינער שטעטעלע ליובאַר (אַגעוו, אַרן ווערגעליסעס געבורט־אָרט) שליסן זיך אײַן אין דעם אומענדלעכן זעקסמיליאָניקן קייווער.

אין דעם ראָמאַן ווערט באַוויזן, וויִאַזוי אַ פאַרעטער באַקומט געווער דורך מאָרדן סאָוועטישע שלאַכטלײַט. עס קומט אָבער אויך די שטראָף פאַרן פאַראַט און פאַר די מערדערײַען.

„פּערפּילאָוו באַווײַזט אויסשיסן אין ווענגראָווערן און קומט אַליין אום מיט אַ מיִעסן טויט. אויסבאַהאַלטנדיק זיך אין אַ קלאָזעטל, ער טאַפּט מיט אַ ציטערנדיקער האַנט אַן אײַזערנע זאַך — ס'איז געווען אַ פּרעסל — און מיט דעם אַ קלאַפּ געטאָן דעם אָפּיצער איבערן קאָפּ. אַראָפּגענומען פונעם געהאַרגעטן דעם פּיסטאָלעט, האָט ער איבערגעציילט אין אים די פּאַטראָנעס, און זעענדיק, אַז דער פּיסטאָלעט איז שוין קימאַט אויסגעלאָדן, האָט ער מיט פאַרדראָס זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זײַטן, ווי ער וואָלט געזוכט, וועמען נאָך דערהאַרגענען, קעדיי אַרויסבאַקומען פּאַטראָנעס".

פּערפּילאָוו האָט דאַן פאַרוווּנדעט שווער ווענגראָווערן, און ער קומט אַליין אום מיט אַ מיִעסן טויט. אויסבאַהאַלטנדיק זיך אין קלאָזעטל, פאַלט ער אַראָפּ אין גרוב. „איוואַן לאָסיעוו האָט אָנגעטראָטן מיטן רעכטן פוס אַף אַ סטאַרטשענדיק ברעטל פונעם געזעס און, אָפּקערעוועדיק די נאָז פונעם געשטאַנק, אַרײַנגעשאָסן אַ לאַנגע ריי קוילן אין דער גרוב אַרײַן".

אַן אומריין לעבן — אַן אומריינער טויט...

ניט קיין שענערן טויט איז באַשערט געווען יאַקאָוו שאַנאָווסקין, וועלכער ווערט אַרויסגעוואָרפן אַף דער ניו־יאָרקער סוואַלקע.

דאָס סימבאָליזירנדיקע איז אַ באַדײַטנדיקער עלעמענט אין ווערגעליסעס שאַפן. סימבאָליש איז פאַראַלגעמיינערט אינעם ראָמאַן די בירֵאָבידזשאַנער טאַטשאַנקע, וועלכע „פירט אַרויס" בירֵאָבידזשאַן אינעם גרויסן סאָוועטנפאַרבאַנד. דער אויסטערלישער העברעיִש־ייִדישער נאָמען יודאַלעף און אַנדרייקע, דער רוסישער נאָמען פון נעכעמיעס מיזיניק, — אָט די צוויי ווײַטע נעמען ווערן מישפּאָכעדיק נאָענט און ענג פאַרברידערט, ווי זיי זאָלן קומען פון דעם זעלבן און ביבלישן אײַלע שמועס בניי ייִסראָעל — אָט דאָס זײַנען די ייִדישע נעמען. די אויסערגעווינלעכע כאַווערישע ליבע צווישן יודאַלעפן און איוואַן לאָסיעוון דערמאָנט די קלאַסיש־ביבלישע ליבע צווישן דאָווידן און יעהוינאָסאָן. ווען דאָוויד דערוויסט זיך, אַז יעהוינאָסאָן איז אומגעקומען צוזאַמען מיט זײַן פאָטער שאָול, דעם מיילעך פון ייִסראָעל, אין שלאַכט מיט די פּלישטים, באַוויינט ער זײַן כאַווער מיט די סאַמע צאַרטסטע און עלעגיש־ווייטעקדיקע ווערטער: „עס טוט מיר וויי פאַר דיר, מײַן ברודער יעהוינאָסאָן, דו ביסט מיר געווען אָנגענעם, דײַן ליבע צו מיר איז געווען וווּנדערלעכער ווי די ליבע צו פרויען".

יודאַלעף און לאָסיעוו זײַנען ווי אַ צווילינג אַרויסגעוואַקסן און אַרײַנגעוואַקסן איינער אינעם צווייטן. „אין די אַלציינע בושלאַטן און היטלען־אושאַנקעס האָבן יודאַלעף און איוואַן אויסגעזען ווי צוויי צווילינג־ברידער, דערבײַ אויב אין דער יוגנט האָט זיי געמאַכט ענלעך מערסטנס דאָס אויסערלעכע: די גרויסע קערפּערס, ווינקלדיקע פּלייצעס און פּענעמער, די אומגעלומפּערטע סטאַרטשענדיקע אויערן און גראָבע ליפּן, — האָט איצט די ענלעכקײַט זיך געפילט אויך אין די באַוועגונגען, אין דעם זיצן און גיין, וואָס עס נעמט זיך פון צופּאַסן זיך אין מעשעך פון פיל יאָרן איינער צום צווייטן".

אָפּווענדנדיק זיך אַף אַ רעגע פונעם ראָמאַן, קאָנען מיר אָנווײַזן, וויִאַזוי מיט אַ ביז גאָר טרעפלעכן סימבאָלישן מיין ווערן בילדעריש געגעבן אין ווערגעליסעס רײַזע־פּאַרצייכענונגען די פּאָרטרעטן פון די הײַנטצײַטיקע מאָדערנע רעדלדרייער, וואָס זעען אויס היפּש קליינשטעטלדיק אין זייערע גרויסוועלטישע און גרויסשטאָטישע האָסאָגעס:

„לעבן פּענצטערריידן צוויי מאַנצבלען אַף ייִדיש. אַליין דער אויסזען פון אָט דעם פּאָרל איז וווּנדערבאַר, איינער שווײַגט, הערט און מרוקעט אונטער, עסנדיק אָן אופהער אַ פּערטל אָף — ער איז אַזוי ראַכוועסדיק, פּורים־קוילעטשדיק! זײַן פּעמפּיק, אַ קײַלעכדיקער ווי אַ צוגעשאַרטער קעסל־פּויק, גרייכט אַזוי ווײַט פון אים אַליין, אַז דער צווייטער, אַ נאָגעלע, אַ קוצעפינדריק, דריבנע ווי אַ הנאָם, קורצפּיסיק און קורצהענטיק, מאַמעש אַ מאַפּל־קינד, זעט אויס פונדערווײַטנס צוזאַמען מיט אים, דעם מעגושעמדיק־גראָבן, ווי אַ סאָראָקע אַף אַ כאַזער... דער מעגושעמדיקער האָט געקוועלט, ווי אַ בולקע אין מילך, זיך געגוידערט, צעגאָפּלט און צעלאָזט זיך, דיק און שטיק, ניט אַנדערש — אַ געשטאָפּטע גאַנדז". די סימבאָליזירנדיקע כוכע־טלולע־געמעלן זײַנען אַזוי קאָמיש פּולבלוטיק, אַז דער לייענער איז געצווונגען זיך ליובען, ווי עס ליובעט זיך דער מעכאַבער „מיטן מעגושעמדיקן, וואָס איז אופגעלאָפן ווי טייג אין דייזשע".

דער צוריקער פון דער סוזשעט־ליניע פון דעם ראָמאַן קיין ביראָבידזשאַן, דאָס צוזאַמענ־טרעפן זיך ווײַטער אין ווין מיצאַד אַ טייל פון די פּערסאָנאַזשן — דאָס אַלץ איז קאָמפּאָזיציאָ־נעל פעסט אײַנגעשלאָסן אין דעם דורכגעמאַכטן אַנטוויקלונגס־גאַנג פון די געשעענישן און האַנדלונגען און גיט אַ מעגלעכקײַט צו פאַר־סאַכאַקלען און אוועקשטעלן יעדן איינעם אַף זײַן אָרט.

נעכעמיע האַלט ניט אויס זײַן נאַוואַנאַד־לעבן. ייִסראָעל איז ניט זײַן ערד, ניט זײַן היים. אים ציט צוריק קיין ביראָבידזשאַן. דאָס האַרץ זײַנס האַלט ניט אויס און פּלאַצט. פאַר כילוש מאַזאָרן איז אַ טויטער קערפּער אויך אַ סכוירע, מיט וועלכער מע קאָן האַנדלען און שווינדלען, ווי מ'פּלעגט אַמאָל זאָגן — ער רײַסט פון לעבעדיקע און פון טויטע.

כילוש מאַזאָר, דער טאַמע שעבעטאַמע, דער שערעץ שעבעשערעץ, דער שאַקעץ טעשאַקצע־נו־מענטש, דער געקויפטער טוער פון סאָכנוט, האַלט זיך אין איין טיוולען אין דער מיקווע־לעקסיק. באַ אים איז נעכעמיע טשאָרניצער, וועלכער האָט ניט באַוויזן אַ פוס אוועקשטעלן אינעם לאַנד פון די אָוועס, שוין פאַרעכנט פאַר אַ בירגער פון מעדינאַס־ייִסראָעל. אויס טשאָר־ניצער, ער הייסט שוין נעכעמיע בען שאַכאַר „און ער דאַרף דערגרייכן דעם ברעג פון דער אייביקייט אין זײַן היסטאָריש לאַנד". אַזאַ ווי נעכעמיע טאָר ניט קומען צו קווורע אין מיכוץ לאָאַרעץ, אין דער ביראָבידזשאַנער ערד, אין וועלכער ער איז געוועזן אַזוי טיף אײַנגע־וואָרצלט. אַ יורעד, זאָל זײַן אַפילע אַ טויטער, קאָן קאַליע מאַכן די אַליִאַ, שלעכט ווירקן אַף יעדן אוילע, אָפּשלאָגן דעם כיישעק באַם „גאָ־לעס ייִד" צו עמיגרירן קיין ייִסראָעל.

עס בײַטן זיך די צײַטן, עס בײַטן זיך דוי־רעס. דער דויר הוילעך טרעט אָפּ זײַן אָרט פאַרן דויר באָ. פאַרשיידענע לעבנס, פאַרשיי־דענע טויטן. צו די שאַנאָוועסקיס בעט זיך אָנ־ווענדן ביאַליקס בייזע ווערטער: „פונקט ווי אײַער לעבן האָט ניט געהאַט קיין טאַם און קיין זינען, אַזוי האָט קיין טאַם און קיין זינען אויך אײַער טויט". בענעגייען צו די ווענגראָוווערס קאָן מען אָנווענדן ביאַליקס ווערטער פון דער צווייטער זײַט: פונקט ווי אײַער לעבן האָט גע־האַט אַ זין, אַזוי איז ניט מעגלעך אָפּצוזוכן אַ זין אין אײַער טויט.

נאָכן צווייטן דאָר, דעם דאָר פון די בומאַ־גינס, יודאַלעפּס, לאַסיעווס און פּאַלעקס, וועלכע גייען אַף ווענגראָווערס וועגן, צײַטיקט דער פאַרבײַט פון אַ דריטן דאָר, פון די אַנדרייס.

„אַנטקעגן דעם שוין געעלטערטן מאַזאָרן איז אַרויס דער שוין אונטערוואַקסנדיקער אַנ־דריי"...

עס שפּילט און יוירט דער איבערמיש „פון צוויי און נאָך אַזעלכע בלוט־ריטמען: דער סלאַ־ווישער און דער ייִדישער". דער איבערמיש און צונויפמיש פון בלוטן דערצאָרנט און צע־מישט די, וואָס שטייען אַף דער וואַך פון דער אַטאַבעכאַרטאַנישער ראַסן־ריינקײַט. „אַנדריי? וואָס איז עס פאַר אַ ייִדישער נאָמען אַזאַ — אַנ־דריי? אין וועלכער יעשיווע האָט אַנדריי גע־קנעלט טוירע? און צי טראַכט ער ניט איבער־געבן דעם ייִדישן העמשעך אין די הענט פון דער האַלבער גויקע נאַטאַשע?".

און די צײַט טוט זיך אירס, און די צײַט האָט קיין צײַט ניט און ברענגט מיט זיך יעדן טאָג אירע נײַע ענדערונגען.

אַרן ווערגעליסעס ראָמאַן „די צײַט" איז אַן אומרויִק ווערק וועגן אומרויִקע צײַטן, וואָס באַנוגנט זיך ניט מיט סוזשעטישער קונציקײַט, מיט פאַנאַנדערקנוילן אַן אַנעקדאָט. ווערגעליסן איז פרעמד דער אידילישער קיטוויו פון פּאַטשן זיך אין בײַכל, דער צונויפלעכט פון שטיקלעך זיכרוינעס און שיראַים פאַרבליבענע שטיקלעך פון ניט דערליבטע ליבעס, דער אופמיש פון אָרעמע ביִאָגראַפישע בלעטלעך, וועלכע האָבן ניט וואָס צו זאָגן און וואָס צו דערציילן. אַרן ווערגעליס שרײַבט וועגן דעם, וואָס אַ צווייטער איז ניט מעסוגל צו שרײַבן פונקט אַזוי, ווי ער שרײַבט. ער ווייסט, אַז ווער עס לעבט ניט אַף יענעמס כעזשבן און עפנט אויף אַן אייגענע קאַנטע אין דער ליטעראַטור, איז באַוואָרנט פּוּן איבערכאַזערן אַ צווייטן.

אַרן ווערגעליסעס קראַפט באַשטייט אין דעם, וואָס ער האַלט די פעדעם אין האַנט צוזאַמען מיטן פּולס פונעם לעבן. ער איז קיינמאָל ניט קיין פּאַסיווער באַאָבאַכטער און פּאַסיווער באַ־שרײַבער. יעדער זשאַנער, יעדער סוזשעט איז פאַר אים אַ נײַ שלאַכטפעלד. און מיט דעם איז טאַקע צו דערקלערן, וואָס דאָס פּובליציסטישע אין בעסטן זין פון וואָרט פאַרלאָזט אים קיינ־מאָל ניט. ער איז שטענדיק אין שטרײַט און אין וויקועך, הערט ניט אויף שטעלן און לייזן פּראָבלעמען, פאַרסאַכאַקלען דורכגעגאַנגענע גע־שיכטלעכע וועגן.

דער ראָמאַן „די צײַט" איז געקומען מיט דער צײַט, לעבט מיט דער צײַט און איז אַ וויכטיקער רינג פאַר דער נײַ־אָנקומענדיקער צײַט.

די נײַע אַנטדעקונגען און אַנטפּלעקונגען און דאָס נײַע דערגרייכטע אין דעם ראָמאַן באַ־שטייט ניט אין דעם, וואָס ווערגעליס טיילט אים פאַנאַנדער אין נאָוועלן און וואָס ער באַוואָרנט זיך מיט דער פאַרצייכענונג־קאַמייע, נאָר דערײַ־קער אין דעם, וואָס ער האָט אַף אַ קליינעם שטעטעך באַהערשט פּילצאָליקע גרויסע שעטאָ־כים און אומגעהייער גרויסע מעהאַלעכן פון דער צײַט.

איינע פון שאָלעם־אַלייכעמס מאָנומענטאַלס־טע געשטאַלטן — טעוויע דער מילכיקער — ווערט אויך אויסגעשטאַלטיקט און אויסגעפוּ־רעמט אין אַ ציקל נאָוועלן. שאָלעם־אַלייכעם האָט קיין אַנדער אויסוואַל ניט געהאַט, ווײַל ווען ער האָט זיך באַקאַנט מיט טעוויען, איז טעוויע אין די אויגן פונעם לייענער דערווײַל קיין טעוויע ניט געווען. ער איז געווען נאָך אָרעם אין מײַסים, אין איבערלעבונגען און אין דראַמאַטישע צוזאַמענשטויסן. דער שרײַבער האָט זיך געהאַלטן אין איין באַגעגענען און צע־

שיידן מיט זיין באליבט געשטאלט, בא פארשידענע צייט־אפשניטן האט ער בא טעוויען אפגענומען א דין־וועכעזשבן, ווי עס האלט בא אים, וויאזוי זיין בויערקע האט איבערגעלעבט די שטורעמס פון דער צייט, וואס פאר אן ענדערונגען זיי האבן אריינגעטראגן אין זיין לעבן. די נאָוועלע „דאָס גרויסע געווינס“ איז געשריבן געוואָרן אין 1895. אין פיר יאָר ארום, אין 1899, זעצן פאָר טעוויעס לעבנס־גאנג די נאָוועלן „א בוידעם“ און „היינטיקע קינדער“. נאָך א נייער, לענגערער פאוזע, אין 1904, ווערט אָנגעשריבן די נאָוועלע „הודל“. הודלס שוועסטער כאווע קומט אויס צו ווארטן ווייניקער — די נאָוועלע „כאווע“ איז אָנגעשריבן געוואָרן אין 1906. שפרינצען האט נאָך מער אָפגעגליקט — די נאָוועלע „שפרינצע“ האט זיך באוויזן אין 1907. און ווידער א פאוזע און נאָכאמאָל א פאוזע — אין צוויי יאָר ארום אין 1909 קומט אראָפ פון דער פען די נאָוועלע „טעוויע פאָרט קיין ערעץ־יִסראעל“ און אין 1914 — די נאָוועלע „לעך־לעכאָ“.

גאָר אנדערש זיינען די פארשיידן בארירטע צייטן בא ווערגעליסן, אלץ איז אָפגעזעצט, אלץ איז שוין אריין אין דער געשיכטע. בא שאָלעם־אלייכעמען — דער „שפראָצנדיקער אופגאנג“, בא ווערגעליסן — די „צייטיקע צייט“, די צייט פון שניט. מע קאָן זאָגן, אז אינעם ראָמאן „די צייט“ מאכן מיר דורך א פופציקיאָריקע רייזע איבערן יידישן לעבן אין סאָוועטנפארבאנד. מיר געדענקען אויך ווערגעליסעס בוך „רייזעס“, וועלכער פירט אונדז ארום איבער די יידישע יִשוווים פון דער וועלט אין די 60־ער — 70־ער יאָרן.

די רייזעס, ווו ארן ווערגעליס באגעגנט זיך פאָנעם־על־פאָנעם, שפיז צו שפיז, אין די אטאקעס מיט די פארשיידענע סאָנים פון דער נייער סאָציאליסטישער וועלט, האבן בעלישום־סאָפעק געהאט א טיפע ווירקונג אף דער קעמפערישקייט פונעם ראָמאן, פונקט ווי דער אָפהילך פונעם ראָמאן האט איבערגעלאָזט טיפע קלאנגען אין די דראמאטישע נאָוועלן און אפילע אין די „נאָטיצן אָן א סיידער“.

כראָניק

יידישע ליטעראטור און קונסט אינעם קולטור־לעבן אין לייפציג

דער לייפציגער סינאגאָגע־כאָר, וועלכער איז געגרינדעט געוואָרן אין 1962, פונקציאָנירט אויך איצט אונטער דער אָנפירונג פונעם באקאנטן זינגער פון דער לייפציגער אָפערע העלמוט קלאָץ. אָט דער אוניקאלער אין אייראָפע כאָר־קאָלעקטיוו פילט אויס ניט בלויז יידישע ליטורגישע מוזיק, נאָר אויך מוסטערן פונעם יידישן און העברעישן פאָלקלאָר. צוגלייך מיט די פילצאָליקע ארויסטרעטונגען אין לייפציג האט דער כאָר, וועלכן עס איז צוגעייגנט דער טיטל „אויסנעמלעכער פאָלקס־אנסאמבל אין דער דדר“, גאסטראָלירט אין פיל אנדערע שטעט פון רעפובליק און אין אויסלאנד. זיינע לידער און מעלאָדיעס ווערן רעגולער איבערגעגעבן אין דער ראדיאָ פון דער דייטשישער דעמאָקראטישער רעפובליק.

אינטערעסאנט גייען דורך די אזויגערופענע יערלעכע פרימאָרגנס פון דער יידישער געמיינדע, אף וועלכע זינגער פון לייפציג, בערלין און אנדערע שטעט טרעטן ארויס מיט יידישע לידער און מיט קינסטלערישע פאָרלעזונגען פון ווערק פון דער יידישער קלאסיק.

ניט לאנג צוריק איז דאָ פאָרגעקומען א קאָנצערט, אף וועלכן עס האט מיט באגייסטערונג אויסגעפילט א פראָגראם פון יידישע זינגלידער די יונגע אקטריסע פון בערלין יאלדי רעבלינג. מיט דערפאָלג זיינען דורכגעגאנגען אין אונדזער שטאָט די גאסטראָלן פונעם בירָאבידזשאנער יידישן מוזיקאלן קאמער־טעאטער.

א באזונדער אָרט פארנעמט אינעם יידישן קולטור־לעבן דאָס בוך־וועזן. ס׳איז כאראקטעריסטיש, אז האגאם נייע ביכער אף יידישער טעמאטיק ווערן ארויסגעגעבן רעגולער, איז געווײנלעך ניט לייכט צו קריגן אזא אויסגאבע. דעריבער וויל איך דאָ אָנרופן בלויז די נייסטע ביכער, דערשינענע אין לייפציג מיט דער הילף פון די אָרטיקע ארויסגעבער און איבערזעצער. מיט א צייט צוריק איז דערשינען א באנד לידער פון דער דיכטערן רייזל זשיכלינסקע, צונויפגעשטעלט און ארויסגעגעבן דורכן לייפציגער פארלאג־טוער הובערט וויט, וועלכער איז שוין ברייט באקאנט מיט די שוין פאראנענע זאמלונגען „דער פידלער פון דער געטאָ“ און „מיינע יידישע אויגן“.

אינעם באוווּסטן לייפציגער דיטעריך־פארלאג איז ניט לאנג צוריק דערשינען אונטערן נאָמען „דיאלאָג“ א בוך דערציילונגען פון י.־ל. פערעץ און שאָלעם־אלייכעם (ווי גלייךביידע קלאסיקער פון דער יידישער ליטעראטור וואָלטן געפירט א געשפרעך צווישן זיך). דער פארלאג פאר קינדער האָט ארויסגעגעבן „די לעגענדע וועגן ציגעלע“, רייך אויסגעפורעמט מיט ליטאָגראפיעס פון טאנכום קאפלאן. גאָר אינגיכן וועט באם פארלאג „פאָלק אונד וועלט“ ארויס פון דרוק שאָלעם־אלייכעמס „שיר־השירים“, אויך איליוסטרירט מיט טאכנום קאפלאנס ליטאָגראפיעס.

צום סאָף ווילט זיך דאָ אונטערשטרייכן, אז אין דער דייטשישער דעמאָקראטישער רעפובליק ווייזט ארויס א גרויסן אינטערעס צו דער יידישער קולטור גראָד די יוגנט. ניט צופעליק שליסן אלע מאָל איין אין זייער רעפערטואר יידישע זינגלידער די סטודענטן־וואָקאליסטן פונעם לייפציגער מוזיקאלן אינסטיטוט. די סטודענטקע קריסטא מים, לעמאָשל, פארמאָגט א גאנצע פראָגראם פון יידישע זינגלידער און יידישער דיכטונג, מיט וועלכער זי טרעט הויפטזאכלעך ארויס אין יוגנטלעכע קלובן.

ד״ר גיונצעראָדט (לייפציג)

לייב ווילסקער

באם אורקוואל פון דער „פושקיניאנע" בא יידן

די ערשטע איבערזעצונג פון פושקינס ווערק אף העברעיש האט זיך באוויזן אין יאר 1861, אף יידיש — אין 1863. וואס איז שייך דעם אלגעמיינעם פראצעס פון דער האשפאע פון פושקינס פאעזיע אף דער דיכטונג בא יידן, איז ער אף העברעיש געוועז אינטענסיווער, איידער אף יידיש. צו אזעלכע אויספירן קאן מען קומען, פארגלייכנדיק פארשיידענע ביבליאגראפישע קוואלן און אפשאצונגען פון ליטעראטור־קריטיקער אף ביידע שפראכן.

סאוועטישע פארשער זיינען נאך אין די דרייסיקער יארן געקומען איינשטימיק צו דער מיינונג, אז אין יידיש האט דער פראצעס שטארק פארשפעטיקט. איינער פון זיי — ל. מישקאווסקי — האט געשריבן: „אף יידיש זיינען ביז דער רעוואליוציע פושקינס ווערק קימאט ניט איבערגעזעצט געווארן. די עטלעכע פרוון, וואס מע האט יא געמאכט, זיינען געוועזן נישטיק. די איבערזעצונגען זיינען געוועזן שלעכטע, און זיי האבן ניט געקאנט געבן קיין ריכטיקע פארשטעלונג וועגן פושקינס ריזיקן טאלאנט". נאך קלארער האט זיך אויסגעדריקט ב. סלוצקי: „פושקין איז ביזן 1917 יאר קימאט אינגאנצן געבליבן אומבאקאנט אין יידיש... ער האט אויך געהאט א קנאפע ווירקונג אף דער יידישער פאררעוואליוציאנערער דיכטונג".

אין זעלבן גייסט האט געשריבן א. ווועלעדניצקי אין 1937: „די יידישע ליטעראטור האט ביז איצט קימאט ניט פארמאגט קיין דערפארונג פון איבערזעצן פושקינס ווערק. די ארבעט פון איבערזעצן פושקינען הייבט זיך, אייגנטלעך, איצט אן — אין דער סאוועטישער יידישער ליטעראטור".

פאר די ערשטע איבערזעצונגען אין יידיש האלט מען די, וועלכע זיינען אפגעדרוקט געווארן אין דעם וועכנטלעכן זשורנאל „איראפעישע ליטעראטור", וועלכער איז ארויסגעגעבן געווארן אין ווארשע אין 1910 (פארלאג „פראגרעס") אונטער דער רעדאקציע פון א. רייזען. אלס ערשטע איבערזעצער פון פושקינען זיינען אנגעוויזן: ארן גראדזענסקי (1891, אומגעקומען אין ווילנע אין 1941), דאניעל טשארני (1888 — 1959 און לייב ניידוס (1890—1918).

דער זעלבער ב. סלוצקי שרייבט וויטער וועגן דער האשפאע פון דעם געניאלן רוסישן דיכטער אף אשער שווארצמאנען און דאוויד האפשטיינען, וועלכע „זיינען דערצויגן געווארן אף פושקינען. זיי זיינען געוועזן, באזונדערס אין די ערשטע יארן פון זייער שאפן, זייער שטארק אונטער פושקינס ווירקונג". ב. סלוצקי באהויפטעט, אז האפשטיין און שווארצמאן האבן „די ערשטע אריינגעבראכט אין דער יידישער פאעזיע פושקינס יאמב, פושקינס געליייטערט, קלאר ווארט, זיין פאטעטישקייט, זיין שטייפן, קלינגענדיקן פערז". מיט אט דעם טעזיס וועלן מיר שפעטער פאלעמיזירן. ס'וועט אבער ניט זיין איבערגעטריבן צו זאגן, אז די סאוועטישע יידישע (און ניט נאר יידישע) שרייבער, און קוידעמקאל דיכטער, האבן ניט אויסגעמיטן די פרוכטבארע ווירקונג פון פושקינס געניאלע ווערק.

וועגן דער רייכער האשפאע פון דער רוסישער קלאסישער פאעזיע, און פון פושקינס בפרט, אף דער העברעישער דיכטונג איז פאראן א היפשע ליטעראטור. וועגן דעם שרייבט, לעמאשל, י. בען־יעשורין (קיטייקישער) אין זיין מאנאגראפיע „השירה הרוסית והשפעתה על השירה העברית" („די רוסישע פאעזיע און איר האשפאע אף דער העברעישער", טעל־אוויוו, 1955). צווישן די העברעישע דיכטער, וועלכע

זײַנען באַווירקט געוואָרן דורך פּושקינען, ווי אויך דורך אייניקע אַנדערע רוסישע דיכטער, זײַנען דאָ איבערגערעכנט י.־ל. גאָרדאָן, קאָנסטאַנטין שאַפּיראָ, מאָרדכע צווי־מאַנע, כ.־נ. ביאַליק, ש. טשערניכאָווסקי, י. שימאָנאָוויטש.

וועגן פּושקינס האשפּאָע אַף דער העברעיִשער פּאָעזיע האָבן געשריבן אויך פיל אַנדערע, לעמאָשל, ש. טשערניכאָווסקי: „פּושקין איז אונדזער מעכיצע", י.־א. קלאַוזנער אין זײַנע אַרטיקלען וועגן פּושקינען אין ביידע אויסגאַבעס פון דער „ליטעראַרישער אַלגעמיינער און יידישער ענציקלאָפּעדיע". פּושקינס האשפּאָע אַף כ.־נ. ביאַליקן האָבן געווידמעט זייערע פאָרשונגען יערוכאַם־פישל לאַכאָווער „חיים נחמן ביאליק, חייו ויצירתו" („כאַים־נאַכמען ביאַליק, זײַן לעבן און שאַפן") און י. פיכמאַן אין זײַנע ביכער „שירת ביאליק" („ביאַליקס דיכטונג") און „סופרים בחייהם" („שרײַבער, ווען זיי האָבן געלעבט").

ס'איז קעדײַ אויך ברענגען דעם אויספיר, צו וועלכן ס'איז געקומען י. בען־יעשורין (קיטייקישער) אין זײַן פאָרשונג „די רוסישע פּאָעזיע און איר האשפּאָע אַף דער העברעיִשער": „מיר דאַרפן דאַנקבאַר זײַן דער רוסישער פּאָעזיע, וועלכע האָט — אַליין ניט וויסנדיק דערפון — מיטגעהאָלפן דער באַנײַונג פון דער העברעיִשער דיכטונג. מיר וואָלטן ניט זויכע געווען צו פיל ווערק, מיט וועלכע מיר גרויסן זיך איצט, ווען ניט די רוסישע פּאָעזיע".

פּושקינס ווערק זײַנען געקומען צו יידן דורך צוויי קוואַלן. ערשטנס, דורכן רוסישן אָריגינאַל. ס'איז ניט אויסגעשלאָסן, אַז יעכידים זײַנען געווען מיט זיי באַקאַנט נאָך באַם דיכטערס לעבן. צווייטנס, צוערשט דורך איבערזעצונגען אין העברעיִש און דערנאָך אויך אין יידיש. אויסער אונדזער אַרבעט „מ. פּלונגיאַן און זײַן איבערזעצונג פון פּושקינס ליד" („סאָוועטיש היימלאַנד", 1981, נומ. 4), געווידמעט די ערשטע איבערזעצונגען פון פּושקינען אַף ביידע שפּראַכן, זײַנען אונדז באַוווּסט אויך אַנדערע אָפּהאַנדלונגען אַף אָט דער טעמע:

1. דראַגאַנאָוו פּ. ד. (1858—1928), „ווער האָט דער ערשטער גענומען זיך איבערזעצן פּושקינען און די ערשטע איבערזעצונגען זײַנע אַף 50 שפּראַכן און דיאַלעקטן פון דער וועלט"[1].

2. אַפן יעסאָד פון אָט דער אַרבעט האָט דער זעלבער אוטאָר פאַרעפנטלעכט א זעלבשטענדיקע אויסגאַבע אונטערן טיטל: „דער פופציקשפּראַכיקער פּושקין, ד. ה. די איבערזעצונגען פון פּושקינען אין 50 שפּראַכן און דיאַלעקטן פון דער וועלט"[2].

[1] Драганов П. Д. Кто впервые принялся переводить Пушкина и первоначальные переводы его на 50 языков и наречий мира.— «Исторический вестник А. С. Суворина». Санкт-Петербург, 1899, № 5, стр. 634—668.

אין ביידע אויסגאַבעס פאַלן זיך צונויף די אָנגאַבן וועגן די איבערזעצונגען אין העברעיִש און אין דער „יידישער מינדלעכער שפּראַך לויטן רוסיש־עסטרײַכיש־פרײַסישן זשאַרגאָן אשקענאַזי". „וועגן די העברעיִשע איבערזעצונגען, — שרײַבט פּ. ד. דראַגאַנאָוו, — האָט מיר מיטגעטיילט דער ביבליאָגראַף ס. מ. גינזבורג". זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז אין שאָול גינזבורגס (1866—1940) ביבליאָגראַפישער פינקטלעכקייט קומט ניט אויס צו צווייפלען. עס ווערן געבראַכט 7 איבערזעצונגען, אָנהייבנדיק פונעם 1861 ביזן 1899 יאָר. אַנדערש אָבער באַקומט זיך, ווען דראַגאַנאָוו שרײַבט וועגן פּושקינס איבערזעצונגען אין „דער יידישער מינדלעכער שפּראַך". ער רופט ניט אָן, ווער עס האָט אים אינפאָרמירט, אָדער, פינקטלעכער, דעזינפאָרמירט. עס באַקומט זיך לעכערלעך. די איין־און־איינציקע אויסגאַבע, וועלכע איז דאָ געבראַכט... איז די העברעיִשע איבערזעצונג פון דער „מײַסע וועגן פישער און פישעלע" פון א. ליובאָשיצקין, וואָס זי איז געווען איבערגעדרוקט אין וואַרשע אין 1899, און גראָד זי פעלט אין דער העברעיִשער רעשימע.

3. שאַכטמאַן באַרוך (1890—1956), „תרגומי פושקין בעברית" — „איבערזעצונגען פון פּושקינען אין העברעיִש" („האַרעץ", 19 פעווראַל 1937).

4. לאַכאָווער שמועל, „יצירת א. פושקין בתרגומי סופרים עברים" — „א. פּושקינס שאַפונג אין איבערזעצונגען פון העברעיִשע שרײַבער" („דאַוואַר", 10 יון 1949).

5. לאַכאָווער שמועל, „אלכסנדר סרגייביץ' פושקין. ביבליוגרפיה" — „אַלעקסאַנדער סערגייעוויטש פּושקין. ביבליאָגראַפיע" (אין זשורנאַל „יד לקורא" — „הילף דעם לייענער", 1950, באַנד 2). דער אוטאָר האָט דאָ אונטערגעצויגן א סאַכאַקל פון אַלץ, וואָס עס איז אים געווען באַוווּסט אַפן דאָזיקן געביט.

וואָס שײַך פּושקינס ווערק, וועלכע זײַנען דערשינען אַף יידיש, זײַנען אונדז באַוווּסט פאָלגנדע אַרבעטן:

— סלוצקי, ב. „פּושקין אין יידיש". אַרטיקל אין דער צײַטונג „עמעס", 1936, 28 יול.

— מישקאָווסקי, ל. „פּושקינס ווערק אין יידיש". אַרטיקל אין דער צײַטונג „שטערן", 1936, 2 אָקטיאַבער; „פּושקינס ווערק אין יידיש. — וועגן פּושקינען" (ביבליאָגראַפיע); אין זײַן בוך „אַלעקסאַנדער סערגייעוויטש פּושקין. צום הונדערטסטן יאָרטאָג פון זײַן טויט". קיעוו, צענטראַלע יידישע מעלוכע־ביבליאָטעק א. נ. פון מאָריס ווינטשעווסקי, 1937.

— וועלעדניצקי, א. „פּושקין אין יידיש". זשורנאַל „פאַרמעסט", 1937, נומ. 1.

— כאַטשעוואַצקי מ. „א. ס. פּושקין און די יידישע סאָוועטישע דיכטונג. נאָטיצן". זשורנאַל „פאַרמעסט" י. 1937, נומער 1.

[2] Драганов П. Д. Пятидесятиязычный Пушкин, т. е. переводы А. С. Пушкина на 50 языков и наречий мира. Санкт-Петербург, 1899 г.

— פידעלמאַן, נ. „ביבליאָגראַפיע פון פּושקינס ווערק אין ייִדיש" (סאָוועטישע אויסגאַבעס). זשורנאַל „פּאַרמעסט", 1937, נומ. 1.

— פינקעלשטיין, א. „א. ס. פּושקינס ווערק, דערשינענע אין ייִדיש", זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד", 1974, נומער 6. (די פּריסטע איבערזעצונג איז דאָ דאַטירט מיטן יאָר 1918).

אין רעזולטאַט פון אונדזערע פאָרשונגען האָבן מיר געפונען און פעסטגעשטעלט אומבאַוווּסטע אויסגאַבעס און איבערדרוקן פון פּושקינס איבערזעצונגען אין העברעיִש און ייִדיש, וועלכע זייַנען ניט פיקסירט אין אַט די ביז גאָר וויכטיקע און אינטערעסאַנטע אַרבעטן. זיי באַווייַזן, אַז דאָס וויגעלע פון פּושקינס איבערזעצונגען אין העברעיִש און ייִדיש איז געווען רוסלאַנד.

מיר מיינען, אַז עס האָט ניט קיין זין צו בויען אילוזיעס און זוכן איבערזעצונגען פון פּושקינען בא ייִדן אין די 1820־ער יאָרן, האָגאַם אַזעלכע זייַנען שוין באַוווּסט אין אַנדערע שפּראַכן: אין פראַנצויזיש און דייַטש (1823), שוועדיש (1825), סערביש און פּויליש (1826), איטאַליעניש (1828). עס איז אַפילע צו פרי זיי זוכן אין די 1830־ער — אָנהייב 1840־ער יאָרן, ווען עס האָבן זיך שוין באַוויזן די איבערזעצונגען פון פּושקינען אין אוקראַיִניש און טשעכיש (1830), מאָלדאַוויש, סערבאָ־כאָרוואַטיש און ענגליש (1835), האָלענדיש (1837), דעניש און אַרמעניש (1843). די צייַט איז נאָך ניט געווען רייף דערצו. דער קולטורעלער מאַצעוו פון די ייִדן אין רוסלאַנד איז געווען ניט קיין גינסטיקער פאַר אַזעלכע איבערזעצונגען. אויף דער גאַנצער טעריטאָריע פון רוסלאַנד, ווו עס האָבן געלעבט ייִדן, איז ביזן 1840 ניט געווען קיין איין ייִדישע וועלטלעכע שול, ווו מע זאָל לערנען די רוסישע שפּראַך און ליטעראַטור. געווירקט האָט אויך, פון איין זייַט, די אָפּגעזונדערטקייַט פון די ייִדן, וועלכע זייַנען געווען פאַרשלאָסן אינעם טכום, איזאָלירט פון דער רוסישער באַפעלקערונג, און פון דער צווייטער, די דיסקרימינאַציע־פּאָליטיק פון דער צאַרישער רעגירונג בענוגייע ייִדן.

אין שטעט מיט א געדיכטער רוסישער באַפעלקערונג האָבן ייִדן, אַלס קלאַל, ניט געווינט. עס קלינגט אַבסאָליוט אומגלייבלעך די ידיעה וועגן א געוויזענעם „ייִדישן קוואַרטאַל" אין מאָסקווע נאָך פאַר דער אינוואַזיע פון דער פראַנצויזישער אַרמיי. די מיטיילונג פון „הצפירה" (פונעם 3(16) אַפּרעל 1912, נומער 74) באַזירט זיך אויף א דערקלערונג פון אַן אָפיצער פון דער נאַפּאָלעאָנישער אַרמיי, וועלכער האָט קלוימערשט גלייַך נאָך דער סרייפע אין מאָסקווע דאָרט זיך אָנגעטראָפן און געשמועסט מיט איינעם פונעם „ייִדישן קוואַרטאַל", וועמענס הויז איז פאַרברענט געוואָרן צוזאַמען מיט די אַנדערע הייַזער פון די ייִדן, וועלכע האָבן דאָ געוווינט. אַלנפאַלס, רוסישע אָדער ייִדישע באַגלייבלעכע מעקורים, וועלכע זאָלן אַזוינס באַשטעטיקן, זייַנען אונדז ניט באַוווּסט.

ערשט ניט לאַנג צוריק האָבן מיר זיך אָנגעשטויסן אויף א מערקווירדיקן דאָקומענט, וועלכער באַלויכט דעם צושטאַנד פון דער באַהאַוונטקייַט פון ייִדן אין רוסיש אין יענע צייַטן. אים האָט אָנגעשריבן דעם 4 יוני 1862 דער פאַרוואַלטער פונעם מיניסטעריום פאַר פאָלקס־בילדונג, סטאַטס־סעקרעטאַר גאָלאָווינ. דאָס איז אַן אָפיציעלע מיטיילונג פון דער ספּעציעלער קאַנצעלאַריע פונעם מיניסטער פאַר פאָלקס־בילדונג וועגן שולן בא ייִדן. „זיי האָבן שוין געבראַכט א מערקווירדיקע נוץ, — שרייַבט גאָלאָווינ, — אויפן געביט פון בילדונג און פאַרשפּרייטונג פון דער רוסישער שפּראַך צווישן ייִדן. אַגעוו, דערצו דינען די פּריוואַדישע אויסגאַבעס בא ייִדן אין רוסיש, אין וועלכע עס באַטייליקן זיך פיל ייִדישע מיטאַרבעטער, און זיי האָבן א באַדייַטנדיקע צאָל לייענער, אין דער צייַט, ווען מיט 20 יאָר צוריק איז אין גאַנץ רוסלאַנד ניט געווען אַפילע קיין 200 ייִדן, וועלכע זאָלן לייענען, און 20, וועלכע זאָלן שרייַבן רוסיש". (לענינגראַד, צענטראַלער היסטאָרישער מעלוכע־אַרכיוו פון פּססר, פאָנד נומ. 821, „אָפּיס" 8, נומ. 261, ז. 13—15).

אָט אַזוי זעט אויס דאָס בילד פון רוסיש בא ייִדן אין אָנהייב פון די 1840־ער יאָרן. אויף א ייִדישער באַפעלקערונג פון פיל העכער פון א מיליאָן נעפּאַשעס (פּאַרגל. די אָנגאַבן, וועלכע זייַנען געבראַכט אין דער ייִדישער ענציקלאָפּעדיע אין רוסיש «Еврейская энциклопедия», באַנד 11, שפּאַלטן 535—536) זייַנען געווען צוויי מיניאָנים, וועלכע האָבן געקענט שרייַבן רוסיש!

צווישן די „צוויי מיניאָנים" איז געווען אַרייַנגערעכנט דער דעמאָלט יונגער און דערנאָך פּאָפּולערער אין דער העברעיִשער און ייִדישער ליטעראַטור דיכטער, פּראָזאַיִקער, זשורנאַליסט און איבערזעצער אַווראָם־בער גאָטלאָבער (1811, אָדער 1810, געשט. 1899). זייַן פּען — ווי ווייַט ס'איז אונדז ביז הייַנט געלונגען צו פעסטשטעלן אויפן סמאַך פון די ביכער־פאָנדן פון די לענינגראַדער ביבליאָטעקן — האָבן מיר צו פאַרדאַנקען די ערשטע איבערזעצונגען פון דער רוסישער פּאָעזיע אין העברעיִש ביכלאַל. זייַן ערשטער באַנד לידער טראָגט דאָס קעפּל „פּרחי האביב" — „פרילינגס־בלומען", און ער איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אין דער טיפּאָגראַפיע פון ס. וואַקס אין יוזעפאָוו אין 1837. דאָ געפינען מיר דרייַ איבערגעזעצטע לידער פון נ. מ. קאַראַמזינען און צו איינער פון וו. א. אָזעראָוון און מ. מ. כעראַסקאָוון. אַגעוו, זייַנען דאָ אויך פאַרגעשטעלט איבערזעצונגען פון דייַטשישע און פראַנצויזישע דיכטער א.־פּ. גאָטלאָבער האָט זיך דאָ געניצט מיט דער פאַרמיטלונג פון רוסישע איבערזעצונגען).

מיט די ערשטע איבערזעצונגען פון פּושקינען און פון אייניקע אַנדערע קלאַסיקער פון דער רוסישער פּאָעזיע קאָן מען זיך באַקאַנען



תבנית

ספר החניך

את לשון רוסיא.

עם העתקה לשפת עבר.

פה פיטרבורג

ה׳תר״ז לפ״ק

ОПЫТЪ РУКОВОДСТВА

КЪ ПРАКТИЧЕСКОМУ УПРАЖНЕНІЮ

ЕВРЕЕВЪ

ВЪ РУССКОМЪ ЯЗЫКѢ,

СЪ ПЕРЕВОДОМЪ НА ЕВРЕЙСКІЙ ЯЗЫКЪ.

Одобренъ Министерствомъ Народнаго Просвѣщенія

Цѣна 50 коп. серебромъ.

САНКТПЕТЕРБУРГЪ.

Въ Типографіи Императорской Академіи Наукъ.

1847.

ערשט אין א שפעטערדיקער אויסגאבע, וועלכע איז דערשינען אין צען יאָר אַרום.

ריידנדיק וועגן די איבערזעצונגען פון פושקינס ווערק אין העברעיִש און ייִדיש אינעם אָנפאנג־פעריאָד און וועגן זייער ספעציפישקייט, דאַרף מען נעמען אין אכט אייניקע מאָמענטן.

דער אונטערשייד צווישן דער רייכער רוסישער שפראַך, וועלכע האָט אין פושקינס צייטן, און טאַקע אַדאַנק אים, דערגרייכט די העכסטע שטאַפלען פון איר אַנטוויקלונג, און דער העברעישער איז געווען א קאָלאָסאַלער. די לעקסיק בא די ערשטע העברעיִשע איבערזעצער איז געווען א באַגרענעצטע. זי איז אין בעסטן פאַל באַשטאַנען פון עטלעכע טויזנט וואָרצל־ווערטער פונעם טאַנאַך און פון דער שפעטערדיקער ליטעראַטור. מע דאַרף אויך נעמען אין באַטראַכט, אַז אַפילע די לעקסיק פון דער העברעיִשער מיטלאַלטערלעכער פּאָעזיע, ווי אויך פון דער פּראָזע, פילאָלאָגיע, פילאָסאָפיע, מעדיצין, אַסטראָנאָמיע, מאַטעמאַטיק איז דאַן נאָך ניט געווען ווי געהעריק באַקאַנט. ניט בעסער האָט אויסגעזען די לאַגע אין ייִדיש.

די אַלגעמיינע בילדונג פון די איבערזעצער איז אויך געווען א גאַנץ קנאַפּע: דער כיידער, די יעשיווע. א באַגרענעצטע צאָל אויסגאַבעס אין אייראָפּעיִשע שפּראַכן. וועראָ־וועראָ, נאָר די איבערזעצער אַליין זיינען געווען גוטע מעווינים אף זייערע ליטעראַרישע קויכעס, געניטער געזאָגט — שוואַכקייטן.

די איבערזעצער און איבערזעצונגען זיינען „קינדער פון זייער עפּאָכע“ און די רייד וועגן זיי דאַרפן באַגלייט ווערן מיט קאָנקרעטע אָנווייזונגען. מע דאַרף זיך ניט וווּנדערן, וואָס, ערשטנס, האַלטן ניט אייניקע איבערזעצער פאַר מעגלעך צו שאַפן קינסטלערישע אין פולן זין פון וואָרט איבערזעצונגען און באַנוגענען זיך מיט פרייע געגראַמטע אָדער ניט געגראַמטע און אַפילע ווערטערלעכע איבערזעצונגען. צווייטנס, באַהאַלטן אויס די איבערזעצער זייערע נעמען און פאַרעפנטלעכן די אָפּגעטאָנענע אַרבעט אונטער א פסעוודאָנים, אָדער גאָר אַנאָנים. דאָס איז טאַקע די סיבע פון דעם, וואָס אַרום דער אווטאָרשאַפט פון אייניקע איבערזעצונגען זיינען פאַראַן כלוקעדייעס. דריטנס, ברענגען אַרויס אייניקע איבערזעצונגען בלויז קליינע פראַגמענטן פון פושקינס ווערק. פערטנס, טרעפן זיך איבערזעצונגען, וועלכע זיינען געמאַכט אף אַזויפיל פריי, אַז עס איז קימאַט אומעגלעך פעסטצושטעלן לויט זיי פושקינס אָריגינאַל. עס טרעפט זיך אויך, אַז א ליד איז פאַרפאַסט אף א מאָטיוו פון פושקינס א ווערק. פינפטנס, איז די צאָל איבערזעצונגען ביז גאָר א קליינע. עמעס, ס׳איז ניט אויסגעשלאָסן, אַז א טייל פון זיי איז מיט דער צייט פאַרפאַלן געוואָרן און פון זיי זיינען צו אונדז ניט דערגאַנגען קיין יעדיִעס. נאָך מער, אַפילע די איבערזעצונגען, וועלכע זיינען יאָ צו אונדז דערגאַנגען, געפינען זיך אין אַזאַ נישטיקער צאָל עקזעמפּליאַרן אין דער וועלט, אַז ניט יעדן זיינען זיי צוגענגלעך.

ס׳איז טאַקע קיין כידעש ניט, וואָס די ביז איצטיקע ביבליאָגראַפיעס שפיגלען ניט אָפּ און זיינען, אייגנטלעך, ניט בעקויעך אָפּצושפיגלען אין דער נייטיקער מאָס די איבערזעצונגס־טעטיקייט אף דעם געביט. פאַרן פעריאָד ביז דעם יאָר 1880 איינגעשלאָסן זיינען אין אַלע דערמאָנטע ביבליאָגראַפישע אַרבעטן באַוווּסט ניט מער ווי צוויי אויסגאַבעס אין העברעיִש: איינע פון 1861, די צווייטע פון 1880, און אין ייִדיש — קיין איינע ניט. נאָך לאַנגע זוכענישן האָט אונדז בעפיירעש אָפּגעגליקט, און אויסער די ביידע דערמאָנטע איבערזעצונגען און די געבראַכטע פאַרן יאָר 1856 אינעם אַרטיקל „מ. פלונגיאַן און זיין איבערזעצונג פון פושקינס א ליד“, האָבן מיר זיך אָנגעשטויסן אף איבערזעצונגען אין העברעיִש סיי ביז דעם 1861, סיי פון דער צווישנצייט 1861—1880, ווי אויך אף איין איבערזעצונג אין ייִדיש פונעם געפאָרשטן צייטאָפּשניט.

אין 1847 איז אין דרוק פון דער אימפּעראַטאָרישער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע פאַרעפנט־

לעכט געוואָרן אַ לערנבוך פון דער רוסישער שפּראַך פאַר ייִדן: „תבנית ספר החנוך ללמד בני העבריים את לשון רוסיא". דער טיטל אין רוסיש:

«Опыт руководства к практическому упражнению евреев в русском языке».

דאָס בוך באַשטייט פון צוויי טיילן. די ערשטע אַנטהאַלט די גראַמאַטיק פון דער רוסישער שפּראַך. דער רוסישער טעקסט איז דאָ טראַנסקריבירט מיט העברעיִשע אויסיִעס און איבערגעזעצט אין העברעיִש. די צווייטע שטעלט מיט זיך פאָר אַ „זאַמלונג פון באַרימטע רוסישע שאַפונגען" מיט ווערטערלעכע איבערזעצונגען אַף העברעיִש. דער רוסישער טעקסט, ווו אַלע ווערטער זײַנען נומערירט מיט אַ לויפנדיקן נומער, איז אָפּגעדרוקט אין דעם אייבערשטן טייל פונעם בלאַט, און אין דעם אונטערשטן — זייערע אַנטשפּרעכנדיקע נומערירטע איבערזעצונגען אַף העברעיִש.


МѢДНЫЙ ВСАДНИКЪ.

I. Петръ Великій и Петербургъ.

На берегу пустынныхъ волнъ
Стоялъ Онъ, думъ великихъ полнъ,
И вдаль глядѣлъ. Предъ нимъ широко
Рѣка неслася; бѣдный челнъ
По ней стремился одиноко;
По мшистымъ, топкимъ берегамъ
Чернѣли избы здѣсь и тамъ.

מע מוז גלײַך אָפּמערקן, אַז דער אויסוואַל פון אווטאָרן און ווערק איז דאָ אַ גאַנץ געלונגענער. מיר געפינען אינעם לערנבוך אי. קרילאָווס פּאָפּולערע מעשאָלים „דער העלפאַנד און דאָס הינטל", „גענדז", „דער פוקס און די ווײַנטרויבן", „דער דורכגייער און די הינט", „דער שוואַן, דער העכט און דער קרעפּס", „דער אייזל און דער סאָלאָוויי", „דאָס ליבעלע און די מערעשקע"; אי. כעמניצערס „דער מילכאָמע־טאַבאָר" און „דער סאָלאָוויי און דער טשיזשיק"; מ. דמיטריִעווס „די שלאַנג און די פּיאַווקע", „דער אָדלער און די שלאַנג".

אַף וויפל עס דערלויבן פעסטשטעלן די מאַטעריאַלן פון די ביבליאָטעקן, מיט וועלכע אונדז איז אויסגעקומען זיך צו באַקענען, זײַנען אַלע געבראַכטע אין אָט דעם בוך דיכטער, אויסער נ. מ. קאַראַמזינען, איבערגעזעצט אין העברעיִש צום ערשטן מאָל.

פּושקין איז דאָ פאַרגעשטעלט מיט דרײַ פראַגמענטן פון צוויי ווערק: פונעם „קופּערנעם רײַטער" צוויי פראַגמענטן — דער אַרײַנפיר און „די פאַרפלייצונג"; אַ פראַגמענט פון דער טראַגעדיע „באָריס גאָדונאָוו" „די ליטווישע גרענעץ". פון לערמאָנטאָווס פּאָעזיע איז דאָ אָפּגעדרוקט „די טפילע".

אין צוזאַמענהאַנג דערמיט ווילט זיך פאַרצייכענען אָט וואָס. לויט דער מיטיילונג פון גאַליִנאַ קאָוראָווע, דער מיטאַרבעטערן פונעם לענינגראַדער „פּושקין־הויז" (אינסטיטוט פון רוסישער ליטעראַטור בײַ דער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע פון פססר), איז „דער קופּערנער רײַטער" איבערגעזעצט געוואָרן אין 19־טן יה. אַף איטאַליעניש (די דאַטע — ניט קיין זיכערע), פּויליש — אין 1843, פראַנצויזיש — 1847, שוועדיש — 1887, גריכיש — 1888, דײַטש — 1898, ענגליש — 1899. „באָריס גאָדונאָוו" איז איבערגעזעצט געוואָרן אַף דײַטש (די דאַטע — ניט קיין זיכערע), פראַנצויזיש — אַ פראַגמענט — אין יאָר 1837 און פּולקאָם — אין 1847, אַף טערקיש — אין 1862. ש. לאַכאָווער דאַטירט די ערשטע איבערזעצונג פון לערמאָנטאָוון אַף העברעיִש מיטן יאָר 1881.

די דיכטונג איז אינעם לערנבוך, אויסער די ווערק פון אַ. ס. פּושקינען און מ. יו. לערמאָנטאָוון, אויך פאַרגעשטעלט מיט לידער פון פּושקינס מיטצײַטלער — נ. קאַראַמזין, וו. בענעדיקטאָוו, נ. יאַזיקאָוו, וו. זשוקאָווסקי, פּ. וויאַזעמסקי, מ. מוראַוויאָוו און אַנד.

עס ווערן אינעם בוך געבראַכט אויך פּאָפּולער־וויסנשאַפטלעכע אַרטיקלען.

דער אווטאָר פונעם לערנבוך איז לעאָן (לייב) אָסיפּאָוויטש מאַנדעלשטאַם (1819 — 1889) — דער ערשטער ייִד, וועלכער האָט באַקומען הויכבילדונג אין אַ רוסישער הויכשול. ער איז געווען אַן אויסערסט זעלטענע פּערזענלעכקײַט אין דער געשיכטע פונעם רוסלענדישן ייִדנטום אין 19־טן יה. פון קינדווײַז אָן האָט ער געשעמט אַלס אַן „אילוי", צו 13 יאָר שרײַבט ער לידער. ער האָט געקענט צען שפּראַכן און אַף פינף פון זיי גערעדט אַבסאָליוט פרײַ. אין 1844 האָט ער פאַרענדיקט דעם פּעטערבורגער אוניווערסיטעט, ווו ער האָט שטודירט לינגוויסטיק פון מיזרעך־שפּראַכן. אין אַפּרעל 1843, ווען אין פּעטערבורג איז פאָרגעקומען אַ קאָנפערענץ פון די ראַבאָנים, אַף וועלכער עס איז באַהאַנדלט געוואָרן די פראַגע וועגן אויסבעסערן די לערן־סיסטעם בא ייִדן, און מיצאַד דער רעגירונג זײַנען אַרויסגעטראָטן אייניקע אָנגעזעענע פּערזענלעכקײַטן, בעסויכעם דער בילדונגס־מיניסטער ס. ס. אוּוואַראָוו, האָט ל. מאַנדעלשטאַם אויסגעפילט די פליכטן פון ראַטגעבער און סעקרעטאַר. ווען מאַקס ליליענטאַל (1815—1882), דער פּראָפּאַגאַנדיסט פון דער אידיי אויפצוהייבן דעם ניוואָ פון דער בילדונג צווישן ייִדן אין רוסלאַנד, איז אָפּגעפאָרן פונעם לאַנד, האָט ל. מאַנדעלשטאַם אָפּי־

די טעליגע פין ־עם לעבען.

(פין פּאָשקין).

עס איז דיא משא טאקע שווערליך,
נאָר דיא טעליגע געהט זיך גרינג:
דיא אלטע צייט טרייבט אַן גאַנץ עהרליך:
אַ טשאַקינדיקער קאָטשעריונג!

מיר פליהען ארויף אויף איהר פריהמאָרגען:
האָטש באלד צוועטין דעם קאָפּ אויף דרייא;
מען איז ניט פויל, ניט דאָ קיין זאָרגען,
מיר שרייען נאָר: „קאטייא!"

צו מיטטאג פעהלט קאָראַזש, עס איז ביטטער
ניט וועהרט דיא ביינער קיין פיעטאק;
בייא גריבער, בערג, געהט הויך אַ ציטטער,
מיר שרייען שוין: „האַלט אַן, דוראק!"

ער הערט אונז אָבער וויא דעם לאָטער,
פאר נאכט ווערט גרינגער: שוין ניט ווייט;
מיר פאָהרען דרימלדיג צום פּאָטער:
דיא פערדליך טרייבט אין טרייבט—דיא צייט!

קיעוו. כ-: ב.ד-ח

ציִעל פּאַרנומען זײַן פּאָסטן. דאָס איז געשען אין 1846. ער האָט זיך גענומען פֿיבערהאַפֿטיק פֿאַר דער דאָזיקער מיסיִע און געגרייט לערנביכער פֿאַר ייִדן. צווישן זיי איז טאַקע געווען דער «Опыт руководства», דער ערשטער אַף דעם געביט.

וואָס שייַעך דער וואָרטערלעכער איבערזעצונג פֿון פּושקינס ווערק פֿון רוסיש אין העברעיִש, שטימט זי מיט דער הערשנדיקער אין יענע צײַטן „פּעדאַגאָגיק" פֿונעם כיידער. אַף אַן ענלעכן אויפֿן פֿלעגט מען לערנען כומעש מיט ראַשי. די זעלבע „פּעדאַגאָגישע" מיטלען האָט ל. מאַנדעלשטאַם געוואָלט אײַנפֿירן אויך באַם לערנען די רוסישע שפּראַך.

ל. מאַנדעלשטאַם האָט געשריבן און געדרוקט זײַנע ווערק אין דרײַ שפּראַכן: העברעיִש, רוסיש און דײַטש. אַ טייל פֿון זיי איז פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן אַנאָנים. כאַייס דאַוויד ליפּע (1823—1900, געלעבט אין גאַליציע, טשערנאָוויץ, אונגאַרן, ווין), האָט אין זײַן הויפּט־ווערק „ביבליאָגראַפֿישער לעקסיקאָן, דער געזאַמטען ייִדישען ליטעראַטור דער געגענוואַרט" (ווין, 1881), אַף וועלכן ער האָט געאַרבעט צענדליקער יאָרן, געבראַכט 18 ווערק פֿון ל. מאַנדעלשטאַמען. צווישן זיי „משנה תורה" — אַ ווערק פֿונעם ראַמבאַם אין דער איבערזעצונג אַף דײַטש (פּעטערבורג, 1831), אַ ווערטערבוך צום טאַנאַך, פֿילאָלאָגיש דערקלערט (אין רוסיש), „געשיכטע דער יודען" אין 7 בענדער (אין דײַטש), אַ העברעיִש־רוסישער ווערטערבוך און אַ רוסיש־העברעיִשער ווערטערבוך, ביידע האָט ער פֿאַרעפֿנטלעכט אין פּעטערבורג אין 1859. אינעם צענטראַלן מעלוכישן היסטאָרישן אַרכיוו פֿון פּסכר זײַנען פֿאַראַן מאַטעריאַלן, וועלכע זײַנען פֿאַרבונדן מיט זײַנע איבערזעצונגען פֿון טאַנאַך אין רוסיש, ווי אויך וועגן אַנדערע זײַנע אַרבעטן. ל. מאַנדעלשטאַם האָט געשריבן לידער אין דײַטש און אייניקע קינסטלערישע ווערק אין רוסיש. געלעבט האָט ער אין דײַטשלאַנד און אין רוסלאַנד, הויפּטזאַכלעך אין פּעטערבורג, אַפֿן וואַסיליעווסקי אָסטראָוו, די לעצטע יאָרן געליטן נויט.

לעאַן מאַנדעלשטאַם אַלס איבערזעצער פֿון פּושקינען איז ביז איצט אין ערגעץ ניט אָפּגעמערקט.

וועגן מ. פּלונגיאַנס איבערזעצונג אין העברעיִש פֿון דער ליד „לעצטע בלומען" האָבן מיר געשריבן אין אונדזער אַרטיקל „מ. פּלונגיאַן און זײַן איבערזעצונג פֿון פּושקינס אַ ליד" ס'איז קעדײַ אָבער נאָך צוגעבן אַט וואָס.

ערשטנס, איז פּלונגיאַן געווויס געווען באַשאַנקען מיט דיכטערישע פֿײַיקייטן. אין 3־טן באַנד פֿונעם וויסנשאַפֿטלעך־ליטעראַרישן זאַמלבוך „כנסת ישראל" („קנעסעט יִסראָעל") איז אָפּגעדרוקט זײַן ליד „ההלך על שפת הים" — „דער וואַנדלער אַפֿן ברעג פֿונעם יאַם" (וואַרשע, 1888, שפּאַלטן 591—592). דער רעדאַקטאָר האָט דאָ צוגעגעבן אַזאַ באַמערקונג: „פֿון די לידער פֿון מאָרדכע פּלונגיאַן, וועלכע געפֿינען זיך באַ אונדז אין אַ קסאַוויאַד".

צווייטנס, שטעלט מיט זיך פֿאַר פּלונגיאַנס איבערזעצונג פֿון „די לעצטע בלומען" (1856) די ערשטע איבערזעצונג אין העברעיִש פֿון פּושקינס אַ ווערק אין געגראַמטע שורעס, אין סילאַבישע פֿערזן.

מ. פּלונגיאַן אַלס איבערזעצער פֿון פּושקינען איז אין דער ליטעראַטור ביז איצט אין ערגעץ ניט אָנגעוויזן.

אין דער ליטעראַרישער בײַלאַגע „השרון" („האַשאַראָן") פֿון דעם צווייטן יאָרגאַנג פֿונעם זשורנאַל „הכרמל" („האַקאַרמעל") פֿאַרן יאָר 1861, נומ. 4, ז. 29, איז אָפּגעדרוקט אַ ליד אין אַכט פֿירשורעדיקע סטראָפֿן צו עלף זילבן אין אַ שורע „אם אשב לי בדד..." — „ווען איך זיץ מיר אַן אײנזאַמער". אונטערן טעקסט איז אָנגעוויזן: „תרגום" (איבערזעצונג) „ג־ן", מיט אַ פֿוסנאָטע:

„משירי פושקין הרוסיאי" — „פֿון די לידער פֿונעם רוסישן (דיכטער) פּושקין". דאָס איז די ערשטע איבערזעצונג אין העברעיִש פֿון «Брожу ли я вдоль улиц шумных» — אַ ליד, וועלכע פּושקין האָט אָנגעשריבן דעם 26 דעקאַבער 1820, פֿאַרעפֿנטלעכט איז זי אין דער „ליטעראַרטורנאַיאַ גאַזעטאַ" דעם 6 יאַנואַר 1830.

די דאָזיקע איבערזעצונג האָט געהאַט אַ ווײַטערדיקע קוריאָזע געשיכטע. אין דער ליטעראַטור־ירושע פֿונעם פֿריצײַטיק פֿאַרשטאָרבענעם טאַלאַנטפֿולן העברעיִשן דיכטער און מאָלער מאָרדכײַ־צווי מאַנע (1859—1886) איז געפֿונען געוואָרן אַן איבערזעצונג פֿון די ערשטע פֿיר סטראָפֿן פֿון דער ליד, און זי איז מעכאַניש אײַנגעשלאָסן געוואָרן אין ערשטן באַנד פֿון מ.־צ. מאַנעס שריפֿטן (וואַרשע, 1897) אַלס זײַן ווערק. י. ב. גבריאלוב (גאַווריעלאָוו) האָט וועגן

דעם אָפּגעדרוקט אין אַרטיקל „המשורר ושירו" — „דער דיכטער און זײַן ליד" — אין דער צײַטונג „הצפירה" (צוערשט א וואָכנבלאַט, דערנאָך א טעגלעכע צײַטונג, דערשינען אין וואַרשע, מיט אינטערוואַלן, אין 1886—1931) פֿונעם 21 יוני 1899. דער אווטאָר האָט באַוויזן, אַז מ.־צ. מאַנע האָט בלויז לײַכט, אַף זײַן געשמאַק, אויסגערעדאַגירט א טייל פון דער איבערזעצונג, וועלכע איז געווען אָפּגעדרוקט אין „הכרמל" אין 1861. וועגן דעם האָט אויך געשריבן ש. לאַכאָווער אין זײַן ביבליאָגראַפיע, געווידמעט פּושקינען אין העברעיִש.

עס זײַנען פֿאַראַן צוויי ווערסיִעס מיקויעך דעם נאָמען פֿונעם איבערזעצער, וועלכער האָט זיך אויסבאַהאַלטן אונטערן פּסעוודאָנים „ג־ן". אייניקע רופן אים אָן — יעהודע־לייב גאָרדאָן, אַנדערע — יוינע גערשטיין. עס איז שווער צו באַשטימען, וועלכע מיינונג איז ריכטיקער. ביידע דיכטער זײַנען געווען גוט באַפרײַנדעט און גאַנץ אָפט זיך געטראָפן. עפּשער איז „ג־ן" זייער א געמיינזאַמער פּסעוודאָנים?

יוינע גערשטיין (1827—1891) האָט איינער פון די ערשטע געענדיקט די ווילנער ראַבאָנים־שול, פאַרנומען אָפּיציִעלע שטעלעס: צוערשט, „אוטשאָני יעוורײ" פֿונעם ווילנער גובערנאַטאָר, דערנאָך — „קאַזיאָנער ראָוו" פון ווילנע. אין 1890 האָט ער געעפֿנט א מעכאַניש־פּראָפעסיאָנעלע שול בא דער היגער טאַלמעטוירע, וועמענס דירעקטאָר ער איז געווען. ער האָט זיך סיסטעמאַטיש געדרוקט אינעם זשורנאַל „הכרמל", איבערגעזעצט דעם כומעש אין רוסיש.

יעהודע־לייב גאָרדאָן (1830—1892) איז געווען א באַרימטער העברעיִשער דיכטער פון דער האַסקאָלע־באַוועגונג אין רוסלאַנד און ער האָט געהאַט אויך א שעם צווישן די רוסן. אייגער א טוער פון דער פּראַוואָסלאַווער קירכע — סאַפּאָני — האָט זיך געהאַט אויסגעדריקט, אַז „גאָרדאָן איז דער ייִדישער פּושקין". אויסער לידער, האָט ער געשאַפֿן מעשאָלים, דערציילונגען, פּובליציסטישע אַרטיקלען. כוץ העברעיִש, געשריבן אין רוסיש, דײַטש, ייִדיש. עמעס, צו ייִדיש האָט ער זיך באַצויגן מיט ביטל: „דאָס דאָזיקע לאָשן איז די טרויעריקסטע דערשײַנונג אין דעם היסטאָרישן לעבן פון דעם ייִדישן פֿאָלק".

פּושקינס ליד «Телега жизни» איז, לויט אונדזערע באַאָבאַכטונגען, די ערשטע, וואָס איז געווען איבערגעזעצט אין ייִדיש. די איבערזעצונג אונטערן טיטל „די טעליגע פון דעם לעבן" איז פאַרעפֿנטלעכט אין 35־טן נומער פון דער וועכנטלעכער צײַטונג „קול מבשר" („קאָל מעוואַסער", דערשינען אין אָדעס אין די יאָרן 1862—1872) דעם 3/15 אָקטיאַבער 1863.

„די טעליגע פון דעם לעבן" איז בעעמעס אַן אויסטערלישע פּאַר יענע צײַטן ליד סײַ לויטן אינהאַלט, סײַ לויט דער פאָרם. פּושקין האָט זי פאַרפאַסט אין דער פאָרם פון א פּירפּוסיקן יאַמב, און דער איבערזעצער האָט געמוזט

אם אשב לי בדד . . . *)

אם אשב לי בדד במעון הומיה,
או תוך עלזי לב רגלי יובילוני.
או אצא ברחובות קריה הומיה, —
מעיני גם שם גם פה׳ כל רעיוני!

תמיד יהגה לבי: שנים יעופו
ובמעופם חיש גם חיי חלדנו
באל יחלופו יתמו יסופו
וכבר גם קרב קץ אחד ממנו.

אם על אילן נשא עיני אשימה
הגה לבי אז: זה חסון רב כח
בלה קדמונים מימים ימימה
ויבלה גם אותי דכא ושחוח.

וילד עלז אמר אם אראהו:
שמש חייך זה יצא לזרוח
תחת שמשי נחפז שם למבואהו
ומרקב זין חיי באת לפרוח.

יום יום כי יחלוף, כל מועד ורגע
לפי יבם אחריו אחוז בעצב:
אולי כעת חיה יחיש פגע
ולרגליו או יבוא אל חיי קצב.

אך איפה זה יאתיני הקרן?
זו נפלאת מני, דעת כל אוכלה;
אם במצלות מי ים? או מרחקי־ארץ?
או ממעון שבתי לקברות אובלה?

האף אין חפין אל בשר לא־רוח
במקום שם יפל בתאנה גבלה,
ובכל זאת אבכה כי גוי ינוח,
במקום עצמות יודעי תשכנה סלה.

וצלה ורכב אתה עם עול ימים
על דלתות קברי, בו אישן המות
ובהלו יזרח לו שמש ברמים
נכח משכני זה משכן אלמות!

ג—ן

*) משירי פושקין הרוסי

אַרײַנלייגן פיל קינסטלערישע דערפינדונגען און אײַנפאַלן, קעדיי צו פאַרהיטן די מעטריק פונעם אָריגינאַל:

עס איז דיא משא טאַקע שווערליך,
נאָר דיא טעליגע געהט זיך גרינג:
דיא אַלטע צײַט טרײַבט אָן גאַנץ עהרליך:
א טשאַקינדיקער קאַטשעריונג!

מיר פליהען ארויף אויף איהר פריהמאָרגען:
האַטש באלד צוזעצט דעם קאָפּ אויף דרײַא;

מען איז ניט פּויל, ניט דאָ קיין זאָרגען,
מיר שרײַען נאָר: „קאַטײַאַ!“

צו מיטטאָג פּעהלט קאָראַזש, עס איז ביטטער:
ניט וועהרט דיא ביינער קיין פּיעטאַק;
בייא גריבער, בערג געהט דורך א ציטטער:
מיר שרײַען שוין: „האַלט אָן, דוראַק!“

ער הערט אונד אָבער וויא דעם קאָטטער,
פּאַרנאַכט ווערט גרינגער: שוין ניט ווײַט;
מיר פּאָהרען דרימעלדיק צום פּאָטער:
דיא פּערדליך טרײַבט און טרײַבט — דיא צײַט!

דער אַוטאָר פֿון דער איבערזעצונג האָט זײַן נאָמען פֿאַרשיפֿרירט מיט אויסיִעס און נעקודעס: „מ—..מ—..ת“.. לויט אונדזער אויספֿאָרשונג האָט זיך באַקומען, אַז דאָס דאַרף זײַן דער באַוווּסטער שריפֿטשטעלער, יוריסט און קלאַל־טוער מענאַשע מאַרגאָליס (מנשה מרגליות). שפּעטער האָבן מיר געפֿונען אַ באַשטעטיקונג דערפֿון אין ז. רייזענס „פּסעוודאָנימען אין דער ייִדישער ליטעראַטור“ (ווילנע, 1939, ז. 28).

ווער זשע איז ער, אָט דער ערשטער איבערזעצער פֿון פּושקינען אויף ייִדיש?

מענאַשע מאַרגאָליס איז געבוירן געוואָרן אין 1837 אין בערדיטשעוו. דאָ האָט ער אין דער היגער קאַזיאָנער שול באַקומען זײַן ערשטע באַקאַנטשאַפֿט מיט דער רוסישער שפּראַך און ליטעראַטור. פֿון 1861 שטודירט ער יוריספּרודענץ אין קיִעווער אוניווערסיטעט, וווּהין ס'איז אים געלונגען אַרײַנצוטרעטן אַדאַנק דער מיטהילף פֿונעם באַוווּסטן כירורג און פּעדאַגאָג נ. אַ. פּיראָגאָוו. מאַרגאָליס איז געווען אַ הייסער אָנהענגער פֿון דער רוסישער שפּראַך און האָט געוואָלט, אַז די רוסישע ייִדן זאָלן אָפּוואַרפֿן דעם „זשאַרגאָן“. פֿונדעסטוועגן איז בא זײַן מיטווירקונג צום ערשטן מאָל אין רוסלאַנד אָרגאַניזירט געוואָרן אין קיִעוו אַ קרײַז פֿון ייִדישע סטודענטן מיטן ציל צו „פֿאַרעפֿנטלעכן ביכער פֿאַר דער ייִדישער מאַסע און אינטעליגענץ“. ז. רייזען שטעלט פֿעסט, אַז נאָך אַלס סטודענט פֿון דעם קיִעווער אוניווערסיטעט האָט מ. מאַרגאָליס פֿאַרעפֿנטלעכט אַרטיקלען אין דעם „קול מבשר“.

מ. מאַרגאָליס האָט אויך שפּעטער, נאָך דעם ווי ער האָט פֿאַרענדיקט דעם קיִעווער אוניווערסיטעט און זיך באַזעצט אין אָדעס, ניט אויפֿגעהערט צו מיטאַרבעטן אין ייִדישע אויסגאַבעס. אויסער די אָדעסער ייִדישע צײַטונגען, טרעפֿן זיך זײַנע אַרבעטן אין שאָלעם־אַלייכעמס „די ייִדישע פֿאָלקס־ביבליאָטעק“, אין דער ערשטער ייִדישער טעגלעכער צײַטונג אין רוסלאַנד „דער פֿרײַנד“ און אין אַנד.

די ליד «Телега жизни» האָט פּושקין פֿאַרפֿאַסט אין 1823 און אָפּגעדרוקט זי צום ערשטן מאָל אין 1825 אין „מאָסקאָווסקי טעלעגראַף“. לויט דער „פּושקיניאַנע“, וועלכע ס'האָט צונויפֿגעשטעלט וו. אי. מעזשאָוו אין 1886, איז ביז אָט דעם יאָר באַוווּסט געווען בלויז איין־און־איינציקע איבערזעצונג פֿון דער דאָזיקער ליד: אויף פֿראַנצויזיש אין יאָר 1847. אַגעוו, איז די העברעיִשע איבערזעצונג פֿון דער ליד דורך ד. פֿרישמאַנען פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן פֿיל שפּעטער, ערשט אין 1899.

אַזויאַרום, שטימט ניט מיט דער ווירקלעכקייט דער אויבנדערמאָנטער טעזיס פֿון ב. סלוצקי, אַז אָ. שוואַרצמאַן און ד. האָפֿשטיין „האָבן די ערשטע אַרײַנגעבראַכט אין דער ייִדישער פּאָעזיע פּושקינס יאַמב“. דאָס האָט אָפּגעטאָן אין 1863, ד.ה. מיט פֿיל יאָרן פֿריִער, מענאַשע מאַרגאָליס[1].

אַ שילער פֿונעם 7־טן קלאַס פֿון דער ווילנער ראַבאָנים־שול שלוימע מאַנדעלקערן האָט אין 1866 פֿאַרעפֿנטלעכט אין ווילנע אַ ביכל אונטערן טיטל „חצים (לייען: כיצים) שנונים“ — „שאַרפֿע פֿײַלן“. דאָס ביכל אַנטהאַלט 75 סאַטירעס און עפּיגראַמען, מערסטנטייל איבערזעצונגען. אין סאָף פֿונעם ביכל איז פֿאַראַן אַ בײַלאַגע, וועלכע באַשטייט פֿון צוויי איבערזעצונגען: איינע — פֿון לערמאָנטאָווס „פּאַלעסטיניש צווײַגל“, די צווייטע — פֿון פּושקינס „אַ שפּאַנישער ראָמאַנס“[2]. אינעם פֿאָרוואָרט שרײַבט ש. מאַנדעלקערן: „די מערהייט שרײַבער פֿון אונדזער לאַנד (געמיינט — די מערהײַט איבערזעצער אין העברעיִש פֿון ליטע) זעצן איבער אַלטע און נײַע ביכער פֿון דײַטש. איך זשע האָב אויסגעווײלט לידער פֿון רוסישע דיכטער, אָנהייבנדיק פֿון לאָמאָנאָסאָוו און דערזשאַווינען און ענדיקנדיק מיט נעקראַסאָוו און אָגאַריאָוו. אָנגערופֿן האָב איך די זאַמלונג „שושנת הצפון“ — „די צאָפֿנדיקע ליליע“. צוויי פֿון זיי, אַלס בײַשפּיל, ברענג איך דאָ“.

די זאַמלונג „שושנת הצפון“ איז קיינמאָל ניט דערשינען. פּושקינס „שפּאַנישער ראָמאַנס“ איז גאַנץ פֿרײַ איבערגעזעצט, אָנהייבנדיק פֿונעם טיטל, וועלכער קלינגט אין דער איבערזעצונג „אהבת ציון“. די איבערזעצונג איז פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן צום צווייטן מאָל אינעם בוך פֿון דעם זעלבן אַוטאָר: „שירי שפת עבר“

---

[1] אין אָ. שוואַרצמאַנס „אַלע לידער“ איז ניטאָ קיין איבערזעצונג פֿון פּושקינען. ב. סלוצקי ווײַזט אָן, אַז ד. האָפֿשטיינען איז געלונגען אָפּצודרוקן זײַן ערשטע גרעסערע איבערזעצונג פֿון פּושקינען „מאָצאַרט און מאָליערי“ ערשט אין 1928, „אי דאָס אויך אַלס מוסטער אינעם לערנבוך „ליטעראַטורקענטעניש“, וואָס ער און פּ. שאַמעס האָבן אַרויסגעגעבן“. דאָרט איז אויך אָפּגעדרוקט זײַן איבערזעצונג פֿון „אַנטשאַר“. עס איז, אויסער דעם, באַוווּסט אַזאַ מערקווירדיקער פֿאַקט: ווען ד. האָפֿשטיין האָט אַלס סאָלדאַט געדינט אויף קאַווקאַז, האָט ער אין 1912 פֿאַרפֿאַסט אַ ליד, וועלכע איז, לויט מוישע כאַשטשעוואַצקים אָפּשאַצונג, אין טאָך פֿאַרוואַנדלט געוואָרן „אין דער ערשטער באַגעגעניש פֿון דער נײַער ייִדישער דיכטונג מיט פּושקינען:

אונ ס'איז מײַן פּײַן פֿאַר מיר דערמיט באַרעכטיקט,
און ס'איז דערפֿאַר מײַן בענקשאַפֿט אָפּט מיר זיס:
עס האָט זײַן קאָפּ דאָ אויף דעם באַרג געגעכטיקט,
עס האָבן אָט דעם באַרג באַטראָטן זײַנע פֿיס.

די ליד איז צום ערשטן מאָל אָפּגעדרוקט געוואָרן אין 1919 אין ד. האָפֿשטיינס זאַמלונג „בײַ וועגן“.

[2] די ערשטע איבערזעצונג אין פֿראַנצויזיש — אין 1847, אין דײַטש — אין 1854, אין פּויליש — אין 1887.

(„העברעיִשע לידער“), ערשטער באַנד, לייַפּציג, 1882.

אין זעקסטן יאָרגאַנג פונעם זשורנאַל „הכרמל“, דאַטירט לויטן ייִדישן קאַלענדאַר דעם 3־טן טאָג אין כּוידעש עלול 626 יאָר (1886), זייַטל 128, איז אָפּגעדרוקט שלוימע מאַנדעלקערנס א ליד „דרך כל הארץ“ — „אַזוי איז דער מינהעג פון גאָר דער וועלט“ — מיט אַן אונטערקעפּל: „בעקבות פושקין הרוססי“ — „לויט די מאָטיווּן (בוכשטעבלעך: אין די פוסטריט) פון דעם רוסישן (דיכטער) פּושקין“.

דער מאָטיוו איז גענומען פון פּושקינס „גאַווריליִאַדאַ“.

דאָ מוז גלייַך געזאָגט ווערן, אַז פּושקין האָט פאַרפאַסט די פּאָעמע נאָך אין אַפּרעל 1821. פאַרעפנטלעכט געוואָרן איז זי אָבער — איבער צענזור־שטערונגען — ערשט אין פערציק יאָר אַרום אין א זאַמלבוך, וועלכן ס׳האָט אַרויסגעלאָזט אין לאָנדאָן אין 1861 דער באַוווּסטער רוסישער דיכטער, פּובליציסט און רעוואָליוציאָנערער טוער נ. פּ. אָגאַריאָוו. הייַנט קאָנען מיר זיך פאָרשטעלן, מיט וואָס פאַר א געשמוגלטער „טרייפער ליטעראַטור“ האָט זיך פאַרנומען דער טאַלמיד פון דער ווילנער ראַבאָנים־שול אין דער ערשטער העלפט פון די 1860־ער יאָרן!

שלוימע מאַנדעלקערן (1846—1902), א שרייַבער, א געלערנטער, האָט געשריבן זייַנע ווערק אין העברעיִש, רוסיש, דייַטש און ייִדיש. זייַן הויפּט־ווערק איז די קאָנקאָרדאַנציע צום העברעיִשן און אַראַמעיִשן טעקסטן פונעם טאַנאַך. שפּעטער האָט זי געהאַט אייניקע אויסגעבעסערטע אויסגאַבעס. אָנהייבנדיק פון דעם יאָר 1866, האָט מאַנדעלקערן פאַרעפנטלעכט אין ווילנע זייַן עפּישע פּאָעמע „בת שבע או שגיון לדוד“, וואָס איז געבויט אויף דער באַשרייַבונג אין טאַנאַך ליבע פונעם מיילעך דאָוויד מיט דער שיינהייַט באַט־שעווע, די איבערגעזעצטע פון דייַטש היסטאָרישע דערציילונג אונטערן טיטל „עזרא הסופר“ און זייַן לידער־בוך „הצים (לייען: כיצים) שנונים“. אין 1882—1901 זייַנען אין לייַפּציג דערשינען זייַנע דריי לידער־זאַמלונגען, מערסטנטייל איבערזעצונגען (פון פּושקינען, לערמאָנטאָוון, געטען, הייַנען, לאָנגפעלאָן און אַנדערע דיכטער). אין 1890 איז אין לייַפּציג פאַרעפנטלעכט געוואָרן זייַנע אַן איבערזעצונג, באַגלייט מיטן ענגלישן אָריגינאַל, פון בייַראָנס „ייִדישע מעלאָדיעס“ אונטערן טיטל „שירי ישרון“. ער האָט איבערגעזעצט אויך פיל פון העברעיִש און רוסיש אין אַנדערע שפּראַכן, ווי אויך פון אַנדערע שפּראַכן — אין רוסיש. אין ייִדיש איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן איינע פון זייַנע דערציילונגען: „תחית המתים“ (טכיִאַס האַמייסים“, ווילנע, 1868).

אין 1873, אין 4־טן יאָרגאַנג פונעם זשורנאַל „השחר“, האָט זייַן רעדאַקטאָר פּרעץ סמאָלענסקין אָפּגעדרוקט דעם ראָמאַן „קבורת חמור“ — „דאָס באַגראַבעניש פון אַן אייזל“. דאָרט (זייַטל 711) ווערט באַשריבן, וויאַזוי דער הויפּט־העלד הייבט אָן אויף אויסווייניק, פאַר זיך זעלבסט, לייענען אויף א קאָל פראַגמענטן פון פּושקינס און לערמאָנטאָווס לידער אין דער העברעיִשער איבערזעצונג — צו דריי שורעס פון יעדער ליד[1] פּושקינס „צי גיי איך אום אין גאַסן פולע“.

די זעלבע שורעס פון דער איבערזעצונג זייַנען אָפּגעדרוקט אין אַלע שפּעטערדיקע אויסגאַבעס פון „קבורת חמור“ אין איינצל־אויסגאַבעס (1874, 1880, 1883) און אין „כל ספרי פרץ סמולנסקין“ — „אַלע ביכער פון פּרעץ סמאָלענסקין“ (1910). ס׳איז קעדייַ אויך צו באַמערקן, אַז אין רוסיש האָט זיך געדרוקט מ. קאַהאַנס אַן איבערזעצונג פון סמאָלענסקינס ווערק אין דער וואָכנשריפט „ראַסוועט“ פאַרן 1881.

פּרעץ סמאָלענסקין איז געבוירן געוואָרן אין מאָנאַסטירשטשינע, מאָגיליאָווער גובערניע, ווייַסרוסלאַנד, אין 1840 (לויט אַנדערע קוועלן — אין 1842 צי אין 1844), געשטאָרבן אין מיראַן (דאָרעם־טיראָל) אין 1885. דעביוטירט מיט א קאָרעספּאָנדענץ אין 1862 אין דער צייַטונג „המליץ“[2]. אין 1868 קומט ער קיין ווין, וווּ ער גרינדעט דעם ליטעראַרישן זשורנאַל „השחר“[3]. דאָ האָט ער פאַרעפנטלעכט די מערהייַט זייַנע אַרטיקלען און דערציילונגען. זייַנע וויכטיקסטע ווערק: „הגמול“ — „די באַלוינונג“, אָדעס, 1867; „התועה בדרכי החיים“ — „דער בלאָנדזשנדער אויף די לעבנסוועגן“, ווין 1868 — 1870; „קבורת חמור“ — „א באַגראַבעניש פון אַן אייזל“, צום ערשט פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין „השחר“ פאַרן יאָר 1873 און דערנאָך אויסגעהאַלטן עטלעכע אויסגאַבעס אין א בוך־פאָרם.

פּ. סמאָלענסקין אַלס איבערזעצער פון פּושקינס און לערמאָנטאָווס דיכטונג איז ביז איצט אין ערגעץ ניט געוועזן אָפּגעמערקט.

דאָס ערשטע בוך איבערזעצונגען פון פּושקינס ווערק אין העברעיִש איז דערשינען אין וואַרשע אין 1879 אָדער אין 1880 (די דאַטע איז אָנגעוויזן לויטן ייִדישן לוח: תר״ם) און אַנטהאַלט צוויי איבערזעצונגען פון פּושקינס ווערק. אהבה נכזרה — „די פאַרשטויסענע ליבע“ — אַזוי הייסט דאָס בוך. אהער גייט אַרייַן א פרייַע איבערזעצונג אין ניט געגראַמטע שורעס פונעם ערשטן בילד פון דער דראַמע „רוסאַלקאַ“ (פּושקין האָט זי אָנגעשריבן אין די יאָרן 1829—1832, צום ערשטן מאָל פאַרעפנטלעכט אין 1837)[4]; די ליד „די באַרעמהאַרציקע מוטער“ איז אַן איבערזעצונג, אויפן

[1] אף דעם האָט מיר אופמערקזאם געמאכט דער באוווּסטער איבערזעצער פון דער רוסישער קלאסישער פּאָעזיע אין העברעיִש א. אהאראָני, פאר וואָס איך בין אים דאנקבאר.

[2] „המליץ“ — געגרינדעט אין אָדעס אין אָקטיאבער 1860 אלס וואָכנבלאט. פון יאנוואר 1871 דערשינען אין פעטערבורג. פון 1886 ביזן 1904 געווען א טעגלעכע צייטונג.

[3] „החשר“ — „זשורנאל פאר וויסנשאפט, בילדונג און לעבן“. דערשינען יערלעך צו 12 העפטן פון פינף דרוקבויגנס, האָט עקזיסטירט ביזן 1884.

[4] די ערשטע פראנצויזישע איבערזעצונג — 1847, דייטשישע — 1855, ארמענישע — 1902.

זעלבן אויפֿן, פֿונעם ראָמאַנס „אָוונטצײַט, אין א רעגנדיקן אָסיען" (אָנגעשריבן אין 1814 און צום ערשטן מאָל פֿאַרעפֿנטלעכט אין 1827)[1].

דער אוטאָר פֿון די איבערזעצונגען באַהאַלט אויס זײַן נאָמען אונטערן פּסעוודאָנים „אחד מבעלי האספּות" — „איינער פֿון די בעלי אַספּוס". די דאָזיקע וואָרט־פֿאַרבינדונג איז פּיקסירט בלויז איין מאָל אין טאַנאַך, און איר אייגנטימלעכער זין איז ניט פֿעסטגעשטעלט. די ווערטערביכער לייגן פֿאָר פֿאַרשיידענע באַטײַטן: „אוטאָרן", „געלערנטע", „זאַמלער", „קאָמפּיליאַטאָרן", „מעשאָלים־זאַמלונגען". מיר זעצן באַדינגלעך איבער דעם פּסעוודאָנים „איינער פֿון די געלערנטע".

דאָס בוך איז א ביבליאָגראַפֿישע זעלטנהײַט, רעכנט זיך ניט אפֿן באַלאַנס ניט אין דער לענינגראַדער עפֿנטלעכער ביבליאָטעק און ניט אין דער אַלפֿאַרבאַנדישער ביבליאָטעק אף וו. אי. לענינס נאָמען אין מאָסקווע. איין עקזעמפּליאַר פֿאַרמאָגט די אַזויגערופֿענע „פֿרידליאַנדיאַנע", וועלכע געהערט ביז הײַנט־צו־טאָג דעם לענינגראַדער פֿיליאַל פֿונעם אינסטיטוט פֿאַר מיזרעך־קענטעניש פֿון דער וויסנשאַפֿט־אַקאַדעמיע פֿון פּססר. אַן אַנדער עקזעמפּליאַר האָט געהערט דער ביבליאָטעק פֿון דער געוועזענער „געזעלשאַפֿט פֿאַר קעגנזײַטיקער מיטהילף פֿון די ייִדישע פּריקאַזטשיקעס אין אָדעס". ער איז אָנגעוויזן אין ביידע פֿאַרעפֿנטלעכטע קאַטאַלאָגן פֿון דער געזעלשאַפֿט אין דער אָפּטיילונג „העבראַיִקאַ" (אָדעס, 1890 און 1904). דער גורל פֿונעם עקזעמפּליאַר איז מיר ניט באַקאַנט. אַזוי־אַרום, איז ניט אויסגעשלאָסן, אַז דער עקזעמפּליאַר פֿון דער „פֿרידליאַנדיאַנע" זאָל זײַן דער איין־און־איינציקער אין די ביבליאָטעקן פֿון סאָוועטנפֿאַרבאַנד.

די אָנגאַבן וועגן דער דאָזיקער אויסגאַבע זײַנען אין דער ביבליאָגראַפֿישער ליטעראַטור, וואָלט איך זאָגן, ווידערשפּרעכלעכע: סײַ די אַרויסגאַנגס־אָנגאַבן — יאָר, צאָל זײַטלעך און פֿאָרמאַט — און סײַ דער נאָמען פֿונעם איבערזעצער.

ווי באַוווּסט, האָט אַרום א העלפֿט פֿון דער „פֿרידליאַנדיאַנע" באַשריבן שמועל ווינער (1860—1929), איינער פֿון די בעסטע העברעיִשע ביבליאָגראַפֿן. זײַן קאַטאַלאָג איז אָנגערופֿן: „קהלת (זאַמלונג פֿון. — ל. וו.) משה אריה ליב פֿרידלאַנד" און אין לאַטײַניש: „ביבליאָטעקא פֿרידליאַנדיאַנא", און זי נעמט אַרום „אַלע העברעיִשע געדרוקטע ביכער און קסאַוויאַדן, וועלכע געפֿינען זיך אין דער פֿרידליאַנד־זאַמלונג פֿונעם „אַזיאַטישן מוזיי" (איצט דער אינסטיטוט פֿון מיזרעך־קענטענישן) פֿון דער וויסנשאַפֿט־אַקאַדעמיע אין סאַנקט־פּעטערבורג".

דעם דערמאָנטן עקזעמפּליאַר פֿון דער „פֿרידליאַנדיאַנע" האָט ש. ווינער באַשריבן אף אַזאַ מין אויפֿן: „די פֿאַרשטויסענע ליבע. א פּיעסע. בײַגעלייגט צו איר איז „די ליד פֿון א

[1] אונדז זײַנען באַוווּסט די אויסגאַבעס פֿון די איבערזעצונגען אין דײַטש: 1877, 1885.

ראַכמאָנעסדיקער מוטער" פֿונעם באַרימטן רוסישן דיכטער א. פּושקין. פֿרײַע איבערזעצונג פֿון „אחד מבעלי האספּות" — מיט א הקדאָמע פֿון אַן אומבאַוווּסטן איבערזעצער. וואַרשע, אין דער טיפּאָגראַפֿיע פֿון נ. שריפֿטגיבער, 1880".

וול. צײַטלין, דער אוטאָר (אין דײַטש) פֿון ביבליאָגראַפֿישעס האַנדבוך דער נויהעברעיִשען ליטעראַטור זײַט בעגין דער מענדעלסאָנעשן[1] עפּאָכע ביז צום יאַהרע 1890" (לײַפּציג, 1891—1895), שרײַבט, אַז „אהבה נכזבה" איז אַן איבערזעצונג פֿון כאַיִם לאַזאַר מושקאַט פֿון לוקאָוו[2]. דאָס בוך באַשרײַבט ער אפֿן פֿאָלגנדן אויפֿן: „די הינטערגעגאַנגענע ליבע. דראַמאַטישעס געדיכט פֿאָן א. פּושקין. אויס דעם רוסישען אין העבר. פֿערזן באַאַרבײַטעט, וואַרשע, 1879".

אין 1905 טרעט אַרויס י. דאַווידזאָן (1879—1939) — דער באַרימטער פֿאָרשער פֿון דער העברעיִשער פּאָעזיע, אוטאָר פֿונעם „אוצר השירה והפּיוט" — „דער אוצער פֿונעם העברעיִשן ליד און פּיעט", וועלכער אַנטהאַלט ביבליאָגראַפֿישע אָנגאַבן פֿון העכער 36.000 לידער און פּיוטים, פֿאַרפֿאַסט פֿון 2.800 דיכטער) מיט אַן אַרטיקל אין ענגליש וועגן די פּסעוודאָנימען אין דער העברעיִשער ליטעראַטור („דזשויִש ענציקלאָפּעדיִא", באַנד 10, זײַטלעך 256־261), אין וועלכן ער רופֿט אָן, שטיצנדיק זיך אף וו. צײַטלינס בוך, דעם „אחר מבעלי האספּות" — כ. ל. מושקאַטן. בא דער זעלבער מיינונג האַלט זיך אויך ש. לאַכאָווער, דער שוין דערמאָנטער אוטאָר פֿון דער ביבליאָגראַפֿיע פֿון פּושקינס איבערזעצונגען אין העברעיִש.

אין קעגנזאַץ צו מושקאַטן ווערט אין דער ליטעראַטור אויך אָנגערופֿן אַן אַנדער פּערזענלעכקײַט. דער זעלבער צײַטלין האָט זיך מיט דער צײַט אָפּגעזאָגט פֿון זײַן פֿריִערדיקער האַשאָרע. אין אַן אַרטיקל אין דײַטש „אַנאָגראַממע, איניטיאַלען אונד פּסעוודאָנימא נויהעברעיִשער שריפֿטשטעלער אונד פּובליציסטען" (אין „צײַטשריפֿט פֿיר העברעיִשער ביבליאָגראַפֿיע", פֿראַנקפֿורט־אַם־מײַן. 1905, באַנד 9, ז. 81—90—113—116) אידענטיפֿיצירט ער דעם „אחד מבעלי האספּות" מיט גאַווריִעל ליכטענפֿעלדן (1811—1887) — א באַוווּסטער מאַטעמאַטיקער דער שווער פֿון י.־ל. פּערעץ).

פֿרידבערג כ. ד. (1876—1961), אוטאָר פֿון פֿיל ווערק אף די געביטן פֿון ביבליאָגראַפֿיע, גענעאַלאָגיע און געשיכטע, האָט אין זײַן ביבליאָגראַפֿישן לעקסיקאָן אידענטיפֿיצירט דעם

[1] מוישע מענדעלסאָן (1729 — 1786) — באַוווּסטער פֿילאָסאָף, באַרימטער איבערזעצער פֿון א טייל ביכער פֿונעם טאַנאַך. זײַנע ליטעראַרישע אַרבעטן האָבן געשפּילט א באַשליסנדיקע ראָל אין דער אַנטוויקלונג פֿון דער האַסקאָלע־באַוועגונג אין מיזרעך־אייראָפּע קימאַט בעמעשעך פֿון גאַנצע הונדערט. יאָר.

[2] מושקאַט כאַיִם לאַזאַר (עליִעזער, 1851 — 1916). געוואַנדערט איבער פֿאַרשיידענע שטעט און שטעטלעך פֿון רוסלאַנד, ליטע און פּוילן. געשריבן און זיך געדרוקט אין העברעיִש. פֿאַרעפֿנטלעכט א פּייסעכדיקע האַגאָדע מיט קאָמענטאַרן און מיט אַן אַרײַנפֿיר, ווי אויך מיט אַן איבערזעצונג אין ייִדיש.

איבערזעצער אַלס ג. י. ליכטענפעלד. דער באַ־וווסטער ביבליאָגראַף פון דער ווינער קעהילע, פון איר ארכיון שאול כײַעס (1884—1935) האָט אין זײַן בוך „אוצר בדויי השם״ — „דער אויצער פון די אויסגעטראַכטע נעמען״ (אין דײַטש געטיטלט: „פסעוודאָנימען — לעקסיקאָן דער העברעישען אונד יידישען ליטעראַטור״), ווין, 1933, ז. 21, אָנגעוויזן ביידע נעמען: אונטערן נומער 317: „אחד מבעלי האסופות״ — ג. י. ליכטענפעלד, און אונטערן נומער 318: „אחד מבעלי האספוס״ — כ. ע. מושקאַט. א ניט באַהאַוונטער לייענער קאָן בעמעס נישטוימעם ווערן. עס האַנדלט זיך דאָך וועגן אַן אייך־און־איינציקן פסעוודאָנים, וועלכער איז פאַראַן אין דער ליטעראַטור בלויז איין מאָל אין „אהבה נכזבה״ און מער אין ערגעץ ניט.

פון דעם ערשטן אויגנבליק דוכט זיך גאַנץ איבערצײַגנדיק, אַז ג. י. ליכטענפעלד איז טאַקע דער „אחד (איינער פון די) מבעלי האספוס״. אין 1877 איז אין ווארשע פאַרעפנטלעכט געוואָרן א בוך „ספורים בשיר ושירים שונים״ — געגראַמטע דערציילונגען און פאַרשיידענע לידער״ — מיט אַן אונטערקעפל: „מאת שני בעלי אסופות״, דה. פון צוויי „בעלי אסופות״. ווער די ביידע זײַנען, איז איצט גאַנץ גוט באַוווסט. אין א בריוו פון 4 יולי 1888 האָט י.־ל. פּערעץ געשריבן שאָלעם־אַלייכעמען: „איך בין דער איינער פון די צוויי „בעלי האסופות״... און דער צווייטער איז געווען ליכטענפעלד (״מאזנים״ — 1929, נומער 7, בל. 16). העיוים אין דרײַ יאָר ארום נאָך דער פאַרעפנטלעכונג פון די „געגראַמטע דערציילונגען און פאַרשיידענע לידער״ באַווײַזט זיך אויך אין ווארשע א בוך פון „איינעם פון די „בעלי האסופות״, און אַז דאָס איז ניט י.־ל. פּערעץ, איז באַוווסט, ווי צוויי מאָל צוויי איז פיר. בלײַבט, קומט אויס, די אידענטיפיצירונג פון ליכטענפעלדן קימאַט אַלס א זעלבסטפאַרשטענדלעכע.

לאָמיר אָבער זיך ניט אײַלן מיט אויספירן. אינעם אָפּגעדרוקטן מיצאד כ.־י. בארנשטיינען נעקראָלאָג, געווידמעט דעם אָנדענק פון ג. י. ליכטענפעלדן, זײַן געוועזענעם גוטנפרײַנט בעסמעשעך פון די לעצטע פאָר צענדליק יאָר, ווערט אין ערגעץ ניט דערמאָנט „די פאַרשטויסענע ליבע״. נאָך מער, אינעם נעקראָלאָג איז אָנגעוויזן, אַז ליכטענפעלד האָט געקענט פּערפעקט העברעיִש און די שפּראַך פון די טאַלמודים (געמיינט אראַמעיִש), לאַטײַן, דײַטש, פראַנצויזיש און פּויליש, און עס ווערט אויך באַמערקט, אַז די רוסישע שפּראַך איז אים געווען אויסטערליש, פרעמד („שפת רוסיא מוזרה היתה לו״ — אין זאַמלבוך „קנעסעט ייסראַעל״, ווערשע, 1887, 2־טער יאָרגאַנג, שפאַלטן 356—368). נאָך איין וויכטיקער מאָמענט. דער סטיל פון „דער פאַרשטויסענער ליבע״, אַן איבערזעצונג פון א העכסט פּאָעטיש ווערק אין ניט געגראַמטע פּערזן, איז אַן און פאַר זיך קאַפּויר אין פאַרגלײַך מיט „געגראַמטע דערציילונגען״. אַזויארום, מוז קאַטעגאָריש אָפּגעוואָרפן ווערן אויך די האַשאָרע, אַז דער פאַרפאַסער פון דער „פאַרשטויסענער ליבע״ זאָל זײַן ג. י. ליכטענפעלד. ניט אומזיסט האָט דער בעסטער קענער פון דער העברעיִשער ליטעראַטור פון די לעצטע דרײַ יאָרהונדערטן ג. קרעסעל אין זײַן „לעקסיקאָן״ ניט געפונען פאַר נייטיק צו דערמאָנען די „פאַרשטויסענע ליבע״ אינעם אַרטיקל וועגן ג. י. ליכטענפעלדן, און אינעם אַרטיקל וועגן כ. ל. מושקאַטן איז ער יויצע געווען, שטיצנדיק זיך אַף וואָלף צייטלינס ערשטער אַרבעט.

און אויב ניט כ. ל. מושקאַט און ניט ג. י. ליכטענפעלד, איז ווער?

קעדיי צו געפינען א שליסל צום אווטאָר פון דער „פאַרשטויסענער ליבע״, פאָדערט זיך א צוגאָב־פאַרשונג: ווער נאָך, אויסער די דערמאָנטע י.־ל. פּערעץ און ג. י. ליכטענפעלד, האָט זיך אין יענע צײַטן באַנוצט מיטן אויסדרוק „בעלי האספוס״? ס׳איז באַוווסט, אַז מיטן „בעלי האספוס״ באַנוצט זיך אויך י.־ל. גאָרדאָן (1830—1892) און לעאָן מאַנדעלשטאַם. אַז י.־ל. גאָרדאָן האָט ניט צו טאָן מיט דער „פאַרשטויסענער ליבע״, קאָן מען זיך איבערצײַגן פון דעם, וואָס אין איר זײַנען אויסגעמיטן גראַמען, און דאָס איז אין קאַגנזאַץ צום סטיל פונעם אַזויגערופענעם „ארי המשוררים״ — „דעם לייב צווישן די דיכטער״ פון 19־טן יה.

אַז ל. מאַנדעלשטאַם האָט זיך באַנוצט מיטן אויסדרוק „בעלי האספוס״, האָבן מיר באַמערקט בא דער פאָלגנדער געלעגנהײַט. דער געוועזענער ביבליאָטעקער פון דער לענינגראַדער עפנטלעכער ביבליאָטעק און באַרימטער געלערנטער א. ע. האַרקאַווי (1835—1919) האָט פאַרעפנטלעכט א פּראָספּעקט, וועלכער האָט שוין געטראָגן אַף זיך די דערלויבעניש פון דער צענזור פונעם 30 אַפּרעל 1846 וועגן דעם, אַז לעאָן מאַנדעלשטאַם זאָל אַרויסגעבן א כויִדעש־זשורנאַל. דער אינהאַלט פונעם זשורנאַל האָט געזאָלט זײַן — אַרויסזאָגונגען וועגן טוירע און העפלעכקײַט פון די „בעלי אספות״ (געלערנטע). לעאָן מאַנדעלשטאַם אַלס אווטאָר פון „אהבה נכזבה״ איז אין ערגעץ ניט אָנגעוויזן. מיר דערמאָנען דאָ אויך זײַן נאָמען דערווײַל אַלס א גאַנץ מעגלעכן.

אין א. ראָזנפעלדס לייענבוך „גן שעשועים״ — „פאַרווײַלונגס־גאָרטן״, וועלכער איז דערשינען צום ערשטן מאָל אין ווארשע אין 1880, איז אָפּגעדרוקט אַן איבערזעצונג פון די ערשטע 8 שורעס פון פּושקינס ליד „ווינטער־אָוונט״ (אָנגעשריבן אין 1825 און צום ערשטן מאָל פאַרעפנטלעכט אין 1829) אונטערן טיטל „סערת סתיו״ — „ווינטערדיקער (אייגנטלעך: האַרבסטיקער) שטורעם״. די ערשטע אויסגאַבע פון 1880 איז אין קיין שום פון די דערמאָנטע פּושקינס לידער אַף העברעיִש ניט אָנגעוויזן, האַגאַם די דאָזיקע איבערזעצונג איז פיל מאָל איבערגעדרוקט געוואָרן אין אַלע שפּעטערדיקע אויסגאַבעס פון „גן שעשועים״. אונדז זײַנען געווען צוגענגלעך די אויסגאַבעס, וועלכע געפינען זיך אין די לענינגראַדער ביבליאָטעקן

(פאַר די יאָרן 1890, 1893, 1896, 1899, 1904, 1911). אזויאַרום, איז „סערת סתיו" פאַרוואַנדלט געוואָרן אין דער פּאָפּולערסטער איבערזעצונג פון פּושקינס א ליד בעמעשעך פון עטלעכע יאָרצענדליקער.

ארן ראָזענפעלד איז געבוירן געוואָרן אין ברעסטעטשקע, וואָלינער גובערניע, אין 1846, געשטאָרבן אין נאכמוט אין 1916. אין די יאָרן 1864—1872 זיך געלערנט אין דער זשיטאָמירער ראבאָנים־שול און אין 1875—1876 — אין דעם פּעטערבורגער טעכנאָלאָגישן אינסטיטוט. פונעם צווייטן קורס איז ער, איבער מאנגל אין געלט, געצוווּנגען ־געווען איבערייַסן די לערע. דעמלט טאקע האָט ער צונויפגעשטעלט די זאמלונג לידער, דערציילונגען און מעשאָלים „גן שעשועים" (ווי א לערנביכל איו העברעיִש), וואָס איז דערשינען אין וואַרשע אין 1880. אין 1890 האָט א. ראָזענפעלד פאַרעפנטלעכט א 2־טע אויסגעבעסערטע און באדייַטנדיק פאַרגרעסערטע אויסגאבע פון זייַן „גן שעשועים" אין 2 טיילן. אהער איז ארייַן נאָך איין איבערזעצונג פון פּושקינס א ליד — „אָסיען" אונטערן נאָמען „שירת בציר", וואָס הייסט, אייגנטלעך, „דאָס ליד פון צייַט פון אראָפּנעמען ווייַנטרויבן".

דאָס אלץ, וואָס אונדז איז געלונגען ביז איצט צו אנטפּלעקן אין די לענינגראדער ביבליאָטעקן (פאַרן פּעריִאָד 1847—1880, אף העברעיִש און יִדיש), האָט אן אומדירעקטע שייַכעס צו דער פּושקיניִאַנע בא יִדן. מיר קומען צו דער מאָסקאָנע, אז שוין אין יענעם אָנהייב־פּעריִאָד פון דער פּושקיניִאַנע בא יִדן האָבן מענטשן, וועלכע האָבן פאַרשטאנען ביידע שפּראכן, געהאט א מעגלעכקייַט זיך באקאנען מיט אייניקע מוסטערן פון פּושקינס רייַכער פּאָעזיע.

ס'איז באוווּסט פּושקינס אפאָריזם: „די איבערזעצער זייַנען די „פּאָטשטאָווע פערד" פון דער בילדונג". אף די מאטעריאלן פון דער העברעיִשער און יִדישער שפּראך און ליטעראטור קאָן מען זיך לייַכט איבערצייַגן, וואָס פאַר א גיגאנטישע טריט עס האָט דורכגעמאכט די „פּאָטשט־טעכניק" אין די לעצטע 150 יאָר. ס'איז גענוג צו פאַרגלייַכן דעם באשיידענעם אָנהייב פון די איבערזעצונגען פון פּושקינען, וועגן וועלכע מיר האָבן דאָ געשריבן, מיט דעם בילד, וואָס ווערט, לעמאָשל, געבראכט אין דער דערמאָנטער ביבליִאָגראפיע פון א. פינקעלשטיין — „א. ס. פּושקינס ווערק, דערשינענע אין יִדיש". דער אווטאָר האָט געהאט פולע רעכט, ווען ער האָט זי באצייכנט אלס ניט קיין פולקאָמע. מיר קאָנען עס באשטעטיקן אפן סמאך פון דער אייגענער דערפארונג. אין שייַכעס מיטן פּעריִאָד פון 1936 ביז 1940 האָבן מיר זיך אָנגעטראָפן אף פאָלגנדע אויסגאבעס אין א בוך־פאָרם (ניט רעכענענדיק די פּעריִאָדישע), וועלכע זייַנען אין פינקעלשטיינס ביבליִאָגראפיע ניט דערמאָנט:

„דעם קאפּיטאנס טאָכטער". (דערציילונג). יִדיש — ה. אָרלאַנד, קיִעוו—כארקאָוו, 1936, 190 זייַטן.

„שאָס". (דערציילונג), קיִעוו, 1936. 32 זייַטן (קינסטלערישע מאסן־ביבליִאָטעק, נומ. 3). דער איבערזעצער איז ניט אָנגעוויזן.

„בעלקינס דערציילונגען". (איבערגעזעצט ד. רויכל, ד. האָפּשטיין), וואַרשע, 1937. מיט א פאָרוואָרט פון א. האָלדעס: „פּושקינס פּראָזע". 97 זייַטן.

„דער סטאנציע־אויפזעער". (דערציילונג), קיִעוו, 1937 (קינסטלערישע מאסן־ביבליִאָטעק. נומער 7), דער איבערזעצער איז ניט אָנגעוויזן.

„דעם קאפּיטאנס טאָכטער". יִדיש — ה. אָרלאַנד, 2־טע אופלאגע. קיִעוו, 1937, 190 זייַטן.

פון פּושקינס ליריק (איבערדיכטונגען פון קאלמען ליס), וואַרשע, 1937—1938, 47 זייַטן (אויסגאבע „שריפטן", נומ. 1).

ליריק און עפּיגראמען. קיִעוו, 1938, 148 ז. מיט אן ארייַנפיר פון ד. האָפּשטיין. דאָס בוך אנטהאלט 73 איבערזעצונגען פון פּושקינס לידער אויסער עפּיגראמען און „מאָראלישע פערזן". אין די איבערזעצונגען האָבן אָנטיילגענומען ז. אקסעלראָד, מ. דובינסקי, ד. האָפּשטיין, מ. כאשטשעוואצקי, ה. קאמענעצקי, ב. א. קאנט, י. קאטליאר, י. רימעניק, ל. רעזניק.

„די געשיכטע פון דעם דאָרף גאָריוכינאָ". יִדיש — ל. רעזניק, קיִעוו, 1937, 40 זייַטן (קינסטלערישע מאסן־ביבליִאָטעק, נומ. 14).

„א זאווערוכע". יִדיש — ד. האָפּשטיין, מאָסקווע, „דער עמעס", 1939, 24 זייַטן.

סאטירע. יִדיש — מ. אָרלאַנד, קיִעוו, 1940, 284 ז. אינהאלט: עפּיגראמען און סאטירישע לידער. — פראגמענטן. — קאָלעקטיווס. — סאטירישע פּאָעמעס און מייַסעס. — קאָמענטארן.

דער פאַרנעם פון די איבערזעצונגען פון פּושקינען אף העברעיִש שטייט, ווייַזט אויס, אויך ניט אָפּ פונעם פאַרנעם אף יִדיש. א רייַע: אין העברעיִשן קאטאלאָג אפן יאָר 1979 זייַנען אויסגערעכנט פאָלגנדע איבערזעצונגען פון פּושקינס ווערק אין א בוך־פאָרם: באָריס גאָדונאָוו. — דובראָווסקי. — דער קארגער ריטער. — דער נעגער פון פּיאָטער דעם גרויסן. די מאלקע פּיק. — קליינע טראגעדיעס. — אלע פּושקינס מייַסעלעך. — אויסדערווילטע לירישע לידער. — ראָמאנען און דערציילונגען. — פּושקינס פּאָעזיע. — דרייַ פּאָעמעס. — א מייַסע מיט א גילדן הענדעלע („קטלוג הספרים הכללי" — „אלגעמיינער ביכער־קאטאלאָג", 1979, ירושאָלאיִם, 1979, ז. 20).

דער פּראָצעס פון איבערזעצן פּושקינען אין יִדיש און העברעיִש דויערט.

● ● ●

יעווגעני גיק,
שאָך־מײַסטער

דער שאָך־טעאַטער

ווען מע זאָל ניט וויסן, אַז לעאָניד זאָרין איז אַ באַוווּסטער דראַמאַטורג, דער אוטאָר פֿון עטלעכע און דרײַסיק פּיעסן, צווישן זיי אַזעלכע באַרימטע, ווי „די וואַרשעווער מעלאָדיע", „דיאָן", „די קיניגלעכע יאַגד", אַז כּמעט אַלע זײַנע פּיעסן זײַנען אויפֿגעפֿירט געוואָרן ניט נאָר אויף דער סאָוועטישער, נאָר אויך אויף דער אויסלענדישער בינע, אַז ער איז דער זיגער פֿונעם אַלפֿאַרבאַנדישן קאָנקורס אויף דער בעסטער הײַנטצײַטיקער קאָמעדיע;

ווען מע זאָל ניט וויסן, אַז לעאָניד זאָרין איז אַ באַוווּסטער קינאָ־סצענאַריסט, דער אוטאָר פֿון די סצענאַריעס צו פֿופֿצן פּאָפּולערע פֿילמען, צווישן זיי — „פֿרידן דעם, וואָס גייט אַרײַן", וועלכער האָט באַקומען די גרויסע גאָלדענע מעדאַל אויפֿן צווישנפֿעלקערלעכן פֿעסטיוואַל אין ווענעציע;

ווען מע זאָל ניט וויסן, אַז לעאָניד זאָרין איז דער אוטאָר פֿון פֿיל דערציילונגען און נאָוועלן, פֿונעם ראָמאַן „דער אַלטער מאַנוסקריפּט";

ווען מע זאָל דאָס אַלץ ניט וויסן, וואָלט מען, זײַענדיק אין זײַן קאַבינעט, געקאָנט אויף זיכער מאַכן אַן אויספֿיר, אַז דאָס איז אַן אַרבעט־צימער פֿון אַ שאָך־ספּעציאַליסט — אַ גראָסמייסטער אָדער אַן איבערזיכטלער. אַ שאָך־טישל מיט אַ זייגער און צעשטעלטע פֿיגורן, אַ ספּעציעלער אַלמער, פֿאַרפֿולט מיט ביכער וועגן שאָך, פֿאָטאָגראַפֿיעס, אויף וועלכע מע זעט דעם באַלעבאָס פֿון דער שטוב אין די פּרעסע־צענטרען אויף די גרעסטע שאָך־פֿאַרמעסטונגען...

אַ שמועס וועגן די פֿאַרבינדונגען צווישן שאָך און קונסט וואָלט ניט געווען קיין פֿולער, ווען מיר וואָלטן ניט אײַנגעשלאָסן אין אים פֿאַרשטייער פֿון דער ליטעראַרישער שאַפֿונג. אונדזער אויסוואַל בײַטיקט זיך ניט אין קיין דערקלערונגען. לעאָניד זאָרין איז ניט בלויז אַ גרויסער פֿאַרערער פֿון שאָך (אַנומלטן איז ער אַפֿילו געווען דער טשעמפּיאָן פֿון צענטראַלן ליטעראַטן־הויז), נאָר ער איז אויך אַן אוטאָר, וועלכער טרעט אָפֿט אַרויס אין דער פּרעסע מיט באַטראַכטונגען וועגן דער שאָך־קונסט, נאָך מער, וועלכער ווענדט זיך צו דער שאָך־טעמע אין זײַן ליטעראַרישער אַרבעט. ניט איין מאָל איז אונדז אויסגעקומען באַהאַנדלען מיט לעאָניד הענריכאָוויטשן די אָדער יענע שאָך־פּראָבלעמען. פֿון אָט די אָפּטע באַגעגענישן מיטן שרײַבער איז אויפֿגעקומען אָט דער שמועס.

— לעאָניד הענריכאָוויטש, וויאַזוי האָט זיך אָנגעהויבן אײַער פֿאַרקאָכעניש אין שאָך און פֿאַרוואָס דויערט עס אַזוי לאַנג?

— מיר איז שוין איצט שווער זיך צו דערמאָנען, וויאַזוי דאָס האָט זיך אָנגעהויבן. אַ סך גרינגער איז ענטפֿערן אויף דעם צווייטן טייל פֿון דער פֿראַגע. דאָס דויערט אַזוי לאַנג דערפֿאַר, ווײַל די שאָכשפּיל האָט געמאַכט מײַן לעבן אי פֿריידיקער, אי רײַכער.

— און קיין אַנטוישונגען האָט זי אײַך ניט פֿאַרשאַפֿט?

— פֿאַרשטייט זיך. ווי יעדער ליבע. ווען איך בין נאָך געווען אַ ייִנגל, איז מיט מיר געשען פּונקט אַזאַ מין געשיכטע, ווי מיטן יונגן כלעבניקאָוו, דעם העלד פֿון מײַן פֿילם „דער גראָסמייסטער". איך בין געווען שטאַרק פֿאַרכאַפּט מיט דער שפּיל און פֿאַרגעסן, אַז אויף מיר וואַרט אַ מיידל. ווען כ'האָב סאָפֿקאָלסאָף זיך אָפּגעריסן פֿון דער שאָכברעט, האָב איך שוין דאָס מיידל ניט געקאָנט געפֿינען. געטרייסט בין איך געוואָרן כּמעט אין פֿערציק יאָר אַרום, ווען כ'האָב דעם דאָזיקן עפּיזאָד אַרײַנגעשטעלט אינעם סצענאַרי פֿון דעם פֿילם.

— ווען מיר קוקן דורך די פּאַרטיעס פֿון גרויסע שאַכמאַטיסטן און באַוווּנדערן זייערע טיפֿע אידייען, אָריגינעלע פֿאַרטראַכטן און שיינע קאָמבינאַציעס, צווייפֿלען מיר ניט, אַז שאָך — דאָס איז קונסט. ווידער איבערצײַגן מיר זיך דעריך, ווען מיר לייענען (אויב עס גיט זיך אונדז אײַן!) די מערקווירדיקע אויפֿגאַבעס און עטיודן, וועלכע ס'האָבן צונויפֿגעשטעלט

גרויסע שאַך־קאָמפּאָזיטאָרן. דער עסטעטישער עלעמענט אין דער שאָכשפּיל און אין דער שאַך־קאָמפּאָזיציע איז אומבאַשטרײַטבאַר. וועגן דעם זײַנען אָנגעשריבן הונדערטער אַרטיקלען און ביכער און אונדז ווילט זיך עס ניט איבער־כאַזערן. דאָך וואָלט אונדז געווען אינטערעסאַנט הערן די מיינונג פֿון אַ מענטשן, וואָס, זײַענדיק אַן אָנגעזעענער קונסט־טוער, פֿאַרשטייט ער אין דער זעלבער צײַט טיף די נאַטור פֿון שאַכמאַט. אין וואָס באַשטייט, לויט אײַער מיינונג, דאָס געמיינזאַמע צווישן שאַך און קינסטלערישער שאַפֿונג?

— איך וועל, נאַטירלעך, ענטפֿערן בלויז אין אַלגעמיינע שטריכן, ווײַל דאָס איז אַ טעמע פֿאַר אַ ספּעציעלער פֿאָרשונג, אַפֿילו פֿאַר אַ בוך. מיר דוכט זיך, אַז דער עסטעטישער יעסאָד איז אויסגעדריקט אין דער שאָכשפּיל געגנוג בולט. די שפּאָרזאַמקײַט פֿון די מיטלען, די גראַציעזקײַט פֿון פֿאַרווירקלעכן דעם פֿאַרטראַכט, די קימאַט צוױבערהאַפֿטע צוזאַמענאַרבעט פֿון אַלע עלעמענטן, וואָס שטעלן צונויף די שפּיל — דאָס אַלץ וואַרפֿט זיך מאַמעש אין די אויגן. נאָר ס׳איז פֿאַראַן אויך אַ געמיינזאַמקײַט צווישן שאַך און קונסט, וועלכע ליגט ניט אויף דער אויבערפֿלאַך, — דאָס איז די באַדײַטונג, וועלכע עס האָט אין דער שפּיל דער אינטויטיווער עלעמענט.

ניט אַלץ לאָזט זיך פּינקטלעך אויסרעכענען, ניט שטענדיק ביסטו זיכער אין דעם ענדגילטיקן רעזולטאַט פֿון דײַן פֿאַרטראַכט, נאָר עס קומט אַ ליכטיקע רעגע, און זי פֿילט דיך אָן מיט גלויבן אין דער ריכטיקײַט פֿון דײַן באַשלוס, אַפֿילו ווען דו קאָנסט אים באַלד ניט באַגרינדן. אָט טאַקע אין דער דאָזיקער ליכטיקער רעגע שטעקט דער סאָד און די פֿרייד פֿון שאַפֿונג.

דערמאָנט זיך בײַ פּושקינען: „און די ווײַט פֿונעם ראָמאַן דעם פֿרײַען כ׳האָב דורך דעם קישעף־קריסטאַל נאָך ניט קלאָר געזען“.

אָט דער „קישעף־קריסטאַל“, דורך וועלכן מע זעט דעם ענד־עמעס נאָך „ניט קלאָר“, איז באַקאַנט בלויז דעם עכטן קינסטלער — בײַ דעם שרײַבטיש צי בײַ דער שאָכברעט. מיר דוכט, אַז ס׳איז ריכטיק די מיינונג, אַז דער געדאַנקענגאַנג באַם שאַכמאַטיסט איז אונטערגעוואָרפֿן ניט בלויז לאָגישע סכעמעס, אין אַ געוויסן זין איז אים אייגנטימלעך בילדערישקײַט.

ס׳איז קיין ספֿק ניט, אַז דער גרונט־אײַנהאַלט פֿונעם שאַך־קאַמף שפּיגלט אָפּ אויף זײַן, ביז גאָר ספּעציפֿישער מאַניר דאָס לעבן פֿונעם מענטשלעכן גײַסט און זײַן פֿאָרם איז פֿײַיק צו פֿאַרשאַפֿן ריין־קינסטלערישן געניוס.

וואָס האָב איך אין זינען, ווען איך רייד וועגן מענטשלעכן גײַסט, וואָס איז אויסגעדריקט אין דער שאַך־פּאַרטיע? עס גייט קוידעמקאָל אַ רייד וועגן אויספֿרווון אײַער אינטעלעקט, דעם ווילן, די פֿײַיקײַט צום אַבסטראַקטן דענקען און אין דער זעלבער צײַט וועגן אויספּרווון אײַער גײַסטיקע שטאַנדהאַפֿטיקײַט.

וואָס האָב איך אין זינען, ווען איך רייד וועגן דער עסטעטישער ווירקונג פֿון יענער פֿאָרם, אין וועלכער ס׳זײַנען אײַנגעפּאַסט דעם מײַסטערס אידייען, — פֿון זײַנע געניג? עס גייט קוידעמקאָל אַ רייד וועגן שאַפֿן באַשטימטע בילדער אויף פֿאַרשיידענע טעמעס (צוזאַמענבינדונגען, אָפּווענדונגען, איבערדעקונגען, פּאַט־אידייען), אָפּט ברעכנדיק דערבײַ די ריכטיקע קאָרעליאַציע, ווען די אָדער יענע פֿיגור, און אַמאָל אויך עטלעכע מיטאַמאָל ברענגען זיך אַלס קאָרבן (אַ ריין ראָמאַנטיש בילד!).

שאַך, ווי יעדער מין קונסט, — הייסט שטענדיק זוכן נײַס אינעם געוויינלעכן. ווען אויף דער ברעט באַווײַזן זיך גוט באַקאַנטע וואַריאַנטן, שוין ניט איין מאָל איבערגעכאַזערטע סיטואַציעס, מוז מען אין זיי אַלע מאָל אַרײַנהויכן אַ נײַ לעבן. אָט דער טאָגטעגלעכער קאַמף מיט רוטינע, אָט די שטענדיקע שטרעבונג צו פֿרישקײַט, — דען ניט זיי בילדן דעם סאַמע טאָך פֿון שאַפֿונג?

און, ענדלעך, די שאַך־פּאַרטיע, די שאַך־קאָמבינאַציע, פּונקט ווי דאָס קינסטלערישע ווערק, זײַנען ניט מעגלעך אָן אַ געוויסער גרונט־אידיי, און ווי אין אַ קינסטלעריש ווערק, לאָזט זי זיך ניט פֿאָרמולירן און קומט ניט קיין אַנטבלויזטע, נאָר זי אַנטשטייט, ווי אַן אומגעריכטער עמאָציאָנעלער סאַכאַקל.

אין וואָס זשע באַשטייט די אַלגעמיינע גרונט־אידיי פֿון שאַכמאַט? צי ניט דעריך, וואָס שאַך שטעלט מיט זיך פֿאָר אַ געניאַל געשאַפֿענע מאָדעל פֿונעם לעבן מיט זײַן אייביקן קאַמף, מיט זײַנע אופֿשטײַגן און מאַפּאָלעס, מיט דער אָפּטער ניטוועגדיקײַט אַלץ אָנהייבן פֿון אָנהייב, נאָכן פֿאַלן זיך ווידער אויפֿהייבן און גיין ווײַטער? צי ניט דעריך, וואָס שאַך גיט אונדז די געגאַרטע מעגלעכקײַט אָנצופֿירן מיט די געשעענישן, פֿאַרטראַכטן און פֿאַרווירקלעכן זיי אין לעבן? צי ניט דעריך, וואָס שאַך פֿאַרהאַרטעוועט אונדזערע נעשאָמעס, שלײַפֿט דעם מויעך און לערנט, וויאַזוי אָפּסנײַ דערזען דאָס געוויינלעכע?

איך נעם זיך ניט אונטער ענטפֿערן. אָפּט דוכט זיך מיר, אַז אין שאַך איז פֿאַרבאָרגן אַ גרויסער סאָד, וועלכער וואַרט, מע זאָל אים אַנטפּלעקן.

— וואָס טראַכט איר וועגן דעם שאַך אַלס אַ פֿאָרשטעלונג? פֿאַרוואָס שפּירן מענטשן נאָך מיט אַזאַ אינטערעס איך מעשעך פֿון עטלעכע שאָ נאָך די געשעענישן, וואָס קומען פֿאָר אויף דער שאָכברעט?

— געוויס דערפֿאַר, וואָס אין דער אויסערלעכער סטאַטיק פֿון שאַך איז פֿאַרבאָרגן אַ קאָלאָסאַלער אינערלעכער דינאַמיזם. די צושויער פֿילן זיך ווי אָנטיילנעמער פֿון אָט דער דראַמע, וועלכע ווערט געשפּילט פֿאַר זייערע אויגן, הערבײַ טרעטן פֿאַר זיי ארויס ניט קיין אויספֿירער פֿון ראָלן, ווי אין טעאַטער, נאָר אַליין די האַנדלענדיקע פּערזאָנען. גיט נאָך צו דעם צו, אַז די צושויער באַטייליקן זיך אַקטיוו אינעם גײַסטיקן לעבן פֿון די שאַך־קינסטלער.

אַנדערש גערעדט, זיי שטרעבן צו דערגרייכן יענע הייכן, אַף וועלכע אָט דאָס לעבן קומט פאָר.

— איר זײַנט אַ שטענדיקער באַזוכער פון אַלע גרעסטע שאַך־פאַרמעסטונגען, וועלכע ווערן דורכגעפירט אין מאָסקווע. וואָס פאַר אַ שאַך־פאַרטיע, פון די, וואָס איר האָט געזען, האָט געמאַכט אַף אײַך אַ באַזונדערס שטאַרקן אײַנדרוק, האָט איבערגעלאָזט אַ טיפן שפור?

— ווען אין דער הויפטשטאָט קומט פאָר אַן אינטערעסאַנטער טורניר, ווערט מײַן לעבן אַ סך שענער און וואָגיקער. די עטלעכע וואָכן, וואָס ער דויערט, פאַרברענג איך אין צושויער־זאַל צווישן אַנדערע אַזוינע, ווי איך, באַזעסענע מענטשן. ערגעץ ווײַט אַנטרינען די טאָגטעגלעכע איניאָנים, די ליטעראַרישע דײַגעס און זאָרגן. עס קומט אוף אַ זעלטענע רויִקײַט פון געמיט.

וואָס פאַר אַ פאַרטיע אויסטיילן? ס'איז ניט אַזוי פראָסט ענטפערן אַף אָט דער פראַגע. מיסטאָמע איז עס פונדעסטוועגן די פאַרטיע צווישן טײַמאַנאָוו און ליוטיקאָוו פונעם לעצטן טור פון דעם אַלפאַרבאַנדישן טשעמפּיאָנאַט פון 1969 יאָר. ביזוואַנען ס'איז געגאַנגען די דאָזיקע פאַרטיע, האָב איך געלעבט, ווי מע זאָגט, מיט אַ פול לעבן. ס'איז געווען אי אָנגעשטרענגטקײַט פון געדאַנק, אי מיטבאַטייליקונג מיט טײַמאַנאָווס באַגײַסטערונג, אי אַזאַרט פון קאַמף, אי האָפענונגען, וועלכע עס האָט פאַרביטן אומרו, און, ענדלעך, גײַסטיקער אופשטײַג, ווען ס'האָט אָפגעשאַלט דער לעצטער אַקאָרד פון אָט דעם בעמעס פאַליפאָנישן ווערק.

עס דערמאָנט זיך נאָך אַ באַגעגעניש פון מער ווי מיט דרײַסיק יאָר צוריק, וועלכע איז פאָרגעקומען אויך אינעם טשעמפּיאָנאַט פון לאַנד, אויך אין לעצטן טור און, אַגעוו, אַף דער זעלבער בינע. אין 1949 יאָר האָט צום ערשטן מאָל העל אופגעשײַנט דער שטערן פון יעפים געלער. ערעוו די לעצטע גראַנגלען האָט ער פאַרנומען די ערשטע שורע אין דער טאַבעלע, און אַלע האָבן געוואַרט, אַז עס וועט געבוירן ווערן אַ נײַער טשעמפּיאָן און נײַער גראָסמייסטער (אין יענע ווײַטע צײַטן פלעגן גראָסמייסטערס געבוירן ווערן זעלטן). איך געדענק אָט דעם אָוונט, געדענק געלערן, וועלכער האָט צוליב אָט דעם פײַערלעכן טאָג אָנגעטאָן אַ בלאָוון אָנצוג, אַ ווײַס העמדל און אַ העלבלויען שניפס. איך געדענק, וויאַזוי אין זײַן באַליבטער שפאַנישער פאַרטיע, ווען ער איז אַרײַנגעפאַלן, שפילנדיק מיט כאָלמאָוון, אין אַ שווערער לאַגע, האָט ער אומזיסט געפרווט ענדערן דעם גאַנג פונעם קאַמף. קיין סענסאַציע האָט זיך ניט באַקומען. קוים זיך אַרויסגעכאַפט פונעם הודענדיקן מענטשישן בינשטאָק, האָב איך לאַנגזאַם געשפאַנט צום מעטראָ, צערודערט פון אָט דער דראַמע, וואָס האָט אָט ערשט זיך אָפגעשפילט פאַר מײַנע אויגן.

— „נישקאָשע, — האָט געזאָגט מײַן באַגלייטער, — אָט דער באָכער האָט געזונטע קינבאַקן, ער וועט אויסהאַלטן". אין עטלעכע און דרײַסיק יאָר אַרום שפאַנט אַלץ נאָך אַזוי איבער דער בינע מיט זײַן וואַקלענדיק גענגעלע געלער, אַ שווערלײַביקער, אַ ביסל אַ גראָוער געלער, וואָס איז שוין דורכגעגאַנגען דורך פײַער, דורך אײַזקאַלטער וואַסער און מעשענע רערן פון רום. אַלץ, ווי פריִער, נאָר דאָס לעבן האָט זיך אַ סך געענדערט און אַ סך האָט זיך געענדערט אַרום אונדז.

— פאַרוואָס, לויט אײַער מיינונג, פאַרכאַפט די שאָכשפיל ריזיקע מענטשן־מאַסן?

— דאָ זײַנען פאַראַן פיל פאַקטאָרן, דערונטער אויך די, וועלכע איך האָב שוין דערמאָנט אין די פריִערדיקע ענטפערס. די שאָכשפיל — דאָס איז איינע פון די גרעסטע שאַפונגען פון מענטשלעכן גײַסט. זי ברענגט אונדז די פרייד פון צוזאַמענקום, די פרייד פון זעלבסטדערקענטעניש, העלפט אונדז אין שווערע טעג, שענקט אונדז פיל שאָען מיט פאַרגעניגן, און אויב זי ברענגט אונדז אַמאָל אויך אַגמעסנעפעש, איז דאָס אַ רעזולטאַט פון אונדזער ניט פולקומענהײַט. די שפיל איז דערין ניט שולדיק.

אין דער קונסט צי אין דער וויסנשאַפט קאָן דער מענטש פראַקטיש דאָס גאַנצע לעבן זיך באַוועגן פאָרויס. דער אויטאָריטעט פונעם געלערנטן וואַקסט מיט דער צײַט, ער באַקומט אַלץ נײַע און נײַע טיטולן. בלויז ווען זיי דערגרייכן רײַפקײַט, שאַפן קינסטלער עפאָכאַלע ווערק. באָריס פאַסטערנאַק האָט זײַנע בעסטע לידער אָנגעשריבן נאָך זעכציק יאָר. וואָס אָנבאַלאַנגט שאַך, איז אַפילע באַ די אָנגעזעענסטע גראָסמייסטערס הייבט זיך אָן פריִער אָדער שפעטער אַ צײַט פון שעפערישער און ספאָרטיווער יערידע און זיי גייען פאַמעלעכן אָפ אַפן צווייטן פלאַן. דאָס באַטײַט, אַז שאַך קאָן ברענגען ניט ווייניק לײַדן אַפילע די גרויסע מײַסטערס...

— די זאַך באַשטייט דערין, וואָס די שאָכשפיל פאַרמאָגט איינע אַ ספעציפישע אייגנשאַפט, וואָס אונטערשיידט זי פון קונסט (און אַפילע פון וויסנשאַפט), נעמלעך, — אַן אָביעקטיוון קריטערי. אויב איר האָט פאַרשפילט, איז אומעגלעך עס אָפצולייקענען. ווען אַזאַ אָביעקטיווער קריטערי וואָלט עקזיסטירט אויך אין דער וויסנשאַפט און אין דער קינסטלערישער שאַפונג, וואָלטן, קאָן זײַן, ניט אַלע הײַנטיקע באַרימטהײַטן פאַרבליבן אַף זייערע ערטער... אַזוי צי אַזוי, נאָר אין יעטווידער ספער פון טעטיקײַט דאַרף מען מיט ווירדע באַגעגענען יענע האַרבע צײַט, ווען דער נאַטירלעכער גאַנג פון די זאַכן ברענגט צו דער פאַראָרעמונג פונעם שעפערישן פאָטענציאַל.

מיט דער צײַט הייבן אָן די גראָסמייסטערס ווייניקער אויסשפילן, און אָפטער פאַרשפילן זיי. נו, וואָס קאָן מען טאָן? אַזאַ איז ער שוין דער טריבער קרײַזלויף. מיר איז שוין אַמאָל אויסגעקומען אין צוזאַמענהאַנג דערמיט צו באַמערקן: „אַ זיג באַווײַזט, וואָס דער מענטש קאָן, אַ מאַפאָלע — וואָס ער איז ווערט".

— איר זײַנט דער אויטאָר פון אַ סך פיעסן. דאָס באַטײַט, אַז פאַר אײַך האָט אַ

באזונדערע ווערט די רײַכקייט פון מענטשלעכע כאַראַקטערן. באַרײַכערט אײַך, ווי א שרײַבער, דאָס טרעפן זיך מיט שאַכמאַטיסטן?

— איך קאָן זאָגן, אז אַלע גרויסע שאַכמאַטיסטן, וועלכע כ׳האָב באַגעגנט, זײַנען געווען מענטשן אייגנאַרטיקע, כ׳וואָלט געזאָגט, פּיקאַנטע, אייניקע — גוטמוטיקער, אַנדערע — שטרענגער, אייניע האָבן זיך אויסגעטײַלט מיט זייער ברייטער נאַטור, אַנדערע זײַנען געווען, האָט זיך געדוכט, מער פאַרנומען מיט זיך. נאָר איך האָב ניט באַגעגנט צווישן זיי מענטשן נודנע און טרוקענע — וועגן שאַכמאַטיסטן איז אינטערעסאַנט ניט נאָר צו שרײַבן, נאָר אויך נאָכדענקען.

— אָבער אײַך איז דאָך אויסגעקומען צו באַגעגענען זיך מיט באַוווּסטע שרײַבער, רעזשיסערן, אַרטיסטן...

— פאַרשטייט זיך. און איך זאָג קלאָר ניט, אַז די שאָך־גראָסמײַסטערס געהערט די מאָנאָפּאָל אַף אייגנאַרטיקייט. נאָר ס׳איז פאַראַן נאָך איין וויכטיקער שטריך. שאָך איז געוואָרן א פּראָפעסיאָנעלע באַשעפטיקונג ערשט ניט לאַנג, און מענטשן, וועלכע האָבן א לאַנגע צײַט געקעמפט מיטן קאָנסערוואַטיזם פון דער געזעלשאַפטלעכער מיינונג, מענטשן, וועלכע האָבן אין אזא לאַגע אָפּגעגעבן אַלע זייערע קויכעס דער זאַך, וואָס זיי האָבן ליב, זײַנען ניט קיין געוויינלעכע מענטשן. דער קאַמף קעגן פאָרורטײלן שמידט אויס, אַלס קלאָר, שטאַרקע כאַראַקטערן, און אויך די אַטמאָספער פון די שאָך־באַטאַליעס שפּילט א גרויסע ראָליע אינעם אויספורעמען די פּערזענלעכקייט. אָט דאָס לעבן מיט זײַנע אָפּטע זיגזאַגן, די באַגעגענישן מיט אַלץ נײַע און נײַע פּאַרטנערן, פּרעטענדענטן, דער קאַמף צווישן די אינדיווידואַליטעטן, אינטעלעקטן, ווילנס, — דאָס אַלץ מאַכט, אָן ספק, שאַרפער די אָדער יענע שטריכן, וועלכע דער מענטש גופא פאַרמאָגט, און מאַכט אים ניט ענלעך אַף אַנדערע. די מענטשן, וועלכע שענקען דעם שאַכמאַט דאָס גאַנצע לעבן, טוען דאָס קלאָר ניט דערפאַר, וואָס זיי זײַנען ניט באַשאַפן געוואָרן פאַר עפּעס אַנדערש. די פייִקייטן בא א סאַך פון זיי זײַנען אַזוינע, אַז אויך אין אַנדערע געביטן פון מענטשלעכער טעטיקייט וואָלטן זיי געוויס דערגרייכט — און אייניקע האָבן טאַקע דערגרייכט — פּונקט אַזעלכע הייכן.

— אײַער סצענאַרי פונעם פילם „גראָסמײַסטער" האָט באַקומען דעם ערשטן פּריז אָפן צווישנפעלקערלעכן פעסטיוואַל פון ספּאָרטיווע פילמען אין יוגאָסלאַוויע. צי וואָלט איר ניט געוואָלט נאָכאַמאָל זיך דערשלאָגן אַזא שאָך־דערגרייכונג?

— איך וואָלט זיך ניט אָפּגעזאָגט. ווי איר ווייסט, האָב איך זיך אין דער פּיעסע „קאָרנאַוואַל" אומגעקערט צו דער פיגור פון א שאַכמאַטיסט. איינער פון אירע העלדן איז א שאָך־מײַסטער, וואָס געפינט זיך אין קאָמפּליצירטע פאַרהעלטענישן מיטן פּראָפעסאָר עלאַ.

— דעם סצענאַרי פון „גראָסמײַסטער" האָט איר געווידמעט וו. סימאַגינען. דער מאָסקווער גראָסמײַסטער איז געווען א ביז גאָר אָריגינעלער שאַכמאַטיסט, אָבער קיין באַזונדערס גרויסע רעזולטאַטן האָט ער ניט באַוויזן. צי קאָן מען, לויט אײַער מיינונג, ריידן וועגן דעם טאַלאַנט פון א שאַכמאַטיסט, אויב ער האָט ניט דערגרייכט קיין גרויסע ספּאָרטיווע הייכן?

— די הייך פון טאַלאַנט דאַרף מען ניט אומבאַדינגט באַשטעטיקן מיטן ניוואָ פון די ספּאָרטיווע רעזולטאַטן. וולאַדימיר סימאַגין האָט באַוויזן אַזא רײַכקייט פון אידייען, אַזא אָריגינעלע לייזונג פון די פּאָזיציעס, אַז ריידן וועגן זײַן טאַלאַנט קאָנען מיר גאַנץ זיכער. אָן אַנדער זאַך איז דאָס, וואָס די ספּאָרטיווע רעזולטאַטן האָבן געהאַט א ווירקונג אַף זײַן פּראַקטישער קאַריערע אַלס גראָסמײַסטער. נאָר קאַריערע און טאַלאַנט גייען ניט שטענדיק באַנאַנד. מיר ווייסן וועגן א סאַך מערקווירדיקע פאָרשטייער פון קונסט, וועמען ס׳האָט ניט געגליקט אין לעבן, כאָטש איצט באַשײַנען זייערע ביאָגראַפיעס אונדזערע כרעסטאָמאַטיעס.

— אין שאָך ווערן, אַלס קלאָר, העלדן בלויז די טשעמפּיאָנען...

— דאָס דאַרף אונדז ניט שטערן אָפּצוגעבן דאָס, וואָס עס קומט, יענע, וועלכע האָבן מיט זייערע אידייען מיטגעהאָלפן צו פעסטיקן די שיינקייט און אומויסשעפּלעכקייט פון דער שאָך־שפּיל.

— וויאַזוי פּראָגנאָזירט איר די צוקונפט פון דער שאַכשפּיל?

— מעגלעך, אַז מײַן ענטפער וועט אײַך אויסווייזן צו זײַן א ביסל אומדערוואַרט. מיר האָבן גערעדט וועגן דער געמיינזאַמקייט צווישן קונסט און שאָך. נאָר, ווײַזט אויס, אַז שאָך האָט אויך א גרויסאַרטיקע וויסנשאַפטלעכע צוקונפט. איך צווייפל ניט, אַז שאַכמאַט וועט אַף א פאָרקום אייגנאַרטיקן אופן צוניץ קומען דער וויסנשאַפט.

— בא אונדז זײַנען פאַראַן א סאַך יונגע, טאַלאַנטפולע שאַכמאַטיסטן, וועלכע טרעטן ערשט אַרײַן אין אָט דער וווּנדערשיינער און דאַרנדיקער וועלט. עס וואָלט זיך געוואָלט הערן, וואָס ווינטשט איר אָט די יונגעלײַט.

— די יונגעלײַט, שאַכמאַטיסטן און ניט שאַכמאַטיסטן, ווינטש איך פריִער פאַר אַלץ איינס: ניט אײַלן זיך! אין יעטווידע, זאָל זײַן די סאַמע קאָמפּליצירטע סיטואַציעס ניט פאַרלירן דעם מוט, פאַרהיטן די ווירדע, זיך ניט אָפּזאָגן פון די איבערצײַגונגען, באַשיידן און צילגעווענדט טאָן זייער זאַך.

א פאַרצוויגנע געשיכטע

אין אַפּרעל 1976 האָט „סאָוועטיש היימלאַנד“ פאַרעפנטלעכט א דאָקומענטירטן מאַטעריאַל וועגן וולאַדימיר סאַמאַרינען, איינעם פון יענע אויסגעשפּראָכענע און אמערסטן ציינישע היטלערישע מעשאָרסים אין דער פאַרניכטונג־פּראַקטיק בנעגייע דעם ייִדישן פאָלק, וועלכע האַלטן זיך איצט אוף אין מעשעך פון יאָרצענדליקער בא דער אמעריקאַנער מומע. די פּובליקאַציע האָט מיט א באַזונדערער קראַפט געשריגן צום געוויסן, ווײַל, ערשטנס — דער נאַציסט סאַמאַרין איז געוואָרן א דערציִער פון נעם אונטערוואַקסנדיקן נאָכמילכאָמע־דאָר אין פּשא, אן אמטירטער לעקטאָר אין דעם פּאָפּולערן אין לאַנד יעיל־אוניווערסיטעט, און, צווייטנס — דער געוועזענער אָנטיילנעמער אין דער ייִדן־פאַרניכטונג האָט זיך צונויפגעניוכעט מיט די ציִעניסטישע קרײַזן אין אמעריקע, און זיי האָבן אים געהאָלפן ארויסצושטעלן זיך אלס ייִדן־פרײַנט.

די סקאַנדאַליעזע געשיכטע, וואָס איז פאַרצייכנט געוואָרן אף די זײַטן פונעם סאָוועטישן ייִדישן זשורנאַל, האָט אופגעפּלאַצט ווי א באָמבע אין דער אמעריקאַנער אקאַדעמישער געזעלשאַפטלעכקײַט, באַזונדערס, נאַטירלעך, אין די לערן־קאָרפּוסן און דעקאַנאַט־צימערן פונעם יעיל־אוניווערסיטעט אין ניו־העיווען. ס'האָט זיך ארויסגעוויזן, אז סאַמאַרינס קאָלעגן און אוואַדע שוין אויך די דערצוויגלינגען האָבן גאָרנישט ניט געוווסט וועגן דעם, ווער עס איז וולאַדימיר סאָקאָלאָוו־סאַמאַרין און מיט וואָס ער האָט אין די מילכאָמע־יאָרן זיך פאַרנומען אין דער אָקופּירטער סאָוועטישער שטאָט אָריאָל, ווו ער איז געווען א רעדאַקטאָר פונעם ראַסיסטישן בלעטל „רעטש“ און פונוואַנען ער איז אנטלאָפן צוזאַמען מיט די צעקלאַפּטע פאַשיסטישע האָרדעס.

ווען דער נומער „סאָוועטיש היימלאַנד“ מיט דער פּובליקאַציע וועגן סאַמאַרינען איז אָנגעקומען צו די לייענער אינעם יעיל־אוניווערסיטעט, איז דער איניען באַוווסט געוואָרן צווישן די סטודענטן און פּראָפעסאָרן, און אין דער צײַטונג „יעיל דיילי ניוס“ האָבן גענומען א וואָרט די פאַרשיידענע טענדענצן אין דעם דאָרטיקן פּאָליטישן לעבן. פיר פּראָפעסאָרן האָבן אָנגעשריבן אן אָפענעם בריוו, אין וועלכן זיי האָבן געמאָלדן סאַמאַרינען א באָיקאָט — קיין שום באַציִונגען מיט אים, ניט פּערזענלעך, ניט לויטן לערן־פּלאַן. ס'האָבן זיך געפונען אויך אונטערשטיצער פונעם פאַשיסט. אזוי אָדער אנדערש, נאָר סאַמאַרין איז פון די סטודענטישע אאודיטאָריעס פאַרשוווּנדן, און געוויסע פאַרינטערעסירטע קרײַזן האָבן געהאַלטן די זאַך פאַר פאַרענדיקט, בייס אנדערע האָבן אופגעהויבן די פראַגע וועגן איבערגעבן דעם פאַרברעכער אין די הענט פון דער סאָוועטישער יוסטיץ. „סאָוועטיש היימלאַנד“ האָט אין דער דאָזיקער סיטואַציע אלץ געטאָן, קעדיי ארײַנטראָגן קלאָרקײַט. ס'זײַנען אָפּגעשיקט געוואָרן אפן אדרעס פון דער אדמיניסטראַציע פונעם יעיל־אוניווערסיטעט פאָטאָסטאַטישע קאָפּיעס פון סאַמאַרינס פאַשיסטישע פּראָפּאַגאַנדע־ארויסטרעטונגען אין דער צײַטונג „רעטש“, ספּעציעל פון זײַנע העצע־ארטיקלען קעגן דער ייִדישער באַפעלקערונג.

איצט איז דער איניען ווידער אופגעשוווּמען אין דער עפנטלעכקײַט. דעם 28־טן יאַנוואַר ד. י. האָבן די צוויי טאָג־צײַטונגען אין ניו־העיווען מיטגעטיילט, אז דער יוסטיץ־דעפּאַרטאַמענט איך וואַשינגטאָן האָט סאָפקאָלסאָף באַשטימט אָנקלאָגן סאָקאָלאָוו־סאַמאַרינען אין פעלשן זײַן פאַרגאַנגענהײַט בייסן באַקומען אמעריקאַנער בירגערשאַפט. א פאָרשטייער פונעם יוסטיץ־דעפּאַרטאַמענט האָט דערקלערט, אז אויב דער געריכט וועט באַשטעטיקן די אָנקלאָגע, וועט מען קאָנען ארויסשיקן סאַמאַרינען פונעם לאַנד. דער נאַציסט וווינט הײַנט אין דער שטאָט מילפאָרד, שטאַט קאָנעקטיקוט.

קאָלזמאַן די טעמע סאמארין שווימט אוף און ווערט פאַרשוווּנדן און שווימט ווידער אוף אדג. אין די יוסטיץ־קאָרידאָרן און בא די רעדאַקציע־טישן אין פּשא, וואַרפט זיך אין די אויגן אָט וואָס:

דער נאַציסט איז 17 יאָר אָן שטערונגען אָפּגעווען א לערער פון דער סטודענטישער יוגנט אין יעיל.

ווען ניט די דעמאַסקירונג אין „סאָוועטיש היימלאַנד“, וואָלט ער עס געווען אויך אף ווײַטער.

עס האָבן געדאַרפט דורכגיין העכער 6 יאָר

(נאָך דער פובליקאציע פון די דאָקומענטן אין „סאָוועטיש היימלאנד"), ביז די אמעריקאנער יוסטיץ זאָל נעמען עפעס טאָן.

נאָך דער מיטיילונג פונעם 28־טן יאנוואר ד. י. איז געזאָגט געוואָרן, אז די געריכט־בא־

האנדלונג ארום דעם סאמארין־איניעז קאָן זיך אָנהייבן אין צוויי כאדאָשים ארום. ווען עס ווערן געשריבן אָט די שורעס, זיינען שוין אדורך פינף כאדאָשים, און עפעס הערט מען ניט דאָס קאָל פון דער אמעריקאנער פעמידע...

„מעיאָר קאטש"... „גוווערנאָר קאטש"?

„מעיאָר קאטש" באטייט אפן אמעריקאנער צייטונגס־יידיש — דער שטאָט־באלעבאָס, וועמענס פאמיליע־נאָמען עס איז קאטש. דער מעער פון דער שטאָט, הייסט עס. אין אזא אָרט, ווי ניו־יאָרק, מיט זיין מיליאָן יידן, מיט דעם אָפגעשלאָסענעם און שטרענג אָרגאניזירטן יידישן מיטלאלטערלעכן שטאָט־כיילעק אף יענער זייט ברוקלינער בריק און מיט דעם צעיושעטן שאנטאזש־טאראראם פון די פילצאָליקע נאציאָנאליסטיש־יידישע אָרגאניזיישנס, — אין אָט דער איבערגעלאָזטער אף העפקער שטאָט איז ניט מעגלעך, אז אזא סאָרט קאטש זאָל ווערן „מעיאָר קאטש", אויב ער וועט ניט זיין א געצייג פון דעם טאראראם.

וואָס זשע האָט אָפגעטאָן לעצטנס קאטש, קעדיי ווערן, ווי עס גלוסט זיך אים, נאָך א גרעסערע שישקע — גובערנאטאָר פון דעם ניו־יאָרקער שטאט, אף זייער לאָשן „גוווערנאָר קאטש"? ער האָט געמאכט א סענסיישן, וואָס דארף אופגענומען ווערן אזוי, אז ער, דער מעכטיקער קאטש, גייט ארויס אין א פארמעסט... איר ווייסט מיט וועמען? מיט דער אָרגאניזאציע פון די פאריייניקטע נאציעס, וועלכע האָט איר זיץ־אָרט אף דער טעריטאָריע פון „זיין שטאָט", און ער טוט עס, קעדיי צו פארטיידיקן „יידישע אינטערעסן".

ביכלאל דארף געזאָגט ווערן, אז זינט פון דער פעלקער־טריבונע, וועלכע געפינט זיך אף איסט ריווער, קלינגען העכער און שטארקער די שטימען פון פראָטעסט אין צוזאמענהאנג מיט די ציוניסטישע פארברעכנס קעגן דער מענטשהייט, זינט עס האָבן גענומען דאָס וואָרט צענדליקער באפרייטע פונעם קאָלאָניאלן יאָך פעלקער, האָבן פשא און יסראָעל אופגעהויבן א קאמפאניע פון זידלעריי און באשמוצונג אין שייכעס מיט דעם, וואָס עס טוט די אָרגאניזאציע פון די פאריייניקטע נאציעס — „יו־ען" אפן אמעריקאנישן אויסדרוק־לאָשן. כאראקטעריסטיש פאר דעם דאָזיקן גאנג זיינען, לעמאָשל, צוויי מיטיילונגען בלויז אין איין נומער — פארן 18 פעווראל ד. י. — אין דעם ניו־יאָרקער „פאָרווערטס": „קירקפעטריק" (די פאָרשטייערן פון פשא אין זיכערהייטס־ראט פון דער אָרגאניזאציע פון די פאריייניקטע נאציעס) זאָגט: יו־ען איז א טרויעריקער ספעקטאקל" און — „יסראָעל פאָדערט א (נייע) יו־ען (בלויז) פון (אזוי־גערופענע[1]) דעמאָקראטישע לענדער".

[1] דאָ אומעטום אין די קלאמערן — באמערקווערטער פון רעד. „סאָוועטיש היימלאנד".

אגעוו, קירקפעטריק האָט די אויבנדערמאָנטע ווערטער געזאָגט אין אירער א רעדע פאר דעם אולטרא־רעאקציאָנערן „אמעריקאנער לעגיאָן", און צווישן אנדערס האָט זי געפאסקנט, אז „די מערהייט רעגירונגען אין דער וועלט זיינען לויט אונדזערע (אמעריקאנער) סטאנדארטן שלעכטע רעגירונגען". און וויבאלד ס'זיינען פאראן אזויפיל רעגירונגען פון לענדער אין דער וועלט, וואָס טויגן ניט דער אמעריקאנער רעגירונג, קומט די יסראָעל־רעגירונג און זאָגט אונטער אן אויסוועג. דער אויסערן־מיניסטער יצכאָק שאמיר שרייט אויס אף א פרעסע־קאָנפערענץ אין ירושאָלאים, אז העיויס בלויז 30 מעלוכעס פון די 157, וואָס גייען אריין אין דער וועלט־געמיינשאפט, זיינען דעמאָקראטישע, לויט זיין סטאנדארט און לויטן סטאנדארט פון דעם גענעראל העיג, דארף מען „שאפן א נייע אָרגאניזאציע".

און קאָלזמאן עס גייט דערווייל וועגן דעם א רייד, נעמט אף זיך די שווארצע ארבעט „מעיאָר קאטש".

אָנגעהויבן האָט קאטש, ווי עס זאָגט אונטער די קלאסישע קונסט פון מיליטערישן שטורעם, אונטערציִענדיק זיין כאיל צו די טרעפ אנטקעגן דער געביידע פון דער יו־ען. מיר זעען אף א בילד עטלעכע יונגעלייט מיט א גאנץ צווייפלהאפטן, אויב ניט קרימינעלן, אויסזען. באלד וועט פאר זיי האלטן א ספיטש דער מעיאָר, וועלכער וועט מעלדן, אז אָט די־אָ טרעפ בא דער פילבאדייטנדיקער „יעשאיע־וואנט", איבער וועלכע סע שפאנען אָפט די פאָרשטייער פון 157 מעלוכעס, וועלן פון איצט אָן טראָגן דעם נאָמען פונעם שפיאָן שאראנסקי, וועמען דער סאָוועטישער געריכט האָט פאר זיין פאראט באטיילט מיט דער געהעריקער שטראָף. „טרעפ פונעם שפיאָן שאראנסקי" — א פייןשמעקנדיקע אידיי פון דעם מעיאָר קאטש. פאר דעם פארדינט ער צו ווערן גובערנאטאָר. ווער האָט אונטערגערוקט קאטשן די דאָזיקע געטלעכע אידיי? ווייזט זיך ארויס, אז מענדעלעוויטש — איר געדענקט? איינער פון די פארכאפער פון אן עראָפלאן אין לענינגראד, וועלכער איז שוין אָפגעזעסן זיין שטראָף. איצט האָט ער זיך באוויזן אין ניו־יאָרק אלס „לעקטאָר". מעיאָר קאטש האָט אף א טומלדיקן צונויפקום אין סיטי־האָל באשאָנקען מענדעלעוויטשן מיטן „שליסל פון דער שטאָט", וואָס עס האָט געקאָנט באטייטן: פאר דעם, וואָס דו ביסט געגאנגען אף א ריזיקע צו גאנווענען א

סאָוועטישן אַעראָפּלאַן, באַקום זשע אַט דעם שליסל און גאַנגווע דיר אַוועק באַ ניו־יאָרק דאָס ביסל אַנגעזאַמלטן אַפּשײַ, וואָס די וועלט־שטאָט פאַרדינט באַ מענטשן פון דער וועלט.

אָבער דאָס איז נאָך ניט אַלץ. אַזעלכע, ווי קאַטש, ווייסן ניט קיין אָפּשטעל. דער טאָג, ווען דער שטאָט ניו־יאָרק וועט ווײלן אַ גוווערנאָר, דערנענטערט זיך, און קאַטש דאַרף זיך קאַטשען ווײַטער: אַראָפּ און אַרויף מיט די יו־ען־טרעפּ, און שאַט, אַ נײַע אידיע! אַף דער יעשאַיע־וואַנט, אַפּן ראַג פון דער 43־ער גאַס און דער ערשטער עוועניו, זײַנען, ווי באַוווּסט, אויסגעקריצט די ווערטער פונעם נאָווי, אַז די מענטשן וועלן איבערשמידן זייערע שווערדן אין אַקער־אײַזנס. אין זכוס פון דעם דאָזיקן רוף האָט די אָרגאַניזאַציע פון די פאַרייניקטע נאַציעס אָנגענומען אַ רעזאָלוציע, אין וועלכער עס ווערט פאַרורטיילט דאָס אַנעקסירן מיצאַד ייִסראָעל, מיטן קויעך פון געווער, די סירישע גאָלאַן־הויכקײַטן. דער מעיאָר פון ניו־יאָרק, וואָס וויל אויסדינגען באַם ציִעניזם דעם מאַנדאַט פון אַ גובערנאַטאָר, איז אַרויס מיט אַ אײדל לאָשן: „די יו־ען איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מיסטקאַסטן", „די יו־ען איז אַ בייס האַקי־סיי", אַ קלאָזעט, הייסט עס... און ער האָט געמאָלדן, אַז ער לייענט איצט יעדן טאָג אַ קאַפּיטל פון טאַנאַך, זוכנדיק אַן אַנדער פּאָסעק, קעדיי צוגעבן אים אַף יעשאַיעס וואַנט צום אויבנדערמאַנטן וועגן וועלט־שאַלעם און פעלקער־פרײַנטשאַפט...

וועלכן פּאָסעק וועט דער סקאַנדאַליסט צוגעבן? דערווײַל איז נאָך ניט באַוווּסט, אָבער דער געלער „פאָרווערטס" זאָגט אים שוין אונטער: „ס'איז צו האָפן, אַז מעיאָר קאַטש וועט זיך אָפּשטעלן אַפן פּאָסעק פון טילים קמ"ד, פּסוק יי"א, ווו דאָוויד האַמעלעך האָט מיט קאַס געזאָגט: זייער מויל (דאָס מויל פון די פעלקער פון דער וועלט, וואָס רופט אָפּצושטעלן די גאַזלעוואַיעס פונעם ציִעניזם בעגנייע אַנדערע פעלקער. — רעד. „סאָוועטיש היימלאַנד") רעדט פאַלשקײַט און זייער רעכטע האַנט איז ליגן".

דער אין טיפּשעס פאַריסענער מעיאָר, וועלכער גייט אונטער צו זײַן אַ פּערסאָנאַזש פון סאַלטיקאָוו־שטשעדרינען — אַ מין גאָראָדניטשי אין די פּראָווינציעלע מעקוימעס, האָט זיך אַרומגערינגלט מיט אונטערלעקער, וועלכע זאָגן אים שוין צו די קרעסלע פון וויצע־פּרעזידענט און שיר ניט — פּרעזידענט פונעם לאַנד. „עס איז גוואַלדיק שווער צו קעגנשטעלן זיך דעם דרוק פון מענטשן, וואָס זאָגן דיר שטענדיק ווי גרויס דו ביסט" — מורמלט אונטער איינע אַ מיריאַם באַקמאַן, אַ מענטש פון זײַן סוויווע. דערווײַל „וויל נאָך ניט" קאַטש זײַן פּרעזידענט פון די פאַרייניקטע שטאַטן, „אָבער איר קענט דאָך אים, — זאָגט פאַר מיריאַם, — ווען ער וועט מאַכן דעם באַשלוס, וועט עס ניט האָבן קיין שום שײַכעס מיט דעם, וואָס ער האָט פריִער געזאָגט"...

עס לאָזט זיי גריסן די לודמירער מויד

אין סאָף פונעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט זײַנען אויפגעקומען און האָבן זיך פאַרשאַרפט ביז גאָר קאָמפּליצירטע גלאָבאַלע פּראָבלעמען. ווו נעמט מען נײַע ענערגיע־קוואַלן? נאַפט ווערט ווייניקער און ווייניקער! עפשער אײַנשפּאָרן די זון? נו, און מיקויעך אָפּהיטן אונדזער מאַמע־ערד, זי זאָל ניט ווערן אַ מידבער?— דאָס איז שוין ניט קיין טעאָריע, ערגעץ־ווו האַקט מען הײַנט אויס די לעצטע וועלדער, גאַנצע זאָאָלאָגישע מינים פאַרשווינדן, שטאַרבן אויס, די ערד ווערט אָן אַקאָרע!

און נאָך אַ סאַך אַזעלכע דײַגעס זײַנען צוגעשטאַנען צו דער וועלט און לאָזן זי ניט אָפּ.

אויך די ייִדן זײַנען אַרײַנגעצויגן אין כאַראַקטעריסטישע פאַר אונדזער וויסנשאַפטלעך־רעוואָלוציאָנערער צײַט גלאָבאַלע פּראָבלעמען.

אָט נעמט, לעמאָשל, דאָס ייִדישע ניו־יאָרק. איר ווייסט גאָר ניט, וואָס דאָרט טוט זיך! מע ברעכט זיך די מויכעס. מע זוכט אַן אויסוועג. די לופט אין די עטלעכע ניו־יאָרקער „הויפן" איז פול מיט שטורעם. ס'איז ניטאָ קיין צײַט — דער יאָרהונדערט פאָדערט אַן ענטפער!

עס גייט אַ הייסע, אַ גווירלדיקע דיסקוסיע. ווייניק צו זאָגן, אַז ס'זײַנען פאַראַן כלוקעדייעס. עס קומט פאָר אַ ראַנגלעניש, אַ רײַסעניש! עס מיִען זיך אָן אופהער אַרגומענטאַטאָרן, דעבאַטאַנטן, באַר פלוגטעס, סילאָגיסטן, סאָפיסטן, פשעטל־זאָגער, דרייער מיטן גראָבן פינגער, באַלמאַכלויקעסן, באַלדאַרשאָנים, פּילפּוליסטן, האָרשפּאַלטער, מוישע קאַפּויערס, באַלכאַלוימעסן. עס ווערן געלאָזט אין גאַנג באַוואָרענישן, לעמע־און־דעלימע, שטאַרקער פונקט, שוואַכער פונקט, פּראָ און קאָנטרע. מע איז ניט פויל דורכלופטערן אַ פראַגע, נעמען אַ שטעלונג, ווערן אַ צאַד, שפּאַרן זיך ווי אַ באָק, ווי צוויי אַף אַ קלאַדקע, דינגען זיך, טיִצן דעם גראָבן פינגער, כאַקרענען זיך פאַרדרייען די פראַגע, כאַכמענען זיך, גלאַט אין דער וועלט, לאָזן אין גאַנג אַזעלכע גלײַקע ווערטער, ווי בעקיין־אובעכיין, אַלזאָ, דערימעך, אַל־קיין, נעמענדיק אין באַטראַכט, פאַלגלעך, אַזוי ערנאָך, אַלפּי סוואַרע, דער סייכל איז מיסכײַעוו...

וואָסי?

דער יאָרהונדערט, ווי געזאָגט, פאָדערט אַן ענטפער: צי מעגן ווײַבער טראָגן טאַליסים?

וואָס שמייכלט איר? ניין, איר האַלט זיך שוין בא די זײַטן. אײַ, הערט אויף צו לאַכן, וועלן מיר אײַך באַווײַזן, אַז דער איניען איז ניט אַזאַ פּאַשעטער...

ווײַל ס'איז דאָך ניטאָ אין אונדזערע טעג קיין מער דרינגענדיקער איניען פאַרן יִדישן פאָלק, ווי אײַנפירן טאַלייסים פאַר ווײַבער. אָט זעט איר, דערווײַל איז עס נאָך ניט דערגאַנגען צום פאַרשטאַנד פון די פּאָשעטע באָסערוועדאָמס, נאָר נישקאָשע, די ניו־יאָרקער ראַבאָנים וועלן עס ווי־ניט־איז פּאַסקענען אַלייק.

אין דער פּערטליאָר־שריפט „אוטלוק", וועלכע ס'גיט אַרויס די אַמעריקאַנער „פרויען־ליגע פאַר קאָנסערוואַטיווער יִדישקײַט", איז אַרויסגעקומען דער ראָוו סאַנדבערג מיט אַ מײַמער „אַ טאַלעס פאַר פרויען", און אַ צווייטער ראָוו — פּאָראַט — האָט זיך לאַנג ניט געלאָזט בעטן און האָט אָפּגעענטפערט מיט זײַנעם אַ מײַמער, וועלכער רופט זיך אָן אַ ביסל אַנדערש — „אַ טפילע־בעגעד פאַר פרויען". האַקלאַל, ניטאָ וואָס צו זיצן דאָרט, פונויבן, און שושקען זיך וועגן שטוב־זאַכן בײַס די מאַנצבלען שושקען זיך אונטן מיטן ריבוינעשעלויעם. האָראַוו סאַנדבערג האַלט, אַז די ווײַבער דאַרפן זיך אויך פאַרוויקלען אין טאַלייסים און זיך ניט פוילן צו מאַכן אַ בראָכע. ער געפינט אָן אָנדײַט דערויף באַם נאָוואָגרודקער גאָען רעב יעכיעל־מיכל עפּשטיין אין זײַן סייפער „ערוך השולחן", און פון זיך גיט ער צו אַף אַ גאַנץ הײַנטצײַטיקן אויפן: „אין אונדזער געזעלשאַפט וואָלט שווער געווען צו געפינען אַ גרויסע צאָל זאַכן פון דער האַלבאָשע, וואָס זײַנען אויסשליסלעך מענעריש אָדער ווײַבעריש". אַ סימען האָט איר, אַז אויב ניט אַלײן די רעבעצן סאַנדבערג, טראָגט דאָך זיכער איר טאָכטער מענערשע הויזן, איז פאַרוואָס זאָל זי און די רעבעצן אַלײן און ביכלאַל אַלע יִדישע ווײַבער ניט אַרופּציִען אַף זיך אַ טאַלעס, און עפּשער טאַקע, מיט דער צײַט, אויך טפילן, און זיך ניט אוועקשטעלן לויט אַלע קלאָלים צו דאַווענען?

האָראַוו פּאָראַט איז ניט מאַסקים: „דאָס בײַטן זיך פון מאַנצבלען און פרויען מיט זייער האַלבאָשע איז גילטיק בלויז אין סאָציִאַלן (שטייגערישן) זין, ניט אינעם האַלאָכישן". איז וואָס זשע טוט מען? דער רעבע האָט באַפוילן, און אַ טפילע־בעגעד, ספּעציִעל אַ ווײַבערשער, איז צוגעטראַכט געוואָרן. האָראַוו יאָנאַטאַן פּאָראַט האָט אַפילע פאַר אים אַ מאָדערנעם נאָמען — דאַווענינג גאַרמענט, וועלכער וועט אויך האָבן פיר עקן און ציצעס, נאָר וועט באַפרײַדיקן דער פרויס „שפּירעוודיקײַט צו מאָדע". ווו נעמט מען שאָלעם־אַלייכעמען, ער זאָל אַרײַנלייגן אין מויל פון מאָטל פּייסיס דעם געהעריקן קאָמענטאַר צום דיוועניִנג גאַרמענט...

דערווײַל גיבן מיר אַ ספּראַווקע:

אין מיטלאַלטער פלעגט מען טרעפן אין דײַטשלאַנד פרויען, וועלכע האָבן געטראָגן טאַלייסים. די באַרימטע וואָלינער כסידים־רעבעצן כאַנע־ראָכל ווערבערמאַכער — די מויד פון לודמיר — האָט געדאַוונט אין אַ טאַלעס.

די הײַנטיקע אָבסקוראַנטן זײַנען, הייסט עס, ניט אָריגינעל. עס לאָזט זיי גריסן די לודמירער מויד.

דער צווייענדיקער צוגאַנג צו „צווייענדיקער בירגערשאַפט"

די צווייענדיקע בירגערשאַפט, וועלכע ס'האָט פּראָקלאַמירט פאַר יִדן אין די „גאָלעס"־לענדער דער ציִעניזם, באַטײַט, אַז יעדער יִד, וועלכער איז געבוירן געוואָרן און לעבט אין פראַנקרײַך, צי אין מעקסיקע, צי אין די פאַרייניקטע שטאַטן, צי אין סאָוועטנפאַרבאַנד, קאָן אין דער זעלבער צײַט זיך רעכענען פאַר אַ בירגער פון יִסראָעל, דאָס הייסט — ער קאָן האָבן צוויי פּאַספּאָרטן פון פאַרשיידענע, אַפילע פײַנטלעכע צווישן זיך מעלוכעס, וואָס עס באַטײַט, אַז ער האָט געשווירן טרײַשאַפט דער פאָן סײַ פון איינער, סײַ פון אַ צווייטער און איז פרײַ אַרויסצווײַזן טאָפּלטע מעלוכע־לאָיאַלקײַט.

ווען די קנעסעט האָט אָנגענומען אַ ספּעציִעלן געזעץ, וועלכער האָט אונטערגעפירט אַ „יורידישן" באַזיס אונטער אָט דער מער ווי צווייפלהאַפטער אײַנשטעלונג, איז עס אויפגענומען געוואָרן, ווי אַ מיטל אַרײַנצונאַרן יִדן קיין יִסראָעל, פאַרבינדנדיק זיי מיט דער מעדינע צוערשט אַף אַן עמאָציִאָנעלן, נאַציִאָנאַליסטישפילבאַרן און אײַנצײַטיק, דוכט זיך, ווייניק פאַרפליכטנדיקן אויפן, אָבער אינגיכן פאַרכאַפּנדיק זיי אין אַ נעץ פון גוירלדיקע היסכײַוועסן.

דער ציִעניזם האָט דאָ אַרויסגעוויזן זײַן פאַרינטערעסירטקײַט אין צעקריגן די יִדן מיט די פעלקער אין די פאַרשיידענע לענדער, קעדיי מיט דעם אַרויסרופן אַ נײַעם אויפשטײַג פונעם אַנטיסעמיטיזם, אַ פאַרדאַכט, אַז יִדן זײַנען ניט קיין פּאַטריִאָטן פון די מעלוכעס, ווו זיי וווינען, אָדער, נאָך מער — זיי זײַנען אַנטיפּאַטריִאָטיש, וואָס עס מוז סאָפּקאָלסאָף ברענגען צו אַ מאַסן־אַליִע.

אַזאַ איז דער „סייכל", וואָס איז אַרײַנגעטאָן אין דער אידיי פון דער אַזויגערופענער צווייענדיקער בירגערשאַפט. ווי באַוווּסט, האָבן די מערהײַט יִדן אָפּגעוואָרפן די דאָזיקע פאַרנאַרערישע שאַדכאָנעס פון דער קנעסעט, און די געזונטע אָרגאַניזירטע קויכעס אין דער יִדישער סוויווע, וועלכע ווייסן די גרויסע ווערט פון פעלקער־פרײַנטשאַפט און פון פּאַטריִאָטישע געפילן בענעגייע די געבורט־לענ־

דער, האָבן אַקטיוו זיך קעגנגעשטעלט דעם גע־פערלעכן שווינדל. דער ציִעניזם אָבער זעצט פאָר ביז הייַנט־צו־טאָג פּראָפּאַגאַנדירן און לויבן דעם געזעץ פון צווייענדיקער בירגער־שאַפט פאַר די ייִדן פון דער וועלט.

און דאָ האָט געטראָפן אָט וואָס. דער זיכער־הייַט־מיניסטער אין דער בעגין־אַדמיניסטראַ־ציע אַריק שאַראָן האָט צוליב געוויסע טייַמים באַשטימט אייַנלאַדן פאַר זייַנעם א געהילף־באַאַמטן א ייִדן פון ניו־יאָרק, וועלכער האָט, לויט דעם אייַנגעפירטן פון דער קנעסעט גע־זעץ, געהאַט רעכט אַף צווייבירגערשאַפט און, הייסט עס, אַף פאַרנעמען א מעלוכע־פּאָסטן אין ייִסראָעל, ווויִנענדיק אין אַמעריקע. פאָרמעל איז עס טאַקע אַזוי, אָבער פאַקטיש? פאַקטיש האָט זיך גענומען פאַנאַנדערוויקלען א פאַר־קערטע „לאָגיק“.

„אויב דו פאַרקנאַסט זיך צו ערעץ־ייִס־ראָעל,— האָט געשריבן די צייַטונג „דאַוואַר“,— קאָנסטו ניט אָנהאַלטן אין אַזאַ כאַסענע קיין בי־גאַמיִע, קיין זייַטיקע פאַרבינדונג מיט א צווייט פאָטערלאַנד“...

עס ווערט באַשייַמפערלעך די שפּיל: צו־ערשט יאָ פאָטערלענדישע ביגאַמיִעווען — ווען מע דאַרף דעם „גאָלעס“־ייִד אַרייַנכאַפּן אין דער ספערע פונעם „ייִסראָעלדיקן פּאַטריאָטיזם“, צובינדן אים צו א מעלוכע, וואָס האָט אים ניט אופגעצויגן און ניט געהאָדעוועט, ווו ער איז ניט געבוירן געוואָרן און קיינמאָל דאָרט ניט געווען; אָבער ווי נאָר דער נייַער בירגער וויל האָבן א דייִע און אויך רעכט, זאָגט מען אים „לוי“, ביגאַמיִע ווערט פּאָסל, די געטריַישאַפט צום געבורט־לאַנד פונעם ייִדן, וואָס האָט דאָס גאַנ־צע לעבן געהאַט בירגערשאַפט אין אַמעריקע, לעמאָשל, ווערט אַנולירט, און דער ייִד דאַרף אָדער עמיגרירן קיין ייִסראָעל, אָדער ייִסראָעל וועט אים גאָרנישט ניט אָנטרויען.

אַזוי האַנדלען די הייַנטצייַטיקע כאַפּערס פון מענטשן מיטן ציל צו אויסנוצן זיי אין דער פאַרווירקלעכונג פון גלאָבאַלע אַוואַנטורעס.

■

בראָניק

צום אָנדענק פון יויעל לינקאָווסקי

מיט א פאַרשפּעטיקונג האָבן מיר באַקומען די טרויעריקע ידיִע, אַז אין בוענאָס־אייַרעס איז געשטאָרבן יויעל לינקאָוו־סקי — דער לאַנגיאָריקער פּראָ־גרעסיווער געזעלשאַפטלעכער און קולטור־טוער, א גלענצנדיקער זשורנאַליסט, שעף־רעדאַקטאָר פון דער צווייוועכנטלעכער פאָלקס־אויסגאַבע „אונדזער לעבן“.

יויעל לינקאָווסקי איז געווען אין מעשעך פון יאָרן דער רע־דאַקטאָר פון א רייַ זאַמלביכער און אַנטאָלאָגיִעס. צווישן זיי — די אויסגאַבע „50 יאָר ייִדישע פּראָג־רעסיווע פּרעסע אין אַרגענטינע“, „40 יאָר סאָוועטנפאַרבאַנד“ און אַנד. ער האָט אויך געווידמעט פיל צייַט די איבערזעצונגען אַף ייִדיש פון אַנדערע שפּראַכן, דעריקער פון דער סאָוועטישער פילנאַציאָנאַלער ליטעראַטור. צו זייַן 80־יאָריקן יובילײ איז אַרויס־געגעבן געוואָרן אין שפּאַניש אַן אָפּקלייַב פון זייַנע שריפטן.

דער טויט פונעם איבערגעגע־בענעם קולטור־געזעלשאַפטלעכן טוער איז א שווערער פאַרלוסט פאַר די ייִדישע פּראָגרעסיווע קוי־כעס אין אַרגענטינע.

„סאָוועטיש היימלאַנד“ דריקט אויס טיפן מיטלייַד אין שייַכעס מיטן טויט פון יויעל לינקאָווסקין.

■

9—1395

קינסטלער גריגאָרי פריד

(זע דאָס ארטיקל אף דער זײַט 163)



פּאָרטרעט פון יאנוש קאָרטשאַק



אווטאָפּאָרטרעט

א זאַקן

טרויער איבער די
געפאלענע

דער מאַמעס פּאָרטרעט

א הויף



די צעעפנטע טיר



אין שטאָט

עס ווערט פאַרגעזעצט דער שמועס, וואָס «סאָוועטיש היימלאַנד» האָט אָנגעהויבן

„סאָוועטיש היימלאַנד" האָט שוין ניט איין מאָל אופמערקזאַם געמאַכט דעם לייענער אַפן פאַרברעכערישן אַליאַנס צווישן דער ציִעניסטישער רעאַקציע און דער אוקראַיִנישער נאַציאָנאַליסטישער עמיגראַציע, וועמענס הענט עס זײַנען אײַנגעטונקט אין בלוט פון ייִדן. די פאַרעפנטלעכטע אַרום אָט דער פראַגע מאַטעריאַלו (וולאַדימיר בעליאַיעוו „דער מיטראָפּאָליט אַנדריי שעפּטיצקי און דער ראָוו דאַוויד קאַהאַנע", נום. 12, 1977 אַא.) האָבן אַרויסגערופן אַ גרויסע צאָל בריוו אין רעדאַקציע. די לייענער בעטן, ס'זאָלן פאָרגעזעצט ווערן אַזעלכע פּובליקאַציעס.

עס האָבן זיך פאַרברידערט דער פּאָליצײַ מיטן פּראָוואָקאַטאָר

ווען דו לייענסט אין דער אויסלענדישער פּרעסע די מיטיילונגען וועגן דער איינהייט פון די ציִעניסטן מיט די אוקראַיִנישע בורזשואַזע נאַציאָנאַליסטן, קומט אַפן געדאַנק דאָס ווערטל: „איין פישער זעט דעם צווייטן פישער נאָך פונדערווײַטן". די געוועזענע בלוטיקע פײַנט מעלדן אַלץ אָפטער וועגן זייער איינהייט, און, דורכמאַכנדיק פאַלשע עקסקורסן אין דער געשיכטע, פּרווון זיי „וויסנשאַפטלעך" אָפּזוכן די אורקוואַלן פון אַזאַ מין דערנעענטערונג.

די אורקוואַלן זײַנען אָט וועלכע. אין דער צײַט פונעם בירגערקריג האָבן די פּעטליוראָווצעס צוזאַמען מיט די דעניקינצעס געטייט אין אוקראַיִנע קימאַט 180 טויזנט ייִדן. איינער פון די נאַציאָנאַליסטישע רעדלפירער מישיאַניטש האָט אין זײַן בוך „די בויונג פון דער נאַציע" מיט אַ פּאַטאָלאָגישן האַס באַהויפּטעט, אַז די ייִדן זײַנען „פײַנט פון דער אוקראַיִנישער נאַציאָנאַלער אידיי... דאָס ייִדנטום איז אונדזער סוינע אײַנווייניק בײַ אונדז, זיי שעדיקן און וועלן שטענדיק שעדיקן".

און שוין באַזונדערס שטאַרק האָבן זיך צעלאָזט די נאַציאָנאַליסטן אין די טעג פון דער פאַשיסטישער אָקופּאַציע. אָט זײַנען בלויז צוויי אַרויסזאָגונגען, וועלכע איך האָב גענומען פון די נאַציאָנאַליסטישע שאַנד־בלעטער פון יענער צײַט: „ווער עס שלאָגט אַ מאָסקאַל, אַ ליאַך, צי אַ ייִד, דער איז אונדזער פאַרבינדעטער". „אַפן טאָג־סיידער — די אַקציע פון פולקומער פיזישער פאַרניכטונג פון די ייִדן, דערפאַר ווײַל די ייִדן — דאָס זײַנען די פײַנט פון דער ציוויליזאַציע און קולטור פון די הויכע (!) ראַסן".

איז וועלכע דאַרף מען נאָך דעם האָבן כוצפע, קעדיי מע זאָל אין אונדזערע טעג מעלדן אין דעם אויסלענדישן בלעטל «ГомІн УкраІни» באַשײַמפּערלעך אַזוינס: „יעדערער פון אונדז, ווען ער הערט וועגן אַוועלכן־ניט־איז אַנטיסעמיטיזם צווישן די אוקראַיִנישע נאַציאָנאַליסטן, פרעגט מיט וווּנדער: אַף וועלכן גרונט, אַפן גרונט פון וועלכע דאָקומענטן און פאַקטן קאָן עמעצער אונדז באַשולדיקן אין אַזוינע פאַרברעכנס, וועלכע מיר האָבן ניט געהאַט?" אָבער פאַקטן און דאָקומענטן זײַנען פאַראַן גאַנצע בערג — אין דער אײַלעניש איבערגעלאָזטע, ווען די פאַשיסטן זײַנען געלאָפן צוזאַמען מיט זייערע פרײַנט פון לוואָוו. די דאָזיקע מאַטעריאַלן געפינען זיך איצט אינעם לוואָווער אַרכיוו.

אין לאָנדאָן, צווישן די „דעמאָנסטראַנטן", וועלכע האָבן געפּילדערט בײַ דער סאָוועטישער פאָרשטייערשאַפט וועגן „רעכט פון מענטשן" און „צווישנפעלקערלעכן טעראָריזם", האָט מען ביז דער לעצטער צײַט געקאָנט באַמערקן אַזאַ מין קאָמישן זאַקן מיטן נאָמען — מיכאַיִל סולימאַ. דאָס איז איינער פון די אַקטיוויסטן פונעם „פאַרבאַנד פון די אוקראַיִנצעס אין בריטאַניע", אַ גרויסער „ספּעציאַליסט" אין פראַט פון פאַרניכטן מענטשן־רעכט און טעראָריזירן אומשולדיקע מענטשן. אין די אַרכיוון זײַנען פאַרבליבן די באַריכטן פון אָט דעם „געזעלשאַפטלעכן טוער", צוגעשטעלטע פאַר דעם פּאָליציי־קאָמיסאַריאַט פון לוואָוו. פון זיי איז צו זען, אַז דעם 14 אויגוסט פון 1942 יאָר האָט ער אַף דער שמײַכער־גאַס דערהאַרגעט אַ ייִדן און בײַ דעם הויז נומ. 26 פון דער זעלבער גאַס דערשאָסן אַ ייִדישע פרוי,

און אַף דער גאַס זשיראָמני, 18 — איין פּרוּוו שווער פאַרוווּנדעט, די צווייטע — דערהאַרגעט.

אין זײַן באַריכט פאַרן 15 אויגוסט 1942 טײלט מ. סולימאַ מיט זײַן שעף, אַז אַף דער גאַס נענסקי, 8 האָט ער פּערזענלעך געפונען אַזאַ אָרט, וווּ עס האָבן זיך באַהאַלטן 18 ייִדן. איין פּרוּוו האָט ער דערשאָסן, די איבעריקע 17 האָט ער אָפּגעפירט אין פּאָליציי־קאָמיסאַריאַט. מע וואָלט געקאָנט באַווײַזן אויך אַנדערע באַריכטן פונעם פאַרברעכער סולימאַ, נאָר געוויס איז אויך דאָס גענוג.

און אָט איז אַ כאַראַקטעריסטיק פון אָט דעם סאַדיסט, וועלכע ס׳האָט געגעבן אים זײַן געוועזענער מיטאַרבעטער וו. ראָמאַנטשוק:

— איך האָב געקענט מיכאיל סולימאַן אין פּעריאָד פון אונדזער בײַדנס דינסט אינעם ערשטן קאָמיסאַריאַט פון דער אוקראַיִנישער פּאָליציי אין לוואָוו. סולימאַ האָט אָנטײלגענומען אין די ייִדישע אַקציעס און בײַס אָט דער אַרבעט זיך שטאַרק איזדיעקעוועט איבער די ייִדן.

סולימאַ איז געווען אַף אַזויפיל בלוטדורשטיק, אַז אַפילע די פאַשיסטן האָבן געקוקט אַף אים מיט כידעש.

און אָט איז נאָך איין געשיכטע, וועלכע באַזירט זיך אַף אָפיציעלע דאָקומענטן. ניט לאַנג צוריק האָט אַ רעפּאָרטיאָר פון דער אַמעריקאַנישער צײַטונג „טײַמס געראַלד רעקאָרד“ דערציילט זײַנע לייענער וועגן איינעם, וואָס לעבט אינעם ייִשעוו קערגאָנגסאָן — וולאַדימיר אָסידאַטש, אַן אַקטיוויסט פון דער דאָרטיקער נאַציאָנאַליסטישער אָרגאַניזאַציע און אַ „קעמפער פאַר די רעכט פונעם מענטשן“. די טעטיקײַט פון אָט דעם באַשיידענעם בירגער פון אַמעריקע איז גענוג פּינקטלעך באַוויזן אין דער דאָסיע נום. 559, וועלכע די זשורנאַליסטן האָבן אַרויסבאַקומען פונעם אַרכיוו. דאָרט זײַנען פאַראַן אַזעלכע שורעס: „וולאַדימיר אָסידאַטש איז געבוירן דעם 12 יול 1904 אין דער שטאָט בערעזשאַני. ער איז געווען האַופּטוואַכמײַסטער פון דער פּאָליציי־קאָמאַנדע אין דער שטאָט ראַווא־רוסקאַיאַ, לוואָווער געגנט, דאָס הייסט איינער פון די פינף אָנפירנדיקע טוער פון דער ראַווא־רוסקער פּאָליציי, וועלכע האָט אָנגעציילט אין איר באַשטאַנד 125 פּאָליצײַען. דער געהאַלט באַ וו. אָסידאַטשן איז געווען 600 מאַרקעס. ערעוו זײַן קומען אַף אַרבעט אין דער ראַוואַ־רוסקער פּאָליציי האָט וולאַדימיר אָסידאַטש זיך געלערנט אין דער פּאָליציי־שול אין לוואָוו פונעם 1 נאָיאַבער 1941 ביזן 31 יאַנוואַר 1942. ער האָט אָנטײלגענומען אינעם פאַרניכטן די ייִדן אין דער שטאָט ראַווא־רוסקאַיאַ“.

אַזעלכע דאָקומענטן און פאַקטן זײַנען פאַראַן פיל, אָבער עס ווילן זיי ניט באַמערקן די הײַנטיקע נאַציאָנאַליסטישע רעדלפירער אין אויסלאַנד. פאַרקערט, זיי באַמיִען זיך אָפּוואַרפן יעדעס שטיינדעלע, וואָס ליגט אָפן וועג צו שאַפן דעם בונד פונעם טרעזובעץ און דעם מאָגנדאָוויד. דער באַזיס פון אַזאַ בונד, זײַן פונדאַמענט — דאָס איז דער ווילדער האַס צו די אידייען פונעם קאָמוניזם, צום ראַטנפאַרבאַנד.

אין דער אַרבעט פון דער אַזויגערופענער „אוקראַיִנישער פרײַער אַקאַדעמיע“, וועלכע ס׳האָבן געשאַפן די געוועזענע בענדעראָווצעס, נעמען אַן אַקטיוון אָנטייל די ציִעניסטישע טוער מאַרגאָלין, ליכטען, פרידמאַן און אַנד.

מאַרגאָלין, צום בײַשפּיל, פירט אָן מיט דער „קאָמיסיע צו דערלערנען די געשיכטע פון די אוקראַיִניש־ייִדישע באַציִונגען“. די אויפגאַבע פון אָט דער קאָמיסיע איז — רעאַביליטירן די אָונאָווצעס, געבן אַ מעגלעכקײַט די ציִעניסטן מיטאַרבעטן מיט די אוקראַיִנישע בורזשואַזע נאַציאָנאַליסטן. די ציִעניסטן און די אוקראַיִנישע נאַציאָנאַליסטן אַרבעטן איצט מיט אין פיל ספערן פון זייער שמוציקער טעטיקײַט לויטן פּרינציפּ פון מאַקיִאַוועלי — „דער סוינע פון מײַן סוינע איז מײַן פרײַנט“. די נײַ־געוואָרענע פרײַנט פירן דורך צוזאַמען פּראָפּאַגאַנדיסטישע און דיווערסיע־אַקציעס, רופן אַרויס סקרייפּעס און אופרײַסן אין די געבײַדעס פון די סאָוועטישע אַנשטאַלטן אין אייניקע לענדער, גרייטן אַקטן פון טעראָר, שאַנטאַזשירן די סאָוועטישע אַרטיסטן מיט כוליגאַנישע אָנפאַלן, באַמיִען זיך אונטערצורײַסן זייערע אַרויסטרעטונגען. מיט דער הילף פון די אָונאָווצעס האָבן די ציִעניסטן געפּרוּווט אונטערײַסן די קאָנצערטן פון די באַוווּסטע סאָוועטישע מוזיקאַנטן סוויאַטאָסלאַוו ריכטער, דאַוויד אויסטראַך, לעאָניד קאָגאַן, לעוו אָבאָרין, וועלכע האָבן גאַסטראָלירט אין פּשאַ. די נאַציאָנאַליסטישע רעדלפירער אָרגאַניזירן דעמאָנסטראַציעס צו „פאַרטיידיקן די געליטענע סאָוועטישע ייִדן“.

דער זשורנאַלטשיק «УкраІнский квартальник» פאַרעפנטלעכט אָפט אַף זײַנע שפּאַלטן מאַטעריאַלן „וועגן דער ייִדישער פראַגע אין סאָוועטנפאַרבאַנד“. פון זייער זײַט, נעמען אויך די שטורמאָוויקעס פון דער „ליגע פון פאַרטיידיקן די ייִדן“ אַן אַקטיוון אָנטייל אין די פּראָוואָקאַציעס, וועלכע עס אָרגאַניזירן די באַנדעראָווצעס לעבן דער פאָרשטייערשאַפט פון דער אוקראַיִנישער סאָוועטישער רעפּובליק אין דער אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניקטע נאַציעס. דער „פירער“ פון אָט דער ליגע מעיִר קאַהאַנע האָט געגעבן אַ הויכע אָפּשאַצונג די געמיינזאַמע כוליגאַנישע אַקציעס פון די אָונאָווצעס און ציִעניסטן. דאַ ניט לאַנג האָט די באַנדעראָווישע צײַטונג «Шлях перемоги» מיט באַגײַסטערונג מיטגעטיילט: „די ייִדן (לייען — ציִעניסטן. — נ. ט.) האָבן אין מעשעך פון די לעצטע עטלעכע טעג דורכגעפירט פילצאָליקע דעמאָנסטראַציעס קעגן פּססר, זיי האָבן געוואָרפן עטלעכע באָמבעס אין די באָלשעוויסטישע הײַזער, רוסישע קאָמיסיעס און פירן דורך אַן אינטענסיווע פילזײַטיקע קאַמפּאַניע מיט דער פען און מיטן וואָרט, אַרײַנלייגנדיק אין איר אַ גרויסן קאַפּיטאַל“. און ווײַטער פרעגט די צײַטונג מיט אייפער: „און מיר טוען דען ניט ווייניקער?“ ווי ס׳איז צו זען, ווערט געפירט, ניט געקוקט אַף דער איינהײַט פון אידייען, אַ קאַמף צווישן די „פרײַנט“, ווער עס וועט מער באַווײַזן „אַרבעט“, ווער ס׳וועט בעסער דינען די באַלעבאַטים, ווער עס וועט, אַזויאַרום, אַרויסרײַסן דעם סאַמע פעטן קײַלעך.

איינער פון די אוקראַיִנישע בורזשואַזע נאַציאָנאַליסטישע לידערס וו. קוביעוויטש, ווענדנדיק זיך צו די ייִסראָעלדיקע שפּאַרבערס, האָט אַרויסגערוקט אַזאַ מין לייזונג: „די ייִדן (לייען — ציִעניסטן. נ. ט.) און די אוקראַיִנער (דאָ — נאַציאָנאַליסטן. — נ. ט.)

אַף אײביק אײנײנעם — קעגן אַראַבער און קאָמור־
ניסטן!״
קעדײ צו קאָאָרדינירן די אונטערײַסערישע טע־
טיקײַט פֿון די ציִעניסטן צוזאַמען מיט די אוקראַיִ־
נישע נאַציִאָנאַליסטן אין פּשאַ האָט מען אױסגעפֿו־
רעמט אַ שטענדיקע „קאָנפֿערענץ פֿון רונדן טיש״,
װוּ די ציִעניסטישע אולטראַ פֿון דער קאַהאַנע־באַנ־
דע און די פֿאָרשטײער פֿון אַנדערע אַזעלכע גרופּי־
רונגען צוזאַמען מיט די באַנדערישע גאָרגלשנײַדער
טײלן זיך מיט זײער דערפֿאַרונג אין געביט פֿון אַנ־
טיסאָװעטישער טעטיקײַט.

דער אָנפֿירער פֿונעם קאַנאַדער „ייִדישן קאָנ־
גרעס״ בען קײַפֿעל האָט אױך אַרױסגעזאָגט די גרײט־
קײַט זיך צונױפֿרײדן מיט די אוקראַיִנישע נאַציִאָנאַ־
ליסטן װעגן „דורכפֿירן געמײנזאַמע אַקציעס״. דער
ראָװ סלעניס איז דער שטענדיקער פֿאָרטרעגער
אינעם טאָראָנטער קלוב פֿון די אָונאָװוצעס „סאָקאָל״.
אױך די אוקראַיִנישע נאַציִאָנאַליסטן אין ענגלאַנד
שאַפֿן איצט אַ „קאָמיטעט פֿון אוקראַיִניש־ייִדישע
פֿאַרבינדונגען״.

בײַס אײנער אַזאַ טאָראַראַם־צונױפֿקומעניש אין
ניו־יאָרק, װוּ מע האָט אָפּגעמערקט דעם אָרדנטלעכן
יובילײ פֿונעם אַזױגערפֿענעם „אַנטיבאָלשעװיסטישן
בלאָק פֿון פֿעלקער״ האָבן זיך געהערט געשרײען
מיט פֿאָדערונגען״ — צערײַסן מיט פּסר און מיט די
לענדער פֿון דער סאָציִאַליסטישער סיסטעם אַלע
פֿאַרבינדונגען, מעלדן אַ קרײץ־צוג קעגן די באָל־
שעװיקעס. װעגן דעם זעלבן גװאַלדעװען די ציִע־
ניסטן אַף זײערע סכאָדקעס.

נאָר דאָס װױען פֿון די שאַקאַלן װעט ניט פֿאַר־
הילכן די שטים פֿון עמעס און סײכל. ניט די אונ־
טערײַסערישע ראַדיִאָסטאַנציעס, װעלכע זײַנען אָנגע־
צילט אַף אונדזער לאַנד, ניט די ביכלעך־פּאַסק־
װילן, װעלכע עס פּרוּװן דורכשלעפּן דורך אונדזערע
גרענעצן די עמיסאַרן פֿון די אױסלענדישע אַנטיסאָ־
װעטישע צענטרען, װעלן קײנעם ניט אָפּנאַרן און
אַף זיכער שױן װעלן זײ ניט „צעװאַשן״ דעם סאָ־
ציִאַליזם, װעגן װאָס מע טרוימט אָפּט אַזױ אַפֿן
מײַרעװו. עס װעלן ניט העלפֿן ניט קײן בלאָקן, ניט
קײן פֿאַרבאַנדן, אַפֿילע אַזעלכע, װי דער פֿאַרבאַנד
פֿון באַנדעראָװוצעס און ציִעניסטן. אַף דער סװאַלקע
פֿון דער געשיכטע װעלן זײ ליגן אין אײן קוטשע
מיסט.

מ. טאָראָפּאָװסקי,
לאַורעאַט פֿון דער פּרעמיע אַפֿן נאָמען
פֿון יאַראָסלאַװ גאַלאַן

כראָניק

נײַס פֿונעם מוזיקאַלן לעבן אין קעשענעװ

אַף אײנער פֿון די שפּעטערישע פֿאַרזאַמלונגען
אינעם קאָמפּאָזיטאָרן־פֿאַרבאַנד פֿון דער מאָלדאַװי־
שער סאָװעטישער סאָציִאַליסטישער רעפּובליק האָבן
דורכגעקלונגען זיבן מוזיקאַלע באַאַרבעטונגען פֿון
ייִדישע פֿאָלקסלידער פֿאַר אַ שטים און פֿאָרטעפּיאַנע.
דער אױטאָר פֿון די באַאַרבעטונגען — אַ יונגער קאָמ־
פּאָזיטאָר און פּיאַניסט, װלאַדימיר ביטקין — האָט
פֿאַר זיך געשטעלט אַ ניט לײַכטע אױפֿגאַבע: פֿולקאָם
פֿאַרהיטן אין די אָפּגעקליבענע פֿאָלקלאָר־מוסטערן
די אײגנאַרטיקע מעלאָדיעס, די כאַראַקטערישע ריט־
מיק, ניט אָנרירנדיק דעם בילדעריש־פּאָעטישן סײ־
דער פֿון די לידער. און זײ צוגעבן די הײַנטצײַ־
טיקע פֿאָרם פֿון אַן אַנטװיקלטער פֿאָרטעפּיאַנע־
פֿאַקטור.

גופֿע דער אױסװאַל פֿון די לידער (טײלװײַז גע־
נומענע פֿון מ. בערעגאָװסקיס זאַמלונג און טײלװײַז
פֿאַרשריבענע און דעשיפֿרירטע פֿונעם קאָמפּאָזי־
טאָר), זײער סוזשעטישע קאָנסעקװענטקײַט און דער
סײדער פֿון אױספֿילן זײ, האָבן אונדז אַרױפֿגעפֿירט
אַפֿן געדאַנק צו שאַפֿן אַ טעמאַטישן װאָקאַלן ציקל.
אין די באַאַרבעטונגען פֿון מ. ביטקינען זײַנען
באַװיזן געװאָרן לידער פֿון דער לירישער ליבע־
טעמע („איך האָב דיך ליב״, „דער קאָלאָמײער
באַדכן״, „שאַבעס נאָכן קוגל״, „דער רעבע עלימײ־
לעך״). פֿאַר דער סאָציִאַלער טעמע, װעלכע איז
פֿאַרבונדן מיטן אַלטן, אָרעמען שטעטל, איז כאַ־
ראַקטעריסטיש, לעמאָשל, די ליד „איז געװען אַמאָל
אַ פֿאַסטעכל״, װעלכע ציט זײער צו מיט איר טיפֿן
ליריזם. דער באַװוסטער פֿאָלקס־ליד „מײַן שטע־
טעלע בעלץ״ האָט װ. ביטקין מיט זײַנע אײגנאַר־
טיקע אַראַנזשיר־מיטלען צוגעגעבן אַ לאָקאַלן מאָל־
דאַװישן קאָלאָריט (אין דער פֿאָרטעפּיאַנע־סאָלאָ
פּירט ער אַרײַן אינטאָנאַציעס פֿון דער באַװוסטער
„מאָלדאַװאַניאַסקו״).

די לידער אין װ. ביטקינס באַאַרבעטונגען האָט
מיט גרױס מײַסטערשאַפֿט און מיט אַ פֿילבאַרן סטיל
אױסגעפֿילט דער פֿאָלקס־אַרטיסט פֿון דער רעפּו־
בליק, דער סאָליסט פֿונעם מאָלדאַװישן טעאַטער פֿון
אָפּערע און באַלעט באָריס ראַיִסאָװ (פֿאָרטעפּיאַנע־
אַקאָמפּאַנימענט פֿון סערגײ בענגעלסדאָרף). דעם
זינגער האָט באַזונדערס זיך אײַנגעגעבן אונטערצו־
שטרײַכן די כאַראַקטערישע פֿאַר די פֿאָלקסלידער
קאָלאָריטפֿולע שטײגער־בילדלעך, „אױסקלעפּנדיק״
מיט דער פּינקטלעכקײַט פֿון אַ סקולפּטאָר די כאַ־
ראַקטער־געשטאַלטן, קוידעמקאָל אינעם הומאָרי־
סטיש־גראָטעסקאָװן פּלאַן. אין דער זעלבער צײַט
פֿילט ראַיִסאָװ זײער אײדל די ליריק פֿון דער ליד.
אין זײַן אױספֿילונג שפּירן זיך, אַזױאַרום, ניט בלױז
זײַן נאַטירלעכע מוזיקאַלישקײַט, נאָר אױך זײַן גרױ־
סע סצעניִשע דערפֿאַרונג.

אין דער באַהאַנדלונג פֿון די נײַע באַאַרבעטונגען
פֿון ייִדישע פֿאָלקסלידער האָבן זיך באַטײליקט פֿיל
קאָמפּאָזיטאָרן, מוזיק־פֿאָרשער, געסט פֿון רעפּובלי־
קאַנישן קאָמפּאָזיטאָרן־פֿאַרבאַנד. װעגן די הױכע קינ־
סטלערישע װערטן פֿון װ. ביטקינס אַרבעטן האָבן
גערעדט דער פֿאָלקס־אַרטיסט פֿון דער מאָלדאַװי־
שער רעפּובליק, לאַורעאַט פֿון דער מעלוכע־פּרעמיע
ד. געאָרגיצע, דער פֿאַרדינסטפֿולער קולטור־טוער
פֿון מסר, לאַורעאַט פֿון דער מעלוכע־פּרעמיע װ.
זאַגאָרסקי, דער פֿאַרדינסטפֿולער קולטור־טוער פֿון
מסר ס. לונגול, די מוזיק־פֿאָרשער אָ. מאָסײקאָ,
יע. אַבראַמאָװיטש, דער קינסטלער יאַ. אָװערבוך
און אַנד.

די פאָטשט פון סאָוועטיש היימלאַנד 1982

אין אן איינהייטלעכער מישפּאָכע

לאָמיר אַרײַנקוקן אין דער רעדאַקציע־פּאָטשט פון די לעצטע טעג. איר אייגנאַרטיקײַט באַשטייט אין דעם, וואָס זי פאַרמאָגט א סאַך מאַטעריאַלן, געווידמעט דעם זעכציקסטן יאָרטאָג פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד.

אָט האַלטן מיר א פּאַקעט מיט א שטעמפּל פון דעם לענינגראַדער פּאָסטאַמט. אָפּלעבן נײַן הונדערט טעג אין א בלאָקירטער שטאָט — דאָס אַליין איז שוין אַן און פאַר זיך א העלדנטאַט. א מענטש, וואָס האָט איבערגעטראָגן אַזא מין אויספּרווו און מיט ווירדע אים אויסגעהאַלטן, פאַרדינט, מע זאָל אים שעצן, מע זאָל זיך צוהערן צו זײַן וואָרט. אונדזער קאָרעספּאָנדענט און לייענערן פרידע צאַלקינע געהער צו דער קאָהאָרטע לענינגראַדער טוישווים, מיט וועלכער דאָס פאָלק שטאָלצירט, צו וועלכער מיר באַציִען זיך מיט העכסטן דרעכערעק. בא פרידע צאַלקינע איז געווען גענוג צײַט צו באַקלערן איר לעבן. זי איז פעסט איבערצײַגט, אַז טראָץ אַלע ניסיוינעס און שוועריקײַטן, איז זי א גליקלעכער מענטש, א מאַזלדיקער. ס׳איז שוין דורכגעגאַנגען קימאַט א גאַנצער יאָרצענדליק פון יענעם טאָג, ווען פרידע צאַלקינע האָט אויף די שפּאַלטן פון דער צײַטונג „ביראָבידזשאַנער שטערן" דערציילט וועגן זיך, וועגן אייניקע פּראָטים פונעם לעבן אין לענינגראַד בייס דער מילכאָמע, ווען די פאַשיסטן האָבן באַלאַגערט די שטאָט. איצט האָט פרידע צאַלקינע צוגעשיקט א בריוו אין „סאָוועטיש היימלאַנד". איר געדאַנקענגאַנג האָט זיך פאַר אָט די לעצטע צען יאָר גרינטלעך ניט געענדערט. זי קלײַבט זיך אָנשרײַבן א פאַרצייכענונג וועגן דעם סאָוועטישן מענטשן אין לענינגראַד בייס דער בלאָקאַדע. און זי שרײַבט טאַקע גלײַך אַרײַן אין א העפטל אייגנאַרטיקע זיכרוינעס. מיר וועלן דאָ ברענגען עטלעכע אויסצוגן.

איצט, ווען אונדזער היימלאַנד גרייט זיך צום גרויסן און ליכטיקן יאָמטעוו — צום זעכציקסטן יאָרטאָג, זינט ס׳איז אויסגעבילדעט געוואָרן דער סאָוועטנפאַרבאַנד, קלינגען זיי גענוג הײַנטצײַטיק. פרידע צאַלקינע שרײַבט, אַז ווען מע פאַרטראַכט זיך איבער דער פראַגע — אין וואָס באַשטייט דער גרעסטער דערפאָלג פון די סאָוועטישע מענטשן פאַר אָט די יאָרן און ווו איז דער קוואַל פון אַלע אונדזערע זיגן, קומט מען צום אויספיר: די נאָבלסטע דעראָבערונג איז די לענינישע פעלקער־פרײַנטשאַפט, און טאַקע זי איז דער קוואַל פון די ניטוועלקנדיקע ניצחוינעס, וואָס דאָס סאָוועטישע פאָלק האָט אונטער דער אָנפירונג פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי אָפּגעהאַלטן אין די שלאַכטן און אין דער מי.

דער קויעך פון דער פעלקער־פרײַנטשאַפט, די טיפע טרײַהײַט פון די סאָוועטישע מענטשן צו זייער סאָציאַליסטישן פאָטערלאַנד האָבן זיך באַזונדערס שטאַרק אַנטפּלעקט אין די יאָרן פון דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע. פרידע צאַלקינע דערציילט: „יעדערער פון אונדז, וואָס האָט אין די יאָרן פון קריג געלעבט און געקעמפט, האָט פאַרהיט אין האַרצן אַפן גאַנצן לעבן אומפאַרגעסלעכע עפּיזאָדן פון יענער צײַט. מיר איז אויסגעקומען איבערצולעבן די טעג פון דער בלאָקאַדע אין לענינגראַד. אין דער לענין־שטאָט וווין איך פון 1934 יאָר. אין אָנהייב פון דער מילכאָמע איז מײַן מאַן, א קאָמוניסט פון 1922, פרײַוויליק אַוועק אַפן פראָנט, און איך האָב אים פאַרביטן אויף זײַן אַרבעטס־אָרט אַפן לענינגראַדער ערשטן אַוטאָרעמאָנט־זאַוואָד. אין 1943 בין איך אַרײַנגעטראָטן אין דער קאָמוניסטישער פאַרטיי. אַן ענלעכן גוירל האָבן געהאַט מײַנע כאַווערטעס.

קסעניע מאַקסימאָוונא סקימאַטאָווא האָט געטאָן אַפן זאַוואָד א באַשיידענע אַרבעט — אויף א וועגעלע אַרויסגעפירט מעטאַל־סטרוזשקעס פונעם צעך. פאַר מיר איז אָט די פּאָשעטע רוסישע פרוי געווען ווי אַן אייגענע שוועסטער. ס׳איז באַוווּסט, ווי שווער עס פלעגט דאַן זײַן: מע האָט געהונגערט, קיין שום טראַנספּאָרט איז ניט געווען, דערקלײַבן זיך אַפן זאַוואָד און צוריק אַהיים פלעגט מען צופוס, אָנטרעפנדיק זיך אין וועג אויף לופט־אַליאַרמען. טאָמער בין איך צוליב אָט די סיבעס צו דער צײַט ניט געקומען, האָט קסעניע מאַקסימאָוונא זיך שוין באַמרויִקט, מוירע געהאַט, מיט מיר זאָל עפּעס ניט טרעפן. געווינט האָט זי לעבן דעם זאַוואָד, פלעגט זי מיך אָפט ניט לאָזן גיין אַהיים און אָפּטרעטן מיר איר געלעגער, טיילן זיך מיטן לעצטן ביסן.

אונדז פלעגט מען דאַן אָפט שיקן אויף פאַרשיידענע אַרבעטן אַהין, ווו עס איז געווען נייטיקער. איינמאָל איז מיר אויסגעקומען א גאַנצע נאַכט אונטערטראָגן האָלץ פונעם ברעג פון טײַך סמאָלענקע, איבער א שמאָל בריקל, אַפן דאַמף־שיפל, וואָס

פלעגט געבן וואַרעמקייט דעם זאַוואָד. אינמיטן דער נאַכט, ווען דער קאָטשעגאַר אפן דאַמף־שיפל האָט דערזען, אַז איך שלאָג זיך אַרויס פון די קויכעס, האָט ער מיר געזאָגט:

— גיי רו זיך אָפּ, איך וועל אַליין אַלץ טאָן.

פון דעמלט אָן האָט ער גאַנצע נעכט אַליין געטראָגן דאָס האָלץ און אַזוי קאָטשעגאַרעוועט...

דער הונגער האָט געצוווּנגען, ניט קוקנדיק אַף דער טויט־געפאַר, וואָס עס האָבן געטראָגן דעם סוינעס אַרטילעריע און אַוויִאַציע, דערקלייַבן זיך צום זאַוואָדישן גאָרטן אַף קופּשטשינע, וועלכן מיר האָבן קאָלעקטיוו מיט די לעצטע קויכעס באַאַרבעט. לאַנגזאַם בין איך איינמאָל געגאַנגען אַהיים מיטן ביסל פרישן גאָרטנוואַרג אין זאַק אַף די פּלייצעס. דער וועג איז געווען אומגעהייער לאַנג, און די קויכעס — שוואַך. נאָך יעדע עטלעכע טריט האָב איך זיך געמוזט אָפּרוען. ס׳איז געווען אַ הייסער סאָפּזומערדיקער טאָג. ווען איך האָב שוין געמיינט, אַז כ׳וועל ניט בעקויעך זייַן גיין ווייַטער, האָט פּלוצעם לעבן מיר זיך אָפּגעשטעלט אַן אַרמייִשע לאַסטמאַשין, און די סאָלדאַטן, וואָס זייַנען אין איר געזעסן, כעוורע פון פאַרשיידענע נאַציִאָנאַליטעטן, האָבן מיך געפרעגט:

— אייַך וועט אייַנאָרדענען, אויב מיר וועלן אייַך דערפירן ביז דער סמאָלענסקער גאַס?

— פאַרשטייט זיך, טייַערינקע...

אין איין רעגע האָט מען מיך מיטן זאַק אויפגעהויבן אַף דער מאַשין. איך האָב געטראַכט: „ס׳איז ווירקלעכקייַט אָדער כאָלעם?" כ׳האָב נאָך ניט באַוויזן צונויפנעמען זיך מיט די געדאַנקען, ווי איך בין שוין געווען אפן אָרט... ווען איך זאָל דאַרפן טופען צופוס, ווער ווייסט, צי כ׳וואָלט דערגאַנגען?

קיינמאָל וועל איך ניט פאַרגעסן די רוסישע פּרויקסעניע מאַקסימאָוונא, דעם קאָטשעגאַר, די סאָלדאַטן פון יענער אַרמייִשער מאַשין"...

אין צוזאַמענהאַנג מיטן זעכציקסטן יאָרטאָג פון דעם סאָוועטנפאַרבאַנד האָט די אייַנוווינערן פון דער שטאָט קאָראָסטען, זשיטאָמירער געגנט אַף אוקראַיִנע, קלאַרע פאַקטאָראָוויטש צוגעשיקט אַ בריוו אין רעדאַקציע. דורך דעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד" וויל זי באַגריסן אונדזער סאָוועטיש פאָלק מיט דעם יוביל פון דער מעלוכע. קלאַרע פאַקטאָראָוויטש שרייַבט, אַז אין איר זיקאָרן און אין האַרצן „לעבן אַ סאַך אַדרעסן", וווּ זי איז געווען הערצלעך אויפגענומען. אין אַלע געגנטן פון סאָוועטנפאַרבאַנד, וווּ ס׳איז איר אויסגעקומען צו וווינען, האָט זי זיך געפילט ווי בא זיך אין דער היים. דאָס, וואָס עס האָט איבערגעלעבט קלאַרע פאַקטאָראָוויטש, איז גוט באַקאַנט די מענטשן פון איר דאָר, ווייַל איר גוירל איז געווען געגליכן צום גוירל פון פיל אַנדערע סאָוועטישע בירגער אין דער ערשטער העלפט פונעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. ווען ניט די סאָוועטישע רעגירונג, ווען ניט די פילנאַציִאָנאַלע פעלקער־מישפּאָכע, — ווער ווייסט, וואָס סע וואָלט פּאַסירט מיט איר און מיט טויזנטער אַזעלכע, ווי זי.

קלאַרע פאַקטאָראָוויטש דערמאָנט זיך: „אינעם זייער שווערן 1941 יאָר האָט די סאָוועטישע רעגירונג אָרגאַניזירט אונדזער עוואַקואַציע פון די ערטער, אַף וועלכע עס האָבן אָנגעגריפן די היטלעראָווצעס. מיך, צוזאַמען מיט אַ גרויסער צאָל מייַנע זעמליאַקעס, האָט מען עוואַקויִרט אַף צאָפן־קאַווקאַז. אַלע זייַנען מיר געווען באַטריבט, פאַרזאָרגט, געפאַלן בא זיך איבער די צאָרעס, וואָס האָבן זיך אָנגעוואַלגערט אַף דער היים און אַף יעדערן באַזונדער. ביז דער סטאַנציע ראַסשעוואַטקע האָבן מיר ניט געוווּסט, אַף וועלכער וועלט מיר זייַנען, דער שווערער וועג האָט אונדז שטאַרק אויסגעמאַטערט. טרעפט זיך אָבער אַמאָל מאַמעש אַ ליכטיק מייַסעלע: בא דער אייַזנבאַן האָט אַ גאַנצער יִשעוו אונדז באַגעגנט מיט קלעזמער... ביזן סאָף לעבן וועל איך געדענקען די כידושים פון יענער באַגעגעניש. דערנאָך האָט מען אונדז אוועקגעפירט אין דער קאַזאַקישער סטאַניצע נאָוואָ־אַלעקסאַנדראָווסקאַיאַ. אין פּאַרק זייַנען געווען צוגעגרייט געדעקטע טישן מיט פרישע קוילעטשן און מיט אַ מעכייַעדיקן וואַרעמען וואַרמעס. שפּעטער זייַנען אָנגעקומען פאָרשטייער פון די קאָלווירטן, און מע האָט אונדז אייַנגעאָרדנט, באַשטאַט מיט אַלץ. מיך מיט מייַן מוטער און מיט דער שוועסטער האָט גענומען צו זיך דאַריע באַבישעוואַ פון דעם קאָלווירט „סעוועראָוואָסטאָטשני". אַלע אָנגעקומענע האָבן שוין אַף מאָרגן געקאָנט אַרויס אַף דער אַרבעט.

אין 1942 האָב איך אין סטאַלינגראַדער געגנט גענומען אָן אָנטייל אין דער בויונג פון אַן אַעראָדראָם צווישן דעם דאָרף בעריאָזאָווקאַ און דעם כוטאָר באָלשאָי ליטשאַק. ווען איך דערמאָן זיך אין יענער צייַט, וואַכט אויף אין מיר אַ געפיל פון דאַנקבאַרקייַט צו אַרסעניטשן — זייַן פאַמיליע האָב איך פאַרגעסן, ווייַל אַלע אין דאָרף האָבן אים גערופן בלויז אַזוי, און מיט גרויס אָפּשיַ. אַלע מאָל פלעגט ער זיך אַרייַנכאַפּן אין צימער, וועלכן ער האָט אָפּגעגעבן די עוואַקויִרטע, און עפּעס־וואָס זיי ברענגען צו עסן. איינמאָל טראָגט ער אַרייַן אַ פולן עמער מיט שוואַרצע יאָדערן. „קנאַקט, — טוט ער אַ מאַך כיטרעוואַטע מיט צוגעזשמורעטע, רויטע פון שלאָפלאָזיקייַט, אויגן, — קנאַקט די יאָדערן, עס זאָל ניט זייַן אומעטיק"...

אין אָנהייב 1943 בין איך שוין געווען אין אַ טייל פון דער סאָוועטישער אַרמיי אפן סטאַלינגראַדער פראָנט. מע האָט מיר אַרויסגעגעבן אַלץ, וואָס עס קומט אַ סאָלדאַט, וואָס אַ סאָלדאַט דאַרף האָבן, נאָר די שיך מייַנע זייַנען געווען אַ ביסל גרויסלעך — אָנשטאָט דעם 35־טן נומער האָט מיר דער סטאַרשינאַ אויסגעטיילט דעם 43־טן, קיין אַנדער נומער איז אים אין קאַפּטיאָרקע ניט געלונגען אָפּצוזוכן. דער קאָמאַנדיר פון מייַן אָפּטיילונג פלעגט שמייכלען, ווען נאָך דער קאָמאַנדע „פּאָל־אָבאָראָטאַ נאַפּראַוואָ!", האָב איך און די פיס מייַנע דאַפּקע יאָ זיך אַ קער טאָן אַף רעכטס, אָבער די שווערע, גיגאַנטישע שיך זייַנען געבליבן שטעקן אפן אָרט. ווי אַ מאַלעך, איז ער געווען פאַר מיר, דער קאָמאַנדיר מייַנער זשערדיעוו. ער האָט שטענדיק געוווּסט, וווּ, ווען און וועמען מע דאַרף העלפן. אין זיקאָרן איז פאַרבליבן די פאַמיליע פונעם סאָלדאַט סאַטאַראָוו. ער פלעגט מיט אַ שטיל קאָל, מאַמעש האַרצרייַסנדיק, אַלעמען דערציילן וועגן זייַן היים אין אוזבעקיסטאַן. געלעבט האָבן מיר, מענטשן פון פאַר־

שיידענע פעלקער, ווי איין מישפּאָכע, געטרײַע און אָפּנהאַרציקע איינער צום אנדערן.

קיין העלדישע קעמפערן אַף דער מילכאָמע בין איך ניט געווען. כ׳בין שלאַף געוואָרן, און מע האָט מיך אין סאָף 1943 דעמאָביליזירט. פון שפּיטאָל בין איך אוועקגעפאָרן קיין כאַליליאָוואָ, אָרענבורגער געגנט. דאָרט האָב איך אויך געלעבט צווישן מענטשן פון פאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן, נאָר אַלע זײַנען מיר געווען גלײַך. מע האָט מיר געהאָלפן אָנקומען זיך לערנען אין א מיטלשול. דאָרט האָב איך געענדיקט דעם צענטן קלאַס. א גרויסן דאנק נאַטאַשע יעגאָרטשענקאָ. איך בין געווען נאָך ניט פולקאָם געזונט און ניט געקאָנט אַלע טאָג באַזוכן די שול. נאַטאַשע פלעגט מיר ברענגען אַהיים אירע ביכער און העלפן מיר אינעם שטייגער־לעבן.

אונדזער סאָוועטיש לאַנד האָט מיר טאָמיד גאַראַנטירט דאָס רעכט צו לערנען זיך. אין קאָראָסטען האָב איך געענדיקט א זיבניאָריקע ייִדישע שול, אין כאַליליאָוואָ — א מיטלשול, אין מאָסקווע — א פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט. און אומעטום האָב איך זיך געפילט גוט, היימיש, אומעטום בין איך געווען צווישן פרײַנט. 27 יאָר האָב איך געאַרבעט אין קאָראָסטען אַלס לערערן, כ׳האָב געהאַט א מעגלעכקייט דערציִען די שילער אין קאָמוניסטישן גייסט. מענטשן פון פיל פעלקער האָב איך באַגעגנט אַף מײַן לעבנסוועג, פײַנע, שיינע, אינטערעסאַנטע. צווישן זיי טייל איך אויס מיט א באַזונדער וואַרעמקייט דעם דירעקטאָר פון דער קאָראָסטענער פּערטער מיטלשול פּאָראַשינאַ זינאַידע אַלעקסאַנדראָוונאַ. זי איז געווען פאַר מיר א בײַשפּיל, וויִאַזוי זיך באַציִען צו דער אַרבעט, וויִאַזוי ליב האָבן מענטשן ביכלאַל און קינדער ביפּראַט, שענקענדיק זיי אַלדאָס גוטס פון דײַן נעשאָמע. זינאַידע אַלעקסאַנדראָוונאַ וווינט איצט אין לענינגראַד.

אין טאָג פונעם זעכציקיאָריקן יובילײַ פון דעם סאָוועטנפאַרבאַנד וועל איך ווידעראַמאָל דערמאָנען די פאַרשיידענע אַדרעסן פון אונדזער גרויס לאַנד, ווו אַלע פעלקער האָבן אַן אַלציינע דייע אינעם לעבן. איך וועל טראַכטן מיט דאַנקבאַרקייט וועגן אונדזער סאָוועטישער רעגירונג, וועגן מײַנע עלטערן, וואָס האָבן מיך דערצויגן אַלס פּאַטריאָט פון דער סאָוועטישער היים, אַלס אינטערנאַציאָנאַליסטקע".

דעם זעכציקסטן יאָרטאָג פון סאָוועטנפאַרבאַנד איז געווידמעט אויך דער בריוו, וואָס עס האָט צוגעשיקט אין רעדאַקציע פון דער שטאָט סטאַראָקאָנסטאַנטינאָוו, כמעלניצקער געגנט, פאַיִנע גרובער־זאַוטשוק. זי האָט אַנדערש ניט געקאָנט, זי האָט געמוזט אָנשרײַבן וועגן אירע פּילצאָליקע קרויווים און וועגן אַנדערע ערלעכע, פײַנע סאָוועטישע מענטשן, וועלכע האָבן זי אין די מילכאָמע־יאָרן געראַטעוועט פונעם טויט.

ביזן 1941 איז פאַיִנע גרובער געווען א לערערן. יעדער נײַער טאָג פלעג איר פאַרשאַפן פרייד. זי ווערט אויסגעוויילט אַלס מיטגליד פון דעם פּלענום פון דעם ראַיאָנישן קאָמיוג־קאָמיטעט, טרעט אַרײַן אין דער פּאַרטיי, ווערט פאָרגעשטעלט צו א מעלוכישער באַלוינונג. און מיטאַמאָל — אַלץ פאַרפאַלן, עוואַקויִרן זיך באַוויַיזט זי ניט, בלײַבט שטעקן אַף דער אָקופּירטער טעריטאָריע, אין באַדינגונגען פון טעראָר, אַבלאַוועס, מערדערײַ. זי נעכטיקט ניט אינדערהיים, באַהאַלט זיך אויס בא באַקאַנטע פּויערים אָדער אונטער א סקירדע אין פעלד.

אין פעוורואַל 1942 האָט מען זי צוזאַמען מיט אַנדערע ייִדן אַרויסגעטריבן אין א פּראָסטיקן, ווינטיקן טאָג קיין קראַסילאָוו און דאָרט פאַרשפּאַרט אין געטאָ — באַנאַכט אַרײַנגעשטופּט זיי אין א כורווע פון א שטוב, אָן פענצטער, אָן טירן. ס׳איז ווייטיקדיק־שווער געווען צו קוקן אַף די ליידן פון די קליינע קינדער. א באַרעמהאַרציקער קראַסילאָווער טוישעוו לאָזט זיי אַרײַן צו זיך אין צימער. 54 מענטשן, גרויס און קליין, גרויע און יונגע — אין איין אַלקער! מע האָט געדאַרפט אויסוואַרטן א לאַנגע ריי, קעדיי באַקומען א מעגלעכקייט זיך צוזעצן אַף א רעגע.

אין עטלעכע טעג אַרום הייבט מען אָן אַרויסטראָגן פון געטאָ מייסים. פריִער פאַר אַלעמען שטאַרבן קינדער און זקיינים. עפּעס דאַרף זי, פאַיִנע, טאָן, קעדיי דעראָבערן א סקאָרינקע פאַר דער שוועסטערס פּיצלעך קינדער. און זי באַשטימט דערקלײַבן זיך צום דאָרף קוזמינאָ, עפּשער וועט זיך אײַנגעבן אויסבעטן דאָרטן בא עמעצן א שטיקל ברויט. דאָס איז געווען א פאַרבאָטענע זאַך. די פּאָליצײַען האָבן זי באַמערקט, געכאַפּט זי, געשלאָגן מיט א גומי־קאַנטשיק, אַרעסטירט. דערנאָך האָט מען אַלע מאַרטירער אוועקגעפירט צו דער עקזעקוציע. פאַיִנען האָט אָפּגעגליקט — איר קויל איז פאַרבײַגעפלויגן.

געלעגן איז זי אין דער טויט־גרוב באַנאַנד מיט די שוין אומגעבראַכטע, אַליין אָן אַלפּי־נעס לעבן געבליבענע. באַנאַכט האָט זי, א האַלב־הוילע, אַרויסגעקאַראַבקעט זיך פון דער גרוב און איז ווידער אוועק קיין קוזמינאָ, צו דער שטוב פון דער קאָלווירטלערן דאַריע קאָוובאַסיוק. פאַראַן ווונדערלעכע נעשאָמעס אַף דער וועלט, מענטשן, סאָוועטישע מענטשן, וועלכע זײַנען דערצויגן אין פרײַנטשאַפט. די אַלטע פּויערטע דאַריע אַרסענאָוונאַ האָט אויפגענומען די ייִדישע פרוי, וואָס איז אַנטלאָפן פונעם גענעם, ווי אַן אייגן קינד. זי האָט אָנגעטאָן פאַיִנען אין דאָרפישע מאַלבושים, דערקלערט איר, וויִאַזוי זיך פירן, דערציילט וועגן די סאַמע וויכטיקסטע אוקראַיִנישע זיטן. אין א וואָך אַרום, ווען די דײַטשן און די פּאָליצײַען האָבן אויפגעהערט צו נישטערן, האָט פאַיִנע זיך אוועקגעלאָזט אין דעם דאָרף באַגלאַי, סטאַראָקאָנסטאַנטינאָווער ראַיאָן, אויך כמעלניצקער געגנט, ווו זי איז פאַרן קריג געווען א לערערן. אין וועג אַרײַן האָט איר דאַריע אַרסענאָוונאַ מיטגעגעבן א לאַבן ברויט...

פּיאָדער און אַנטאָנינע מאַרטיניוק, בא וועמען פאַיִנע איז פאַרן קריג, אַרבעטנדיק אַלס לערערן אין דאָרף באַגלאַי, געווען א קוואַרטיראַנטקע, האָבן זי צוערשט ניט דערקענט. בלויז ווען זי האָט אָנגעהויבן ריידן, האָט איר קאָל אויסגעזאָגט, ווער זי איז. די באַגעגעניש איז פאָרגעקומען אין הויף, אין שטוב איז מען אַפילע ניט אַרײַן, ווײַל באַלד דאַרפן זיך אומקערן די נײַע קוואַרטיראַנטן — די דײַטשישע סאָלדאַטן. פאַיִנען פירט מען אוועק אַפּן בוידעם. די באַלעבאַטים טרייסטן זי — זיי וועלן טאָן אַלץ,

פון רעכטס אף לינקס: פאוועל גאָרטשאקאָוו, זינאיִדא גאָרטשאקאָווא, אנטאָנינא גאָרטשאקאָווא

קעדיי זי זאָל זיך ניט ארײַנפּאקן אין די הענקערס הענט און זי זאָל, ווי זי פארלאנגט, זיך קאָנען טרעפן מיט די פארטיזאנער, וועלכע האָבן זיך שוין געלאָזט הערן אין די ארומיקע קאנטן. צוליב דעם מוז מען קוידעמקאָל ארויסבאקומען בא די דײַטשן אן אזויגערופענעם אאוסווײַז — א צײַגעניש.

די מארטיניוקס דערמאָנען זיך, אז זיי האָבן גוטע פרײַנט אין סטאראָקאָנסטאנטינאָוו — פיאָטער און אָלגע קיזיון. מע באגעגנט זיך מיט זיי. די קיזיונס זײַנען מאסקים נעמען פאיִנען צו זיך און איר העלפן. אנטאָנינע מארטיניוק באגלייט פאיִנען צו די קיזיונס — זי ריזיקירט מיטן לעבן, אָבער געפינט אין זיך מוט אף אָט דעם אופטו. דערנאָך פלעגט זי פון מאָל צו מאָל ברענגען פאר פאיִנען עסנווארג, אליין, אָדער אינאיינעם מיטן מאן. דער נייטיקער אאוסווײַז ווערט סאָפּקאָלסאָף דעראָבערט — דאָ מישן זיך ארײַן אינעם איניען אָלגעס ברודער יעפרעם וולאסאָוויטש און דער געוועזענער סעקרעטאר פונעם באגלאיער דאָרפסאָוועט, דער כאווער טשייקאָ, וועלכער האָט געקראָגן א בלאנק פארן דאָקומענט. יעפרעם וולאסאָוויטש מאכט א שטעמפּל. ס'האָט נאָר געפעלט א פאָטאָגראפיע. פירט אוועק אָלגע וולאסאָוונא פאיִנען אין פאָטאָ־אטעליע, רופט זי אָן „שוועסטער" — און די געגארטע פאָטאָגראפיע ווערט באשטעלט. אין דעם אאוסווײַז פאר פאיִנען שרײַבט אָלגע וולאסאָוונא אָן, אז ער געהער אנע מיכײַלאָוונא סאווטשוק.

אין פאיִנעס רעטונג האָבן אָנטיילגענומען א סאך מענטשן. קאָסטושעוויטש, סערגיי וואסיליעוויטש, דער דירעקטאָר פון דער שול אינעם דאָרף גריגאָראָווקע, סטאראָקאָנסטאנטינאָווער ראיאָן, האָט איר אָנגעשריבן א פיקטיווע ספראווקע, אז זי, דאָס הייסט, אנע מיכײַלאָוונא סאווטשוק, איז בא אים אין שול געווען אן אופראמערן. זײַן פרוי, מאריע דמיטריִעוונא, האָט פאיִנען געגעבן דעם ברודערס אדרעס אין דער שטאָט זשיטאָמיר, געשענקט איר אין וועג ארײַן א האנטעך, זייף, ברויט, באגלייט זי איבערן בריק, אף וועלכן עס זײַנען געשטאנען פאשיסטישע סאָלדאטן. דער צוועלפיאָריקער אנאטאָלי קיזיון פלעג איר אין באהעלטעניש ברענגען נײַס און נאָכשפּירן, זי זאָל ניט ארײַנפאלן איבער א צופעליקײַט צום פײַנט.

דער וועג קיין זשיטאָמיר איז געווען א שווערער, ס'איז אויסגעקומען נעכטיקן אין וואלד, אין פעלד, אין קאנאוועס פאזע דעם שליאך... מיט אומגעהייערע שוועריקײַטן דערגרייכט פאיִנע דעם האָפן־סאָווירט אינעם דאָרף רעיא, בערדיטשעווער ראיאָן, זשיטאָמירער געגנט. דאָ באגעגנט זי דעם היגן טוישעוו גאָרטשאקאָוו, פאוועל סעמיאָנאָוויטשן. ער נעמט זי ארײַן צו זיך אין דער מישפּאָכע. בא אים אליין זײַנען געווען פיר קינדער, זי, די ייִדישע טאָכטער, איז געוואָרן די פינפטע. טרעפט זיך אזעלכס, אז זי ווערט קראנק. פאוועל סעמיאָנאָוויטש ברענגט פונעם שכיינעסדיקן דאָרף א פעלדשער. גאָרטשאקאָווס פרוי, אנטאָנינע סידאָראָוונא, שטעלט פאיִנען צוויי מאָל אין טאָג באנקעס. די קינדער זײַנע — אנאטאָלי, באָריס און קלאוואָטשקע — זיצן די גאנצע צײַט בא איר געלעגער.

ווען פאיִנע איז געזונט געוואָרן, פארבינדט זי פאוועל סעמיאָנאָוויטש אפן כוטאָר בעלאָצערקאָווקא הינטער בערדיטשעוו מיט די אונטערערדלער סטעלניקאָוויטש, קאטשוק, באָנדארענקאָ. גאָרטשאקאָווס מישפּאָכע האָט די גאנצע צײַט געהאָלפן פאיִנען אין איר אונטערערדישער, פארטיזאנישער טעטיקײַט.

„אין די שווערסטע מאָמענטן, — שרײַבט פאיִנע גרובער אין איר בריוו, — פלעג איך טאָמיד פילן די שטיצע פון אָט דער מישפּאָכע. מיר האָבן זיך אף אייביק באפרײַנדעט. מיט יאָרן שפּעטער, ווען ס'איז געשטאָרבן דער טאטע, פאוועל סעמיאָנאָוויטש, האָט מען מיך טייקעף ארויסגערופן אף דער לעווײַע, און קיין מער טרויעריקע מינוטן אין מײַן לעבן געדענק איך ניט. די צײַט איז אָבער, ווי מע זאָגט, דער בעסטער דאָקטער. ווען איך בין אלט געוואָרן 50 יאָר, זײַנען פונעם דאָרף גרישקאָווצי, בערדיטשעווער ראיאָן, געקומען צו מיר דרײַצן אייגענע פון די גאָרטשאקאָווס — פון מײַן מישפּאָכע, דרײַצן קרויווים מײַנע הערלעכע. פאר מיר איז דער באגריף „פעלקער־פרײַנטשאפט" אין סאָוועטנפארבאנד א ביז גאָר קאָנקרעטער. איך וויל, עס זאָל קיינמאָל ניט אָפּגעשוואכט ווערן בא אונדז דער געפיל פון אן איינהײַטלעכער מישפּאָכע".

עס זײַנען פאראן ניט ווייניק בײַשפּילן, וועלכע זאָגן איידעס, אז דער געפיל פון אן איינהײַטלעכער מישפּאָכע קאָן שאפן און שאפט וווּנדער. געוויינלעך פארופן מיר זיך אין אָט דעם פראט אף פילצאָליקע פאקטן פון די צווישנבאציִונגען פונעם ייִדישן פאָלק און דעם רוסישן, אוקראיִנישן, ווײַסרוסישן, מאָלדאווישן פאָלק. אָבער אָט לייגט זיך אוועק אפן רעדאקציִאָנעלן טיש א בריוו, וועלכן עס האָט אונדז אדרעסירט פון סאמארקאנד דער קאנדידאט פון טעכנישע וויסנשאפטן, א דאָצענט פון אן ארכיטעקטור־קאטעדרע אבדוסאלאם סאיִדזשאנאָוו, — און אונדזערע פאָרשטעלונגען ווערן מיטאמאָל פריידיק פארברייטערט. מיר דערוויסן זיך אזא געשיכטע. אין ווײַטן אוזבעקיסטאן און אויך

אין טאדזשיקיסטאן איז גוט באוווּסט דער נאָמען פון גאבריִעל מולאָקאנדאָוו, דעם זינגער און פּראָפעסער פון פאָלקס־מוזיק, וועמען זײַנע פאַרערער האָבן געקרוינט מיט דעם העכסטן פאר אן ארטיסט־וואָקאליסט ניט אָפיציִעלן טיטל — סאָלאָוויי. געבוירן איז גאבריִעל אין סאמע אָנפאנג פונעם צוואנציקסטן יאָרהונדערט אין דער שטאָט סאמארקאנד. באם טאטן פון דרײַ און צוואנציק קינדער, באם קלײנ־הענדלער ארן מולאָקאנדאָוו איז ער געווען דער זי־בעטער און דער באליבטסטער זון. גאבריִעל לערנט זיך אין כיידער, דערנאָך א קארג יאָר אין א רוסי־שער שול. די הויפּט־דערציִונג באקומט ער אָבער בא זיך אין דער מיזאמער פריילעכער מישפּאָכע, אין וועלכער אלע זײַנען געווען פארליבט אין דער מו־זיק און אין די טענץ פון די מיזרעך־פעלקער, אין זייער ליטעראטור ביכלאל און ביפראט אין דער פּאָעזיע פון די אוזבעקישע און טאדזשיקיש־פּערסי־שע קלאסיקער נאָוואָי, כאיאם, דזשאמי, כאפיז, סאאדי. אנטדעקן די גראנדיִעזע וועלט פון מוזיק האָבן דעם קליינינקן גאבריִעל געהאָלפן שוין די דעמלט באוווּסטע קונסט־טוער אָ. נאזיראָוו, כ. ראַ־סולעוו, או. באבאכאנאָוו, ד. איבאדאָוו, יו. גורג — פרײַנט פון ארן מולאָקאנדאָווס מישפּאָכע. גאבריִעלן האָבן געשטיצט אויך זײַנע מוזיקאליש־באגאבטע שוועסטער און ברידער.

דעם טאטנס שטוב איז שטענדיק פול געווען מיט מוזיקאלישע פאָלקס־אינסטרומענטן, און גאבריִעל האָט נאָך קליינערהייט זיך אויסגעלערנט שפּילן אַף א דוירע, אַף א דוטאר, אַף א טאמבור, אַף א טשאנג, אַף א גידזשאק. אינעם טאטנס שטוב האָבן טאָמיד געלעבט דיכטונג, געזאנג, טענץ פון פארשיי־דענע פעלקער. ביז הײַנט־צו־טאָג קאָן מען זיי טרעפן אין יעדער מישפּאָכע פונעם בארימטן צע־צווײַגטן שטאם, וועלכער האָט ארויסגעגעבן דעם רומפולן ארטיסט גאבריִעל מולאָקאנדאָוו. זײַן לעבן און די טעטיקײַט זײַנען ענג פארבונדן מיט דער שעפערישער סוויווע פון דער פילנאציִאָנאלער און אייגנארטיקער שטאָט סאמארקאנד.

אינעם פאררעוואָליוציִאָנערן סאמארקאנד האָבן די בוכארער ייִדן געטראָגן אַף זיך א צווייענדיקן יאָך — פון די צארישע קאָלאָניזאטאָרן און פונעם בורזשואזן עמיראט. דעם זעכצניאָריקן גאבריִעל, וועלכער האָט שוין דאן דעראָבערט א שעם פון א פּראָפעסיִאָנעלן זינגער און מוזיקאנט־טאמבוריסט, פלעגט מען ניט דערלויבן ארויסטרעטן אַף דער בינע פאר א גרויסן עולעם, און אים איז אויסגע־קומען זינגען און שפּילן בלויז אַף ייִדישע כאסענעס. די אָקטיאבער־רעוואָליוציע האָט צוזאמען מיט אלע־מען באפרײַט די בוכארער ייִדן פונעם דוירעסדיקן יאָך און פון דער עקספּלואטאציע. אָבער אין די ערשטע רעוואָליוציע־יאָרן איז די לאגע אין מיטל־אזיע געווען א קאָמפּליצירטע און ווידערשפּרעכלע־כע. פרילינג 1918 האָבן אין דער שטאָט קערמין די טשינאָווניקעס און לאקייען פונעם עמיר אלימכאן צעבלאָזן א העצע קעגן די בוכארער ייִדן. פיל מיש־פּאָכעס זײַנען געווען געצוווּנגען פארלאָזן זייער היים. די סאמארקאנדער ייִדן האָבן אופגענומען צוויי טויזנט בעזשענצעס, צווישן וועלכע עס זײַנען גע־ווען א סאך פארמאטערטע זקיינים, הונגעריקע, אומשולדיקע קינדער, קראנקע, שוואנגערע פרויען.

די אקסאקאלן פונעם קווארטאל „מיזרעך" און די אקטיוויסטן, צווישן וועלכע עס זײַנען געווען גאבריִעל און זײַנע עלטערע ברידער שאָלאָם, אבאָ, מענאשע און מיכאָעל, האָבן געטאָן אלץ, קעדיי ווי ס׳געהער צו זײַן אופנעמען די פליטים, פארלײַכ־טערן זייער גוירל. מע האָט צוגעגרייט פאר זיי מאלבושים, בעטגעוואנט, גרעט. זיי זײַנען אײַנגע־אָרדנט געוואָרן אַף וווינונג, און אַף מאָרגן האָט מען אינעם הויף פון איינער א שול געקאָכט אין גרויסע קאזאנעס פלאָוו אַף זיי צו מעכאבעד זײַן. טאקע לעטויוועס די פליטים האָבן דאן צום ערשטן מאָל גאבריִעל, זײַנע ברידער און זייערע כאוויירים געגעבן א קאָנצערט. עס זײַנען פארקויפט געוואָרן העכער טויזנט ארײַנגאנגס־בילעטן.

א קאָמסאָמאָלעץ ווערט גאבריִעל אין 1920. ער איז אן אקטיווער אָנטיילנעמער און אָרגאניזאטאָר פון דער קינסטלערישער זעלבסטטעטיקײַט אין די קלובן פון די סאמארקאנדער קווארטאלן. אין עט־לעכע יאָר ארום, שוין אן אקטיאָר פונעם אנסאמבל „קאָקויליאק" („בלויע בלוזע") און פון ביניאָמין קארס קאָנצערט־גרופּע פאָרט ער ארום אַף גאס־טראָלן איבער די קאנטן פון מיטל־אזיע. אין 1930 איז ער א מיטגליד פון דער דעלעגאציע פון דער אוזבעקישער סאָוועטן־רעפּובליק אַף דער ערשטער אלפארבאנדישער אָלימפּיִאדע פון די פעלקער פון פססר אין מאָסקווע.

גאבריִעל מולאָקאנדאָוו איז אקטיוו טעטיק אין דעם ייִדישן שטראָם פון דער אוזבעקיש־טאדזשיקי־שער קולטור. אין 1932, לויט דער באשטימונג פונעם פאָלקאָמבילד פון דער אוזבעקישער רעפּובליק ווערט אין סאמארקאנד געגרינדעט א ייִדישער מוזיקאליש־דראמאטישער מעלוכע־טעאטער. גאבריִעל מולאָקאנ־דאָוו שטייט בעראָש פון דער קאָנצערטיש־עטנאָ־גראפישער גרופּע פון אָט דעם טעאטער. פאר א קורצער צײַט האָט דער קאָלעקטיוו צונויפגעזאמלט און באארבעט א רײַכן עטנאָגראפישן מאטעריאל — העכער דרײַ הונדערט ווערק. גאבריִעל מולאָקאנדאָוו איז אין דעם טעאטער א סאָליסט, א מוזיקאנט און אויך א רעזשיסער, קאָמפּאָזיטאָר און באלעטמייס־טער. אים איז באשערט געווען דערציִען א סאך טאלאנטפולע קינסטלער, וועלכע זײַנען דערנאָך געוואָרן בארימטע און פארדינסטפולע טוער פון טאדזשיקיסטאן און אוזבעקיסטאן, צווישן זיי — זײַנע אייגענע קינדער ראשעל און ניסאָן.

א. סאיִדזשאנאָווס בריוו פון סאמארקאנד, וועל־כער איז אדרעסירט דעם זשורנאל „סאָוועטיש היימ־לאנד", איז נאָך איין באווײַז, וויִאזוי האנט־בא־האנט אין אן איינהײַטלעכער מישפּאָכע, לעבן פארשיידענע פעלקער אין אונדזער לאנד. פון קליינע קוועלעכלעך קלײַבט זיך צונויף איין אלגעמיינער פרישער קוואל, וואָס נערט די סאָוועטישע אלפארבאנדישע קולטור, דעם סאָוועטישן ארט לעבן.

צוזאמען מיט בריוו שיקן די לייענער אין רע־דאקציע אויך א היפּשע צאָל דאָקומענטן, צווישן זיי — אוניקאלע, רירנדיקע, צומאָל דערשיטערנדיקע. לייענענדיק אָט די מאטעריאלן, קערן מיר זיך אָפּט אום אין די אייביק ווײַטעקדיקע צײַטן, ווען די עקזיסטענץ פון דער היים, דאָס לעבן פונעם פאָלק און פון יעדן איינעם זײַנען געהאנגען אַף א האָר.

אין די דאָזיקע דאָקומענטן געפינען מיר צוגאָבלעכע פאקטן, וועלכע זאָגן איידעס וועגן דעם, ווי פרוכטבאר עס האָט זיך אנטפלעקט די פעלקער־פריַינטשאפט אין די שווערע יאָרן פונעם גרויסן מיט די פאשיסטן. אָט, אשטייגער, האלטן מיר אין די הענט אן אָפיציעלע צייַגעניש, וועלכע עס האָט אריַינגעשיקט אין רעדאקציע אונדזער געזעלשאפטלעכער פארשפרייטער, דער כאַווער נאכליס פון ליטין. די צייַגעניש האָט באַקומען דעם 24 יול 1944 אין קוליזסקער דאָרפסאָוועט, ליטינער ראיאָן, וויניצער געגנט, דער אוקראַיִנישער פויער פ. וו. ציוואק. דער דאָקומענט, וואָס האָט דעם נומער 222, באשטעטיקט, אז פ. וו. ציוואק האָט אין מיַי כוידעש 1944 אומגעקערט די עלטערן זייער קינד, וואָס וואָלט זיכער אומגעקומען אין די וויסטע אָקופּאציע־יאָרן, ווען ניט ער, ווען ניט זיַין ברייטהארציקייַט, זיַין קלאָר אויסגעשפּראָכענער אינטערנאציאָנאליזם, ווען ניט זיַין געוואגטקייַט.

לייענענדיק די טרוקן־פראָטאָקאָלישע שורעס פון אָט דער ספּראווקע, בלייַבן מיר פּאָנעם־על־פּאָנעם מיט די געשעענישן, וואָס האָבן פּאסירט אין די מיַירעוו־געגנטן פון אונדזער לאנד בייַס דער פאשיסטישער אינוואזיע און זיי זיַינען פארבליבן אין דער געשיכטע ווי אן אומהיילבארע בלוטיקע ווונד. דאָן, אין פרילינג 1942, זיַינען שוין הונדערטער ייִדישע מישפּאָכעס אומגעבראכט, טויזנטער שטייען אף דער שוועל פון אומקום. די פאשיסטישע מערדער האָבן ניט ראכמאָנעס אפילע אף זויג־קינדער. און אין אזעלכע באדינגונגען, ווען פאר העלפן ייִדן דראָעט טויט־שטראָף, דערוועגט זיך אן אוקראַיִנער נעמען פון האנט צו האנט בא א ייִדישער מאמע איר פיצל קינד, קעדיי עס פארשטעלן מיט זיך אליין. ער שטעלט איַין זיַין לעבן פארן לעבן פון א ייִדיש נעשאָמעלע. אייביקע ערע דערפאר דעם אוקראַיִנישן פויער ציוואק, דעם איידעלן מענטשן, דעם סאָוועטישן מענטשן, דעם אינטערנאציאָנאליסט. אייביקער רום דעם לאנד, אין וועלכן קיין שום ניסיוינעס זיַינען ניט בעקויעך פארלעשן דעם געפיל פון אן איינהייַטלעכער מישפּאָכע.

א מערקווירדיקן דאָקומענט האָט צוגעשיקט אין רעדאקציע דער לייענער פיניע קאליקא פון באקו. אין זיַין בריוו דערציילט אונדזער קאָרעספּאָנדענט, אז די מיטגלידער פונעם קלוב „פאקעל“ — שילער פון דער דריטער מיטלשול אין דער שטאָט לאבינסק, קראסנאָדארער געגנט, ווו בייַס דער מילכאָמע איז מעסירעסנעפעשדיק אומגעקומען דער עוואקויִרטער אהין פון מאָלדאוויע, פונעם שטעטל בעלץ, פּיִאָנער מוסיק פינקענזאָן, האָבן האיאָר, אין פעוורואל כוידעש, דורכגעפירט א פארברייטערטע זיצונג פונעם קלוב אונטערן דעוויז: „מענטשן, שטייט אוף צו פארטיידיקן דעם פרידן!“. אף אָט דער זיצונג איז געווען איַינגעלאדן די באקינער שילערישע געזעלשאפט „איסקאטעל“. קלייַבנדיק זיך קיין לאבינסק, האָבן די באקינער שילער צוגעגרייט זייער ווענדונג צו די וועטעראנען פונעם קריג, וועלכע זיי האָבן אויך איבערגעגעבן זייערע לאבינסקער פריַינט, וואָס באציִען זיך מיט אזא איידלקייַט צום אָנדענק פונעם ייִדישן ייִנגל מוסיק פינקענזאָן. מיר ברענגען דאָ די איבערזעצונג פון אָט דעם דאָקומענט:

„טייַערע וועטעראנען, אָנטיילנעמער פונעם אנטיפאשיסטישן ווידערשטאנד, וועך עס האָט אין שווערן גערָאנגל דערָאבערט פאר אונדז די מעגלעכקייַט צו לעבן אין שאָלעם, לערנען זיך, דינען דער היים און דעם פאָלק, ליב האָבן און זיך פרייען! טייַערע איַינאָרדענער פון דער באגעגעניש פון צוויי דוירעס סאָוועטישע מענטשן! עס באגריסן איַיך די קינדער פון די פעלקער פון אזערבייַדזשאן. מיר פארטיידיקן דעם שאָלעם און דעם סאָציִאליזם באנאנד מיט איַיך. מיר וועלן עס טאָן אזוי דערפאָלגרייַך, ווי ס'האָבן עס געטאָן אונדזערע טאטעס און זיידעס, ווי עס לערנט דער קאָמסאָמאל און אונדזער קאָמוניסטישע פארטיי.

מיר וועלן קיינמאָל ניט דערלאָזן, עס זאָלן אפסניַי אָנהייבן רויכערן די שווארצע קוימענס פון אָשווענטשים. מיר געדענקען לעניִנס געבאָטן וועגן דעם כויוו פון אינטערנאציאָנאליסטן, און מיר וועלן זיי פארווירקלעכן אומעטום, ביזן סאָף. מיר ווילן מער ניט זען טרעבלינקער וועלדער מיט שטיינער, מיר וועלן ניט דערלאָזן, עס זאָלן נאָכאמאָל ערגעץ ווו אומקומען קינדער און זייערע לערער — מיר פארגעסן ניט דעם טויט פון יאנוש קאָרטשאק.

יעדער סאָלדאט, וועלכער איז אומגעקומען אין קאמף מיט די פאשיסטן, פאר דער אומאָפּהענגיקייַט פונעם פאָטערלאנד, וועט אף אייביק פארבלייַבן אין אונדזערע הערצער.

מיר שעצן הויך דאָס, וואָס איר היט געטריַי אָפּ דעם אָנדענק פונעם יונגן פידלער מוסיק פינקענזאָן, איינעם פון יענע פּיִאָנערן, וועלכע האָבן אָפּגעגעבן זייער לעבן אין קאמף פאר דער פריַיהייַט פון אלע פעלקער אף דער וועלט. מיר וועלן מיטארבעטן מיט איַיך, קעדיי זיך דערשלאָגן, עס זאָל אָפּגעזוכט ווערן דעם סקולפטאָר לעבעדיעווס ארבעט[1] און בא איַיך אין דער שטאָט לאבינסק זאָל אופגעשטעלט ווערן דער דענקמאָל מוסיק פינקענזאָנען, וועלכער האָט באזיגט דעם פייַנט מיט דער גרויסער קראפט פון גייַסט און מיט דעם ניגן פונעם „אינטערנאציאָנאל“.

אונדזער אזערבייַדזשאנער שול טראָגט מיט שטאָלץ דעם נאָמען פונעם אוקראַיִנער אנטאָן מאקארענקאָ. אונדזער שול איז דערווייַל די איינציקע אין סאָוועטנפארבאנד, וועלכע איז באלוינט מיט דער מעדאל פון יאנוש קאָרטשאקן — מיר שיקן איַיך א ווימפּעל פון אָט דער באלוינונג.

זאָלן זיך ענגער באהעפטן די רייען פון קעמפער פארן שאָלעם.

ניין — דעם קריג!

זאָלן זיַין גוטע פריַינט די קינדער פון פארשייידענע פעלקער!

ערע אונדזער היימלאנד!
דער קאָמוניזם וועט זיגן!“

די בריוו, וועלכע קומען אָן אין רעדאקציע, באוויַיזן ווידעראמאָל און נאָכאמאָל, אז דער געפיל פון אן איינהייַטלעכער מישפּאָכע ווערט בא די פעלקער פון סאָוועטנפארבאנד ניט פארוועלקט.

---

[1] זע „סאָוועטיש היימלאנד“ נומ. 6 פארן 1968, ז. 3 — 5, און „סאָוועטיש היימלאנד“ נומ. 2 פארן 1974, ז. 115 — 118.

ווען דער דאָזיקער נומער פון „סאָוועטיש היימלאַנד" איז שוין געווען אויסגעזעצט, האָבן מיר באַקומען פּילצאָליקע בריוו פון לייענער מיקויעך די בלוטיקע מעשׂים פון די ייִסראַעלדיקע אָקופּאַנטן אין ליוואַן. איינעם פון די דאָזיקע בריוו ברענגען מיר דאָ אַזוי, ווי ער איז געשריבן, אָן ענדערונגען.



20-VII-82

באַשערטע רעדאַקציע!

דאָ איז עס מעגלעך אַז די קינדער און אייניקלעך פון די זעקס מיליאָנען [illegible] אומגעבראַכטע זאָלן פאַשיזם זאָלן אַליין זיך באַנוצן מיט די זעלבע מערדערישע מעטאָדן פון די נאַציס. און זיין [illegible] טויט און הונגער?

דאָ איז דאָס מעגלעך אַז דאָס פאָלק וואָס האָט געבוירן דעם נאָווי [illegible], וועלכער האָט אַזוי הויך און מוטיק געפּרעדיקט שלום און גלייכהייט צווישן אַלע פעלקער — זאָל ווערן פאַרשאָלטן דורך די קאָרבאָנעס פון זיינע רעגירער?

דאָ איז עס מעגלעך אַז דאָס פאָלק פון ישׂראל זאָל דערלאָזן די מאַכט [illegible] יורשים פון וואָלף זאבֿ-זשאַבאָטינסקי, בראָש מיט מנחם בגין, זאָלן דערפירן צו דעם זעלבן ספּאָל צו וועלכן ס'זיינען געקומען היטלער מיט זיינע באַנדיטן?

אין נאָמען פון אַלע פאַרפייניקטע דורך די אינקוויזיטאָרס, דורכן פאַשיזם, אַפּעליר איך צום ייִדישן פאָלק פון ישׂראל, צו אַלע ייִדן אין גאָר דער וועלט: טוט אַלץ וואָס איז מעגלעך קדי ניט דערלאָזן דעם. פאָלק אייניקלעך און [illegible] זאָרן און קלאָגט פון קינדער, זקנים, פרויען, די קאָרבאָנעס פון [illegible] בגין און זיינע מיטהעלפער.

מיט פאַרעכטע גריסן און בעסטע ווינטשן

[illegible]

ווינקל פון געזעלשאַפטלעכן פאַרשפּרייטער פון „ס״ה" — סאָוועטיש היימלאַנד

איך טייל זיך מיט מײַן דערפאַרונג

לייע, הירש דעם שנײַדערס טאָכטער פון מיראַ־פאַל, נאָך גאָר א יונג קינד, האָט אין סאמע אָנהייב פון דער גרויסער פאַטערלענדישער מילכאָמע פאַרזוכט דעם גרוילעכן טאַם פון עלנט. די עלטערן, די ברידער און שוועסטער זײַנען אומגעקומען. ווי א בלעטעלע, וואָס איז אראָפּגעריסן פונעם בוים דורך דעם בייזן ווינט, איז זי פאַרוואָרפן געוואָרן ווייט־ווײַט. שוין א קײַלעכדיקע יעסוימע, האָט זי זיך מיט ניסים געראַטעוועט און צוזאַמען מיט נאָך פיל אַזעלכע קינדער, ווי זי, מעגולגל געוואָרן אָף יענער זײַט אוראַלער בערג — אין אירקוטסק.

קימאַט אין דער זעלבער צײַט האָט זיך עוואַקוירט פון מאָסקווע פרידע שקאָלניק מיט אירע צווי קליינע מיידעלעך. איר מאַן איז שוין געווען אפן פראָנט און פון דאָרט זיך ניט אומגעקערט. ווי א פרוי פון א פראָנטאָוויק, האָט מען זי באַזאָרגט מיט א צימער. אָף דער גאַס האָט זי איינמאָל דערזען ארומגיין א פאַרווײנטע לייען. זי האָט אײַנגעלאַדן דאָס מיידעלע צו זיך און טאַקע שוין איבערגעלאָזט זי אין שטוב. אלע דרײַ מיידעלך צוזאַמען האָבן זיך געפילט היימלעכער, און פרידע אליין איז געווען רויִקער, ווען זי פלעגט זײַן אָף דער ארבעט אין שנײַדער־צעך. לייע איז געווען עלטער פון די צווי כאַווערטעס. שפּעטער איז זי אויך אָנגעקומען ארבעטן אין דעם זעלבן צעך. זיי האָבן געניייט שינעלן און מאַלבושים פאַר דער ארמיי, פאַרן פראָנט.

פינצטער איז געווען אפן הארצן, אָבער ביסלעכווײַז האָט אָנגעהויבן ווערן אַלץ ליכטיקער און ליכטיקער. אונדזער ארמיי האָט געטריבן דעם סוינע אָף מײַרעוו. דער געגאַרטער זיג האָט זיך דערנעענטערט. קליין און גרויס האָבן זיך געפרייט. פיל עוואַקוירטע האָבן זיך אומגעקערט צוריק אהיים, אין די פריִער באַוווינטע ערטער.

פרידע איז אוועקגעפאָרן קיין מאָסקווע און לייע — קיין מיראָפּאָל, צו זיך אין שטעטל. פאַר לייעס אויגן האָט זיך באַוויזן א שוידער — ניטאָ קיין שטעטל. די פאַשיסטישע ראָצכים האָבן פאַרניכטעט אלץ — אי די מענטשן, אי די הײַזער. מיט א שווער געמיט האָט לייע אָנגעשריבן פרידען, און יענע האָט איר געענטפערט: „קום טײַערע, צו פאָרן. בא אונדז אין שנײַדער־צעך פאָדערן זיך ארבעטערס, מע וועט דיך באַזאָרגן מיט ארבעט."

אזוי איז טאַקע געשען. פרידע האָט באַגעגנט לייען ווי א מוטער, און ס'איז ווידער געוואָרן איין מישפּאָכע.

פיל יאָרן זײַנען אוועק נאָך דער מילכאָמע, נאָר די וווּנדן זײַנען געבליבן. זיי קאָנען ניט און וועלן קיינמאָל ניט פאַרהיילט ווערן. איינמאָל האָט לייע זיך צופעליק באַגעגנט מיט א מיראָפּאָלער יוגנט־כאַווערטע — סאָניע דראַפּושקע. וויפל פרייד האָט ארויסגערופן די באַגעגעניש, ניט צו באַשרײַבן. לייע האָט זיך דערוווּסט, אז אין מאָסקווע לעבן צוועלף מיראָפּאָלער מישפּאָכעס. דאָס האַרץ האָט געזאָגט: ס'האָט זיך געוואָלט באַגעגענען מיט די לאַנדסלײַט, דערוויסן זיך וועגן זייער לעבן, און ענדלעך האָבן זיך צונויפגענומען די געוועזענע מיראָפּאָלער טוישווים אין דער קוואַרטיר אפן שאָלעם־פּראָספּעקט בא איינער א מיראָפּאָלער — סאָניע שלייער.

אין א שיינעם פרילינגדיקן זונטיק האָבן זיך באַגעגנט די מיראָפּאָלער פרויען, די גרעסטע טייל אַלמאָנעס, וועמענס מענער זײַנען אומגעקומען אָף די פראָנטן. די באַגעגעניש איז געווען א רירנדיקע. מיט טרערן אין די אויגן האָט מען זיך דערמאָנט די גליקלעכע יוגנט־יאָרן. מע האָט ארומגערעדט יעדערנס גוירלעס. אייניקע האָבן נאָכן קריג אָפּגעזוכט מישפּאָכע־אייגענע, אנדערע האָבן פאַרלאָרן אלע נאָענטע. סאָניע דראַפּושקע האָט געדינט אין א פליִער־עסקאַדריליע און איז באַלוינט מיט אָרדענס און מעדאַלן, איצט ארבעט זי שוין 32 יאָר אין דער אקאַדעמיע אָף זשוקאָווסקיס נאָמען. די שוועסטער עסטער, טאַניע און סאָרע קראַסנאָסקאיא ארבעטן אין מאָסקווער פאַבריקן...

איך בין גראָדע געווען אָף דער אינטערעסאַנטער באַגעגעניש, און, אויסנוצנדיק דעם מאָמענט, האָב איך ארויסגענומען א בוך פון א הײַנטצײַטיקן סאָוועטישן יידישן דיכטער און פאָרגעלייענט פאַר זיי אייניקע לידער, איבערהויפּט לירִיק פון דער מילכאָמע־צײַט. דאָס האָט געמאַכט א שטאַרקן אײַנדרוק.

די לידער אַף דער מוטער־שפּראַך האָבן אויסגענומען בא די וווּנדערלעכע פּרויען, ארויסגערופן בא זיי דערמאָנונגען פון דער היימשטאָט, פון דער קינדהייט. כ׳האָב אויך באוויזן דעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד“, וועלכער איז אוועק פון האַנט צו האַנט. אייניקע פון די פּרויען האָבן פּאַמעלעך אָנגעהויבן לייענען, אופשטעלן די קענטעניש, וואָס זיי האָבן אַמאָל באַקומען אין דער זיבניאָריקער ייִדישער שול, אַנדערע האָבן באַשטימט דערלערנען ייִדיש און מיט דער הילף פון די לימודים, וועלכע דרוקן זיך אינעם זשורנאַל „פאר די, וואָס לערנען ייִדיש“, ווידער באַהערשן דאָס מאַמע־לשון. די כאַווערטעס זיינען געזעסן ביז שפּעט אין דער נאַכט און זיך מאַמעש ניט געקאָנט צעשיידן. ס׳איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז די טראַדיציע פון באַגעגענישן פון די לאַנדסלייט וועט פאָרגעזעצט ווערן.

אין א צייט ארום האָבן די מיראָפּאָלער טוישווים, איצט אייַנוווינער פון מאָסקווע, זיך באַגעגנט באַכאַמאָל בא זייערער א כאַווערטע אַף דער גאַס „אַדמיראַל מאַקאַראָוו“. מיט א פרייִלעכער שטימונג, אויסגעפּוצטע אין די שענסטע קליידער, מיט בלומען אין די הענט האָבן זיי זיך געיאַוועט, און דער קרייַז פון זייערע שמועסן איז געווען שוין א סאַך ברייטער, איידער אַף דער ערשטער באַגעגעניש. ס׳האָט זיך געפילט, אַז עס זיינען צוגעקומען נייַע טעמעס, און פיל פון זיי זיינען גענומען פון די זייַטן פון „סאָוועטיש היימלאַנד“. דאָס האַרץ האָט זיך בא מיר געפרייט, ווען כ׳האָב דערזען פאַר זיך אופמערקזאַמע און פאַרינטערעסירטע לייענערנס פון דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור.

כוץ מייַנע מאָסקווער אַבאָנענטן פונעם זשורנאַל, בין איך פאַרבונדן מיט א היפּשער צאָל אין אַנדערע שטעט. אין פעוראַל 1981 האָב איך באַקומען א בריוו פון מייַנעם א פרייַנט, לייב קאָלקין, מיט א ביטע העלפן אים אויסשרייַבן „סאָוועטיש היימלאַנד“ (איבער זייַן קרענק האָט ער ניט באוויזן צו דער צייַט זיך אַבאָנירן). כ׳האָב אים, פאַרשטייט זיך, מיטגעהאָלפן. אויך מיט לייענער פון כאַרקאָוו און שעפּעטאָווקע בין איך פאַרבונדן. אין אָט די שטעט פאַרפאָר איך אָפט צו מייַנע קרויווים און פרייַנט.

א היפּשע צייַט האָב איך געאַרבעט אַלס לערער אין דער שטאָט נעוועל, דעמלט וועליקאָלוקער געגנט. ס׳האָבן זיך פאַרהיט מייַנע פאַרבינדונגען מיט א ריי דאָרטיקע טוישווים, פּונקט אַזעלכע לערער, ווי איך — פייסעך עפּשטיין, יעפים פּעטשאַטניקאָוו, איסאַק שוויידער און מייַנער א קאָרעוו אווראָם העלפאַנד, אַן אַרבעטער פון דעם לייַן־זאַוואָד. זיי אַלע האָבן זיך אַבאָנירט אַף „סאָוועטיש היימלאַנד“, און זיי זייַנען שטענדיקע לייענער פון דער ייִדישער ליטעראַטור.

דער אינטערעס צום זשורנאַל ווערט אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער. א צוואַנציקיאָריקער, לעבט ער איבער א פעריִאָד פון קינסטלערישער און אידייִשער רייַפקייַט, ער שטייט פעסט אַף זייַנע פיס. איצט איז אָפן פאַר אים א ברייטע פּערספּעקטיוו. ס׳ציִען זיך צו אים טויזנטער הערצער פון געטרייַע לייענער אין סאָוועטנפאַרבאַנד און אין אַנדערע לענדער פון דער וועלט. אין „סאָוועטיש היימלאַנד“ דערשייַנען רעגולער די בעסטע ווערק פון אונדזערע דיכטער און פּראָזאַיִקער. א גרויסע צאָל ביכער פון סאָוועטישע ייִדישע שרייַבער ווערן איבערגעזעצט אַף אַנדערע שפּראַכן. אַף די זייַטן פון „סאָוועטיש היימלאַנד“ געפינען זייער אָפּשפּיגלונג ליטעראַטור־היסטאָרישע און געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישע פּראָבלעמען, פראַגן פון דער ליטעראַרישער ירושה.

איך בין א לייענער פונעם זשורנאַל פון דעם ערשטן נומער זייַנעם און טאַקע דאָס פאַרפליכטעט מיך צו זייַן אַן אַקטיווער געזעלשאַפטלעכער פאַרשפרייטער.

כאַסקל זיִוען,
מאָסקווע.

כראָניק

די אַרבעטנדיקע פון ביראָבידזשאַן — דעם שאָלעם־פאָנד

די שאָלעם־קעמפער פון ביראָבידזשאַן האָבן הייס אונטערגעהאַלטן דעם רוף פון די פאָרגעשריטענע קאָלעקטיוון פון כאַבאַראָווסקער קאַנט וועגן אײַנשליסן זיך אינעם כוידעשניק פון מיטווירקן דעם סאָוועטישן שאָלעם־פאָנד, וואָס איז דורכגעגאַנגען פונעם 1 יון ביז 1 יול.

די מערהײַט אַרבעטס־קאָלעקטיוון האָבן איבערגעקוקט די גענומענע היסכײַוועסן אויסצופילן פאַרן טערמין די יאָר־פאַרגעבונגען. אומעטום האָט מען באַשלאָסן דורכפירן אַרבעטס־וואַכטעס פון שאָלעם, שאַבעסניקעס און די פאַרדינטע געלט־מיטלען איבערגעבן אין רעשוס פון דעם שאָלעם־פאָנד.

אַזוי, אַשטייגער, האָט לויטן באַשלוס פונעם קאָלעקטיוו פון דעם רעמאָנטבוי־טרעסט (פאָרזיצער פון דער קאָמיסיע פון מיטווירקן דעם שאָלעם־פאָנד א. גרינבערג) יעדער טוער פון דער אונטערנעמונג איבערגעגעבן לעטוייוועס דעם שאָלעם־פאָנד א טייל פון זײַן טעגלעכן אַרבעטסלוין.

אונטערן דעוויז „דאָס פעסטיקן דעם שאָלעם איז א זאַך פון אַלעמען" זײַנען דורכגעגאַנגען די שאָלעם־וואַכטעס אויך אַף דער וואָליקעס־פאַבריק, אַפן זאַוואָד „דאַלסעלמאַש", אַף דער זאָקן־פאַבריק, אַפן זאַוואָד פון קראַפט־טראַנספאָרמאַטאָרס, אַפן געהילצבאַאַרבעטנדיקן קאָמבינאַט, אין דער בוי־פאַרוואַלטונג נומ. 254 פונעם טרעסט „ביראָבידזשאַן־בוי" און אַנד.

אַף די אונטערנעמונגען, אין די יוגנטלעכע צונויפמענוויינונגען, שולן און קולטור־אויפקלער־אַנשטאַלטן זײַנען פאָרגעקומען באַגעגענישן מיט וועטעראַנען פון דער פאַרטיי, מילכאָמע און מי, טעמאַטישע אָוונטן און מינדלעכע זשורנאַלן. אין די קלובן פון אינטערנאַציאָנאַלער פרײַנטשאַפט זײַנען דורכגעגאַנגען פאָטאָ־קאָנקורסן „די קינדער ווילן שאָלעם", „א גליקלעכע קינדהײַט" און אַנדערע.

צו אונדזערע לייענער און געזעלשאַפטלעכע פאַרשפרייטער

טײַערע פרײַנט! די ליבהאָבער פון ייִדישער ליטעראַטור אין סאָוועטנפאַרבאַנד און אין אַנדערע לענדער פון דער וועלט האָבן שוין אָפּגעמערקט דעם 20־יאָריקן יובילײ פון „סאָוועטיש היימלאַנד". הײַנט צו טאָג קאָנען זיך די ייִדיש־לייענער ניט באַגיין אָן דער דאָזיקער אוניקאַלער פעריאָדישער אויסגאַבע. פאַר דעם דורכגעגאַנגענעם נאָכן יובילײ יאָר איז דער זשורנאַל ווידער באַרײַכערט געוואָרן מיט נײַע מעגלעכקײַטן.

אָט, לעמאָשל, האָבן די לייענער געבעטן, ס'זאָלן אין „סאָוועטיש היימלאַנד" פאַרעפנטלעכט ווערן די בעסטע ווערק פון די ייִדישע קלאַסיקער, און לעצטנס איז אַזאַ אָפּטייל אײַנגעפירט געוואָרן. א שטאַרקן אינטערעס רופן אויך אַרויס די ערשטע מאַטעריאַלן אין דעם נײַעם אָפּטייל „עטנאָגראַפיע". פאַר דער יוגנט, וואָס לערנט ייִדיש, איז אײַנגעפירט א סובאָפּטייל צו די שפּראַך־לימודים „וויאַזוי זאָגט מען עס אַף ייִדיש". עס ווערט רײַכער און פאַרשיידנאַרטיקער די ביכער־בײַלאַגע צום זשורנאַל. די רעדאַקציע באַקומט פיל בריוו, ווּעמענס אוטאָרן זײַנען דאַנקבאַר פאַר די שטענדיקע רובריקעס „מיר אינפאָרמירן אונדזערע לייענער", „אונדזער קאָסמאָס־ווינקל", „געפונענע מאַנוסקריפּטן", „מיר ענטפערן אַף פראַגן פון אונדזערע לייענער", „די פּאָטשט פון „סאָוועטיש היימלאַנד", „פריילעכע שורעס", „נײַע ייִדישע זינגלידער", „לעקסיקאָן פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור", „דאָס איז טשיקאַווע", שוין אָפּגערעדט פון די גרונטאָפּטיילן, אין וועלכע עס ווערט פובליקירט דאָס בעסטע, וואָס עס שאַפן הײַנט צו טאָג די ייִדישע דיכטער, פּראָזאַיִקער, ליטעראַטור־פאָרשער.

אונדזער כיוו איז באַוואָרענען, אַז יעדערער, וואָס האָט א אינטערעס צו דער ייִדישער ליטעראַטור, זאָל וויסן וועגן דעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד" און באַקומען אים באַצײַטנס. צוליב דעם איז נייטיק, אַז די שוין פאַראַנענע לייענער זאָלן איינצײַטיק זײַן געזעלשאַפטלעכע פאַרשפרייטער. וועגן דעם, וויפל נײַע לייענער יעדערער פון אײַך וועט שאַפן אין דער האַיאָריקער אַבאָנירן־קאָמפּאַניע, בעטן מיר מיטיילן אין א קורצן בריוועלע דער רעדאַקציע.

מיר מאַכן אײַך אויפמערקזאַם, טײַערע לייענער און געזעלשאַפטלעכע פאַרשפרייטער, אַז די אַבאָנירונג איז ווינטשנסווערט דורכפירן אין די ערשטע וואָכן פון דער אַבאָניר־קאָמפּאַניע. אין פאַל, אויב עס וועלן זיך טרעפן ניט פאָרויסגעזעענע שוועריקײַטן, דאַרפט איר וועגן דעם דרינגענדיק סיגנאַליזירן דער רעדאַקציע.

די באַדינגונגען וועגן דער אַבאָנירונג אַפן זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד", צוזאַמען מיט דער בײַלאַגע, זײַנען די זעלבע ווי פאַראַיאָרן:

אַף איין כוידעש — 80 קאָפּ.
אַף דרײַ כאַדאָשים — 2 רובל 40 קאָפּ.
אַף זעקס כאַדאָשים — 4 רובל 80 קאָפּ.
אַף א יאָר — 9 רובל 60 קאָפּ.

מיר ווינטשן אײַך דערפאָלג אין דער אַרבעט און וואַרטן אַף אײַערע מיטיילונגען וועגן דעם גאַנג פון דער אַבאָנירונג.

רעדאַקציע פון „סאָוועטיש היימלאַנד"

טויזנטער אַרבעטער און איינוווינער פון די אָרעמקייטס־קוואַרטאַלן אויף דער דעמאָנסטראַציע פון הס־תדרות אין ירושלים — מיטן רוף צו דער רעסיסיע פון דער רעגירונג.

אף די פראגן פון אונדזערע לייענער ענטפערן מיר מיט פאַקטאַ־מאַטעריאַלן

איך האָב באַקומען א בריוו פון יִיס־ראָעל פון מיַינעם א בען־איר, וועל־כער קלאָגט זיך אף די ביז גאָר שווערע וווינונגס־באַדינגונגען אין דער מעדינע. באַזונדערס, שרײַבט ער, לײַדן די יונגע פּאָרלעך, וואָס האָבן ניט קיין דאך איבערן קאָפּ. זײַט אזוי גוט און באַווײַזט מיט פאַ־קטאַ־מאַטעריאַלן, וויַאזוי די זאך זעט אויס אין דער ווירקלעכקײַט.

באָריס וויגאָדסקי,
גאָרקי

העלפט די פיל טויזנטער אָרעמע פאַמיליעס אין ישראל אין איצטיקן קריזיס; שיקט באַלד אייַן אייער בייַשטייערונג

נייע באַריכטן גיבן איבער, אז דער יקרות אין ישראל איז ווייטער זייער שטאַרק געשטיגן, און אז די אינפלאַציע וואַקסט אָן אויפהער. ביים פאַרשאַרפטן עקאָנאָמישן קריזיס איז געוואָרן באַזונדערס שווער די לאַגע פון די אָרימע גרויסע פאַ־מיליעס, וועלכע זיינען אַנגעוויזן אויף הילף. גרעסערע הילפס־געל־טער זיינען נויטיק איצט, אבער ביי דער שווערער פינאַנציעלער לאַגע האָבן געמוזט פאַרקלענערט ווערן אין ישראל די הילפס־בודזשעטן. און פיל גרעסערע הילף ווי ביז איצט ווערט דערוואַרט באַלד פון אמערי־קאַנער אידן.

גיט אייער ברייטהאַרציקן ענט־פער אויף דעם דרינגענדן הילפס־רוף פון ישראל און שיקט באַלד אייער ביישטייערונג פאַרן ספּעציע־לען ישראל עמוירדזשענסי קאַנד־קאַמפּיין. שיקט גלייך אייער ביי־שטייערונג צו:

Israel Emergency Campaign
% Jewish Daily Forward
45 E. 33rd Street
New York, N. Y. 10016

יונגע פּאָרלעך, וועלכע האָבן ניט קיין דירות, האָבן אין די לעצטע וואָכן פאַרכאַפּט ליידיקע דירות אין דרום תל־אביב (אויפן בילד), אין הרצליה, אין שיכון בטיש און אין נוה־ישראל, אין ראשון לציון און אַנדערע ערטער. די פּאָליציי האָט זיי פון דאָרטן באַזייטיקט מיט כוח.

* דער איצטיקער אויסזען פון התקוה־קווארטאל, אינער וואס גייט אריין אין אפריינונגס־פראיעקט.

וווינונג־נויט אין ייִסראעל

א וווינונג פון א יונגן פארפאלק הינטער כייפע

אין איצטיקן שווערן ווינטער איז הילף פאר ארעמע קינדער אין ישראל דרינגענד נויטיק, שיקט באלד אייער ביישטייערונג

הילף פאר די ארימע קינדער און יוגנטלעכע אין ישראל איז דרינ־גענד נויטיק אין איצטיקן שווערן ווינטער, ביים פארשארפטן עקאנ־אמישן קריזיס אין לאנד, ווען די אינפלאציע איז ווייטער גע־וואקסן, און דער יקרות אויף די נויטיקסטע לעבנסמיטלען שטייגט כמעט יעדן טאג. די ארימע קינ־דער און יוגנטלעכע וואוינען צו־זאמען מיט זייערע נויטליידנדע עלטערן אין „סלאמס"־הייזער, אין די פארלאָזענע געגנטן פון לאנד, אין זייערע טרויעריקע באוואוינונגען. זיי האבן ניט קיין מעגלעכקייטן אויסצוהאלטן נארמאל, און זייער צוקונפט איז באדראָט פון פאר־שידענע געפארן. די מערסטע פון די דארטן פארברעכער ווערן פון דער ענגשאפט און נויט אין די „סלאמס"־הייזער און פארשלעפט ווערן אין סאציאלע פראבלעמען, ווען זיי וועלן אויפגעוואקסן ווערן, וועלן קריגן א נארמאלע דערציאונג און צוגעבראכט ווערן צו א זעלבסטשטענדיק בירגערלעך לעבן, אלס אנגעזעענע בירגער פון מדינת ישראל. דערפאר זיינען נוי־טיק גרויסע געלט־מיטלען, וואס קענען ניט צונויפגעשטעלט ווערן אין ישראל ביים איצטיקן שווערן עקא־נאמישן לאגע, און די נויטיקע הילפס־געלטער ווערן דערווארט באלד פון אמעריקאנער אידן.

אייליט מיט אייער הילף פאר די ארימע קינדער און יוגנטלעכע אין ישראל, און גיט באלד אייער ברייטהארציקע ביישטייערונג פאר ספעציעלע עמערדזשענסי קאמ־פאניע. שיקט באלד אייער ביי־שטייערונג צו:

Israel Emergency Campaign
% Jewish Daily Forward
45 East 33rd Street
New York N. Y. 10016

איינוווינערין פון א שכונה אין דרום תל־אביב — פאר די קאלאניסטן אויף די אקופירטע געביטן זיינען פארהאן מיליארדן, אבער אויף א דירה פאר די איינ־וווינער פון די דאזיקע „פאלאצן" איז ניטא קיין געלט...

העיריה של צ׳יץ׳ לא עזרה, עד שהגיעו מים עד מצעי המיטות

בלעטערנדיק זשורנאלן און צײַטונגען

פארוואָס פארלאָזן זיי ייִסראָעל?

די, וואָס באשעפטיקן זיך מיט דעם איניען פון פארלאָזן דאָס לאנד, האלטן זיך אָפ פון א ברייטער, עפנטלעכער דיסקוסיע ארום דעם צענטראלן פאקטאָר, וואָס איז דער יעסאָד פון דער פראָבלעם: די דיציִעניזאציע פון מעדינאס ייִסראָעל.

כ׳בין איבערצײַגט, אז די פראגע פון דער יערידע און פונעם אָפפאלן פון אוילים פון ראטנפארבאנד, וועלכע קומען אָן קיין ווין און ווילן זיך ניט באזעצן אין ייִסראָעל, זײַנען צוויי זײַטן פון דער זעלבער מאטבייע, און דאָס איז איינע פון די עקזיסטענץ־פראָבלעמען, אויב ניט די צענטראלע בענעגייע דער צוקונפט פון ייִסראָעל. מיר שײַנט, עס זײַנען ניטאָ קיין מיינונגס־פארשיידנהײַטן, אז די איקערדיקע סיבע ליגט אין דער אָפשוואכונג פון דער ציִעניסטישער ארגומענטאציע און אין דער רעגירונגס־פאָליטיק.

די דאָזיקע פראָבלעם האָט זויכע געוועזן צו א ברייטער באהאנדלונג. אָבער ביז איצט האָבן די מענטשן, וואָס באשעפטיקן זיך מיט דעם איניען, אָפגעהאלטן זיך פון באשולדיקן דעם איקערדיקן פאקטאָר: די דעציִעניזאציע פון מעדינאס ייִסראָעל, ווי זי זעט אויס אין די אויגן פון מענטשן, וועלכע לעבן אין איר, און אין די אויגן פון די, וועלכע פארלאָזן דאָס לאנד, און בא די, וועלכע האָבן געהאט בעדייע אוילע צו זײַן און פאלן אָפ אין ווין.

דער, וואָס וויל אוילע זײַן, דארף זײַן שטארק אין זײַן עמונע און פארמאָגן א קימאט אומלאָגישע טרײַבקראפט, קעדיי צו קומען אין א לאנד, וואָס געפינט זיך אין פערמאנענטן אויסנאם־צושטאנד. אין דער גאנצער וועלט, באזונדערס אין אייראָפע, זוכט מען מיטלען, קעדיי אויסמײַדן א צוזאמענשטויס צווישן די גרויסמאכטן, ווײַל אייראָפע וועט זײַן דאָס שלאכטפעלד פאר אטאָמיש געווער, און אין ייִסראָעל וויל מענאכעם בעגין מיט אלע קויכעס זײַן דער אוואנגארד פון דער אויספאנטאזירטער מײַרעוודיקער וועלט קעגן דעם ראטנפארבאנד.

ס׳איז א סאָפעק, צי אויסער די עקסטרעמיסטישע קרײַזן אין די פאראייניקטע שטאטן, אָדער אין לאטײַן־אמעריקע איז נאָך פאראן וועלכער־ניט־איז באשליסנדיקער פאָליטיקער, וואָס שטרעבט צו פארשארפן די קאלטע מילכאָמע אזוי ווי מ. בעגין. די סאָוועטישע ייִדן וועלן אוואדע ניט גיין מיט א קלאָרן געדאנק אין דעם לאנד, וועמענס מאנהיגים פירן דערצו. אויך אן אייראָפעיִשער ייִד ווייסט גוט דעם באטײַט פון אזא פאָליטיק, און דער דורכשניטלעכער אמעריקאנער ייִד האָט שוין געזאָגט זײַן וואָרט בייס דעם געראנגל קעגן דער מילכאָמע אין וויעטנאם.

מיר דארפן געדענקען די פארגאנגענהײַט, גאָרנישט ניט פארגעסן. אָבער דווירעס קאָנען ניט עקזיסטירן אונטער דער פויזנדיקער האשפאָע פון דער אָשווענטשים־טראוומע, ביפראט פאר מענטשן, וואָס ווערן מיד פונעם שטענדיקן לעבן אין שאָטנס פון די קוימענס — אויך זיי בייטיקן זיך אין א כאָלעם וועגן א צוקינפטיקן לעבן. און איצט, ווען ס׳הערט ניט אויף צו שרעקן די ייִסראָעלים, אז די גאנצע וועלט איז קעגן זיי, טוען די יוגנטלעכע, טיילמאָל אויך דערוואקסענע, דאָס סאמע רעאלע — זיי פארלאָזן דאָס לאנד.

שלאכט־אופטועך אנטפלעקן באם מענטשן דעם גאנצן מעסירעסנעפעש. די מילכאָמע איז אָבער א קורצע. נאָך איר קומען לאנגע, גרויע טעג. און אויב אין אזעלכע טעג איז ניט פאראן קיין סטאבילקײַט, ניטאָ קיין זיכערקײַט אין קיִעם — גייט אויך פארלוירן די גרעסטע העראָיִק.

ס׳האָט זיך אויסגעוויזן, אז עס באווײַזט זיך א ליכט־שטראל אינעם סאָף פון טונעל — ס׳איז אונטערגעשריבן געוואָרן א שאָלעם־העסקעם מיט מיצראיִם. מ׳האָט געקאָנט כאָלעמען, אז יעדערער וועט קאָנען זיצן אין זײַן ווײַנשטאָק און טרוימען, אז די שווערדן וועלן פארוואנדלט ווערן אין אקער־אײַזנס. דערווײַל אָבער איז פארקערט. טאָגטעגלעך רעדט מען אײַן די בירגער פון ייִסראָעל, אז דער שאָלעם איז א געפאר, אז דער סוינע דערנעענטערט זיך פונעם סועץ־קאנאל ביז דער „גרינער ליניע“. די וויזיע פון קאָעקזיסטענץ מיט די פאלעסטינער אראבער איז צעשטערט געוואָרן מיט דער פאטאמאָרגאנא פון דער אווטאָנאָמיע. אָף די פארנומענע געביטן קומט הײַנט פאקטיש פאָר א

בירגערקריג, און די אנעקסיע פון גאלאן האָט געשטעלט אַף די פיס די גאנצע מעדינע און באוויזן, וואָס עס וועט געשען, ווען ס׳וועט גיין א רייד וועגן א מיליאָן 200 טויזנט פּאַלעסטינער. צו זיי דאַרף מען נאָך צוגעבן 100 טויזנט אראבער פון יערושאָלאַיִם, וואָס אַלע מאָל פּראָקלאַמירן זיי שטרײַקן.

עמעצער האָט געטײַנעט, אַז ס׳איז ניט וויכטיק, וואָס די „גאַיִם" וועלן טראַכטן — וויכטיק איז וואָס די ייִדן וועלן טאָן. עפשער איז ער געווען גערעכט, אָבער פון א שמאָלן בליק. ער האָט פאַרגעסן, אַז אין די טפוצעס לעבן 80% פונעם ייִדישן פאָלק, און זיי ווייסן, ווי ס׳זעט הײַנט אויס יִסראָעל. און נאָר דער, וואָס פאַרמאָגט א סטאַבילן גלויבן, וועט זיך אָפּהייבן און קומען קיין יִסראָעל. דערפאַר אָבער זײַנען די זין פון די יִסראָעלים גופע אַלץ מער געצווונגען צו גיין אַף די פאַרנומענע געביטן און פאַנאַנדערטרײַבן דעמאָנסטראַציעס פון מענער, ווי אויך פון פרויען און שילערנס. מיר רעדן שוין ניט פונעם כורבן, וואָס דאָס איז גורעם צו זייערע יונגע נעשאָמעס.

און דאָס אַלץ קומט פאָר אין די ספּעציפישע באַדינגונגען פון דעמאָגראַפיע. דער נאַטירלעכער צווווקס פון ייִדן אין יִסראָעל איז גאָר א קלײנער. אויך אוילעם קומען ווייניק (אפילו ווען עס זײַנען פאַראַן אַזעלכע), בײַס די שכיינים אַרום פאַרמערן זיך אין א שטויגנדיקן טעמפּ. אויב אין יאָר 1956 האָט מיצראַיִם געציילט 24 מיליאָן, זײַנען איצט שוין פאַראַן דאָרט 52 מיליאָן. דאָס איז נאָר איינע פון די מעדינעס, וועלכע רינגלען אונדז אַרום.

מיר זײַנען איצט אויך איידעס פון עקאָנאָמישער אומסטאַבילקײַט. ס׳וועט ניט העלפן קיין אקראָבאַטישע סטאַטיסטיק וועגן אופשטײַג פון דעם רעאַלן לוין. די מענטשן פירן זיך לויט דער סיסטעם „כאַפּ אַרײַן", האגאם אינעם אונטערבאַוווסטזײַן פאַרשטייען זיי, אַז דאָס איז א קאַרטן־הײַזל, געשטעלט אַף וואַנדערנדיקן זאַמד — און ס׳וועט קומען די צײַט פון צאָלן. עס וואַקסט די אַרבעטסלאָזיקײַט. די יוגנטלעכע, וועלכע געפינען ניט נאָכן ענדיקן די מיליטער־דינסט קיין באַשעפטיקונג און פּאַרנאָסע, אפילו ווען זיי באַקומען אַרבעטסלאָזע אונטערשטיצונג אין מעשעך פון 7 כאָדאָשים, פאַרלאָזן דאָס לאַנד.

אין פאַרלויף פון א סאַך יאָרן איז פאָרגענומען געוואָרן א פּרווו צו אויספאָרמירן איין פאָלק אין איין גרויסן שמעלצטאָפּ. און האגאם ס׳איז זייער א פילבאַרע טעמע, קאָן מען נישט ניט זאָגן דעם עמעס.

די אנטשטייונג פון דער מעדינע האָט געבראַכט אהער פאַרשטויסענע שוואָטים פון אַלע עקן וועלט. און טאַקע די באַוועגונג, פון וועלכער מענאַכעם בעגין שטייט בעראָש און וואָס איז לעכאַטכילע געווען אײַנגעשטעלט אַף אויסצונוצן עלעמענטן פון פּסעוודאָ־פּראָלעטאַריער און אַרײַנדרינגען אין יעטווידן שפּאַלט פון קעגנזאַצן, אופּרודערנדיק די געזעלשאַפט, האָט אַרויסגעהויבן אַפן טאָג־אָרדענונג די אנדערשקײַט אַנשטאָט דעם, וואָס עס פאַרייניקט.

די מענטשן, וועלכע מיר רופן צו קומען קיין יִסראָעל — פונעם ראַטנפאַרבאַנד, פון די פאַרייניקטע שטאַטן, דאָרעם־אַמעריקע, אייראָפּע, שטייען דערשטוינטע אַנטקעגן דעם דאָזיקן ספּעקטאַקל פון באַוווּסטזיניקן אונטערוואַרעמען די קלוימערשט עטנישע קעגנזאַצן. און ס׳איז ניט קיין וווּנדער, וואָס עס גייט זיי ניט אין לעבן זיך אַרײַנצולאָזן אין א זודיקן קעסל.

נאַפּטאָלע פעדער, קנעסעט־דעפּוטאַט פון מאַפּאַם
(„יִסראָעל־שטימע").

„יוגנטרוף" — וווּהין?

דער זשורנאַל „יוגנטרוף" פײַערט זײַן 47־טן יאָרגאַנג. דאָס איז א זשורנאַל, וואָס ווערט אַרויסגעגעבן דורך מענטשן, וועלכע האָבן זיך געשטעלט פאַר אַן אויפגאַבע צו פאַרשפּרייטן פאַרשטענדעניש פאַר דער ייִדישער שפּראַך. „ייִדיש איז אונדזער קיִעם: רעדט, לייענט און שרײַבט ייִדיש!"

„יוגנטרוף" איז א מיטגליד־אָרגאַניזאַציע פון דעם אַמעריקאַנער ייִדישן סטודענטן־אַפּעל. וואָלט אַלץ געווען גוט און פײַן און לעיהודים פּריילעך. רופט אָבער אַרויס א שטוינונג, אַלעמײַ דער זשורנאַל האָט געהאַלטן נייטיק אַרויסצוגעבן א „ספּעציעלן טאָפּל־נומער" מיט אינסינואַציעס וועגן ייִדן אין סאָוועטנפאַרבאַנד. די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע האָט שוין, ווי עס ווײַזט אויס, באַוויזן אײַנצופלאַנצן ייִדיש אין די ברייטסטע ייִדישע יוגנט־קרײַזן אין די פאַרייניקטע שטאַטן און אין קאַנאַדע, שוין אָפּגערעדט וועגן אַנדערע געגנטן אין דער וועלט... דאָס איז דאָך אַן „אַלוועלטלעכער ייִדישער יוגנט־זשורנאַל". ס׳איז זיי געבליבן בלויז צו זאָרגן וועגן „די סאָוועטישע ייִדן"...

די ברייטסטע וועלט־עפנטלעכקײַט איז גוואַלדיק באַאומרויִקט פון דער גרויליקער געפאַר פון אַן אַטאָם־מילכאָמע. דאַפקע די יוגנט פאַרנעמט א בעקאָוועדיק אָרט אין די קאַמפן אַף דער וועלט, אײַנגעשלאָסן די פאַרייניקטע שטאַטן, פאַר אָפּשטעלן דעם פּאַטאָלן געיעג פונעם אַטאָם־וואָפן, פאַר דערפירן צו א סאָוועטיש־אַמעריקאַנער פאַרשטענדיקונג, פאַר אויסמײַדן א גרויליקע אַטאָם־מילכאָמע. די איקערדיקע זאָרג איז אין איצטיקן מאָמענט — אויסמײַדן אַן אַטאָם־מילכאָמע, וואָס קאָן שטעלן אין געפאַר דעם קיִעם פון פעלקער און לענדער. דעריבער איז גאַנץ צווייפלהאַפט דאָס אַרויסגעבן דורך „יוגנטרוף" אַזא „ספּעציעלן

טאָפּל־נומער", וואָס עס איז ניט קיין אויסדרוק פון זאָרג פאַר „אונדזער קיום". צי וואָלט דער „יוגנטרוף" ניט געטאָן בעסער, ווען ער גיט ארויס א נומער, געווידמעט דער געפאַר פון אַן אטאָם־מילכאָמע, רופנדיק צו סאָוועטיש־אַמעריקאַנער קאָאָפּעראַציע? צי באַטייט ניט דאָס ארויסגעבן אין איצטיקן מאָמענט אַזאַ „ספּעציעלן טאָפּל־נומער" א פּרוּוו צוגיסן א ביסל אייל אויפן פייער פון דער קאַלטער מילכאָמע, וואָס איז אין א סטירע צו די אינטערעסן אויך פון אונדזער קיום?

„דער וועג" — טעל־אוויוו

א בילדל פון דעם לעבן פון יידן אין אוסטראליע

„שעכערעזאדע"

קעדיי דער נאָמען פונעם רעפּאָרטאַזש זאָל דעם לייענער ניט אַריינפירן אין א טאָעס וועגן דעם אינהאַלט זיינעם, וויל איך לעכאַטכילע באַמערקן, אַז עס רעדט זיך אין אים ניט וועגן רימסקי קאָרסאַקאָווס „שעכערעזאדע" און בכלל ניט וועגן מוזיק, נאָר וועגן א יידיש קאַפע־הויז מיטן נאָמען „שעכערעזאדע" אין מעלבורן אויף עקלאַנד־סטריט.

פאַרוואָס דעם יידישן באַלעבאָס איז איינגעפאַלן צו געבן זיין קאַפע א נאָמען „שעכערעזאדע" — איז עס זיין זאַך, זיין געשמאַק און זיין רעכט. און אַז די קאַפע זיינע וואָלט, לאָמיר זאָגן, געהייסן מיטן נאָמען „די ניינטע" פון בעטהאָווענען, וואָלט געווען בעסער און פאַרשטענדלעכער? לאָמיר אָננעמען, אַז דער יידישער באַל־האַקאַפע, וועלכער איז אַגעוו, א באַקאַנטער יידישער געזעלשאַפטלעכער טוער, האָט ליב מוזיק און ס'איז אים צום האַרצן רימסקי קאָרסאַקאָווס „שעכערעזאדע" — האָט ער אַוואַדע געהאַט א גענוגנדיקע סיבע אַזוי אָנצורופן זיין קאַפע־הויז, ווי עס הייסט שוין זינט א סאַך יאָרן אויף עקלאַנד־סטריט און דערמאָנט דאָס פּאַריזשער „פּלעצל". דער עמעס איז, אַז אין „שעכערעזאדע" וועט איר נישט בלויז ניט הערן רימסקי קאָרסאַקאָווס מוזיק, נאָר בכלל קיין מוזיק ניט. און וואָלט וועמען פון די שעכערעזאדניקעס, פון די שטאָט־געסט, איינגעפאַלן צו פאָדערן פונעם באַל־האַקאַפע, ער זאָל אַמאָל איינשליסן די ראַדיאָ אויף צו הערן א ביסל מוזיק, וואָלט דער גאַנצער עולעם זיינער געווען קעגן און געהייסן פאַרמאַכן די ראַדיאָ, ווייל ניט קיין מוזיק קומען זיי הערן אין „שעכערעזאדע". זיי קומען הערן איינער דעם אַנדערן: ווי האַלט עס מיטן אַמעריקאַנער אָדער אויסטראַלישן דאָלאַר, מיט הייזער און דירעס און נאָך אַזעלכע מיסכאָרים, וואָס הייבן זיך און פאַלן איבער נאַכט...

די שטענדיקע באַזוכער, די שעכערעזאדניקעס, זיינען יידן פון דער גאַנצער וועלט, נאָר מערסטנס — יידן פון פּוילן, יידן פון שעירעס האַפּליטע און אויך יידן אויסטראַלישע בירגער, געקומענע נאָך פון דער צווייטער וועלט־מילכאָמע, יידן — שוין אַרופגעאַרבעטע און אויפגעקומענע גווירים. אין „שעכערעזאדע" קומען זיי אין די שאַבאָסים און אין די זונטיקס, ווען מע אַרבעט ניט און די געשעפטן זיינען געשלאָסן. זיי קומען שאַבעס־יאָמטעוודיק, נאָר ספּאָרטיוו, מייסע אויסטראַליער, בא וועמען די זונטיקס זיינען דאַפּקע די טעג פון פאַרנעמען זיך מיט זייער הויזגעזינד און מיט דער הויז־ווירטשאַפט און דעריקער מיט די גערטנער און גערטנדלעך אַרום די הייזער זייערע.

אין „שעכערעזאדע" זעט מען זעלטן עמעצן פון דער יידיש־רוסישער אימיגראַציע — די נויסרים, וועלכע האָבן, פאַרנדיק קיין יסראָעל, אויסגעדרייט אין ווין דעם דישעל און זיינען פאַרפאָרן קיין אויסטראַליע. די רוסישע יידן, — האָט מיר עמעצער דערקלערט, — האַלטן זיך בכלל ווייט פון יידן ניט פון זייער לאַנד, רוסלאַנד.

ווי אָפּגערעדט מיט די מענער, קומען אויך די פרויען אין „שעכערעזאדע" ניט אין די פאַרמיטיק־שאָען, נאָר פאַרנאַכט־צו, ווען דאָס קאַפעהויז איז מיטן געדיכטן רויך פון סיגאַרעטן אַרויס אויך דער טומל און דער ראַש פון איינוויניק און פון דרויסן, פון די, וואָס בלייבן הינטער דער טיר פון דער גרויסער קאַפע און — פירן זייערע שאַבעס־יאָמטעוודיקע געשעפטן ווי אויף א בירזשע.

די פרויען — ווי פרויען. זיי קומען שטיל, זעצן זיך שטיל אַוועק, רוקן זיך צונויף — ניט צו פאַרלירן פון דעם, וואָס יעדע פון זיי וועט דערציילן. ווי געוויינלעך, הייבט זיך אָן דער שמועס זייערער אויף יידיש, נאָר שטיל, עס זאָל, כאָלילע, א זייטיקער, א פרעמדער ניט הערן, אַז זיי ריידן אויף א שפּראַך, וואָס גרילצט אין די אויערן. זיי גייען דערפאַר שנעל אַריבער פון יידיש אויף ענגליש און פון ענגליש — אויף מאַמעלאָשן... פּויליש, וואָס פירט זיי אַריין אין א נאָסטאַלגישער בענקשאַפט צו זייער היימלאַנד פּוילן, וווּ זיי האָבן, ווי זיי זאָגן, אָפּגעלעבט די שענסטע, בעסטע יאָרן אין די פּוילישע קאַפעען, אין דער געזעלשאַפט פון דער פּוילישער עליטע...

יויסעף פּאַפּערניקאָוו

(„אויסטראַליער ניַיס")

צו אונדזער קינסטלערישער בײַלאַגע

געדאַנקען וועגן מײַן שאַפונג

דאָס ערשטע מאָל האָב איך גענומען דאָס פענדזל אין דער האַנט, ווען איך בין אַלט גע־וואָרן פופציק יאָר, אין 1965, אָבער ערנסט האָב איך זיך אָנגעהויבן פאַרנעמען מיט מאָ־לערײַ אין 1974, ווען איך האָב באַקומען די מעגלעכקייט צו אַרבעטן אין וואַרשטאַט פון דעם אַלטן קינסטלער וויקטאָר מאַרקאָוויטש מידלער.

צו יענער צײַט בין איך שוין געווען אַ קאָמפּאָזיטאָר מיט אַ היפּשער שעפערישער דערפאַרונג, מיט אייגענע קינסטלערישע איבערצײַגונגען. אַזאַ שפּעטע ווענדונג צו מאָ־לערײַ איז פאַר מיר ניט געווען ניט קיין שפּי־לערײַ, ניט קיין מיטל פון צײַטפאַרטרײַב.

אויך איצט פרעג איך זיך אַליין: וואָס קומט עס פאָר אין דער נעשאָמע פון דעם מענטשן, ווען עס בליצט אויף אין איר אַזאַ פײַערל? קאָן זײַן, אַז דאָס איז אַ פאַרלאַנג צו דערקענען דאָס אומבאַקאַנטע.

מײַן ביִאָגראַפיע איז אַ פּאָשעטע. איך בין געבוירן געוואָרן אין 1915 אין פּעטראָגראַד. אין די קינדער־יאָרן האָב איך איינינעם מיט די על־טערן געוואַנדערט איבער פיל שטעט פון רוס־לאַנד. אין 1932 בין איך אַרײַנגעטראָטן אין אַ מוזיקאַלער שול, און אין 1939 — פאַרענדיקט די מאָסקווער קאָנסערוואַטאָריע לויטן קלאַס פון קאָמפּאָזיציע. אין דעם זעלבן יאָר איז געווען אויסגעפילט מײַן ערשטע סימפאָניע, און אינ־גיכן האָט אין ראַדיאָ־טראַנסלירונגען דורכגע־קלונגען די מוזיק צו די פּאָעמעס פון וול. מאַ־יאַקאָווסקי „גוט!" און „וו. אי. לענין".

די מילכאָמע האָט איבערגעריסן מײַן ערנ־סטע אַרבעט אין געביט פון מוזיק. אָבער אַלץ, וואָס איך האָב געזען און איבערגעלעבט אין יענע טראַגישע יאָרן, האָט ניט געקאָנט ניט ווירקן אויף מײַן ווײַטערדיקן שעפערישן וועג.

פון מײַנע מוזיקאַלע ווערק איז מיר באַזונ־דערס טײַער די מאָנאָאָפּערע „דער טאָגבוך פון אַנע פראַנק" פאַר סאָפּראַנאָ און אַ סימפאָנישן אָרקעסטער. זי איז אָנגעשריבן אין 1969. די ליברעטאָ האָב איך געמאַכט אַליין. אין איר גרונט ליגט אַ ווירקלעכער דאָקומענט — אַנע פראַנקס טאָגבוך. מיט עטלעכע יאָר צוריק, ווען אין האָלאַנד האָט מען אויסגעפילט מײַן מאָנאָ־אָפּערע, בין איך געווען אין דעם הויז, וווּ ס'איז פאָרגעקומען די טראַגעדיע.

אַחוץ האָלאַנד, איז די מאָנאָאָפּערע אויסגע־פילט געוואָרן אין אַ ריי שטעט פון סאָוועטנ־פאַרבאַנד און אין אַמעריקע.

מײַן צווייטע מאָנאָאָפּערע — „די בריוו פון וואַן גאָג" פאַר אַ באַריטאָן און אַ קאַמער־אָר־

קעסטער — איז אָנגעשריבן אפֿן טעקסט פֿון די בריוו פֿון ווינסענט וואַן גאָג צו זײַן ברודער טעאָ. איך רעכן ניט, אַז דער באַגער אָנצושרײַבן אַ ווערק אפֿן סמאַך פֿון די בריוו פֿון דעם גרויסן קינסטלער איז געווען פֿאַרבונדן מיט מײַן נייגונג צו מאָלערײַ. די שאַפֿונג פֿון וואַן גאָגן איז מיר געווען באַוווּסט, ווען איך בין נאָך געווען אַ סטודענט פֿון דער קאָנסערוואַטאָריע, אין די ווײַטע פֿאַרמילכאָמעדיקע יאָרן. וואַן גאָג האָט מיך געפֿאַנגען אפֿן גאַנצן לעבן, איך בין אַנציקט פֿון זײַן טיפֿער, פֿאַרביקער בילדערישקײַט, ווי אויך פֿון דער פֿילאָסאָפֿישער טיפֿזיניקײַט פֿון זײַנע בריוו.

מיר גלוסט זיך באַרירן נאָך איין פֿראַגע: צי העלפֿט מיר די מוזיק אין מאָלערײַ? צי ווירקט דאָס מאָלערײַ אַף דער מוזיק?

איך טראַכט, אַז דירעקט זײַנען די ביידע מינים קונסט צווישן זיך ניט פֿאַרבונדן. יעדערע פֿון זיי האָט איר אייגנאַרטיקײַט, איר עסטעטיק, אירע געזעצן, — אין אַ סך הינזיכטן זײַנען זיי אַפֿילע קעגנגעשטעלט. מאָלערײַ איז אַ קונסט, וואָס האָט צו טאָן מיט רוים. מוזיק צעוויקלט זיך אין צײַט. מאָלערײַ איז זאַכלעך, — מוזיק איז אַן אַבסטראַגירנדיקע קונסט (איך נעם דאָ ניט אין אַכט אַבסטראַגירנדיקע מאָלערײַ און פּראָגראַם־מוזיק). נאָר, וואַרשײַנלעך, אַז מוזיק און מאָלערײַ זײַנען פֿאַרבונדן מיט עפּעס אַ דריטס; מעגלעך, אַז דאָס איז די געווענדקײַט צו אַן אַלגעמיינעם, גאַנץ העכערן ציל, צום עמעס, צום זיטלעכן יעסאָד, ווײַל ביידע מינים קונסט — דאָס זײַנען מיטלען פֿון דערקענען די וועלט, ביידע שפּיגלען זיי אָפּ די געזעצמעסיקײַטן פֿון דער נאַטור.

דער פֿאָרשער פֿון קונסט עזשען פֿראָמענטען זאָגט אין זײַן מערקווירדיקן בוך „די אַלטע מײַסטערס", וועלכער איז אָנגעשריבן מער ווי מיט הונדערט יאָר צוריק, אַז „די קונסט פֿון מאָלערײַ איז אין טאָך די קונסט פֿון אויסדריקן דאָס פֿאַרבאָרגענע מיט דער הילף פֿון דעם אָנשוילעכן".

ווײַזט אויס, אַז אויך מוזיק דריקט אויס מיט דער הילף פֿון קלאַנגען עפּעס אַזעלכס, וואָס עס איז אוממעגלעך איבערגעבן אַף אַן אַנדער אופֿן.

נאָר צווישן מוזיק און מאָלערײַ איז דאָ אַ סך ענלעכס אין שעפֿערישן פּראָצעס גופֿע: אָנגעשטרענגטע (אָפּטמאָל פּײַנלעכע) זוכונגען, אָנצאָליקע איבעראַרבעטונגען, וואָס זײַנען אָפּדערנאַכט באַהעלט מיט פֿאָרגעפֿילן פֿון דערפֿאָלג און אין די גרויע, אומעטיקע פֿאַרטאָגן פֿול מיט ביטערער אַנטוישונג. און אין דער זעלבער צײַט ברענגט גראָד דער דאָזיקער האַרבער שאַפֿונגס־פּראָצעס די סאַמע טיפֿסטע באַפֿרידיקונג.

סײַ פֿאַר דעם קאָמפּאָזיטאָר, סײַ פֿאַר דעם מאָלער שטעלט מיט זיך פֿאָר זײַן קונסט אַ מיטל צו פֿירן אַ געשפּרעך מיט מענטשן, זי איז אַ פֿאָרם פֿון מענטשלעכן פֿאַרקער. ס'איז פּאַראַדאָקסאַל, נאָר גראָד אין אונדזער טקופֿע פֿון גוואַלדיקע שנעלקײַטן, פֿון עלעקטראָן־כעזשבנדיקער טעכניק, פֿון טעלעוויזיע, טעלעפֿאָן, ראַדיאָ איז די פּראָבלעם פֿון מענטשן־פֿאַרקער איינע פֿון די סאַמע קאָמפּליצירטע.

ס'איז דאָ אַן אַלטער מיזרעכדיקער מאָשל. צוויי מענטשן גייען שווײַגנדיק איבערן מידבער. פֿאַרמאַטערטע, זעצן זיי זיך שטילערהייט צו, און נאָך אַ דויערנדיקן שווײַגן זאָגט איינער פֿון זיי: „מײַן מיטגייער איז פֿאַרלאָרן געוואָרן". ווידעראַמאָל אַ לאַנג שווײַגן, דערנאָך ענטפֿערט דער אַנדערער: „ניין, איך בין דאָ. דאָס איז דער וועג פֿאַרלאָרן געוואָרן".

אין דער הײַנטצײַטיקער וועלט שטייט פֿאַר יעדן דענקענדיקן מענטשן די פּראָבלעם פֿון אופֿזוכן דעם וועג, גייענדיק אַף וועלכן ער איז אימשטאַנד צו פֿאַרהיטן די עטישע, זיטלעכע אידעאַלן.

אַ סאַך קאָמפּאָזיטאָרן אַרבעטן אָן דעם אינסטרומענט. איך האָב ליב צו שאַפֿן, זיצנדיק בײַ דער פֿאָרטעפּיאַנע. כ'האָב ליב צו הערן דעם קלאַנג, פֿיזיש אופֿנעמען די באַוועגונג פֿון די קלאַנג־ליניעס. און אין דער זעלבער צײַט, אין מאָלערײַ, פֿרייט מיך די מעגלעכקײַט צו אַרבעטן אין דער אַטמאָספֿער פֿון קלאַנגען.

אַ ריי מײַנע בילדער נעם איך אויף ווי „שטילע מוזיק". טאַקע די דאָזיקע ליניע אין מײַן שאַפֿונג געפֿינט זיך אַמערסטן אין איינקלאַנג מיט מײַן אינערלעכן צושטאַנד. קאָן זײַן, אַז גראָד דאָס לאָזט זיך פֿילן אין דעם אויטאָפּאָרטרעט, וועלכן „סאָוועטיש היימלאַנד" רעפּראָדוצירט הײַנט.

אַ דערינערונג וועגן דעם פֿאַרגאַנגענעם איז „דער פּאָרטרעט פֿון מײַן מוטער פֿון 1910". אין אים איז פֿאַר מיר וויכטיק ניט די ענלעכקײַט, נאָר דער צושטאַנד, וואָס ווערט געבוירן דורך קאָליר און פֿאָרם. כאָטש איך זע טאַקע אַזוי מײַן מוטער פֿונעם ווײַטן יאָר, נאָר רעאַל און נאָענט ווערט זי מיר אין די איצטיקע טעג אַדאַנק דער פֿאַרבינדונג פֿון דער שלאַנקער פֿיגור אין ראָזן קלייד מיט דעם קאַלטן קאָלאָריט פֿון דעם פּייזאַזש.

אין אַן ענלעכן צושטאַנד איז, ווי מיר דוכט, געשאַפֿן „די אָפֿענע טיר". טאַקע גראָד דער צושטאַנד (ניט די בילדערישקײַט, וועלכע איז אין דעם פֿאַל נאָר אַ מיטל) איז דאָ דאָס וויכטיקסטע. דער טונקעלער פּאָדערפֿלאַך, די אָפֿענע טיר, די שײַן הינטער איר, דער טיש, די ליכט דאַרפֿן אַרויסרופֿן דאָס געפֿיל פֿון

וואַרטן, פון שטילקייט, פון אָנגעשטרענגטקייט, און... פון טרויער.

דער פּאָרטרעט פון יאַנוש קאָרטשאַקן איז אָנגעשריבן אין 1978. דער טראַגישער אומקום פון מיליאָנען ייִדן אין די יאָרן פון דער מיל־כאָמע, ווי אויך מײַנע אייגענע פראָנט־זיכרוי־נעס (אין דער צײַט פון דער מילכאָמע האָב איך געקעמפט אַף דער טעריטאָריע פון ליטע, פוילן, לעטלאַנד, מיזרעך־פּרײַסן), דער גוירל פון נאָענטע און קרויווים, — דאָס אַלץ האָט געפונען אַן אָפּשפּיגלונג אין דעם פאַראַלגעמיי־נערטן פּאָרטרעט „דער זאָקן“, וועלכער פאַרהיט אין זײַן גרונט דאָס געשטאַלט פון מײַן עלטער־זיידן.

אויך אַף דעם בילד „דעם אָנדענק פון די אוועקגעגאַנגענע“ זײַנען פאַרצייכנט מײַן אייגע־נער ברודער (די פיגור אַף רעכטס) און מײַן שוועסטערקינד (אַף לינקס) — א טאַנקיסט. ביידע זײַנען זיי אומגעקומען הינטער לענינ־גראַד אין די יאָרן 1942 און 1943.

פאַר אָט די אַלע ארבעטן, ווי אויך פאַר דעם „הויפל“ איז כאַראַקטעריש סטאַטישקײַט, וואָס שטרײַכט אונטער דעם אויסערלעכן גלײַכ־געוויכט, די רו און אײַנצײַטיק די אינערלעכע אָנגעשטרענגטקײַט.

„די שטאָט אין געלער שײַן“ איז אָנגעשריבן פריִער פון אַנדערע ארבעטן — אין 1974. אין אָט דער זאַך האָב איך אויסגענוצט „מײַן“ זעלבסט צוגעטראַכטע טעכניק, פון וועלכער איך האָב זיך שפּעטער אָפּגעזאָגט. אַגעוו, איבערהויפּט ארבעט איך אין דער טעכניק פון אייל־מאָלע־רײַ.

סע שטעלט זיך מיר פאָר, אַז דער הויפּט־מאָטאָר פון באַליביקער שאַפונג איז די אינער־לעכע באַדערפעניש. שוין דערנאָך ווערט קלאָר, צי ס'איז נייטיק דאָס, וואָס דו טוסט, צוליב אַנ־דערע מענטשן. נאָר אויב ס'איז טאַקע אַזוי, אויב דײַן שאַפונג, די דערפאַרונג, די געדאַנקען, ווי עס ווײַזט זיך אַרויס, זײַנען נוצלעך און אינ־טערעסאַנט פאַר אַנדערע, — איז עס א גרויסע פרייד.

גריגאָרי פריד

כראָניק

איבער די וועגן פון דער פאָטערלענדישער מילכאָמע

אונטער אַזאַ נאָמען איז אין לאָקאַל פון דער סטודיִע באַם צענטראַלן הויז פון דער סאָוועט־טישער ארמיי עקספּאָנירט גע־וואָרן א אויסשטעלונג פון קינ־סטלער, וועלכע זײַנען אין אָט דער סטודיִע דערצויגן געוואָרן.

צווישן די פילצאָליקע שאַפונ־גען זײַנען פאָרגעשטעלט געוואָרן עלף ארבעטן פונעם קינסטלער שלוימע ווערכאָווסקי. צווישן זיי צוויי בילדער אַף ייִדישער טע־מאַטיק: „דער שרײַבער אירמע דרוקער אפן פראָנט“ און „א ייִד פון געטאָ“. ש. ווערכאָווסקי איז א שטענדיקער אויטאָר פונעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד“.

פאָטאָגראַפיעס
מיט א שמייכל



פאָטאָגראַפיעס
מיט א שמייכל





מאַטעריאַלן פאַר אַ לעקסיקאָן
פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור

קאַזאַקעוויטש, עמאַנויִל
(1962 — 1913)

— דיכטער, פּראָזאַיִקער. געבוירן אין קרעמענטשוק, אַ זון פון הענעך קאַזאַקעוויטשן. אין 1930 פאַרענדיקט דעם כאַרקאָווער מאַשינבוי־טעכניקום. אָנגעהויבן שרײַבן נאָך אין די סטודענטישע יאָרן. אין 1932 אַריבערגעפאָרן קיין ביראָבידזשאַן, געאַרבעט אַלס שעף פון אַ בויונג, פאָרזיצער פון אַ קאָלווירט, דירעקטאָר פונעם ייִדישן מעלוכע־טעאַטער, אַלס זשורנאַליסט. אָנטיילגענומען פון דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע, דורכגעמאַכט אַ וועג פון אַ סאָלדאַט ביז אַ געהילפס־שעף פון דער אויסשפּירונג פון אַן אַרמיי, וועלכע האָט געשטורעמט בערלין. אין די דרײַסיקער יאָרן געדרוקט לידער אַף ייִדיש, אַרויסגעלאָזט עטלעכע לידער־זאַמלונגען, איבערגעזעצט אַף ייִדיש די ווערק פון פּושקינען, לערמאָנטאָוון, מאַיאַקאָווסקין. נאָך דער מילכאָמע אָנגעשריבן אַ ריי פּראָזע־ווערק אַף רוסיש און אָנערקענט געוואָרן אַלס איינער פון די באַדײַטנדיקסטע פּראָזע־מײַסטערס אין דער רוסישער סאָוועטישער ליטעראַטור.

ווערק: ביראָבידזשאַנבוי, לידער, ביראָבידזשאַן, „געזערד", 1932; גרויסע וועלט, לידער, פּאָעמעס און געשיכטעס, מאָסקווע, „דער עמעס", 1939; דער וועג קיין ביראָבידזשאַן, רײַזע־בילדער, מאָסקווע, „דער עמעס", 1940; שאָלעם און כאַווע, ראָמאַן אין פערזן, מאָסקווע, „דער עמעס", 1941; גרינע שאָטנס, דערציילונג, מאָסקווע, „דער עמעס", 1947; (צוזאַמען מיט ד. בערגעלסאָן) ביראָבידזשאַן, אַן אַלגעמיינער איבערזיכט פון דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט, מאָסקווע, „דער עמעס", 1939; אין רוסיש: דער שטערן (1947); צווייען אין סטעפּ (1948); פרילינג אַפן אָדער (1949); דאָס האַרץ פון אַ פרײַנט (1953); דאָס הויז אַפן פּלאַץ (1956); אין שײַן פון טאָג (1961); דער בלויער העפט (1961).

ביבליאָגראַפיע: נעקראָלאָג, „סאָוועטיש היימלאַנד", נומ. 6, 1962; י. טשערניס, די ערשטע באַגעגעניש, „סאָוועטיש היימלאַנד", נומ. 4, 1975.

קאַהאַן, אײַזיק
(1958 — 1908)

— דיכטער, פּראָזאַיִקער, זשורנאַליסט. געבוירן אין שטעטל דוקאָר, מינסקער געגנט, אין אַ מישפּאָכע פון אַ לערער. פאַרענדיקט דעם מינסקער ייִדישן פּעדאַגאָגישן טעכניקום, געווען אַ לערער פון ליטעראַטור, דערנאָך אַ סך יאָרן געאַרבעט אין דער רעדאַקציע פון דער צײַטונג „קאָמוניסט" (באָברויסק). זיך אָנגעהויבן דרוקן אין די צוואַנציקער יאָרן, פאַרעפנטלעכט לידער, דערציילונגען און פאַרצייכענונגען אין די צײַטונגען „יונגער לענינעץ", „יונגער אַרבעטער", „אָקטיאַבער", שפּעטער — אינעם זשורנאַל „שטערן". נאָך דער מילכאָמע געווען אַ קאָרעספּאָנדענט פון דער צײַטונג „אייניקייט", אין וועלכער ער האָט אָפּגעדרוקט אַ ריי פאַרצייכענונגען.

ווערק: לידער, מינסק, מעלוכע־פאַרלאַג, 1932; אַפן גרינעם גראָז, לידער, מינסק, מעלוכע־פאַרלאַג, 1935; קליינע רויטאַרמייער, פאַר קינדער פון מיטלען און העכערן עלטער (איבערזעצונג פון רוסיש), מינסק, 1931.

קאַהאַן, ב.
(דאַטעס אומבאַוווּסט)

— געזעלשאַפטלעכער טוער, זשורנאַליסט. אין די דרײַסיקער יאָרן געווען איינער פון די רעדאַקטאָרן פון דעם כוידעש־זשורנאַל „באַהערשן די טעכניק פון דער סאָציאַליסטישער לאַנדווירטשאַפטלעכער פּראָדוקציע", אָרגאַן פון פאָלקאָמערד אוססר און אוקרקאָלווירטצענטער, כאַרקאָוו, 1932 — 1934. געדרוקט אַרטיקלען אין דער ייִדישער סאָוועטישער פּרעסע וועגן דער אַרבעט אין סאָציאַליסטישן דאָרף און אין די ייִדישע נאַציאָנאַלע ראַיאָנען. צוזאַמען מיט ה. אָרלאַנדן און כ. גילדינען צונויפגעשטעלט אַ זאַמלונג „שלאַכטן" (פופצן יאָר אָקטיאַבער אין דער קינסטלערישער ליטעראַטור), כאַרקאָוו—קיִעוו, אוקרמעלוכענאַצמינדפאַרלאַג, 1932.

ווערק: אין קאַמף פאַרן אָרגאַניזאַציאָנעל־ווירטשאַפטלעכן פאַרפעסטיקן די קאָלווירטן, כאַרקאָוו—קיִעוו, אוקרמעלוכענאַצמינדפאַרלאַג, 1932; 5 יאָר סטאַלינדאָרפער ראַיאָן, מאָסקווע, „עמעס", 1935.

ביבליאָגראַפיע: רח. שמרוק, פרסומים יהודיים בברית המועצות, זוכצעטל.

Задание 4. Спишите в свои тетради выше приведенные примеры, которые смогут помочь вам в понимании значений [зол] при чтении текстов.

אופגאבע 5*: שרײַבט ארויס די נײַע ווערטער, לייענט און זעצט איבער די צוואָעס פון שאָלעם־אַלייכעם און טאראס שעווטשענקאָ:

ווערטער צום טעקסט I: די צוואָע פון שאָלעם־אַלייכעם. 1) **או׳עקשטעלן;** 2) **איינפאַך;** 3) **באַ׳האַלטן;** 4) **באַפּ׳וצן;** 5) **באַש׳ײַנען;** 6) **דער גוויר, גווירים;** 7) **גראָד;** 8) **די מאַצ׳ייווע,־ס;** 9) **דער מעי׳וכעס, מעיוכ׳אָסים;** 10) **עמעסע** (ר); 11) **ערלעך;** 12) **די צוואָע,־עס;**

1) поставить; 2) простой; 3) прятать, хоронить; 4) украшать; 5) освещать, украшать; 6) богач; 7) как раз; именно; 8) надгробный памятник; 9) благородный: «знать» по происхождению, по положению; «благородие»); 10) настоящий, правдивый; 11) порядочный; 12) завещание.

טעקסט I: **„ווו איך זאָל ניט שטארבן, זאָל מען מיך באַה׳אַלטן ניט צווישן אַריסטאָקראַטן, מעיוכ׳אָסים אָדער גווירים, נאָר גראָד צווישן פּראָסטע ייִדן, ארבעטער, מיטן עמעסן פֿאָלק. אזוי אַז די מאַצ׳ייווע, וואָס מע וועט דערנ׳אָך אוועקשטעלן אַף מײַן קייווער, זאָל באַש׳ײַנען די איינפאכע קוואָרים ארום מיר, און די איינפאכע קוואָרים זאָלן באַפּ׳וצן מײַן מאַצ׳ייווע, אזוי ווי דאָס פּראָסטע, ערלעכע פֿאָלק האָט פאר מײַן לעבן באַש׳ײַנט זײַן פֿאָלקס־שרײַבער“ (שאָלעם־אַלייכעם).**

ווערטער צום טעקסט II: די צוואָע פון ט. ג. שעווטשענקאָ **(פראגמענט אין דער איבער־זעצונג פון ד. האָפשטיין)**

1) **דער בייך,־ער;** 2) **ברייטפּאָלעדיק;** 3) **זיך הערן;** 4) **זען זיך;** 5) **די לאָנקע,־ס;** 6) **מילד;** 7) **ראשן;** 8) **דער רוישער.**

1) кость; **здесь:** останки; 2) широкополый; 3) быть слышимым; 4) быть виден; 5) луг; 6) нежный, мягкий, тихий; 7) шуметь; 8) шумящий, ревущий.

טעקסט II. „אַז איך וועל שטארבן, איר באַה׳אַלטן
זאָלט די ביינער מײַנע
צווישן ברייטע, מילדע סטעפּעס
אַף מײַן היים אוקראַינע.
די ברייטפּאָלעדיקע לאָנקעס,
בערג און דניעפּער דער גרויסער
זאָלן זען זיך, עס זאָל **זיך הערן,**
ווי ער ראשט דער רוישער“

КЛЮЧИ К УРОКУ XVII

שליסלען צום לימעד XVII

К заданию 1. (дословно) 1) Если бы рот лежал в земле (-не кушал), то голова ходила бы (была бы одета) в золоте. 2) **Если бы** бог любил бедняка, то бедняк не был бы бедняком. 3) **Если бы** он захотел, он был бы богат как Койрах. 4) — Где (лежит) спрятано сокровище? — (ну и) умница!... **Если бы** я знал, то я давно уже рассказал бы тебе (об этом). 5) Мой брат Эле вне себя. **Если бы** он не стеснялся мамы, он сначала надавал бы жениху Копл оплеух, а затем выбросил бы его из дома (вон). 6) **Если бы,** к примеру, я имел такой ножик, каким бы счастливым я был! 7) Если бы я не боялся (моего) брата Эле и не стеснялся людей, я упал бы на землю и трижды перекувыркнулся бы головой вниз и ногами вверх.

К заданию 2. (дословно). 1) У него был (он имел) такой вид, **будто** он все время беспрерывно советуется с самим собой. 2) И вдруг все проснулось во мне (вспомнилось мне) так трепетно свежо, **как будто** это случилось только вчера. 3) С истинно девичьей скромностью, **словно** она все еще та (прежняя) Этеле, она опустила глаза. 4) И вот сидит он на скамье, две девочки играют рядом (при этом), и (даже) не смотрят (не замечают) на него, **будто** он пустое место. 5) Девочка (вдруг) уставилась на него своим взглядом. Это выглядело так, **будто** она своим взглядом натолкнулась на него (совершенно) неожиданно.

К заданию 3. (дословно): 1) *Мой* брат Эле смотрит за мной, **чтобы** я сидел как человек, **чтобы** я ел вилкой, чтобы не хватал и **чтобы** обращал внимание (следил) **на нос.** 2) Мама опасается, **чтобы** он меня не бил. Она шепчет ему по секрету («вшептывает в него секрет»), **чтобы** он не бил меня, потому что я сирота. 3) Вы уже (когда-нибудь) видели, чтобы кто-нибудь заработал деньги от того (что он) греется у печки? 4) Дома сказали мне, чтобы вы сняли мерку и сшили из материала костюм. 5) Хочу, чтобы всегда шел дождь, люблю движение капель (дождя). Хочу, чтобы всегда светило солнце, (и) пьянило меня своими лучами. 6) Мой учитель очень хотел, чтобы я стал писателем. 7) Хозяин специально вымостил двор камнем, чтобы телеги не утопали (в грязи). 8) Дети просят отца, чтобы он пустил их на телегу. 9) Степан Александрович тотчас сообщил мне о своем плане, чтобы я заведовал лабораторией (исследования) рельсов. 10) Меня это удивило, так как раньше шла речь о том, чтобы я был просто сотрудником. 11) Он говорил громко, чтобы все слышали. 12) Вчера я предложил ему, чтобы мы вдвоем подошли к Доре домой. 13) Не будь слишком сладок, чтобы я тебя не проглотил. 14) Не будь слишком горек, чтобы я тебя не выплюнул.

דאָצענט שימען סאנדלער

Краткий разговорник

3. Формы обращения.	*вэ́ндунг-фо́рмэс.*	3. ווענדונג־פאָרמעס.
Будьте добры!	зайт азо́й гут!	זײַט אַזוי גוט!
Извините!	зайт мо́йхл! (антшу́лдикт!)	זײַט מוחל! (אַנטשולדיקט!)
Пожалуйста!	битэ!	ביטע!
Дорогой товарищ!	та́йерэр ха́вэр!	טײַערער חבר!
Дорогой товарищ! (в обращении к женщине.)	та́йерэ ха́вэртэ!	טײַערע חבֿרטע!
Дорогие товарищи!	та́йерэ хаве́йрим!	טײַערע חבֿרים!
Уважаемый товарищ!	хо́шэвэр ха́вэр!	חשובֿער חבֿר!
Милый друг!	ли́бэр фрайнт!	ליבער פֿרײַנט!
4. Разговор.	*а гешпрэ́х.*	4. אַ געשפּרעך.
Н а т а н: здравствуйте, Борис Исаакович!	шолэм але́йхем, Борис Исаакович!	נ א ט א ן: שלום־עליכם, באָריס איסאַקאָוויטש!
Б о р и с И с а а к о в и ч: здравствуй, Натан!	але́йхэм, шо́лэм! Натан,	ב אָ ר י ס א י ס א ק אָ װ י ט ש: עליכם־שלום, נאַטאַן!
Мы давно не виделись. Как отец, мать?	мир hобн зих шойн ланг нит. гезэ́н. вос махт дэр та́тэ, ди ма́мэ?	מיר האָבן זיך שוין לאַנג ניט געזען. וואָס מאַכט דער טאַטע, די מאַמע?
Н.: Спасибо, все здоровы.	а данк, а́лэ за́йнэн гезунт.	נ.: אַ דאַנק, אַלע זײַנען געזונט.
Б. И.: Очень хорошо, что ты пришел ко мне. Садись, пожалуйста, вот здесь.	зэ́йер гут, вос ду бист гeку́мэн цу мир, зэц зих от до би́тэ.	ב. אי.: זייער גוט, וואָס דו ביסט געקומען צו מיר. זעץ זיך אָט דאָ, ביטע.
Н.: Спасибо, у меня к Вам просьба.	а данк, их hоб цу айх а бако́шэ.	נ.: אַ דאַנק, איך האָב צו אײַך אַ בקשה.
Б. И.: Что за просьба?	вос из ди бако́шэ?	ב.: וואָס איז די בקשה?
Н.: Я изучаю идиш.	их лэрн идиш.	נ.: איך לערן ייִדיש.
Б. И.: Это мее нравится. И ты хочешь, чтобы я тебе помог?	дос гефэ́лт мир. вилсту, аз их зол дир hэ́лфн?	ב. דאָס געפֿעלט מיר. ווילסטו, אַז איך זאָל דיר העלפֿן?
Н.: Если это возможно.	ойб с'из мэглэх.	נ.: אויב ס'איז מעגלעך.

א. גערצבערג

לאמיר זינגען נייע לידער

צו די פרויען פון דער וועלט

ווערטער פון יע. שעוועלעווא
יידישער טעקסט — כ. ביידער
מוזיק פון נ. קאָזלאָווסקאַיא





אַט אַזוי דער פֿרוי איז שוין באַשערט —
עמעצן באַגלייטן אַף דער ערד,
פֿילן פּונקט ווי מאַנצבלען פֿרייד און לייד
און צו אַלע אויספּרווון זײַן גרייט.

רעפֿרען:

פֿרויען! אונדז דער גורל האָט געשטעלט
אָפּהיטן דאָס לעבן אַף דער וועלט,
ס'זאָלן מאַטעריק מיט מאַטעריק
שטענדיק זיך באַגעגענען אין גליק.

מיר באַגלייטן קינדער אַפֿן פֿראָנט,
און בײַ אונדז דאָס שטרענגע לעבן מאָנט
אומעטום — אין טײַנעג און אין פּײַן —
סײַ אַ פֿרוי און סײַ אַ מוטער זײַן.

רעפֿרען.

ס'איז פֿון אונדזער איינהייט איצט געווענדט,
אָן מילכאָמעס לעבן זאָל די וועלט,
אַז נאָך מער עס זאָלן ווערן היינט
לענדער־שוועסטער, לענדער־גוטפֿרײַנט.
רעפֿרען.

a talanted young man, Gabriel Mulekandov had no opportunity to perform on the stage. He used to demonstate his art at Jewish weddings. After the revolution, he became a professional actor. He did a great deal to develop Bukhara-Jewish culture. After the foundation in 1921 of the Jewish Theatre of Music and Drama, he took charge of its ethnic concert group and worked as soloist, musician, director and choreographer. Many of the merited artists of Uzbekistan and Tadjikistan are Gabriel Mulokandov's pupils, including his children Rachel and Nisan.

We are continuing our traditional features "Answers to Readers' Questions", "Editorial Comments", "From the Magazines and Newspapers", "A New Song", "An Aid to those learning Yiddish", "Material for a Lexicon of Soviet Jewish Literature" and "Chronicle".

In connection with the campaign for newspapers and magazines for 1983, the editors have a special message for their readers:

"Dear friends, Lovers of Jewish literature in the Soviet Union and other countries have already celebrated the 20th Anniversary of 'Sovietish Heimland'. Today, no one who reads Yiddish can dispense with this unique periodical. The range of subjects covered has widened conisderably in the year since the anniversary.

Here is one example, Readers have asked 'Sovietish Heimland' to publish the Jewish literary classics, and the appropriate section was recently introduced. Considerable interest is also being shown in our new feature, Ethnography'. We have added a sub-section for young people studying Yiddish, 'How to say it in Yiddish'. The booklet, printed as a supplement to the magazine, will be more comprehensive and varied. The editors receive many letters of thanks for the regular features such as 'Our Space Section', 'Manuscripts Discovered', 'Answers to Readers' Questions' 'Sovietish Heimland's Mailbox', 'Merry Lines', 'Information for our Readers', 'New Jewish Songs', 'Material for a Lexicon of Soviet Jewish Literature' and 'Items of Interest', not to mention the main sections, in which we publish the best work by contemporary Jewish poets, prose writers and literary scholars.

Everyone interested in Jewish literature should know about 'Sovietish Heimland' and receive it in good it in good time. It is therefore essential for each reader to become a public distributor.

And so, dear readers and public distributors, please note that subscriptions to the magazine should be organised during the first weeks of the campaign. In the event of unforseen dificulties, please inform the editorial office at once.

Subscriptions for 'Sovietish Heimland' with its supplement are the same as for last year

6 months	—	80 kopeks
3 months	—	2 rubles 40 kopeks
1 month	—	4 rubles 80 kopeks
for ore year:	—	9 rubles 60 kopeks

We wish you success in your work and await your news about the progress made with subscriptions."

Supplement : I. A. Serebryany:"

Supplement to this issue: Israel Serebryany
"Predecessors and contemporaries"

RÉSUMÉ

"Sovietish Heimland" (The Soviet Homeland")
9, September, 1982

Contemplorary Jewish prose is represented in the September issue of "Sovietish Heimland" by stories from Dora Khaikina of Kiev, Mark Razumny of Riga and Shira Gorshman of Moscow, and also by the first chapters of a novel, "So it's laid down in this world", by Chaim Melamud of Chernovtsy. We are also reprinting three short stories by the author of Jewish literary classics, Sholem Aleichem.

Our poetry section contains verse by Chaim Beider of Moscow, Motl Gruvman of Novgorod, Velvl Vernik of Kiev, and also chapters of a hitherto unpublished long poem, "Heritage", by Peretz Markisch.

We are also publishing an unusual essay, "The Theatre of Chess", by Yevbeny Gik of Moscow. The author discusses the connection between art and chess with Soviet dramatist and script writer Leonid Zorin.

The morals and aesthetic foundations of multinational Soviet literature today are the subject of an article by Alexander Gavrilov of Moscow. Irme Druker of Odessa writes about "Die Zeit" (Time"), a new book by Aron Vergelis.

"Information" contains a work by Leningrad research scholar Leib Vilsker on Jewish translations of A. S. Pushkin's poetry.

"I feel that the readers of 'Sovietish Heimland' will now ask me if it isn't time to proceed from the general description of the Cosmonauts' Training Centre to something about the people who have worked there. . ." So begins Part 2 of the documentary article, "The Beginning", by Major-General E. A. Karpov, (Cand. Med.), one of those who was in on the birth of Soviet cosmonautics (Part 1 appeared in our issue No. 8).

In our feature "Continuing the Conversation", there is the comment: " 'Sovietish Heimland' has repeatedly drawn the attention of readers to the criminal alliance between the zionist reaction and the Ukrainian nationalist emigration, whose hands are stained with the blood of Jews. An item about this, "Vladimir Belyaev: Metropolitan Andrei Sheptitsky and Rabbi David Kagan", "Sovietish Heimland" No. 12, 1977 etc) brought a flood of letters to the editorial office. Readers are asking that such publications should be continued. The subject raised by V. Belyaev is developed further in the current issue by M. Toropavsky, a Yaroslav Balan prizewinner.

A review of readers' letters is dedicated to the forthcoming 60th Anniversary of the USSR. Each letter is a human destiny. Here is one from Abdusalam Saidinov of Samarkand. He tells about Gabriel Mulokandov, a singer and folk musician well-known in Uzbekistan and Tadjikistan, He was born and raised in a big Jewish family in Samarkand during the time of the Bukhara emirate. The position of the Jews in Bukhara was extremely difficult before the revolution. Although

свое искусство на еврейских свадьбах. После революции Габриэль Мулокандов стал профессиональным актером. Много было им сделано для развития бухарско-еврейской культуры. После создания в 1932 году Еврейского музыкально-драматического государственного театра в Самарканде Габриэль Мулокандов возглавляет его концертно-этнографическую группу, работает как солист, музыкант, режиссер и балетмейстер. Среди заслуженных деятелей искусства Таджикистана и Узбекистана немало воспитанников Габриэля Мулокандова, в том числе его дети Рашель и Нисан.

Продолжаются традиционные рубрики «Отвечаем на вопросы читателей», «Комментарии редакции», «Листая журналы и газеты», «Новая еврейская песня», «В помощь изучающим идиш», «Материалы для лексикона еврейской советской литературы», «Хроника».

В связи с начинающейся подписной кампанией на газеты и журналы на 1983 год редакция обращается к своим читателям:

«Дорогие друзья! Любители еврейской литературы в Советском Союзе и в других странах мира уже отметили 20-летний юбилей «Советиш геймланд». На сегодняшний день те, кто читает на идиш, не могут обойтись без этого уникального периодического издания. За год, прошедший после юбилея, еще богаче стала тематика журнала.

Вот пример. Читатели просили, чтобы «Советиш геймланд» публиковал лучшие произведения еврейских классиков, и недавно был введен соответствующий раздел. Большой интерес вызывают и материалы новой рубрики «Этнография». Для молодежи, изучающей идиш, введен подотдел «Как это сказать по-еврейски». Богаче и разнообразнее становятся книжные приложения к журналу. Редакция получает много писем, авторы которых благодарят за постоянные рубрики «Наш космический уголок», «Найденные рукописи», «Отвечаем на вопросы читателей», «Почта «Советиш геймланд», «Весёлые строки», «Мы информируем наших читателей», «Новые еврейские песни», «Материалы для лексикона еврейской советской литературы», «Это интересно», не говоря уже об основных разделах, в которых публикуется лучшее из того, что создают сегодня еврейские поэты, прозаики, литературоведы.

Наш долг — обеспечить, чтобы каждый, кто интересуется еврейской литературой, знал о журнале «Советиш геймланд» и своевременно получал его. Для этого необходимо, чтобы каждый читатель стал одновременно общественным распространителем.

Обращаем ваше внимание, дорогие читатели и общественные распространители, что подписку желательно проводить в первые недели кампании. В случае, если возникнут непредвиденные трудности, срочно сообщите об этом в редакцию.

Условия подписки на журнал «Советиш геймланд» с приложением те же, что и в прошлом году:

на 1 месяц — 80 коп.
на 3 месяца — 2 руб. 40 коп.
на 6 месяцев — 4 руб. 80 коп.
на год — 9 руб. 60 коп.

Желаем вам успехов в работе и ждем ваших сообщений о ходе подписки.»

Приложение к номеру: И. Серебряный «Предшественники и современники»

РЕЗЮМЕ

«Советиш геймланд» («Советская родина»)
№ 9, сентябрь, 1982

Современная еврейская проза представлена в сентябрьской книжке «Советиш геймланд» рассказами Доры Хайкиной (Киев), Марка Разумного (Рига), Ширы Горшман (Москва) и первыми главами романа Хаима Меламуда (Черновцы) «Так заведено в этом мире» «Советиш геймланд» перепечатывает также три рассказа классика еврейской литературы Шолом-Алейхема.

В поэтической рубрике публикуются подборки стихотворений Хаима Бейдера (Москва), Мотла Грувмана (Новгород), Велвла Верника (Киев), а также главы не издававшейся ранее поэмы Переца Маркиша «Наследие».

Необычен по форме очерк Евгения Гика (Москва) «Театр шахмат». Автор беседует с советским драматургом и сценаристом Леонидом Зориным о связи искусства и шахмат.

Тема статьи Александра Гаврилова (Москва) — моральные и эстетические основы многонациональной советской литературы наших дней. Ирмэ Друкер (Одесса) выступает со статьей о новой книге Арона Вергелиса «Ди цайт» («Время»).

В рубрике «Наши сообщения» помещена статья ленинградского исследователя Лейба Вильскера о еврейских переводах поэзии А. С. Пушкина.

«Чувствую, что уважаемые читатели «Советиш геймланд» зададут мне сейчас вопрос, не пора ли перейти от общей характеристики Центра подготовки космонавтов к рассказу о людях, которые работали там...» Так начинается вторая часть документального очерка «Начало» генерал-майора, кандидата медицинских наук Е. А. Карпова, одного из тех, кто стоял у истоков советской космонавтики (первая часть очерка напечатана в журнале № 8).

В рубрике «Продолжаем разговор» сказано: «Советиш геймланд» уже не раз обращал внимание читателей на преступный альянс между сионистской реакцией и украинской националистической эмиграцией, руки которых обагрены кровью евреев. Связанные с этим вопросом материалы (Владимир Беляев — «Митрополит Андрей Шептицкий и раввин Давид Каган», «Советиш геймланд» № 12, 1977 и др.), вызвали поток писем в редакцию. Читатели просят, чтобы такие публикации были продолжены. Тему, поднятую В. Беляевым, продолжает в этом номере лауреат премии им. Ярослава Галана М. Торовский.

Обзор писем читателей посвящен предстоящему шестидесятилетию СССР. Каждое письмо — человеческая судьба. Вот письмо Абдусалама Саиджанова из Самарканда. Он рассказывает об известном в Узбекистане и Таджикистане певце и исполнителе народной музыки Габриэле Мулокандове, который родился и вырос в большой еврейской семье в Самарканде времён Бухарского эмирата. До революции положение евреев в Бухаре было исключительно тяжелым. Талантливый юноша не имел возможности выступать на сцене. Он показывал

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД
(Советская родина)

Ежемесячный
литературно-художественный журнал

На еврейском языке

Орган Союза писателей СССР

Издается с 1961 г.

Издательство «Советский писатель»

Главный редактор **А. ВЕРГЕЛИС**

РЕДКОЛЛЕГИЯ:

Х. Бейдер (зам. главного редактора),
Т. Ген, С. Гордон,
Нотэ Лурье, Х. Меламуд,
Б. Миллер, Б. Могильнер,
Г. Полянкер, И. Шрайбман,
И. Шустер (ответственный секретарь)

Адрес редакции журнала:
101000, Москва, Центр, ул. Кирова, 17.

Телефоны:
главный редактор — 228-27-91
ответственный секретарь — 223-96-07

Художественная и техническая редакция
С. Черняк, Е. Каплан

Корректор Б. Гершман

Сдано в набор 30.06.1982. Подписано к печати 18.08.1982 г. Формат 70×108¹/₁₆. Бумага типографская № 1. Печ. л. 11+0,25 вкл. (Усл. печ. л. 15,75). Бум. л. 5,5+0,125. Цена 80 коп. Зак. 1395

Ордена Трудового Красного Знамени
московская типография № 7 «Искра революции»
«Союзполиграфпрома» Государственного
Комитета СССР по делам издательств,
полиграфии и книжной торговли.
Москва 121019, пер. Аксакова, 13.

© Журнал «Советиш геймланд», 1982 г.

Цена 80 коп.

70821

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД

СОВЕТСКАЯ РОДИНА

В НОМЕРЕ:

Новые рассказы Д. Хайкиной, М. Разумного, Ш. Горшман.

Х. Меламуд. Так в мире заведено (роман).

Стихи Х. Бейдера, М. Грувмана, В. Верника.

Из классического наследия. Шолом-Алейхем. Счастливейший из Кодни и другие монологи.

Наш космический уголок Е. А. Карпов. Начало (документальная повесть, часть вторая).

Литературная критика. Библиография. Вопросы искусства.

А. Гаврилов. Энергия доброты.

И. Друкер. Возвращение к истокам.

Наши сообщения. Л. Вильскер. Вклад в пушкиниану.

Е. Гик. Шахматный театр.

Комментарии редакции. Возвращаясь к напечатанному. Почта «Советиш геймланд». Уголок общественного распространителя. Листая журналы и газеты. Хроника Материалы для лексикона советской еврейской литературы. В помощь изучающим идиш. Новая песня.

Резюме на русском и английском языках.

1982

№ 9